LIT 5530 / Roskies

V

# יצחק באשעוויס
# מיין טאטנס בית-דין שטוב

## אַ פאָר ווערטער פאַראויס

„אין מיין טאַטנ׳ס בית דין שטוב“ איז אין אַ געוויסן זין אַ ליטעראַרישער עקספּערימענט. עס איז אַ פּרואוו צו פאַראייניקן זכרונות מיט בעלעטריסטיק. די סעריע האָט זיך געדרוקט אין „פאָרווערטס“ אונטער מיין זשורנאַליסטישן פּסעוודאָנים יצחק וואַרשאַווסקי. דער סטיל, דער צוגאַנג צו דער שילדערונג, דער גאַנצער אופן פון איבערגעבן סיטואַציעס איז אַנדערש ווי אין מיינע ריין־בעלעטריסטישע ווערק. עס פעהלט דאָ די כלומרשט׳ע אָביעקטיוויטעט, וואָס איז נויטיק נישט אַזוי ווייט פאַר דעם בעלעטריסטישן אינהאַלט ווי פאַר דער פאָרם.

¶ איך האָב באַשלאָסן צו אַדאַפּטירן „אין מיין טאַטנ׳ס בית דין שטוב“ און עס צושטעלן צו מיינע בעלעטריסטישע שאַפונגען דערפאַר ווייל די דאָזיקע סעריע גיט אַ בילד פון אַ לעבן און אַ סביבה וואָס איז איינמאַליק און דעריבער אייגנאַרטיק. די בית־דין־שטוב איז אַן אַלטע אינסטיטוציע ביי יידן. זי האָט זיך אָנגעהויבן בעת יתרו האָט געראָטן משה רבנו׳ן אויסצוקלייבן פון פאָלק טיכטיקע לייט, מענטשן פון אמת, וואָס האָבן פיינט געלט אָדער גזלה, און אַז זיי זאָלן משפט׳ן יידן. עס ציהט זיך אַ דירעקטע ליניע פון דער היינטיקער בית דין שטוב ביז צו די פוסקים, גאונים, נשיאים, אמוראים, תנאים, אנשי כנסת הגדולה און דער סנהדרין. די בית־דין־שטוב איז געווען אַ מין קאָמבינאַציע פון אַ געריכט, אַ געבעט־הויז, אַן אוניווערזיטעט און — אויב איר ווילט — אַ קאַבינעט פון אַ פסיכאָ־אַנאַליטיקער וואו מענטשן מיט שווערע געמיטער קאָנען פריי אַרויסריידן וואָס עס דריקט זיי. נישט בלויז האָט די בית־דין־שטוב באַוויזן אַז אַזאַ קאָמבינאַציע איז מעגלעך, נאָר זי האָט אויך באַוויזן אַז אַזאַ קאָמבינאַציע איז נ ו י ט י ק. איינזייטיקייט קאָן נישט ברענגען קיין גערעכטיקייט. שטייפע כללים פון פּראָצעדור באַ׳עוולה׳ן פאַראויס דעם שוואַכן. ס׳איז מיין טיפסטע איבערצייגונג אַז דאָס צוקונפטיקע געריכט וועט זיין אַ בית־דין־שטוב, בתנאי אַז די וועלט וועט גיין מאָראַליש פאַראויס, נישט צוריק.

¶ איך האָב נישט געפּרואווט פאַרשענערן די בית־דין־שטוב, אָדער אַריינלייגן אין איר פאַקטן און אידעען, וואָס זיינען דאָרט נישט געווען. אין יעדן דור איז די בית־דין־שטוב געווען אַנדערש און יעדער רב אָדער מורה הוראה האָט באַאַרבעט די דאָזיקע אוראַלטע אינסטיטוציע מיט זיין כאַראַקטער און פּערזענלעכקייט. אין דעם זין מיין איך אַז די בית־דין־שטוב איז איינמאַליק. ווייל בלויז דאָס איינמאַליקע און אינדיווידועלע קאָן זיין כאַראַקטעריסטיש און מיט זיך פאַרשטעלן קינסטלעריש אַ טיפּ.

די אידעע צו שרייבן די דאָזיקע סעריע איז ביי מיר אַן אַלטע, אָבער פאַרווירקלעכט איז זי געוואָרן אַ דאַנק אַ שמועס וואָס איך האָב געהאַט מיט ה ל ל ר אָ ג אָ ף, דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס“, בעת מיר זיינען גראָד געפאָרן צוזאַמען אין דער סאָבוויי. די אידעע אַרויסצוגעבן די דאָזיקע זאַמלונג אין בוך־פאָרם קומט פון י ש ר א ל ל אַ נ ד אָ ן, דער פאַרלעגער פון דעם דאָזיקן בוך. דער פּלאַן צו באַנייען זיין פאַרלאַג „דער קוואַל“ איז אויך אַ רעזולטאַט דערפון.

¶ י ש ר א ל ל אַ נ ד אָ ן פּלאַנט אַז דאָס דאָזיקע בוך זאָל ווערן אַן אָנהויב פון אַ גרויסער און פאַרצווייגטער פאַרלעגערישער טעטיקייט.

ISAAC BASHEVIS SINGER

# IN MY FATHER'S COURT

THIS BOOK IS DEDICATED TO THE SACRED MEMORY OF CECIL HEMLEY, WHO HELPED ME WHOLEHEARTEDLY AS A FRIEND, A PUBLISHER, AN EDITOR, A TRANSLATOR. HIS WIFE ELAINE GOTTLIEB TRANSLATED A PART OF THIS WORK, AND IT WAS ALL DONE WITH CECIL'S ADVICE. HIS LOVE FOR LITERATURE WAS AS GREAT AS HIS TASTE.

## AUTHOR'S NOTE

*In My Father's Court*, or *Beth Din*, as this book is called in the Yiddish original, is in a certain sense a literary experiment. It is an attempt to combine two styles—that of memoirs and that of belles-lettres—and its approach to description and its manner of conveying situations differ from those used in my other writings. The pieces here were first published as a series under my journalistic pseudonym, Isaac Warshawsky, in the *Jewish Daily Forward*. The idea had been with me a long time: when still very young, I had actually thought of writing my recollections of the Beth Din. It was only after the newspaper publication of the series that I decided to release them in book form under my own name, because they portrayed a life and environment that no longer exist and are unique.

This book tells the story of a family and of a rabbinical cour that were so close together it was hard to tell where one ende and the other began. The rabbinical court, the Beth Din, an ancient institution among the Jews. It started when Jethr counseled Moses to "provide out of all the people able me such as fear God, men of truth, hating covetousness . . . an let them judge the people at all seasons." There is a direct lir between the Beth Din of today and the Talmudic annotator Geonim, Princes, Amoraim, Tannaim, Men of the Grea Synagogue, and Sanhedrin. The Beth Din was a kind of bler of a court of law, synagogue, house of study, and, if yo will, psychoanalyst's office where people of troubled spi could come to unburden themselves. That such a mixture w not only feasible but necessary was proved by the continued existence of the Beth Din over many generations.

It is my firmest conviction that the court of the future will be based on the Beth Din, provided the world goes morally forward instead of backward. Though the Beth Din is rapidly disappearing, I believe it will be reinstated and evolve into a universal institution. The concept behind it is that there can be no justice without godliness, and that the best judgment is one accepted by all the litigants with good will and trust in divine power. The opposite of the Beth Din are all institutions that employ force, whether of the right or the left.

אזוינע, וואס א מאנסביל הערט זעלטן פון ווייבערשע לעפצן און וואס מ'לייענט וועגן זיי אמאל אויף עברי־טייטש אין דיקע שאלות ותשובות. ארויסגעקומען זענען מאן און ווייב אויפגעהייטערטע. דער אלטער האט געווישט דעם שווייס מיט הער פאטשיילע. ובײ דער אלטער האבן די אויגן געשיינט ווי מוצאי־יום־כפור נאכדעם ווי מ'בעט זיך אויס א גוט יאר...

אין די פאר וואכן וואס ס'האט געדויערט פון יענעם טאג ביז דער חתונה, האט די קראכמאלנע געשטוינט, געגאפט. דער עולם האט זיך פונאנדערגעטיילט אין צוויי צדדים. מ'האט גערעדט דערפון אומעטום: אין שפייז־קראם און אין יאטקע, ביי די באליעס פיש אין יאנאש'ס הויף און אין די אויבסט־געוועלבן הינטער די האלעס; אין די שוהלן וואו פראסטע לייט קומען אפדאווענען און אנטאן דאס געשפאן (טלית ותפילין) און אין חסידים־שטיבלעך וואו מ'דערציילט מופתים פון דעם אייגענעם רבי'ן און מ'רעדט־אויס אויף פרעמדע גוטע יידן. אממיינסטן האבן זיך געהיצט די ווייבער. די יידענע האט עפעס ווי פארלוירן יעדע בושה. זי איז ארומגעגאנגען און געלויבט אין הימל אריין איר מאנ'ס כלה, געקויפט פאר דעם נייעם פארפאלק מתנות, זיך געפארעט ווי א מחותנת'טע. די ווייבער האבן זי געזידלט, אבער געהאט אויף איר רחמנות. באהיט זאל מען ווערן ווי א קאפ קאן ווערן פארדרייט! אלע האבן גע'טענה'ט דאס אייגענע: די יידענע איז משוגע, און דער מאן, דער אלטער בעל־עבירה'ניק, וויל פון איר פטור ווערן. אלע האבן זיך געוויצלט, אלע האבן זיך געבייזערט, אלע האבן זיך געגריבלט. אלע האבן געפרעגט די אייגענע קשיא: ווי איז דאס מעגלעך? און דער ענטפער איז געווען: דו זעסט דאך!...

וואוילע יונגען וואלטן אפשר די אלטע לייט און די מויד צעשלאגן, אבער גראד זענען זיי אלע געווען שטילע מענשן. דער אלטער איז געווען א גוטמוטיקער ייד מיט א ווייסער באָרד און מיט מילדע אויגן פון א זקן. ער איז געקומען אין שוהל אריין דאווענען. ער האט מיט א ציטערדיקער האנט געוויקלט די רצועות אויפ'ן ארעם. קינדער האבן אויס אים אפגעשפעט, אבער ער האט זיך אויף זיי נישט אנגעבייזערט. ער האט צוגעלייגט די ציצית צו די ברעמען, אנגעריבן. ער האט געקושט דא דעם של־ראש און דא דעם של־יד. א ייד בלייבט א ייד אפילו אז ס'געשעט מיט אים א געהאלישער טראף. דער אמת איז געווען, אז נישט ער האט אנגערעדט זיין ווייב, נאר פארקערט, זי האט זיך פארלייגט אויף אים. ער האט עס דערציילט דעם טאטן בסוד. זי האט אים פשוט איבערגערעדט. די מויד איז געווען אן ארעמע יתומה. די יידענע איז ארומגעגאנגען עפעס אזא אויפגערוימטע, א האפערדיקע, א צעשמייכלטע. פון די אויגן אירע האט ארויסגעקוקט אן אומהיימלעכע שמחה. אין דער זעלבער צייט וואס מאן און ווייב האבן זיך געגרייט צום גט און צו דער חתונה, האבן זיי אויך געקויפט צוזאמען קרקע אויפ'ן בית־עולם, און מ'האט דארט, אויפ'ן גוטן ארט, געטרונקען לעקער און בראנפן מיט חברה־לייט. אלץ האט זיך אויסגעמישט צוזאמען: לעבן, טויט, תאוה, איבערגעגעבנקייט און ליבשאפט אן א שיעור. די אלטע האט פאראויסגעזאגט, אז ווען ז י י ן ווייב וועט האבן א קינד, וועט זי, דאס פריערדיקע ווייב, זיך דערמיט אפגעבן, ווייל דאס נייע ווייבל וועט מוזן צוהעלפן אין דער פרנסה. ווייבער האבן געהערט און אויסגעשפיגן: באהיט זאל מען ווערן! באשירעמט זאל מען ווערן! וואס ס'האט זיך גע'חלום'ט די נאכט און יענע נאכט, זאל אויסגיין צו זייערע קעפ און צו זייער לייב־און־לעבן!... אנדערע האבן אפן געזאגט, אז ס'האט זיך אריינגעלייגט א נישט־גוטס, א שטיק סיטרא־אחרא. נאך עפעס: ווי וואויל אלע זענען געווען פייער־און־פלאם קעגן דעם שידוך, האבן אלע שטילערהייט געגארט, ס'זאל וואס־גיכער קומען צו א צוועק. די גאס איז געווארן אנגעשטעקט. דאס לעבן האט דא צוגעגרייט א שפיל, וואס וועגן דעם לייענט מען אפילו נישט אין די בלעטער און מען זעט נישט אין טעאטער.

דער גט איז צו שטאנד געקומען טאקע ביי אונז אין שטוב. צוויי אלטע מענשן וואס האבן זיך ליב געהאט אהבת נפש, האבן זיך גע'גט. דער סופר האט געשריבן מיט דער גענדזענער פען און געווישט די טינט אין קאפל. ער האט יעדעס מאל געטאן א ברום. די גרינע אויגן זיינע האבן געשאטן מיט פונקען. ווער ווייסט? אפשר האט ער געטראכט וועגן זיין אייגענער חלפתא?... די עדות האבן געזיפצט. דער אלטער מאן איז געזעסן עפעס אזא צעטויפנעטוליעטער, די אויגן פארשטעלט מיט די ווייסע ברעמען־בארשטן. די ווייסע באָרד איז געלעגן גריילעך א צוגעפלאטשטע. ס'איז געווען קלאר אז ער, דער אייגנטימער, איז אזוי פארוואונדערט ווי אלע אנדערע. דער דאזיקער פלאן איז נישט געבוירן געווארן אין ז י י ן קאפ. פון מאל צו מאל האט ער גענומען א שמעק טאבאק צו דערקוויקן דאס דערשלאגענע געמיט. פון מאל צו מאל האט ער געטאן א קוק אויף זיין ווייב, וואס איז געזעסן אויף דער באנק. צו א גט טוט מען געוויינלעך אן אפגעבוימלטע מלבושים, אבער די אלטע האט זיך אויסגעפוצט אין א יום־טוב'דיקער קאפקע און אין א טערקישער שאל. זי האט אים אפגעענטפערט מיט א שטראליקן בליק. די אויגן אירע האבן ממש געשאטן מיט אלט פייער. מזל־טוב!... כ'טו עס אלץ פאר דיר, פאר דיר! כ'בין זיך פאר דיר מקריב, מקריב... באוויליק דעם קרבן, האר מיינער און געביטער!... ווען כ'קאן, וואלט איך פאר דיר געשטרעקט דעם האלז אויך... די מאמע איז ארומגעגאנגען אין קיך א צערודערטע. דאס שייטל איז איר געווארן צעקאדעלט. א בייז פלעמל האט געברענט אין איר בליק. איך ובין אריין אין קיך און געוואלט עפעס עסן, נאר די מאמע האט אויף מיר אנגעשריגן.

— ניי, טראג דיך! כאפ נישט פון די טעפ!...

sensed that she was convincing my father. She whispered intimate secrets to him, such as a man seldom hears from the lips of a woman, such as are only rarely discussed in the heavy tomes of the Responsa. When husband and wife left the study, they looked happy. The old man wiped the sweat off his face with his kerchief. The woman's eyes glowed as on the night after Yom Kippur, when one feels assured that the prayers for a happy year have been answered. . . .

During the weeks that passed between that day and the wedding, Krochmalna Street gaped and wondered. The community was divided into two parties. The affair was discussed everywhere: in the grocery and at the butcher's, at the fish tubs in Yanash's bazaar and in the fruit shops behind the markets; in the synagogues of the unlearned and in the Hasidic study houses where disciples gathered to tell of the miracles wrought by *their* Wonder Rabbi and to disparage the claims of all rivals.

Most excited, however, were the women. The old wife herself seemed to have lost all shame. She went around praising her husband's bride to the skies, brought presents for the "couple," busied herself with the wedding preparations as though she were the girl's mother. The other women scorned or pitied her. "Heaven help us—it just goes to show how an old woman can lose her mind!" All clung to the same idea: the old woman was crazy, and the husband, the old sinner, wanted to get rid of her. All mocked her, all were outraged, all were puzzled. All asked the same question: "How can such things be?" And the only answer was: "Well, you see . . ."

Had there been any young hooligans in the neighborhood, they might have molested the old couple or the bride, but our neighbors were quiet people. The husband himself was a good-natured man with a white beard and the mild eyes of the very old. He continued to come to the synagogue regularly. He wound the leather straps of his phylacteries around his arm with a trembling hand. The youngsters made fun of him, but he never showed anger. He touched the ritual fringes of his prayer shawl to his eyes. He kissed the phylactery that is worn on the forehead, and then that which is placed on the arm. A Jew remains a Jew, even when extraordinary events befall him. The truth was that it was not he who had talked his wife into this. On the contrary, it had all been her idea, he confided to my father. She had simply overwhelmed him. The girl was a poor orphan. The old woman herself went about happy, hopeful, smiling. Her eyes shone with a weird joy.

At the same time that husband and wife were preparing for the divorce and the subsequent wedding, they also purchased a cemetery plot. They invited friends there, to the place of eternal rest, and served cake and brandy. All was mixed up together: life, death, lust, boundless loyalty, and love. The old woman announced that when *his* wife would give birth she, the ex-wife, would care for the child because the young woman would have to help earn a living. Women who heard such talk spat out: "God help us! Heaven preserve us! May all evil dreams come upon them!" Others openly declared that these were the doings of the devil, of Satan himself. And yet there was something else. Although all were wholeheartedly against the marriage, they were eager for it to take place as quickly as possible. The entire street had been infected by a fever. Here life was presenting a drama more exciting than those one read about in the papers or saw in a theater.

The divorce took place in our home. Two old people who had loved each other with a great love were now divorced. The scribe wrote out the document with his goose quill and wiped the ink on his skullcap. Every once in a while he would mumble something. His green eyes threw out sparks. Who knows? Perhaps he was thinking of his own "better half"? . . . The witnesses signed. The old man sat there, bewildered, his eyes veiled by his brushlike white brows. His beard lay flat against his chest. It was clear that he, the chief protagonist, was as perplexed as everyone else. This idea had not been born in *his* head. From time to time he took a snuff of tobacco to relieve his dejection. Occasionally he would glance at his wife, who sat on the bench. Usually the participants in a divorce wear modest, even shabby, clothes, but the old woman had adorned herself with her holiday bonnet and a Turkish shawl. She replied to his

— כ'וואלט געוואלט הערן נאכאמאל! — האט זי האַלב־גע־בעטן, האַלב־געהייסן.

די יידענע האט צום דריטן מאָל געטאן א ווארף די גענז און דאס געשריי האט זיך דערהערט צום דריטן מאָל. ס'איז מיר איינגעפאלן אז אזא קול מוז האבן אן עגלה ערופה...

— נו־נו־נו, מ'לייקנט. ס'שטייט אז די רשעים טוען ניש' קא' תשובה אפילו ביים טויער פון גיהנום! — האט דער טאטע גענומען רעדן. — זיי זעען שוין מיט די אויגן, אבער זיי לייקענען אין בורא עולם... מ'שלעפט זיי אריין אין שאול תחתית און זיי זאגן אז ס'איז א דרך־הטבע, א טראַף...

און ער האט געטאן א קוק אויף דער מאמע'ן ווי צו זאגן: דו ביזט נעראטן אין זיי...

א לאנגע ווייל איז געווען שטיל. דערנאך האט די יידענע געפרעגט:

— נו, רביצין, כ'האב מיר אויסגעטראכט?

מיט אמאָל האט די מאמע געטאן א לאך, און געווען איז דאס א לאך וואס האט אַלעמען אויפגעטרייסלט. איך האב געוואוסט מיט א זעקסטן חוש, אז די מאמע גרייט זיך קאַליע צו מאכן די מעכטיקע דראמע וואס שפילט זיך דא אַפ פאר אונזערע אויגן.

— די גערגעלעך האט איר ארויסגענומען? — האט מיין מוטער געפרעגט.

— די גערגעלעך? ניין.

— נעמט ארויס די גערגעלעך — האט די מאמע געזאגט — און זיי וועלן אויפהערן שרייען.

דער טאטע איז געווארן פייער און פלאם.

— וואס עפּעס ארויסנעמען? וואס האט דאס א שייכות מיט די גערגעלעך?

די מאמע האט א כאַפּ געטאן א גאנז, אריין מיט די דינע פינגער אין אינגעווייד און מיט דעם גאנצן כוח ארויסגעשלעפּט דאס רערל וואס פירט פון האלז אראפּ צו די לונגלעך. אויף לשון קודש הייסט דאס דאזיקע רערל די קנה. דורך דארט אטעמט דאס באשעפעניש און פון דארט קומט אויך די שטים. ובאלד האט זי א כאַפּ געטאן די צווייטע גאנז און אויך ביי איר ווי ארויסגעריסן מיט גוואלד דעם גארגל. איך בין געשטאנען א דערציטערטער, דער'שטוינט פון מיין מוטער'ס קוראזש. די הענט זענען איר געווארן פארבלוטיקט. פון איר פנים האט אראפּגע־קוקט דער גרימצארן פון א ראציאנאליסט, וואס מען וויל אין מיטן העלן טאג אים אפשרעקן מיט אבראקאדאברא און האקוס פאקוס. דעם טאטנ'ס פנים איז געווארן ווייס, מילד, אומעטיק. ער האט געוואוסט וואס דא געשעט: דער שכל, דער קאלטער שכל, מאכט צו־נישט די אמונה, לאכט זי אויס, מאכט זי צו־שאנד און־צו־שפּאט.

— איצט, זייט מוחל, ווארפט איין גאנז אויף דער אנדערער! — האט די מאמע באפוילן.

אַלץ האט געהאנגען אויף משקולת: אויב די גענז וועלן ווידער שרייען, האט מיין מוטער געהאט אַלץ פארשפּילט: איר גאנצע מתנגד'ישע תקיפות, איר גאנצן סקעפּטיציזם, וואס זי האט גע'ירשנ'ט פון איר פאטער דעם למדן, דעם מתנגד. כאטש איך בין געווען דערשראקן, האב איך געבעטן גאט אז די גענז זאלן יא שרייען... זיי זאלן ארויסלאזן אזא געשריי, אז מ'זאל הערן אין גאס און מ'זאל זיך צוזאמענלויפן...

אבער ווי! די גענז האבן געשוויגן, אזוי געשוויגן ווי עס קאנען נאר שווייגן צוויי טויטע גענז אן גארגלען.

— ברענג מיר אריין א האנטוך! — האט די מאמע געטאן צו מיר א זאג.

איך בין געלאָפן ברענגען דאס האנטוך. טרערן זענען מיר געשטאנען אין די אויגן. די מאמע האט אפּגעווישט די הענט אין האנטוך ווי א גרויסער כירורג נאך א שווערער אפּעראציע.

— דאס איז עס געווען! — האט זי געזאגט מיט נצחון.

— רבי, וואס זאגט איר? — האט די יידענע געפרעגט.

דער טאטע האט גענומען אונטערהוסטן, אונטערברומען. ער האט זיך גענומען פעכען מיט'ן קאפּל.

— כ'האב נאך קיינמאל נישט געהערט אזא זאך! — האט ער געזאגט.

— איך אויך נישט — האט די יידענע נאכגעזאגט.

— איך אויך נישט — האט די מאמע זיך אנגערופן. — אבער ס'איז אַלע מאָל דא א סיבה... טויטע גענז שרייען נישט!

— מעג איך אהיימגיין זיי כשר מאכן? — האט די יידענע געפרעגט.

— גייט אהיים און קאכט זיי אַפּ אהער בראט זיי אַפּ אויף שבת — האט די מאמע גע'פסק'נט די שאלה. — האט נישט קיין מורא, אין טאָפּ וועלן זיי נישט שרייען.

— וואס זאגט איר, רבי?

— נו, ס'איז כשר — האט דער טאטע געטאן א מורמל. ער איז ווייט נישט געווען זיכער. אבער טריף מאכן די גענז האט ער אויך נישט געקאנט.

ווייל דער דין איז אויך א מתנגד...

די מאמע איז צוריק אריין אין קיך. איך בין געבליבן מיט'ן טאטן. ער האט מיט אמאָל גענומען רעדן צו מיר ווי צו א דערוואקסענעם.

— זי געראט אריין אין דיין זיידן, דעם בילגארייער רב. ער איז טאקע א גאון, אבער א קאלטער מתנגד... מ'האט מיך געווארנט איידער כ'בין געווארן א חתן...

און דער טאטע האט געטאן א מאך מיט דער האנט ווי צו זאגן: איצט קאן מען דעם שידוך שוין נישט צוריקכאַפּן...

Mother's face was growing sullen, smaller, sharper. In her eyes could be seen indignation and also something like shame.

"I want to hear it again."

Her words were half pleading, half commanding.

The woman hurled the geese against each other for the third time, and for the third time the shrieks were heard. It occurred to me that such must have been the voice of the sacrificial heifer.

"Woe, woe, and still they blaspheme. . . . It is written that the wicked do not repent even at the very gates of hell." Father had again begun to speak. "They behold the truth with their own eyes, and they continue to deny their Maker. They are dragged into the bottomless pit and they maintain that all is nature, or accident. . . ."

He looked at Mother as if to say: You take after *them.*

For a long time there was silence. Then the woman asked, "Well, did I just imagine it?"

Suddenly my mother laughed. There was something in her laughter that made us all tremble. I knew, by some sixth sense, that Mother was preparing to end the mighty drama that had been enacted before our eyes.

"Did you remove the windpipes?" my mother asked.

"The windpipes? No. . . ."

"Take them out," said my mother, "and the geese will stop shrieking."

My father became angry. "What are you babbling? What has this got to do with windpipes?"

Mother took hold of one of the geese, pushed her slender finger inside the body, and with all her might pulled out the thin tube that led from the neck to the lungs. Then she took the other goose and removed its windpipe also. I stood trembling, aghast at my mother's courage. Her hands had become bloodied. On her face could be seen the wrath of the rationalist whom someone has tried to frighten in broad daylight.

Father's face turned white, calm, a little disappointed. He knew what had happened here: logic, cold logic, was again tearing down faith, mocking it, holding it up to ridicule and scorn.

"Now, if you please, take one goose and hurl it against the other!" commanded my mother.

Everything hung in the balance. If the geese shrieked, Mother would have lost all: her rationalist's daring, her skepticism which she had inherited from her intellectual father. And I? Although I was afraid, I prayed inwardly that the geese *would* shriek, shriek so loud that people in the street would hear and come running.

But alas, the geese were silent, silent as only two dead geese without windpipes can be.

"Bring me a towel!" Mother turned to me.

I ran to get the towel. There were tears in my eyes. Mother wiped her hands on the towel like a surgeon after a difficult operation.

"That's all it was!" she announced victoriously.

"Rabbi, what do you say?" asked the woman.

Father began to cough, to mumble. He fanned himself with his skullcap.

"I have never before heard of such a thing," he said at last.

"Nor have I," echoed the woman.

"Nor have I," said my mother. "But there is always an explanation. Dead geese don't shriek."

"Can I go home now and cook them?" asked the woman.

"Go home and cook them for the Sabbath." Mother pronounced the decision. "Don't be afraid. They won't make a sound in your pot."

"What do you say, Rabbi?"

"Hmm . . . they are kosher," murmured Father. "They can be eaten." He was not really convinced, but he could not now pronounce the geese unclean.

Mother went back to the kitchen. I remained with my father. Suddenly he began to speak to me as though I were an adult. "Your mother takes after your grandfather, the Rabbi of Bilgoray. He is a great scholar, but a cold-blooded rationalist. People warned me before our betrothal. . . ."

And then Father threw up his hands, as if to say: It is too late now to call off the wedding.

3

# פאַרוואָס האָבן זיי אָפגעלאָזט דעם שידוך

איך בין אָפט געווען דער שמש. געגאַנגען רופן אידן צו א דין־תורה. איינע אזא דין־תורה האט זיך מיר באַזונדער איינגעקריצט אין זיכרון. א היינט־וועלטישער יונגערמאַן איז געקומען און פאַרלאַנגט מען זאל רופן צום דין זיין כלה, וואס האט געוואוינט אויף קראָכמאַלנע נומער 13. דער טאַטע האט מיר גלייך געהייסן גיין. פון נומער 10 ביז 13 האט מען בלויז געדאַרפט אריבערגיין די גאַס, אבער דער טויער פון נומער 13 האט זיך שוין געפונען אויף דעם באַרימטן קראָכמאַלנע „פּלעצל", וואו ס'זענען געשטאַנען די גנבים, די וואוילע־יונגען. פּאַסערס, אויפקויפער פון גנבה'שע סחורות, האבן דאָ געפירט זייערע מסחרים. אין די הויפן, וואס זענען ארויס קעגן פּלעצל, האבן זיך געפונען עטלעכע הייזלעך. אפילו דער האַנדל דאָ איז געווען אַן אונטערוועלטישער. אויב מען האט געוואָלט קויפן א „טשאַסטע", א סאָרט קיכל איבערגעצויגן מיט שאָקאָלאַד, האט מען געצויגן נומערן פון א טאָרבעלע, אדער מ'האט געדרייט א הילצערנעם „האָן". אבער אין די אייגענע הויפן האבן געוואוינט אָרנטלעכע יידן, כשר'ע יידענעס, צנועות'דיקע מיידלעך. עס זענען דאָרט אפילו געווען חסידים־שטיבלעך.

ס'איז געווען זומער. דער פּלאַץ איז געווען פול. מיין מוטער פלעגט אים רופן אין שפּאַס: „דאָס פּלעצל מיט מאַן". אין הויף נומער 13 האבן זיך געשפּילט צענדליקער קינדער. ייִנגלעך האבן זיך געשפּילט אין מלחמות, גנבים, באַנדיטן. מיידלעך האבן געהיפּערט איבער „קלאַסן" (אָנגעצייכנט מיט קרייד), געשפּילט אין באַלעם, אין דיאַבאָל, אין ניס, און וואס ניט. איך האב געהאַט גענוג נסיונות פאַרפאַלן צו ווערן אויפ'ן וועג, זיך אריינצולאָזן אין עפּעס א שפּיל. אבער א שמש איז א שמש. איך בין ארויף מיט די טרעפּ. אויפ'ן ערשטן שטאָק האט נאָך אויסגעזען צום דערליידן. וואס העכער, אַלץ אָפּגעשיילטער זענען געווארן די ווענט, אַלץ מער האט זיך געוואַקלט דער אַנלען, אַלץ פאַרמיסטיקטער זענען געווען די שטיגן. טירן זענען געשטאַנען אָפן. פון קיכן האט ארויסגעשפּאַרט א פּאַרע, א קלאַפּן פון האַמערס, א גערויש פון נייַ־מאַשינען, געזאַנגען פון נייטאָרינס, געזעלן, אדער גאָר פון גראַמאָפאָנען. מיין בעל־דבר האט געוואוינט אויפ'ן העכסטן שטאָק, נעבן בוידעם, אין א פּאַציאַטע. איך האב געעפנט די טיר און דערזען א ייד מיט א ברייטער, פינסטערער באָרד, און א מיידל וואס איז געווען אָנגעטאָן פאַר־העלטניסמעסיק לייטיש, היינטיק־מאָדיש. דער ייד איז געזעסן ביים טיש און געגעסן דאָס מיטאָג. דאָס מיידל האט אים צוגעטראָגן פון דער קיך יויך אדער באָרשט. דער ייד האט אויף מיר א קוק געטאָן מיט רוגזה.

— וואס ווילסטו?

— מ'רופט אייך צום מורה הוראה אויף א דין־תורה.

— ווער רופט?

— איהנ'ס טאָכטער'ס חתן.

דער ייד האט געטאָן א בייזן ברום. דאָס מיידל האט אויף מיר א קוק געטאָן קרום.

— נו, וואס? — האט זי געפרעגט דעם פאָטער.

— אַז מ'רופט, מוז מען גיין! — האט געענטפערט דער בייזער ייד.

ער האט אינדערגיך אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט. דאָס מיידל האט אָנגעטאָן א מענטעלע און גלייך־געמאַכט די האָר קעגן שפּיגל. דערנאָך האבן מיר אַלע דריי זיך געלאָזט גיין. געוויינלעך האט מען אין אַזא פאַל זיך מיט מיר אויסגע'טענה'ט. אבער פאָטער און טאָכטער האבן געשוויגן מיט אַן אָנגעלאָדן שווייגעניש. אַזוי האב איך זיי געבראַכט אַהיים. מיין פאָטער האט דעם ייד געהייסן זיך זעצן, און דאָס מיידל איז געבליבן שטיין. פאַר ווייבער זענען אין מיין טאַטנ'ס שטוב נישט געווען קיין שטולן.

— ווער מאָנט וועמען? — האט דער טאַטע געפרעגט ווי אַלעמאָל.

— איך מאָן — האט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— וואס ווילסטו?

— כ'וויל אָפּלאָזן דעם שידוך.

— פאַרוואָס?

— ווייל כ'האָב זי נישט ליב — האט דער יונגערמאַן געזאָגט.

מיין פאָטער איז געווארן צעטומלט. איך בין געווארן רויט. אַזוי ווי דער ייד איז געווען שוואַרץ, בייז, בערדיק, שווער, אַזוי איז דאָס טעכטערל זיינס געווען העל, גלאַט, לייכט. ס'האט געשמעקט פון איר מיט שאָקאָלאַד און שמעקעדיק וואַסער. די שיכלעך אירע האבן געהאַט דינע

# A BROKEN ENGAGEMENT

I OFTEN SERVED as my father's messenger and would frequently be sent to summon the parties to a Din Torah, or rabbinic trial. One such errand has remained particularly vivid in my mind. A young man dressed in Western fashion came to see my father and demanded that his fiancée, who lived at No. 13 Krochmalna Street, be called to a trial. Father immediately told me to go for her and her father.

In order to get there from our house, No. 10, one had only to cross the street. However, No. 13 bordered on the ill-famed Krochmalna Square, where pickpockets and hoodlums loitered and dealers in stolen goods carried on their trade. The houses facing the Square also harbored a number of brothels. Even regular commerce was carried on in an underhand manner: if one wanted to buy a *tchaste*—a kind of chocolate-covered cracker—one pulled numbers from a hat or spun a wooden wheel. Yet in these same houses dwelt decent men, pious women, chaste girls. There were even a few Hasidic study houses.

It was summer. The Square was crowded. In the courtyard of No. 13, children were at play. Boys played at being soldiers, or cops-and-robbers; girls jumped hopscotch, played jacks. Top-spinning contests, with nuts as prizes, were going on. I found many temptations to linger and enter into one of the games. But a messenger is a messenger . . . I ran up the stairs. On the first floor the building still looked quite presentable. As I climbed higher, however, the paint on the walls was more cracked, the railing shakier, the stairs dirtier. Doors stood wide open. From the kitchens issued steam, the sounds of hammers, the hum of sewing machines, the songs of seamstresses and apprentices—even of gramophones. The people to whom I was sent lived in a garret. I opened the door and saw a man with a full, dark beard, and a girl who was quite decently dressed, in modern style. The man was sitting at the table, eating his dinner. The girl was serving him a broth, or perhaps a bowl of borscht. He looked up at me angrily.

"What do you want?"

"You are called to come to the Rabbi for a Din Torah."

"Who called me?"

"Your daughter's betrothed."

The man muttered something. The girl, too, looked angrily at me.

"Well, what do we do now?" she asked her father.

"When one is called, one goes!" he answered sullenly.

He finished eating and hurriedly said the grace. The girl put on a coat and straightened her hair before a mirror. Then all three of us started out. Usually under such circumstances those who had been summoned would begin to argue with me. But this time father and daughter maintained silence—an ominous silence. Thus I brought them to the house. Father asked the man to be seated. The girl remained standing: there were no seats for women in my father's study.

Father now began the customary ritual of questions.

"Who is the plaintiff?"

"I am the plaintiff," answered the young man.

"And what is it you want?"

"I want to break off the engagement."

"Why?"

"Because I do not love her," answered the young man.

My father was visibly upset. I blushed. Just as her father was dark, sullen, bearded, heavy, so the girl was fair, smooth, light. She smelled of chocolate and perfume. Her shoes had high, thin

פורים האט זי ביי מיר באשטעלט פאראויס וואס כ'זאל איר שיקן שלח־מנות. און אזוי יעדע זאך. זיי האבן נאר מורא געהאט כ'זאל זיי ניש' אפנארן . . . כ'האב גארנישט געוואוסט אז עס זענען דא אזוינע מענטשן. וואס האבן זיי דאס געדארפט? איך ליג נישט אויפ'ן געלט. אלץ וואלט סאי־ווי געווען איר'ס. ווען כ'האב איר געגעבן ס'קייטל, איז זי געלאפן פון איין גאלדשמיד צום אנדערן מ'זאל אפשאצן. רבי, דאס איז ניש' פאר מיר! . . .

— ווילסט טאקע אפלאזן דעם שידוך?

— יא, רבי.

— און ס'ארט דיך נישט די מתנות?

— זאל זי זיך האלטן מיט זיי.

— נו, גיי צוריק אריין.

דער טאטע האט זיך אומגעקערט אין בית־דין־שטוב. ווען ער איז אריין אין דער אלקאווע, האט ער גארנישט געוואוסט וועגן חעם דאזיקן פארל. איצט איז אלץ געווארן קלאר. ער האט געהייסן ביידע צדדים מקבל קנין־זיין. מ'האט גענעבן פסק־געלט אויך. דער טאטע האט גע'פסקנ'ט אז וויבאלד ביידע צדדים ווילן זיך נישט — קאן מען זיי נישט נייטן. אבער די מתנות בלייבן ביי חער כלה. די מויד האט געטאן א פארשנורעווע דאס מיילכל. אין די אויגן אירע האט זיך עפעס אנגעצונדן. מיר האט זיך געדוכט, אז איך האב געזען אין זיי דעם גלאנץ פון גאלד. איך האב ערשט באמערקט, אז אויף די לעפלעך אירע האבן זיך געבאמבלט א פאר אוירינגלעך און אויף א פינגער איז געזעסן א רינגל מיט א שטיינדל.

— רבי, כ'וויל ער זאל איר ארויסגעבן א מחילה — האט דער ייד גע'טענה'ט.

אויב כ'האב נישט קיין טעות האבן ביידע צדדים זיך ארויסגעגעבן געשריבענע מחילות. ביידע האבן זיך גע'חתמ'עט — א זעלטענע זאך אויף דער קראכמאלנע. ווען ס'איז געקומען צום אוועקגיין, איז דער בחור געבליבן זיצן. ער האט, אפנים, נישט געוואלט גיין מיט זיי צוזאמען. חער פאטער האט א זאג געטאן צו דעם מיידל:

— נו, קום!

דאמאלס האט דאס מיידל געזאגט א ווארט וואס איז מיר געבליבן שטעקן אין זכרון. זי האט א זאג געטאן:

— איידער יאך זאל ווידער טרעפן אזא ווי דו, זאל יאך גלייכער ברעכן א פוס! . . .

ארויסגערעדט האט זי דאס: בראכן א פיס . . .

און כאטש כ'בין געווען יונג, האב איך פארשטאנען אז זי האט אים נאך אלץ ליב און אז שולדיק אין דעם אפגעלאזטן שידוך איז חער טאטע אירער, דער סקנער.

4

# אַן אומהיימליכע שאלה

שבת־צו־נאַכטס איז אַלעמאָל געווען ביי אונז האלב יום־טובדיק, באזונדערס אין ווינטער. פריער איז דער טאטע געזעסן מיט אידן ביי שלוש־סעודות. אין שטוב איז געווען פינסטער חושך. די יידן האבן געזונגען „בני־היכלא" און אנדערע זמירות. מען האט גענעסן אלט־געבאקענע חלה מיט א שטיקל פיש, אדער הערינג. מיין פאטער האט אלע יארן געהאט חשק צו זיין א גוטער־ייד און ער האט געזאגט פאר דעם עולם תורה. איך בין אלעמאל געשטאנען הינטער זיין שטול און זיך צוגעהערט. דער טאטע האט געמאכט אש־און־פארעך פון די פארגעניגנס פון דער וועלט. ער האט דערציילט וועגן די תענוגים וואס די צדיקים האבן אין גן־עדן, ווי זיי זיצן אויף שטולן מיט קרוינען אויף די קעפ און מען אנטפלעקט זיי די סודות פון דער תורה. אזוי ווי ער האט גערעדט, אזוי האבן אין הימל זיך אנגעצונדן די שטערן און גאנץ אפט איז אויך ארויסגעשוואומען די לבנה. דעם טאטנ'ס רייד וועגן דער נשמה, דעם כסא הכבוד, האבן זיך ביי מיר פארבונדן מיט די ליכטיקע שטערן, מיט דעם פנים פון דער לבנה, מיט די געשטאלטן פון די וואלקנס. די סודות התורה זענען געווארן איינס מיט די סודות פון דער דאזיקער וועלט. וואס איך האב קיינמאל נישט אזוי באשיינפערלעך געשפירט ווי שבת אין די שפעטע שעה'ן איידער מען צינדט אן א ליכט. אין א צווייטער שטוב איז געזעסן די מאמע און געמורמעלט „גאט פון אברהם". אונזער וואוינונג איז אין דעם בין־השמשות געווען פול מיט גאט, מיט מלאכים, מיט סודות און מיט א בענקשאפט אזא און א גארעניש, וואס מען קאן גארנישט איבערגעבן מיט קיין ווערטער.

אבער צום סוף איז דער ליבער שבת קודש אוועק און עס איז געקומען די גוטע וואך. מען האט אנגעצונדן ליכט, געדאוונט מעריב, געמאכט הבדלה. דער טאטע און די אנדערע יידן האבן איינגעטונקען די פינגער אין פארנאכטנעם ווייַן און צוגעלייגט צו די וויעס, א סגולה צו פרנסה. ווינטער האט די מאמע אין קיך גלייך זיך גענומען קאכן די פליישיקע גריץ. דער טאטע האט געזאגט „ויתן לך" און די מעשה מיט

Purim gift. And it was like that with everything. They were only afraid that somehow I would fool them. . . . I never knew there are people like that. And what was it all for? I'm not stingy. Everything would have been hers anyway. But when I gave her the necklace, she ran from one jeweler to another to have it appraised. Rabbi, such a life is not for me!"

"So, then, you really want to end it?"

"Yes, Rabbi."

"And the presents?"

"Let her keep them, and herself!"

"I see. Let us go back in there."

Father surveyed the scene in his study. When he had left it to enter the alcove, he had known nothing about these two. Now it had all become clear. He instructed both sides to declare their acceptance of his decision. He received his fee. Father's decree was that since both parties rejected each other, they could not be compelled to abide by their contract. The bride, however, was to retain possession of the gifts.

The girl appeared to smirk. Something began to glow in her eyes. I thought I could see the glitter of gold reflected in them. Only now I noticed that earrings dangled from her lobes, and a ring with a small diamond glittered on one of her fingers.

"Rabbi, I want him to give her an official writ of forgiveness," demanded the father.

If I remember correctly, both parties wrote out the proper documents of forgiveness, as is the custom in the case of a broken engagement. Both signed their names—itself an unusual accomplishment for Krochmalna Street. When it was all over, the young man remained seated. Apparently he did not want to leave together with them. The father turned to the girl, "Come now, hurry!"

Then the girl said something that has remained indelible in my memory. She said, quickly: "Before I meet with another one like you, may I break both my legs!"

And I, although I was very young, understood that she still loved him. The betrothal had been broken only because of that miser her father.

# A GRUESOME QUESTION

Sabbath night always had a holiday-like quality in our house, especially in the wintertime. At dusk my father would sit with his congregation at the closing Sabbath meal. The house was unlit. The men sang "The Sons of the Mansion" and other table chants. They ate stale *chaleh* and a piece of carp or herring. All his life my father strove to be a Hasidic Rabbi and now he preached to his followers. I always stood behind his chair and listened. My father would lash out with great vehemence against worldly pleasures. He would extol the joys of the pious in heaven, seated on golden chairs with crowns on their heads, as the mysteries of the Torah were unraveled. And while my father talked, the first stars came out, and very often the moon, too. My father's talk of the soul and the "Throne of Glory" were always associated in my mind with the glitter of the stars, the face of the moon, and with the shapes of the clouds. The mysteries of the Torah were one with the mysteries of the world, and I somehow never sensed this quite as acutely as on Saturday after sundown, just before the candles were lit. In another room my mother would sit murmuring softly the prayer "God of Abraham." Our home at this time was permeated by the spirit of God, of angels, of secrets, and filled with a special longing and yearning that defy description.

And finally the beloved Sabbath was over and a new week began. The hurricane lamps were lit, the evening prayers said, and the braided valedictory candle lit. After my father said grace over the wine, the men dipped their fingers in it and daubed their eyes as a charm to insure a prosperous week. During the winter months Mother would go into the kitchen to prepare hot grits. Father recited the chapter, "And God shall give you of the fat of the earth," and the story of the poor saint

דעם איש חסיד, וואס האט פארקויפט אליהו הנביא'ן פאר א קנעכט און פאר אים באקומען אכט הונדערט טויזנט רענדלעך. מען האט איינגע־הייצט דעם אויוון. ס'האט אויפגעלויכטן דער בליץ־לאמפ. אידן זענען געזעסן אין שבת'דיקע מלבושים, געטרונקען טיי מיט ציטרין און גע־שמועסט חסידות און וועלט־זאכן. אין שטוב האט געשמעקט מיט הבדלה־וואקס, ווארעמקייט, נעגעלעך פון בשמים־ביקסל, און מיט נסים. מיין פאטער איז געווען א רויכערער און ער האט שטילערהייט געהאט אויס־געקוקט מען זאל שוין מעגן פאררויכערן א פאפיראס, אדער גאר ליולקע־ציבוק.

אין יענעם שבת־צו־נאכטס איז געהאט אנגעפאלן אינדרויסן א פרישער שניי און דער דרויסן איז צוליב דעם געווארן העל ווי אין א סארט נאכטישן טאג, אדער באטאגישער נאכט. אויף די שויבן פון אויבער־לופט האבן געבליט פראסט־ביימער, וואס האבן דערמאנט אין סיביר און אין ארץ־ישראל.

אין מיטן דער דאזיקער האפערדיקייט לכבוד דער פולער וואָד, וואס זאג־צו ברכה און הצלחה, עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין א ייד אן ארימאן. ער האט נישט אויסגעזען גלאט ווי אן ארימאן, נאר ווי אן אביון פון א מעשה־ביכל. די קאפאטע איז געווען פול מיט לאטעס, פול מיט ריסן, און עס האט ארויסגעקוקט די קויטיקע וואטע און די זאק־לייוונט. דאס היטל איז געווען אפגעשיילט. די בארד איז געווען געפרוירן און מיר דוכט זיך, אז עס האבן אויף איר געהאנגען אייז־צעפלעך. דער ייד האט אריינגעבראכט מיט זיך די וואכעדיקע קעלט און די הארבקייט פון דרויסן.

— גוט־וואך, רבי.

— גוט־וואך, גוט יאר. וואס זאגט א ייד?

איך האב אנגעשטעלט די אויגן. דער דאזיקער קבצן האט מיך דערמאנט אין די מעשיות פון די ל"ו צדיקים. ער איז ענלעך געווען אין מיין פאנ־טאזיע צו די פארבארגענע וואסער־טרעגער און הייזער־גייער וואס אויף זיי שטייט די וועלט.

— רבי, כ'וויל פרעגן א שאלה.

— נו, פרעגט.

— רבי, מעג מען שלאפן מיט א טויט ווייב?

אין שטוב איז געווארן מאדנע שטיל. א שוידער איז מיר דורכגעלאפן דורך די ביינער. די יידן זענען געווארן בלאס. דעם טאטנ'ס פנים איז געווארן ווי פארשטארט.

— כ'ווייס נישט וואס איר רעדט — האט דער טאטע צום סוף ארויס־געשטאמעלט.

— רבי, כ'בין נישט משוגע — האט דער ייד געזאגט. מיין ווייב איז פרייטאג געשטארבן. איך וואוין אין א קעלער־שטוב און עס לויפן ארום די מייז. די לוויה וועט ערשט זיין זונטאג בייטאג. איך קאן נישט לאזן ליגן דעם מת אויף דער ערד, ווייל די מייז וואלטן זי חלילה צעגריזשעט. איך האב נישט מער ווי איין בעט. מוז זי ליגן אין בעט. איך אליין, רבי, קאן אויך נישט שלאפן אויף דער ערד. די שטשורעס וואלטן מיך צע־ביסן. איין נאכט בין איך שוין ווי עס איז איבערגעזעסן. אבער כ'האב מער נישט קא' כוח. ווילֿ איך וויסן, רבי, צי כ'מעג ליגן נעבן דער טויטער אין בעט — — —

אזוי ווי דער ייד האט ארויסגעזאגט די לעצטע ווערטער, האב איך געזען עפעס אויף מיין טאטנ'ס פנים, וואס כ'האב קיינמאל פריער נישט געזען. דאס פנים איז אים ממש געווארן פארוואשן מיט טרערן. ס'האט געטאן א גאס און אלץ איז געווארן נאס: די אויגן, די באקן, די רויטע בארד. צווישן די יידן איז געווארן א שארכעניש, א גערודער. א זיפץ האט זיך ארויסגעריסן פון אלעמענ'ס העלזער. ס'האט זיך דערהערט א שארעניש פון שטיוול איבער'ן דיל, א פויקעניש פון פינגער אין טיש. דער טאטע האט ארויסגענומען די קעשענע־פאטשיילע און גענומען ווישן די אויגן און שנייצן די נאז. דאס קול זיינ'ס האט זיך געבראכן. ער האט א זאג געטאן:

— יידן, עצ'ט געהערט? וויי געוואלד, וויי געוואלד!...

— רחמנא לצלן! — האט א זאג געטאן איין חסיד.

— לא עלינו! — האט אים אן אנדערער געענטפערט.

— נו, יידן, וואס שווייגט מען? לאמיר עפעס טאן!...

די יידן האבן נישט געהאט אין די אטלעסענע קאפאטעס קיין געלט, אבער אלע זענען געווען שכנים. יענער איינער איז געלאפן אהיים ברענגען געלט. דער טאטע האט געהאט ליגן זיינע פאר רובל אין א בלעכן שאכטל אזא און ער האט גלייך ארויסגענומען עטלעכע זילבערנע קערב־לעך. די מאמע אין קיך האט דערהערט, אז עפעס איז א בהלה אין דער „גרויסער שטוב" און זי איז אריינגעקומען פרעגן וואס ס'איז געשען. זי איז געווארן בלאס, רויט און ווידער בלייך. אין אזוינע פאלן איז גלייך ביי דער מאמע'ן דאס שיטל געווארן צעקאדלט, א שטייגער ווי דאס שיטל וואלט געווען א לעבעדיקע זאך און געהאט אויגן און אויערן. פאסמעס האר (ס'זענען געווען זיידענע האר, נישט קיין אמת'דיקע) האבן איר גענומען פאלן איבער'ן שטערן, די באקן. א הארנאדל איז ארויס־געשפרונגען. דער גרעק איז געווארן לויז. די מאמע איז אריין אין קיך, גענומען טראגן פאר דעם ייד כיבוד: טיי, א קיכל, א רעשטל פון פלוי־מען־צימעס. דער אביון איז אריין אין קיך וואשן די הענט. א יונגערמאן איז צוריקגעקומען און צו־וויסן געטאן, אז אחוץ געלט האט ער געבראכט מיט זיך א סארט צולייג־בעטל. שכנ'טעס זענען אריין צו אונז, פארבראכן די הענט, זיך אויסגעמישט מיט די מאנסלייט.

— מ'דארף אהין אריבערגיין! — האט עמיץ געזאגט.

who sold the prophet Elijah into slavery for 800,000 guldens. And then a fire was kindled in our tile stove to heat the living room.

The men sat in their Sabbath clothes, sipped tea with lemon, and discussed Hasidic matters and world affairs. The house was filled with the odor of burning wax, blessed spices, and with an atmosphere of wonder and miracles. My father was a smoker and he would wait quietly but anxiously all through the Sabbath for the moment when he could light a cigarette or his pipe.

On this particular Sabbath evening, fresh snow had fallen and the ground outside seemed to take on a special look of brightness. Frost palms blossomed on the windowpanes, reminding me of the Land of Israel.

In the midst of this spirit of hopeful anticipation, with its promise of blessings and fulfillment, the door opened and a poor Jew entered. He was not like an ordinary pauper but like an old storybook beggar. His caftan was full of holes and patches, with the quilted cotton and buckram showing through the lining. His cap was peeling. His beard was icy and I think there were icicles hanging down from it. The man entered and brought with him the harshness of the everyday world and the coldness of the outdoors.

"A good week, Rabbi."

"A good week to you, and a good year. What have you to say?"

I opened my eyes wide. This ragged individual reminded me of the stories of the thirty-six saints who dedicated themselves to a life of poverty as water carriers, wood choppers, and solicitors of alms.

"Rabbi, I want to ask a question."

"Well, ask it."

"Rabbi, may a man sleep with his dead wife?"

A strange silence ensued. I felt a chill go through my body. The men turned pale. My father's face froze.

"I do not understand what you are talking about," my father finally stammered.

"Rabbi, I am not insane," the man said. "My wife died on Friday. I live in a cellar where there are rats. The funeral will take place on Sunday. I cannot leave the corpse on the floor because the rats would, God forbid, gnaw it to bits. I have only one bed. She must lie in that bed. And I, Rabbi, cannot sleep on the floor either. The rats would get me, too. I have already sat up one night, but my strength is gone. So I want to know, Rabbi, may I lie in bed with this corpse?"

As the man uttered these last words, I saw my father's face as I had never seen it before. It was flooded with tears. There was one gush and everything was wet—eyes, cheeks, red beard. There was a stirring among the men, followed by an outcry. There was a scraping of boots and the drumming of fingers on the table. My father took out his large handkerchief to wipe his eyes and blow his nose. In a broken voice, he said: "Men, did you hear? Woe, woe."

"God spare us, God spare us," said one of his followers.

"Unheard of, unheard of," answered another.

"Well, why are you silent? Let us do something."

The men did not have money in their satin Sabbath gabardines. But they all lived nearby and ran home to get money. My father, who kept his money in a tin box, took out several notes right away. My mother heard the commotion and came running in from the kitchen to see what had happened. She turned pale, reddened, and paled again. Always in crises like these my mother's wig would become disheveled as though it were alive; several strands (made of silk, not human hair) fell on her forehead and cheeks; a hairpin sprang out; her bun loosened. My mother went back into the kitchen to get food for the poor man, and returned with tea, a biscuit, and some leftover prune stew. The poor man went over to the waterbarrel to wash his hands. A young man returned to the house with the news that he had obtained a makeshift cot for the man. Women neighbors came into our house, wrung their hands, and milled around among the menfolk.

"We must go and see," somebody said.

מיין פאטער האט נישט געטארט גיין אין א שטוב, וואו עס ליגט א מת, ווייל ער איז געווען א כהן. אבער די אנדערע יידן זענען געווען ישראלים. אזוי ווי דער ייד האט געגעסן און דערקוויקט דאס פארשמאכטע הארץ, האט מען געטראגן נדבות פון אלע זייטן. עמיץ האט געבראכט א שפענצער, א לייבל, א פאר שקארפעטן, א היטל. מען האט אנגעטראגן פאר דעם אביון א גאנצן אויסשטייער. נאכדעם ווי ער האט אפגעגעסן און געמאכט אן „על המחיה", איז א גאנץ געזעמל אים נאכגעגאנגען. ווער ס'האט געטראגן דאס בעטל, ווער די שפייז. איך האב נישט געטארט מיטגיין, ווייל כ'בין אויך געווען א כהן. דערצו האב איך פון קינדווייז אן געהאט אן אומגעהייערן פחד פאר אזוינע זאכן. אבער די נייגעריקייט מיינע איז, אפנים, געווען נאך שטארקער. דער ייד האט געוואוינט אין נומער 6 אדער 8. מיר זענען אריין אין הויף. ס'רוב יידן זענען געבליבן שטיין אינדרויסן. אנדערע האבן זיך געלאזט אראפגיין מיט די פינסטערע טרעפ. איך האב געכאפט א בליק אין דעם פענסטערל און דערזען א פחד'ימדיק בליק. דאס איז נישט געווען קיין סעלער־שטוב, נאר א גרוב, א טיפער לאך אין דער ערד. די ווענט זענען געווען שווארץ ווי א קוימען. אין דער שווארצקייט האבן געטליעט צוויי ליכט און ערגעץ אין בעט איז געלעגן עפעס קנויליקס, איבערגעדעקט מיט א סאלדרע, אדער א שאל. ריכטיק זען האט מען נישט געקאנט, ווייל די שייבלעך זענען געווען פארפרוירן, פארשמידט מיט אייז, און בלויז אין מיטן איז געבליבן א שטיקל רייז, אדער אפשר איז א שטיקל שויב אפגעגאנגען פון די הייסע אטעמס? דער דאזיקער ייד האט געוואוינט ממש אין דער ערד. דארט, אין דער פינסטערניש, אין דער קעלט, אין דער פייכקייט, אין דער בלאטע, האט ער אפגעביטערט די יארן מיט א ווייב און מיט מחנות שרצים, וואס האבן געפירט מלחמה מיט אים און מיט זיין לייב, מיט זיין שטיקל ברויט. איצט האבן די דאזיקע שרצים געוואלט אויפפרעסן דעם פארפייניקטן גוף.

צוויי געפילן האבן אין מיר זיך געראנגעלט. דער פחד האט געהייסן אוועקקוקן. דער נייגיר האט פארלאנגט נאך א קוק, נאך א בליק. איך האב וואויל געוואוסט, אז פאר יעדן בליק וועל איך צאלן מיט שלעכטע חלומות, מיט מורא, מיט ציטערניש, מיט דמיונות אזוינע, וואס נאגן אויס דעם מארך פון די ביינער, אבער איך האב יעדעס מאל פונסניי צונעבויגן דעם קאפ. דאס איז נישט געווען קיין דירה, נאר א הייל פון חשכות, א לעבדיק קבר. די פלעמלעך וואס האבן אונטן געטליעט און נעגלימערט האבן נאך פארשטארקט די פינסטערניש. מיר האט זיך נעדוכט אז איך זע ווי שדים, רוחות, לאפיטוטן שפרינגען ארום אין דעם דאזיקן טמא ארט, היפערן צוזאמען מיט די שאטנס, נעמען־אן פארכטיקע געשטאלטן. קאן א מענש לעבן אין אזא תהום? קאן א מענש דא בלייבן און נישט ווערן משוגע? איז א מענש אזוי שטארק? אין שיידל איז מיר געווארן ענג. איבער'ן רוקן איז מיר געלאפן אן אייזיקע האר. אין נישט אמאל דער דאזיקער ארימאן אויך איינער פון די שדים, דער סטרא־אחרא?...

יידן און יידענעס האבן זיך אונטן נעפארעט. עפעס האט מען נעהויבן. עמיץ האט איבערגעטראגן די פלעמלעך. איך האב שוין געוואלט אנטלויפן, אבער גיין אהיים אליין נאך דעם דאזיקן זעעניש האב איך נישט געקאנט. עמיץ האט מיך געמוזט ארויפפירן איבער אונזערע טרעפ, וואס זענען טיילמאל אינגאנצן נישט געווען באלויכטן און טיילמאל האט דארט געצאנקט א פאררויכערט לעמפעלע, אן א גלעזל, אן א קאפסל. א ייד האט באוויליקט מיך צוריקצופירן. איך האב געציטערט מיט אלע אברים, געקלאפט א צאן־אין־א־צאן. עפעס אין מיר האט געוויינט און נעפרעגט: קאן גאט צוזען אזא זאך?...

ווען מ'האט מיך ארייננעפירט אין שטוב, האט די מאמע געטאן א פאטש מיט די הענט:

— וויי איז מיר, טוט'ץ נאר א קוק אויף דעם קינד!...

מ'האט מיך אנגעווארעמט, מיך אפגעבלאזן. די מאמע האט געמורמעלט א שפרוך. מ'האט מיר דערלאנגט טיי, איינגעמאכטס, אלע גוטע זאכן וואס מ'האט נאר געקאנט געפינען אין באלעבאטישקייט. דער טאטע איז ארומגעגאנגען אהין־און־צוריק איבער דער בית־דין־שטוב. ער האט געביסן די בארד און יעדעס מאל זיך געטאן א כאפ ביים הויכן שטערן. ער איז בטבע געווען א גלויביקער, אבער דער דאזיקער פאל האט, אפנים, דערוועקט אין אים ספקות.

— איי־איי, טאטע זיסער!... אוי וויי! — האט ער גערופן. — שוין צייט מ'זאל געהאלפן ווערן!... צייט!... א צייט!...

עס איז געווען א פארשטערטער שבת־צו־נאכטס און א מאגערע וואך, ווייל דער טאטע האט געהאט אוועקגעגעבן א טייל פון דער הכנסה פאר דעם אביון. איך האב געהערט שפעטער טענה'ן אין שטוב, אז ס'איז אן אויסטערלישע זאך, אז ביי א ייד זאל בלויז זיין איין בעט. דאס פאסט פאר פויערים. מ'הערט נישט פון אזוינע זאכן אפילו ביי די ערנסטע קבצנים. אבער ווער ווייסט? אפשר איז גראד דאס אנדערע בעט געווארן צעבראכן? אפשר האט מען מיט דעם צווייטן בעט איינגעהייצט אין אויוון? אזא דלות ווי ס'איז פאראן אין די גרויסע שטעט איז גאר אין די קליינע שטעטלעך נישט בנמצא. לאנג, לאנג האט מען גערעדט וועגן דעם אומהיימלעכן געשעעניש אין אונזער שטוב און נאך לענגער האב איך צוליב דעם געהאט מורא'דיקע חלומות און קאשמארן. איך האב שפעטער אפט געזען דעם דאזיקן ארימען ייד. ער האט געהאנדלט, געשמאיעט, זיך אויסגעמישט מיט מענשן. אבער איך האב פאר אים מורא געהאט. איך האב אלעמאל געדענקט זיין ארייננקום יענעם שבת־צו־נאכטס און זיין גרויליקע שאלה...

My father was not allowed to enter a room where there was a corpse, because he was descended from the priestly caste. But this was not forbidden other Jews. While the poor man was eating and reviving himself, contributions poured in from all sides. Someone brought a padded jacket, a shirt, a pair of socks, a fur cap. They showered the poor fellow with a complete wardrobe. After he had finished eating and said the appropriate blessing, he was taken home by a host of people, one carrying the cot and others carrying the food. I was not permitted to go along because I, too, was descended from the priestly line. Besides, I had a dread of these things from my earliest childhood. But my curiosity apparently was stronger than my fears. The man lived on Krochmalna Street, and as we went into the courtyard, most of the men remained outside. Others started to make their way down the dark and dingy stairs. I took a quick look through the cellar window and saw an eerie sight. This was not an ordinary cellar apartment, but a cave, a hole in the earth. The walls were as black as the inside of a chimney. Two dim lights flickered in the darkness, and on the bed there lay a human form covered by a shawl. I could not see clearly because the windowpanes were obscured by frost and ice, with a clear spot only in the center where the ice had been melted by the warm breath of the curious onlookers. This man lived in the ground. There, in the gloom, in the cold and filth, he pursued his wretched existence with his wife, waging war on the hordes of crawling creatures who attacked his flesh and his scraps of bread. And now these vicious beasts threatened to mutilate this martyred body.

I was torn between two conflicting emotions. My fear dictated that I turn my eyes the other way, but my curiosity demanded just another glance. I knew that I would pay for each look with nightmares and torment, but each time anew I leaned forward to see this living grave. The flames which glimmered below only served to intensify the darkness. It appeared to me that I could see all kinds of evil spirits and sprites romping around this unspeakable place. They assumed all sorts of fearful shapes. Can a person survive in such an abyss? Can a man confined to such a sordid place keep his sanity? I suddenly felt a tightness in my head and an icy shudder ran down my spine. Could it be that he who dwells here is himself a ghost?

Men and women busied themselves in the cellar and someone moved the candles. They seemed to be lifting something. I was ready to turn and run, but now I was in no condition to go home alone. I was afraid because the steps to our flat were sometimes unlit and at other times illuminated only by a smoky kerosene lamp without a chimney and without a cap. A man agreed to go back with me. I was shaking all over and my teeth were chattering. Something within me cried and asked, "How can God permit this?"

When I was led into the house, my mother began to wring her hands. "Woe is me! Just look at this child!"

They warmed me up and blew on me. My mother recited an incantation. I was given tea and preserves and all of the goodies which were in the house. My father paced back and forth in his study. He chewed his beard and rubbed his forehead. He was by nature a believer, but this incident had awakened doubts in him.

"Dear Father in Heaven . . . Woe!" he cried out. "It is high time for our salvation . . . time . . . high time."

Our Sabbath night was ruined and the week that followed was a meager one because my father had given part of my mother's weekly allowance to the poor man. Later I heard talk that it was odd indeed for a Jew to have only one bed in his house. This was known among peasants, but it was unheard of even among the most impoverished Jews. But who knows, perhaps he had a second bed that had been broken? Perhaps he had to use it for kindling wood? The squalor that one sometimes finds in large cities is rarely found in small towns. For a long, long time afterwards there was talk in our house of this grim episode and for a long period thereafter I was afflicted with nightmares. I often saw this man later, as he went about trading and mingling with the people. But I was always afraid of him. I always remembered his visit that Sabbath evening, and his gruesome question.

נישט בלויז לאַם איז זי געווען, די כלה, נאָר אויך אַ קנאַפּע שיינהייט, אַ ברייטלעכע, אַ געבויגענע, נישט קיין יונגע, מיט איין פוס און איין קוליע. דער יונגערמאַן האָט פאַרגעשטעלט די כלה פאַר מיין מוטער און מיין מוטער האָט אַ פאַרווירטע און פאַרשעמטע איר געוואונטשן מזל־טוב. דערנאָך זענען אַלע אַריין אין דער מיטל־שטוב. איין יונגערמאַן האָט געטראָגן מיט זיך אַ פלעשל מיט משקה און אַ טיטל מיט לעקעך. די דאָזיקע חתונות — שטילע חתונות — זענען צוגעגאַנגען גיך. דער טאַטע האָט געהאַט גרייט אַ געדרוקטע כתובה און בלויז אַריינגעשריבן די נעמען. איך בין אַוועק אין חסידים־שטיבל אַריינרופן אַ פאָר יידן צום מנין. צווישן אויוון איז געשטאַנען גרייט אַ חופה מיט פיר דרענגלעך. אין אַ שופלאָד איז געלעגן אַ קיטל. דער טאַטע האָט אַלץ געטאָן כדת וכדין. עס איז אַ מנהג אַז מען דאַרף אַרומפירן די כלה אַרום דעם חתן זיבן מאָל, לויט דעם פסוק: ונקבה תסובב גבר. עס איז דער הינקענדיקער כלה נישט אָנגעקומען גרינג. זי האָט געקלאַפּט מיט דער קוליע, אַז עס האָט אָפּגעהילכט טעמפּ איבער דער גאַנצער שטוב. אַ בלינדער האָט געקאָנט זען, אַז די כלה איז לאַם. אָבער מיין פרומער טאַטע האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געוואוסט. ער האָט געמאַכט די ברכות, געלאָזט דעם חתן מקדש זיין די כלה, געזאָגט די צווייטע ברכות און געוואונטשן מזל־טוב. נאָך דער חופה האָבן די פאַרזאַמלטע זיך געוואונטשן ביים טיש מיט לעקעך און בראַנפן. דערנאָך זענען אַלע אַוועק. די מאַמע גיין אַריין אין בית־דין־שטיבל און רופט זיך אָן צום טאַטע׳ן:

— וואָס זאָגסטו דערצו?

— וואָס זאָל איך זאָגן?

— וואָס נעמט עפּעס אַזאַ יונגערמאַן נעבעך אַזאַ קאַליקע?

דער טאַטע האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— אַ קאַליקע?

און דאָ האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן דעם טאַט׳ן דאָס וואָס זי פלעגט אים אַלעמאָל זאָגן אין אַזוינע פאַלן:

— אוי, ביזטו אַ בטלן!

און זי האָט אים דערציילט וועגן דער כלה. ביים טאַטע׳ן איז די זאַך נישט געווען אַזוי אויסטערליש. איז מה רעש, אַז מען האָט חתונה מיט אַ קאַליקע? שטייט דען נישט אין „אשת־חיל": שקר החן והבל היופי — פאַלש איז דער חן און איטל איז די שיינקייט? וואָס איז די נפקא מינה צי די כלה האָט צוויי פיס אָדער איין פוס? דער גוף איז נישט מער ווי אַ גוף. די מאַמע האָט אים פאַרגעהאַלטן, אַז אויב נישט זען, וואָלט ער לכל הפחות געקאָנט הערן, אַז יענע קלאַפּט מיט דער קוליע. אָבער דער טאַטע האָט דעם גאַנצן ענין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. ראשית, האָט ער גאָרנישט געהערט קלאַפּן. שנית, פון וואַנען זאָל ער וויסן וואָס עס קלאַפּט?

— עס, שטותים — האָט דער טאַטע אַ זאָג געטאָן און זיך צוריק גענומען צו דער גמרא, צום צל״ח, צום פּני־יהושע. דער רבינו תם האָט געהאַט געפרעגט אויף רש״י׳ן אַ האַרבע קשיא, שטאַרק ווי אַ מויער, און דער טאַטע האָט געדאַרפט ווייזן אַז רש״י הקדוש איז גערעכט.

די מאַמע איז צוריק אַוועק אין קיך. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטרודערטע. מיין מוטער האָט ליב געהאַט צו באַנעמען זאַכן מיט׳ן שכל. רעטעגישן האָבן זי געאַרט: וואָס זעט אַזאַ יונגערמאַן אין אַזאַ מיאוס־קייט? ווי אַזוי ווערט עפּעס אַזאַ שידוך? אַ שכנ׳טע איז אַריינגעקומען און יענע האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַלץ די ליבע. מען ליבט זיך איין און מען ווערט פאַרבלענדט. מען פאַרלירט דעם קאָפּ. און די שכנ׳טע האָט גענומען דערציילן אַלערליי פּאַסירונגען מיט פּאַליבענישן, ווי מיידלעך זענען געוואָרן פאַרקאַכט אין בלינדע, שטומע, הויקערס און ווייסעדוואָס. דער אמת איז, אַז מיין מוטער האָט געוואוסט פון מער אַזוינע ביישפּילן ווי די שכנ׳טע, אָבער עפּעס האָבן די אַלע פאַלן נישט פאַרענטפערט איר קשיא.

— אפשר האָט זי אַ סך געלט? — האָט די שכנ׳טע זיך אָנגערופן.

— וויפל געלט קאָן זי האָבן? אַפּצולעבן אַלע יאָרן מיט אַזאַ קאַליקע!... ס׳איז נישט צו פאַרשטיין.

איך בין אויך געווען געפּלעפּט. איך האָב אויסגעהערט אַלע קלוגע רייד פון דער שכנ׳טע, נאָר זיי זענען מיר נישט אַריין אין קאָפּ. נאָך אַ ווייל איז די שכנ׳טע אַרויס, און די מאַמע טוט אַ זאָג צו מיר:

## 5

# די לאָמע כלה

**ו**ען די טיר האָט זיך געעפנט

ביי אונז אין קיך און עס איז אַריינגעקומען אַ לאַנג־געקליידעטער ייד, איז דאָס ווייט נישט געווען קיין צייכן, אַז ער ברענגט מיט זיך אַ פאַרדינסט. אַזאַ ייד האָט געקאָנט קומען פרעגן אַ שאלה, אַן עצה, אָדער גלאַט זיך דורכרעדן מיט׳ן טאַט׳ן. נישט איינמאָל איז געקומען צו אונז אַ בכבוד׳יקער ייד בעטן אַ נדבה פאַר הכנסת כלה, ביקור חולים, אָדער נאָר פאַרקויפן דעם טאַטע׳ן אַ פרענומעראַנט אויף אַ ספר. מאַלע וואָס אַ ייד קומט אַלץ צום מורה־הוראה.

גאַנץ אַנדערש איז געווען ווען עס איז אַריינגעקומען אַ קורץ־געקליידעטער יונגערמאַן, אַ „דייטשל". אַ קורץ־געקליידעטער קומט נישט בעטן קיין טובות און קיין נדבות. אַזאַ יונגערמאַן קומט באַשטעלן אַ חתונה, אַפּלאָזן אַ שידוך, גט׳ן זיך, אָדער מיט עפּעס אַן ענלעכער זאַך וואָס ברענגט מיט זיך אַ פאָר רובל.

דאָס דייטשל וואָס איז דאַסמאָל אַריינגעקומען האָט אויסגעזען באַזונדערס פּאַצעטיש. ער האָט געטראָגן אַ שטייפן קאַפּעליוש, אַ האַרט קעלנערל, אַ געשטרייפט שניפּסל און אַ שטעקעלע אין דער האַנט. אויף די קאַמאַשן זיינע זענען געזעסן אַ פּאָר געטרעס. אויף דער אויבערשטער ליפּ האָט געשפּראָצט אַ וואָנסעלע. דאָס רעקל איז ביי אים געווען אויפגעקנעפּלט און אויפ׳ן וועסטל האָט זיך געבאַמבלט אַ קייטל פון אַ זייגער. ער האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב אַ ריח פון שאָקאָלאַד און שמעקעדיקער זייף. ער איז אַריין מיט אַ שמייכל און זיך עפּעס ווי פאַרגוינט.

— איז דער מורה הוראה אין דער היים?

— יאָ, גייען זי, זייען זי אַזוי גוט, אַריין אין דער אַנדערער שטוב.

דער טאַטע איז געשטאַנען ביי אַ שטענדער, געלערנט און געשריבן אַ חידוש אויף אַ שניצל פּאַפּיר. ער האָט פאַרענטפערט אויף גאַנץ ש״ס אומעטום וואו תוספות האָט אָפּגעפרעגט רש״י׳ן.

— גוט מאָרגן.

— גוט יאָר. וואָס זאָגט איר גוטס?

— קאָן מען ביי אייך שטעלן אַ חופה?

— אַוודאי.

דער טאַטע האָט דעם יונגענמאַן געבעטן זיצן. אין אַזוינע פאַלן האָט דער טאַטע גלייך גענומען פרעגן צי חתן־כלה האָבן עלטערן. אָבער ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ביידע זענען קיילעכדיקע יתומים. דער טאַטע האָט געטאָן אַ זיפץ.

— נו, אַלץ איז באַשערט.

ביי אַרעמעלייט האָט דער טאַטע גענומען דריי רובל פאַר אַ חתונה, אָבער דאַסמאָל האָט ער געבעטן פינף. דער יונגערמאַן האָט גלייך אַרויסגענומען אַ קנאַקעדיק פינפערל און באַצאָלט פאָראויס. דערנאָך האָט ער אַרויסגעצויגן אַ זילבערנע פּאַפּיראָסן־פּושקע און מכבד געווען דעם טאַטע׳ן מיט אַ שמעקעדיקן פּאַפּיראָס. ער האָט אַלץ געטאָן פלינק, איידל. דער טאַטע האָט געהאַט אַ בייז האַרץ אויף די היינטיק־וועלטישע, די פרענטן, די אפיקורסים, אָבער כ׳האָב געזען, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן האָט געוואונען חן אין זיינע אויגן. ער האָט נישט לאַנג גערעדט און נישט גענודיעט. אָפּגעשמועסט וואָס ער האָט געדאַרפט, האָט ער זיך געטאָן אַ שטעל־אויף און דערלאַנגט דעם טאַטע׳ן די האַנט. ביי פרומע יידן איז נישט קיין מנהג צו דערלאַנגען די האַנט פאַר׳ן אַוועקגיין, אָבער דער טאַטע האָט שוין געוואוסט פון די היינט־וועלטיקע פירעכצער.

ביים אַרויסגיין האָט דער גאַסט זיך געטאָן אַ פאַרנויג פאַר דער מאַמע׳ן. דאַן האָט ער געטאָן עפּעס אינגאַנצן אומגעריכטס: ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קופּערנעם זעקסער. איך בין געוואָרן רויט און נישט געוואוסט צי איך זאָל יאָ נעמען אָדער נישט נעמען. ער האָט מיר געטאָן אַ גלעט און עפּעס ווי איינגערוימט:

— קויף דיר מאַרמאַלאַדקעס.

דער יונגערמאַן האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ ליבשאַפט. די חתונה האָט געזאָלט זיין אין אַ פּאָר טעג אַרום, און די מאַמע איז אַ שוין באַצייטנס געווען נייגעריק אָנצוקוקן ווי ס׳זעט אויס די כלה פון אַזאַ פיינעם יונגענמאַן. מען האָט גערעדט דערוועגן אין שטוב.

היינט שטעלט אייך פאָר די פאַרוואונדערונג, ווען דער יונגערמאַן איז געקומען מיט דער כלה און מיט נאָך אַ פּאָר יונגעליים, גוטע ברידער, און מיר האָבן געזען, אַז די כלה האָט בלויז איין פוס. אַלע זענען געבליבן דערשטוינט, אַחוץ, פאַרשטייט זיך, מיין פאָטער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געקוקט אויף קיין נקבה.

שטים אירע איז געווען א שטארקע ווי ביי א מאנסביל, פול מיט גבורה. אבער ווי וואויל זי איז געווען א יידענע א תקיף, האט זי, אבער, אפנים, נישט געקאנט פארטראגן די בייזע באשולדיקונגען. זי האט יעדעס מאל געטאן א געשריי:

— רבי, צינדט אן שווארצע ליכט און עפנט ס'ארון קודש! איכ'ל שווערן ביי דער ריינקייט!

דער טאטע איז געווארן א דערציטערטער.

— איילט אייך ניש' מיט סא' שבועות!

— רבי, אויפ'ן אמת מעג מען שווערן. איך בין גרייט צו שווערן ביי שווארצע ליכט און ביים טהרה־ברעט!...

די יידענע האט געמוזט זיין א פראווינצערין, ווייל ווארשעווער ווייבער האבן נישט געוואוסט פון אזוינע שבועות און אזוינע דיבורים. זי האט צונויפגעבאלט א פויסט און געקלאפט מיט איר אין טאטנ'ס טיש, אז די טיי־גלעזער האבן געקלונגען. זי איז יעדעס מאל צוגעלאפן צו דער טיר, ווי גרייט ארויסצולויפן און אלעמען איבערצולאזן. אבער באלד האט זי זיך אומגעקערט מיט נייע ווארצייכנס פון איר אומשולד און מיט נייע ווידערשפעניקע רייד וועגן אירע בלבול־מאכערס. מיטאמאל האט זי געטאן א שנייץ די נאז מיט אזא בהלה און מיט אזא פאנף, ווי מען וואלט געבלאזן שופר. איך בין געשטאנען הינטער'ן טאטענ'ס שטול א דערשראקענער. איך האב מורא געהאט די דאזיקע קאזאקישע פרוי זאל נישט ווערן ווילד, צעברעכן דעם טיש, די שטולן, דעם טאטענ'ס שטענדער, צערייסן די ספרים, צעשלאגן די מאנסלייט מכות רצח. די מאמע, א שוואך מענש, האט יעדעס מאל אויפגעשפארט די טיר און אריינגעקוקט. פון דער דאזיקער יידענע האט געשלאגן מיט אן אומהיימלעכן כוח.

דאס מחלוקת איז געווארן אלץ העפטיקער. א ייד מיט א רויטלעכער נאז און א גרוי בערדל האט פונסניי באקומען קוראזש און פארגעווארפן דער יידענע אז זי איז א ליגנעריו, א כאפעריו, זי גערופן צונעמען. פלוצלינג האט די יידענע זיך געטאן א ריס. כ'האב געמיינט, אז זי וועט זיך א ווארף טאן אויף דעם גרויען מענטשל און אים צע'ממית'ן. אבער אנשטאט דעם האט זי געטאן גאר עפעס אנדערש. זי האט ראפטום געגעבן א פראל־אויף די טירלעד פון ארון־קודש, געטאן משונה־גיך א כאפ די ספר־תורה וואס איז ביי אונז געשטאנען, און מיט א יאמערלעך קול גערופן:

— איך שווער ביי דער הייליקער תורה, אז כ'זאג דעם אמת!

און זי האט גענומען אויסרעכענען די זאכן וואס אויף זיי שווערט זי.

דער טאטע האט זיך געטאן א ריס, ווי ביי איר אויסצורייסן די ספר־תורה, אבער ס'איז שוין געווען צו־שפעט. די בעלי־דברים אירע זענען געווארן ווי פארשטארט. דער יידענע'ס קול איז געווארן הייזעריק, זיך געבראכן מיט טרערן. זי האט געטאן א קוש דאס מענטעלע און גענומען וויינען מיט עפעס אזא כארכלדיק און קלאגעדיק קול, וואס האט דערמאנט אן חרם, מת, לוויה.

א לאנגע ווייל איז געווען אין בית־דין־שטוב אנגעלאדן שטיל. דער טאטע איז געשטאנען א בלאסער און געטרייסעלט מיט'ן קאפ ווי אויף ניין. די יידן האבן זיך אנגעקוקט דערשטוינטע, פארגאפטע. ס'איז, וויזט אויס, מער נישט געווען וואס צו רעדן און וועגן וואס זיך צו אמפערן. די יידענע איז אוועק פריער. דערנאך זענען אוועק די מאנסלייט. דער טאטע איז א ווייל געשטאנען אין א ווינקל און געווישט די טרערן. ער האט אלע יארן אויסגעמיטן אפילו א קבלה, אבער דא האט א יידענע געטאן א שבועה דאורייתא אין אונזער שטוב, ביי אונזער ספר־תורה. דער טאטע האט מורא געהאט פאר א שטראף. די מאמע איז ארומגעגאנגען אין קיך א צעקאכטע. דער טאטע איז צוגעגאנגען צום ארון־קודש, באדעכטיק געעפנט דאס טירל, איבערגעשטעלט די ספר־תורה, אויסגעגלייכט די עץ החיים'ס, און עפעס ווי זי איבערגעבעטן וואס עס איז געשען מיט איר אזא פארשוועכונג.

געוויינליך נאך א דין־תורה האט דער טאטע איבערגערעדט די טענות מיט דעם הויזגעזינד, אבער דאס מאל האבן אלע געשוויגן. ס'האט אויסגעזען, אז די דערוואקסענע האבן ביי זיך אפגעפאסט נישט צו דערמאנען דערוועגן קיין ווארט. טעג דערנאך איז געשטאנען ביי אונז אין דער היים א שווערע שטילקייט. דער טאטע האט זיך לענגער געזוימט אין חסידים־שטיבל ביים דאווגען. ער האט אויפגעהערט שמועסן מיט מיר. איינמאל האט ער זיך ארויסגעכאפט, אז ער האט איין בקשה צום רבונו של עולם: ער זאל נישט דארפן לעבן פון רבנות. איך האב אפט געהערט פון טאטע'ן דעם אלטן באקאנטן זיפץ און דעם רוף:

— אוי ווי, טאטע זיסער!...

און טיילמאל פלעגט ער צוגעבן:

— ווי לאנג נאך? ווי לאנג נאך?

איך האב געוואוסט וואס ער מיינט: ווי לאנג נאך וועט דויערן דאס פינסטערע גלות? ווי לאנג נאך וועט געוועלטיקן די סיטרא־אחרא?...

though she was an aggressive woman, apparently she could not swallow the accusations. After each one she would shriek: "Rabbi, light the black candles and open the Ark! I want to swear by the Purity [the Torah scroll]!"

Father was shaken. "Hasten not to swear oaths!"

"Rabbi, it is permissible to swear to the truth. I am ready to swear before black candles and a purification bier!"

The woman must have come from the provinces, for the women of Warsaw were not familiar with such oaths and expressions. She clenched her hand into a fist and hit Father's table so that the tea glasses trembled. Every few minutes she ran to the door, as though she were ready to escape and leave the others sitting there. But soon she would return with new protestations of her innocence and new arguments against her accusers. Suddenly she blew her nose so violently and with such a trumpeting sound that one might have thought someone had blown a shophar. I stood behind my father's chair, frightened. I was afraid that this Tartar of a woman would go completely wild—break the table, the chairs, Father's lectern; tear the books; beat the men mercilessly. Mother, a frail person, opened the door every few minutes and looked in. An uncanny force emanated from this woman.

The argument grew more and more heated. One man, with a reddish nose and a small gray beard, found his courage anew and began to accuse the woman once more of being a liar, an embezzler, and such like names. Suddenly the woman jumped up. I thought she would pounce upon the little gray man and kill him on the spot. But she did something quite different. She flung open the door of the Holy Ark, impetuously took hold of the Torah scroll inside, and called out in a heart-rending voice: "I swear by the sacred scroll that I am telling the truth!"

Then she enumerated all the assertions to which she was swearing.

Father jumped up as though to tear the scroll out of her hands, but it was too late. Her adversaries stood motionless, petrified. The woman's voice became hoarse, was broken by sobs. She kissed the coverlet of the scroll and began to cry with such a broken, wailing voice that one was reminded of an excommunication, of a funeral.

For a long time there was a heavy silence in the study. Father stood, his face pale, and shook his head as if in negation. The men stared at each other, confused, perplexed. There was, obviously, no more to be said, nothing further to be argued. The woman left first. Then the men left. Father stood for a while in a corner and wiped the tears from his eyes. All these years he had avoided taking even a pledge—and now a woman had sworn by the Torah, in our house, before our scroll. Father feared a harsh retribution. Mother paced the kitchen, deeply upset. Father walked over to the Ark, opened the door slowly, moved the scroll, straightened the scroll holders. It was almost as though he wanted to ask the scroll's forgiveness for what had happened.

Usually after a Din Torah, Father would talk over the arguments with the family, but this time all remained silent. It was almost as though the adults had made a pact not to mention the incident by so much as a word. For days an ominous silence hung over our house. Father lingered over his prayers in the Hasidic study house. He no longer chatted with me. Once, however, he said he had only one request to make of the Almighty: that he might no longer have to earn his living as a rabbi. I frequently heard him sigh his familiar sigh and whisper the plea: "Ah, woe is us, dear Father . . ." And sometimes he would add: "How much longer? How much longer?"

I knew what he meant: how much longer will this bitter exile last? How much longer will the Evil One hold sway? . . .

מ'האט אנגעהויבן ביסלעכווייז פארגעסן דאס געשעעניש. דער טאטע איז ווידער געווארן צוגעלאזן, גענומען דערציילן מעשיות, נאכזאגן חסיד'ישע ווערטלעך. די דין־תורה איז צושטאנד־געקומען אין מיטן זומער. ס'זענען געקומען די דריי וואכן, די ניין טעג, תשעה באב. דערנאך איז געווארן חמשה עשר באב, און דער טאטע האט גענומען לערנען אין אוונט. דערנאך איז געקומען דער חודש אלול און אין חסידים־שטיבל אויף אונזער הויף האט מען געבלאזן שופר אפצושרעקן דעם שטן דעם מסטרג. אלץ איז צוגעגאנגען ווי אלע יאר. מיין פאטער פלעגט זיך אויפהויבן פרי. ארום זיבן אזייגער האט ער שוין געוואשן נעגלוואסער און זיך גענומען גרייטן צום לערנען זיין שיעור. ער האט זיך געפארעט שטילערהייט, נישט אויפצואוועקן די מאמע און די קינדער.

אבער דאסמאל האבן מיר מיט'ן טאג צוגלייך דערהערט א שטארק קלאפן אין דער דרויסן־טיר. דער טאטע האט זיך דערשראקן. די מאמע האט זיך אויפגעזעצט. איך בין ארויסגעשפרונגען פון בעט. מען האט קיינמאל נישט געקלאפט ביי אונז אזוי פרי. קיינער קומט נישט פארטאג פרעגן א שאלה, אדער האבן א דין־תורה. א קלאפן מיט אימפעט און רוגזה אין דער טיר איז ביי אונז געווען פארבונדן מיט פאליציי. עס האט ביי אונז שבת געדאווענט א חברה און א דערלויבעניש, א „פאזוואליעניע", און דער טאטע האט תמיד זיך געשראקן מען זאל אים, חלילה, נישט קומען ארעסטירן. לויט'ן רוסישן געזעץ האט ער אפילו נישט געטארט געבן קיין חופה־וקידושין און גט'ן. אמת, מיר האבן דורך א מאכער געשיקט דעם רעוויראווי און דעם סטראזשניק יעדעס יאר עטלעכע קערבלעך. אבער ווער ווייסט וואס נאטשאלסטווא קען אלץ אפטאן? דער טאטע האט מורא געהאט צו גיין עפענען די טיר. ער האט נישט געקאנט רעדן קיין ווארט רוסיש אדער פויליש. די מאמע האט אנגעטאן א שלאפראק און איז אוועק צו דער טיר. איך בין גיך אריינגעקראכן אין די הויזן און שטיוול און בין איר נאכגעגאנגען. איך האב זייער ליב געהאט צו זען א פאליציאנט, באזונדערס נאך ביי אונז אין שטוב. די מאמע האט נאך הינטער דער טיר גענומען ריידן פויליש.

— קטא טאם?

— עפנט אויף! — האט זיך דערהערט א קול אויף יידיש.

איך בין געלאפן אנזאגן דעם טאטע'ן די בשורה, אז ס'איז א ייד, נישט פאליציי. דער טאטע האט גלייך אפגעגעבן א לויב דעם רבונו של עולם.

איך בין צוריקגעלאפן אין קיך און געזען א פארוואונדערטער, אז דאס איז די יידענע וואס האט דאמאלט געשוואוירן ביי דער ספר־תורה. באלד האט די מאמע זי אריינגעפירט אין בית־דין־שטוב. דער טאטע איז אריינגעקומען פון שלאף־שטוב.

— וואס איז, הא? — האט ער געפרעגט מיט הקפדה.

— רבי, איך בין די פרוי וואס האט דאמאלט געשוואוירן — האט די יידענע געזאגט.

— הא? נו־נו...

— רבי, כ'דארף אייך זאגן א סוד!

— גייט ארויס! — האט דער טאטע באפוילן זיין בני־בית.

די מאמע איז ארויס און מיך מיטגענומען. איך האב געהאט א געוואלדיקן חשק אונטערצוהערן, אבער די יידענע האט אויף מיר געווארפן א פינסטערן בליק, א סימן אז זי פארשטייט מיינע שטיק. דאס פנים איר'ס איז געווארן בייניקער, שפיציקער, אש־גרוי. איך האב געהערט פון בית־דין־שטוב א מורמלעניש, א זיפצעניש, א שטיל־שווייגן, ווידער א שארכעניש. עפעס האט זיך דארט געטאן, אין דעם קילן אלול'דיקן פרימארגן, אבער וואס האב איך נישט געקאנט דערגיין. די מאמע האט זיך אומגעקערט אין בעט. איך האב מיך אויך צוריק אויסגעטאן. אבער כאטש איך בין געווען מיד און די אויגן האבן זיך מיר געקלעפט, האב איך נישט געקאנט איינשלאפן. איך האב שוין געהאפט אויף דער מינוט ווען דער טאטע וועט זיך אומקערן. אבער א שעה איז אריבער און מען האט נאך אלץ אין בית־דין־שטוב זיך גע'סוד'עט. איך האב שוין אנגעהויבן איינדרימלען, נאר דא האט זיך אויפגעמאכט די טיר און דער טאטע איז אריינגעקומען. ער איז געווען ווייס.

— וואס איז דארט געשען, הא? — האט די מאמע געפרעגט.

— אוי זויי, אוי וויי! — האט דער טאטע געענטפערט — אוי וויי געוואלד, ס'איז עק וועלט! ס'איז כלו כל הקצין!

— וואס איז, הא?

— פרעג ניש'! משיח מעג שוין קומען!... ס'איז עפעס גאר אזוי — באו מים עד נפש!...

— זאג וואס ס'איז געשען!...

— זי'ט נעבעך געשוואוירן פאלש... ס'האט זי נישט געלאזט רוען... זי'ט אליין מודה געווען... דערמאן דיך: געשוואוירן פאלש ביי דער ס פ ר ת ו ר ה!...

די מאמע איז געבליבן זיצן אויפ'ן געלעגער א פארשוויגענע. דער טאטע האט זיך גענומען שאקלען אנדערש ווי געווינלעך. דער גוף האט זיך געוואקלט אהין־און־צוריק, ווי א בוים אין א ווינט. די פאות האבן זיך מיטגעשאקלט. אינדרויסן איז געהאט אויפגעגאנגען די זון און געווארפן אויף זיין פנים א רויטע נעץ, און די בארד האט דערפון באקומען א קאליר ווי פון פייער.

Slowly we began to forget the incident. Father again became approachable, began to tell stories and to repeat Hasidic lore. The Din Torah had taken place during the summer. Then came the Three Weeks of Mourning for the destruction of the temple, followed by the Nine Days, and the Ninth of Ab. Then on the Fifteenth of Ab, Father again began to study in the evenings. The month of Elul came, and in the Hasidic synagogue in our courtyard the shophar was sounded every day to frighten away Satan, the accuser. Everything was taking place just as in every other year. Father would rise early. By seven he had already performed the morning ablution and was preparing to study his daily portion of the Talmud. He made his preparations quietly, so as not to wake Mother and the children.

But one morning, at the break of day, we heard a tempestuous knocking on the outer door. Father was alarmed. Mother sat up in bed. I jumped out of my bed. No one had ever knocked on our door so early in the morning. People do not come to ask ritual questions before the day has fully dawned, nor to settle disputes. Knocking with such force and anger for us could mean only the police. On the Sabbath a small congregation gathered in our house for prayers, and for this we had no license. Father always lived in the fear that he might, God forbid, be imprisoned. According to Russian law he was not even licensed to perform weddings or to grant divorces. True, by way of a certain "fixer" he regularly sent small sums to the local precinct chief and captain. But who knows what the Russian police would suddenly decide to do? Father was afraid to open the door. He did not speak a word of Russian or Polish. Mother put on her robe and went to the door. I crept into my pants and boots, and followed her. I was thrilled at the prospect of seeing a uniformed policeman right in our house. Mother began to speak Polish even before she opened the door.

*"Kto tam?"*

"Open the door!" a voice was heard in Yiddish.

I ran to tell Father the good news that the stranger was a Jew and not a policeman. He quickly praised the Lord of the Universe.

I rushed back into the kitchen, where, to my astonishment, I recognized the woman who had sworn the oath before the Torah scroll. A little later Mother brought her into the study. Father entered from the bedroom.

"Hmm, what is it?" he asked irritably.

"Rabbi, I am the woman who swore the oath . . ." she began.

"Hmm, nu? Nu?"

"Rabbi, what I have to tell you is confidential."

"Leave the room," Father said to the family.

Mother went out and took me with her. I had a tremendous desire to eavesdrop, but the woman had cast a gloomy look upon me, indicating that she was wise to my tricks. Her face had become gaunter, pointier, ashen. From the study I could hear a mumbling, sighs, a silence, then again a muttering. Something was happening in there on that cool Elul morning, but I could not discover what it was. Mother went back to bed. I also undressed again. But although I was tired and my eyelids were heavy, I could not fall asleep. I was waiting for Father to return, but an hour passed and they were still whispering secrets in the study. I was just beginning to doze off when the door opened and Father entered. His face was white.

"What happened?" asked my mother.

"Oh, woe, woe!" answered my father. "Woe is us—this is the end of the world, the end of all ends!"

"What is it?"

"It were better not to ask. It is time for the Messiah to come! Everything is in such a state . . . 'for the waters are come in unto my soul . . .'"

"Tell me what happened!"

"Alas, the woman swore falsely. She has been able to find no rest. . . . She confessed of her own free will. . . . Think of it: she swore falsely before a Torah scroll!"

Mother remained seated on her bed, silent. Father began to sway, but there was in his swaying something different from other days. His body rocked back and forth like a tree tossed by a storm wind. His earlocks quivered with every motion. Outside, the sun was rising and cast a reddish net over his face, and his beard glowed like a flame.

— וואס האסטו איר געזאגט, הא, טאטעשי?

דער טאטע האט געווארפן א בייזן בליק צו מיין געלעגער.

— שלאפסט נישט? דו שלאף!

— טאטעשי, כ'האב אלץ געהערט!

— וואס האסטו געהערט? דער יצר־הרע איז גרויס, גרויס! פאר א פאר קערבלעך פארקויפט מען די נשמה!... א שבועה געטאן!... א שבועה דאורייתא... אבער זי האט פונדעסטוועגן חרטה. פארט א יידישע טאכטער! תשובה העלפט אויף אלץ! — האט דער טאטע מיטאמאל געטאן א רוף. — אפילו ווען נבוזראדן האט תשובה געטאן, האט מען די תשובה אנגענומען!... נישטא אזא עבירה וואס ס'העלפט ניש' קא תשובה!...

— זי'ט מוזן פאסטן, הא?

— קודם־כל מוז זי אפגעבן ס'געלט. והשיב את הגזלה אשר גזל... ס'גייט צו יום־כיפור. אז מ'טוט תשובה מיט'ן גאנצן הארץ, איז השם יתברך מוחל. ער איז אן אל רחום וחנון!...

איך האב שפעטער געהערט אז חלומות האבן געמאטערט די יידענע. זי איז נישט געשלאפן נעכט. די טויטע טאטע־מאמע זענען איר געקומען צו חלום, אנגעטאן אין די תכריכים. דער טאטע האט איר ארויסגעגעבן א תשובה: צו פאסטן מאנטאג און דאנערשטאג, צו געבן צדקה, נישט צו עסן א צייט קיין פלייש אחוץ שבת און יום־טוב. זי האט, אפנים, אפגעגעבן דאס געלט אויך, ווייל ביי אונז אין שטוב האבן זיך ווידער באוויזן די יידן, וואס מיט זיי האט די יידענע געהאט די דין־תורה.

יארן דערנאך האט דער טאטע דערציילט די מעשה. ביי יעדער דין־תורה ווען עמיץ האט דערמאנט א שבועה, האט דער טאטע פונסניי איבערדערציילט די געשיכטע פון דער דאזיגער יידענע. מיר האט זיך אלעמאל געדוכט, אז די ספר־תורה געדענקט, און אז ווען דער טאטע דערציילט פון דעם טרעפעניש, הערט זי זיך צו פון יענער זייט פרוכת...

"What did you say to her, Father?"

Father looked angrily toward my bed. "What, you are not asleep? Go back to sleep!"

"Father, I heard everything!"

"What did you hear? The evil inclination is strong, very strong! For a little money, one sells one's soul! She took an oath, an oath before the Torah! . . . But she has repented. Despite everything, she is a true Jewess. Repentance helps in every need!" Father exclaimed suddenly. "Even Nebuzradan, when he repented, was granted forgiveness. There is no sin that cannot be wiped out by penitence!"

"Will she have to fast?"

"First of all, she has to return the money, for it is written: 'That he shall restore which he took violently away . . .' Soon it will be Yom Kippur. If one repents with all one's heart, the Almighty—blessed be His name—forgives. He is a merciful and forgiving God!"

I heard later that nightmares had tortured the woman. At night she could not sleep. Her dead father and mother appeared to her in her dreams, dressed in shrouds. My father imposed a penitence upon her, to fast Mondays and Thursdays, to give money to charity, to abstain from meat for some time, except on the Sabbath and holidays. In addition she must have returned the money, for I recall seeing, one more time in our house, the men who had accused her.

Years later Father still told this story. If ever, during a Din Torah, anyone mentioned an oath, he would tell the story of this woman. To me it always seemed that the Torah scroll, too, remembered, and that whenever Father retold the incident, there, on the other side of the velvet curtain that covered the Ark, the scroll was listening . . .

# 7

## ווען ער וואלט געווען אַ כהן

די טיר האט זיך געעפנט און ס'איז אריינגעקומען א פרוי אין די בלויזע האר. נישט אפט זענען אריינגעקומען צו אונז ווייבער אין די האר. אפילו יענע וואס זענען געגאנגען אין די האר, האבן אנגעטאן א פאטשיילע אויפ'ן קאפ איידער זיי זענען געקומען אין אונזער שטוב. אבער די דאזיגע פרוי איז, אפנים, געווען צו־אויפגערעגט, צו צעיאכמערט צו קאנען טראכטן וועגן עפעס אנדערש אחוץ איר שאנד־און־שמאד. זי איז געווען מיטלוואוקסיק, דיקלעך, מיט א רויטלעך פנים און מיט א פריזור געלבלעכע האר פארלייגט אויף הינטן אין א גרעק און באשטעקט מיט האר־נאדלען. די פרוי איז זיכער געווען אמאל א שיינע, א פארשוין, אבער זי האט אויסגעקוקט צעשויבערט, פארביטערט, דערצארנט. זי האט נאך געגומען שרייען אין קיך:

— א מערדער איז דאס! א באנדיט!... כ'קאן מער נישט אויסהאלטן!... א גט וויל יאך! א גט!...

די מאמע האט זי, אפנים, געקאנט. זי האט געוואוינט אקעגנאיבער, קראכמאלנע נומער 16. זי האט גענומען דערציילן מיט געשרייען און זידלערייען וואס איר מאן, דער אויסוואורף, דער טריפניאק, טוט אלץ אפ. ער גיט נישט קיין פרנסה, ער טוט נישט אכטונג אויף די קינדער, ער זיצט־אפ גאנצע טעג אין דער שענק אויף קראכמאלנע נומער 17 און טרינקט ביר מיט וואוילע יונגען און בלאטע ווייבלעך. אבער דאס וואס ער האט איצט אפגעטאן, גייט שוין איבער אלע מאסן. דאס וועט זי אים שוין נישט שענקען. דאס וועט זי נישט פארגעסן ווען זי וועט ליגן מיט די פיס צו דער טיר און מיט שערבעלעך אויף די אויגן.

— וואס האט ער געטאן?

—רביצין, ער'ט פארשפילט דעם אויוון!...

— דעם אויוון? ווי אזוי פארשפילט מען דאס אן אויוון?

דער ייד האט, אפנים, נישט געהאט אין דער דירה קיין קאפלענעם אויוון, ווי ביי אונז, נאר אן אייזערנעם אויוון, און דעם דאזיגן אויוון האט ער פארשפילט אין קארטן. מאנסלייט זענען אריינגעקומען און ארויסגעטראגן פון שטוב דעם אויוון.

די פרוי האט געשריגן מיט א געהאליש קול. די מאמע האט געוויינלעך געפרואווט מאכן שלום צווישן פארפעלקער, נאר די דאזיגע מעשה האט איר אויך אנגענומען ביים הארץ. זי איז געווארן עפעס ווי פארשעמט פאר דער מאנסבילשער געפאלנקייט. זי איז געשטאנען א פארשוויגענע. די פרוי האט גענומען אויסרעכענען א צעטל זינד, איינע ערגער פון דער אנדערער. אזוי פארטאן איז געווען די מאמע מיט דער פרוי, אז זי האט מיך אפילו נישט באמערקט. אן אנדער מאל וואלט זי מיך געוועז אוועקגעטריבן. איך האב שוין געוואוסט, אז מענשן טוען־אפ אלערליי עוולות, נאר פון אזוינע אומווערדיקייטן האב איך נאך נישט געהאט געהערט. און ווער האט זיך געקאנט פארשטעלן, אז אזוינע שלעכטס־טוער וואוינען אזוי נאענט פון אונז?

דער טאטע האט מיך געשיקט רופן דעם ייד און איך בין געגאנגען מיט גרויס נייגיר. איך בין ארויף אויף א הויכן שטאק און געטראפן א האלב־אפענע טיר. עטלעכע קינדער האבן זיך געשפילט, גע־שריגן, געקוויטשעט. אויף א צעבראכענער קאנאפע איז געלעגן א מאנס־ביל, א דיקליכער, א געגאלטער, מיט דיקע געלבלעכע וואנסן, אנגעטאן אין א העמד וואס האט זיך פארמאכט מיט א ספינקע און אין שטיוול אזוינע מיט הויכע געפאסטע כאלעוועס, ווי ס'טראגן נאר וואוילע־יונגען און פראסטאקעס. ער איז געווען אן א היטל און די העלע האר זענען געווען פארשוירן אין א בערשטל. ער האט אויסגעזען שלעפעריק, שיכור און אין כעס.

— וואס ווילסטו?

— איהנ'ס וואב האט איהן געשיקט רופן צום מורה הוראה.

— צום מורה הוראה, הא?

— יא.

— זי וויל זיך גט'ן, הא?

— יא.

— נו, כ'על זי נישט צוהאלטן!

דער ייד האט זיך געטאן א שטעל־אויף. ער האט אנגעזאגט דעם עלטערן מיידל זי זאל אכטונג טאן אויפ'ן קליינווארג. אין א פאר מינוט ארום איז ער געווען ביי אונז אין בית־דין־שטוב. דאס ווייב האט אים באגעגנט מיט קללות, געשרייען, געבאלטע פויסטן. ער האט ארויסגע־לאזט א קול, וואס האט זי איבערגעשריגן.

— שא! אז ווילסט א גט, זאל זיין א גט! נישט געליארעמט!...

דער טאטע האט אריינגערופן די מאמע אויף א סוד. די מאמע האט געזאגט, אז מ'קאן די צעקריגטע מאן־און־ווייב נישט אפ'גט'ן. זיי האבן קינדער. דער טאטע האט מסכים געווען. ער איז צוריק אריינגעקומען און געזאגט דאס וואס ער האט געוויינלעך געזאגט אין אזוינע פאלן: אז גט'ן זיך איז נישט קיין קליניקייט, מען טוט נישט אזוינע זאכן כאפ־לאפ־צאפ. מ'מוז זיך גוט איבערלייגן. מ'דארף טראכטן וועגן די קינדער. די פרוי איז געווארן מלא רציחה.

— אויב אזוי, וועל יאך גיין צו אן אנדער רבי'ן.

— קיין שום מורה הוראה וועט אייך נישט ארויסגעבן קא' גט אויף דער הייסער מינוט.

ווען דער טאטע האט דאס געזאגט, האט ער עפעס ווי געטאן א שמייכל. ס'איז געווען א ליגן וואס ער האט געזאגט מפני דרכי השלום. ס'זענען געווען אין ווארשע מורה־הוראה'ס, וואס האבן נישט געמאכט קיין לאנגע צערעמאניעס. אז מ'איז געקומען נאך א גט, האבן זיי גלייך געגעבן א גט. באזונדער האט זיך אויסגעצייכנט דערמיט דער מורה הוראה פון א געסל, וואס איך וויל דא נישט אנרופןביים נאמען. ווער ווייסט? אפשר האט אים געשטופט די נויט? יענער האט געהאט ממש א פאבריק פון גט'ן. ס'האט געטראפן אז עטלעכע סופרים זענען געזעסן ביי אים און געשריבן גט'ן מיט איין מאל. ווארשעווער ווינקל־מורה הוראה'ס האבן נישט איינמאל גערעדט וועגן ארויסגעבן אויף זיינע גט'ן אן איסור.

א היפשע צייט האבן מאן־און־ווייב זיך געזידלט און געשאלטן ביי אונז אין שטוב. זיי האבן געמאכט אזוינע קולות, אז מ'האט געהערט דעם הארמידער אין גאס. זי האט דערמאנט דעם מאן אלע זיינע גע־מיינקייטן, אלע צרות און בזיונות וואס זי איז אויסגעשטאנען פון אים פון דעם טאג אן וואס דאס ביטערע מזל האט זי געטריבן זי זאל מיט אים חתונה־האבן. דא האט די פרוי געוויינט און דא האט זי געשריגן מיט אן אומגעוויינלעך שטארק קול; דא האט זי גענומען רעדן ווייך, עפעס ווי מיט תחנונים, און דא איז זי ווידער געווארן ווילד. זי האט יערעס מאל א זוד געטאן מיט די הענט. ווען ביי אונז אין שטוב וואלט זיך געווען געפינען א זאך, וואס מ'קאן דערמיט שלאגן, אדער וואס מ'קאןווארפן אין קאפ אריין, וואלט זי זיכער אין איר רציחה אפגעטאן א ווילדקייט. אבער ס'איז דא גארנישט געווען אחוץ ספרים. דער מאן האט מער געשוויגן ווי גערעדט. אבער ווען ער האט געעפנט דאס מויל, זענען ארויסגעקומען דיבורים פון א גרוביאן, וואס סאי ער איז דער־שראקן און סאי ער איז גרייט אויף מלחמה.

נאך לאנגע רייד און טענות איז דאס פארפאלק אוועק. ווארשע איז א גרויסע שטאט און אפילו די קראכמאלנע גאס איז געווען א גרויסע שטאט. ס'זענען אריבער טעג אדער אפשר א פאר וואכן און מיר האבן נישט געהערט וואס עס איז געשען צווישן דעם פאר. מאלע מאן־און־ווייב קריגן זיך! ס'האט געטראפן יעדן טאג, אדער צען מאל א טאג. ס'זענען אפילו געווען אויף דער קראכמאלנע אזוינע פארפעלקער, וואס אז זיי האבן זיך געוואלט קריגן, פלעגן זיי ארויסגיין אין גאס און ווארטן ביז עס וועט זיך ארומשטעלן א געזעמל. וואס פאר'א טעם האט צו קריגן זיך צווישן פיר ווענט?

מיטאמאל עפנט זיך ביי אונז די טיר און ס'קומט אריין דער פארשוין וואס האט פארשפילט דעם אויוון אין קארטן. ער האט אויסגעזען עפעס ווי מאגערער, צעקנוידערט, אפגעלאזן. די באקן זענען אים איינגעפאלן, די פארב פון זיין רויט פנים איז געווארן פארבלאסט. די וואנסעס זענען מער נישט געווען פארדרייט ווי צוויי שפרינגפעדערס, נאר קבצנ'יש אראפגעהאנגען ווי ביי א סטרוזש. אפילו די שטיוול האבן מער נישט געהאט דעם אמאליקן גלאנץ.

— איז דער מורה הוראה דא?

— יא, אין דער אנדערער שטוב.

א ווייל האט דער ייד געשוויגן און די מאמע האט געשוויגן. אבער איך האב דערקאנט, אזביידע ווילן רעדן. צום סוף האט די מאמע א פרעג געטאן:

— וואס איז געווארן?

— אוי, רביצין, ס'איז שלעכט.

— וואס איז געשען, הא?

— מ'האט אונז אפגע'גט.

— וואו?...

און דער ייד האט אנגערופן דאס געסל.

די מאמע האט געטאן א פאטש מיט די הענט.

— בושה און חרפה מעגען זיי האבן!... פאר די פאר רובל ווען זיי מענשן אומברענגען!...

ווידער איז געווען א ווייל שטיל. דערנאך האט די מאמע געפרעגט:

— וואס זענט איר? א כהן? א לוי? א ישראל?

— איך? א, כ'ווייס ניש'.

— האט אייער פאטער גע'דוכנ'ט אין שול?

— מיין פאטער? גע'דוכנ'ט? ניין. וואס עפעס פרעגט איר?

— גייט אריין צו מיין מאן.

די מאמע, די רבנ'ישע טאכטער, האט וואויל געוואוסט וואס זי האט געפרעגט. א לוי אדער א ישראל מעג צוריקנעמען די פרוי וואס ער האט גע'גט, אבער א כהן טאר נישט חתונה האבן מיט קיין גרושה, אפילו נישט מיט זיין אייגענער גרושה.

יא, דער ייד האט געהאט חרטה. ער האט אויסגעזאסן פאר'ן טאטע'ן דאס ביטערע געמיט. ער איז געווען בייז, דאס ווייב איז אריינגעפאלן אין א יוכע, און דאס רב'ל דארט האט זיך געלאקעוועט אויף די פאר קערבלעך. ער האט זיי איינס־צוויי אפגע'גט. אבער דער כעס איז אריבער. די קינדער וויינען און בענקען נאכ'ן טאטע'ן. דאס ווייב איז אויס־מענש. ער אליין גייט־אויס פון בענקשאפט צום ווייב און צום קליינווארג. אוודאי האט ער זיך געפירט שלעכט, אבער ער וויל ווערן צוריק א לייט. ער האט געטאן א נדר מער נישט צו נעמען א קארט אין האנט. ער'ט זיך נישט צורירן צום ביטערן טראפן. ער האט ליב דאס ווייב, ער איז אן איבערגעגעבענער טאטע. פאר די קינדער איז ער גרייט דאס לעבן צו שטרעסן. ער וויל צוריק חתונה האבן מיט זיין געטריי ווייב.

— איר זענט נאר נישט קיין כהן? — האט דער טאטע א פרעג געטאן מיט אימפעט.

דער ייד האט געזאגט ניין, אבער דער טאטע האט מיך געשיקט צו דעם גע'גט'ן ווייב און איר געהייסן קומען מיט'ן גט, אדער מיט דער כתובה. דארט האט דער טאטע געפונען, אז דער ייד איז נישט קיין כהן. דער טאטע האט זיך דערפרייט. די מאמע איז געווארן אן אויפגערוימטע. ערשט איצט, אז מען האט דעם שאדן געקאנט צוריק פארריכטן, האט דער טאטע גענומען זאגן דעם ייד מוסר. ווי שעמט ער זיך נישט? ווי קאן מען זיך אזוי אריינטאן אין נשמיות? די נשמה קומט פון אונטער'ן כסא הכבוד. מ'שיקט זי אראפ אויף דער וועלט פאררירכטן, נישט קאליע־מאכן. מ'לעבט נישט אייביק. ס'קומט א צייט ווען מען דארף אפגעבן דין וחשבון...

דער ייד האט אויף אלץ געשאקעלט מיט'ן קאפ. די פרוי איז גע־שטאנען מיט פארבראכענע הענט, נישט אין בית־דין־שטוב, נאר אין קיך, ביי דער אפענער טיר. זי איז אויך געווארן אין דער קורצער צייט אויסגעבלאסט, פאר'חושכ'ט. זי האט געוויזן דער מאמע'ן, אז דאס קלייד פאלט פון איר אראפ, אזויפיל לייב האט זי פארלוירן. זי שלאפט נישט נעכט. ס'שטייט איר א קנויל אין האלז און זי קאן אפילו נישט וויינען...

און די פרוי האט זיך מיטאמאל צעיאמערט מיט א פארכטיקער שטים, וואס ס'איז קוים געמאלט, אז זי זאל קאנען ארויסקומען פון א מענטש־לעכער קעל. איך האב דאמאלס פארשטאנען, אז מאן־און־ווייב האבן זיך ליב מיט א געוואלדיקער ליבשאפט און זענען צו זיך צוגעבונדן מיט כוחות אזוינע, וואס קיין שום גט קאן נישט איבעררייסן.

יא, די פאר רובל פאר'ן גט האט צוגענומען יענער מורה הוראה, דער גט־פאבריקאנט. אבער די חתונה האט מען געפראוועט ביי אונז אין שטוב. חתן־כלה האבן געלאכט און געוויינט אונטער דער חופה. דעם שבת דערנאך זענען מאן־און־ווייב געגאנגען שפאצירן געארעמט אויף דער קראכמאלנע און מיטגעפירט די קינדערלעך. א פחד נעמט מיך אן ווען כ'טראכט וואס ס'וואלט געווען ווען דער דאזיגער איד וואלט, חלילה, געווען א כהן...

[chap. 7]

# Had He Been a Kohen

The door opened and a bareheaded woman entered. It was rare that a woman with uncovered hair came to our house. Even those who did not wear the traditional matron's wig would put a kerchief over their head before entering our home. But this woman, apparently, was too upset to think about anything except her own shame and disgrace. She was of medium height, stout, with a ruddy complexion. Her yellowish hair was combed back in a bun on her nape and held together by hairpins. She had obviously once been an attractive, even statuesque person, but now she looked disheveled, embittered, angry. She was still in the kitchen when she began to shout: "He's a murderer! A gangster! . . . I cannot take it any more! . . . I want a divorce! A divorce! . . ."



Mother, it seemed, knew her. She lived across the street, at No. 15 Krochmalna Street. With shouts and curses she began to relate what her husband—that wretch—had done to her. He did not earn a living; he paid no attention to the children; he spent his days in the saloon at No. 17 Krochmalna Street drinking beer with his good-for-nothing cronies and women of easy virtue. But what he had done now was the last straw. This she could not forgive. She would never forget it, not even when she was laid out, with her feet toward the door and shards over her eyes.

"What did he do?"

"Rebbetzin, he gambled away the stove!"

"The stove? How can anyone gamble away a stove?"

It appeared that the stove in their house was not a built-in stove like ours but one made of iron—and this he had lost in a card game. Men had come in and carried the stove out of the house.

The woman was shouting in a shrill, fierce voice. Mother, who usually tried to reconcile quarreling couples, was herself angered by this story. She seemed almost to feel ashamed for the utter degradation of mankind. She remained silent. The woman began to recount a list of her husband's sins, one worse than the other. Mother was so preoccupied that she did not even notice me. At any other time she would have chased me from the kitchen. I already knew that people did all sorts of terrible things, but I had never before heard of such dishonorable deeds. Who would have thought so great an evildoer lived so close by?

Father sent me to summon the husband, and I ran, agog with curiosity. I had to climb to one of the upper landings, where I found the door half-open. Inside, sev-



eral children were playing and screaming. On a broken-down sofa lolled a man—stout, clean-shaven, with a full blondish mustache, wearing a shirt fastened with a pin and boots with high, tight-fitting uppers such as are worn only by common people. He wore no hat and his light hair was close-cropped. He looked sleepy, drunk, and annoyed.

"What do you want?"

"Your wife sent for you to come to the rabbi."

"To the rabbi, ha?"

"Yes."

"She wants a divorce, ha?"

"Yes."

"Well, I won't stop her."

The man stood up. He told the eldest girl to watch the little ones. A few minutes later he was in my father's study. His wife greeted him with curses, shouts, clenched fists. Then he outshouted her, "Quiet! If you want a divorce, you'll get a divorce! Stop screaming!"

Father called Mother aside to confer with her. She told him that he could not divorce this couple—they had children. Father agreed. He came back and repeated what he always said in such cases: getting a divorce is no light matter—such things cannot be done helter-skelter. One has to act with deliberation. The children must be considered.

The woman became enraged. "If that is your answer, I will go to a different rabbi!"

"No rabbi will grant you a divorce on the spot."

As father said this, there was a suspicion of a smile on his lips. Actually, what he had said was not true, but a lie told for the sake of preserving family peace. There were in Warsaw some rabbis who did not bother with long-drawn-out formalities. When a couple asked for a



divorce, they granted it. Particularly famous for this was a certain rabbi in a nearby street, who shall remain nameless. Who can tell? Perhaps he was driven to it by dire need. At any rate, he operated a regular divorce mill. It frequently happened that several scribes sat in his house, all writing out divorces at the same time. The other Warsaw rabbis had already discussed the possibility of issuing a ban against these divorces.

For some time longer, husband and wife continued to insult and curse each other in our house. They created such an uproar that the din could be heard in the street. She reminded him of all the wrongs, all the pain and shame she had borne since the day when her accursed fate had driven her to marry him. One minute she wept and the next she shouted with an extraordinarily strong voice; now she spoke softly, almost pleadingly, and then again she became wild. Her hands seemed to be seeking something. Had there been anything in the room that could be used to smash or hurl, she would surely have done something savage in her rage. But there were only the sacred tomes. The man was silent most of this time. But when he did open his mouth, the words he spewed forth were those of a ruffian who is both frightened and ready to wage war.

After much talk and argument, the couple left. Warsaw was a big city, and even Krochmalna Street was like a good-size town. Days or even weeks passed and we heard nothing of what had happened between those two. A quarrel between husband and wife? That happened every day, even ten times a day. There were, on Krochmalna Street, certain couples who, when they felt like quarreling, would go out into the street and wait for a crowd to collect. What pleasure is there in fighting quietly within one's own four walls?

One day our door opened and the man who had gambled away the stove entered. He looked thinner, rumpled, unkempt. His cheeks were sunken, the color of his reddish face had paled. His mustache was no longer stiffly curled as though wound on springs, but drooped like that of a poor janitor. Even his boots had lost their one-time gloss.

"Is the rabbi in?"

"Yes, in the other room."

For a while the man remained silent, and my mother was silent too. But I could sense that both wanted to speak. At last Mother said, "What came of it all?"

"Oh, Rebbetzin, things are bad . . ."

"What happened?"

"We were divorced . . ."

"Where?"

The man named the street.

Mother smote her hands together. "It is a shame and a disgrace! . . . For a few rubles some people are ready to ruin the lives of others!"

Again there was silence in the room. Then Mother asked, "What are you—a Kohen? a Levite? an Israelite?"

"I? . . . I don't know."

"Did your father ever pronounce the Priestly Blessing in the synagogue?"

"My father? The Priestly Blessing? No. But why do you ask?"

"Go in to see my husband."

My mother, the daughter of a rabbi, knew well what she was asking. A Levite or an Israelite may remarry the wife whom he has divorced, but a Kohen may not marry a divorced woman, not even his own former wife.



Yes, the man repented what he had done. He poured out all the bitterness of his heart before my father. He himself had been angry, his wife had been overcome by rage, and the other rabbi had been hungry for the few rubles he stood to earn. But now the wrath had passed. The children cried because they missed their father. The wife was at her wits' end. He himself was sick with yearning for his wife and the little ones. Indeed, he had done wrong, but he wanted to mend his ways. He had vowed never again to hold a card in his hand, nor would he touch another drop of alcohol. He loved his wife; he was a devoted father. For his children's sake he would gladly give his life. Now he wanted to remarry his faithful wife.

"You are not a Kohen, are you?" Father asked quickly.

The man said no, but Father sent me to the divorced wife. She was to bring her writ of divorcement, or her marriage contract. Father looked at these to ascertain that the man was indeed not a Kohen. Now he was relieved. Mother also looked gay. Only now, when he was sure that the rift could be healed, did Father begin to chide the man. Was he not ashamed of himself? How could one become so engrossed in vulgar pleasures? The soul emanates directly from the Throne of Glory. It is sent to this world to be purified, not to be sullied. No one lives forever. There comes a time when each man must render an account . . .

The man nodded assent to everything. The woman stood wringing her hands—not in father's study but in the kitchen, near the open door. She too had in this short time became pale, somber-looking. She showed my mother how loose her dress had become because of the weight she had lost. At night she could not sleep. There



was always a lump in her throat and yet she could not cry . . .

And suddenly the woman began to wail in a terrifying voice, a voice that seemed hardly to issue from a human throat. Then I understood that this man and woman loved each other with a passionate love and were tied to each other by forces so strong that no divorce could sunder them.

Yes, the other rabbi had taken the few rubles for the divorce, but the wedding was held in our house. Bride and groom laughed and cried simultaneously while standing under the canopy. The next Sabbath husband and wife walked arm-in-arm down Krochmalna Street, their children at their side.

Dread overcomes me when I think of what would have happened had this man, God forbid, been a Kohen . . .

# דאס
# שלח מנות

# THE PURIM GIFT

אונזער דירה איז אלעמאל געווען א האלב־ליידיקע. אין בית־דין־שטוב איז גארנישט געווען אחוץ ספרים. אין שלאף־שטוב זענען געשטאנען צוויי בעטן און דאס איז געווען אלץ. אין קיך האט מיין מוטער נישט געהאלטן קיין אנגעגרייטע שפייז. זי האט געקויפט גענוי וויפל זי האט נעדארפט, גאנץ אפט דערפאר ווייל ס׳איז נישט געווען פארוואס צו קויפן. ביי שכנים האב איך געזען טעפיכער, לאנדשאפטן אויף די ווענט, קופערנע בעקנס, אלערליי לאמפן און פיגורלעך. אבער ביי אונז האט מען געקוקט קרום אויף יעדן לוקסוס. וועגן בילדער און פיגורן האט נישט געקאנט זיין קיין רייד. דאס האבן מיינע עלטערן באטראכט פאר עבודה־זרה. איך געדענק אז איך האב אמאל אין חדר פארביטן מיין חומש אויף דעם חומש פון אן אנדער יינגל, און ביי אים אויפ׳ן שער־בלאט זענען געווען אויפגעמאלט משה מיט די לוחות און אהרן מיט׳ן חושן און אפוד, און דערצו א פאר מלאכים. מיין מוטער האט דערויף א קוק געטאן און זיך פארקרימט. זי האט עס געוויזן דעם טאט׳ן. דער טאטע האט גע׳פסק׳נט אז מען טאר אזוינע צורות נישט מאלן אויף קיין חומש. ער האט זיך פאררופן טאקע אויף די צען געבאט: לא תעשה לך כל תמונה, דו זאלסט דיר נישט מאכן קיין שום געשטאלט...

אין דער דאזיגער שטוב פון יידישן פוריטאניזם, וואו מ׳האט געקוקט אויפ׳ן גוף ווי אויף א צוטשעפעניש צו דער נשמה, האט דער פורים מיטאמאל אריינגעבראכט א שטיק לוקסוס.

די באלעבאטים פון גאס האבן אלע געשיקט שלח־מנות. פון נאכמיטאג אן האבן געהאלטן אין איין קומען שלח־מנות־טרעגער. מען האט געבראכט ווייז, מעד, פאמעראנצן, אלערליי קוכנס און באבקעס. איין נגיד האט געשיקט סארדינען, אן אנדערער — לאקס, א דריטער — פיש אין־זיסן־און־זויערן. מ׳האט געבראכט צו אונז עפל אזוינע איינגעוויקלט אין ביבעלע־פאפיר, טייטלען, פייגן, און וואס נישט? דער נעדעקטער טיש איז געווארן פול מיט גוטע זאכן. דערצו זענען געקומען פארשטעלטע מיט מאשקארן אויף די פנים׳ער, מיט קאסקעס אויף די קעפ, מיט טאוולענע פאנצערס און פאפירענע שווערדן, אלץ געגלייזט מיט גאלד־פאפיר, אדער זילבער־פאפיר. פאר מיר איז דאס געווען א ליכטיקער טאג. אבער מיינע עלטערן איז די דאזיגע פארשווענדערישקייט נישט נעטאג. ווען ניחא. איין נגיד האט אונז געשיקט ענגלישן פארטער. דער טאטע האט געקוקט אויף דער פלאש, וואס איז געווען באקלעפט מיט א פארביקן עטיקעט, און געזיפצט. ס׳איז דארט געווען אויסגעמאלט א גוי מיט א רויט פנים, אין א הוט מיט א פעדער און מיט בלאנדע וואנסן. די שיכור׳ע אויגן זיינע זענען געווען פול מיט גוי׳אישער פרייד. דער טאטע האט א זאג געטאן:

— וואס זיי ליינן אריין אין דער עולם־הזה!...

מיט די ווייגען האט דער טאטע שפעטער מכבד געווען די חסידים אין חסידים־שטיבל. די קוכענס האט מען ביי אונז נישט געוואלט עסן, ווייל מיר זענען קיינמאל נישט געווען זיכער ווי ווייט גלאט־כשר ס׳איז ביי ווארשעווער יידן. ס׳איז אויך געווען א ספק צי מ׳טוט נישט אמאל אריין אין זיי קיין שמאלץ, אדער זיי זענען פארווע.

די פארשטעלטע האט מען ביי אונז גיך אפגע׳פטר׳ט, ווייל דאס טראגן א מאשקאר אויפ׳ן פנים און זינגען לידער שמעקט מיט טעאטער, און טעאטער איז טריף. ביי אונז אין שטוב איז די וועלט געווען טריף. ס׳האט נעדויערט א סך יארן ביז איך האב אנגעהויבן פארשטיין וויפל אמת ס׳איז דערין פאראן.

יא, אבער די קראכמאלנע גאס האט נישט געוואלט וויסן פון אזוינע חשבונות. פורים איז געווען פאר דער קראכמאלנע איין גרויסער קארניוואל. די גאסן זענען געווען פול מיט פארשטעלטע און מיט שלח־מנות־טרעגער. די גאס האט געשמעקט מיט צימרינג, זאפערען, שאקאלאד, פרישע געבעקסן און מיט אלערליי זיסקייטן און געווירצן וואס איך האב פארנישט געוואוסט זייערע נעמען. אין די נאש־געוועלבלעך האט מען פארקויפט קיכעלעך וואס האבן געהאט דאס געשטאלט פון אחשורוש, המן, חרבונה, ושתי און ויזתא. עס איז געווען גוט איינצובייסן ביי המנ׳ען א פוס, אדער אראפצושלינגען אסתר המלכה׳ס קאפ. דערביי האבן, פארטיט זיך, די גראגערס נישט אויפגעהערט גראגערן צו׳להכעיס אלע המנ׳ס פון אלע צייטן.

ביי חתן־כלה און ביי בחורים און מיידלעך וואס זענען נעגאנגען צוזאמען איז דאס שיקן שלח־מנות געווען א חוב. מען האט אפט געשיקט טייערע זאכן. עס איז געווען א טייל פון די חתן־כלה מתנות.

צוליב איינעם אזא שלח־מנות האט אויסגעבראכן אין גאס א מחלוקת, וואס האט זיך אויסגעלאזט מיט א דין־תורה ביי אונז אין שטוב.

א חתן האט געשיקט זיין כלה א זילבערנע פושקע, אבער ווען זי האט זי געעפנט — צוזאמען מיט אירע שוועסטער און חבר׳טארינס, וואס

Our home was always half unfurnished. Father's study was empty except for books. In the bedroom there were two bedsteads, and that was all. Mother kept no foods stocked in the pantry. She bought exactly what she needed for one day, and no more, often because there was no money to pay for more. In our neighbors' homes I had seen carpets, pictures on the walls, copper bowls, lamps, and figurines. But in our house, a rabbi's house, such luxuries were frowned upon. Pictures and statuary were out of the question; my parents regarded them as idolatrous. I remember that in the heder I had once bartered my Pentateuch for another boy's, because the frontispiece of his was decorated with pictures of Moses holding the Tablets and Aaron wearing the priestly robe and breastplate—as well as two angels. Mother saw it and frowned. She showed it to my father.

Father declared that it was forbidden to have such pictures in a sacred book. He cited the Commandment: "Thou shalt not make unto thee any graven image, or any likeness . . ."

Into this stronghold of Jewish puritanism, where the body was looked upon as a mere appendage to the soul, the feast of Purim introduced a taste of luxury.

All the neighbors sent *shalach-monos*—Purim gifts. From early afternoon the messengers kept coming. They brought wine, mead, oranges, cakes, and cookies. One generous man sent a tin of sardines; another, smoked salmon; a third, sweet-and-sour fish. They brought apples carefully wrapped in tissue paper, dates, figs—anything you could think of. The table was heaped with delicacies. Then came the masked mummers, with helmets on their heads and cardboard shields and swords, all covered with gold or silver paper. For me it was a glorious day. But my parents were not pleased with this extravagance. Once a wealthy man sent us some English ale. Father looked at the bottle, which bore a colorful label, and sighed. The label showed a red-faced man with a blond mustache, wearing a hat with a feather. His intoxicated eyes were full of a pagan joy. Father said, in an undertone, "How much thought and energy they expend on these worldly vanities."

Later in the day Father would treat the Hasidim with the wine. We did not eat the Warsaw cakes, for we were never certain just how conscientious Warsaw Jews were about the dietary regulations. One could not know whether the pastries had been baked with chicken fat and must therefore not be eaten together with any milk foods.

The mummers, too, were disposed of quickly, for the wearing of masks and the singing of songs smacked of the theater, and the theater was *tref*—unclean. In our home, the "world" itself was *tref*. Many years were to pass before I began to understand how much sense there was in this attitude.

But Krochmalna Street did not wish to take note of such thoughts. For Krochmalna Street, Purim was a grand carnival.

The street was filled with maskers and bearers of gifts. It smelled of cinnamon, saffron and chocolate, of freshly baked cakes and all sorts of sweets and spices whose names I did not know. The sweetshops sold cookies in the shapes of King Ahasuerus, Haman the Wicked, the chamberlain Harbona, Queen Vashti, and Vaizatha, the tenth son of Haman. It was good to bite off Haman's leg, or to swallow the head of Queen Esther. And the noisemakers kept up a merry clamor, in defiance of all the Hamans of all the ages.

Among betrothed couples, and boys and girls who were "going with each other," the sending of Purim gifts was obligatory. This was part of the customary exchange of engagement presents. Because of one such Purim gift, an argument arose that almost led to a Din Torah in our house.

A young man sent his betrothed a silver box, but when she opened it—in the presence of her sister and her girl friends,

האבן שוין אומגעדולדיק געוואַרט אויף דעם שלח־מנות — האָט זי דאָרט געפונען אַ טויטע מויז. די כלה האָט געטאָן אַן אוממענטשלעכן געשריי און גלייך אַוועקגע'חלש'ט. די מיידלעך האָבן זיך צעשריגן און צעקווי־טשעט מיט באַנומענע קולות. נאָכדעם ווי מען האָט די כלה אָפּגעמינ־טערט מיט קאַלט וואַסער און מיט עסיק און די מיידלעך זענען געקומען צו זיך, האָט מען בשותפות זיך געהאַלטן אַן עצה. די כלה האָט גע־וואוסט פאַרוואָס דער חתן האָט אַזוי געהאַנדעלט. זיי האָבן געהאַט מיט אַ פּאָר טעג פריער אַ מחלוקת. נאָך לאַנגע רייד און טענות איז געוואָרן באַשלאָסן אָפּצוצאָלן דעם בייזוויליקן חתן לויט ווי ער האָט פאַרדינט. אַנשטאָט אַ טויטער מויז, האָט מען אים צוריקגעשיקט אַ טייערן טאָרט, אָבער אָנגעפּילט מיט שמוץ. אַ צוקער־בעקער איז צוגעשטאַנען צו דער פאַרשווערונג. קיין פּרטים קאָנען מיר אייך דאָ נישט געבן. די פרייליגס פון קראָכמאַלנע גאַס האָבן געקוקט דערויף ווי אויף אַ מלחמה צווישן מאַנסבילשן מין און דעם ווייבערשן, און די פרויען האָבן באַוויזן, אַז זיי האָבן די פעאיגקייט און די פאַנטאַזיע צו פירן אַ „דעליקאַטע" מלחמה, אָדער ווי מען רופט עס היינט: אַ קאַלטע מלחמה.

יענעם פּורים האָט די קראָכמאַלנע גאַס געהאַט פון וואָס צו לאַכן. די קאָמישע זייט דערפון איז באַשטאַנען דערין וואָס כאָטש דער חתן האָט אָפּגעטאָן אַ מיאוס'קייט, האָט ער זיך נישט גערעכט, אַז מען וועט אים צוריקצאָלן מיט אַ חזיר'יי, און ער איז געוואָרן נישט ווייניקער דער־שטוינט פון זיין כלה. גלייך האָט מען גענומען צוטראַכטן אַלערליי קאָ־מישע סצענעס און סיטואַציעס. די מיידלעך פון דער קראָכמאַלנע האָבן געהאַלטן פון לאַכן. מען האָט דאָרט אָפט געהערט געלעכטערן ווי אין אַ משוגעים־הויז. דאַסמאָל האָט מען געכיכעט און געכאָכעט פון עק גאַנצע ביז עק ציעפּלע. דער חתן איז אויך נישט געזעסן אַליין ביי דער פּורים־סעודה. ער האָט אויך געהאַט זיינע גוטע־ברידער, וואָס האָבן צו־געלייגט אַ האַנט צו דעם שאַלקהאַפטן פּלאַן.

יאָ, דער פּורים איז געווען אַ הייטערער. אָבער צומאָרגנס, שושן־פּורים, האָט מען זיך אויסגעניכטערט און מען איז געקומען צו אונז האָבן אַ דין־תורה. אַ פולע שטוב מיט מענטשן האָט זיך אָנגעשאָטן. די כלה האָט געבראַכט איר משפּחה, אירע פריינדינעס, און דער חתן האָט מיטגענומען זיין פאַמיליע און זיינע גוטע־פריינט. ער האָט געהאַט עטלעכע שוועס־טער. מען האָט אָנגעהויבן שרייען נאָך אויף די טרעפּ און מען האָט אַזוי אָפּגעשריגן אַ האַלבע שעה און מיין פאָטער האָט נאָך אַלץ נישט גע־וואוסט ווער עס מאָנט וועמען און זוענען וואָס דאָ גייט. אַזוי ווי זיי האָבן געשריגן, געליאַרעמט, זיך געזידעלט, געשאָלטן, האָט דער טאַטע געכאַפּט אַ קוק אין זיין ספר. ער האָט געוואוסט, אַז פריער אָדער שפּע־טער וועלן די געמיטער זיך איינשטילן. יידן זענען נישט קיין גזלנים. דערווייל, איידער־וואָס־ווען, איז כדאי צו וויסן וואָס דער מהרש"א מיינט מיט זיין ויש לייִשב. אַזאַ טבע האָט ער, דער מהרש"א: אַנשטאָט צו פאַרענטפערן אַ קשיא, זאָגט ער, אַז מ'קאָן פאַרענטפערן, און גיי זיי אַ נביא וואָס ער מיינט...

איך, וואָס בין אויך געווען אין בית־דין־שטוב, בין געווען געניט אין אַלץ אַרום דעם פאַרלויף. איך האָב זיך צוגעהערט צו יעדן זידל־וואָרט, צו יעדער קללה. מען האָט זיך געקריגט און דערביי אויך אַריינגעוואָרפן גוטע ווערטער און אַנצוהערענישן, אַז ס'לוינט נישט אַ שידוך זאָל אָפּ־גיין צוליב אַזאַ נאַרישקייט. מ'האָט זיך פאַרגעהאַלטן פאַרגאַנגענע זינד. דאָ איז מען געוואָרן זייער גראָב און ווילד, און דאָ האָט מען אויסגע־דרייט דעם דישל און מ'איז געוואָרן פול מיט מחותנ'שאַפט און געטריי־שאַפט. איך האָב פון קינדווייז אָן צוגעזען ווי אַזוי ביים המון איז איין טריט פון גראָבקייט צו איידלקייט, פון פּאַטשן זיך ביז קושן זיך אין די פּיסקעלעך, פון שפּייען איינער אויף דעם אַנדערן ביז קריכן זיך אין די ביינער און אַרויסווייזן צוגעבונדנקייט.

נאָכדעם ווי דאָס געזעמל האָט זיך אויסגעשריגן און געוואָרן הייזעריק פון שרייען, האָט עמיץ דערציילט דעם טאַטע'ן וואָס ס'איז געשען. דער טאַטע איז געבליבן נבהל ונשתומם.

— פע! ווי טוט מען עפּעס אַזאַ זאַך? מ'איז דאָך עובר אויף לא תשקצו...

דער טאַטע האָט גלייך געפונען אַ סך פּסוקים און דינים. ערשטנס, איז עס ליצנות; צווייטנס, איז עס מיאוס; דריטנס, ברענגען אַזוינע מעשים צו כעס, לשון־הרע, רכילות, מחלוקת, און וואָס נישט? ס'איז אויך אַ סכנה, ווייל מחמת מיגל קאָן מען אַמאָל ווערן, חלילה, פאַר־שלאָפט. דאָס פאַראומרייניקן עסנוואַרג, די שפּייז וואָס גאָט האָט באַ־שאַפן צו זעטיקן דעם הונגער, און וואָס מען מאַכט דעריבער אַ ברכה, איז אויך אַן עבירה. דער טאַטע האָט דערמאָנט אַ תנא, וואָס האָט גע־זאָגט, אַז דערפאַר האָט ער זוכה געווען צו לעבן לאַנג, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געלאָזט ליגן קיין ברעקלעך ברויט אויף דער ערד. דער טאַטע האָט ווייטער געזאָגט, אַז כדי ס'זאָל זיין אַ לעקער, האָט מען געמוזט אַקערן, זייען, און מ'האָט געברויכט רעגן און טוי פון הימל. ס'איז נישט עפּעס קיין קלייניקייט אַז פון אַ פאַרפוילט קערענדל אין דער ערד זאָל אַרויסשפּראָצן אַ זאַנג. אַלע חכמים פון דער וועלט זאָלן זיך צונויפקומען, קאָנען זיי קיין זאַנג נישט באַשאַפן. נו, איז אַנשטאָט צו דאַנקען און לויבן דעם רבונו של עולם פאַר זיין גאָב, נעמט מען גאָר זיין מתנה און מען נוצט זי צו דערצערנען מענשן און מ'פאַראומרייניקט וואָס ער האָט באַשאַפן.

אַזוי ווי עס איז פריער געווען אַ געפּילדער, אַזוי איז איצט געוואָרן שטיל. ווייבער האָבן גלייך אויפגעהויבן די פאַרטוכער און געגומען ווישן די אויגן. די מאַנסלייט האָבן איינגעבויגן די קעפּ. די פרייליגס האָבן

who were impatiently awaiting the arrival of the gift—she found it contained a dead mouse! She uttered an unearthly shriek and fainted. The other girls screeched and screamed. After the bride-to-be had been revived with compresses of cold water and vinegar, and her friends had collected their wits, they began to plot revenge. The bride-to-be knew the reason for her boyfriend's outrageous deed. Several days before, they had quarreled. After much talk and discussion, the young women decided to repay the malicious youth in kind. Instead of a dead mouse, however, they sent him a fancy cake—filled with refuse. The baker was party to the conspiracy. The girls of Krochmalna Street looked upon this conflict as a war between the sexes, and Krochmalna Street had something to laugh about that Purim. The strange part of it was that the young man, although he had committed a revolting act, had not expected an equally odious retaliation, and was no less stunned than his fiancée had been. People quickly added imaginary incidents. The girls of Krochmalna Street always believed in laughing. One often heard bursts of uncontrolled laughter that might have come from an insane asylum. This time they chortled and chuckled from one end of the street to the other. The young man, too, had been surrounded by friends at the festive Purim meal. He, too, had been aided and abetted in his prank.

Yes, that Purim was a merry one. But the next morning everyone had sobered up and the warring clans came to us for a Din Torah. The room was jammed full with people. The bride-to-be had brought her family and her girl friends, and the groom was accompanied by his relatives and cronies. All of them were shouting as they climbed up the stairs, and they kept on shouting for half an hour or more, and my father had yet to learn who was the accuser, who the defendant and what the tumult was about. But while they were yelling, screaming, hurling insults and curses, Father quietly pored over one of his books. He knew that sooner or later they would grow calm. Jews, after all, are not bandits. In the meanwhile, before more time had been wasted, he wanted to know what Rabbi Samuel Eliezer Edels meant by the comment in his book, *The Maharsha:* "And one might also say . . ."

I was present in the room and soon knew all about the affair. I listened attentively to every insult, every curse. There was quarreling and bickering, but every once in a while someone ventured a mild word or the suggestion that it was senseless to break off a match for such foolishness. Others, however, raked up the sins of the past. One minute their words were wild and coarse, but the next minute they had changed their tune and were full of friendship and courtesy. From early childhood on, I have noted that for most people there is only one small step between vulgarity and "refinement," between blows and kisses, between spitting at one's neighbor's face and showering him with kindness.

After they had finished shouting, and everyone had grown hoarse, someone at last related the entire story to my father. Father was shocked.

"Shame! How can anyone do such things? It is a violation of the law: 'Ye shall not make your souls abominable . . .' "

Father immediately cited a number of biblical verses and laws. First, it was impious; second, it was loathsome; third, such acts lead to anger, gossip, slander, discord, and what not. It was also dangerous, for the victim, overcome by nausea, might have become seriously ill. And the defilement of edibles, the food which God had created to still man's hunger and over which benedictions were to be recited, was in itself a sacrilege. Father recalled the sage who used to say that he merited long life if only because he had never left bread crumbs lying on the ground. He reminded them that, in order for a cake to be baked, someone had to till the soil and sow the grain, and then rain and dew had to fall from heaven. It was no small thing that out of a rotting seed in the earth a stalk of wheat burst forth. All the wise men of the world together could not create such a stalk. And here, instead of thanking and praising the Almighty for His bounty, men had taken this gift and used it to provoke their neighbors—had defiled what He had created.

Where formerly there had been an uproar, silence now reigned. The women wiped their eyes with their aprons. The men bowed their heads. The girls bashfully lowered their

פארשעמטע אראפגעלאזן די וויעס. פון דעם טאטענ'ס רייד איז די דין־תורה געווארן אויס דין־תורה. א בושה האט אלעמען אנגענומען און אן ערנסטקייט. פון דעם טאטענ'ס מויל האט גערעדט די תורה, און אלע האבן פארשטאנען, אז יעדעס ווארט זיינס איז גערעכט. איך האב אפט בייגעוואוינט ווי מיין פאטער האט מיט זיינע פשוט'ע רייד פארטריבן מענשלעכע קליינלעכקייט, פוסטע אמביציעס, נארישע פארדרוסן און גרויסהאלטעריי.

נאכ'ן טאטנ'ס רייד האבן חתן־כלה זיך איבערגעבעטן. די מחותנת'טעס, וואס האבן זיך ערשט נאר־וואס געזידעלט מיט דער בלאטע צונגלייך, האבן זיך צעקושט. מ'האט גענומען רעדן וועגן אפשטעלן א זמן־חתונה. קיין פסק־געלט האט מיין פאטער נישט באקומען, ווייל ס'איז נישט געווען קיין דין־תורה אין אנגענומענעם זין. ער האט מיט זיין מוסר קאליע געמאכט זיין אייגן פארדינסט. אבער די צייט צווישן פורים און פסח איז ביי אונז געווען א צייט פון פרנסה. צוזאמען מיט דעם שלח־מנות האבן יידן געשיקט א האלבן רובל אדער א גאנצן רובל. אינגיכן האט זיך אנגעהויבן דאס פארקויפן דאס חמץ. ווען די בית־דין־שטוב איז געווארן ליידיק, האט דער טאטע מיך צוגערופן און מיר געזאגט כ'זאל מיר אראפנעמען א מוסר וואס ס'איז ווען מ'לערנט נישט קיין תורה און מ'טוט זיך אריין אין די הבל הבלים פון דער דאזיקער וועלט.

שבת נאכ'ן טשאלנט בין איך ארויס אויפ'ן באלקאן. דאס וועטער איז געווען לינד. דער שניי איז שוין לאנג געהאט צעגאנגען. די טראטוארן זענען געווען טרוקן. אין די רינשטאקן זענען געפלאסן וואסערלעך וואס האבן אפגעשפיגלט אין זייערע כוואליעס די בלויקייט פון הימל, דאס נינגאלד פון דער זון. די יונגע פארלעך פון דער קראכמאלנע האבן זיך ארויסגעלאזט שפאצירן. מיט אמאל זענען פארביי די חתן־כלה וואס האבן זיך געשיקט דאס מיאוס'ע שלח־מנות. זי האט שוין געטראגן באצייטנס א זומערהוט און א זומערדיקן קאסטיום. ער איז געווען אויסגעפוצט אין א העלן קאפעליוש און אין געלע שיך. זיי זענען געגאנגען געארעמט, געשמועסט פריינטלעך, געשמייכעלט. מאלע חתן־כלה צעקרעכלען זיך!

איך בין געשטאנען אויפ'ן באלקאן אין אן אטלאסענער זשופיצע, אין א סאמעטן היטל, מיט רויטע פאות, און געקוקט. ווי גרויס איז די דאזיקע וועלט, ווי רייך אין מענשן, טראפן אויסטערלישקייטן? און ווי הויך גרייכט דער הימל איבער די דעכער? און ווי טיף איז די ערד אונטער די שטיינער? און פארוואס האבן בחורים און מיידלעך זיך אזוי ליב? און וואו איז דער גאט, וואס ווענן אים רעדט מען שטענדיק אין אונזער שטוב? איך בין געווען דערשטוינט, אנטציקט, פארנאפט. איך האב געהאט דאס געפיל, אז איך מוז באשיידן דאס דאזיגע רעטעניש. איך אליין, מיט מיין אייגענעם קאפ...

eyelids. After Father's words there was no more talk of a Din Torah. A sense of shame and solemnity seemed to have overcome everyone. Out of my father's mouth spoke the Torah, and all understood that every word was just. I was often to witness how my father, with his simple words, routed pettiness, vain ambition, foolish resentment, and conceit.

After Father's admonition the bride- and groom-to-be made peace. The mothers, who just a few minutes before had hurled insults at each other, now embraced. Talk of setting a date for the wedding was heard. My father received no fee, for there had been no actual Din Torah. His words of mild reproach had damaged his own livelihood. But no matter, for the weeks between Purim and Passover were a time of relative prosperity for us. Together with the Purim delicacies, the neighbors had sent a half ruble or a ruble each. And soon the pre-Passover sale of leavened bread would begin.

When the study had emptied, Father called me over and cautioned me to take heed of what may happen to those who do not study the Torah but concern themselves only with the vanities of this world.

The next Sabbath, after the *cholent*, the Sabbath stew, I went out on the balcony. The air was mild. The snow had long since melted. The pavements were dry. In the gutter flowed little streamlets whose ripples reflected the blue of the sky and the gold of the sun. The young couples of Krochmalna Street were starting out on their Sabbath walks. Suddenly the two who had sent each other the ugly gifts passed by. They walked arm in arm, chatting animatedly, smiling. A boy and his girl had quarreled—what of it?

I stood on the balcony in my satin gabardine and my velvet hat, and gazed about me. How vast was this world, and how rich in all kinds of people and strange happenings! And how high was the sky above the rooftops! And how deep the earth beneath the flagstones! And why did men and women love each other? And where was God, who was constantly spoken of in our house? I was amazed, delighted, entranced. I felt that I must solve this riddle, I alone, with my own understanding.

## 9

## איין חתן און צוויי כלות

די טיר האט זיך געעפנט און עס זענען אריין צוויי יידן און צוויי מוידן. דריי פון די אריינגעקומענע האב איך געקאנט. איינער איז געווען א סופר וואס האט געוואוינט טאקע אויף אונזער הויף. דער דאזיקער ייד האט געהאט א נאמען פון א צדיק. מ'האט וועגן אים געזאגט, אז פאר יעדן שם גייט ער אין מקווה אריין. שרייבן א פאר פרשיות פאר א תפילין אדער שרייבן א מזוזה האט ביי אים געדויערט טעג אדער וואכן. ער איז נעבעך געווען א ביטערער ארימאן, און דער אביון איז אים געלעגן אויפ'ן בלאסן און צעקנייטשטן פנים. דער שטערן זיינער איז געווען געל און געווירעט ווי פארמעט. די בארד איז געווען קויטיק־גרוי, שיטער, די פאות האבן נאכגעהאנגען צעשויבערטע. פון די אויגן האט ארויסגעקוקט יראת־שמים. דאס איז געווען א ייד א צדיק, וואס האט אויף קיין מינוט נישט פארגעסן אין באשעפער, געלעבט אין ארעמקייט און נאר געטאן מצוות און מעשים טובים. ווען דער טאטע האט דערזען דעם דאזיקן ייד, האט ער זיך גלייך אויפגעשטעלט, ווי מען שטעלט זיך אויף פאר א גרויסן רבי'ן. דער טאטע פלעגט זאגן, אז דער דאזיקער סופר האט אלעמאל דעם שם הויה פאר די אויגן. ער איז געווען ווי איינער פון די פארצייטיקע.

דער סופר איז געווען אן אלמן. ס'איז מיטגעקומען מיט אים א טאכטער, אן אלטע מויד פון א יאר פערציק, א נידעריקע, א צענאסענע, מיט א מילכיק פנים און מיט צוויי גרויסע אויגן ווי ביי א קאלב. זי איז געווען שיקלדיק אויך און האלב בלינד פאר א צולאג. זי האט געפירט ביים סופר דאס באלעבאטישקייט. אז אד־און־ווייי איז געווען צו דעם באלעבאטישקייט! געוואוינט האבן זיי אין א פאציאטע־שטיבעל. דער סופר האט כסדר געפאסט תעניתים און די קאפאטע זיינע איז געווען פול מיט לאטעס. דאס בעסטע מלבוש זיינס איז געווען דער טלית־קטן.

די צווייטע מויד האב איך אויך געקאנט. זי איז געווען א הויכע, א דארע, א שווארצע ווי א לאפעטע. זי האט געארבייט ביים בעקער פון נומער 12 און איז אפט געשטאנען אינדרויסן מיט א קויבער זעמל. זי איז אויך אלט געווען א יאר פערציק און מ'האט זי געהאלטן פאר א נאר, א שטיק גולם.

דער צווייטער ייד איז געווען א מענטש פון א יאר זעכציק מיט א רונד גרוילעך בערדל, אין א קליין היטעלע ווי ס'טראגן פראסטע לייט און אין א קורץ רעקל, וואס איז געווען פול מיט פלעקן, אויסגעשמירט מיט קליסטער. אים האב איך ניט געקאנט. ער האט אויסגעקוקט ווי א ביטלמאכער.

נאכדעם ווי דער טאטע האט צוגערוקט דעם גאטספארכטיגען סופר א שטול, האט ער אים געפרעגט וואס ער מאכט, און יענער האט געענטפערט: געלויבט השם יתברך, און ווען ער האט ארויסגעזאגט די דאזיקע ווערטער, האט ער גענומען ציטערן און זיך טרייסלען. עפעס א קליינינקייט, מ'דערמאנט דעם בורא־עולם, דעם באשעפער פון הימל און ערד! ס'האט געהויכט פון דעם דאזיקן ייד מיט דעם ראשית־חכמה, דעם של"ה הקדוש און דעם זוהר.

— וואס זאגט איר עפעס גוטס?

ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז די פיר זענען געקומען האבן א דין־תורה. דער מאנער איז געווען טאקע דער סופר. די מעשה איז געווען אזוי: דער סופר האט נעבעך געוואלט צודעקן ביי דער טאכטער דעם קאפ. גראד האט זיך אונטערגערוקט דער דאזיגער ייד, א גע'גט'ער. דער סופר האט געלאזט שרייבן תנאים, צוגעזאגט א פאר רובל נדן און ס'איז געווארן א שידוך. אבער וואס ווייזט זיך ארויס? אז ער האט אן אנדער כלה, טאקע די שווארצע מויד, וואס דינט ביים בעקער. דער סופר האט זיך געהיטן חלילה נישט צו פארשעמען יענעם ייד, זיין טאכטער'ס חתן. ער האט אים סאי באשולדיקט און סאי פארענטפערט. ער האט גערעדט אזוי אשטיינער ווי דער ייד וואלט געמאכט א טעות, געשטרויכעלט געווארן אין א שטיקל עבירה. אבער טעות לעולם חוזר, א טעות מוז מען פארריכטן, — דעריבער האט דער סופר פארלאנגט אז די אנדערע כלה זאל אפטרעטן און די טאכטער זיינע זאל, חלילה, נישט ווערן צו שאנד־און־צו־שפאט. מ'האט געזען אז די זאך קאסט דעם סופר געזונט. ער האט געשטאמלט און געווען אין איין פחד אז ער ברענגט ארויס ווערטער, וואס מ'טאר נישט און איז, חס ושלום, יענעם מבזה. די מורא פאר גאט איז געלעגן אויף דעם דאזיקן ייד ווי א חלף. יעדעס שלעכטע ווארט קאן ברענגען דעם מענטש אין פייער פון גיהנום, אין שאול תחתיה.

נאכדעם ווי דער סופר האט אפגערעדט האט די שווארצע מויד באקומען לשון.

— רבי — האט זי א רוף געטאן מיט א הייזעריק קול — יאך קאן ניש' דעם ייד און ניש' זאן טאכטער. ער'ט מיאך געוואלט פאר א כלה און מיר'ן געמאכט א ווארט. ער'ט מיר גארניש' דערציילט פון יענער. יאך האב שוין גענוג געהארעוועט ביים בעקער. יאך וויל שוין אויך קומען צו א לאך. יאך בין שוין ניש' קא יונג מיידעלע. כ'האב מיר שוין גענוג ארומגעוואלגערט ביים בעקער אין קאך (קיך). יאך בין אויך א מאמע'ס א קינד. יאך זאל שטארבן גלאך אויפ'ן ארט אויב יאך האב

געוואוסט פון איר. מ'זאמיר אזוי ביידע זאן געזונד ווי יאך קאן זי ניש'. און וואס טויג עים עפעס אזא וואב? זי איז ניש' פאר עים. ער דארף האבן א וואב וואס זאל אים ארויסהעלפן אין דער ארבעט. וואס קען זי טוען? טוטין א קוס, רבי, זי איז דאך א בלינדע.

דער טאטע האט געטאן א פאטש אין טיש, א סימן אז זי זאל נישט רעדן אזוינע פראסטע רייד, אבער די מויד האט גערעדט פאר פייער און פאר וואסער, אנגערופן דעם סופר'ס טאכטער א צלאפיכע, א צעגאסענע מיירע, א בלינדע קו, א שליאך, א שמאדער, א יאלדיכע, און נאך אזוינע צונעמען. דעם סופר'ס טאכטער האט גלייך אנגעהויבן וויינען. דער סופר האט איינגעבוינן דעם קאפ און געמורמלט מיט די בלאס-בלויע ליפן. ער האט מסתמא געשעפטשעט אז ער איז מוחל דער דאזיקער מויד די בושות וואס זי פארשאפט אים, און געבעטן אז מ'זאל איר אויך מוחל זיין אין הימל. דער טאטע האט ארויסגענומען די קעשענע-פאטשיילע און אפגעווישט די פייכטע אויגן. יא, אזוי איז דער גורל פון די צדיקים: זיי דארפן אפקומען אויף דער דאזיקער וועלט. נאך א ווייל האט דער טאטע א זאג געטאן צו דעם ייד:

— איר זענט געווארן א חתן מיט א בת תלמיד־חכם. דער מחותן אייערער איז א ייד א צדיק. די טאכטער איז א לייטישע און וועט אייך זיין אם ירצה השם געטריי. ווי זשע פאלט איר אויס צו פארדרייען דעם קאפ אן אנדערער? וואס זענט איר? א ייִנגעלע? וואס איז די וועלט? הפקר? עס איז דא א באשעפער וואס זעט אלין! מ'לעבט נישט איי־ביק! מ'דארף אפגעבן דין וחשבון — — —

דער טאטע איז, אפנים, געווען בייז. ער האט געווארנט דעם ייד מיט אלע גיהנום'ס. ער האט אפילו א זאג געטאן אז דער ייד דארף בעטן ביים מחותן ער זאל אים מוחל זיין און ער האט דערמאנט די ווערטער פון פרק, אז דער בים פון א תלמיד־חכם איז דער בים פון א פוקס און דער שטאך זייערער איז דער שטאך פון אן עקדיש און אז אלע זייערע ווערטער זענען ווי פייערדיקע קוילן. דער סופר איז געווארן ווי איינגע־שרומפען פון דעם טאטענ'ס לויב־ווערטער און ער האט גענומען שאק־לען און וואקלען מיט דעם קאפ אין דער ברייט אויף ניין — אז ער איז נישט קיין תלמיד־חכם און מען לויבט אים אומזיסט און אומנישט. דער סופר האט פשוט געציטערט, אז פון די אלע רייד זאל ער נישט אנווערן עולם־הבא.

דער פראסטער ייד האט זיך גענומען פארענטפערן. ער האט געזאגט, אז מיט דער שווארצער מויד האט ער נישט געהאט קיין עסקים. זי איז צוגעשטאנען צו אים, נישט ער צו איר. ער איז געקומען צו איר קויפן זעמל אויף איבערביים און זי'ט מיט אים פארפירט א שמועסל. אהין־און־אהער, זיי זענען אריין אין דער קאוויארניע עסן א שטיקל קעז־קוכן מיט קאווע. אהין־אהער, זי'ט אים אנגערעדט ער זאל מיט איר חתונה האבן. ער'ט איר געזאגט אז ער האט שוין א כלה, אבער זי'ט נישט געלאזט צו זיך רעדן. אהין־אהער, ר'האט איר צוגעזאגט. וואס זאל ער טאן? נאר אויב דער רבי זאגט אז ער מוז זי אוועקשיקן, וועט ער זי אוועקשיקן. מ'קאן דאך נישט האבן קיין צוויי כלות מיט אמאל.

— וואס הייסט, וועסט מיך אוועקשיקן? — האט די שווארצע מויד זיך צעשריגן. — וואס בין יאך עפעס, א פארפוילט עפעלע, וואס מ'ווארפט זיך דערמיט? דו האסט מיר נישט דערציילט פון קיין שום כלה. ווען יאך וויים אז דו האסט א כלה, וואלט יאך מיט דיר געשלאגן כפרה און כ'וואלט דיך געשיקט צו אלדי־שווארץ יאר, אז וואלסט גע־בראכן העגט און פים. דו גנב, דו ליגנער, דו טרעלער, דו פריימייער! רבי, ס'האט מיך געקאסט געלט אויך...

און די מויד האט גענומען אויסרעכענען די אלע הוצאות וואס זי האט געהאט און ווי אנדערע מענער האבן זי געוואלט, נאר צוליב דעם דאזיקן פרייען, דעם אלטן תרח, האט זי פארלוירן אזוינע טייערע חתנים — —

מיין פאטער האט אלץ אויסגעהערט. ער האט צוגעשלאסן די וויעס און ארויפגעלייגט א פויסט אויף דער פאטשיילע, וואס מיט איר איז מען מקבל קנין. ער איז שוין יארן געווען מורה־הוראה אויף דער גאס, אבער ער האט זיך נאך אלין נישט געקאנט צוגעוואוינען צו די דאזיקע מענטשן. מיר האט זיך געדוכט אז איך זע אויף דעם הויכן שטערן זיינעם און אין די אדערלעך אויף די שלייפן די רעיונות וואס ער טראכט, און ווי ער פרואווט אין דער מחשבה פארענטפערן די עם־הארצים, וואס ווילן נעבעך זיין יידן, אבער וויסן נישט ווי אזוי. נאך א ווייל האט ער זיך ווי איבערגעוועקט. די טענות האבן זיך געהאט אויסגעשעפט. דער טאטע האט געגעבן יעדן איינעם אנצורירן די פאטשיילע. צום סוף האט ער ארויסגעגעבן א פסק. דער פסק איז געווען, אז די שווארצע מויד מוז אפטרעטן, ווייל דער ייד איז געווארן פריער א חתן מיט'ן סופר'ס טאכ־טער. אבער אזוי ווי זי האט געהאט הוצאות און אפשר אויך בזיונות, זאל מען איר באצאלן צוויי רובל אפטרעט־געלט.

איך געדענק, אז ווען איך האב געהערט דעם דאזיקן פסק, האב איך זיך פארשעמט. צוויי רובל איז געווען א לעכערלעך־קליינע סומע אפילו פאר אזוינע קבצנים. איך בין אזש געווארן רויט. אבער איך האב באלד איינגעזען, אז מיין פאטער האט אויף זיין שטייגער בעסער פארשטאנען דעם מצב ווי איך. די מויד האט כלומר'שט זיך געדונגען אז עס איז צו־ווייניק, אבער איך האב געזען אז זי באשטייט. דער חתן מיט'ן גרויען בערדל האט גלייך געמאלדן אז ער האט נישט קיין געלט. וואו זאל ער נעמען צוויי רובל? ער דארף חתונה האבן, דינגען א דירה און ס'ווארפן זיך ביי אים ניט קיין צווייער־רובלס. דאמאלס האט דער סופר אויפגע־הויבן דעם קאפ און גענומען שטאמלען אז אזוי ווי ער וויל די טאכטער זאל קומען צו א תכלית, וועט ער באצאלן די צוויי רובל...

און ער האט מיט א ציטערנדיקער האנט גענומען ארויסגראבלען פון א קעשענע זעקסערם, פירערס, קאפיקעס, גראשענס. ער האט געציילט, זיך טועה־געווען, נישט דערקאנט די מטבעות, זיך געשאקלט, נישט אויפ־געהערט מתפלל זיין. און אזוי האט ער אפגעציילט די צוויי קערבלער. די שווארצע מויד האט זיי צוגענומען און איז אוועק מיט א געבייזער, מיט קללות, און מיט א זעץ אין דער טיר, א סימן אז מ'קאן זי מיט קיין צוויי רובל נישט אונטערקויפן, און זי בלייבט אומצופרידן...

די דאזיקע דין־תורה אליין איז שוין געווען אויסטערליש, אבער אין א פאר טעג ארום האט עמיץ גענומען גראבלען אין דער קלאמקע פון אונזער טיר. די מאמע איז געגאנגען עפענען און עס איז אריינגעקומען דער סופר. ער האט מיט טרערן אין די אויגן דערציילט דעם טאטע'ן, אז דער ייד וואס האט געזאלט חתונה האבן מיט זיין טאכטער, איז גאר־נישט גע'נט. דער טאטע איז געווארן פלאם פייער. ער האט געשיקט רופן יענעם ייד און אים גערופן שייגעץ, פושע ישראל, הפקר־מענטש און נאך אזוינע נעמען, וואס מיין פאטער האט זעלטן געברענגט פאר'ן מויל. דער ייד האט אויסגעהערט א שולדיקער און געענטפערט:

— כ'האלט מיך ביי גט'ן.

— עוכר ישראל, איר'ט דאך געזאגט, אז איר האט זיך גע'גט!

— כ'האב נישט געזאגט.

— ר'האט יא געזאגט — האט דער סופר עדות געזאגט. — וואלט איך געטאן א שידוך מיט א באווייבטן?...

דער חתן האט געפרואווט לייקענען, נאר מיין פאטער האט אים ארויס־געטריבן. מיר דוכט זיך אפילו, אז ער האט אים געשאלטן. דער סופר איז געבליבן זיצן ביים טאטע'ן. דער טאטע האט אים געוואלט צוריקצאלן די צוויי רובל, אבער דער סופר האט בשום־אופן נישט געוואלט נעמען. ביידע יידן זענען לאנג געזעסן, געשמועסט תורה, געקרעכצט אויף דער היינטיקער וועלט.

— אוי וויי געוואלד, ס'איז עס וועלט. משיח מעג שוין קומען! — האט דער טאטע געזופן.

— נו — האט דער סופר געזיפצט. ס'האט זיך געדוכט אז ער זאגט שטומערהייט: מיר קאנען דעם רבונו של עולם נישט זאגן קיין דעות.

דער סופר איז נאך א צייט נפטר געווארן. די טאכטער איז געבליבן אן אלטע מויד. זי איז געווארן איינגאנצן בלינד און איז געזעסן אויף א שוועל און געקליבן נדבות. לאנג דערנאך האב איך ביי דער שווארצער מויד געקויפט זעמל. זי איז אויך פארזעסן.

ווען איך בין מיט יארן שפעטער געווארן בר־מצווה, האט מיר דער טאטע געגעבן א פאר תפילין וואס דער דאזיקער הייליקער סופר האט געשריבן און מיר האט זיך אלעמאל געדוכט, אז איך פיל אויפ'ן שטערן די קדושה, וואס הויכט ארוים פון זיינע פרשיות.

10

# קבורת חמור

# THE SUICIDE

אין אונזער שטוב האָט מען גערעדט וועגן אלערליי זאכן. די עלטערע קינדער האבן געלייענט די צייטונגען, אפילו די ראמאנען וואס זענען געגאנגען אין פארזעצונגען. איך האב געהערט רייד וועגן פארשלייערטע דאמען, בלוטיקע פרויען, שרעקלעכע סודות און שטערבלעכע ליבעס. אפילו דער טאטע פלעגט רעדן וועגן שארלאטאנעס וואס פארליבן זיך אין אויסגעלאסענע נקבות און ווען זיי קאנען נישט נאכגעבן די תאווה, נעמען זיי א ביקס און שיסן זיך אליין. אממערסטן האט מיך פארכאפט די מעשה אין מעמדות: די געשיכטע פון א מאנסביל וואס האט געהערט אז ערגעץ אויף יענער זייט ים איז פאראן א זונה וואס נעמט פיר הונדערט גילדן פאר איר לוין. ער איז געקומען צו איר און זי האט אים אויסגעבעט א גאלדן בעט. ער האט זיך אוועקגעזעצט פאר איר א נאקעטער און זי האט זיך אוועקגעזעצט פאר אים א נאקעטע. אבער דא זענען געקומען די ציצית, און אים גענומען קלאפן איבערן פנים. דער סוף איז געווען אז סאי ער און סאי די זונה זענען געווארן בעל־תשובה, חתונה געהאט, און דאס בעט וואס זי האט אים פריער אויסגעבעט פאר אן עבירה, האט זי אים שפעטער אויסגעבעט אן א זינד...

די דאזיקע מעשה, וואס יידן האבן געזאגט באלד נאכ'ן תהילים, האט מיך גריילעך פאר'חידוש'ט. פארוואס זאל עפעס א מענש באגערן א זונה? און פארוואס זאלן זיי זיך אוועקזעצן נאקעטע? און פארוואס זאל ער שפעטער מיט איר חתונה האבן? איך האב שוין געוואוסט, אז פרעגן העלפט נישט. די עלטערע האבן געהאט איין ענטפער: ס'איז נישט פאר קיין אינגל. וועסט עלטער ווערן, וועסטו אליין פארשטיין... אבער די צייט האט זיך געשלעפט און איך בין נאך אלץ געווען א אינגל. די יארן זענען געקראכן אזוי פאמעלעך.

דערווייל איז אויף דער קראכמאלנע גאס געשען א מורא'דיקע זאך. שבת אינדערפרי איז געווינלעך די גאס געווען שטיל. די געוועלבן זענען אלע געשטאנען פארמאכט אויף די אייזערנע שטאבן און עס האבן געהאנגען אויף זיי שלעסער. די יונגען וואס זענען געשטאנען אויפ'ן פלאץ האבן שבת נישט געהאט וואס צו טאן, ווייל מ'האט נישט געטארט רויכערן, מ'האט נישט געצויגן קיין נומערן, נישט פארקויפט קיין לעמאנאד, קיין כאלווע, קיין לאקריץ, קיין „טשאסטעס" אדער „פאנטשקעס", קיכלעך אזוינע איבערגעצויגן מיט שאקאלאד, אדער געקאכט אין אייל. די גנבה'שע מלינה'ס זענען אויך געווען געשלאסן. פון מחלל שבת זיין בפרהסיא האט מען נאך יענע יארן נישט געוואוסט. אפילו צווישן די גנבים און די פאסערס זענען געווען אזוינע וואס זענען געגאנגען אין שול אריין. שבת פאר'ן טשאלענט איז אויף דער קראכמאלנע געווען רואיק.

אבער דאסמאל איז אינדרויסן געווען א „גראטשקע", א צוזאמענלויף. איך בין ארויס אויפ'ן באלקאן. איז א שרפה? וואו־זשע זענען די פייער־לעשער? וואו איז דער אויסרייטער? וואו זענען די וואגענס מיט די ווילדע פערד, די קישקעס, די לייטערס, דאס גאנצע קלאפערגעציג? און פארוואס זעט מען נישט קיין מעשענע קאסקעס? ניין, ס'איז נישט געווען קיין שרפה און אויך נישט קיין געשלעג. אנגעלאפן זענען זיך נישט בלויז יונגווארג, נאר א סך עלטערע מענשן און ווייבער. איך האב אראפגעשריגן צו א ייִנגל וואס עס איז געשען און ער האט מיר געענטפערט, אז א קאמאשן־מאכער האט זיך אליין גע'סמ'ט.

— פארוואס האט ער זיך אפגע'סמ'ט?

— איבער א ליבע.

די חברה וואס האט שבת ביי אונז געדאוונט האט פאר'ן דאווענען און ביים לייענען און נאכ'ן דאווענען און אפילו אין מיטן דאווענען נאר גערעדט וועגן דעם קאמאשן־מאכער. ער האט זי ליב געהאט. ער האט געווארנט טאטע־מאמע, אז אויב ער וועט זי נישט קריגן, וועט ער זיך אנטאן א מעשה; אויב מען וועט אים נישט לאזן שטעלן מיט איר א חופה, וועט מען שטעלן א שווארצע חופה... אבער די עלטערן האבן זיך איינגעשפארט. זיינע, אירע. מען האט זיי פארביטערט דאס לעבן. פרייטאג־צו־נאכט האט ער צום לעצטן מאל מיט איר שפאצירט אין זאקסישן גארטן. שבת אינדערפרי, ווען די מוטער איז אריינגעקומען אים אויפוועקן, האט זי אים געפונען א פאר'סמ'טן. ביים בעט איז געשטאנען א פלעשעלע סם. אויפ'ן טיש איז געלעגן א בריוול, וואס ער האט אנגעשריבן טאקע אין פרייטאג־צו־נאכטס...

די קראכמאלנע האט געשטורעמט. ווייבער האבן געוויינט, אויסגעשפרייט די הענט, געשנייצט די נעזער אין די פארטוכער. מאנסלייט

All sorts of topics were discussed in our home. The older children read the daily papers, including the serialized novels. I heard them talking about veiled ladies, horrible secrets, and fatal passions. Even Father sometimes spoke of irresponsible men who fall in love with immoral women and who, if they cannot satisfy their lusts, take a revolver and shoot themselves. But most of all I was fascinated by the story of a man who had heard of a harlot in a far-distant land who demanded four hundred gulden as her hire. He came to her and she prepared a golden couch for him. Then he sat down beside her naked, and she too was naked. But suddenly the fringes of his prayer shawl lifted themselves and smote against his face. In the end both the man and the woman repented. He married her and the couch of sin became a sanctified marriage bed.

This story, which the men used to recite immediately after the Psalms, puzzled me greatly. Why should a man desire a harlot? And why should they sit beside each other naked? And why did he later marry her? I knew that it was useless to ask these questions. My parents always had the same answer for me: Such things are not for children. When you grow up, you will understand. . . . But time dragged on, and I was still only a boy. The years crept by so slowly.

In the meantime a tragedy struck Krochmalna Street. Usually on the morning of the Sabbath the street was quiet. The shops were all closed with iron bars and padlocks. The young fellows who used to loiter around the square had nothing to do, because they could neither smoke nor gamble, and nothing was for sale—no lemonade, no halvah, no licorice, no chocolate-covered cookies or fritters. The thieves' hangouts were also closed. At that time no one yet dared to desecrate the Sabbath openly. Among the thieves and their fences there were even some who attended the synagogue. On the Sabbath before the *cholent*, Krochmalna Street was peaceful.

But that day there was an uproar in the street. A crowd collected. I went out on the balcony. Was it a fire? If so, where were the firemen? Where were the patrols? Where were the fire wagons with their stomping horses, the water hoses, the ladders, all that noisy machinery? And why were there no brass helmets to be seen? No, it was neither a fire nor a fistfight. The crowd was made up not only of youngsters, but also of older men and women. I called down to one of the boys to ask what had happened, and he answered that a young man who worked at shoemaking had poisoned himself.

"Why did he poison himself?"

"Because he was in love!"

The small group of worshippers who assembled in our house talked of nothing but the shoemaker, before, after, and even during the service. He had been in love with a girl. He warned his parents that if he could not marry her, he would do something terrible: if they would not set up his wedding canopy, they would have to dig his grave. . . . But the parents remained stubborn—her parents as well as his. The life of the young people was embittered. On Friday night he had gone for a last walk with her in the Saxony Gardens. In the morning, when his mother went to wake him, she found him dead. Next to his bed stood a vial of poison. On the table they found a note which he had written on Friday night. . . .

Krochmalna Street seethed. Women wept, wrung their hands, wiped their eyes with their aprons. Men talked, whispered. Boys scampered about everywhere, trying to listen.

11

# קיין ארץ ישראל

# TO THE LAND OF ISRAEL

ס'זענען פאַראַן מענשן, וואָס אויף זייער פנים ליגט דער שטעמפּל פון זייער גורל. אזא ייד איז געווען משה בלעכער. ערשטנס, האָט ער אויסגעזען אַן ארץ ישראל ייד, אַ תימנ'ער, אָדער עמיץ וואָס קומט פון שושן־הבירה. זיין פּנים איז געווען טונקל, אָפּגעברענט, צעקנייטשט און געלבלעך, ווי פון אַ טראָפּישער זון וואָס האָט געשיינט דערויף זינט אור־אַלטע ציטן... צווייטנס, איז געווען אין זיינע אויגן אַ פאַר'חלום'טקייט אַזאַ, וואָס מ'זעט גאָרנישט אין די היגע מקומות. ס'האָט זיך געדוכט אַז די אויגן זיינע זעען זאַכן פאַרהוילענע, ווייטע און אפשר אויך פאַרגאַנגענע, אָדער קומענדיקע. משה בלעכער האָט געקאָנט אין די קליינע אותיות, און ער האָט מיט מיין פאָטער אַלעמאָל געשמועסט וועגן איין זאַך: וועגן משיח'ס קומען. ער איז געווען געניט אין אַלע פּסוקים וואָס האָבן צו טאָן דערמיט, אין אַלע גמרא'ס און מדרשים, וואו דער קץ־משיח ווערט דערמאָנט. באַזונדער האָט ער געהאַט אַ נייגיר צו די פאַרהוילענע פּסוקים אין דניאל. ער האָט אַלעמאָל זיך געגריבעלט דערוועגן און דערביי זענען די פאַר'חלום'טע אויגן זיינע געוואָרן נאָך פאַר'חלום'טער.

אָפט האָב איך געזען משה בלעכער אויף אַ דאַך. די דעכער אין ווארשע זענען קרומע און געפערלעכע. אָבער משה בלעכער איז געגאַנגען איבער זיי מיט דער געשיקטקייט פון אַ נאַכט־וואַנדלער. אַ פּחד פלעגט מיך באַפאַלן ווען איך האָב אים געזען שפּאַנען איבער אַ תהום אויסגעפלאַסטערט מיט גראָבע שטיינער. פון דער הויך האָט משה בלעכער אויסגעקוקט אין מיינע אויגן ווי אַ מענש מיט איבערנאַטירלעכע כוחות, געוואוינט צו נסים, נישט אונטערגעוואָרפן די ערדישע געזעצן. אין מיטן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, פאַרהויבן דעם קאָפּ צום הימל און געקוקט אין די הויכענישן, אַשטייגער ווי ער וואָלט זיך גערעכנט אַז יעדע מינוט זאָל אַראָפּפליען צו אים אַ מלאך אָדער אַ שׂרף מיט אַ בשׂורה פון אויסלייזונג.

טיילמאָל פלעגט ער שטעלן דעם טאַטן האַרבע קשיות. ער האָט געפונען ווידערשפּרוכן אין די מאמרי־חז"ל. ער האָט געוואָלט וויסן ווי לאַנג ס'וועט דויערן פון משיח בן יוסף'ס גע'הרג'עט ווערן ביז דעם קומען פון משיח בן דוד. ער האָט גערעדט וועגן דעם שופר של משיח, וועגן דעם אייזל וואָס משיח וועט דערויף רייטן און ווי אַזוי משיח זיצט ביי די טויערן פון רוים און בינדט־אויף און בינדט־צו די וואונדן. גרויס תרעומות האָט ער געהאַט אויף דעם אמורא רב הלל, וואָס האָט געזאָגט, אַז משיח וועט נישט קומען צו אידן, ווייל זיי האָבן אים שוין אויפגעגעסן אין דער צייט חזקיהו. ווי אַזוי קאָן אַ צדיק זאָגן אַזאַ זאַך? און וואָס מיינט די משנה מיט דעם זאָג, אַז צווישן דער איצטיקער צייט און משיח'ס קומען איז בלויז אַן אונטערשיד אין האָבן אַן אייגענע מלוכה? שוין זשע איז דאָס א ל י ן? ווי לאַנג, אַשטייגער, וועט דויערן פון משיח'ס קומען ביז תחית המתים? און ווען וועט אַראָפּנידערן דאָס פייערדיקע בית־מקדש פון הימל? ווען? ווען?

משה בלעכער האָט געוואוינט אין אַ קעלער־שטוב, אָבער עס איז דאָרט געווען ריין און ציכטיק. אַ נאַפט־לאָמפּ האָט דאָרט אַלעמאָל געברענט. די בעטן זענען געווען פאַרבעט. ס'האָבן זיך נישט געוואַלגערט קיין שמאַטעס ווי אין אַנדערע קעלער־שטובן. ביי דער וואַנט איז געשטאַנען אַ שענקל מיט ספרים. איך פלעג דאָרט אַריינקומען ווייל משה בלעכער האָט געלייענט די יידישע צייטונגען און ס'איז אַמאָל אויסגעקומען צו באָרגן ביי אים אַ צייטונג. ער איז געזעסן ביים טיש מיט שפּאַקולן איבער דער נאָז, און דאָרט, אין די צייטונגען, האָט ער אויך נאָר געזוכט די נייעסן פון ארץ ישראל און פון יענע לענדער, וואו ס'וועט צושטאַנדקומען די מלחמה פון גוג ומגוג און גאָט וועט וואַרפן שטיינער פון הימל; יענע געגנטן וואו ס'געפינט זיך דער גן־עדן און דער טייך סמבטיון מיט זיינע פאַרלוירענע צען שבטים. משה בלעכער האָט אַלץ געוואוסט וועגן די דאָזיקע שבטים און ער האָט נישט איינמאָל זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז ווען ער קאָן באַזאָרגן די משפּחה, וואָלט ער זיך געלאָזט זוכן די פאַרוואָרפענע ברידער אונזערע.

מיטאַמאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ נייעס: משה בלעכער פאָרט קיין ארץ ישראל, נישט אַליין, נאָר מיט דער גאַנצער משפּחה. זיין משפּחה געדענק איך נישט גענוי. עס ליגט מיר אין זין אַז ער האָט געהאַט אַ דערוואַקסענעם בחור, אָדער אפשר צוויי. משה בלעכער'ס פאָרן קיין ארץ ישראל איז נישט געווען עפּעס קיין קאַפּריז, נאָר איז געלעגן ממש אין זיין גאַנצן יש. מען האָט זיך נאָר געוואונדערט פאַרוואָס ער האָט עס נישט געטאָן ביז איצט...

Some people seem to have their destinies written on their faces. Such a man was Moshe Blecher of No. 10 Krochmalna Street. He was a simple tinsmith, and a poor man, but there was something about him which intrigued me. First of all he looked like a Jew from the Holy Land, like a Yemenite or someone from the land of old King Ahasuerus. His face was dark, sunburned, wrinkled, and had a yellowish hue as though a tropical sun had shone on it since days of old. Second, there was a dreaminess about his eyes which one never saw in these parts. It seemed as though his eyes were able to see secret things of the past and possibly the future. Moshe Blecher was something of a biblical scholar and in his discussions with my father he would dwell on one subject, the advent of the Messiah. He was familiar with all the verses and all the commentaries dealing with the Messiah. He had a special affinity for the obscure passages of Daniel. He was always absorbed in these prophesies and whenever there was reference made to them his dreamy eyes would take on an even more faraway look.

Often I would spy Moshe Blecher on a roof. The roofs in Warsaw are crooked and perilous. But Moshe Blecher walked across them with the sureness of a somnambulist. I was overcome with fear each time I would watch him at work high above the gutter paved with cobblestones. Standing at such a height, Moshe Blecher appeared to be a man of extraordinary strength, accustomed to miracles, a man not subject to the ordinary laws. He would stop suddenly, lift his head skyward as though he expected a momentary visitation from an angel or seraph announcing the coming of salvation.

Sometimes he would pose very difficult questions to my father. He found contradictions in the Talmud. He wanted to know how long it would take between the martyrdom of the first Messiah, Son of Joseph, and the appearance of the second Messiah, Son of David. He talked about the ram's horn announcing the Messiah, about the ass on whose back the Messiah would ride, and about the legend of his pausing at the gates of Rome unwinding and rewinding the bandages of his wounds. Moshe Blecher was very indignant about the prediction of the sage Hillel that the Messiah would not liberate the Jews because he was already "consumed" during the time of King Hezekiah. How could a saintly man say such a thing? And what is the meaning of the thought expressed in the Mishnah that all that separates the present from the Messianic Age is the acquisition of a Jewish kingdom? Can that be all? How long, for example, will it be from the coming of the Messiah until the resurrection of the dead? And when will the fiery temple be brought down from above? When? When?

Moshe Blecher lived in a cellar apartment, but it was neat and clean. A kerosene lamp was always lit. The beds were made. There were no rags lying around as in other cellar apartments. Next to the wall there was a cabinet lined with books. I used to visit him because he read Yiddish newspapers and I would borrow them from him. He would sit at his table, his eyeglasses resting on his nose, thumbing through his newspapers in search only of news of Palestine and of the countries where the War of Armageddon will take place, where God would hurl down stones from heaven. He was interested in the places where Paradise was thought to be, and the river Sambation, where the Ten Tribes are supposed to have been lost. Moshe Blecher knew all about the lost tribes, and he more than once let it slip that if he could see to it that his family was taken care of, he would set out to find the vanished brethren.

And then suddenly the news spread that Moshe Blecher was going to the land of Israel with his entire family. I do not recall all the members of his family. I do remember that he had a grown boy, or perhaps two. Moshe Blecher's decision to go to Palestine was not capricious, but the result of a deep-seated urge. Everybody wondered why he had waited so long.

איך געדענק נישט אלץ. איך דערמאן זיך בלויז אפגעריסענע פרטים, ווייל איך בין נאך דעמאלס געווען גאר א קינד. מענשן האבן געהאלטן אין איין קומען צום בלעכער אין קעלער־שטוב. מען האט אים מיטגעגעבן קוויטלעך ער זאל אוועקלייגן ביי דער כותל־מערבי, ביי דער מוטער רחל'ס קבר, אדער גאר ביי דער מערת המכפלה. אלטע לייט האבן געבעטן ער זאל זיי שיקן זעקלעך ארץ ישראל ערד. משה בלעכער איז ארומגעגאנגען אן אויפגערוימטער און די אויגן זיינע זענען געווארן עפעס אזוינע פארבענקטע, פארגאפטע, פול מיט א גליקזעליגקייט נישט פון דער־וועלט.

און אין איינעם א פארנאכט איז צוגעפארן צו אונזער הויף א ריזיקער וואגן אזא, ענלעך צו אן אמניבוס. איך קאן ביז היינט נישט אויסרעכענען פארוואס משה בלעכער האט באשטעלט אזא וואגן. אפשר האט ער מיטגענומען דאס מעבל? די קראכמאלנע גאס איז געווארן שווארץ. אלע זענען געקומען זיך געזעגענען. מען האט זיך געקושט, מען האט געוויינט, מען האט זיך געוואונשן משיח זאל שוין קומען און ס'זאל נעמען אן עק צום גלות. משה בלעכער'ס נסיעה האט א שמעק געטאן מיט דער גאולה, אשטייגער ווי משה בלעכער וואלט געווען א סארט פארפאסטן, א בשורה־אנזאגער. ווי באלד ער פארט אהין מיט ווייב און קינדער, איז א סימן אז דער קיץ־משיח איז שוין נאענט, נאענט...

ס'זענען אוועק חדשים. מיט אמאל האב איך געהערט א טרויעריקע בשורה. א בריוו איז אנגעקומען צום טאטן, און אין בריוו איז געשטאנען אז ער, משה בלעכער, קאן נישט געפינען קיין ארבעט אין הייליקן לאנד. ער ליידט נויט, הונגער. אין משך פון וואכן האט ער און די משפחה נישט געגעסן עפעס אנדערש ווי רייז מיט וואסער. א טרויער האט אנגעכאפט אונזער גאנצע משפחה. ווייל אלע האבן ליב געהאט משה בלעכער און אלע האבן געהאפט דערויף, אז ער וועט דארט בלייבן וואוינען און ביסלעכווייז אראפנעמען אלע יידן פון דער קראכמאלנע גאס. ווארים משה בלעכער איז אויף א משונה'דיקן אופן געווען אלעמען'ס קרוב.

ס'איז גראד געווען פאר יום־כיפור. יום־כיפור האט מען ביי אונז געדאווענט, און יום־כיפור צו מנחה האט מען אוועקגעשטעלט ביי אונז קערות, טעלערס, וואו יעדער האט אריינגעווארפן מטבעות פאר אלערליי צדקות: ביקור חולים, לינת הצדק, הכנסת כלה. דער טאטע האט אוועקגעשטעלט א טעלער און אויף אים ארויפגעלייגט א בלעטל פאפיר מיט גע'כתיבה'טע אותיות: פ א ר ר ' מ ש ה ב ל ע כ ע ר. אונטן איז געלעגן דער בריוו וואס דער ייד האט געשריבן צום טאטן.

די יידן און יידענעס וואס האבן ביי אונז געדאוונט האבן זיך נישט געווארפן מיט קיין געלט. א פירער, א זעקסער, א צענער איז געווען א מטבע. אבער דער דאזיקער טעלער האט אין זיך געהאט א צויבער. מען האט אריינגעווארפן פערציקערס, פופציקערס, האלבע רובלס, רובלס. עמיץ האט אריינגעלייגט א פאפירן דרייער־קערבל. די נייעס אז משה בלעכער עסט מיט זיין משפחה רייז מיט וואסער האט אין אלעמען ארויסגערופן אן אומעט. ס'איז געווען ווי א סימן אז די גאולה פארזוימט זיך.

נאך יום־כיפור האט דער טאטע אוועקגעשיקט דאס געלט צו משה בלעכער. מען האט געקאנט דערפאר קויפן א סך רייז און א סך וואסער (ווייל וואסער האט מען דאמאלט אויך געמוזט קויפן פאר געלט אין דעם הייליקן לאנד). אבער ס'זעט אויס, אז ער האט בשום־אופן זיך נישט געקאנט איינארדנען, אדער אפשר האט משה בלעכער, דער בעל־חלומות, נישט געקאנט זיך צוגעוואוינען צו דעם געדאנק, אז ער דרייט זיך טאקע ארום אין דער ארץ־הקדושה? אפשר איז דער חלום געווען זיסער פאר אים ווי די וואר? אפשר האט ער נישט געקאנט מאכן קיין שלום דערמיט וואס איבער גאט'ס ערד האבן געהערשט טערקן? אדער אפשר האט ער געהאט טענות צו די קאלאניסטן די אפיקורסים, וואס האבן אין ארץ ישראל געגאלט די בערד און נישט געהאלטן די תורה? א שמועה האט זיך פארשפרייט, אז משה בלעכער קומט צוריק.

דערנאך איז משה בלעכער צוריקגעקומען. ער האט אויסגעזען אפגעברענטער, געלער, געהאט מער גרויע האר אין דעם בערדל, און אין די אויגן זיינע האט געלויכטן עפעס אזא שיין, וואס מען קאן זי גארנישט שילדערן מיט קיין ווערטער. אזוי דארף אויסזען א מענש וואס איז געשטארבן, שוין איבערגעקומען דאס גיהנום, שוין גערוט אין גן־עדן, אבער צוליב עפעס א סיבה האט מען אים געהייסן זיך אומקערן אויף דער ערד.

ער איז געקומען צו אונז. דער טאטע האט אים שעה'ן לאנג אויסגעפרעגט. ער האט אויף אלץ געענטפערט. ער איז אומעטום געווען. אבער גענוי פארוואס ער איז צוריקגעקומען האט מען עפעס נישט געקאנט דערגיין. עפעס האט דער ייד באהאלטן.

איך האב ווידער געזען משה בלעכער ארומגיין אויף די דעכער. ער האט זיך אלץ אפטער אפגעשטעלט. ער האט ערגעץ געקוקט, עפעס געזוכט אין די הויכענישן וואו ער האט געקלעטערט. ער איז ווידער געקומען צום טאטן שמועסן און פרעגן קשיות אויף פסוקים. ער האט געהאט מיטגעבראכט פון ארץ ישראל א זעקל קריידיק זאמד, א סך שטיינדלעך, איבערבלייבענישן פון פארצייטיקע חורבות און פון מצבות אויף הייליקע קברים. יעדעס מאל וואס עמיץ איז געשטארבן, איז מען געקומען צו משה בלעכער, און ער האט געגעבן אומזיסט ארץ ישראל ערד. מען האט אים געוואלט באצאלן, אבער ער האט נישט געוואלט האנדלען מיט קיין הייליקע חפצים, מיט הקדש.

The details are blurred and I recall only isolated incidents because I was only a child at the time. People kept going to see the tinsmith in his cellar apartment. He was given written messages to be placed near the Wailing Wall, at Rachel's grave, or perhaps at the Cave of Machpelah. Elderly people asked him to send them bags containing holy soil. Moshe Blecher walked around full of exhilaration, with a look of longing and expectation in his eyes, and a blissfulness that is not of this world. The Holy Land seemed to be engraved on his face, which somehow resembled a map.

One early evening a wagon rode up to our house. It was so huge that it looked more like an omnibus. I cannot to this day figure out why Moshe Blecher hired such a wagon. Perhaps he took his furniture with him? Krochmalna Street was suddenly crowded with Jews. They came to say farewell. They kissed him, wept, and expressed the wish that the Messiah would come and bring an end to the Diaspora. Moshe Blecher's voyage seemed to suggest the coming of the Redeemer, as though he were his forerunner or minion. If Moshe Blecher is leaving for Palestine with his entire family, this must be a sign that the End of Days is close.

Months passed. Then I heard the sad tidings. My father received a letter which said that Moshe Blecher could not find work in the Holy Land. He was suffering privation and want. For months he and his family subsisted only on rice and water. Our household was greatly distressed by this news because everyone loved Moshe Blecher and hoped that he would settle in the Holy Land and send for all the Jews of Krochmalna Street. Moshe Blecher seemed somehow to be related to everyone.

It was the day before Yom Kippur. Services were held in our house and at the afternoon prayers plates were put out into which coins were thrown to support various charitable causes, the care of the sick, poor brides, and yeshivahs. My father put out a plate on which he placed a piece of paper inscribed thus: "For Reb Moshe Blecher." Underneath the inscribed paper lay the letter which Moshe Blecher had written to my father.

The men and women who came to services at our house were not accustomed to throwing money around. Four groschen, six groschen, or ten groschen were considered adequate contributions. But this particular plate had a magical quality about it. Into it went forty-groschen pieces, half rubles, and rubles. Somebody put in a three-ruble note. The news that Moshe Blecher and his family were living on rice and water saddened everybody. It was as though this was an omen that salvation was a long way off.

After Yom Kippur my father sent the money to Moshe Blecher. For that amount he could buy a considerable supply of rice and water. (In those days in the Holy Land water had to be purchased.) But it appeared that he just could not make his way; or perhaps the romantic Moshe Blecher could not adjust to the thought that he was finally in the Land of the Holy. Perhaps the dream was sweeter to him than the reality. Perhaps he could not make peace with the fact that the Turks ruled in God's land. Or maybe he took objection to the nonbelieving colonists who shaved their beards and did not live by the Torah. The word spread that Moshe Blecher was returning home.

And return he did. He looked even more sunburned, swarthier, and had more gray hairs in his beard. He had a quaint gleam in his eyes. His was the look you might expect to see on the face of someone who has died, gone through purgatory, and then to Paradise, but for some reason was ordered back to earth.

He came to visit us. My father questioned him for hours. He answered all of the questions put to him. He had traveled everywhere. Yet we could not find out exactly what drove him home. It was as though he were hiding something.

I saw Moshe Blecher on the roofs again. He stopped more and more frequently. He was looking somewhere, searching for something in the heights. He came to my father again to talk about verses in the Bible. He had brought back a sack of chalk-white sand from Palestine and many pebbles, fragments taken from old ruins and from headstones on holy graves. Every time someone died, Moshe Blecher contributed some earth from the Holy Land for the grave. The mourners wanted to pay him, but he did not want to traffic in sacred objects.

ס'איז מעגלעך, אז איך מאך טעותים אין מיין דערציילן. אבער אויף ווי ווייט איך געדענק איז געשען אזוי: משה בלעכער האט חתונה געמאכט די קינדער. ער איז געבליבן בלויז מיט'ן ווייב. ער האט שוין געדארפט ווייניקער ארבעטן. ער איז אלץ אפטער געזעסן אין שטיבל און גענישטערט אין ספרים. עס זעט אויס, אז פריער, ווען משה בלעכער איז געפארן קיין ארץ ישראל, איז ער געווען א שונא פון די ציוניסטן, וואס האבן געפרואווט פארוואנדלען זיין חלום אין ממשות. משה בלעכער האט געוואלט משיח'ן און נאר משיח'ן. אבער נאך א צייט האט ער זיך אנגעהויבן דערנענטערן צום ציוניסטישן געדאנק. נו, און אז משיח וויל נישט קומען, מוזן טאקע יידן ווארטן אן א סוף? אפשר וויל גאט אז יידן זאלן ברענגען משיח'ן מיט כוח? אפשר דארפן יידן פריער זיך דארט באזעצן און דערנאך וועט קומען צו זיי דער גואל צדק? איך געדענק, אז ער האט אנגעהויבן פירן וויכוחים מיט'ן טאטן, זיך אמפערן. מיין פאטער האט געהאלטן, אז די ציוניסטן זענען אפיקורסים, רשעים און ווילן מטמא זיין ארץ ישראל, אבער משה בלעכער האט גע־טענה'ט:

— און אפשר איז אזוי באשערט? אפשר זענען זיי משיח בן יוסף? אפשר וועלן זיי תשובה־טאן און ווערן יידן? ווער קאן וויסן וואס מ'וויל אין הימל?

— איידער מ'פארט קיין ארץ ישראל, דארף מען זיין א ייד! — האט דער טאטע גע'פסק'ענט.

— וואס זענען זיי? גוים? זיי זענען זיך מקריב פאר יידן. זיי טריקענען זומפן און ווערן נעבעך קראנק. זיי זענען זיך מוסר נפש. איז דאס א קלייניקייט?

— אם ה' לא יבנה בית, שוא עמלו בוניו בו, אויב גאט וועט נישט בויען דאס בית־המקדש, מיען זיך אומזיסט די בויער.

— דאס ערשטע בית המקדש האבן אויך געבויט מענשן, נישט מלאכים. שלמה המלך האט געשיקט צו חירם מלך צור און ער האט צוגעשטעלט טענענבוימער און קנעכט.

די וויכוחים זענען געווארן אלץ לענגער. דער טאטע האט גענומען רעדן, אז משה בלעכער איז אריינגעפאלן אין דער נעץ פון די ציוניסטן. אוודאי איז ער נאך א כשר'ער ייד, אבער עפעס האט זיך אים איבערגעקערט אין מוח. ער האט אפילו געפונען א זכות אויף דאקטאר הערצל.

נאך א ווייל האבן די וויכוחים אויפגעהערט. משה בלעכער האט זיך ארומגעדרייט א פארווירטער, א נישט־דאאיקער. ער האט אנגעהויבן רעדן נישט בלויז מיט דערוואקסענע, נאר מיט אינגלעך. ער איז געזעסן אין שטיבל און אינגלעך האבן אים אויסגעפרעגט:

— איז דאס אמת, אז די שטערן אין ארץ ישראל זענען אזוי גרויס ווי די פלוימען?

— אמת, קינדער, אמת.

— איז דאס אמת, אז ביים ים המלח שטייט נאך לוט'ס ווייב און די אקסן לעקן זי, ווייל זיי האבן ליב זאלץ?

— כ'האב ערגעץ געהערט דערפון.

— הערט מען ווי די מוטער רחל וויינט אויף די קינדער?

— איך האב נישט געהערט. אבער א צדיק קאן אפשר הערן.

— ר' משה, אין ארץ ישראל עסט מען אויך ברויט?

— אז ס'איז דא, עסט מען.

ס'האט זיך אנגעהויבן אויסדוכטן, אז משה בלעכער ווערט עפעס ווי פארנארישט. אבער ס'איז אלץ געווען פון בענקשאפט, ווייל מיט אמאל האט משה בלעכער זיך אומגעקערט קיין ארץ ישראל.

דאסמאל איז נישט געקומען דער גרויסער וואגן, מען האט זיך נישט געקושט אין גאס, נישט מיטגעגעבן קיין קוויטלעך. משה בלעכער איז עפעס ווי פארשוואונדן, און ווען מען האט זיך נאך א צייט ארומגעזען, אז ער איז נישטא און מען האט געפרעגט וואו ער איז אהינגעקומען, האט מען זיך דערוואוסט, אז ער האט מער נישט געקאנט אויסהאלטן דאס גארעניש און איז צוריק אוועק אין לאנד פון די אבות, וואו ס'וואקסן פייגן, טייטלען, מאנדלען און ציגן עסן באקסער; אין דער מדינה, וואו היינטיק־וועלטישע יונגעלייט גרינדן קאלאניעס, פלאנצן וועלדער און רעדן אין מיטן דער וואך לשון־קודש...

יארן זענען אריבער און מען האט מער פון משה בלעכער נישט געהערט. איך האב לאנג וועגן אים געטראכט. עסט ער ווידער רייז מיט וואסער? האט ער זיך אויסגעזוכט עפעס א פרנסה? אדער אפשר איז ער אוועק זוכן די רויטע יידעלעך פון יענער זייט סמבטיון? אויף אזא ייד ווי משה בלעכער האט מען זיך אלץ געקאנט גלויבן. עפעס א באהאלטענער כוח האט דעם ייד געבונדן צו ארץ ישראל. איך וואלט געזאגט: א ביאלאגישער כוח. ארץ ישראל איז אים ממש געלעגן אויפ'ן פנים, וואס האט אויסגעזען ווי א מאפע פון ארץ ישראל...

טיילמאל, ווען איך פלעג שטיין אין אווענט אויפ'ן באלקאן און קוקן צו דער אייזן־גאס, וואו די גאז־לאמפן זענען געווארן אלץ געדיכטער, נענטער און קלענער, האב איך מיר פארגעשטעלט, אז דאס איז ארץ ישראל — אפשר דערפאר ווייל די אייזן־גאס איז געווען פאר מיר די סאמע ווייטסטע שטרעקע וואס איך האב געקאנט זען.

It is possible that I have erred somewhat in my story. But if memory serves, it happened this way. Moshe Blecher's children married; he was left with his wife. He needed to work less, and he stayed home more often, pouring over sacred tomes. It seems that before he went to Palestine Moshe Blecher opposed the Zionists, who attempted to translate his dreams into a practical reality. Moshe Blecher wanted the Messiah and only the Messiah. But with the passage of time he grew more sympathetic to the Zionist ideal. After all, if the Messiah does not want to come, must Jews wait indefinitely? Perhaps God wants the Jews to force the coming of the Messiah? Perhaps Jews must settle in the Holy Land first and then the Messiah will bring salvation. I remember that he began to argue with my father. My father looked upon Zionists as nonbelievers, villains, blasphemers who would bring contamination to the Holy Land. But Moshe Blecher would answer: "Perhaps it is destined to be so. Perhaps they are the vanguard of the Messiah, Son of Joseph? Perhaps they will repent and become pious Jews. Who can tell what the heavens have ordained?"

"A man must be a Jew before he can go to the Holy Land," my father said.

"And what are they? Gentiles? They are making sacrifices for Jews. They drain swamps and contract malaria. They are true martyrs. Is this to be minimized?"

"'Except the Lord build the House, they labor in vain that build it.'"

"The first temple was also built by men, not angels. King Hiram sent slaves and cedar trees to King Solomon."

The arguments grew more heated. My father began to suspect that Moshe Blecher had been taken in by the Zionists. To be sure, he was still a pious Jew, but he had become very confused. He even approved of Dr. Herzl. After a while the arguments came to an end. Moshe Blecher seemed to wander about in a state of bewilderment. He would carry on discussions not only with adults but with the children. Boys in the study house would question him: "Is it true that the stars in the Holy Land are as large as plums?"

"True, children, true."

"Is it true that Lot's wife is still standing near the Dead Sea with oxen licking the salt on her body?"

"Somewhere I heard this."

"Can you hear Rachel weeping for her children?"

"I did not hear it, but a saintly man might."

"Reb Moshe, do they eat bread in the Holy Land?"

"If they have it, they eat it."

It began to appear that Moshe Blecher was growing senile. However, his behavior must have been the result of his deep nostalgia, because one day Moshe Blecher returned to the Holy Land.

This time, no large wagon came for him. There was no kissing in the street and no messages sent with him. Moshe Blecher and his wife just disappeared. After a little while he was missed and inquiries were made about him. It was learned that he no longer could suppress his yearning for the land of his ancestors, the land of the fig trees and dates and almonds, where the goats eat St. John's bread and modern men build colonies, plant eucalyptus trees, and speak the holy tongue on weekdays.

Years passed and no word was received of Moshe Blecher. I thought about him for a long time. Is he living on rice and water again? Can he earn his bread? Has he perhaps gone in search of the Red Jews on the other side of the river Sambation? You could expect anything from a man like Moshe Blecher.

12

# אַ היתּר ממאה רבּנים

פון צייט צו צייט פלעגט קומען צום טאטן אַ ייד וואס האט ארויסגענומען אַ היתר ממאה רבנים. ס'איז דאַ אַ חרם פון רבנו גרשם נישט חתונה צו האבן מיט צוויי ווייבער, אבער עס זענען פאראַן אויסנאַמען. וואס זאָל טאַן אַ מאַנסביל וואס דאס ווייב איז משוגע? קיין משוגע'נע קאַן מען נישט גט'ן. און וואס זאָל טאַן אַ מאַן וואס דאס ווייב זיינס איז ערגעץ אַוועק קיין אמעריקע און לאָזט נישט פון זיך הערן? אזוינע זאכן האבן געטראָפן. דער מאַן פלעגט דאמאלס ארויסקריגן אַ כתב פון אַ רב, וואס האט געקאַנט דעם מצב און הונדערט רבנים האבן זיך געמוזט אונטערשרייבן אויף דעם היתר, אַז דער מאַן זאָל מעגן נאכאמאָל חתונה־האבן.

פארמעגלעכע מאנסלייט זענען נישט געפאָרן אַליין, נאָר געשיקט שליחים, און עס זענען געווען אזוינע יידן וואס דאס איז געווען זייער פרנסה: ארומצופאָרן זאַמלען חתימות פאַר פאַרלאָזענע מאַנען.

דאסמאָל איז דער מאַן אַליין געקומען. ער איז געווען אַ יונגערמאַן מיט אַ געלבלעכער בערדל, מיט מעש־גערעמטע ברילן, אין אַ קליין היטעלע און מיט אַ שניפּסל אונטער'ן קעלנערל. די קאַפּאָטע זיינע איז געווען אַ געהאַקטע, מיט אַ שליץ פון הינטן, און נישט לאַנג ביז די קנעכלען, נאָר אַ קאַפּעלע פאַרקירצט. ער האט אויסגעזען חסידיש־נגיד'יש און געטראָגן אַ פּאָר געפּוצטע שטיוועלעטן. ער האט ארויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר, וואו ס'זענען שוין געווען וועלכע פופציק אָדער זעכציק רבנ'ישע אונטערשריפטן און אויך סטעמפּלען פון אַלערליי פאָרמען — קיילעכיקע, פיר־עקיקע, דריי־קאַנטיקע, געדרוקטע מיט בלויען טוש, מיט שוואַרצן טוש, מיט רויטן טוש, מיט גרינעם טוש. און ווי פאַרשידן ס'זענען געווען די חתימות! טייל רבנים האבן זיך גע'חתמ'עט מיט פּיצעלעכע אותיות'לעך, אַנדערע האבן מיט זייערע אומגעלומפּערטע אותיות פאַרנומען אַ גאַנצע שורה; טייל האבן בלויז אונטערגעשריבן דעם אייגענעם נאָמען, אַנדערע האבן צוגעגעבן די נעמען פון זייערע טאַטעס און אפילו זיידעס. ביי איינעם איז די חתימה געווען קאַטשערעס און לאַפּעטעס. ־עפּעס אזוינע ווילדע צעשויבערטע אותיות, און נאָך יעדן אות האבן זיך נאָכגעשלעפּט שטעקנס, ווידלען, מעקן און קלעקן. אין איין חתימה זענען די אותיות געווען קיילעכיקע, בייכיקע, און ס'האט געהויכט פון זיי מיט אַ זעלבסט־צופרידענקייט אַזאַ, וואס מען קאַן נאָר מיט קיין ווערטער נישט איבערגעבן. דער טאַטע האט לאַנג געקוקט אויף די חתימות. טייל רבנים האט ער געקאַנט, פון אַנדערע האט ער געהערט. נאָך אַ ווייל האט ער גענומען לייענען דאס כתב. ער האט יעדעס מאָל געטאַן אַ שאָקל מיט'ן קאָפּ: אזוי? לא עלינו משוגע? אַ מרשעת אויך? אַוואַ! וויל זיך נישט גט'ן, האַ? האט אייך נעבעך געפּייניקט? נו, כ'על געבן מיין חתימה.

און דער טאַטע האט אונטערגעשריבן זיין נאָמען.

דער יונגערמאַן האט ארויסגענומען פון קעשענע אַ שטיקל לעשפּאַפּיר און מיט געניטשאַפט אָפּגעקלעקט די חתימה.

— וואס ווייסט איר, מורה הוראה, וואס יעד בין אַלץ אויסגעשטאַנען פון דער דאָזיקער ארורה! — האט ער אַ זאָג געטאַן.

— נו, עס שטייט דאָך אין כתב.

— אין כתב שטייט ניש' קאַ' טויזנט חלק.

— נו, אוודאי.

— איר'ט שוין אמאָל געהערט אַז אַ אידישע טאָכטער זאָל ביי דער סדר־נאַכט צעברעכן ס'גאַנצע געפעס און אריינגיסן די קניידלעך אין בעט אריין?

— אזוי? אויב אזוי, איז זי דאָך טאַקע לא עלינו משוגע — האט דער טאַטע געזאָגט.

— משוגע איז זי — האט דער יונגערמאַן געזאָגט נאָך אַן איבערטראַכטעניש — אבער נאָך מער ווי משוגע איז זי אַ רשעה. איך האָב געוואוסט, אַז ס'זענען דאַ רשעים, נאָר אַזאַ כלבתא איז נאָר חוץ לדרך הטבע. ס'האט זיך אָנגעהויבן ווען כ'בין נאָך געווען אַ חתן. דער מחותן האט מיך פאַרבעטן, ווי ס'איז דער שטייגער, און מיר'ן געהאַט אַ זעעניש. ס'איז דאָך היינטיקע צייטן. מ'וויל זיך אָנקוקן, רעדן אַ וואָרט. די מוטער אירע, די שוויגער, האט זיך איינגעשפּאַרט. ס'האט אפילו נישט געפּאַסט, ווייל מיין פאָטער איז אַ למדן, אַ טיש־זיצער אין אַלעקסאַנדער. אבער מ'האט זיי נאָכגעגעבן. מ'פירט מיך אריין צו איר אין שטיבל און זי נעמט רעדן צו מיר עפּעס מיט אַזאַ רוגזה און מאַכט אויס מיר חוזק. כ'האָב איר נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. אינדרויסן זענען געשטאַנען די מחותנים. סאַי־ווי איך האָב געמיינט ס'איז אויס שידוך. ווען כ'וואָלט עס דערציילט מיין טאַטעשי, וואָלט ער גלייך צעריסן די

# THE DISPENSATION

FROM TIME TO TIME someone would come to my father to obtain his signature for a "dispensation by a hundred Rabbis." Long ago Rabbi Gershom promulgated the prohibition against polygamy, but there are exceptions. What was a man to do if his wife was insane? An insane woman cannot be given a divorce. And what should a man do if his wife ran off to America and was never heard from again? Things like that did happen. The husband in that case would obtain a certificate from a Rabbi who was familiar with the circumstances, and a hundred other Rabbis had to sign the dispensation to permit him to marry a second wife.

Men of means did not make the rounds themselves but sent agents, and there were some who made their living in that way—traveling from town to town to obtain rabbinical signatures for deserted husbands.

This time, however, the husband himself came. He was a youngish man with a blond beard, metal-rimmed spectacles, a small hat, and a tie knotted under his collar. His gabardine was shortened, not reaching quite to his ankles, and had a slit in the back. He looked pious but prosperous, and wore polished low boots. He took out a sheet of paper on which there already were about fifty or sixty rabbinic signatures and seals in various shapes—circular, square, triangular, stamped in blue ink, black ink, red ink, green ink. And how different the signatures were! Some Rabbis had signed their names in small, neat letters, others took up an entire row with their unwieldy script; some had signed only their own names, others had added those of their fathers and even their grandfathers. The signature of one Rabbi was an illegible scribble-scrabble—such wild, unruly letters, each one dragging behind it hooks and tails, blots and smudges. The letters of another were round, pot-bellied, exuding an air of indescribable self-complacency. Father studied the signatures for a long time. He knew some of the Rabbis personally; others, he had heard of. Then he began to read the document itself. From time to time he would shake his head. "Really? Heaven have mercy—she is mad! And a shrew besides . . . a pity! And she won't accept a divorce? She made your life miserable? Certainly, I'll give you my signature."

Father signed his name. The young man took a scrap of blotting paper out of his pocket and carefully dried the fresh ink.

"Rabbi, you cannot imagine what I suffered because of this accursed woman!" he said.

"It is all described in the paper."

"Rabbi, that's not even a thousandth part of it!"

"Nu, I can imagine."

"Have you ever heard of a woman who—on the night of the Seder—breaks all the dishes and pours the dumpling soup over the bedding?"

"Indeed? She is obviously insane, poor soul," answered my father.

"She is mad," said the young man, after a moment of thought. "But she is even more malicious than mad. I always knew that there were evil people, but such a viper is really beyond the limits of the natural! It started when we were first betrothed. Her father invited me, as is the custom, and we had the opportunity to look each other over. These are, after all, modern times. Young people nowadays want to become acquainted, to talk about things. Her mother insisted on it. It did not really befit my family, for my father is a scholar—an intimate disciple of the Alexander Rabbi. But we gave in to them. She took me aside into her room and began to talk to me—but in such a voice! She made fun of me. I simply did not know how to answer her. And her parents were waiting outside. Anyway, I thought nothing would come of it. Had I told my dear father about this, he would have torn up the engagement

תנאים. אבער כ'האב געקלערט: ווער ווייסט? זי איז אביסל א הייני־טיק־וועלטישע. וואס האב איך געוואוסט? דער שדכן האט אלץ פאר־ריבן, פארגלעט, אזוי און אזוי. פאר דער חתונה האט מען איר געוואלט אפגאלן די האר, האט זי זיך נישט געלאזט. מיין מאמעשי איז א רבנ'ישע טאכטער. ס'פנים איז איר געווארן פארפאטשט. די מחותנת'טע האט געזאגט א תירוץ, באשר יאקאש מ'עט זי אפגאלן מארגן. ביי דער גילדענער יויך איז זי געזעסן און געמאכט ליצנות. שפעטער האט זי —

דער יונגערמאן האט מיט אמאל געטאן א קוק אויף מיר.

— זאל ער ארויסגיין! — האט ער געזאגט.

— גיי ארויס! — האט דער טאטע מיר באפוילן.

כ'האב גענומען מאכן קליינע טריטעלעך. כ'בין ארויס און געלאזט די טיר אביסל אפן. כ'בין געבליבן שטיין מיט אנגעשפיצטע אויערן. אבער דער יונגערמאן האט, אפנים, מיך חושד געווען, אז איך הער זיך אונטער. ער האט גענומען רעדן מיט א מורמלעניש, א ברומעניש. כ'האב געהערט ווי דער טאטע רופט אויס:

— פע, רחמנא ליצלן!...

— איר'ט באלד הערן ווייטער...

ווידער האט דער יונגערמאן גענומען שושקען, ברומען. עס איז דער־גאנגען צו מיר א סארט וויינענדיק זשומעניש. דער טאטע האט גענו־מען הוסטן און שנייצן די נאז אין דער פאטשיילע.

— נו־נו־נו — האט ער גע'טענה'ט — גענוג!

— ס'איז דער אמת.

— מ'טאר נישט מטמא זיין די אויערן!

— איר'ט נאך גארנישט געהערט...

איך האב צוריק געעפנט די טיר.

— טאטעשי, כ'קאן שוין אריינגיין?

— נו, אבער הער דיך נישט צו. ס'איז ניש' פאר קא' יינגל. נעם א ספר.

כ'האב גענומען א ספר און איך האב געהערט ווי דער יונגערמאן זאגט:

— איך האב געוואלט אנטלויפן, אבער כ'האב מיך געשעמט. מ'האט חתונה, מ'מאכט הוצאות, דער טאטעשי האט זיך פארשולדיקט, און דא — שוין אויס. בקיצור, כ'האב געליטן. ווער ווייסט? אפשר איז דאס עפעס א משוגעת'ל וואס גייט איבער? אבער באלד האט זי זיך צו מיר גענומען, ארויסגעוויזן, ווי מ'זאגט, ס'חזיר־פיסל. זי איז ממש נישט געשלאפן. געזעסן א גאנצע נאכט אין בעט און געשאטן מיט פעך און שוועבל, על ה' ועל משיחו. זי האט מבזה געווען די אייגענע טאטע־מאמע. ווען כ'קאן אייך איבערדערציילן א טויזנט חלק, וואלט איר געווארן נבהל ונשתומם. זי האט נאר צו אלעמען געהאט טענות. יעדער איינער האט איר געטאן אן עוולה. זיך אויסגעטראכט עפעס אזוי שקרים שלא היה ושלא נברא, נישט געשטויגן, נישט גע־פלויגן, און געוויינט בדמעות שליש. ממש דאס געלעגער נאס געמאכט מיט די טרערן. דער עיקר האט זי געהאט פרעטענזיעס צו מיר. וואס איז דא שייך פרעטענזיעס, ווי באלד מיר'ן ערשט נאר וואס חתונה געהאט און איך ווייס ניש' פון קא' פתרון און קא' חלום? אבער ס'איז אין איר געזעסן א קליפה. שפעטער האט זי מיר אליין מודה געווען, אז זי האט געפירט א ליבע.

— א ליבע?

— ער איז געווען א געגריוועטער שוסטער און ר'איז אוועק צו די זעל־נער. איך האב נאר געהערט, אז ער'ט זי ניש' געוואלט. ער איז גאר געווארן א חתן מיט אן אנדערער. ווי קומט זי צו א געגריוועטן שוסטער? דער שווער איז א באלעבאטישער איד, כאטש א מרוק און א כעסן. די גאנצע משפחה זענען אלע כעסנים. אז זיי ווערן בייז, קאנען זיי עמיצן אויף שטיקער צערייסן. מ'האט געזאגט אויפ'ן שווער, אז ער איז אמאל אריינגעפאלן אין דער יוכע פארוואס מ'האט אים געגעבן הגבה. האט ער א ווארף געטאן דאס ספר אויף דער ערד און געמוזט פאסטן פערציק טעג. כ'גלויב מיר עפעס נישט, נאר אויף זיי איז אלץ צו גלויבן. די שוויגער האט געשלאגן די מיידלעך — מיינע שוועגערינס — מיט א שיטל האלץ. יעדע נאכט זענען געווען אין שטוב קולות, געוואלדן. פרייטאג־צו־נאכטס, אז דעם שווער זענען נישט געפעלן די פיש, איז ער אוועק שלאפן אין מיטן דער סעודה. פרעגט נישט, כ'בין גוט אריינ־געפאלן.

— נו, אבי איר זענט פטור.

— פטור, הא? אז כ'בין נישט קראנק געווארן, בין איך שטארקער פון אייזן. דא האט זי געוואלט כ'זאל מיר אפשערן די בארד און דא האט זי גענומען טענה'ן מיר זאלן אוועק קיין אמעריקע. דער געגרי־וועטער שוסטער איז אוועק אהין, און זי'ט אוודאי נאך עים געבענקט. כ'זאג צו איר: ס'מוז דאך זיין א תכלית. יעדע זאך האט דאך א צוועק. נאר גיי רייד צו א מטורפת! מיין מאמעשי האט זיך דערוואוסט און זיך גענומען אריינלייגן אין א גט, אבער דאס האט איר אויך נישט געשמעקט. צי וואס, זאגט זי, זאל יעך דיך גט'ן? זאלסט חתונה האבן מיט אן אנדערער? דו ליג איינגעלייגט. עס ביי מיר די ערד — אט בוזה הלשון האט זי געערדט. זיי שטאמען נאר ערגעץ פון ליטוואקעס, אדער דער שווארץ־יאר ווייסט זי. די שוויגער איז א גרויס־פוילישע, נאר פון שווער'ס זייט קומען זיי גאר פון מעזריטש. כ'זאג צו איר: וואס פייניקסטו מיך אומזיסט און אומנישט? אז כ'בין נישט געשלאפן א גאנצע נאכט, האב יעך אינדערפרי נישט געוואוסט וואס ס'טוט זיך מיט מיר. כ'האב מיר געוואלט וואשן נעגל־וואסער, האב יעך אויס־

contract straightaway. But I thought to myself: it doesn't really matter. She's just been affected by some of these newfangled ideas. What did I know? The matchmaker smoothed over everything, poured the oil on thick: it's nothing, don't worry . . . They should have cut her hair before the wedding, but she wouldn't let them. My dear mother is the daughter of a Rabbi—she was ashamed to show her face! My mother-in-law made up excuses, said they would cut her hair the morning after the wedding. And while we were eating the golden chicken broth at the wedding meal, she just sat there and laughed at everything. Later on she . . ."

He looked at me. "Let him go out!"

"Leave the room," ordered my father.

I walked slowly, with small steps. I went out but left the door slightly ajar. My ears pricked, I remained standing there. But the young man apparently suspected that I was eavesdropping. He talked in an undertone, a mumble. I heard my father exclaim. "The mercy of heaven upon us—how dreadful!"

"Wait, there is more . . ."

Again the young man began to whisper. All I could hear was a sort of plaintive humming. Father coughed and blew his nose.

"Nu, nu," he interrupted, "that's enough, enough already."

"It is true, every word."

"Even so, one may not defile the ears . . ."

"But you have heard nothing as yet . . ."

I opened the door. "Father, may I come in now?"

"Yes, but don't listen. This is not for a child. Take a book and study."

I took a book, and heard the young man say: "I wanted to run away, but I was ashamed. You get married, you incur expenses—my dear father had gone into debt for my sake—and then, it's all over. What can I tell you? I suffered. Who knows?—I thought to myself—perhaps it is only a temporary madness that will pass. But soon she really started on me—showed her true colors, as the saying goes. She actually never slept. All night long she sat up in bed and blasphemed, poured out fire and brimstone. She insulted her own parents. If I were to tell you only a thousandth part of it, you would be shocked and stunned. She nursed grievances against the whole world. Everybody mistreated her. She invented things that never happened—no shred of truth to them—and wept bitter tears. She drenched the bed with her tears. But most of all she complained about me. And why should she have complained about me—here we were just married and I was as innocent as a lamb. . . . But there was a demon in her. Later she herself confessed to me that she had been in love with another man."

"In love?"

"Yes. He was a shoemaker and was taken into the army. I heard afterwards that he didn't want her. Anyway, how could she even consider an ordinary shoemaker? Her father is a respected man in the community, even if he is a misanthrope and has a vicious temper. The entire family has vicious tempers. When angry, they can tear you limb from limb. They say that my father-in-law once fell into a rage because one Sabbath he was called up to lift the Torah before the congregation, when he had been expecting one of the greater honors. He took the Torah scroll and hurled it to the ground, and then he had to fast for forty days as a penance. I don't believe the story is really true, but with people like that anything is possible. My mother-in-law used to beat her daughters—my wife's sisters—with a wooden club. On Friday nights, if my father-in-law didn't like the fish, he would leave the table in the middle of the meal and go to bed. Don't ask—I got myself into a real mess!"

"At least you'll be rid of it now."

"Be rid of it, you say? It's a miracle I'm not sick. First she wanted me to shave off my beard, and then she wanted to go to America. The shoemaker had gone there, and she probably missed him. I told her, 'Be reasonable—everything must be done with reason.' But can you reason with a madwoman? My dear mother heard of what was happening, and started to demand that I get a divorce, but *she* didn't like that either. 'Why—' she said—'should I divorce you? So you can marry someone else? You stay right where you are. For my part, you can lick the dust.' Those were her very words. It's to be expected—her people come from somewhere in Lithuania, or the devil knows where. My mother-in-law actually comes from Great Poland, but on the father's side they're from Meseritz. I said to her, 'Why do you torture me?' After a sleepless night, I simply wouldn't know what was going on around me the next day.

all . . . do we need to go through the marriage ceremony again . . . ?"

"What . . . ? What for? The dispensation does not annul your marriage."

"But in the meantime, I want to collect all the necessary signatures . . ."

And again the young man began to mumble to himself—a mumbling that was half singing and half weeping.

13

# דער סוד

די טיר האָט זיך געעפנט אין קיך און ס'איז אַריינגעקומען אַ ייִדענע מיט אַ פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ (אַ זעלטענע זאַך אין וואַרשע), מיט אַ געלבלעך פּנים, מיט אַ ברייטער נאָז, גראָבע ליפּן און געלע אויגן. עפּעס פּראָסטס און המונ'ישס איז געווען אין איר גאַנצן אויסזען. דער בוזים האָט אַרויסגעשטאַרצט ווי אַ גאַניק. פון פאָרנט האָט געהאַנגען אַ ברייט פאַרטוך. די שיך זענען געווען צעפּאָרן. זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ דינסט, אָדער אַן אָרימע הענדלערין אין אַ באַזאַר. געוויינלעך פלעגט אַזאַ ייִדענע גלייך פרעגן צי דער מורה הוראה איז דאָ און די מאַמע האָט זי אַריינגעשיקט אין דער אַנדערער שטוב. אָבער די דאָזיקע ייִדענע איז געבליבן שטיין ביי דער טיר און געקוקט אויף דער מאַמען מיט אַ פרעגנדיקן און בעטנדיקן בליק. די מאַמע איז איר פּאַמעלעך אַקעגנגעקומען.

— איר ווילט פרעגן אַ שאלה?

— רביצין קרוין, כ'ווייס אַליין ניש' וואָס כ'וויל. כשר מענש, כ'מוז מיר פאַר עמיצן אויסריידן ס'האַרץ. כ'קאָן מער ניש' דריקן אין מיר. כ'ווער, נישט פאַר ענק אָנגעמאָסטן, דערשטיקט. אָט דאָ אַ...

און די ייִדענע האָט אָנגעוויזן אונטער'ן האַלז. דערביי האָט זי געטאָן פלוצלינג אַ וויין־אַרויס. דאָס געוויין האָט געטאָן אַ פּראַל־אַרויס און די גאַנצע צורה איז דערפון אין איין רגע געוואָרן רויט, נאַס, פאַרוואַשן מיט טרערן. איך בין געזעסן אין אַ ווינקעלע אויף אַ פיסבענקעלע און געלייענט אַ מעשה־ביכל. איך האָב דערשמעקט, אַז איך וועל דאָ דערהערן אַ טשיקאַווע מעשה. ווייזט אויס, אַז די מאַמע האָט געהאַט אָן מיר פאַרגעסן און די ייִדענע האָט מיך נישט באַמערקט. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— טייערער מענש, כ'האָב געזינדיקט. כ'האָב אַ צעבראָכן האַרץ!...

און זי האָט פונסניי גענומען כליפּען און שנייצן די נאָז אין פאַרטוך. די אויגן אירע זענען געוואָרן אַ געמיש פון געוויין און געלעכטער, ווי אַלעמאָל ווען מען וויינט שטאַרק. די מאַמע האָט איר געהייסן זיך זעצן אויפ'ן קופערט.

— אַבי מ'האָט חרטה, נעמט גאָט אָן די תשובה — האָט די מאַמע געזאָגט, מעשה למדן. זי האָט געקאָנט תנ"ך בעסער פון מיין פאָטער. זי האָט אַריינגעקוקט אין אַזוינע שווערע ספרים ווי דער חובת הלבבות און מסילת ישרים, נישט אויף עברי־טייטש, נאָר אויף לשון־קודש. זי האָט געקאָנט אַ ים מיט דינים און געדענקט הונדערטער מאמרי־חז"ל און מדרשים. אירע ווערטער האָבן געהאַט וואָג.

— ווי קאָן יאָך טאָן תשובה, אַז דער גוי לעבט? — האָט די ייִדענע גערעדט און געשלוכצט. — ווער ווייסט צי ס'איז ניש' קאַ' שונא ישראל? ווער ווייסט צי ער שלאָגט ניש' קאַ' ייִדן? וואָס קאָן מיר העלפן מיין תשובה? יעדן ערל וואָס כ'זע, יעדן היצל, יעדן שיכור, מיין יאָך, אַז דאָס איז ער... אוי, רביצין, מיין בראָך איז זייער גרויס!... כ'שלאָף ניש' נעכט. וואָס עלטער כ'ווער, אַלץ ערגער ווערט מיר. כ'וואַלגער מיך אויפ'ן געלעגער און כ'קאָן ניש' צוטאָן קאַ'ן אויג. הלוואי וואָלט יאָך ניש' געווען דערלעבט געבוירן צו ווערן, וואָלט מיר געווען ווייל'ער...

די מאַמע האָט געשוויגן, און איך האָב דערקאָנט אין איר פּנים, אַז זי פאַרשטייט. אָבער איך האָב זיך נישט געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער באַלד האָב איך געהערט וואָס ס'איז געשען. די ייִדענע האָט מיט יאָרן צוריק אונטערגעוואָרפן אַ ממזר. זי האָט דערציילט, אַז עמיץ האָט זי פאַרפירט. זי האָט דאָס קינד איבערגעלאָזט אין אַ קויבערל ביי אַ קלויסטער און ווען זי איז אין אַ פּאָר שעה שפּעטער צוריקגעקומען, איז ער שוין נישט געווען. מ'האָט אים מסתמא ערגעץ אַוועקגעגעבן אין אַ פינדל־הויז, אָדער דער שוואַרץ יאָר ווייסט וואו. זי איז געווען אַן אָרעמע מויד, אַ יתומה. זי האָט מורא געהאַט זיך נאָכצופרעגן — זי'ט זיך געמאַכט פאַרגעסן. שפּעטער מיט יאָרן האָט זי חתונה געהאַט און געהאַט אַנדערע קינדער. זי איז שוין אַ באָבע. זי האָט אַלע יאָרן שווער געאַרבעט און זיך יאָקאָש געמאַכט פאַרגעסן איר מאַלעיר. אָבער וואָס עלטער זי ווערט, אַלץ מער מאַטערט עס איר. זי איז אַ מאַמע פון אַ גוי. ווער ווייסט? אפשר איז ער דער סטראַזשניק אין גאַס? אפשר איז ער אַ רשע, אַ המן? אפשר האָט ער אָנגעפּלאַדיעט אַ סך שקצים און שיקסעס? וויי צו איר און צו אירע יאָרן. ווי קאָן מען אַזאַ עבירה פאַרריכטן? ווי לאַנג וועט זי נאָך לעבן? וואָס וועט זי ענטפערן אויף יענער־וועלט? פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג וואָס זי'ט זיך געלאָזט אָנרעדן צו דער עבירה!... איר לעבן איז איין מאַטערניש. זי שעמט זיך אַפילו אַריינצוגיין אין אַ שול. זי איז אומריין, טמא. ווי מעג אַזאַ ווי זי זאָגן אַ ייִדיש וואָרט? שפּייען דאַרף מען אויף איר. הלוואי וואָלט גאָט געשיקט אויף איר דעם טויט!...

# THE SECRET

THE KITCHEN DOOR opened and a woman wearing a kerchief over her head (a rare sight in Warsaw), with a yellowish face, a wide nose, heavy lips, and yellow eyes entered. There was something ordinary, lower-class about her entire appearance. Her bosom thrust forward like a balcony. A large apron covered her chest and stomach. Her shoes were shapeless. She looked like a servant or a poor stallkeeper in a market. Women of this class usually asked at once whether the Rabbi was in, and Mother would send them into the next room. But this woman remained standing near the door, looking at my mother with questioning, pleading eyes. Mother slowly went toward her.

"Do you want to ask a ritual question?"

"Dearest Rebbetzin, I myself don't know what I want. Purest soul, I must bare my heart to someone. I cannot stifle it all inside me any more. May you be preserved from all evil—I am choking. Here, right here. . . ."

The woman pointed to her throat. At the same time she began to sob. The weeping seemed to burst forth from her and within a minute her face had become red, wet, washed with tears. I was sitting on a footstool in the corner, reading a storybook. I sensed immediately that I was about to hear an unusual tale. My mother had apparently forgotten my presence, and the other woman had not noticed me. She began to speak.

"Dearest being, I have sinned. My heart is crushed. . . ."

Again she began to sob and blow her nose into her apron. Her eyes became a mixture of weeping and laughing, as always when one weeps with great intensity. Mother asked her to be seated on the trunk that also served as a bench.

"If one sincerely repents one's sin, God accepts the penitence." Mother spoke in the manner of a scholar. She knew the text of the Bible even better than my father. She was also familiar with difficult books such as *The Duties of the Heart* and *The Path of the Righteous*—not in translation, but in the original Hebrew. She knew a veritable ocean of law and could cite hundreds of rabbinic sayings and homiletic parables. Her words carried weight.

"How can I do penitence while the heathen yet lives?"

The woman spoke and sobbed. "Who knows whether he is not himself a Jew-baiter? Who knows whether he does not beat Jews? What help can my remorse be to me? Every time I see a dogcatcher, a drunkard—I fear it may be he. Oh, Rebbetzin, my affliction is great! At night I cannot sleep. The older I get, the worse it becomes. I toss upon my bed and cannot close my eyes. How much better if I had never been born. . . ."

Mother remained silent, and I could tell by her face that she understood. But I could not fathom what was going on. Soon I learned what it was about.

Years ago this woman had abandoned an illegitimate child. Some man had seduced her. She had left the infant in a basket near a church, and when she returned a few hours later he was gone. He had probably been taken to a foundling home—or the black demons knew what had become of him. She was a poor girl, an orphan. She was afraid to make inquiries; she forced herself to forget. Years later she had married and borne other children. Now she was a grandmother. She had worked hard all her life and had almost succeeded in forgetting her misfortune. But as she grew older, it tormented her more and more. She was the mother of a Gentile! Who could know? Perhaps he was the policeman on the street? Perhaps he was wicked, another Haman? Perhaps he had fathered a host of heathen sons and daughters? Woe to her and woe to her old age! How could a sin like hers be forgiven? How long did she still have to live on this earth? How would she defend herself in the other world?

און די יידענע איז זיך פונסניי פארגאנגען אין א געקלאג און געיאמער. די מאמע איז געשטאנען א בלאסע, מיט פארשלאסענע ליפן. דאס וואס די מאמע האט זי נישט גלייך געפרואווט טרייסטן, איז געווען פאר מיר א סימן וואס פאר'א הארבע עבירה יענע האט אפגעטאן. צום סוף האט די מאמע א זאג געטאן:

— וואס קאנט איר טאן ? בעט דעם אויבערשטן.

און נאך א ווייל האט זי צוגעגעבן:

— פון אברהם אבינו זענען אויך ארויסגעקומען גויים.

— רביצין, זאל יאך אריינגיין צום מורה הוראה ?

— וואס קאן איך אייך העלפן ? טוט צדקה. אויב איר האט כוח, פאסט א תענית. מ'קאן נישט טאן איבער די כוחות.

— רביצין, מ'האט מיר געזאגט, אז פון די דאזיקע קינדער מאכט מען סטראזשעס, און זיי האבן קיינמאל נישט חתונה, זיי זאלן קאנען פארן צו שרפות ווען מ'רופט זיי.

— הא ? נו, וועלן פון אים כאטש ניש' ארויסקומען קא' שרצים.

— רביצין, ער דארף איצט אלט זיין פערציק יאר. עמיץ האט מיר געזאגט, אז ווען מ'צינדט אן ליכט און מ'טוט אזא סגולה, פגר'ט ער — די מאמע האט זיך אפגעשאקלט.

— ווער האט עס אייך געזאגט ? לעבן און טויט איז ביי גאט אין די הענט. ס'איז אויך נעבעך נישט זיין שולד. וואס איז ער שולדיק ? ס'איז פאראן א ווארט: תינוק שנשבה לבין העכו"ם. ווען א קינד פאלט נעבעך אריין צווישן געצענדינער, — וואס קאן מען האבן דערצו ? קנאפ יידישע קינדער האט מען נעבעך אפגע'שמד'ט אין כמעלניצקי'ס צייטן ? דער אויבערשטער פירט דעם חשבון. דער וואס האט דאס אייך געזאגט, וועגן די ליכט, ווייסט נישט וואס ער רעדט. מ'טאר נישט בעטן אויף קיינעמ'ס טויט, סיידן מ'ווייסט אז ער איז א רשע און טוט אן צרות — — —

— הא ? ווי קאן דאס יאך וויסן ? כ'וויים נעבעך גארניש', פינסטער און ביטער איז מיר. כ'גיי ארום איבער די גאסן און קוק אויף די גויים. אז ס'הארץ פלאצט מיר ניש', בין איך שטארקער פון אייזן. כ'גיי גאס־איין גאס־אוים און יעדער גוי וואס ס'גייט פארביי, דוכט זיך מיר אז דאס איז ער. כ'וויל צולויפן רעדן, פרעגן, נאר כ'האב מורא. מ'עט נאך מיינען כ'בין פון זינען אראפ. ווי אזוי כ'ווער נישט משוגע פון צרות, איז גאט'ס וואונדער. אי, רביצין, ווען עמיץ קאן טאן א לעק צו מיין הארץ, וואלט ער זיך אפגע'סמ'ט.

— איר זענט שוין אוודאי ס'אייעריקע איבערגעקומען —

— וואס טוט מען, רביצין ? גיטץ מיר אן עצה !...

— ווי אזוי איז דאס געשען ? וואו איז דער פאטער ?

די יידענע האט גענומען דערציילן א מעשה וואס איך קאן שוין נישט גענוי געדענקען. זי האט געדינט ערגעץ אין א הויז. זי האט זיך באקאנט מיט עפעס א בעל־מלאכה. ער האט צוגעזאגט חתונה צו האבן מיט איר. ער'ט זי איינגענומען מיט א פאלשער צונג, מיט גלאטע ריידעלעך. ווען ער'ט זיך דערוואוסט, אז זי טראגט, איז ער ערגעץ אוועק. א מאנסביל מאכט זיך עפעס א סך פון אזוינע זאכן ? שפעטער מיט יארן האט זי חתונה געהאט מיט אן אלמן, אדער א גרוש. די יידענע האט גענומען רעדן אלץ שטילער, כמעט מורמלען. די מאמע האט געשאקלט מיט'ן קאפ. נאך א ווייל איז געבליבן אז מען זאל יא פרעגן אן עצה ביים טאטען, נאר די מאמע זאל פריער אריינגיין צום טאטען און אים זאגן וועגן וואס דא גייט. די יידענע איז געבליבן זיצן אין קיך. די מאמע איז אריין צום טאטען. ס'האט נישט לאנג געדויערט ווי איך האב דערהערט דעם טאטען זיפצן. די דאזיקע גאס האט אים נישט געלאזט צורו, זיך כסדר אריינגעריסן מיט איר רויש, מיט איר ווילדקייט און גראבקייט.

נאך א ווייל איז די יידענע אויך אריין צום טאטען. דער טאטע האט געהאט ארויסגענומען א גאנצן שטוים ספרים פון דער ספרים־שאנק. ער האט געזוכט, גענישטערט, געבלעטערט, געצויגן די האר פון דער בארד. ער האט אין די ספרים זיינע אפט געלערנט וועגן רוצחים, גזלנים, גנבים, פארגוואלדיקער, איבעררײדער, אבער דארט, אין די ספרים, זענען דאס געווען נישט מער ווי דינים. אויף לשון־קודש, אין די הייליקע אותיות, האט דאס אלץ געהאט דעם טעם פון תורה. גאנץ אנדערש האט דאס אלץ געקלונגען אויף פראסט מאמע־לשון. א יידענע אויף קראכמאלנע גאס האט ערגעץ איבערגעלאזט א ממזר. מ'האט אים דארט גע'שמד'ט. די ספרים האבן געזאגט ווי אזוי תשובה צו טאן אויף אזא עברה, אבער איז די יידענע וויליק צו טאן אזא תשובה ? און איז עס פאר אירע כוחות ? די היינטיקע דורות זענען שוואך. דער טאטע האט מורא געהאט ער זאל, חלילה, נישט איבערכאפן די מאס און נישט גורם זיין דער יידענע זי זאל ווערן קראנק. דאמאלס וואלט אויף אים געפאלן נאך א גרעסערע עברה ווי אויף איר...

איך בין געשטאנען אין בית־דין־שטוב אין א ווינקעלע און געהערט ווי דער טאטע פרעגט־אוים די יידענע: האט זי א געזונט הארץ ? ליידט זי נישט פון קיין שום שלאפקייט ? האט זי נישט, חלילה, קיין הוסט ? דער טאטע האט איר ארויסגעגעבן מער־ווייניקער די אייגענע תשובה וואס דער יידענע וואס האט געשוואוירן פאלש: נישט צו עסן אין דער וואכן קיין פלייש, צו פאסטן מאנטאג און דאנערשטאג — אויב עס שאדט איר נישט צום געזונט; צו זאגן תהילים, צו געבן צדקה. די יידענע האט גענומען יעדעס מאל פונסניי וויינען און ביטערן און דער טאטע האט זי געטרייסט: אוודאי טאר דער מענש נישט קאליע מאכן, אבער ס'זענען פאראן תיקונים. מ'קאן אלץ פארריכטן. דער מענש דארף

Cursed be the day when she had let herself be persuaded to do this evil! Her life was an endless torture. She was ashamed to enter a synagogue. She was impure, defiled. How could such a one as she dare to utter a holy prayer? She should be spat upon. Would that God send the Angel of Death to release her. . . .

Again the woman broke into lamentation and wailing. My mother was pale; her lips were clenched. The fact that she did not immediately attempt to comfort the woman was an indication to me of how grievous was the sin she had committed.

At last Mother spoke. "What can you do? Only to pray to the Almighty." And after a while she added, "Our father, Abraham, also brought forth Gentile nations."

"Rebbetzin, do you think I should speak to the Rabbi?"

"How can he help you? Give money to charity. If you are strong enough, fast. But you cannot do more than your strength permits."

"Rebbetzin, people say that such children become firemen and are never permitted to marry, so that they will always be ready to rush to a fire when they are called."

"What? In that case, at least he will not be the father of unbelievers."

"Rebbetzin, he should be about forty years old now. Someone told me that if I were to light forty candles and recite a secret incantation, he would die."

My mother shuddered.

"Who told you that? Life and death are in God's hands. And after all, it is not *his* fault. Wherein is he guilty? There is a Talmudic expression for such as he—*a child taken captive.* He is not to be blamed. Were not many Jewish children baptized by force in the days of Chmielnicki? The Almighty keeps the reckoning. Whoever told you about the candles does not know whereof he speaks. One is not permitted to pray for the death of any human being—unless one knows as a certainty that he is wicked and commits evil. . . ."

"How can I know that? I—may God pity me—know only that my life is dark and bitter. I walk through the streets and stare at the Gentiles. If my heart does not break, it must be stronger than iron. I walk from one street to the next, and every Gentile who passes by seems to be my son. I want to run to him, to question him, but I am afraid. People will think I have gone mad. How it is that I do not indeed go mad, only God knows. Rebbetzin, if someone were to lick at my heart, he would be poisoned!"

"You have probably already atoned for your sin."

"What shall I do? Give me counsel!"

"How did it happen? Where is the father?"

The woman began to tell a tale whose exact details I no longer remember. She had been a servant in the house of a well-to-do family. She met a workingman who promised to marry her. He had seduced her with his false tongue, his glib speeches. When he learned that she was pregnant, he disappeared. Does a man worry about a thing like that? Years later she had married a widower. The woman began to speak softly, ever more softly, almost to whisper. Mother nodded her head. After a while it was decided that they would ask Father's advice, but Mother was to go in first and explain the matter to him. The woman remained in the kitchen. Mother entered Father's study. It was not long before my father was sighing. Krochmalna Street would give him no peace: it constantly broke in upon him with its tumult, its unruliness and coarseness.

Then the woman, too, went into the study. Father had taken a stack of books from the bookcase. He searched, scanned, turned pages, tucked at his beard. In his holy books he had often read about murderers, robbers, thieves, depraved men, seducers —but there, in the books, they were part of the Law. Expressed in the holy tongue, written in the sacred script, even these retained the flavor of Torah. But in ordinary, everyday Yiddish, such things sounded quite different. A woman of Krochmalna Street had abandoned an infant. He had been baptized, become a Gentile. The holy books described the atonement for such a sin, but would the woman be prepared to undertake such a penance? And would it not be beyond the limits of her strength? The generation of today was weak. Father was afraid he might go too far, might cause the woman to become ill. Then he would have committed a sin greater than hers. . . .

I stood in a corner of the study and heard Father question the woman. Was her heart in good condition? Did she suffer from any illness? Did she not, perhaps, have a persistent cough?

טאן ס'זייניקע און זיך פארלאזן אויפ'ן באשעפער. מאתו לא תצא הרעות — פון אים קומט נישט ארויס קיין שלעכטס. אפילו דאס שלעכטע ווערט מיט דער צייט ווערן גוטס. אין תוך איז גאר קיין שלעכטס נישט פאראן. דער טאטע האט פארגליכן די וועלט צו א פרי מיט שאלן. די שאל קאן מען נישט עסן. א קינד וואס האט נישט קיין שכל קאן מיינען, אז די שאל איז איבעריק. אבער די שאל איז געמאכט אפצוהיטן די פרי. ווען נישט די שאל, וואלט די פרי געווארן פארפוילט אדער ווערעמדיק. אזוי איז אויך מיט די אומות העולם. מען דארף זיי אויך האבן. ס'שטייט אפילו אז גאט איז געקומען מיט דער תורה פריער צו עשיו'ן און ישמעאל'ן און ערשט ווען זיי האבן נישט געוואלט נעמען די תורה, איז ער געקומען צו די יידן. באחרית הימים וועלן זיי אויך קומען צום אמת און די חסידי אומות העולם וועלן זיין אין גן־עדן...

פון דעם טאטענ'ס רייד איז דער יידענע'ס הארץ צעגאנגען ווי וואקס, ווי ס'זאגט די מליצה. דאס געוויין איר'ס איז געווארן אלץ געהאלישער, אבער אין דעם געוויין איז געווען א פרייד. זי האט געקוקט אויפ'ן טאטען מיט שטראליקע בליקן. ער האט איר אייגנטלעך געזאגט דאס איינגע וואס די מאמע, נאר ביי אים איז עס ארויסגעקומען ווארימער, היימישער. די יידענע איז אוועק מיט א סך ברכות. זי האט אלעמען געבענטשט: דעם טאטן, די מאמען, מיך. זי האט גע'טענה'ט, אז זי באדויערט פארוואס זי האט די אלע יארן געדריקט דאס אלץ אין זיך. זי האט שוין לאנג געדארפט אויסטאן דאס שעם־היטל און קומען צו דעם טייערן צדיק אויסגיסן פאר אים דאס געמיט. ער האט איר אראפגענומען א שטיין פון הארץ...

נאכדעם ווי די יידענע איז אוועק, האט דער טאטע גענומען ארומשפאנען אהין און צוריק איבער דער בית־דין־שטוב. איך האב מיך אומגעקערט אין קיך צו דעם מעשה־ביכל. איך האב דארט געלייענט וועגן קיסרים, פרינצן, פרינצעסינס, ווילדע פערד, היילן פון גזלנים. די געשיכטע מיט דער דאזיקער יידענע האט זיך ווי אריינגעוועבט אין דער דאזיקער פארפלאנטערטער מעשה...

אין א פאר טעג שפעטער האט אויסגעבראכן א שרפה אקעגנאיבער אונזער הויז. איך בין ארויס אויפ'ן באלקאן און אלץ געזען: דאס אנקומען פון אויסרייטער און דאס אנפארן פון די פייער־לעשער אין זייערע לאנגע וועגענער און מיט די פערד וואס האבן זיך געריסן פון די לייצן. אין א מינוט האט מען אויפגעהויבן א לייטער און פייער־לעשער אין מעשענע קאסקעס און מיט העקלעך אויף די לענדן האבן משונה גיך צוגעשטעלט די לייטער צום פענסטער פון וואנען ס'האט געזעצט א רויך. אנדערע האבן אויפגעוויקלט א קישקע. די גאס האט גענומען בליצן מיט מעש און מיט אינסטרומענטן אזוינע וואס ס'איז שווער געווען צו וויסן וואס פאר א שייכות זיי האבן מיט לעשן א פייער. די פאליציאנטן האבן געיאגט, אבער מחנות קינדער זענען אנגעלאפן פון אלע הויפן און די גאס איז געווארן שווארץ. טייל יונגען האבן זיך ארויפגעכאפט אויף לאמטערן, אויף טירן, אויף די גלייכע ווענט. איך בין געשטאנען אויפ'ן באלקאן און אלץ געזען. מיט אמאל איז מיר איינגעפאלן, אז דער זון פון דער דאזיקער יידענע איז דא צווישן זיי. איך האב גענומען אים זוכן און אים גלייך דערקאנט. יא, עס איז יענער מיט דעם לאנגן פנים און די טונקעלע וואנסן. ער איז געשטאנען און גארנישט געטאן, נאר גלאט געקוקט צום הימל. פון רגע צו רגע בין איך געווארן אלץ זיכערער, אז דאס איז ער... אן אויסטערלישער געדאנק איז מיר איינגעפאלן: אפשר אראפגיין אים זאגן דעם אמת? אפשר אים אראפווארפן א בריוועלע? אבער ער קאן דאך נישט קיין יידיש... איך האב געקוקט אויף אים אזוי לאנג ביז ער האט, אפנים, דערשפירט מיין בליק. ער האט אויפגעהויבן די אויגן, מיך אנגעקוקט א פאר'חידוש'טער און מיט אמאל געטאן צו מיר א פאכע מיט א פויסט, ווי גויים טוען געווייינלעד צו יידישע קינדער.

— ביזט א ייד! ביזט א ייד! שטאמסט פון אברהם, יצחק און יעקב! -- האב איך צו אים געמורמעלט. — איך קאן דיין מאמען... טו תשובה!...

ער האט זיך ערגעץ אויסגעמישט מיט די אנדערע פייערלעשער. ער איז אנטלאפן פון מיינע רייד, ווי יונה איז אנטלאפן פון גאט... איך האב מיך אזוי אריינגעטאן אין מיינע פאנטאזיעס, אז איך האב רעכט נישט געזען ווי מען האט פארלאשן די שרפה. א ווילדער רעיון איז מיר אריין אין מוח: אפשר האט מיך אויך עמיץ אונטערגעווארפן? אפשר בין איך נישט טאטע־מאמע'ס קינד, נאר עפעס א דינסט האט מיך אריינגעלייגט צו דער מאמען אין וויגל און זי האט געמיינט אז דאס בין איך?... ווי באלד מ'קאן אונטערווארפן קינדער, — ווי אזוי ווייסט מען בכלל ווער ס'איז וועמענס? א סך קשיות האבן זיך דערוועקט אין מיין מוח, א סך גריבלענישן. עפעס האבן די דערוואקסענע באהאלטן פאר אונז קינדער. עפעס שטעקט אין דעם אלעמען א סוד. ווער ווייסט? אפשר ווייסט אמאל די מאמע אז איך בין נישט איר'ס און דעריבער שרייט זי אויף מיר אזוי אפט? א קנויל האט זיך מיר אוועקגעשטעלט אין האלז און טרערן זענען מיר אנגעקומען אין די אויגן. איך בין אריין אין קיך און א זאג געטאן:

— מאמעשי, בין איך טאקיש דיין אינגל?

די מאמע האט געעפנט א פאר גרויסע אויגן.

— ביזט, חלילה, משוגע אדער חסר דעה?...

איך האב געשוויגן און זי האט זיך אנגערופן:

— מ'עט דיך מוזן צוריק אריינגעבן אין א חדר. דו ווערסט א ווילדע חיה!...

Finally Father prescribed for her this penance: to abstain from meat on weekdays, to fast on Mondays and Thursdays—if her health permitted; to recite the Psalms, to give money to charity. The woman began again and again to weep and lament, and Father comforted her. Of course one should avoid sin, but there are always ways of rectifying an error. Man must do what lies in his power and for the rest he must rely upon the Creator, for "from Him proceedeth not evil." Even that which appears evil will eventually become good. In reality, there is no evil. Father likened the world to a fruit and its outer husk. The husk cannot be eaten. A foolish child might think the husk is useless, but it was made to protect the fruit. Without it the fruit would rot or be eaten by worms. So, too, the Gentile nations are needed. It is even written that God offered the Torah first to Esau and Ishmael, and only when they refused it did He offer it to the Jews. At the end of days they, too, will recognize the truth, and the righteous of the Gentile nations will enter Paradise. . . .

Father's words melted the woman's heart like wax, as the saying goes. Her weeping became even more intense, yet now there was in it something of joy. She looked upon Father with shining eyes. In essence he had told her exactly what my mother had already said, but somehow his words seemed warmer, more intimate. The woman left, pronouncing countless blessings upon all of us—my father, my mother, even me. She regretted only that all these years she had stifled her woe within herself. She should have conquered her shame long ago and come to the zaddik, to pour out the bitterness of her heart before him. He had lifted a heavy burden from her breast. . . .

When the woman left, Father began to pace up and down the study. I returned to the kitchen and my storybook. There I read about emperors, about princes and princesses, about wild steeds, caves, and robbers. The story of the woman seemed to become part of this fantastic tale. . . .

A few days later a fire broke out in a house across the street. I ran out on the balcony and saw it all: the arrival of the advance patrol and of the firemen with their long wagons and the horses that seemed about to break out of their traces. Within a minute a ladder had been erected and firemen in shiny helmets, with hooks on their belts, placed the ladder with incredible speed against the window from which the smoke was belching forth. Others unrolled a hose. The street glittered with brass and with all sorts of machinery whose use for putting out a fire was difficult to discern. Even though policemen kept chasing them away, hordes of children came running from all the courtyards, and the street was black with people. Some boys climbed up lampposts, and the walls of nearby houses. I stood on the balcony and saw it all. Suddenly it occurred to me that that woman's son might be among the firemen. I began to look for him and recognized him at once. Yes, it was the one with the long face and the dark mustache. He stood by and did nothing, just looked up at the sky. From minute to minute I became ever more sure that it was indeed he. . . . An extraordinary idea took hold of me. Perhaps I should go down and tell him the truth? Perhaps I should throw down a note? But he would not know Yiddish. . . . I stared at him until it seemed that he had felt my gaze. He raised his eyes, looked at me in surprise, and then raised a threatening fist toward me—the usual gesture of the Gentiles toward Jewish children.

"You are a Jew! A Jew! A descendant of Abraham, Isaac, and Jacob!" I whispered to him. "I know your mother. . . . Repent!"

He disappeared amid the other firemen. He had run away from my words, as Jonah had run away from God. . . . I was so engrossed in my fantasy that I did not actually see how the fire was put out. A terrifying thought had entered my mind. Perhaps I, too, had been abandoned as an infant? Perhaps I was not really the child of my father and mother, but had been placed in Mother's cradle by some servant girl, and Mother only thought I was her child. . . . If children can be abandoned and exchanged, how can anyone know which child belongs to whom? Many questions arose in my mind, many puzzles. The grownups were keeping something from us children. There was a secret behind it all. Perhaps Mother knew that I was not really her child, and that was why she scolded me so often?

A lump formed in my throat, and tears rose to my eyes. I ran into the kitchen and asked, "Mama, am I really your son?"

Mother opened her eyes wide. "God have mercy, have you gone crazy?"

I remained silent and she exclaimed, "We will have to send you back to the heder. You are growing up like a wild animal!"

# 14

## אַ גרויסע דין תורה

געוויינלעך זענען די דין־תורה׳ס ביי אונז געווען קליינע. ס׳האט זיך געהאנדלט וועגן צוואנציק אדער העכסטנס פופציק רובל. איך האב געהערט, אז ביי אנדערע רבנים האט מען גרויסע דין־תורה׳ס, וועגן טויזנטער רובל, און ביידע צדדים נעמען בוררים. אבער דאס איז געווען ביי די רייכע מורה הוראה׳ס, אין יענע גאסן, נישט ביי אונז. אבער אין איינעם א ווינטער איז פארגעקומען ביי אונז א גרויסע דין־תורה. איך ווייס נישט ביז היינט פארוואס די נגיד׳ישע יידן האבן אויסגעקליבן פאר זייער דיין דעם טאטען, וואס האט געהאט א שם פאר א בטלן. די מאמע איז געזעסן אין קיך א דער־שראקענע. זי האט מורא געהאט, אז דער טאטע וועט נישט פארשטיין די פארוויקלטע געשעפטן. דער טאטע האט באציַיטנס ארויסגענומען דעם חושן משפט און גענומען ארייננקוקן אין די קליינע אותיות: אויב ער קאן נישט די מסחרים, זאל ער אמווייניקסטן קאנען דעם דין. באלד זענען אנגעקומען די בעלי־דינים, און זיי האבן מיטגעבראכט בוררים, אנדערע רבנים. איין בעל־דין איז געווען א הויכער, מיט א שווארין שיטער בערדל און מיט קויל־שווארצע בייזע אויגן. ער איז געווען אנגעטאן אין א לאנג פוטער, אין גלאנציקע קאלאשן און אין א פוטער׳ן היטל. אין מויל האט געשטעקט א ציגאר אין א בורשטינען ציגאר־שפיצל. ס׳האט געהויכט פון דעם ייד מיט חשיבות, מיט לומדות, מיט נגיד׳ישער שארפקייט. ווען ער האט אויסגעטאן די קאלאשן, האב איך געזען אויף דעם רויטן אויס־בעטעכץ גילדערנע בוכשטאבן, און מ׳האט מיר געזאגט, אז דאס זענען מאנאגראמען. ער האט מיטגעבראכט מיט זיך א בורר — א רב מיט א מילך־ווייסער בארד און מיט יונגע לאכעדיקע אויגן. דער רב האט גע־האט א דיקן בויך און אויף דעם זיידענעם וועסטל האט זיך געבאמ־בעלט א זילבערנע קייט. דער אנדערע בעל־דין איז געווען א קליין גרוי מענשל, אין א פוקסן פוטער, מיט א דיקן ציגאר צווישן די ליפן, און ער האט מיטגעבראכט א בורר וואס האט געהאט א ברייטע געלע בארד, א נאז ענלעך צו א שנאבל פון א פויגל און פונקט אזוינע קיילעכדיקע פויגלשע אויגן. ווען ער האט אראפגענומען דעם קאפעלאטש, איז ער א וויַיל געבליבן מיט א בלויזן קאפ. באלד האט ער אנגעטאן א זיידן קאַ־פעלע, וואס דאס טראגן נאר ליטוואקעס. ביי אונז אין שטוב האט מען געוואוסט בלויז פון תורה, אבער די דאזיקע יידן האבן אריינגעבראכט מיט זיך א שטיק וועלטלעכקייט. איך האב געקוקט און געשטוינט. די רבנים, די בוררים, האבן זיך געוויצלט איינער מיט דעם אנדערן. זיי האבן געשמייכלט מיט א געשליפענעם שמייכל. די מאמע האט אריינ־געבראכט טיי מיט ציטרין, שבת׳דיקע קיכלעך, און דער רב מיט די לא־כעדיקע אויגן האט געמאכט מיט דער מאמען א חכמה׳לע.

— רביצין, אפשר קאנט איר זען ס׳זאל ווערן זומער?

און ער האט נישט אפגעקערט די אויגן, ווי מיין טאטע, נאר געקוקט אויף איר גלייך און מיט געניטשאפט.

די מאמע איז געווארן רויט ווי א מיידעלע און זיך עפעס ווי פאר־לוירן. דערנאך איז זי געקומען צו זיך און געענטפערט:

— אז ס׳איז ווינטער, מסתמא דארף זיין ווינטער.

באלד האט זיך אנגעהויבן די דין־תורה, און א דין־תורה איז דאס געווען וועגן שווערע טויזנטער. איך האב געפרואווט מיט אלע כוחות באנעמען וועגן וואס ס׳גייט, נאר איך האב באלד פארלוירן דעם פאדעם. עפעס האט מען געקויפט, געהאנדלט, באצויגן וואגאנען סחורה. מען האט גערעדט וועגן קרעדיט, נעטא, ברוטא, קאנטא־בוך, זשורנאל, פראַ־צענטער, וועקסלען. די בוררים האבן אלץ געוואוסט אין מסחר, אבער דער טאטע האט געהאלטן אין איין איבערפרעגן און דאס האט מיר, דעם זון, פארשאפט בושות און חרפות. אין מיטן דער דין־תורה זענען גע־קומען יידענעס פרעגן שאלות אויף הינער. איין יידענע האט אפילו געוויזן א קויטיק העמד.

די דין־תורה האט געדויערט נישט איין טאג, נאר עטליכע טעג. און אין דער צייט האב איך איינגעזען, אז נישט אלע רבנים זענען ווי מיין טאטע. זיי האבן ארויסגענומען שרייב־פענדלעך און גלאט אזוי געצייכנט אויף בויגנס פאפיר שטרייכעלעך, רינגעלעך, קעסטעלעך. אלע עטלעכע שעה האט מען מיך אראפגעשיקט ברענגען דערקוויקענישן: עפל, קוכן, אפילו וואורשט און אויפשניט. דער טאטע האט זיך נישט געוואלט צו־רירן צו פלייש, וואס מען האט געקויפט אין א וואורשטן־האנדל, כאטש ס׳איז געווען גלאט־כשר. אבער די די אנדערע רבנים האבן גענעסן די נערויכערטע פליישן און אפילו געזאגט מבינות. גאנץ אפט האט מען איבערגעריסן די טענות און איינער פון די רבנים האט דערציילט א גלייכ־ווערטל. דער אנדערער איז אים נישט געבליבן שולדיק. דערנאך איז געווארן א רייד וועגן אויסלאנד, וואַרעמבעדער, און ס׳האט זיך ארויס־געוויזן, אז די רבנים זענען שוין געווען אין דייטשלאנד, אין ווין, אין אלערליי ווייטע שטעט. דער טאטע איז טאקע געזעסן אויבן־אן, נאר ער איז געווארן ווי איינגעשרומפן פון די דאזיקע וועלטלעכע כלי־קודש און פון זייערע גלאטע רייד. נאך א ווייל האב איך זיך אנגעהויבן אויס־קאנען אין דער דין־תורה און איך האב געזען א פאר׳חידוש׳טער אז

## A MAJOR DIN TORAH

The disputes that were brought to my father for arbitration were usually petty ones. The sums involved would be about twenty, or at the most fifty, rubles. I had heard that there were Rabbis to whom "big" cases, involving thousands of rubles, were brought, and each side would be represented by its own arbitrator. But this happened only to the rich Rabbis who lived in the north of Warsaw, not in our part of town.

But one winter a major lawsuit was brought to our house. To this day I do not know why these wealthy people chose my father to be their judge, for he was known as a naïve, unworldly man. My mother sat in the kitchen and worried. She feared that he would not understand these complicated matters. Early that morning, Father had taken down the *Hoshen Mishpat* and immersed himself in it: if he was not an expert on questions of business and commerce, he would at least be sure of the law. Soon the litigants came and brought their arbitrators—themselves Rabbis. One of the litigants was tall, with a sparse, black beard and angry, coal-black eyes. He wore a long fur coat, shiny galoshes, and a fur hat. His lips held a cigar in an amber cigar holder. An aura of importance, learning, and shrewdness emanated from him. When he removed his overshoes, I saw gilt letters on the red lining and was told that these were monograms. He had brought an arbitrator—a Rabbi with a milky-white beard and young, laughing eyes. The Rabbi had a round potbelly, and a silver chain dangled across his silk vest.

The second litigant was a small, gray manikin, dressed in a fox pelt, a thick cigar between his lips; he had brought a spokesman who had a broad, yellow beard, a nose like the beak of a bird, and round, birdlike eyes to match. When he removed his hat he remained for a few moments bareheaded. Then he put on a silken skullcap of the style worn by Litvaks.

In our house, the study of Torah was the only subject of importance, but these men brought with them an element of worldliness. I gaped and wondered. The Rabbis—the arbitrators—exchanged jokes. They smiled well-practiced smiles. My mother served tea with lemon and cookies left from the Sabbath, and the Rabbi with the laughing eyes addressed her jestingly.

"Rebbetzin, perhaps you can do something about bringing the summer?" He did not avert his eyes, like my father, but looked straight at her.

My mother reddened like a schoolgirl and seemed for a moment at a loss. Then she regained her composure and answered, "If we have winter, it is probably because the winter is needed." Soon the actual hearing began; the case involved thousands of rubles. With all my might I tried to understand what was being discussed, but I soon lost the thread. It was about buying, selling, ordering wagonloads of merchandise. They talked of credit, net value, gross income, account books, ledgers, interest, notes. The negotiating Rabbis were well versed in the terminology of business affairs, but my father was constantly asking for explanations. As his son, I suffered pangs of shame and embarrassment on his behalf. From time to time the discussion of the case would be interrupted by women from the neighborhood who came to ask whether their freshly slaughtered chickens were kosher.

The Din Torah lasted not one but several days. During this time I learned that not all Rabbis resembled my father. These two took out fountain pens and scribbled on sheets of paper—lines, circles, squares. Every few hours I was sent out to buy refreshments: apples, cakes, even sausages and cold cuts. My father never touched meat bought in a sausage shop, even one that was strictly kosher. But the other Rabbis ate the smoked meats and discussed them like connoisseurs. At other times the argument would be halted while one of the Rabbis told a story. Then the other would not want to lag behind, and he too would tell an anecdote. Then they got to talking about foreign countries and different resorts, and I learned that these Rabbis had been in Germany, in Vienna, and in other distant places. My

געוויינלעך, כאטש צו קאנען דאווענען במנוחה און אריינצוכאפן א בלאט גמרא. ער איז ארומגעגאנגען אין בית־דין־שטוב און געזאגט הויך און מיט א געבראכן קול:

אלוק נשמה שנתת בי, טהורה היא... גאט, די נשמה וואס דו האסט מיר געגעבן איז א ריינע. דו האסט זי באשאפן, דו האסט זי געפורעמט, דו האסט זי אריינגעבלאזן אין מיינע נאזלעכער, און דו ביזט אנגעברייט זי צוצונעמען פון מיר און זי מיר אומצוקערן צו תחית המתים...

ער האט נישט געזאגט, דער טאטע, נאר זיך עפעס ווי אויסגע׳טענה׳ט מיט׳ן רבונו של עולם. מיר האט זיך געדוכט, אז ער קושט די ציצית און די תפילין מיט מער כוונה ווי אלעמאל.

יא, דער לעצטער טאג איז געווען א שטורעמדיקער. נישט בלויז האבן געשריגן די בעלי־דין, נאר אויך די בוררים. די פריערדיקע פריינטלעכקייט צווישן די בוררים איז אויסגערונען, און ביידע האבן זיך גענומען אריינזאגן און זיך אנרופן מיט אלערליי נעמען. מען האט אזוי לאנג זיך געאמפערט און געשריגן און דערקוויקט די פארשמאכטע געמיטער, ביז די כוחות האבן זיך אויסגעלאזט. דאמאלס האט דער טאטע ארויסגענומען די פאטשיילע און געהייסן מקבל קניין־זיין. איך בין געשטאנען א דערציטערטער. איך בין געווען זיכער, אז דער טאטע האט גארנישט באנומען פון די אלע פלאנטערנישן און עס וועט ארויסקומען א פסק, וואס וועט פאסן ווי אן ארבעס צו דער וואנט. אבער ס׳זעט אויס, אז אין משך פון די אלע טעג האט ער זיך פארט געכאפט ווען וואס מען שפארט זיך. ער האט געמאכט זיין אלטע און אויסגעפרואווטע פשרה: ויחלוקו, העלפט אויף העלפט...

נאכדעם ווי ער האט ארויסגעגעבן דעם פסק, איז לאנג געווען שטיל. קיינער האט פשוט מער נישט געהאט קיין כוח צו רעדן. דער ייד מיט דעם שיטערן בערדל האט אנגעקוקט דעם טאטן מיט א פאר גזלנ׳ישע אויגן. דאס קליינע יידל האט זיך פארקרימט ווי פון א זויערן טעם אין מויל. דער רב מיט די לאכעדיקע אויגן איז געווארן טויט־ערנסט. דער רב מיט דער געלער בארד האט אנגעהויבן שמייכלען חוזק׳דיק און געוויזן א מויל שיטערע געלע ציין. איך האב באמערקט, אז אויף איין צאן האט געלויכטן א שטיקל גאלד, און דערפון האב איך פארשטאנען אז ער איז טאקע געווען אין אמעריקע.

נאכדעם ווי אלע זענען געקומען צו זיך, האט מען צעליינגט אויף טעלערלעך דעם טאטענ׳ס פסק. מ׳האט אים דערלאנגט אלערליי שטעכווערטלעך. דער טאטע האט גע׳טענה׳ט:

— איך האב אייך געפרעגט צי איר ווילט א ריינע דין־תורה, אדער א פשרה.

— א פשרה מוז אויך האבן א טעם!...

— נו, דאס איז מיין פסק, קא׳ קאזאקן האב איך נישט...

די בוררים זענען אוועק זיך סוד׳ען יעדער מיט זיין צד. מען האט געברומט, זיך געבייזערט, געמרוקעט. אמשטארקסטן, געדענק איך, האט זיך געווארפן יענער צד, וואס האט פון דעם פסק געכאפט די גרעסטע מציאה. דערנאך האט מען, אפנים, ביי זיך אפגעפאסט, אז דער פסק איז גארנישט אזוי קרום און אז עס איז אפשר דער איינציקער אויסוועג. די בעלי־דין, וואס זענען געווען שותפים, האבן זיך איבערגעבעטן. די בוררים האבן פארלאנגט איך זאל ארופגיין ברענגען גוטע זאכן, מען זאל דערכאפן דאס הארץ נאך די אלע קריגענישן און רייסענישן. ווידער זענען די בוררים געווארן צו זיך צוקער־זיס, און איינער האט פארגעשלאגן דעם אנדערן ער זאל אים צושארן א בוררות. צום סוף זענען אלע אוועקגעגאנגען. אין שטוב איז געבליבן א רויך פון ציגארן, א פולער טיש פאפירן, שאלן פון אויבסט, רעשטלעך פון גוטע שפייזן. דער טאטע האט געהאט באקומען א גרויסן פסק־געלט — דוכט זיך מיר, צוואנציק רובל — אבער איך האב געזען, אז ס׳איז אים אויך געבליבן א ביי־טעם. ער האט געבעטן די מאמען זי זאל וואס גיכער אפרוימען פון טיש. ער האט געעפנט די טיר ס׳זאלן ארויס די ריחות פון גביר׳ישקייט און וועלטלעכקייט. מילא, די בעלי־דין ווי די בעלי־דין, נאר די דאזיקע קליגערישע רבנים האבן פארשאפט דעם טאטען צער.

ווי נאר די מאמע האט אפגעווישט דעם טיש, האט דער טאטע זיך אוועקגעזעצט לערנען. ער האט זיך צוגעכאפט צו די ספרים מיט א דורשט. דארט, אין די הייליקע ספרים, האט מען נישט געגעסן קיין סארדינען, זיך נישט געשטאכן, זיך נישט גע׳חנפ׳עט, נישט גערעדט קיין צוויי־דייטיקע רייד, נישט געמאכט קיין גליטשיקע חכמה׳לעך. דארט האט געוועלטיקט די קדושה, דער אמת, די פרישות. אין חסידים־שטיבל, וואו דער טאטע האט געדאווענט, האט מען געוואוסט וועגן דער דאזיקער רוישיקער דין־תורה. יידן סוחרים האבן געשמועסט דערוועגן מיט׳ן טאטען. ס׳האט געהייסן, אז דער טאטע ווערט ביסלעכווייז באקאנט אין ווארשע, קריגט א נאמען. אבער דער טאטע האט אוועקגעמאכט מיט דער האנט.

— עט, ס׳טויג נישט...

נראד אין יענע טעג האט דער טאטע מיט מיר גערעדט וועגן די ל״ו צדיקים, די פשוט׳ע יידן, די שניידערלעך, שוסטערלעך און וואסערטרעגערס, וואס אויף זיי שטייט די וועלט. דער טאטע האט דערציילט ווי ארעם זיי זענען, ווי קליין זיי האלטן זיך און ווי אזוי זיי מאכן זיך פאר עם־הארצים, קיינער זאל נישט וויסן זייער גרויסקייט. ער האט גערעדט וועגן די דאזיקע פארבארגענע צדיקים מיט א באזונדערער ליבשאפט, און מיט אמאל האט ער א זאג געטאן:

— איין צעבראכן הארץ איז ביים אויבערשטן מער ווערט פון דרייסיק ווידענע ששופיצעס...

and "fractions" (a term my father used for any arithmetical process more complex than addition, subtraction, and multiplication). He foresaw that in any case the litigants might not abide by his decree. He was also afraid that the suit would eventually be brought into the civil courts, and he might be called as a witness. The very idea of standing before a magistrate, taking an oath on a Bible, sitting among policemen, cast terror upon him. He groaned in his sleep at night. In the morning he would rise even earlier than usual, to be able to recite his prayers in peace and to review at least one page of the Gemara. He would pace up and down in his study and pray aloud, in a trembling voice:

"O my God, the soul Thou gavest me is pure. Thou didst create it, Thou didst form it, Thou didst breathe it into me. Thou preservest it within me, and Thou wilt take it from me, but wilt restore it unto me hereafter. . . ."

He was not simply reciting a prayer, but seemed almost to be pleading his case before the Master of the Universe. I thought that he kissed his phylacteries and the fringes of his prayer shawl with a fervor more intense than ever.

Yes, the final day was a stormy one. This time, not only the litigants, but even the negotiators shouted. The erstwhile amity between the two spokesmen had evaporated, and they were now quarreling and abusing one another. They argued and shouted and gave vent to their pent-up emotions until their strength was exhausted. At that moment Father took out his kerchief and ordered the litigants to grasp it, a token of their submission to his decision. I stood by, trembling. I was certain that my father had understood nothing of all these entangled arguments and that he would pronounce a decree as ill-fitted as a blow for a Sabbath greeting. But now it became clear that in the course of these past days my father had, after all, grasped the significance of the issues at stake. He pronounced his old and tried formula of compromise: an equal division. . . .

For some time after he had given his decision, there was silence. No one had the strength to speak. The man with the sparse beard stared at my father with savage eyes. The little man made a grimace as though he had accidentally swallowed something sour. The Rabbi with the yellow eyes smiled cynically, displaying a mouthful of yellow teeth. I noticed that one tooth was gold-covered, and this convinced me that he had indeed been in America.

When all had had time to recover, they began to tear my father's decree apart. Insulting innuendoes were made. Father stated his argument simply. "I asked you whether you wanted an absolute decision, or were willing to accept a compromise."

"Even a compromise must be reasonable!"

"That is my decision. I have no Cossacks at my command to enforce it."

The arbitrators withdrew to confer with their clients. They muttered, argued, complained. I remember that the loudest protests came from the side that had actually benefited the most from the decision. After a while they seemed to have decided that the compromise was not, after all, so bad and that perhaps there really was no better way. The litigants, who were business partners, shook hands. The Rabbis demanded that I go down to bring refreshments, so that all could recuperate from the fighting and quarreling. Again the two were the best of friends, and one even said that he would recommend the other to handle a case he knew of. At last everyone had left. In the study there remained only cigar smoke, a table full of papers, fruit skins, the remains of various delicacies. Father had received a generous fee—twenty rubles, I believe—but I could tell that he felt an unpleasant aftertaste. He asked Mother to clear the table as quickly as possible. He opened the doors so that the odors of wealth and worldliness might escape. The litigants were, after all, men of business—but the overly clever Rabbis had caused him deep pain.

As soon as my mother had cleared the table, Father sat down to resume his studies. He reached for his books eagerly. There, in the holy books, one did not nibble on sardines, one did not make innuendoes, or flatter, or speak words of double meaning, or tell slippery jokes. There holiness, truth, dedication reigned.

In the Hasidic prayer house where my father prayed, the men had heard of the sensational Din Torah. Businessmen discussed it with my father. They said that he was becoming known in Warsaw, was gaining a reputation, but my father waved this talk aside with his hand.

"No, it is not good. . . ."

נאך א ווייל האט דער ייד גענומען דיקטירן דעם טאטן די צוואה, און דאס איז געווען א צוואה וואס האט אנגעווארפן א פחד. דער ייד האט אנגעזאגט וואס'ערע תפילות מ'זאל זאגן ביי יציאת־נשמה; ווי אזוי מ'זאל אים אפהויבן; וואס'ערע קאפיטלעך תהילים מ'זאל זאגן ווען מ'וועט איבער אים וואכן פאר דער לוויה, און ווי אזוי מ'זאל זיך באגיין מיט אים בעת דער קבורה. ער איז, אפנים, באקאנט געווען מיט צוואות פון א סך רבנים און רביים, ווייל יעדעס מאל וואס דער טאטע האט זיך אנגערופן, אז עפעס איז נישט לויט'ן דין, האט ער זיך פאררופן אויף דער אדער יענער צוואה, און דער טאטע האט אים נישט געקאנט אפענטפערן. ער האט אלץ געוואוסט בעסער. דער טאטע האט אנגעשריבן א גרויסן בויגן פאפיר מיט א קליין כתב און דער ייד האט אלץ איבערגעלייענט פאמעלעך און, אפנים, מיט גרויס נחת־רוח. דערנאך האט ער זיך אונטערגעשריבן: כה דברי המת... דאס זענען די רייד פון טויטן. און ער האט גע'חתמ'עט זיין נאמען מיט א געציקעלטער שריפט.

פאר דעם שרייבן האט דער ייד באצאלט דעם טאטן דריי רובל. ער האט געזאגט דעם טאטן, אז ווי וואויל ער זעט אויס גוט, האט ער קראנקע לונגען און אז די דאקטוירים האבן אים אזוי גוט ווי אפגעזאגט דאס לעבן. מאדנע, אז אין דער צוואה האט זיך נאר גערעדט וועגן יידישע ענינים, תפילות, צדקות, לערנעכצער, יארצייטן. וועגן מסחר איז דארט נישט געווען דערמאנט קייןווארט. וועגן דעם האט ער מסתמא געלאזט שרייבן א צוואה ביי א רעיענט.

נאך דער צוואה איז דער ייד, זעט אויס, געווארן הונגעריק, ווייל ער האט מיך אראפגעשיקט איך זאל אים ארויפברענגען א האלבע באבקע און א קווארטירל געוואלענע מילך. ער האט געוואשן די הענט און געמאכט א בורא מיני מזונות. דערנאך האט ער געלאסן געמאכט אן על המחיה. דערנאך האט ער פאררויכערט א ציגאר, גענומען בלאזן קייקעלער רויך, און זיך אנגערופן צו מיר:

— לארענסט (לערנסט), הא?

— יא.

— וואס לארענסטו?

— בבא קמא.

דער ייד האט מיך גענומען פארהערן און מיר דערלאנגט א קניפ אין דער באק. איך בין געווארן א דערציטערטער. ס'איז געווען ווי א מת וואלט מיך אנגערירט, כאטש דער ייד האט געהאט ווייכע און ווארעמע פינגער. ער האט מיר אויך דערלאנגט א מטבע און א זאג געטאן:

— זא' ניש' קא' שטיפער!...

א דרייער רובל איז מיין טאטן גריילעך צונוץ געקומען, אבער אין אונזער שטוב איז געבליבן אן אומהיימלעכע שטילקייט. דער ייד האט וועגן אלץ געהאט זיינע פארלאנגען: ווי מ'זאל נייען די תכריכים, ווי אזוי מ'זאל מאכן די טהרה. ער האט שוין געהאט באצייטנס געקויפט א קרקע אויף דער גענשע גאס און באשטעלט א מצבה. ער האט אפילו אנגעגעבן אין דער צוואה ווי אזוי די נושאים זאלן אים טראגן, און ווי אזוי מ'זאל אוועקלייגן דעם ראש, די ידים, די רגלים, די קרשים (דעם קאפ, די הענט, די פיס, די ברעטער). ער האט זיך שוין צופיל ארייגקאפ געלאזט אין איינצלהייטן. דערביי האב איך געהאט אן אויסטערליש געפיל: א שטיינער ווי דער ייד וואלט פון די אלע פחדים'דיקע רייד געהאט א גריילעכע הנאה. ווארים ער האט געגעסן די האלבע באבקע מיט אפעטיט, און ווען א ברעקל איז אים אריינגעפאלן אין דער געדיכטעניש פון דער בארד, האט ער עס באדעכטיק ארויסגענומען און אראפגעשלונגען. ער האט מיר אויך געהאט אנגעזאגט אז די מילך זאל האבן א הייטל.

אין א צייט ארום איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף דער שוויענטאקזשיסקע גאס, אדער אפשר בין איך אוועק אהין עקסטרע צו זען דעם ייד? ער איז געשטאנען אין געשעפט אנגעפאקט מיט ביכער, און ביי די פאליצעס האבן סטודענטן, גימנאזיסטן, גימנאזיסטינס זיך געפארעט ביי די בענדער, געזוכט, גענישטערט. דער ייד האט מיט עמיצן זיך אויסגע'טענה'ט אויף פויליש. פון זיין פנים האט ארויסגעקוקט די פרייד פון האנדל, די בנעימות'דיקייט פון א נגיד. הינטערן לאדענטיש איז אויך געשטאנען א רונדע יידענע אין א שייטל און א כלה־מיידל — אוודאי א טאכטער. איך האב מיך אוועקגעשטעלט אריינקוקן אין שויפענסטער. ס'זענען דארט געווען אויסגעשטעלט נישט בלויז אלטע ביכער, נאר אויך אנדערע אנטיקן: א פארצעלייענע פיגור מיט א נאקעטן בויך, א גיפסענער פארשוין, אלערליי לייכטער (נישט קיין יידישע) און צאצקעס פון מעש, קופער, בראנז. אלץ האט דא אויסגעקוקט גוי'איש, פרעמד. אבער דער אייגנטימער פון דעם אלעמען איז געווען א ייד איינגעטונקען אין תורה און אינגאנצן אריינגעטאן אין מעבר יבוק און אין יענער־וועלט.

א לאנגע צייט איז אריבער. מיט אמאל האט דער ייד ווידער זיך באוויזן ביי אונז. אין דער פעך־שווארצער בארד זיינען האבן זיך געהאט באוויזן א פאר גרויע האר, אבער דער ייד האט אויסגעזען פונקט אזוי דיקלעך און אזוי פריש ווי ביים ערשטן מאל. ס'איז גראד געווען ווינטער און דער ייד האט געטראגן א רייך פוטער און קאלאשן אזוינע וואס זענען געווען אויסגעבעט מיט א ווייך געוואנד. אין דער האנט האט ער געהאלטן א שירם מיט א זילבערן הענטל. ער איז געקומען, האט ער געזאגט, איבערשרייבן די צוואה.

— וואס מאכט איר אין געזונט?

said by those keeping watch before the funeral; how he was to be handled at the moment of burial. He was well-versed in the wills of famous Rabbis, and whenever my father objected that something was not according to the Law, he would cite one or another such testament and my father was unable to refute him. He knew everything better. My father covered a large sheet with his fine script and the man read it over slowly and apparently with great satisfaction. Then he signed: "These are the words of the deceased." He embellished his signature with fine flourishes.

The man paid three rubles for the writing of the will. He confided to my father that although he looked well enough, his lungs were diseased and the doctors had given him but little longer to live. Strangely enough, he had discussed only questions of religious ceremony in the will: prayers, charities, scholarly quotations, the observance of the annual anniversary of his death. He had dictated nothing about his business affairs. For the worldly matters he had perhaps had another will drawn up by a notary public.

After the writing of the will, the stranger seemed to have developed an appetite. He sent me down to fetch half a butter-cake and a pint of boiled milk. He washed his hands and pronounced the benediction. When he finished eating, he recited a leisurely grace. Then he smoked a cigar, exhaling rings of smoke, and turned to me.

"Are you studying?"

"Yes."

"What are you learning?"

"Babba Kama."

He questioned me on this beginner's text from the Talmud and pinched my cheek. I was frightened. Although the man's fingers were soft and warm, I felt as though a corpse had touched me. He gave me a coin and said, "Don't get into any mischief now."

Three rubles were a welcome addition to my father's meager income, but there was an uncanny silence in our house when the stranger had left. He had expressed such precise wishes about how his shroud should be sewn, how his body was to be purified. He had already bought a plot and ordered his headstone, in the cemetery on Gesia Street. He had specified to the last detail how the pallbearers were to carry the coffin, and how they should arrange the head, the hands, the feet, the boards. It was too much. At the same time I had the eerie feeling that the man took a perverse kind of pleasure in the morbid details. He had indeed eaten the cake I brought him, with a hearty appetite, and when a crumb fell into the tangle of his beard, he had carefully extricated it and swallowed it down. He had also warned me to be sure that the boiled milk had formed a skin.

Some time later I had occasion to be on Swietokrzyska Street. Perhaps I even went there just to see this man. He stood in his shop, which was filled with books. University and high-school students, boys and girls crowded around the shelves, searching, browsing. The man was arguing with someone in Polish. On his face shone the joy of doing business, the pleasure of a man of means. Behind the counter stood a plump woman wearing a matron's wig, together with a young girl—probably their daughter. I stood at the window and looked in. Not only old books were on display, but other antiques too: a porcelain figurine with a naked belly, a plaster-of-Paris bust, all sorts of candlesticks (but not the Jewish kind), and other bric-a-brac of brass, copper, and bronze. Everything in the shop looked pagan, strange. But the owner was a Jew immersed in Torah and the hereafter.

A long time passed. Suddenly the man appeared once more in our house. A few gray hairs showed in his pitch-black beard, but otherwise he looked as stout and as fresh as the first time. It was winter and he wore a rich fur coat and galoshes lined with a soft material. He carried an umbrella with a silver handle. He explained that he had come to alter his will.

"How is your health?"

— וואס איז שייך מיך צו פרעגן אויפ'ן געזונט? — האט דער ייד געענטפערט. — איך בין, לא עליכם, א חולה מסוכן.

— דער אויבערשטער וועט אייך שיקן א רפואה שלימה.

— אוודאי קאן השם יתברך טאן נסים, אבער על פי דרך הטבע קאן איך שוין לאנג נישט אנטרייבן. ווי קאן מען לעבן אן לונגען?

דער טאטע איז געווארן בלאס און דערמאנט דעם ייד דעם נס מיט ר' חנינא בן דוסא'ס ווייב. אנשטאט אנצוגיסן פרייטאג אין לאמפ בוימל, האט זי אנגעגאסן עסיק, און ר' חנינא האט געזאגט: ווער ס'האט געהייסן, אז בוימל זאל ברענען, קאן הייסן אז עסיק זאל ברענען. און דער לאמפ האט געברענט יענעם שבת גלייך ווי אלע אנדערע שבתים. אזוי איז אויך מיט לונגען. ווען דער באשעפער וויל מ'זאל לעבן, לעבט מען.

ס'האט אויסגעקוקט, אז דעם טאטענ'ס טרייסט־ווערטער זענען דעם ייד דערווידער. ער האט גענומען הוסטן מיט א ווייך היסטל, שפייען אין דער פאטשיילע און אפגעענטפערט מיט א גמרא:

— לאו בכל יומא ויומא מתרחש ניסא (נישט יעדן מאנטאג און דאנערשטאג געשעט א נס).

— ס'ווערט ערגעץ געבראכט פון א גדול, אז דער דרך־הטבע אליין איז א נס.

— אוודאי, אבער אן לונגען קאן מען נישט אטעמען, און אז מען אטעמט נישט, איז ע־ע... דער גוף איז א גוף...

די ענדערונגען אין דער צוואה זענען געווען גרינטלעכע. דער ייד האט, אפנים, אין דער צייט דורכשטודירט ווער־ווייסט וויפיל אנדערע צוואות, און ער האט אריינגעבראכט אלערליי נייעסן און אויפטועז. ער האט געוואלט מ'זאל לייגן די שערבעלער אויף די אויגן אנדעריש ווי ביי אן אנדער מת. אויך דאס ריטל, אדער דער הדס, וואס מ'שטעקט אריין צווישן די פינגער, האט געזאלט זיין פון אן אנדער סארט. די טהרה האט געזאלט געמאכט ווערן מיט א געלכל און מיט א לעפל, וואס דער ייד האט ערגעץ אפגעקויפט אין א שטעטל, און וואס האט געשטאמט פון א פארצייטיקער חברא קדישא. איך האב דערקאנט אין טאטנ'ס פנים, אז אים געפעלט נישט וואס דער ייד לאזט זיך אריין אין די אלע מרה־שחורה'דיקע ענינים. דער טאטע האט פארצויגן די ברעמען און ווי געזאגט שטומערהייט: צופיל... צופיל... אבער דער קאנדידאט אויף א בר־מינן איז אפגעזעסן ביי אונז שעה'ן. ער האט אויסגעארבעט א צעטל מיט א סך, א סך פונקטן. פון מאל צו מאל האט ער געהייסן אויסמעקן א פונקט און אריינשטעלן אן אנדערן. די גאנצע צייט האט ער גערויכערט, געשמעקט טאבאק, געניסט. ווידער האט ער באקומען חולשת־הלב און ווידער בין איך אראפ אין גאס אים ברענגען מילך מיט קיכלעך.

פון דאמאלס אן איז דער ייד געקומען צו אונז יעדעס יאר, און טייל־מאל אפילו צוויי מאל אין יאר. די באָרד זיינע איז געווארן גרוי פאמעלעך, נישט געאיילט. דאס פנים זיינס איז געבליבן רויטלעך, פעטלעך, און די שווארצע בוימעלדיקע אויגן האבן געשיינט מיט לעבנס־לוסט און נגידיש־מסחר'ישער פרייד. ער האט געהאלטן אין איין איבערשרייבן די צוואה, אין איין צוגעבן אלץ נייע און נייע פאראגראפן. מיין פאטער איז ווייט געווען פון ליצנות, אבער ער האט אנגעהויבן מאכן גלייכווערטלעך פון דעם דאזיקן ייד, וואס האט יעדעס מאל גע'טענה'ט, אז ער שטייט מיט איין פוס אין קבר. א סך געזונטע מענטשן זענען אין דער צייט אוועק אויף יענער־וועלט. אבער דער סוחר פון שוויענטא־קזשיסקא גאס האט נאך אלץ געענדערט די צוואה. מיין פאטער האט זיך קוים איינגעהאלטן נישט צו לאכן ווען ער האט זיך באוויזן ביי דער טיר. אפילו איך, וואס האב אמאל מורא געהאט פאר דעם ייד און זיינע אומעטיקע רייד, האב מיך אנגעהויבן צו אים צוגעוואוינען. דער דאזיקער ייד האט זיך געשפילט מיט'ן טויט, א שטייגער ווי די קינדער אין גאס האבן געשפילט אין ניס, אין פאלאנט, אדער אין דיאבאל. זיין דרייער־קערבל פאר איבערשרייבן די צוואה איז געווארן ביי אונז א טייל פון דער הכנסה.

ביסלעכווייז איז די באָרד ביי דעם ייד געווארן ווייס ווי מילך. גלייך ווי זי האט פריער געגלאנצט מיט איר שווארצקייט, אזוי האט זי איצט געלויכטן מיט איר ווייסקייט. צו דערציילן דעם סוף פון דער געשיכטע, פארלויף איך די צייט. די וועלט־מלחמה האט זיך אנגעהויבן. די דייטשן זענען אריין קיין ווארשע. אבער אין מיטן פון די אלע מלחמות, הונגערס און בהלות האט דער ייד נישט פארגעסן אין זיין צוואה. אנשטאט רובלס, האט ער איצט באצאלט פאר איבערשרייבן די צוואה מיט מארקן. די צוואה אליין איז געווארן א גאנצע בראשור. די מאמע האט צונויפגענייט די בויגנס מיט פאדעם.

אין 1916 איז מיין מוטער מיט די קינדער אוועק פון ווארשע. אבער א קורצע צייט איידער מיר זענען ארויסגעפארן פון שטאט, בין איך פארביי די שוויענטא־קזשיסקע. דער ייד איז געשטאנען א האפערדיקער הינטער'ן לארנטיש און סטודענטלעך האבן נאך אלץ געזוכט און גענישטערט אין די פאליצעס. דאסמאל האבן זיך געפונען אין געוועלב אויך דייטשע אפיצערן.

דער ייד איז מסתמא סוף־כל־סוף געשטארבן, אבער אין א טיפן עלטער, און איך בין מסופק צי מ'האט אויסגעפירט זיין צוואה. מ'וואלט נעדארפט האבן דערצו א גאנצן שטאב מיט חברה־קדישא לייט, וואס זאלן פריער איינשטודירן די פונקטן און געדענקען יעדן פרט. מסתמא האט קיינער די דאזיקע צוואה נישט געלייענט און זיך מיט איר נישט גערעכנט. אבער ווי לאנג דער ייד האט געלעבט, האט אים די דאזיקע צוואה פארשאפט א סך פארגעניגן...

"What is the good of asking about my health?" he answered. "I am—may no evil befall you—a very sick man."

"The Almighty will grant you a full recovery."

"Of course, He—blessed be His name—can perform miracles. But if nature takes its course, I cannot keep going much longer. How long can a man live without lungs?"

Father paled and reminded the man of the miracle that had been performed on behalf of the wife of Rabbi Hanina ben Dussa. One Friday, instead of filling the lamp with oil, she had filled it with vinegar. But Rabbi Hanina said: "He who commanded oil to burn can also command vinegar to burn." And the lamp burned on that Sabbath just as on every other Sabbath. The same is true of lungs—if the Creator desires that a man should live, he will live.

The man did not receive my father's comforting words kindly. He coughed, spat into his handkerchief, and cited a verse of the Gemara in answer: "Not every day does a miracle occur."

"One of our sages declared that even the normal course of nature is miraculous."

"Of course, of course. But yet, without lungs one cannot breathe, and when you don't breathe. . . . After all, the body is only a body. . . ."

The changes in the will were thoroughgoing. He had in the meantime studied countless other wills, and he now introduced all sorts of innovations. He wanted the shards placed over his eyes in a very special manner. The switch, or myrtle twig, that is put in the hands of the deceased was to be different, too. The purification of the body was to be done with the yolk of an egg and with a silver spoon he had bought in some distant town, a spoon that had been used by an old-time burial association.

I could tell by the look on my father's face that the exaggerated interest the man took in these melancholy matters was not to his liking. He raised his eyebrows and silently seemed to say: Too much . . . too much. . . . But the candidate for the next world spent hours upon hours in our house. He worked out a list of instructions with a multitude of details. From time to time he would ask for something to be erased, and something else substituted for it. All during this time he smoked, took snuff, sneezed. Again he felt hungry and again I went down to buy milk and cake.

From that day the man came every year, and sometimes twice a year. His beard turned gray slowly, without haste. His face remained rosy and fat, and his rolling black eyes shone with the joy of life and the pleasures of a successful businessman. He kept changing his will, adding new paragraphs each time. My father was far from being a humorist, but even he began to make occasional jests about the man who so steadfastly maintained that he already had one foot in the grave. Many apparently healthy men during these years had passed onto the next world. But the bookseller of Swietokrzyska Street was still rewriting his will. My father barely managed to suppress a smile whenever he appeared at our door. Even I, who had once been so afraid of him and his morbid conversation, began to get used to him. This was a man who played with death as the children in the street played their games. The three rubles he paid for rewriting his will became a regular part of our income.

Gradually his beard grew white as milk. As it had formerly glistened in its blackness, it now sparkled in its whiteness. In order to complete the story, I must rush time on. The war broke out. The Germans entered Warsaw. But even amid battles, famine, and uprising, the bookseller did not forget his will. He now paid marks instead of rubles for amending it. The will itself had become a thick brochure. My mother stitched the pages together with heavy thread.

In 1917 my mother left Warsaw with us children. But a short time before our departure from the capital I passed Swietokrzyska Street. The bookseller still stood busily behind his counter, and students were still searching through the shelves. This time there were also German officers in the shop.

Eventually, I suppose, the man died. By then he must have been quite old, and I doubt whether his will was ever carried out. It would have required an entire squadron of members of the burial association, who would have had to spend days studying and memorizing his instructions. Most probably no one read or seriously thought about his will. But while the man lived, this document had given him a great deal of pleasure.

16

# א טאג מיט פארגעניגן

וען די צייטן זענען געווען בײַ אונז גוטע, פלעג איך יעדן טאג באקומען פון טאטען אדער פון דער מאמען א צווייער. דער דאזיקער צווייער, אדער קאפיקע, איז געווען פאר מיר די עולם־הזה. אקעגנאיבער האט זיך געפונען אסתר׳ס נאשנעוועלבל און מ׳האט דארט געקאנט קויפן שאקאלאדקעס, מארמאלאדקעס, איריסן, ליאדעס (אייז־קרים), קאראמעלקעס און קיכעלעך פון אלערליי סארטן. איך האב אויך פרי אנגעהויבן זיך לערנען שרייבן א שורה־גריזל און דערצו געהאט א שוואכקייט צו צייכענען, און צו מאלן מיט קאלירטע גריפלען. דאס אלץ האט געקאסט געלט, און א צווייער

איז גארנישט אזא גרויסע מטבע ווי טאטע־מאמע האבן געמאכט דעם אנשטעל. אין חדר זענען געווען צייטן ווען איך האב געמוזט בארגן געלט ביי א ייִנגל א וואוכערער, און איך האב געצאלט פראצענט — פון פיר גראשן האב איך געצאלט א גראשן א וואך.

היינט שטעלט אייך פאר דאס ווילדע גליק וואס האט מיך באטראפן ווען איך האב מיט איינמאל פארדינט א רובל.

גענוי ווי אזוי איך האב דעם רובל פארדינט, געדענק איך נישט. מיר דוכט זיך, אז ס׳איז געשען אזוי: עמיץ האט באשטעלט ביי א שוסטער א פאר געמזענע שטיוול און ווען יענער האט זיי אפגעבראכט, זענען זיי געווען צו־ענג אדער צו־לויז. דער באשטעלער האט נישט געוואלט אננעמען די שטיוול און דער שוסטער האט יענעם גערופן צו א דין־תורה. דער טאטע זאל מיך האבן געשיקט צו אן אנדער שוסטער, יענער זאל אפשאצן וויפיל די שטיוול זענען ווערט, און אפשר אויך, אז ער זאל זיי אפקויפן, ווייל יענער האט אויך געהאנדלט מיט גרייט שוכווארג. גראד האט דער שוסטער געהאט אויף די שטיוול א קונה און ער האט באצאלט א גוטן פרייז. איך געדענק נישט די איינצלהייטן, אבער איך געדענק אז איך האב מיך געטראגן מיט א פאר פינק־נייע שטיוול און אז דער בעל־דין האט מיך באלוינט מיט א רובל.

איך האב געוואוסט, אז אויב איך וועל בלייבן אין שטוב, וועלן מיינע עלטערן מאכן פון דעם רובל א תל. מ׳וועט פאר מיר איינהאנדלען עפעס א מלבוש, וואס מ׳וואלט מיר סײַ ווי געקויפט, אדער מ׳וועט אים ביי מיר בארגן און מ׳וועט מיר קיינמאל נישט פארלייקענען. איך האב דעריבער געכאפט דעם רובל און באשלאסן איינמאל פאר אלעמאל זיך נאכצוגעבן די עולם־הזה, צו געניסן פון די אלע גוטע זאכן, וואס מיין הארץ האט נאך זיי געלעכצט.

איך בין פארביי די קראכמאלנע אינדערגיך. אין דער גאס האט מען מיך צו־גוט געקאנט. דא האב איך מיר נישט געקאנט פארגינען צו זיין א הולטאי. אבער אויף דער גנאינע בין איך געווען אומבאקאנט. איך האב געגעבן א צייכן צו א פורמאן פון א דראשקע און יענער האט זיך אפגעשטעלט.

— וואס ווילסטו?

— פארן.

— וואוהין פארן?

— אויף יענע גאסן.

— וואו אויף יענע גאסן?

— אויף די נאלעווקעס.

— דאס קאסט א פערציקער. האסט צו באצאלן?

איך האב אים באוויזן דעם רובל.

— וועסט מיר באצאלן פאראויס!

איך האב דערלאנגט דעם פורמאן דעם רובל. ער האט אים געפרואווט בויגן, זען צי ער איז נישט פאליש. דערנאך האט ער מיר א רעשט געגעבן פיר פערציקערס. איך בין איינגעזעסן אין דער דראשקע. דער שמייסער האט געטאן א פאכע מיט דער בייטש און איך בין שיער נישט אראפגעפאלן פון געזעס. די הייזער האבן זיך גערוקט אויף צוריק. דאס געזעס אונטער מיר האט זיך געהוידעט אויף די שפרינגפעדערס. פארבייגייער האבן נאכגעקוקט ווי א קליין ייִנגל פארט איינער אליין אין א דראשקע, אן פעקלעך. די דראשקע איז געפארן צווישן טראמוואיען, אנדערע דראשקעס, וואגענס, פלאטפארמעס. איך האב געפילט אז איך האב מיט אמאל באקומען דאס חשיבות פון א דערוואקסענעם.

גאט אין הימל, ווען איך קאן אזוי פארן טויזנט יאר, טאג און נאכט, אן אויפהער, ביז צום עק וועלט!...

אבער דער פורמאן איז, אפנים, נישט געווען קיין ערלעכער מאן. אין מיטן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט און געזאגט:

— גענוג! קריך אראפ!

— דא איז נאך נישט די נאלעווקיס! — האב איך גע׳טענה׳ט.

— ווילסט קריגן מיט דער בייטש? — האט ער מיר געענטפערט.

א, ווען איך בין שמשון הגבור, וואלט איך געוואוסט וואס מ׳טוט מיט אזא גנב, אזא כאם. איך וואלט אים צעריבן, צעפיצלט, צעקיפט. אבער איך בין א קליין שוואך ייִנגל און ער פאכעט מיט דער בייטש. איך בין אראפ א פארשעמטער און א דערשלאגענער.

# A DAY OF PLEASURES

When times were good, I would get a two-groschen piece from Father or Mother every day. For me this piece—or kopeck—represented all worldly pleasures. Across the street was Esther's sweetshop, where one could buy chocolates, jelly beans, candy squares, ice cream, caramels, and all sorts of cookies. Since I had begun at an early age to write copy exercises, and had a weakness for drawing and coloring with crayons, which cost money, a kopeck proved not nearly so large a coin as Father and Mother made it out to be. There were times when I was forced to borrow money from a heder classmate, a young usurer who demanded interest—for every four groschen, I paid a groschen a week.

Now imagine the indescribable joy that I felt when I once earned a whole ruble—that is, one hundred kopecks!

I no longer remember exactly how I came to earn that ruble. I think it happened like this: Someone had ordered a pair of kidskin boots from a shoemaker, but upon delivery the boots proved to be either too tight or too loose. The man who had ordered them refused to accept them, and the shoemaker summoned him to a Din Torah. Father sent me to another shoemaker to ask him to appraise the value of the boots or perhaps even to buy them, since he also dealt in ready-made footwear. It so happened that the second shoemaker had a customer who wanted the boots and was prepared to pay a good price for them. I do not recall all the details, but I remember that I carried a pair of brand-new boots around, and that one of the litigants rewarded me with a ruble.

I knew that if I stayed home my parents would ruin that ruble. They would buy me something to wear which I would have got in any case, or they would borrow the ruble from me and, though they would never deny the debt, I would never see it again. I therefore took the ruble and decided for once to indulge myself in the pleasures of this world, to enjoy all those good things for which my heart yearned.

I quickly passed through Krochmalna Street. Here everyone knew me too well. Here I could not afford to act the profligate. But on Gnoyna Street I was unknown. I signaled to the driver of a droshky, and he stopped.

"What do you want?"

"To ride."

"Ride where?"

"To the other streets."

"What other streets?"

"To Nalewki Street."

"That costs forty groschen. Have you got the money to pay?"

I showed him the ruble.

"But you'll have to pay me in advance."

I gave the driver the ruble. He tried bending it to see whether it was counterfeit. Then he gave me my change—four forty-groschen pieces. I got into the droshky. The driver cracked his whip and I almost fell off the bench. The houses began to move backward. The seat under me bounced on its springs. Passers-by stared at the little boy riding alone in a droshky, without any bundles. The droshky made its way among trolley cars, other droshkies, carts, delivery vans. I felt that I had suddenly assumed the importance of an adult. God in heaven, if I could only ride like this for a thousand years, by day and by night, without stop, to the ends of the earth. . . .

But the driver turned out to be a dishonest man. When we had gone only halfway, he stopped and said, "Enough. Get down:"

"But this is not Nalewki Street!" I argued.

"Do you want a taste of my whip?" he answered.

Oh, if only I were Samson the Strong, I'd know how to take care of such a bandit, such a boor! I would have pulverized him, chopped him into little pieces, beaten him up! But I am only a small weak boy, and he is cracking his whip.

אבער ווי לאנג קאן מען טרויערן ווען מ'האט פיר פערציקערס אין קעשענע? איך האב דערזען א נאש־געוועלב און בין אריין קויפן סחורה. איך האב אלץ געקויפט, פון אלע מינים. אזוי ווי איך האב געקויפט, אזוי האב איך גענעסן. די קונים האבן געקוקט אויף מיר מיט גרינגשעצונג און מיך אפנים חושד געווען, אז איך האב ערגעץ דאס געלט גע'גנב'עט. א מויד האט א זאג געטאן:

— קוקט נאר אן דעם חסיד!...

— העי, דו צלאפ, א רוח אין דיין טאטנ'ס זון אריין! — האט א יונג צו מיר געשריגן.

איך בין ארויס באלאדן מיט זיסווארג. איך בין צוגעקומען צו קראשינסקי'ס קארטן. ביים אריבערגיין די גאס, האט מען מיך שיער נישט איבערגעפארן. איך בין אריין אין גארטן און גענומען עסן די גוטע זאכן. ס'איז געווען צופיל פאר איינמאל, אבער אהיימנעמען האב איך נישט געקאנט. איך האב מיך אביסל אפגערוט און ווידער גענעסן. א יינגל איז פארביי און איך האב אים געגעבן א טעוועלע שאקאלאד. אנשטאט צו זאגן א שיינעם דאנק, האט ער עס א כאפ געטאן און גענומען לויפן הענדום־פענדום. איך בין צוגעגאנגען צום וואסער, וואו עס שווימען די שוואנען, און געווארפן צו די שוואנען — שאקאלאד. פרויען האבן אויף מיר געטייטלט מיט די פינגער, געלאכט, גערעדט פויליש. אויסגעפוצטע מיידעלעך, מיט באלעמס און מיט רייפן, זענען געקומען און איך האב ריטערלעך און פארשווענדעריש זיי געטיילט זיסווארג. איך בין איצט געווען ווי א רייכער פריץ, וואס ווארפט מיט רענדלעך.

נאך א ווייל בין איך געבליבן אן נאשערייען, אבער איך האב נאך געהאט געלט. איך האב באשלאסן ווידער צו פארן מיט א דראשקע. ווען איך בין איינגעזעסן אין דער צווייטער דראשקע און דער פורמאן האט מיך געפרעגט וואוהין איך וויל, האב איך געוואלט זאגן: אויף קראכמאלנע, אבער עמיץ אין מיר, אן אומגעזעענער בעל־תאוה, האט א זאג געטאן:

— אויף דער מארשאלקאווסקע.

— וואס פאר'א נומער?

איך האב מיר אויסגעטראכט א נומער.

אט דער פורמאן איז גראד געווען ערלעך. ער האט מיך צוגעפירט ביז צו דעם נומער און ער האט אפילו נישט פארלאנגט דאס געלט פאראויס. לענגאויס זיין דראשקע איז געפארן נאך א דראשקע, און אין יענער דראשקע איז געזעסן א דאמע מיט א גרויסן הוט מיט א שטרויספעדער, און מיט א געוואלדיקן ביוסט. מיין פורמאן האט זיך דורכגעשמועסט מיט דעם אנדערן פורמאן. ביידע האבן גערעדט יידיש און דער דאמע איז דאס שטארק נישט געפעלן. נאך ווייניקער איז איר געפעלן דער פאסאזשיר מיט דעם סאמעטענעם היטל און מיט די רויטע פאות. זי האט געווארפן אויף מיר פינסטערע בליקן. פון מאל צו מאל האבן זיך ביידע דראשקעס אפגעשטעלט, דורכצולאזן טראמוואיען, אדער פלאטפארמעס מיט לאסט. א פאליציאנט וואס איז געשטאנען צווישן די רעלסן האט געטאן א קוק אויף מיר, אויף דער דאמע, געמאכט א מינע ווי ער וואלט זיך געלאזט צוגיין צו מיר און מיך ארעסטירן, — זיך צעלאכט. איך בין געווען פול מיט פחד. איך האב מורא געהאט פאר גאט, פאר טאטע־מאמע און אויך דערפאר אז ס'זאל נישט ווערן פלוצלינג א לאך ביי מיר אין קעשענע און דאס געלט זאל נישט ארויספאלן. און אפשר איז אמאל דער פורמאן א גזלן און פירט מיך אוועק אין א הייל? אפשר איז ער א כישוף־מאכער? און אפשר איז דאס אלץ נאר א חלום? אבער ניין, דער פורמאן איז נישט געווען קיין גזלן און מיך נישט אוועקגעפירט אין דער מדבר צו די צוועלף גזלנים. ער האט מיך צוגעפירט גענוי צו דעם טויער, און איך האב אים באצאלט דעם פערציקער.

— צו וועמען גייסטו דא? — האט ער מיך געפרעגט.

— צו א דאקטאר — האב איך געענטפערט אומגעקלערט.

— וואס איז דיר?

— כ'הוסט.

— ביזט א יתום, הא?

— יא, א יתום.

— פון דער פראווינץ, הע?

— יא.

— פון וואסער שטעטל?

איך האב גלייך אנגערופן א שטעטל.

— ציצית האסטו?

אויף דער דאזיקער שאלה האב איך נישט געענטפערט. וואס איז זיין געשעפט צו מיינע ציצית? איך האב געוואלט ער זאל שוין אוועקפארן, אבער ער איז געבליבן שטיין מיט דער דראשקע און איך האב געמוזט אריינגיין אין טויער. אבער אין טויער האט געלויערט א ריזיקער הונט. ער האט געקוקט אויף מיר מיט א פאר קלוגע אויגן וואס האבן ווי געזאגט: קאנסט אפנארן דעם פורמאן, נישט מיך. איך ווייס, אז דו האסט דא גארנישט וואס צו טאן...

און ער האט געעפנט א פיסק מיט א סך שארפע און שפיציקע ציין. מיט אמאל איז אויסגעוואקסן דער סטרוזש.

— און דו צו וועמען?

איך האב גענומען שטאמלען, אבער ער האט א געשריי געטאן:

— ווינאש שע סטאנד (טראג דיך אפ פון דאנען!)

I got down, shamed and depressed. But how long can you mourn when you have four forty-groschen pieces in your pocket? I saw a sweetshop and went in to select my merchandise. I bought something of every kind. And as I bought, I tasted. The other customers looked at me with disdain; they probably suspected I had stolen the money. One girl exclaimed, "Just look at that little Hasid!"

"Hey, you ninny, may an evil spirit possess your father's son!" one boy called out to me.

I left, laden with sweets. Then I reached Krasinski Park. I was nearly run over while crossing the street. I entered the park and ate some of the delicacies. A boy passed by and I gave him a chocolate bar. Instead of saying thank you, he grabbed it and ran off. I walked over to the lake and fed the swans—with chocolate. Women pointed their fingers at me, laughed, made comments in Polish. Daintily dressed girls, with hoops and balls, came over to me and I chivalrously and prodigally distributed my sweets among them. At that moment I felt like a rich nobleman distributing largess.

After a while I had no more candies, but I still had some money. I decided to take another droshky. When I sat in the second droshky and the driver asked where I wanted to go, I really wanted to say, "To Krochmalna Street." But someone inside of me, an invisible glutton, answered instead, "To Marszalkowska Street."

"What number?"

I invented a number.

This coachman was honest. He took me to the address and did not ask for the money in advance. On the way another droshky rolled alongside ours; inside sat a lady with an enormous bosom and a big hat decorated with an ostrich feather. My driver chatted with the other driver. Both spoke in Yiddish which the lady did not like at all. Even less did she like the little passenger with the black velvet hat and the red earlocks. She threw angry looks at me. From time to time both droshkies stopped to let a streetcar or a heavily laden wagon pass by. A policeman who stood near the tracks stared at me, at the lady, seemed for a minute about to come over and arrest me—and then began to laugh. I was terribly afraid. I was afraid of God, of my mother and father, and I was also afraid lest a hole had suddenly appeared in my pocket and my money had fallen through. And what if the driver was a robber who would carry me off to some dark cave? Perhaps he was a magician. And perhaps all this was only a dream. But no, the driver was not a robber, and he did not carry me off to the twelve thieves in the dessert. He took me exactly to the address I had given him, a big house with a gateway, and I paid him the forty groschen.

"Whom are you going to see?" he asked me.

"A doctor," I answered without hesitation.

"What's the matter with you?"

"I cough."

"You're an orphan, eh?"

"Yes, an orphan."

"From out of town?"

"Yes."

"From where?"

I gave him the name of some town.

"Do you wear the fringed garment?"

This last question I did not answer. What concern of his were my ritual fringes? I wanted him to drive off, but he remained there with his droshky, and I could delay no longer—I had to enter the gateway. But behind the gate there lurked a gigantic dog. He looked at me with a pair of knowing eyes that seemed to say: you may fool the coachman, but not me. I know you have no business here. And he opened a mouth full of sharp, pointed teeth.

Suddenly the janitor appeared. "And what do you want?"

I tried to stammer something, but he shouted at me, "Get away from here!"

טירלעד. די דאזיגע באָרד איז געוואָרן אַרומגעזוימט מיט אַ שער. די הויזן זענען געווען געשטרייפטע, די שטיווילעטן האָבן געגלאַנצט. אָבער דער ייִד האָט אויך געהאַט ווײַסע פאות. דאָס פנים איז געווען יונג און ראָז, גאָרנישט ווי ביי אַ זקן, און פון די שוואַרצע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ יוגנטלעכע לעבעדיקייט און אויך אַ סאָרט פאַרטראַכטקייט. גערעדט האָט דער ייִד דייטשמעריש.

— איז דער הער ראַבינער צו הויזע? — האָט ער געפרעגט.

נישט מיין מוטער און נישט איך זענען געוואוינט געווען מען זאָל רופן דעם טאַטן „הער ראַבינער". אָבער די מאַמע האָט זיך נאָך אַ ווייל געכאַפּט וואָס ער מיינט, און זי האָט אים אָנגעוויזן אַריינצוגיין אין דער אַנדערער שטוב.

דער טאַטע האָט אויפגענומען דעם ייִד מיט אַ ברייטן ברוך־הבא (ווי ער האָט אויפגענומען יעדן איינעם, אָרעם און רייך) און אים געבעטן זיצן. נאָך אַ ווייל האָט ער אים געפרעגט: וואָס זאָגט איר גוטס? אָבער אָבער דער ייִד האָט נישט געענטפערט. עס האָט אויסגעזען אַז ער איז געקומען גלאַט שמועסן. ער האָט גענומען אין זיין דייטשמעריש אַרויס־ווייזן לומדות און איך האָב געזען, אַז דער טאַטע ווערט דערשטוינט פון זיין בקיאות. דער ייִד האָט, אַפּנים, געהאַט ש"ס אויפ'ן קאָפּ. ער האָט אָנגערופן אַלערליי ספרים און געזאָגט אויף אויסענווייניק שטעלן פון די דאָזיקע ספרים. דער שמועס איז געוואָרן אַלץ געדיכטער, און ווי וואָוים מיין פאָטער איז געווען אַ למדן, אַ מחבר פון עטליכע ספרים, האָט ער נישט געקענט מיטהאַלטן. יענער האָט אַלץ געקענט בעל־פּה. ער האָט אפילו געדענקט יעדן דף, יעדעס זייטל. ער האָט געוואָרפן מיט רמב"ם'ס. ער האָט געשאָקלט פון אַרבל מיט מפרשים און פוסקים. ער האָט דערפירט דעם שמועס צו דעם וואָס דער תרגום מאַכט אויף אַ פּסוק און גענומען זאָגן אויף אויסענווייניק תרגום אונקלוס און יונתן בן עוזיאל. דער טאַטע האָט נישט געהאַלטן פון לויבן יענעם אין די אויגן, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

— ווי האָט עפּעס אַ מענטש, קיין עין־הרע, אַזאַ זכרון? איר זענט דאָך אַ בור סיד שאינו מאבד טיפּה (אַ געקאַלכטער גרוב וואָס פאַרלירט נישט קיין טראָפּן).

— ערלויבן זי מיר צו ציגן איינגע בריוו...

און דער ייִד האָט אַרויסגענומען אַ פּאַק בריוו מיט שטעמפּלען פון רבנים. באַרימטע רבנים האָבן אים אָנגערופן אַ גאון, אַ שר התורה, איינער וואָס רייסט אוים בערג און צערייבט זיי איינער אין דעם אַנדערן אין אַ שטורעם... איין רב האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט אים פאַרהערט און אַז „זיינע הענט זענען פול" אין בבלי, ירושלמי, ספרי, ספרא, תוספתא, מכילתא... דער טאַטע האָט גענומען רייבן דעם שטערן און עפּעס ווי שמוצערן מיט די ליפּן. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז אַ זכיה אייך צו האָבן ביי מיר אין שטוב!...

ער האָט מיך גלייך געשיקט זאָגן דער מאַמען זי זאָל אַריינטראָגן דעם אורח טיי און כיבוד. נאָך אַ ווייל איז דער טאַטע אַליין אַריין אין קיך דערציילן דער מאַמען וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן. די מאַמע, אַליין אַ טאָכטער פון אַ רב מיט אַ גרויסן נאָמען, איז אויך געוואָרן נתפּעל. אין אונזער שטוב איז תורה געווען די בעסטע סחורה. איך בין געשטאַנען מיט אָפענע אויערן און נישט פאַרהערט קיין איין וואָרט. דער טאַטע האָט געפרעגט דעם איד פון וואַנען ער איז, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער שטאַמט פון אונגאַרן, איז שוין געווען אין אַ סך לענדער, האָט אפילו אַ צייט געלערנט ביי אַ ספרד'ישן חכם ערגעץ אין די טערקישע מדינות. ער איז געווען אין ארץ ישראל אויך, און אפילו אָנגעשפּאַרט קיין דמשק און בבל. ער איז אויסגעפאָרן אַ וועלט, און געקאָנט לשונות — נישט קיין רוסיש, אָבער אונגאַריש, דייטש און טערקיש. ער האָט באַדעכטיק אַרויסגענומען אַן עסטרייכישן פּאַס און געוויזן דעם טאַטן אַ סך, אַ סך וויזעס פון אַלערליי קאָנסולן. איך האָב דאַמאָלס צום ערשטן מאָל געהערט דאָס דאָזיקע וואָרט. געוויינלעך האָט מיין פאָטער געהאַט ווייניק אפשוי פאַר אַזוינע וועלטלעכע ענינים, אָבער ווען דאָס גייט צוזאַמען מיט אַזאַ לומדות, איז דאָס תורה וגדולה במקום אחד. דער טאַטע האָט מיך צוגערופן און מיר געהייסן איך זאָל געבן דעם ייִד שלום עליכם. ער האָט, מסתמא, געוואָלט, אַז איך זאָל האָבן דעם כבוד און די זכיה אָנצורירן זיין האַנט. דער ייִד האָט מיר געטאָן אַ קניפּ אין בעקל און מיר געפרעגט:

— וואָס לערנסטו?

און ער האָט געזאָגט אויף אויסענווייניק נישט בלויז די גמרא, וואָס איך האָב גראָד געלערנט, נאָר אויך שטיקער רש"י און תוספות.

די מאַמע האָט דערווייל אַריינגעטראָגן טיי, קיכלעך און פרוכט. די מאַמע האָט זיך עפּעס ווי פאַרדויטלט פאַר דעם דאָזיקן היינטיק־מאָדישן גאון. דער טאַטע האָט געזאָגט דעם ייִד וועמענ'ס טאָכטער די מאַמע איז, און איך האָב געהערט מיט פרייד, אַז ער ווייסט פון מיין זיידען.

נאָך אַ ווייל האָט דער ייִד עפּעס איינגערוימט דעם טאַטן, און דער טאַטע האָט צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— גיי אַרויס!

די מאַמע איז שוין געהאַט פריער אַרויסגעגאַנגען, און איך בין נאָך אַ קווענקלעניש פּאַמעלעך אַוועק אין קיך. איך האָב געהאַט גרויס חשק צו הערן דעם ייִד רעדן זיין לומד'יש־דייטשמעריש לשון, אָבער אַזאַ טבע

my mother realized who was meant and indicated to the visitor that he should go into the next room.

My father welcomed the man with an open-hearted greeting, as he welcomed everyone rich or poor, and asked him to be seated. After a while he asked why he had come, but the visitor did not answer directly. It appeared that he had come simply to chat. In his Germanized speech, he began to demonstrate his familiarity with Jewish learning, and I saw that my father was impressed by his knowledge. He apparently knew the Mishnah by heart. He cited several scholarly books, and from memory recited a few lengthy passages. The conversation became more and more dense. Although my father was a scholar and the author of a number of commentaries, he could barely keep up with him. The man knew everything by heart. He even remembered the exact pages on which certain passages were to be found. He tossed quotations from Maimonides around like nutshells. He seemed to pull commentaries and laws out of his sleeves. He led the conversation around to what the Aramaic translator had said about a certain Biblical verse, and then recited passages of Onkelos and Jonathan ben Uzziel.

As a rule, my father refrained from praising a man to his face, but this time he could not hold back. "How can a man—may no evil befall you—have such a memory? You are indeed to be compared to 'a limned cistern that loses not a drop,' " he exclaimed.

"Permit me to show you some affidavits . . ."

The stranger took out a packet of letters bearing the seals of many Rabbis. Famous Rabbis called him "genius," "Prince of the Torah," "one who uproots mountains and reduces them to dust . . ." One Rabbi attested that he had examined this man and that "his hands were filled" with the Babylonian Talmud, the Jerusalem Talmud, Sifri, Sifra, Tosefta, Mehilta. Father rubbed his forehead and almost smacked his lips. He said, "It is a privilege to have you in my house!"

He sent me to tell Mother to bring tea and refreshments for his guest. A little later he himself came into the kitchen to tell her about the visitor. Mother, herself the daughter of a renowned Rabbi, was equally enthralled. In our house, learning was looked upon as the greatest wealth. I stood with my ears cocked, so as not to lose a word. Father asked the stranger whence he came, and it turned out that he was originally from Hungary and had visited many lands. He had even studied with a Sephardic *Hacham* in one of the provinces of the Turkish empire. He had been in Palestine and had wandered as far as Damascus and Babylon. He had traversed the world and knew several languages—Russian, Hungarian, German, and Arabic. With great deliberation, he took out an Austrian passport and showed my father the many, many visas issued by all sorts of consulates. This was the first time I heard the words "visas" and "consulates." On the whole, my father attached little value to such secular matters, but when they accompanied learning such as this, he considered it a combination of Torah and worldly glory. He called me over and ordered me to shake hands with this extraordinary man. Apparently he wanted me to have the honor and privilege of touching the visitor's hand. The man pinched my cheek and asked, "What are you studying?"

Then he recited by heart not only the passage of the Gemara that I was studying at the time, but added to it bits of Rashi and the other commentaries.

In the meantime my mother had served tea, cookies, and fruit. She seemed almost embarrassed by this modern-looking scholar. Father told the visitor whose daughter she was, and I was pleased to hear that he knew my grandfather by reputation.

After a while he whispered something to my father, who turned to me and said, "Leave the room now."

Mother had already gone out, and after a slight demurral I slowly made my way to the kitchen. I greatly desired to listen to this man's scholarly Germanic speech, but such was the way of adults: as soon as the conversation became really interesting and every word began to draw me like a magnet, they would

האבן די דערוואקסענע : ווי נאר דער שמועס הויבט־אן צו ווערן געדיכט און יעדעס ווארט נעמט ציען ווי א מאגנעט, — טוט מען מיט אמאל א שיק־אוועק דאס יינגל. נאכדעם ווי איך בין ארויס, האב איך אביסל אפען געלאזט די טיר, אבער דער פרעמדער איז אליין צוגעקומען און זי פארמאכט. ער האט, משמעות, דערציילט א געוואלדיקן סוד.

אין קיך האט די מאמע מיר גענומען זאגן מוסר. ווי אזוי מיינסטו ווערט מען אזא למדן ? — האט זי גע׳טענה׳ט — פון לערנען, נישט פון גיין ליידיק. אנשטאט צו לערנען, לייענסטו נארישע מעשה־ביכלעך, נישט־געשטויגן, נישט־געפלויגן. און די מאמע האט מיר דערציילט א זאך וואס זי האט געלייענט אין א צייטונג : איינער א פראפעסאר האט געהאט א ווייב, וואס האט זיך אלע מאל פארשפעטיקט מיט׳ן מיטאג. ער פלעגט יעדן טאג זיצן און ווארטן. מיטאמאל איז אים איינגעפאלן : פארוואס נישט עפעס טאן אין דער דאזיגער צייט ? ער האט אנגעהויבן שרייבן א בוך וועגן חכמה, און אין עטליכע יאר צייט האט ער ארויסגעגעבן א בוך וואס ער האט פארפאסט בלויז אין דער דאזיקער צייט, וואס ער האט געווארט אויפ׳ן פארשפעטיקטן מיטאג. היינט, אויב ס׳איז אזוי מיט וועלט־זאכן, וואס מען קריגט נישט דערפאר קיין שכר, — וואס איז נאך מיט תורה ? סאי מען ווערט א למדן און סאי מען האט עולם־הבא.

דער מאמע׳ס רייד זענען מיר אריין אין הארץ. אבער איך בין דערביי געווען פול מיט נייגער צו וויסן וועגן וואס דער ייד פון די ווייטע לענדער סוד׳עט זיך דארט מיט׳ן טאטען. איך האב געהערט פון יענער זייט טיר א מורמלעניש, א ברומעניש, א זיפצן. פון מאל צו מאל האב איך פארנומען עפעס אזוינס ווי א פארשטיקט געשריי. ס׳איז געווען דעם טאטנ׳ס קול און עס האט אויסגעוויזן א שטייגער ווי דער טאטע וואלט זיך דארט געבייזערט, זיך קוים איינגעהאלטן נישט צו מאכן קיין קולות. אבער פארוואס זאל דער טאטע שרייען אויף אזא איד ? וואס טוט זיך דארט ? די מאמע אליין האט אויך אויסגעזען נייגעריק, ווייל פון דער בית־דין־שטוב האבן זיך דערהערט אלץ העכערע און העכערע רייד. ס׳איז נישט געווען קיין ספק, אז ס׳איז דארט א שפארעניש, אן אמפערניש. זאלן זיי זיך האבן צעקריגט איבער א גמרא ? א דין ? עפעס האט זיך עס נישט געלייגט אויפ׳ן שכל. די מאמע איז צוגעגאנגען צו דער טיר און א וויַל עפעס ווי זיך צוגעהערט. דערנאך האט זי א זאג געטאן מיט פארוואורף :

— וואס שרייט ער אזוי, דער טאטע דיינער ?

מיטאמאל האט זיך אויפגעפראלט די טיר און ס׳האט זיך באוויזן דער טאטע. איך האב אים נאך קיינמאל נישט געזען אזוי רויט, אזוי צעשויבערט און צעכראסטעט. דער שטערן איז געווען פול מיט טראפענס שוויס. די רויטע באָרד האט געציטערט. די פאות, וואס זענען געווען כמעט שווארץ, האבן זיך געשאקעלט. פון די בלויע אויגן האט ארויסגעקוקט א צעמישעניש, א בהלה, א שרעק. דער טאטע האט א רוף געטאן :

— ניך, גיב מיר עפעס געלט !

— וויפיל דארפסטו ?

— וויפיל דו האסט !

די מאמע איז געווארן אנגעשפיצט.

— איך קאן נישט אוועקגעבן דעם לעצטן גראשן !...

— כ׳בעט דיך, האלט מיך נישט אויף. כ׳וויל נישט האבן דעם טמא אין שטוב ! ימח שמו וזכרו !...

— וואס טוט זיך דא ? פארוואס איז ער א טמא ?

— גיב מיר די פאר קערבלעך, אנישט וועל איך אנטלויפן פון דאנען !... ער איז מטמא באוהל (פאראומריייניקט ווער ס׳איז מיט אים אונטער איין דאך) !...

טרערן זענען מיר אנגעקומען אין די אויגן. די מאמע האט זיך גענומען פארען מיט א ציטערדיקע פינגער אין שופלאד פון קיך־טישל. זי איז אליין אויך געווארן בלאס. דורך דער אפענער טיר האב איך דערזען דעם ייד. ער איז געשטאנען אין מיטען שטוב, מיט א פארשארצטער באָרד, און געקוקט אויפ׳ן בליין־לאמפ. א לאנגע ווייל האט זיך דער טאטע נאך דארט מיט יענעם ווי געראנגעלט. דערנאך האט זיך געעפענט די טיר פון בית־דין־שטוב און דער ייד איז ארויס. ער האט א קוק געטאן אויף דער מאמען און געזאגט אויף דייטשמעריש :

— גוטען טאג.

א מינוט נאכדעם ווי דער ייד איז אוועק, איז דער טאטע אריינגעפאלן אין קיך און גענומען שרייען :

— געוואלד און געשריגן, אזוינס איז נאך נישט געהערט געווארן זינט די וועלט שטייט ! דאס איז א משומד ! א מומר להכעיס, א שייגעץ, א פושע ישראל !... אזויפיל תורה און אזא כלב שבכלבים !...

— וואס שרייסטו ? וואס האט ער געוואלט ?

— ר׳האט מיר געוואלט פארקויפן די עולם־הבא ! — האט דער טאטע געטאן א זאג נישט מיט זיין קול.

— וואס ?

— דאס וואס דו הערסט ! ר׳האט מיר געוואלט פארקויפן זיין חלק עולם הבא פאר הונדערט קערבלעך !...

— ער מוז זיין א משוגע׳נער !

— ר׳איז ניש׳ קא׳ משוגע׳נער ! דאס איז אן אפיקורס ! א כופר בעיקר !... אן אלישע בן אבויה !

suddenly decide to "send the boy away." As I went out, I left the door slightly ajar, but the stranger himself walked over and closed it firmly. Obviously, he had an extraordinary secret to confide.

In the kitchen Mother began to lecture me. "How does one become a scholar like that?" she argued. "By studying, not by being idle. But, instead of studying, you read foolish storybooks, about things that never were and never will be." Then she told me a story she had read in a newspaper. A professor had a wife who never had dinner ready on time and every day he had to sit around waiting. Suddenly it occurred to him that he could utilize this time and he began to write a book. A few years later he published the work he had composed entirely in the time spent waiting for dinner. Now if scholars can show such diligence in secular knowledge—for which there is no divine reward—how much more important is such effort in the study of Torah? One could become a scholar and at the same time attain merit for the hereafter.

Mother's words made a deep impression upon me. Yet I was also filled with curiosity as to what the stranger from those faraway lands was telling my father so secretively. Through the closed door I could hear whispering, mumbling, sighs. From time to time I even thought that I heard a stifled cry. The voice was my father's, and it sounded as though he were angry at someone, barely restraining himself from erupting into a towering rage. But why would Father be angry at this man? What was going on inside? Mother, too, began to look curious, for the voices that came from the study were rising higher and higher. There was no longer any doubt that a dispute—indeed, a quarrel—was taking place. Could they be arguing so heatedly about a passage from the Gemara, or over the interpretation of a law? Somehow that did not seem likely. Mother went over to the door and tried to listen. Then she said, almost resentfully, "Why is your father shouting?"

Suddenly the door was flung open and my father appeared. I had never seen him so flushed, so disheveled and upset. His forehead was covered with beads of sweat. His red beard trembled. His earlocks, which were nearly black, quivered. Confusion, dismay, and fright were apparent in his eyes. He called out to Mother: "Give me some money, quickly!"

"How much do you need?"

"As much as you have."

Mother was upset.

"But I cannot give away my last groschen!"

"I beg of you, don't keep me waiting. I don't want that vile creature in my house another minute! May his name and memory be wiped out . . ."

"Why is he a vile creature?"

"Give me the money—if not, I'll leave the house at once! His very presence defiles . . ."

Tears rose to my eyes. With trembling fingers, Mother began to search the drawer of the kitchen table. She had grown pale. I could see our visitor through the door. He stood in the center of the study, plucking at his beard and examining our oil lamp. My father returned to argue with him a while longer. Then the door of the study opened again and the stranger came out. He looked at my mother and said, in his precise neo-German, "Good day."

A minute after he had left, Father stormed into the kitchen and cried out: "Woe is us—such a thing has not been heard of since the days of the creation! The man is a heretic—a spiteful apostate—an insolent heathen—a willful sinner! Such learning—and yet he is the lowest of curs!"

"Why are you shouting so? What did he want of you?"

"He came to sell me eternal life . . ." Father's voice did not sound like itself.

"What?"

"Yes, you heard right. He wanted to sell me his share in the hereafter for a hundred rubles."

"He must be a lunatic."

"No, he's not a lunatic. He is an atheist! A total unbeliever! An Elisha ben Abuya!"

And my father, still upset and barely able to speak, told how the man had made his offer. Since he had amassed so much knowledge in the Torah and sacred lore, he claimed he had acquired a great portion of eternal life and he had come to sell it to my father. Father argued that an unbeliever has no share in the hereafter, but the visitor had cited Talmudic passages to prove that through the learning he had acquired he had earned a share in the world to come, and that it is possible to sell one's share of eternal life. He argued that since he needed the money, and since he himself did not believe in life after death, he was willing to do business with his portion of it.

Mother looked at Father with reproach in her eyes.

"And, why did you give him our last few rubles?"

"I had to get rid of him. He threatened that he would not leave the house without the money . . ."

"But how shall I prepare for the Sabbath now?"

Father did not know what to say. He ran to the sink and washed his hands, as though to cleanse away the defilement of that creature. He remained standing, his head bowed, confused, almost as though he had been struck by a fist. So much learning—and such heresy! Such a scholar—and such a reprobate! Esau had given away the rights of the first-born for a mess of pottage, and this scoundrel was prepared to throw away eternal life for a few rubles . . .

"World's end! World's end!" my father muttered to himself. "How many days are left him on this earth? He is already an old man . . ." Then he looked scowlingly at me and added, "Let this be a lesson to you!"

Soon we heard that the stranger had visited all the Rabbis, scholars, and men of substance in Warsaw. To each he had offered the same unholy business deal, and everywhere he had received at least a few rubles. This *schnorrer* practiced psychology on his victims: first he inspired admiration, then anger, abhorrence, and fear, and finally he let himself be paid off just for going away. It was even rumored that here and there he snared a rich fool who actually paid the hundred rubles. This, then, was his merchandise; with these wares he made his way through the world.

און דער טאטע האט גענומען דערציילן א צערודערטער און א הייזעריסער, ווי דער ייד האט אים געמאכט דעם פארשלאג. אזוי ווי ער האט געלערנט א ים מיט תורה, האט ער אנגעזאמעלט א סך עולם־הבא, און ער איז געקומען צום טאטען ער זאל זי ביי אים אפקויפן. דער טאטע האט אים געזאגט, אז אן אפיקורס האט נישט קיין עולם־הבא, אבער דער ייד האט אים אויפגעוויזן מיט גמרא'ס, אז פאר דער תורה וואס ער האט געלערנט האט ער יא עולם־הבא, און אויך אז מ'קאן על פי דין עולם־הבא פארקויפן. ער האט גע'טענה'ט, אז ער איז אין א נויט. ער דארף האבן דאס געלט, און אזוי ווי ער גלויבט סאי ווי נישט אין יענער וועלט, וויל ער זיין חלק פארהאנדלען. די מאמע האט אויפגעהויבן די אויגן מיט פארוואורף.

— פארוואס זשע האסטו אים אוועקגעגעבן די פאר רובל ?

— כ'האב געוואלט פון אים פטור ווערן. ס'האט מיר געזאגט, אז ער'ט נישט ארויס פון שטוב אן קא' געלט...

— נו, נו, נו... אבער פון וואנען זאל איך מאכן שבת ?...

דער טאטע האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן. ער איז צוגעלאפן צום וואסער־טון און אפגעגאסן די הענט, אוודאי אפצואוואשן די טומאה, וואס איז געפאלן פון יענעם פארשוין. דער טאטע איז געשטאנען א געבויגענער, א פארווירטער און עפעס ווי אן אויסגעפאטשטער. אזוי פיל תורה און אזא אפיקורס ! אזא למדן און אזא ימח־שמו'ניק !... עשיו האט פארשעמט די בכורה פאר אן ארבעס־זופ און דער רשע האט געוואלט פארטאכלעווען די עולם־הבא פאר א פאר קערבלער. עק־וועלט ! עק־וועלט ! — האט דער טאטע געברומט. — ווי לאנג וועט ער, משטיינס געזאגט, נאך לעבן ? שוין אן אלטער ייד !...

ער האט געווארפן א בייזן קוק אויף מיר און געטאן א געשריי :

— מעגסט דיר ארויפנעמען א מוסר !...

אין א פאר טעג ארום האט מען זיך דערוואוסט, אז דער ייד האט אפגעשטאט וויזיטן ביי אלע ווארשעווער מורה־הוראה'ס, ביי אלע לומדים, ביי אלע נגידים. ער האט יעדן איינעם אנגעבאטן דעם אייגענעם טרפה'נעם מסחר און ער האט אומעטום נעקראגן עטליכע רובל. דער דאזיגער שנארער האט געארבעט מיט פסיכאלאגיע : פריער האט ער יענעם ארייננעבראכט אין באוואונדערונג, דאן אין צארן, שטוינונג, פחד און דאן האט ער זיך געהייסן באצאלן מען זאל פון אים לויז־ווערן. מען האט געשמועסט, אז דא און דארט האט ער אויך באקומען א גביר, וואס האט באצאלט א הונדערטער. ס'זעט אויס, אז דערמיט האט דער ייד געהאנדעלט. מיט דער דאזיגער סחורה איז ער ארומגעפארן איבער דער וועלט...

18

# REB CAHYIM GORSHKOVER

There was a group of "habitués" who visited our house regularly—men who came simply to see the Rabbi, to unburden their hearts, to seek advice, or just to talk. There were even some among them who would sit in the kitchen and talk to my mother. One of these was Reb Chayim Gorshkover.

Reb Chayim was a poor man, and his poverty was inscribed on his face. He had a red nose and a long beard, which was a mixture of blond, brown, gray, and many other colors. From under his bushy brows gazed eyes such as only a poor Jew can have. Their color was amber. In them glowed an ancient goodness and a submissiveness formed by generations of exile and suffering. There was in him a respect and reverence for every adult and every child, for every living creature. The saying "He would not hurt a fly" fitted him literally. Frequently a fly would alight on his red nose, but he would not chase it away. Was he, Chayim Gorshkover, to presume to tell a fly where it was permitted to stand and where not?

In the eyes of Reb Chayim Gorshkover my father was the right hand of God, and he looked upon my mother with a mixture of awe and admiration. He himself did not know how to write, and my mother wrote letters for him to his children in America. Mother was a scholar in her own right. Whenever he came to our house, he tried to serve her in some way. He was willing to sweep up, to run an errand, but Mother would not permit a man to do such menial tasks for her.

# ר' חיים גארשקאווער

עס זענען געווען ביי אונז אין שטוב ארייננייער, יידן אזוינע וואס זענען געקומען צום מורה־הוראה גלאט אזוי, אויסריידן דאס הארץ, פרעגן אן עצה, אדער גלאט שמועסן. ס'זענען אפילו געווען אזוינע וואס זענען געבליבן זיצן אין קיך און גערעדט מיט דער מאמען. איינער פון די דאזיגע יידן איז געווען ר' חיים גארשקאווער.

ר' חיים איז געווען אן ארימאן און דער קבצן איז אים געלעגן אויפ'ן פנים. ער האט געהאט א רויטע נאז, א לאנגע בארד, א געמיש פון געל, ברוין, גרוי און נאך א סך אנדערע קאלירן. פון הינטער די געדיכטע ברעמען האבן ארויסגעקוקט אויגן אזוינע וואס עס קאן נאר האבן א ייד. דער קאליר זייערער איז געווען א געלער. ס'האט ארויסגעשיינט פון זיי א פארצייטיקע יידישע גוטמוטיקייט און אן אונטערטעניקייט, וואס דורות גלות און לידן האבן געשאפן. א דרך־ארץ און א מורא איז געלעגן אין דעם ייד נישט בלויז פאר יעדן דערוואקסענעם, פאר יעדן קינד, נאר אפילו דוכט זיך פאר יעדן באשעפעניש. דאס יידישע ווערטל : „ער טשעפעט נישט קיין פליג" האט אים מאדנע געפאסט. עס פלעגט נישט זעלטן טרעפן אז א פליג האט זיך אים אוועקגעשטעלט אויף דער רויטער נאז אבער ער האט זי נישט אראפגעיאגט. וואס הייסט עפעס, ער, חיים גארשקאווער, וועט זאגן א פליג א דעה וואו זי זאל שטיין ? דער טאטע איז געווען פאר ר' חיים קארשקאווער די צווייטע האנט פון גאט, און אויף דער מאמען האט ער געקוקט מיט א געמיש פון פחד און באוואונדערונג. ר' חיים גארשקאווער האט נישט געקאנט שרייבן, און די מאמע האט פאר אים געשריבן בריוו קיין אמעריקע. ר' חיים האט בלויז געקענט דאווענען און זאגן תהילים, אבער די מאמע איז געווען א קענערין. יעדעס מאל, וואס ער איז געקומען צו אונז, האט ער נאר געוואלט באדינען די מאמען. ער האט זיך נאר געריסן צום בעזים, צום גיין א גאנג, אבער די מאמע האט נישט געלאזט אז א מאנסביל זאל זי באדינען.

יא, ר' חיים איז געווען אן אביון אין זיבן פאלעס. דאס ווייב זיינס איז געווען א פליקערין אין יאנאש'עס הויף. געוואוינט האט ער אין א סעלער־שטוב. די פלייצע זיינע איז געווען געבויגן און קיילעכדיק. א קול האט ער געהאט פון א הוהן. די מלבושים זענען געווען אפגעריסן, געלאטעט, און עס האט פון זיי ארויסגעקוקט די וואט־לייוונט. פון די אויערן און פון דער נאז האבן ארויסגעשטארצט בינטלעך האר. די בארד אליין איז געוואקסן שיער נישט ביז צו די אויגן. דער דאזיגער ייד האט געהאט צוויי תאוות: איין תאווה צו זאגן תהילים און בכלל זאגן יידישע ווערטער. אזוי ווי ער איז געזעסן און גערעדט מיט דער מאמען, האט דאס איינגעפאלענע מויל זיינס גענומען מורמלען, און מיר האבן געוואוסט אז ער כאפט אריין א פסוק תהילים, אדער א גאנץ קאפיטל. תהילים האט ער געקאנט כמעט פון אויסנווייניק.

די צווייטע תאווה איז געווען צו רעדן וועגן גארשקאוו. ער איז שוין געווען פון גארשקאוו א סך יארן. אבער פאר דעם דאזיגן ייד איז גארשקאוו געווען א קוואל פון בענקשאפט. אלדאס שיינע און גוטע איז געווען אין גארשקאוו. אלדאס מיאוס'ע און גוי'אישע האט זיך צונויפגענומען אין ווארשע. גארשקאוו איז געווען פאר ר' חיים'ען ארץ־ישראל, א שטיק עולם־הבא. ווארשע איז פאר אים געווען די סיטרא־אחרא.

א נסיעה פון ווארשע קיין גארשקאוו האט געדארפט דויערן מער ווי צוויי מעת־לעת, ווייל די באן איז געגאנגען בלויז ביז רייוויץ און ווייטער האט מען געמוזט פארן מיט אקס. א נסיעה קיין גארשקאוו איז פאר דעם ייד געווען אוממעגלעך, א חלום, וואס האט קיינמאל נישט געקענט ווערען מקויים. קיין גארשקאוו האט מען בלויז געקענט גארן און לעכצן. ס'איז גענוג געווען צו דערמאנען גארשקאוו, אז ביי ר' חיים'ען זאלן גלייך אנהויבן פאלן טרערן איבער דער בארד.

ווי אויסטערליש, נאר ר' חיים האט געהאט א הייזל אין גארשקאוו, אן איינציק שטיבל, א האלבע חורבה. ס'האט זיך דארט אויפגעהאלטן זיינס א קרוב, וואס האט נישט געצאלט קיין דירה־געלט. פון דעם דאזיגן הייזל האט ר' חיים געהאט אלערליי צרות. א סאניטארן־קאמיסיע, וואס דער לובלינער גובערנאטאר האט ארויסגעשיקט, האט געפונען, אז ס'איז דארט שמוציק, א וואנט האלט ביים איינפאלן, און מען האט ר' חיים'ען אנגעשריבן „סארע", שטראף הייסט עס. די פאפירן זענען אנגעקומען קיין ווארשע. באצאלן די שטראף האט ר' חיים נישט געקענט און ער איז אוועק זיצן אין „קאזע". אכט טעג צייט איז ער אפגעזעסן אין תפיסה צווישן גנבים און לאטקעס. מען האט ביי אונז אין שטוב אפילו נישט געוואוסט דערפון. ווען ער איז ארויסגעקומען און דערציילט ביי אונז די מעשה, האט די מאמע גענומען אים צורעדן ער זאל פארקויפן די דאזיקע נחלה, משטיינס־געזאגט, אדער זי אוועקשענקען דעם קרוב וואס האט דארט געוואוינט, נאר ר' חיים האט גע'טענה'ט:

— ווי לאנג ס'הייזל איז מיין, בין איך נאך א גארשקאווער... עמיצער דערמאנט נאך מיין נאמען...

ס'האט נישט לאנג געדויערט ווי ר' חיים האט ווידער באקומען א שטראף. דער קוימענקערער האט לאנג נישט געהאט גערייניקט דעם רוס אין קוימען און ס'איז געווארן א שרפה. דאס הייזל האט נישט אפגעברענט, אבער ר' חיים האט באקומען א שטראף, און ער איז פונסניי אוועק זיצן...

אחוץ שרייבן צו די קינדער איז ר' חיים געקומען צו אונז רעדן וועגן גארשקאוו. מיינע עלטערן האבןביידע געשטאמט פון יענע געגנטן. מיר, די קינדער, האבן שוין געוואוסט נאך וואס ר' חיים קומט און אויף וואס ערווארט. איך פלעג א זאג טאן:

— ר' חיים, וואס הערט זיך עפעס אין גארשקאוו?

און עס האט זיך באלד דערהערט א טיפער זיפץ, א יידישער זיפץ וואס רייסט זיך ארויס פון סאמע איינגעווייד. די בארד האט זיך גענומען שאקלען ווי א הינערישער עק. די וואנסן האבן אנגעהויבן ציטערן, און פון דעם אנציינקן מויל איז אפערגעקומען א שארכעניש אזא און א מורמלעניש ווי פון אן אלטן זייגער איידער ער הויבט אן קלינגען.

— גארשקאוו הא? גארשקאוו איז געווען א גן־עדן, און דא, רביצין, איז א גיהנום. וואס ווייסט מען דא פון א שבת, פון א יום־טוב? מ'קען דען זיין א ייד אין ווארשע? ס'לעבן האט דען א ווערט? מ'יאגט, מ'לויפט. אין גארשקאוו האט מען שוין מיטוואך אנגעהויבן זיך גרייטן אויפ'ן שבת. ס'איז אלעמאל געשטאנען ביי אונז א זעקעלע קארן־מעל. די מאמע, מיען זאל זי זיך, האט אליין געבאקן ברויט. אין שעפל איז געבליבן אביסל טייג און איבער דער וואך איז עס געווארן זויער־טייג. ווער האט געוואוסט אין גארשקאוו פון קוילן? א פויער איז געקומען און געבראכט האלץ פון וואלד. דער טאטע, עליו השלום, האט עס אליין צעזעגט און צעהאקט. מ'האט אנגעלייגט די שייטלעך און אנגעצונדן א שטיקל קין. דער פיעקעליק איז גלייך געווארן ווארים. אין ווארשע קען מען זיך דען אנווארעמען? די קוילן זענען א קללה. פארמאכט מען דעם שיבער, ווערט א טשאד. לאזט מען אפן, ווערט א קעלט. אין גארשקאוו, אז מ'האט איינגעהייצט, איז געווארן א ליבע ווארעם. די מאמע האט געבאקן פלאם־פלעצלעך. דאס ווארשעווער ברויט איז צו־פריש און ס'האט ניש' קא' האפט. מ'עסט און מ'עסט און מ'ווערט ניש' זאט. דארט א שטיקל ברויט האט געהאט טעם גן־עדן. ווער שמועסט, אז מ'האט באשמירט מיט שמאלץ און ארויפגעלייגט גריוון, איז עס צוגאנגען אין מויל. היינט די גארשקאווער חלה! וואס פאר א

Reb Chayim was, in the fullest meaning of the word, a pauper. His wife worked as a chicken plucker in Yanash's court. They lived in a cellar. His shoulders were bent and round. His voice was that of a rooster. His clothes were ragged and patched. Often the interlining could be seen through the rents. Bunches of hair sprouted from his ears and nostrils. His beard covered his face almost to the eyes.

This man had two passions.

One was to recite Psalms or other holy words. Even as he sat and talked with my mother, his sunken lips would begin to mumble, and we knew that he was hurriedly reciting a verse, or even an entire chapter, from the book of Psalms. He knew almost all the Psalms by heart.

His second passion was to speak of Gorshkov. He had left Gorshkov many years ago, but it had remained the source of all his yearnings. All that was beautiful and good was in Gorshkov. All that was ugly and pagan was in Warsaw. Gorshkov was, for Reb Chayim, the Promised Land—a foretaste of Paradise.

A journey to Gorshkov would have required two full days, for the train went only as far as Rejowicc and after that one had to proceed by horse and carriage. Such a journey was for him an utter impossibility, a dream that could not be fulfilled. He could only yearn for Gorshkov. At the mere mention of Gorshkov, tears would rise in Reb Chayim's eyes and fall upon his beard.

Difficult as it was to believe, Reb Chayim actually owned a building in Gorshkov—a one-room shack, a ruin rather than a house. It was inhabited by a relative who paid no rent. This shack caused Reb Chayim all kinds of trouble. A sanitation commission dispatched by the governor of Lublin found that a wall was about to cave in, and Reb Chayim was fined. Since he could not pay the fine, he went to jail. He spent eight days in prison among thieves and hoodlums. We did not know what had happened to him. When he was released and came to tell us of his misfortune, my mother tried to persuade him to sell this "property," or even to give it to the relative who lived in it, but Reb Chayim demurred. "As long as the house is mine, I am still a Gorshkover, my name is still remembered there."

It did not take long for Reb Chayim to be fined again. The chimney sweep had long neglected to clean the soot from the flue, and a fire broke out. The shack did not burn down, but Reb Chayim was fined and once more went to prison.

Both my parents came from that part of the country and we children knew why Reb Chayim came and what he was waiting for.

I would say, "Reb Chayim, what's new in Gorshkov?"

There would be a deep sigh, a sigh torn from the soul's innermost depths. The beard would begin to quiver like the tail of a chicken. His mustache would begin to tremble, and from the toothless mouth would come a wheezing and rumbling like an old clock preparing to strike the hour.

"Gorshkov, eh? Gorshkov was a Garden of Eden, and here we are in Gehenna. What do we know here of the Sabbath, of the holidays? Can one be a real Jew in Warsaw? Does life here have a value? Everyone rushes, everyone runs. In Gorshkov we began to prepare for the Sabbath on Wednesday. My mother—may she intercede for us in the other world—herself baked the Sabbath bread. A little dough remained in the bucket and during the week it turned into yeast.

"Who ever heard of coal in Gorshkov? A peasant brought wood from the forest. My father—may he rest in peace—sawed and chopped it himself. Then we would carefully arrange the kindling in the stove and light it with a shaving. At once the stove would begin to get warm. Can you warm yourself properly in Warsaw? Coal is a curse. If you close the vent, the room is filled with smoke. If you leave it open, you might as well be out in the frost. In Gorshkov, when one made a fire there was a pleasant warmth. Mother baked her own cookies. Warsaw bread is too fresh and has no body. You can eat and eat it and remain hungry. But in Gorshkov, every piece of bread had the taste of Paradise. And if you spread chicken fat on it and covered it with crisp strips of chicken skin—it just melted in your mouth!

טעם האט חלה וואס מ'קויפט ביים בעקער? ביי אונז אין גארשקאוו קימל איז געווען קימל און מאן איז געווען מאן. די מאמע האט איינגעטונקען א פלעדערוויש אין געלכל און באשמירט די חלה. היינט די קיכלעך! היינט דאס טשאלנט! דא דאס טשאלנט איז אדער רוי, אדער פארברענט. מ'שטעלט עס אריין מיט א סך אנדערע טשאלנטער. אין גארשקאוו האט מען געשטעלט דאס טשאלנט אין אונזער אייגענעם אויוון און די מאמע האט פארקלעפט ס'טירל מיט טייג. היינט דער קוגל! מ'ווייסט דען דא אין ווארשע ווי אזוי צו מאכן א קוגל? אז די מאמע האט געמאכט א לאקשן־קוגל, א מעגעלע, אדער א טייגעכץ, האט עס פארריסן דעם האלז. נו, און ס'צימעס! מיר האבן געהאט אין הויף א בארען־בוים און ס'זענען אויף אים געוואקסן הארטע בארלעך, און די בארלעך האט די מאמע געטריקנט און זיי זענען געווארן צוקער־זיס. ווען מ'האט די בארלעך געקאכט אין א צימעס־טעפעלע און אריינגעטאן א שטיקל צימערינג, האבן זיי פארשמעקט ס'הויז. נו, און ס'בית־מדרש? און די שוהל? דא דאווענט מען דען? מ'כאפט אפ ס'דאווענען. נאך איידער מ'זאגט אפ עלינו, לויפט מען שוין אוועק. ביי אונז האט מען נישט אפגענארט מיט'ן דאווענען. אז אונזער חזן האט געזונגען לכה דודי, האבען די ווענט מיטגעזונגען. היינט זיין ושמרו! און דער גארשקאווער ווייִן! דא קויפט מען א קווארטירל ווייִן ביים ווייִן־סוחר, איז ער זויער ווי עסיג. דער טאטע פלעגט אליין אויסקאכן ווייִן פון ראזשינקעס. פריער האט זיך דער ווייִן געקאכט א גוטע שעה און דערנאך האט מען אים אויסגעקוועטשט אין א האנטוך, און אז מ'האט אים געטרונקען צו קידוש, איז ער צעגאנגען אין אלע אברים...

די מאמע פלעגט טאן א שמייכל. זי האט געהערט דעם דאזיגן פזמון יעדע וואך. די מאמע האט אויך געוואוסט אז דער גארשקאווער ראזשינקע־ווייִן איז ווייט נישט געווען אזוי נעוואלדיק ווי ר' חיים האט זיך איינגערעדט. אבער זאגן דעם ייד א שלעכט ווארט וועגן גארשקאוו אדער א גוט ווארט וועגן ווארשע, האט זי נישט געקענט. זי האט אים אויסגעהערט און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. איך, דער קונדס, פלעג א זאג טאן:

— א טראמוואי איז דא אין גארשקאוו?

— א געזונט אויף דיר! וואס דארף מען אין גארשקאוו א טראמוואי?

— נו און א הויז מיט א פערטן שטאק איז דא?

— וואס דארף מען דאס קריכן אויף די טרעפ? אין גארשקאוו גייט מען גלייך אריין אין שטוב, אפילו צום גרעסטן נגיד...

אפשר איז ווארשע געווען פאר ר' חיים'ען צו־ווייניק גוי'איש, זענען אלע קינדער אוועק קיין ניו־יארק. איינער האט אראפגענומען דעם אנדערן, און איידער ר' חיים האט זיך אומגעקוקט, איז ער געבליבן אן קינדער. די זין האבן געשריבן, אז קעגן ניו יארק איז ווארשע א דארף. באנען גייען אויף די דעכער. די הייזער זענען אזוי הויך, אז מען מוז פארדרייען דעם קאפ. אז מען וויל גיין ערגעץ אין דער אייגענער שטאט, פארט מען מיט א באן וואס לויפט אונטער דער ערד. ר' חיים'ס קינדער האבן געשריבן לאנגע בריוו און מיט מורא'דיקע גרייזן. קיינער האט נישט געקענט לייענען די דאזיקע שרייבעכצער אויסער מיין מוטער. איך געדענק, אז איין מאל האט מיין מוטער זיך פארהאקט ביי א ווארט וואס האט פארנומען א גאנצע שורה. די מאמע האט געטראכט און געטראכט און בשום־אופן דאס ווארט נישט געקענט איבערלייענען. אלע אין שטוב האבן געפרואווט, אבער ס'איז געווען אוממעגלעך. מיט אמאל, נאכדעם ווי די מאמע האט זיך שוין געהאט מייאש געווען איבערצולייענען דעם דאזיגן הירעגליף, האט זי זיך צעלאכט. דאס ווארט האט געמאכט: חול המועד סוכות. ס'איז ממש געווען א מוסטער וויפיל גרייזן מען קען אריינפאקן אין איין ווארט!...

ר' חיים האט געהאט אן עלטסטע טאכטער וואס מיר האבן נישט געקענט, ווייל זי איז אוועק קיין אמעריקע נאך איידער מיינע עלטערן האבן זיך אריינגעצויגן קיין ווארשע, און די דאזיגע טאכטער האט אין אירע בריוו זיך ביטער געקלאגט אויף אמעריקע. דאס עסן האט דארט נישט קיין טעם. דאס ברויט איז נישט קיין ברויט, די חלה איז נישט קיין חלה, דער שבת איז נישט קיין שבת, דער יום־טוב איז נישט קיין יום־טוב. פאטאגראפיעס זענען אנגעקומען פון ר' חיים'ס זין, טעכטער, איידעמס, שנירן, אנגעטאן אין הוטן, צילינדערס, פראקן. ר' חיים האט רעכט נישט דערקענט זיינע קינדער. אפשר איז ווארשע נאך א קנאפער סדום, האבן זיינע קינדער אוועקגעוואנגלט אין א וועלט וואו מענשן גייען מיט'ן קאפ אראפ און אלץ איז איבערגעקערט קאפויר!...

פון יאר צו יאר איז אלץ שווערער געווארן צו לייענען די ניו־יארקער בריוו, ווייל זיי זענען געווארן אלץ מער און מער אנגעפאקט מיט ענגלישע ווערטער. זיי האבן דארט, אפנים, פארגעסן, אז אין ווארשע רעדט מען נישט קיין ענגליש. די קינדער האבן אלע פארלאנגט, אז ר' חיים און זיין ווייב זאלן אריבערקומען קיין ניו־יארק. זיי וועלן אים שיקן א שיפסקארטע. ער וועט וויסן פון א לעבן. אבער ר' חיים האט געשמייכלט טרויעריק און געהויבן די אקסלען. נאך ניו יארק פעלט אים צו די צרות!... סנאפ גוי'אישקייט האט ער אין ווארשע, — דארף ער נאך זיך אריבערפעקלען אהין...

"And the Sabbath loaves in Gorshkov! What is the taste of store-bought challah? In Gorshkov, caraway seeds were caraway seeds, and poppy seeds were poppy seeds. Mother would dip a feather in the yolk of an egg and spread it over the braided loaves. And the cookies! And the *cholent!* Here the *cholent* is either half done or burnt. You have to keep it in the baker's oven together with hundreds of other *cholents.* But in Gorshkov my mother kept the *cholent* in her oven and sealed the oven door with dough.

"And the pudding! Does anyone in Warsaw know how to prepare a real pudding? When my mother made a noodle pudding or stuffed a derma, or baked a pie, it took your breath away. And the candied fruits? There was a pear tree in our yard that bore tiny hard pears. Mother would dry these until they became as sweet as sugar. When they were cooked in a casserole with a stick of cinnamon, their fragrance filled the house.

"Nu, and the synagogue? Does anyone really pray in Warsaw? One rushes through the prayers. Before they have completed the Aleinu, they already rush out. Back home, one did not cheat while praying. When our cantor sang 'Welcome, O Bride,' on Friday nights, the very walls sang with him.

"And the Gorshkov wine! Here one buys a bottle from the wine merchant, and it tastes like vinegar. My father made his own raisin wine. First he would cook the wine for more than an hour, then he would squeeze it through a cloth—and when you drank it for the Friday-night kiddush, it raced through every limb of your body."

Mother would smile. She heard this paean every week. She also knew that the raisin wine of Gorshkov was not nearly as fabulous as Reb Chayim imagined. But in the presence of this simple man she would not utter a word in defense of Warsaw or against Gorshkov. She listened to him and nodded her head. I, however, being already somewhat brazen, would ask, "Was there a streetcar in Gorshkov?"

"May God give you good health! What need was there for a streetcar in Gorshkov?"

"And were there any buildings four stories tall?"

"Who needs to climb up so many stairs? In Gorshkov one walks straight into the parlor, even in the houses of the richest men."

But, as if Warsaw were not heathenish enough, it was Reb Chayim's sad fate that all his children had gone to New York. One had gone first and sent for the others, and before Reb Chayim had quite realized what had happened, he was childless. His sons wrote that in comparison with New York, Warsaw was a mere village. In New York, trains ran across the rooftops. The buildings were so tall one had to twist one's neck to see the top. If one wished to go to another part of the city, one rode in an underground train.

Reb Chayim's children wrote long letters full of horrible misspellings. No one except my mother could decipher them. Once even she was stuck on a word that took up an entire line. Everyone in the house tried to read it, but it was illegible. Suddenly, after she had nearly despaired of unscrambling this mystery, Mother suddenly burst into laughter. The word was simply a running-together of the phrase "Hol Hamoed Sukkoth"—the intermediary days of the Feast of Tabernacles! It was truly a model of how many mistakes could be made in one word.

Reb Chayim had an eldest daughter whom we did not know, for she had gone to America before my parents came to Warsaw. This daughter complained bitterly about America in every letter. The food was tasteless. The bread was not real bread, the challah not real challah, the Sabbath no Sabbath, the festivals no festivals. Photographs arrived showing Reb Chayim's sons, daughters, sons-in-law and daughters-in-law all dressed up, the men even in stiff-brimmed hats, sometimes top hats and tails. Reb Chayim hardly recognized his children. As if Warsaw were not enough of a Sodom, his children had to wander off to a world where people walked on their heads, where everything was topsy-turvy!

Year after year the letters from New York became more and more difficult to understand, for they were full of English phrases. Over there, apparently, they had forgotten that in Warsaw people did not speak English. All the children begged Reb Chayim and his wife to come to New York. There the old folks would be able to enjoy life. They wanted to send them steamship tickets. But Reb Chayim smiled sadly and shrugged.

ר' חיים האט געהאט איין חלום: ער האט געוואלט אויף די אלטע יארן זיך אומקערן קיין גארשקאוו און ליגן אויף דעם דארטיקן בית־עולם. אויב ער קען נישט זיין אין גארשקאוו ביים לעבן, זאל ער כאטש דארט רוען אין קבר. אבער ס'האט אויסגעבראכן די וועלט־מלחמה. ווארשע איז געווארן דייטשלאנד און גארשקאוו איז אריבער צו עסטרייך. צו קומען קיין גארשקאוו האט מען איצט געדארפט א פאס, א וויזע, גיין איבער א גרענעץ...

ווען די דייטשן זענען אריין און ס'איז געווארן דער גרויסער הונגער, האב איך געהערט ר' חיים'ען רעדן וועגן דעם וואס פאר א גן־עדן ווארשע איז געווען פאר דער מלחמה, ווי אלץ איז געווען וואלוול, ווי זיין יידענע האט אהיימגעבראכט אויף שבת א האלבע גאנז, א קישקע, דרויב, חלה, קוכן. ווידער האט ר' חיים גערעדט מיט א וויינענדיקן ניגון און ווידער האט ער געגאסן מיט טרערן. אבער דאסמאל האבן מיר מער נישט געלאכט אויס אים. מיר זענען אליין אויך געווען הונגעריק. איך בין שוין דאמאלס געווען אן עלטער יינגל און איך האב א זאג געטאן:

— איר געדענקט ווי איר פלעגט האבן טענות אויף ווארשע? אייך האט נאר געצויגן קיין גארשקאוו...

ר' חיים האט געטאן א הויב־אויף די געלע אויגן. דער פייכטער בליק זיינער האט שטומערהייט געזאגט:

— ווער קאן איצט טראכטן וועגן גארשקאוו?...

Did he not have troubles enough in Warsaw that he should seek new ones in New York? Was there not enough heathenishness in Warsaw without his going to New York to seek it?

Reb Chayim had only one dream: to return to Gorshkov for his last days and to be buried in its cemetery. If it had not been God's will that he live his life in Gorshkov, let him at least find his last resting place there. But the First World War broke out. Warsaw was under German rule, while Gorshkov belonged to Austria. In order to reach Gorshkov, one needed a passport, a visa, a permit to cross the border.

When the Germans entered Warsaw and the great famine began, I heard Reb Chayim speak longingly of the paradise Warsaw had been before the war—when everything was cheap, when his wife brought home for the Sabbath half a goose, derma, giblets, challah, cakes. Again his tears flowed. But now we no longer scoffed. We, too, were hungry. I was half grown by then, and I would say to him, "Reb Chayim, do you remember how you used to complain about Warsaw? You yearned only for Gorshkov."

Reb Chayim raised his yellowish eyes. His moist glance said silently, "Who dares even think of Gorshkov now?"

19

# ר' משה באַבאַבאַ

ר' משה באַ־באַ־באַ, אַזוי האָט מען אים גערופן. פארוואס באַ־באַ־באַ? ווייל אזוי האט ער גערעדט: באַ־באַ־באַ, דער אויבערשטער וועט העלפן. באַ־באַ־באַ, משיח וועט קומען און ס'וועט שוין זיין די גאולה שלמה. באַ־באַ־באַ, ס'איז גוט צו זיין א ייד! וואס קאן שוין זיין א גרעסערער תענוג ווי צו זיין א ייד? כ'גיב דיר אוועק אלע טעאטערס און אלע פריצים און אלע מארצעפאנעס פאר איין מנחה, פאר איין קאפיטל תהילים, פאר איין אשר יצר! מען זאל מיר געבן די גאנצע וועלט געלט מיט אלע פאלאצן מיט אלע שלעסער מיט אלע זעלנער און קאזאקן, כ'זאל פארפעלן איין שהכל, וואל איך געלאכט פון זיי ס'גרעסטע געלעכטער. ווייל דאס אלץ איז נארישקייטן, שמאנצעס, ניש' ווערט קא'ן אויסגעבלאזן איי. אבער אז כ'מאך א שהכל — באַ־באַ־באַ — קומט מיר צו א שטיק געזונט. גיב נאר א טראכט: געלויבט ביזט דו גאט אונזער גאט, דער קעניג פון דער וועלט, וואס אלץ איז געווארן אזוי ווי ער האט געזאגט. אלץ! אלץ! דער הימל, די ערד, איך, דו, אפילו להבדיל דער הונט אינדרויסן, אפילו די פליג. אלץ האט ער באשאפן, דער באשעפער, און אונז האט ער געגעבן דעם כוח מ'זאל אים לויבן. איז דאס קנאפ עולם־הזה? כ'גיב דיר אוועק אלע באלער און אלע ווארעמבעדער פאר איין ווארט פון א צדיק, פאר איין קרעכץ, פאר איין תנועה. דו ביזט נאך א יינגל, און וואס פארשטייט א יינגל? אבער כ'זאג דיר בהן שלי, אז די צווייטע נאכט יום־טוב אין קוזמיר איז געווען מער פארגעניגן פון אלע עולם־הזה'ס, פון אלע קיסרים, פון אלע גענעראלן, פון אלע הולטאיעס. יעדע מינוט האט געהאט טעם גן־עדן. ווער ס'איז נישט געווען יום־טוב אין קוזמיר, דער ווייסט נישט וואס ס'איז עולם־הזה, באַ־באַ־באַ!

ר' משה האט שוין געמוזט זיין א טיפער זקן, ווייל ער איז נאך געפארן צו ר' כאזקעלע קוזמירער. אויסגעזען האט ער ווי ער וואלט געווען נאענט צו די הונדערט. די ווייסע בארד זיינע איז פון ווייס ווידער געווארן געלבלעך. די פאות זענען שוין געווען האלב אויסגעקראכן. דער שטערן איז געווען געל ווי פארמעט און געווירעט ווי פארמעט. אנגעטאן איז ער געווען אין א פארצייטיקער זשופיצע, אין א סאמעטענעם הוט מיט א הויכער דענקע, אין האלבע שיך, קורצע הויזן, ווייסע זאקן. די ציצית האבן דערגרייכט נידעריקער פון די קני. ער האט געהאט זין וואס האבן אים אויסגעהאלטן. ר' משה האט געהאט איין טועכץ: אידישקייט. אדער ער האט געדאווענט, אדער געלערנט, אדער געזאגט זוהר, אדער אפגעריכט חצות. ער האט נישט געהאט קיין מינוט צייט. אבער ער האט פונדעסטוועגן געפונען צייט צו קומען צו מיין טאטן שמועסן חסידות. ר' משה איז געהאט געפארן צו א סך פוילישע רביים. ער איז אויסגעווען אין אלע רבי'שע הויפן.

ווי לאנג מיר האבן געוואוינט אויף קראכמאלנע נומער צען, האט ר' משה נישט געהאט קיין שוועריקייטן צו קומען צו אונז. דארט איז דאס טויער געווען ברייט. אבער ווען מיר האבן זיך אריינגעצויגן מיט יארן שפעטער און נומער צוועלף, האט זיך אנגעהויבן א צרה. דאס טויער איז געווען שמאל און אין מיטן טויער איז געזעסן מירעלע, דעם בעקער'ס טאכטער, מיט קוישן ברויט, חלה, זעמל. מירעלע איז געווען א מויד פון א יאר זיבעצן, אבער א ביוסט האט זי געהאט פון א פרוי פון דרייסיק. דער ביוסט אירער האט פארשטעלט א האלב טויער. דערצו האט מירעלע געהאט א טבע אריינצולייגן דאס פאפירן־געלט אין זאק. יעדעס מאל וואס זי האט באקומען א באנקנאט, האט זי אונטערגעהויבן די יאַסע און ס'האט זיך דערזען א פוס וואס איז געווען אזוי ברייט ווי א טשאלענט־טאפ. אויבן איז דער זאק געווען ארומגענומען מיט א ראזע זאקן־בענדל.

# REB MOISHE BA-BA-BA

He was known as Reb Moishe Ba-ba-ba. Why "Ba-ba-ba"? Because that was how he talked. "Ba-ba-ba, the Almighty will help. . . . Ba-ba-ba, the Messiah will come and the world finally will be redeemed. . . . Ba-ba-ba, it is good to be a Jew. What greater pleasure can there be than being a Jew? I'll give up all theaters, all riches, all delicacies for one Minhah prayer, for one chapter of Psalms, one *Asher Yotzar!* If a person were to offer me all the gold in the world, all the palaces and fortresses and soldiers and Cossacks, on condition that I skip one blessing, I would laugh in his face. These are vanity, trifles, not worth an empty eggshell. But when I recite the blessing: 'By whose word all things exist,' I feel renewed strength in my very bones. Just think of it: 'Blessed art Thou, O Lord our God, King of the Universe, by whose word all things exist.' All things, all! The heavens, the earth, I, you, even—forgive the comparison—the dog in the street. All were created by Him, the Creator, and to us He gave the power to praise Him. Is not this sufficient earthly pleasure? I'd exchange all fancy balls and all pleasure resorts for the words of one saint—his sighs and his gestures. You are only a boy—what does a boy understand?—but I give you my word, the second night of a festival at the court of Kuzmir was a pleasure greater than can be known by any worldling, emperor, general, or reveler. Every minute savored of Paradise. He who has never spent a holiday in Kuzmir, has no idea of true pleasure, ba-ba-ba!"

Reb Moishe must have been very old, for he had been a frequenter of the court of Rabbi Haskele Kuzmirer. He looked to be nearly a hundred. His white beard was turning yellow. The hairs of his earlocks were falling out, and his brow was wrinkled like parchment. He wore an old-fashioned gabardine, a velvet hat with a high crown, half boots, pantaloons, and white socks. His ritual fringes reached below his knees. His sons supported him. Reb Moishe himself had only one occupation: being a devout Jew. He was always either praying, or studying, or poring over the Zohar, or reciting the midnight service. He never had a minute to spare. But he found time to visit my father and talk of Hasidic lore. Reb Moishe, having been to the courts of almost all the miracle Rabbis of Poland, was an expert on the Hasidic dynasties.

As long as we lived at No. 10 Krochmalna Street, Reb Moishe had no difficulty in visiting us. There the entrance gate was wide. But when we moved, years later, to No. 12, the trouble began. The gate was narrow and right in the middle sat Mirele, the baker's daughter, by her side baskets heaped with bread, Sabbath loaves and rolls. Mirele was a girl of seventeen, but she had the bosom of a mature woman. Her chest filled half the entryway. Also, Mirele had the habit of keeping her money in her stocking. Whenever she was handed a paper bill, she lifted her skirt and displayed a leg as round as a *cholent* pot. Her

פון שעמען זיך האט מירעלע נישט געוואוסט. ארום זיינען אלעמאל געשטאנען ווייבער, מוידן און געטאפט די זעמל צי זיי זענען געווען פריש, צי זיי קנאקען אונטער די הענט. ס'זענען אויך געשטאנען יונגען וואס האבן געכאפט א שמועסל מיט מירעלען און מיט די דינסטן וואס זענען געקומען קויפן געבעקס.

פארבייגיין אזא דורכגאנג, פול מיט נקבות און יצר־הרע, האט ר' משה בשום־אופן נישט געוואלט. ער פלעגט צוקומען צום טויער און נעמען קלאפן מיט'ן שטעקן, א סימן די נקבות זאלן זיך אפרוקן. איין מאל איז מירעלע אריינגעפאלן אין כעס אויף ר' משה'ן און געטאן א געשריי:

— דו אלטער צלאפ, וואס ציטערסטו אזוי? יאך דארף דאך אויך וועלן!...

אבער ר' משה האט אזוי לאנג געקלאפט מיט'ן שטעקן, ביז מירעלע האט זיך אפגערוקט, די ווייבער האבן זיך אוועקגעשארט. דאמאלס האט ר' משה אנגענומען דעם ערשטן בעסטן יונג ביים ארבל און איז דורכגעגאנגען דאס טויער צוזאמען מיט אים. ווייל לויט'ן דין מעגן צוויי מאנסלייט יא פארבייגיין צווישן נקבות, מחמת איינער טוט אכטונג אויף דעם אנדרן...

נישט בלויז דאס טויער, נאר דער גאנצער הויף איז געווען פול מיט אלערליי שטרויכלונגען. שטוב־מיידלעך האבן געזונגען און ר' משה האט זיך פארשטאפט די אויערן, ווייל קול באשה ערווה. פון אפענע פענסטער האבן ארויסגעליארעמט גראמאפאנען. טיילמאל פלעגן קומען אין הויף קונצנמאכער און א האלב־נאקעטע שיקסע, אין הויזן און אין א קאפטל מיט פאטשערקעס, איז געגאנגען אויף די הענט. יעדער טריט איז געווען פול מיט עברות. אויף די טרעפ זענען געזעסן דינסטן און געריבן כריין, געשניטן ציבעלע. אלע נקבות פון דער וועלט האבן זיך פארלייגט אויף ר' משה'ן בא־בא־בא, אים אראפצופירן פון גלייכן וועג און אים צו ברענגען אין גיהנום אריין. אבער ר' משה האט געהאט איין וואפן: דעם שטעקן. ער האט צוגעמאכט די אויגן און געקלאפט מיט'ן שטעקן:

— נו!... נו־נו!...

אפילו דאס דורכגיין די קיך איז אויך געווען נישט לייכט. אמת, מיין מוטער איז געווען א פרומע יידענע, א רביצין. אבער א נקבה איז א נקבה. ר' משה האט אפילו נישט געפרעגט די מאמען צי דער טאטע איז דא. ער האט נישט געוואלט הערן איר קול. ער איז גלייך אריין אין בית־דין־שטוב. ערשט דארט האט ר' משה געעפנט די אויגן און א רוף געטאן:

— בא־בא־בא! געלויבט דער אויבערשטער!

— ברוך־הבא, ר' משה!... זעצט אייך!...

און ס'איז אוועק א שמועס וועגן גוטע יידן. וועגן איין רבי'ן האט ר' משה דערציילט, אז ער האט אויסגעבעטן ביי דער מזוזה אז ער זאל האבן א קליינעם עולם. וועגן אן אנדער רבי'ן האט ר' משה דערציילט, אז מופתים האבן זיך ביי אים געוואלגערט אונטער די בענק. וועגן א דריטן רבי'ן — אז עס פלעגן קומען צו אים מתים און דער רבי האט דעריבער קיינמאל נישט אויסגעלאשן ביינאכט די ליכט. טשיקאווע איז געווען די מעשה פון דעם רבי'ן וואס פלעגט שלאפן א גאנצע וואך אין די הויזן. פארוואס אין די הויזן? ווייל יעדע מינוט קאן אנקומען משיח, און אז משיח וועט אנקומען, האט דער רבי נישט געוואלט ערשט נעמען זיך פארען מיט די הויזן. אזוי, וועט ער קאנען אים גלייך אקעגנלויפן... נו, און וואס איז שבת? איז דער ענטפער: שבת וועט משיח נישט קומען. שבת איז אזוי הייליק, אז אפילו די גאולה איז קעגן דעם א וואכעדיקע זאך... די אלע זאכן האט ר' משה דערציילט אויסטערליש בקיצור. ער האט דערביי געברומט, געמאכט מיט די הענט, זיך אנגעכאפט ביי דער בארד, און גערופן: בא־בא־בא. מיין פאטער איז יעדעס מאל פונסניי געווארן נתפעל פון די מעשיות וועגן די צדיקים. די מאמע האט אריינגעטראגן טיי. ר' משה האט גלייך אפגעקערט דעם קאפ און צוגעשלאסן די אויגן. דער געדאנק אז מיין מוטער קאן דערוועקן ביי עמיצן דעם יצר־הרע האט מיר אויסגעזען זייער ווילד. זי איז געווען אין מיינע אויגן אן אלטע יידענע פון עטלעכע און דרייסיק יאר...

— ר' משה, ווי האט אויסגעזען ר' כאזקעלע? — האט דער טאטע געפרעגט.

ר' משה האט זיך גענומען גוטמוטיק בייזערן.

— ווי ר'האט אויסגעזען? א מלאך אלוקים! מ'האט אים דען געקאנט קוקן אין פנים אריין? די אויגן זענען געווארן פארבלענדט.

stocking was held up by a pink garter. Mirele had no false modesty. And there was always a group of women and girls standing around her, feeling the rolls to see whether they were fresh and their crusts crisp. Some young fellows were also usually there, gossiping with Mirele and the servant girls who came to buy her wares.

To pass through such a gate, filled with women and the lure of the Tempter, was something Reb Moishe could not do. He would approach and begin to pound with his walking stick—a signal for the women to clear his path. Once Mirele angrily shouted at Reb Moishe: "You pious old oaf, what are you so afraid of? What makes you think that I want *you?*"

But Reb Moishe would continue pounding with his stick until Mirele and the women stepped aside out of his way. Then Reb Moishe would grab the nearest boy and pass through the gate holding on to him. For, according to the Law, two men together may walk through a group of women, since one can guard the other.

Not only the gateway, the entire courtyard was filled with obstacles. Servant girls sang, and Reb Moishe stopped his ears, for *the voice of woman leads to lewdness.* The sound of gramophones came through open windows, and sometimes a troupe of magicians and acrobats gave a performance in the courtyard; a half-naked girl, wearing short breeches and a beaded jacket, walked on her hands. Every step of the way was fraught with danger. Servants sat on the stairs, grating horseradish and slicing onions. All the world's females seemed to be waylaying Reb Moishe Ba-ba-ba, trying to deflect him from the narrow path of righteousness and lead him to Gehenna. But Reb Moishe carried his weapon—his walking stick. He closed his eyes and pounded the stone flags with his stick.

"Nu! . . . nu! . . . nu! . . ."

Even passing through our kitchen was not easy. My mother was indeed a pious woman, a Rebbetzin. But a female is still a female. Reb Moishe would not even ask her whether my father was at home: he did not wish to hear her voice. He went straight into the study. Only there did he open his eyes and call out: "Ba-ba-ba! Praised be the Almighty!"

"Welcome, Reb Moishe! . . . Sit down. . . ."

And they would begin to talk about "good Jews"—that is, Hasidic miracle Rabbis. Reb Moishe told of one such Rabbi who prayed that he might have only a small group of followers. He told of another who performed so many miracles that they sprawled under the tables and benches of his court. Of a third he related that even the dead came to see him, and that he therefore never extinguished the light in his chamber. I was fascinated most by the story of the Rabbi who, six nights a week, slept fully dressed. Why? Because the Messiah might come at any moment, and the Rabbi did not want to waste time dressing. This way he would be able to run to greet him at once. Then, why didn't he do the same on Sabbath nights? The Messiah will not come on the Sabbath, for the holiness of the Sabbath is so great that even the redemption is, by comparison, a profane thing. . . . All these stories Reb Moishe told with extraordinary brevity. At the same time he would mutter to himself, gesticulate with his hands, pluck at his beard, and call out from time to time: "Ba-ba-ba." My father each time was astonished over again by his tales of the saints.

Mother would enter to serve tea. At once Reb Moishe turned his head and closed his eyes. The notion that my mother might arouse the evil inclination in anyone seemed very farfetched to me. I saw her as an elderly woman, well in her thirties. . . .

"Reb Moishe, how did Reb Haskele look?" my father asked.

Reb Moishe good-humoredly pretended to be annoyed by the question.

"How he looked? Like an angel of God! Who could look straight at his face? One's eyes were blinded. On Friday nights he would wear a white gabardine, like the saints of ancient times. He himself recited the benediction over the Sabbath lights. That was his way."

פרייטאג צו נאכטס האט ער אנגעטאן א ווייסע זשופיצע, ווי די פארצייטיקע. ער האט אליין געבענטשט ליכט. אזוי האט ער זיך געפירט.

— נישט די רביצין?

— די רביצין אויך.

— פון אזא זאך הער איך ס'ערשטע מאל! — האט דער טאטע געזאגט.

— וואס ווייסט עין יונגעליט? — האט ר' משה זיך גענומען בייזערן אויפ'ן טאטען — עין זענט דאך קינדער... דרדקי־קינדער. עיז האט שוין אלין פארשפעטיקט. ס'איז דען איצט א דור? ייגגלעד, ייגגלעד... ס'זענען דען היינט דא חסידים? מ'זעצט זיך אויף אויף דער באן און מ'פארט צום רבי'ן. אויך מיר א קונץ! אין מיינע צייטן איז מען געגאנגען צופוס. אז מ'האט געוואלט קומען אויף ראש־השנה קא' קוזמיר, איז מען ארויס מוצאי שבת נחמו... מ'איז געגאנגען פון הארבעריק צו הארבעריק און אומעטום האט מען געטרונקען לחיים. דאס גיין אליין איז געווען אן עניין. מ'איז געגאנגען איבער די פעלדער און געזונגען קוזמירער ניגונים. אמאל איז אויסגעקומען צו נעכטיקן אין וואלד. אין איין קרעטשמע איז געשטאנען אין פאדער־הייזל א פעסל אקאוויט און ס'האט געשטעקט א שטרוי. ווער ס'איז אריינגעקומען האט געטאן א זופ. דערנעבן איז געלעגן א זייטל געטריקענט קעלבערנס און מ'האט פארביסן. חסידים האבן זיך געטראפן פון אלע שטעט און ס'איז אוועק א שמועס אויף גאנצע טעג. יענע יארן, אז עלטערע חסידים האבן גערעדט, האבן יונגעלייט זיך נישט אריינגעמישט. היינט יעדער סמארקל רופט זיך אן... אמאל, אז א יונגערמאן איז געווען א שייגעץ, האט מען אים אריבערגעלייגט אויפ'ן בענקל און אים געמאכט א משכנתא (אפגעשמיסן). ער'ט געמוזט שטעלן בראנפן... אז מ'איז געקומען א פאר מייל פון קוזמיר, האט מען שוין געשפירט די קדושה. מ'האט אנגעהויבן טאנצן און אזוי האט מען אריינגעטאנצט קיין קוזמיר...

— ס'איז געווען גרינג צו געבן שלום?

— גרינג? וואס דארף עפעס זיין גרינג? טיילמאל איז דער רבי באלד ארויסגעקומען און טיילמאל האט ער זיך אפגעשלאסן און מ'האט געקענט אפווארטן טעג. אין די סטאנציעס זענען געווען געבעט די געלעגערס און דא איז מען געלעגן אויף די הארטע בענק, אפשר וועט דער רבי ארויסקומען. אבער אז דער רבי איז ארויסגעקומען, איז געווארן ליכטיק אין בית־מדרש, ממש ליכטיק...

אין מיטען ר' משה'ס רייד האט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אריינגעקומען א מויד אין א רויט קלײדל און אין א פאר רויטע שטעקלאטשן אויף די בארוועסע פיס.

— יאך וויל פרעגן א שאלה!

— נו, פרעג! — האט דער טאטע געענטפערט.

— ס'האט זיך געקאכט א יויך, איז אונטערגעלאפן מילך.

— ווי גרויס איז געווען די יויך? וויפיל פלייש האט זיך דארט געקאכט?

— צען פונט פלייש און צוויי הינער.

— אלץ אין איין טאפ?

— יא.

— און וויפיל מילך איז אונטערגעלאפן?

— א האלבע קווארט.

— א האלבע קווארט מילך איז אונטערגעלאפן? וויפיל מילך האט זיך געוואלעו?

— זעקס קווארט.

דער טאטע האט זיך יעדעס מאל פונסניי געוואונדערט אויף די גרויסע טעפ וואס מ'האט געקאכט אין ווארשע. ביי אונז אין שטוב האט מען געקאכט א פונט פלייש, און אויב מ'האט געוואלען מילך, האט מען געוואלען א קווארטירל אדער א האלבע קווארט. אבער די ווארשעווער זענען, אפנים, אריינגעטאן אין דעם עסן. מען קאכט נישט קיין טעפ, נאר גאנצע קעסלען. דער טאטע האט גענומען נאכאמאל און ווידער אמאל אויספרעגן די מויד. ער האט זיך נישט צוגעגלויבט אז א האלבע קווארט מילך זאל אויסלויפן מיט איין מאל. לויט'ן דין דארף זיין ששים — זעכציק מאל אזוי פיל פלייש ווי מילך — ס'זאל זיין כשר. דער טאטע האט געפארשט נאכאמאל און נאכאמאל. ס'איז נישט קיין לייכטע זאך טריף צו מאכן יידיש געלט. נאך לאנגע טראכטענישן און קווענקלענישן, האט דער טאטע א זאג געטאן:

—ס'איז טריף. מ'טאר די יויך נישט עסן און אפילו נישט פארקויפן צו קיין גוי. מ'מוז זי אויסגיסן אין אפטרים.

די מויד האט ארויסגעלאזט א לאך.

— מ'האט שוין די יויך מיט'ן פלייש אויפגעגעסן.

דער טאטע האט געטאן א ציטער.

— ווען? וואס זשע ביזטו געקומען פרעגן?

—אויפ'ן טאפ.

— פארוואס האט עץ עפעס געגעסן איידער מ'האט געפרעגט א שאלה? איר'ט זיך אנגעגעסן מיט טרפות! — האט דער טאטע אויפגעהויבן דאס קול.

— נו, אלע זענען געווען הונגעריק... די מאמעשי איז ניש' געווען אין שטוב... מיין עלטערע שוועסטער האט אויפגעגעבן ס'עסן...

די גאנצע צייט וואס די מויד האט גערעדט, האט ר' משה געשיפעט ווי א שלאנג. ווען דאס איז נישט קיין מויד, נאר א מאנסביל, וואלט ער יענעם דערלאנגט פעטש. פריער פרעסן זיי זיך אן מיט טרפות, די דראבעס, און דערנאך קומען זיי פרעגן שאלות... איי וויי, ס'איז הפקר א וועלט!... ר' משה האט גענומען מרוקען, שפייען, זיך פארקרימען. מען

"Not the Rebbetzin?"

"The Rebbetzin too."

"It is the first time I have ever heard of that!" my father exclaimed.

"What do you youngsters know?" Reb Moishe showed his irritation with my father. "You are children . . . mere schoolchildren. You missed it all. Is this what you call a generation? Boys, only boys. . . . Are there today any true Hasidim? You sit in a train and ride to the Rabbi. What art is there in that? In my days we went on foot. If you wanted to reach Kuzmir for Rosh Hashanah, you left home right after the Sabbath following Tishah b'ab. You went from inn to inn, and drank a toast in each. The journey there was a great event in itself. We walked through the fields and sang Kuzmirer melodies. Sometimes we spent a night in the woods. In one tavern they used to keep a keg of brandy in the main room. There was a straw stuck in the keg, and whoever came in took a sip. To the side, there was some cold veal, and everyone had a bite. Hasidim from every town and city met together and talked for days. When older Hasidim talked in those days, the young fellows did not dare to interrupt. Now every snot-nose has something to say. . . . There was a time when, if a young fellow was insolent, they held him down on a wooden bench and gave him a thrashing. And afterward he had to treat the entire company to drinks. . . . Approaching within a few miles of Kuzmir, one could already feel its sanctity in the air. We began to dance and danced our way into Kuzmir. . . ."

"Was it easy to see the Rabbi in person?"

"Easy? Why should things be easy? Sometimes the Rabbi made his appearance immediately, and sometimes he remained secluded in his chamber, and one had to wait for days. The beds in the lodging houses were made up for us, but we slept on the hard benches in the study house, just in case the Rabbi should come out of his chamber. But when the Rabbi did at last appear, the study house was filled with light, literally full with light. . . ."

While Reb Moishe spoke, the door opened and a girl in a red dress, with red slippers on her bare feet, entered.

"I came to ask the Rabbi. . . ."

"Nu, ask!" said my father.

"We were cooking a meat broth, and on the stove some milk boiled over and spilled into it."

"How much was there? How much meat were you cooking?"

"Ten pounds of meat and two chickens."

"All in one pot?"

"Yes."

"And how much milk spilled into it?"

"Half a quart."

"Half a quart of milk spilled into the broth? How much milk were you boiling?"

"Six quarts."

My father was constantly amazed by the size of the cooking pots used in Warsaw. We never cooked more than a pound of meat at a time, and if one wanted milk, one boiled a half pint or a pint. But it seemed that the Jews of Warsaw were great eaters. They used, not ordinary pots, but veritable caldrons. Again Father asked the girl for the particulars. He could hardly believe that half a quart of milk could boil over all at once. According to the Law, in order for the broth to remain kosher, there had to be sixty times as much meat as milk. He questioned her over and over. It was no light matter to pronounce food unclean that had been bought with hard-earned money. After much hesitation and thought, my father declared: "It is *tref*. The broth may not be eaten, nor may it be sold even to a non-Jew. It must be poured into the sewer."

The girl laughed. "But we've already eaten the broth and the meat too."

My father shuddered. "When? And why did you come to consult me now?"

"I came about the pot."

"But why did you eat without asking? You have eaten forbidden food!" Father shouted at her.

"Well, everybody was hungry. Mother was not home . . . my older sister was serving. . . ."

While the girl spoke, Reb Moishe hissed like a snake. Had it not been a girl, but a man, he would have slapped his face. "First they eat unclean food, these scoundrels, and afterward they come to ask questions of the Rabbi. . . . Woe is us, the world

ווידערשפּעניקט דעם באַשעפער. מ'פרעסט זיך אַז מיט כל־ערליי טומאות און אומריינקייטן. איז אַ וואונדער, אַז משיח זוימט זיך? איז אַ חידוש אַז מ'זינקט אין דער טומאת־מצרים?... די מויד איז אַוועק. ר' משה האָט גענומען שאָקלען דעם קאָפּ אין דער ברייט:

— נו־נו־נו, באַ־באַ־באַ!...

דער טאַטע האָט געוואָלט צוריק אָנקניפּן דעם שמועס וועגן קוזמיר, אָבער ר' משה האָט מער נישט געקאָנט שמועסן קיין חסידות. מילא, אַז דאָס טויער און דער הויף זענען פול מיט אויסגעלאַסנקייט, איז שוין אַן אַלטע צרה. אָבער דאָ, אין בית־דין שטוב, זאָל זיך אויך אַריינרייסן דאָס הפקרות? איז דאָך שוין נישטאָ וואו צו אַנטלויפן! ר' משה האָט געטאָן אַ טופּע מיט אַ לאַטש.

— מיר איז גוט! כ'בין שוין אַן אַלטער ייד! — האָט ער גע'טענה'ט

— אָבער אויף אייך, יונגעלייט, איז מיר אַ גרויס רחמנות! ס'קומט, חלילה, אַ דור המבול!...

— ווער ווייסט? אפשר גייט צו כולו חייב? — האָט דער טאַטע האַלב געפרעגט, האַלב געזאָגט.

— רשעות מוז דאָך אויך האָבן אַ שיעור!...

ר' משה באַ־באַ־באַ האָט מיט אַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויף מיר.

— קום, וועסט מיך פאַרבייפירן ס'טויער!

איך בין אַרויס מיט ר' משה'ן אין הויף און מיט אים צוגעקומען צום טויער. מירעלע האָט גראָד געדאַרפט אַ רעש'ט געבן פון אַ באַנקנאָט און זי האָט גענישטערט צווישן פּאַפּירן־געלט אין זאָק. איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט געזען אַזאַ דיקן פוס. וואָס העכער, אַלץ ברייטער איז ער געוואָרן. אומגלויבלעך פעט און דיק...

ר' משה האָט גענומען קלאַפּן מיט'ן שטעקן און זיך אָנגעכאַפּט אין מיין אַקסל. מירעלע האָט אים אַרויסגעשטעקט אַ צונג.

— ער קלאַפּט שוין מיט'ן שטעקן, דער פריימייער!... אַזאַ אַלטער תרח!... יאָך לויף שוין מיט עים זינדיגן!

—נו־נו, חצופה!...

מירעלע האָט זיך אָפּגערוקט. ר' משה איז פאַרביי. ער האָט זיך שווער אויף מיר אָנגעלענט און איך האָב מיך דערמאָנט אַן די קרבנות וואָס דער כהן האָט אויף זיי אָנגעלענט די הענט. אינדרויסן האָט ר' משה אַרויסגענומען די קעשענע־פאַטשיילע און די פּושקע טאַבאַק צו דערקוויקן דאָס צערודערטע געמיט.

— דו לערענסט, הא?

— יאָ, כ'לערן.

— וועסט זיין אַ ייד, הע?...

— אוודאי.

— זיי אַ ייד. אין דיינע צייטן וועט קומען משיח?...

has been abandoned! . . ." Reb Moishe began to grumble, to cough, to grimace. "They rebel against their Creator. They devour all manner of vileness and defilement. Is it any wonder that the coming of the Messiah is delayed? Is it surprising that we are sinking into the iniquities of the Egyptians? . . ."

The girl left. Reb Moishe shook his head from side to side. "Nu-nu-nu, ba-ba-ba!"

Father tried to resume the talk about Kuzmir, but Reb Moishe would no longer discuss Hasidic lore. That the gateway and the courtyard were filled with levity—that was an old story. But lawlessness could enter even here, into the Rabbi's own study. Then there was no escape! Reb Moishe stamped his foot.

"I am fortunate. I am already an old man," he declared. "But I pity you young men. I pity you. There may be—God have mercy—another deluge. . . ."

"Who can tell? Perhaps this is the beginning of the end?" my father half asked, half answered himself.

"Even wickedness must have a limit."

Suddenly Reb Moishe looked at me.

"Come, you will take me through the gate!"

I went down to the courtyard with Reb Moishe and we approached the gate together. Mirele was about to give a customer change and was searching through the paper money in her stocking. Never again have I seen such a heavy leg. The higher up, the heavier. Unbelievably fat and thick. . . .

Reb Moishe began to pound with his stick, and grabbed my shoulder. Mirele stuck out her tongue.

"Here he is, banging away again, the Freemason! Such an old billy goat . . . as though I were likely to sin with him!"

"Nu-nu-nu, you hussy!"

Mirele moved aside. Reb Moishe passed by. He leaned heavily upon me, and I thought of the sacrificial animals in the Temple upon whom the Priest laid his hands. Once outside, Reb Moishe took out his kerchief and his snuffbox in order to refresh his disturbed spirit.

"And you—are you studying, ha?"

"Yes, I'm studying."

"You will grow up to be a Jew?"

"Of course."

"Be a real Jew. Perhaps in your day the Messiah will come."

# 20

## אַ חתונה

**ד**י קראָכמאַלנע גאַס איז געווען אָנגעפּאַקט מיט שאַנד־הייזלעך. ס'זאָגט זיך בלויז הייזלעך. די גאַסן־פרויען האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין קעלערן. די פענסטערלעך זענען אָפט אַרויס אונטער די טרעפּ פון אַריינגאַנג. די מאַנסלייט וואָס זענען געגאַנגען אַהין זענען געקראָכן דורך פינסטערע קאָרידאָרן, ענלעך צו הייל̈ן. אויפ'ן פּלאַץ, צוזאַמען מיט די גנבים, זענען געשטאַנען די אַלפאָנסן. איך האָב שוין אין יענע יאָרן געוואוסט, אַז ס'זענען פאַראַן זונות, און אַז מען טאָר אויף זיי נישט קוקן, ווייל פון דעם בלויזן אָנקוקן זיי ווערט מען טמא. אָבער גענוי וואָס זיי זענען און וואָס זיי טוען, האָב איך מיר נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון.

איך האָב זיי אָפט געזען שטיין ביים טויער, אָדער אויפ'ן פּלאַץ, די באַקן אָנגעריבן מיט רויטער פאַרב, די אויגן אונטערגעשוואַרצט, אין געבלימעלטע שאַלעכלעך און אין רויטע אָדער בלויע שיך. טיילמאָל האָט איינע פון זיי געראויכערט אַ פּאַפּיראָס. ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען, האָבן זיי מיר נאָכגערופן צונעמען:

— העי, דו, צלאָפּ! העי, דו, גנבה'שער חסיד! יאַלד!

און אַמאָל האָט איינע פון זיי מיר דערלאַנגט אַ שטיקל שאָקאָלאַד. איך האָב אָנגעהויבן לויפן און עס אַריינגעוואָרפן אין רינשטאָק. איך האָב געוואוסט, אַז וואָס זיי רירן־אָן, איז טמא. טיילמאָל פלעגן זיי אַריינקומען צו אונז פרעגן שאלות. די מאַמע איז געוואָרן מבוייש ווען זיי האָבן געעפנט די טיר און זי האָט פאַרלוירן דאָס לשון. אָבער מיין פאָטער האָט נישט געוואוסט דעם חילוק. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון יעדער פרוי. אַלע שאלות פון די גאַסן־פרויען האָבן זיך געדרייט אַרום יאָר־צייט. דאָס איז געווען די איינציקע „מצווה" וואָס זיי האָבן געהאַלטן. זיי האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט אויסרעכענען דעם טאָג ווען אָנצוצינדן דאָס „לאַכט" (ליכט).

איינמאָל קומט אַריין צו אונז אַ בחור וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ בעל־מלאכה. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קליין יידיש היטעלע, אָבער אין אַ קורץ רעקל און אין שיך מיט קנעפּלעך. ער איז געווען אַן אַ קראַגן, בלויז אין אַ פּאַפּירענער פאַרלאַגע און ס'האָט פון איר אַרויסגעשטעקט אַ בלעכענע ספּינקע. דער בחור איז געווען נישט־ראַזירט. די באַקן זענען געווען איינגעפאַלן. די קרומליכע נאָז — בלאַס, ווי נאָך אַ שלאָפקייט. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע אויגן און ס'האָט אַרויסגעקוקט פון זיי אַ מילדקייט אַזאַ וואָס האָט מיך דערמאָנט אין תענית און לוויה. אַזוי האָבן טיילמאָל אויסגעקוקט אבלים וואָס זענען געקומען פרעגן שאלות וועגן שבעה און שלושים.

די מאַמע איז גראָד געווען אין בית־דין־שטוב און איך בין געזעסן ביי אַ גמרא און זיך געמאַכט לערנענדיק.

— וואָס זאָגסטו גוטס? — פרעגט דער טאַטע.

דער בחור נעמט מורמלען און ווערט רויט און בלאַס.

—רבי, מעג מען חתונה האָבן מיט אַ פּראָסטיטוטקע?

די מאַמע איז געבליבן אַ געפּלעפטע. דער טאַטע האָט יענעם עפּעס איבערגעפרעגט און געוואָרפן אויף מיר אַ שטרענגען בליק.

— גיי אַרויס!

איך בין אַרויס אין קיך און דער בחור איז לאַנג געבליבן אין בית־דין־שטוב. נאָך אַ ווייל איז די מאַמע אַריינגעקומען אין קיך און אַ זאָג געטאָן:

— כל־ערליי משוגעים זענען דאָ אויף דער וועלט.

דער טאַטע האָט גע'פּסק'ענט אַז מען מעג. נישט בלויז מעג מען, נאָר ס'איז אַ מצווה אַרויסצוראַטעווען אַ יידישע טאָכטער פון זינד. מער האָט דער בחור נישט באַדאַרפט. ער האָט גלייך באַשטעלט ביים טאַטען אַ חתונה. ער איז אַוועק אַ האָפערדיקער און געטאָן אַ היימישן קלאַפּ מיט דער טיר. דער טאַטע איז אַריינגעקומען אין קיך.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ משוגעת? — פרעגט די מאַמע.

— ר'האָט זיך, ווי הייסט עס דאָרט? פאַרליבט.

— אין אַ זונה?

— נו...

[20]

# A Wedding

Krochmalna Street had many houses of ill repute. That is, they were *houses* only in a manner of speaking. Actually, the prostitutes occupied basements whose small windows were often lower than the entrance. The men who patronized them had to climb through dark, cave-like corridors. Outside on the square that served as the thieves' hangout, the pimps also used to congregate. Even then I already knew that there were whores and that it is forbidden to look at them, for the mere sight of them is defiling. But just *what* they did I had not yet figured out.

Often I saw them standing by the gates or on the square, their cheeks smeared with rouge, their eyes underlined with black shadows, wearing flower-printed shawls and red or blue shoes. Occasionally one would be



smoking a cigarette. When I passed by, they would call after me: "Hey there, pious little ninny! Hey you, thief of a Hasid! Mooncalf!"

Once one gave me a piece of chocolate. I started to run and threw it into the gutter. I knew that whatever they had touched was impure. Yet sometimes they would come to ask my father ritual questions. Whenever one of them entered our door, Mother became embarrassed and tongue-tied. But my father knew no distinction. He averted his eyes from all females. Their "questions" inevitably concerned the observance of a *yortzeit*—the anniversary of a parent's death. This was the only religious practice they observed, but they could never calculate the proper day for lighting the memorial candle.

One day a young man who had the appearance of an artisan came to our house. He wore the traditional cap, but a modern short jacket and buttoned shoes. He wore no collar, only a paper shirt-front fastened with a tin collar-pin. He was unshaven. His cheeks were hollow, his crooked nose pale as though he had recently been ill. He had dark eyes whose mildness made me think of fast-days and funerals. Their expression was like that of mourners who came to ask questions concerning the observance of the periods of mourning.

Mother happened to be in the study and I too was sitting there over a volume of the Gemara, pretending to study.

"What good news do you bring?" asked my father.

The young man began to mumble and alternately blushed and grew pale.

"Rabbi, is one permitted to marry a prostitute?"

My mother was dumfounded. Father quietly asked



the young man some questions and threw a stern glance at me.

"Leave the room."

I went out to the kitchen and the young man remained in the study for some time. After a while Mother came into the kitchen and said, "There are all sorts of lunatics in this world."

Father's decision was that such a marriage was permissible. Indeed, it was a deed of piety to rescue a Jewish girl from a sinful life. The young man waited to hear no more. He immediately made arrangements for Father to perform the marriage. Then he rushed out, letting the door slam shut behind him.

Father came into the kitchen.

"What kind of madness is that?" my mother asked.

"He is—as they say—in love."

"With a prostitute?"

"*Nu. . . .*" And Father returned to his books.

I do not remember how much time elapsed before the wedding. The girl had to prepare herself, to go to the ritual bath. The women of the neighborhood began to busy themselves about her. The entire street knew of the affair and it was discussed at the grocer's, in the butcher shop, even in the synagogues.

The weddings in our house were usually quiet affairs, attended by a few people. Most of the time my father had to ask some people in the prayer house to make up the mandatory quorum of ten men. But this time our house took on the appearance of the "Viennese Ballroom." Every minute the door opened and another thief or pimp entered. Most of the guests were prostitutes, adorned in silk and velvet and wearing hats bedecked with ostrich feathers. That a respectable young man had



fallen in love with a whore was a victory for the underworld, especially for its women. It was an omen that there was hope even for them, the outcasts. The madams wore the matrons' wigs and shawls that they reserved for the synagogue on the High Holy Days. The streetwalkers wore high-necked dresses with long sleeves. All kissed the mezuzah as they entered, and greeted my mother with a "Good day" or "God help." Mother stood by, pale and distraught. Some of the respectable women of the neighborhood had come in and surrounded her like a bodyguard, so that none of the impurity should touch her. But on my father's face I could discern no change of expression. It was as though the tumult did not in any way concern him. He stood at his lectern, poring over a volume and writing notes on a scrap of paper. Everyone else awaited the bride and groom.

I stepped out on the balcony and saw a crowd standing on the sidewalks and the courtyard gate. Some of the madams and whores had also come out on the balcony. Suddenly there was a commotion. The couple emerged from one of the courtyards. The groom wore a new overcoat and patent-leather shoes. The bride was frail and dark. She looked like a quiet, respectable girl.

The women on the balcony quickly pulled out their handkerchiefs and wiped their eyes.

"Just see how pale she is."

"Is she fasting?"

"Isn't she lovely?"

"May my good fortune shine like her face!"

"May we meet again at your wedding."

"Go on now, go on . . ."

"One must never lose hope."

In our study one of the pimps—a giant of a man with one blind eye and a crooked scar across his forehead—

began to put things in order. A bewigged madam scolded the women, telling them to stay near the walls. One girl with a pimply face laughed and cried at the same time. This was not simply a wedding but a performance like those in Kaminsky's Theater. We usually managed without a sexton, but the pimps had brought one of their own, a tiny manikin who belonged to their crowd.

The bride entered the room and the women pounced upon her. They kissed and embraced her, danced with her, refused to let her go. A stream of blessings was poured upon her. She answered each one with the same phrase: "May God grant you the same good fortune."

This wish called for a stifled sob from each of the women. My father sat down to write out the marriage contract. This, however, presented an awkward problem. Father conferred in a whisper with the sexton. He referred to one of his rabbinic tomes. It was senseless to write that the bride was a virgin, but then neither was she a widow or a divorcee. What the solution was, and whether the bride's portion was put down as two hundred *zuzim* (the traditional portion of a virgin) or less—this I do not remember. Four men took hold of the poles of the wedding canopy. Both bride and groom were orphans, and so their escorts to the canopy were "uncles" and "aunts." All was done in accordance with the prescriptions of the law. The groom was wrapped in the traditional white linen robe. The bride's face was covered with a kerchief. My father pronounced the blessings and let the bride and groom take a sip of wine. When the bride put forth her index finger and the groom placed the ring on it, pronouncing the verse, "Behold, thou art sanctified unto me . . . ," all the women began to sob. Already then, as a youngster, I marveled



at how quickly women can alternate between tears and laughter. After the ceremony there was a general exchange of kisses and good wishes. The table was laden with wines, cognac, liqueurs, and other beverages. There were giant loaves of sponge cake. The "ladies" gingerly took pieces of the cake between their thumbs and index fingers, delicately curling their little fingers, bit off small, dainty bites and sipped their drinks slowly. This was their day. Today they were not outcasts skulking in dark cellars but honored relations invited to a celebration. The men drank whiskey in tea glasses and soon began to stammer and fumble in their speech.

One of them ran over to my father and exclaimed, "Rabbi, you are a wonderful Jew!"

"It suffices that one be simply a decent Jew," my father replied.

"Rabbi, I'd give my life for you!"

"God forbid. . . . One must not say such things."

"Rabbi, I'm not worth the mud on the soles of your boots."

Father gazed longingly at his books. If only these people would leave so that he could return to his studies. But they did not hurry. They drank more and more. One of the "uncles" urged my father to take a drink.

Father refused. "I am not allowed to drink. I suffer—may no such evil befall you—from a catarrh of the stomach."

"But, Rabbi, this whiskey is only forty proof."

"I am not allowed. The doctor has forbidden it."

"Ha, what do doctors know? Fiddlesticks!"

After much urging, my father tasted a drop. The women tried to pull Mother into their circle dance, but she quickly left the room. She did not wish to associate



with the riffraff. I was given wine, whiskey, and enough cake and cookies to stuff all my pockets.

After a while the room began to empty. I went out on the balcony and saw how the bride and groom were led back to the same courtyard from which they had come.

Only when the last guest had left the room did my mother return. It was cold outside, but she opened every window to let in fresh air. She threw out whatever remained of the cakes and drinks. For several days thereafter she walked about in a daze. Again and again I heard her say:

"That I may live to see the day we get away from this accursed street . . ."

For a long time thereafter I heard people talking about the newlyweds. Marvelous things were told of them. The one-time prostitute was conducting herself like a proper young matron. Regularly every month she went to the ritual bath. She bought kosher meat in the butcher shop. Every Sabbath and holiday she attended services in the women's section of the synagogue. Later I heard that she was pregnant. Then—that she had had a child. The women all swore that she never so much as looked at a strange man. From time to time I saw the husband. He had lost the glow of the wedding day. Again he wore a paper shirt-front without a collar.

Once in a shop where I had been sent to buy something for my mother, I heard a young woman ask: "But how can he live with her, knowing the kind of life she led?"

"It is never too late for repentance," answered an older woman wearing a matron's bonnet.

"But still, one cannot help feeling disgust . . ."



"He's probably in love with her," another young matron chimed in.

"What's there to love? She's as thin as a rail."

"Every man to his taste."

"May God not punish me for this kind of talk," said the shopkeeper. "Tongue, be still!" And she smote her lips with two fingers.

From that time on I looked with greater interest at the girls who stood near the gates and the street lamps. Some looked coarse, heavy, common. An insolent arrogance shone out of their made-up eyes. Others looked quiet, sad, and shriveled. There was one who spoke with a Lithuanian accent, a constant source of amusement for me. She would enter Esther's sweets shop and say: "What thmells so good here today? Give me a thmall piethe of cheesecake—I jutht have a craving for it . . ."

Sometimes I heard the servant girls in our courtyard talking about how procurers drove about by night in caleches and picked up innocent young women—orphans or girls from the villages. They were forced into a life of sin, and then they were put aboard ship and taken to Buenos Aires. There for a while they lived with unclean men, and then a dangerous worm would get into their blood and their flesh would begin to decay . . .

These tales were fascinating and horrible at the same time. Strange things were happening in the world. There were secrets, not only in heaven above but also here on earth. I was consumed by the desire to grow up quickly and to learn all the secrets of heaven and earth from which young boys were barred . . .

# טרייטל

ס'איז געווען אין אַ זומערדיקן אוונט. דער טאטע האט זיך געהאט אומגעקערט פון מנחה־ומעריב. ער איז געזעסן ביים טיש און געגעסן אַ זומערדיק נאכטמאל: רייז מיט מילך. די פענצטער זענען געווען אפן. פון באלקאן האט אריינגעבלאזן אַ לייכט ווינטל געמישט מיט רויך פון קוימען. די בעקערייען האבן שוין באצייטנס געהייצט די אויוונס אויף דעם מארגנדיקן געבעקס. עמיץ האט אנגעקלאפט אין דער קיך. די מאמע האט זיך גראד אויך געפונען אין בית־דין־שטוב (זומער איז דאס פירונג אביסל לייכטער ווי אין ווינטער), — מיט אמאל האט מען דערהערט אַ קלאפן אין דער קיך־טיר. די מאמע האט מיך געשיקט עפענען. ס'איז אריין אַ הויכער ייד, מיט אַ ווייס בערדל, מיט אַ יונג פנים און מיט אַ פאר משוג'ענע אויגן. אנגעטאן איז ער געווען אין אַ לאנגן כאלאט און אין אַ פוטערן היטל. איך האב מיך דערשראקן.

— וואס ווילט איר?

— דו ביזט יצחק צבי, הא? האסט דעם אנבליק פון דיין באבע טעמערל. דו הייסט נאך דיין עלטער־זיידן, ר' איטשע הערש. אוואַ־וואַ! ס'גאנצע אנבליק! אַ טייערער ייד געווען, אַ צדיק! וויי, ווי די יארן לויפן!

דער ייד איז גלייך אריין אין בית־דין־שטוב. ער האט אַ זאג געטאן צום טאטן:

— פנחס מענדל, דערקאנסט מיך נישט, הא? איך בין טרייטל.

דער טאטע האט געטאן אַ פאטש מיט די הענט:

— טרייטל! וועמען כ'זע! שלום עליכם!

— יאָ, איך בין טרייטל. געווארן אַ זקן, הא? כ'האב נישט געוואוסט אז ביזט אין ווארשע.

איך בין נישט געוואוינט געווען עמיץ זאל רופן מיין פאטער ביים נאמען און אים זאגן דו. אויף דעם חתימה האט מיין פאטער געהייסן פנחס מנחם, נישט פנחס מענדל. אבער דער דאזיקער ייד מיט די שווערע שטיוול, דעם לאנגן כאלאט און דעם ווינטערדיקן היטל אין סאמע תמוז, האט גערעדט צום טאטן ווי ער וואלט געווען עפעס אַ בחור'ל. די מאמע איז גלייך אוועק אין קיך.

— קומסט פון טאמאשאוו? — האט דער טאטע אים גע'דו'צט.

— כ'בין שוין נישט געווען אין טאמאשאוו יארן.

— וואו ביזטו געווען?

— וואו בין איך נישט געווען? אין גאנץ פוילן. אפילו שוין אנגעשפארט אין דער ליטע. כ'פאר ארום.

— וואס עפעס פארסטו ארום?

— וואס הייסט וואס? כ'דארף חתונה מאכן טעכטער. כ'האב געהאט זיבן קינדער, זענען צוויי אוועקגעקומען. משה האט חתונה געהאט פון איזשביצע. חוה — זי הייסט נאך דער באבע חוה — איז געווארן אַ יאנעווער שנור. די איבעריקע דריי, שרה מינדל,ביילע ברכה און איטעלע זיצן. ווי קאן איך זיי חתונה מאכן, אז כ'האב נישט קא נדן? די מוסרים האבן מיך געשטעלט בדיל הדל. פאר אַ אנזעצער האבן זיי מיך געמאכט, ימח שמם וזכרם. שרה מינדל איז שוין נעבעך אַ בת ארבעים. פארזעסן ביזן גרויען צאפ. אבער נישקשה, כ'זאמל פאר זיי אַ נדן. כ'על נישט אוועק פון דער וועלט ביז כ'וועל זיי נישט פירן אונטער דער חופה.

דער טאטע האט זיך פארטראכט. ער האט עפעס גערעכנט און איך האב דערזען אַ קנייטש אדער אַ שאטן אין זיין שטערן. איך האב באנומען מיט אַ פארבארגענעם חוש, אז ער רעכנט שרה מינדל'ס יארן, און אז זי איז לויט זיין חשבון אַ סך עלטער פון פערציק. דער טאטע האט גענומען ציען די האר פון דער בארד.

— ניי וואש דיך. וועסט עסן וועטשערע.

— כ'האב שוין געגעסן. כ'עס איין מאל אין מעת־לעת, פיר אזייגער. שוין כמה יארן.

— אזוי? וואו שטייסטו איין?

— כ'על נעכטיקן ביי דיר.

— נו, מהיכי תיתי. וועסט אפשר טרינקען אַ גלאז טיי? אפשר אביסל רייז מיט מילך? ס'איז אַ גרינג עסן.

— כ'טרינק נישט קא' טיי. כ'עס ניש' קא' מילכיקס. נאך פיר אזייגער בין איך גארניש' טועם. וואס האסטו דיך עפעס אריינגעצויגן קא' ווארשע? איך, פארשטייסטו, בין געווארן אַ מדינה־ייד. אַ ברירה האב איך געהאט, הא? פריער האבן זיי מיך גע'מסר'ט, דערנאך האבן זיי אנגעשטעלט די פיאסקער גנבים מ'זאל מיך בא'גנב'ענען. מ'האט ביי מיר אלץ ארויסגענומען און מיך געלאזט מיט די ליידיקע פאליצעס. כ'האב געוואלט ווערן אַ שוחט, האבן די שוחטים אנגעהויבן אַ העצע באשר ס'ציטערן מיר די הענט. זיי זענען מיר אלע דם שונאים. זיי וואלטן מיך דערטרונקען אין אַ לעפל ווארעם וואסער. באשר איך קאן לערנען און זיי זענען עם־הארצים. כ'האב געזען ס'איז ביטער, האב איך אויסגעטאן ס'שעם־היטל און מיך ארויסגעלאזט אויף דער וועלט. הכנסת־כלה איז ניש' קא' קלייניקייט. מ'האט זיי גע'שדכנ'ט מיט עם־הארצים, אבער כ'האב נישט געוואלט הערן. געדענקסט דאך די גמרא: ימכור אדם קורות ביתו ואל ישיא בתו לעם־הארץ (אַ מענטש זאל בעסער פארקויפן די באלקנס פון זיין הויז איידער חתונה צו מאכן די טאכטער מיט אַן עם־הארץ).

# TRAITL

It was a summer evening. Father had returned from the evening prayers. He was sitting at the table and eating his customary summer supper: rice boiled in milk. The windows were open. A light breeze blew in from the balcony, bringing with it a hint of smoke. The bakers were already heating their ovens for tomorrow's baking. Suddenly, someone knocked at the kitchen door. My mother, who was also in the study (in the summertime, the ways of our household were somewhat more relaxed than in the winter), sent me to open the door. A tall man with a white beard and wild eyes entered. He wore a heavy overcoat and a fur hat. I was frightened.

"What do you want?"

"So you're Yitshak, eh? You look just like your grandmother Temerl. You're named after your great-grandfather, Rabbi Itche Hersh. Aha! Exactly the same face! He was a wonderful Jew, a saint. Oh, how quickly the years pass!"

And without more ado, he entered the study. There he greeted my father.

"Pinhos-Mendel, don't you recognize me? I'm Traitl."

Father clapped his hands. "Traitl! I can hardly believe my eyes! *Shalom aleichem.*"

"Yes, I'm Traitl. I've become an old man, eh? I didn't even know that you're living in Warsaw now."

I had never heard my father called by his first name or spoken to in such an informal manner. But this stranger with the heavy boots, long coat, and wintry hat in the middle of summer, addressed my father as though he were a mere youngster. Mother had disappeared into the kitchen.

"Have you just come from Tomaszow?" Father's tone, too, was friendly and informal.

"No, I haven't been in Tomaszow for years."

"Then where have you been all this time?"

"Where haven't I been? Through the length and breadth of Poland. I even got as far north as Lithuania. I travel around."

"Why are you traveling?"

"What do you mean, why? I have to marry off my daughters. I had seven children, but two died. Moishe married a girl from Izhbitze. Chave—she is named after our grandmother Chave—married into a Yonever family. The other three—Sarah Mindl, Baile Broche, and Itele—are still at home. How can I marry them properly without a dowry? The cursed informers made me a beggar. They—may their name and memory be wiped out—accused me of being an embezzler. Sarah Mindl, poor soul, is almost forty already. An old maid. But I'm collecting a dowry for each of them. I won't leave this world until I've led them all to the wedding canopy."

Father grew thoughtful. He was pondering something, and I could see a deep frown on his forehead. Somehow, I guessed that he was mentally calculating Sarah Mindl's age, and that by his reckoning she was well past forty. He began to tuck at his beard.

"Go and wash. You'll eat dinner here."

"I've eaten already. I eat only once a day, at four o'clock. For years now."

"I see. But where are you staying?"

"I'll spend the night with you."

"Nu, that will be our pleasure. Perhaps you'll take a glass of tea? A little rice and milk? That's only a snack."

"I don't drink tea. I eat no dairy foods. After four o'clock, I never take another bite. But how is it that you moved to Warsaw? I, you see, have become a wandering beggar. Do you think I had any choice? First they informed against me to the authorities; then they got the Piosker thieves to rob my store. They took everything and left me with the empty shelves. I thought I would take a job as a ritual slaughterer, but the other slaughterers spread the rumor that my hands are shaky. They are all my enemies—they'd like to drown me in a thimbleful of water. It's because I have some learning, and they are all ignoramuses. I soon saw that things were in a bad way, so I swallowed my pride and set forth. A dowry for a bride is an important matter. The matchmakers wanted to arrange marriages with ignorant louts, but I wouldn't hear of it. Surely you remember the verse in the Talmud: 'One is obligated to sell one's house rather than marry his daughter to an ignorant man.'"

ווידער איז דא א קצב, גיט ער אלץ אוועק. אדער אפשר איז עס וולאדאווע? דער זכרון איז מיר אביסל צעמישט. איין נגיד איז דא, איז ער אזא קמצן, אז ס'ווייב באקט ברויט אויף דריי וואכן פאראויס, ווייל פריש ברויט עסט מען גיכער. ער גיט נייש' קא' גראשן צדקה. אויפן וועג זעט מען זיך אן מיט אלערליי מענטשן. אבער נישקשה, מ'לאזט נישט פאלן. אז כ'על האבן גדן פאר אלע דריי, וועל איך זיי חתונה מאכן און אויפהערן ארומצופארן. וואס דארף איך? איין מענטש אליין. כ'קאן אויסקומען מיט ברויט מיט בארשט. כ'קאן אננעמען א מלמדות, אדער אפילו קריגן ערגעץ א שחיטה...

דער ייד האט גערעדט ביז שפעט אין דער נאכט. דערנאך האט מען צונויפגעשטעלט די בענק און אים אויסגעבעט. ער האט זיך געלייגט אפשר צוויי אזייגער ביינאכט. פינף אזייגער פארטאג האט ער זיך אויפגעהויבן און איז אוועק.

ווען די מאמע האט זיך דערוואוסט, אז מיר האבן פרעמד געלט אין שטוב, האט זי מער נישט געלאזט די שטוב אליין. זי האט געפונען א שליסעלע און פארשלאסן דעם שופלאד. קראכמאלנע איז געווען פול מיט גנבים. די מאמע האט גענומען פארווארפן דעם טאטן פארוואס ער האט אנגענומען דעם פקדון. וואס טוט מען חס ושלום ווען ס'געשעט עפעס? ס'איז א נדן פאר מיידלעך. די וואך איז אריבער. מיר האבן זיך געריכט, אז דער ייד וועט קומען שבת־צו־נאכטס און מאכן אן עק צו די זארגן, אבער ער איז נישט געקומען נישט שבת־צו־נאכטס, נישט זונטאג, נישט מאנטאג, נישט דינסטאג. אזוי ווי ער איז אריינגעפאלן, אזוי איז ער פארשוואונדן. די מאמע האט אנגעהויבן איבערקלערן. ווער ווייסט וואס ס'האט מיט דעם ייד געטראפן? ווער ווייסט צי ער וועט נישט אמאל מאנען מער? מ'האט ארויסגענומען דאס געלט פון שופלאד און אריינגעלייגט אין שטרוי־זאק. ס'איז דארט אויך נישט געווען זיכער און די מאמע איז געפאלן אויף א פארטל: מ'זאל עס באהאלטן צווישן דעם פסח'דיקן געפעס אויף דער שאנק מיט די לייבן־קעפ און מיטן שווערן געזימס.

וואכן זענען אריבער, און טרייטל האט זיך נישט געוויזן. דער זומער איז אוועק. ס'איז געווארן ווינטער. אנומלט עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין אן אנדער טאמאשאווער. דער טאטע פרעגט אים צי ער ווייסט פון טרייטלען. יענער טוט א זאג:

— טרייטל איז צערודערט.

— צערודערט?

— יא, צערודערט.

— ער איז דא געווען. ער פארט ארום נאך הכנסת־כלה.

— וואסער הכנסת־כלה? די טעכטער זיינע האבן שוין אלע מאנען.

— וואס רעדט איר?

— ס'איז אים אריין א מאנקאליע אין קאפ. וואס איז? ער איז דא געווען?

— יא, ער איז דא געווען. ער האט עפעס ביי מיר איבערגעלאזט און איז נעלם געווארן ווי א שטיין אין וואסער.

— ער איז צערודערט.

איך געדענק נישט ווי לאנג ס'איז אוועק, אבער מיט אמאל האט מען ווידער געקלאפט אין דער טיר און ס'איז אריינגעקומען טרייטל. ער האט אויסגעזען נאך גרויער, נאך איינגעשרומפענער. ער האט אנגעטראגן א סך בלאטע מיט זיינע שווערע שטיוולעס. ער האט א זאג געטאן צום טאטן:

— כ'האב ביי דיר איבערגעלאזט א פאר קערבלעך.

— וואו ביזטו אהינגעקומען? ווי אזוי גייט מען עפעס אוועק און מ'ווערט נעלם אזוי לאנג?

— כ'בין אריינגעפארן אין א פאר שטעטלעך.

—דו ווייסט כאטש וויפיל דו האסט ביי מיר?

— דער זכרון איז מיר אפגעשוואכט. ביזט ביי מיר א בטוח.

— ס'בני־בית האט צוליב דעם נישט געקאנט ארויס פון שטוב. מ'האט נאר מורא געהאט מ'זאל, חלילה, ניש' בא'גנב'ענען.

— מ'האט מיך שוין בא'גנב'עט. מ'האט מיך דערפירט עד כיכר לחם, אבער יידן זענען בני רחמנים. לאמיך נאר טאן א שידוך. די שרה מינדל איז שוין א בת ארבעים. די ביילע־ברכה איז שוין אויך נאך די שלושים. וויפיל איז דער שיעור צו זיצן?

— אז דו קומסט נישט קיין טאמאשאוו — אפשר האבן זיי שוין חתונה געהאט?

— אן נדן? שטותים.

— ס'קאן טרעפן.

— עט!...

— פרעג דיך נאך!

— ניין!...

מ'האט צוגערוקט א טיש צו דער שאנק און אויף דעם טיש האט מען ארויפגעשטעלט א שטול. מען האט אראפגענומען פון פסח'דיקן געפעס טרייטל'ס געלט, איינגעפאקט אין א סך פאפירן. טרייטל האט עס אומגעציילט אריינגעלייגט אין בוזעם־קעשענע.

— הינדע אסתר לעבט נאך? זי מוז שוין זיין א זקנה...

דער טאטע האט א שאקל געטאן מיטן קאפ. יא, דער ייד איז נעבעך צערודערט. אבער ער איז, אפנים, געווען וואס די גמרא רופט: משוגע לאותו דבר, משוגע בלויז אין דער איינער זאך. ווייל ער האט דערציילט נאך א סך טשיקאווע מעשיות, און פון מאל צו מאל האט ער איבערגעחזר'ט דעם פזמון:

— לאמיך נאר חתונה מאכן די טעכטער!...

saints. He and his eight sons are all shoemakers. He gave me quite a bit of his own money, and then he went throughout the town to collect money for me. He is the best shoemaker in the entire province. All the Gentiles come to him. He wears a skullcap even in his workshop, and he can learn some Talmud, too. And in Ludmir there is a butcher who gives away all he owns to charity. Or perhaps he lives in Vladove? My memory is a bit muddled. Then there is one rich man who is so miserly that his wife has to bake the bread three weeks in advance—because fresh bread is eaten too quickly. He never gives a groschen for charity. You meet all kinds of people when you travel. But there is always someone who helps out. Once I have the dowries for all three of them, I'll get them married and I'll stop wandering. For myself, how much do I need? I can get along on bread and borscht. I could become a private tutor, or get a job as a slaughterer. . . ."

The visitor talked far into the night. At last we pushed the benches in the study together and made up a bed for him. He went to sleep about two in the morning. At five o'clock he arose and left.

After my mother heard that we were safeguarding the stranger's money, she would not leave the apartment unwatched. Somewhere she found the key for the drawer and locked it. After all, Krochmalna Street abounded with thieves. She scolded Father for assuming this responsibility. What would we do if—God forbid—anything were to happen to the money? Especially since it was money dedicated as the dowry for a poor bride. The week passed. On Saturday night we expected Traitl to return and relieve us of the burden. But he did not come. He came neither on Saturday night nor on Sunday, neither on Monday nor on Tuesday. He had disappeared as suddenly as he had come. Who could tell what might have happened to him? Perhaps he would return one day and claim more money?

We took the money from the drawer and stuffed it into a straw mattress. But even this new hiding place did not seem secure enough to my mother and she devised a new scheme: we would conceal the money amid the Passover dishes that were kept on top of the wardrobe with the carved lion's head and the wide cornice.

Weeks passed and there was no sign of Traitl. The summer had gone. Now it was already midwinter. One day, another Tomashov acquaintance visited us. Father asked him whether he knew anything of Traitl's whereabouts.

The man shrugged his shoulders.

"Traitl is not quite right in the head."

"You mean, not sane?"

"That's right."

"But he was here this summer. He wanders around collecting dowries for his daughters."

"What dowries? All his daughters are married."

"What?"

"It's a special kind of madness. Why, was he really here?"

"Yes. He left some money with us and disappeared, like a stone thrown into a lake."

"He's unbalanced. . . ."

I do not remember how much later it was, but one day there was another knock on the door and Traitl entered. He was grayer and more shriveled. He dragged puddles of mud into the house with his heavy boots.

He turned to my father. "I left some money with you."

"But why did you disappear? How can you just go away and disappear for so long?"

"I had to visit a number of places."

"Do you at least know how much money you left here?"

"My memory is weak, but I trust you."

"All this time we couldn't leave the house because of your money. We were afraid that there might be a robbery, God forbid."

"I've been robbed many times before. I had almost reached my last crust of bread—but Jews are merciful souls. That I might only live to marry off my daughters. Sarah Mindl is forty already. Baile Broche is also past thirty. How much longer can they wait?"

"But you haven't been in Tomaszow all this time. Perhaps by now they're married?"

"Without dowries? Nonsense."

"It happens."

"Bah."

"At least, you should inquire."

"No!"

We pushed a table next to the wardrobe and placed a chair on top of the table. Then we took Traitl's money, carefully wrapped in paper, from the basket of Passover dishes. Traitl put the bundle in his pocket without counting it.

"Is Hinde Esther still living? She must be very old now. . . ."

Father shook his head. The man was clearly unbalanced, but only in regard to one idea. Otherwise he told many interesting anecdotes, only interrupting himself from time to time with the refrain: "That I might only live to see my daughters married. . . ."

## 22

## ר' לייזער גראַוויצער

די פרנסה האָט ביי אונז אונטערגעהונקען און מיין פאָטער פלעגט פון צייט צו צייט אַננעמען אַ בחור צו לערנען מיט אים אַ שיעור. ס'איז געווען אַ צושטייער צום דירה־געלט. איינער אַזאַ בחור איז געווען דוד'ל. דער פאָטער האָט נישט גענומען קיין געלט. די מוטער האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מאַן ערגעץ אין גרויס־פּוילן. דוד'ל האָט זיך געהאַרעוועט ביי דעם זיידן, ר' לייזער גראַוויצער. אַז דער דוד'ל האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער שטוב אַ שטיק וועלטלעכקייט.

ער איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן, אַ שיינער בחור מיט אַ קאָפּ שוואַרצע געלאָקטע האָר פון אַ „דייטש", אַנגעטאָן אין אַ געהאַקטער קאַפּאָטע קורץ ביז די קני, אין אַ קראַגן, אַ שניפּסל, אַ פּאַרלאַנגע, געפּוצטע געמזענע שיך. אויסער דער געהאַקטער קאַפּאָטע, וואָס האָט דערמאַנט אין אַ פּראַק, איז דער דאָזיקער דוד'ל געווען קורץ־געקליידט. דאָס טוכענע היטעלע אויפן קאָפּ איז געווען אַזוי קליין, אַז ס'איז געלעגן איבער דער פריזור ווי אַ שטערצל. דערצו האָט דוד'ל געטראָגן פּענסנעי (צוויקערס, ווי מ'האָט זיי גערופן), אַנגעהאַנגען אויף אַ געגילדט קייטעלע, און, פאַרשטייט זיך, אַ זייגערל מיט אַ קייטל אויף דער וועסט. דערצו האָט דוד'ל שטודירט מוזיק אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע. ס'זעט אויס, אַז די געהאַקטע קאַפּאָטע און דאָס יידישע היטעלע האָט ער אַנגעטאָן בלויז ווען ער איז געקומען צום טאַטן לערנען. ווייל מיט קיין קורץ־געקליידטן וואָלט מיין פאָטער נישט געלערנט קיין שיעור.

דער דאָזיקער דוד'ל איז געווען אַ מושלם מיט אַלע מעלות. ער האָט גערעדט רוסיש, פּויליש, דייטש און אַפילו פראַנצויזיש. אַמבעסטן האָט ער גערעדט יידיש. ער איז געווען פול מיט חכמה'לעך און ווערטלעך וואָס ער האָט זיך אַנגעהערט פון סוחרים, קאָמי־וואַיאַזשאָרן און קאָמיסיאָנערן. קיין חשק צום לערנען האָט ער נישט געהאַט, אָבער זיין זיידע, ר' לייזער גראַוויצער, האָט פאַרלאַנגט ער זאָל עטלעכע מאָל אין וואָך לערנען אַ שיעור. ער האָט אָפט מיטגעבראַכט צו אונז אַ פידל און אויסגעשפּילט פאַר דער משפּחה אַן „המבדיל", אַ „וואָלאַכיי" און אַנדערע ניגונים. מיט וויצן האָט דוד'ל געשאָטן פון אַרבל. ער האָט אַפילו געטוינגט צום לערנען ווען ער האָט צוגעלייגט קאָפּ. אָבער ער האָט זעלטן צוגעלייגט קאָפּ.

נאָך אויסטערלישער פון דוד'לען איז געווען זיין זיידע, ר' לייזער גראַוויצער. מען האָט דערציילט וועגן אים חידושים. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גביר, זיך געפירט ווי אַ מיליאָנער, אָבער מ'האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט מער חובות וויפיל האָר אין קאָפּ. ער האָט יעדעס יאָר באַנקראָטירט און אַמאָל צוויי מאָל אין יאָר. ר' לייזער גראַוויצער איז געווען אַ גרויסער פאַרשוין מיט אַ דיקן בויך, אַ גלייכן נאַקן, מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב. די ווייסע באָרד זיינע איז געווען גביר'יש שיטער. ער האָט געטראָגן אַ היטל מיט אַ הויכער דענקע, אַ קאַלנער און אַ שניפּס, אַ קאַפּאָטע וואָס איז געווען היפּש אונטערגעשניטן. דאָס פּנים זיינס איז אַלעמאָל געווען רויט. פון הינטער די געדיכטע ברעמען האָבן אַפּערגעקוקט אַ פּאָר טונקעלע אויגן, קאַלטע ווי שטאָל. ר' לייזער גראַוויצער האָט אַלץ געטאָן מיט גביר'ישן פאַרנעם. ווען ער האָט געשנייצט די דיקע נאָז, האָט מען געהערט איבער אַלע חדרים. ווען ער האָט גערעדט, האָט זיין קול געדונערט. יעדעס מאָל וואָס ר' לייזער גראַוויצער איז געקומען צו אונז, איז געוואָרן אַ טומל אין גאַס. ער איז צוגעפאָרן צו אונז אין אַ „גומקע", אַ דראָשקע מיט גומענע רעדער. אַנשטאָט אַ פּערציקער, האָט ער באַצאָלט דעם פורמאַן אַ פופציקער. אָרימעלייט זענען אים אַקעגנגעשפּרונגען און ער האָט געטיילט פּירערס און זעקסערס. נאָך איידער ער האָט אַנגעקלאַפּט, האָט מען שוין געעפנט פאַר אים די טיר, און עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז די טיר איז פאַר אים צו־שמאָל און צו־נידעריק. ער האָט גערעדט מיטן טאַטן תורה און ס'איז אים געגאַנגען אין לעבן צו כאַפּן דעם טאַטן ביי אַ גרייז. דער אמת איז, אַז דער טאַטע איז כמעט אַלעמאָל געווען גערעכט. ר' לייזער גראַוויצער האָט שוין אַ סך געהאַט פאַרגעסן. אָבער מיין פאָטער איז נישט געווען אַמביציעז. ער האָט גוטמוטיק געענטפערט:

— נו, מען דאַרף נאָכקוקן...

פון וואַנען האָט ר' לייזער גראַוויצער געלעבט? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט פירן אַ גרויס הויז מיט זין, טעכטער, איידעמס, שנירן, אייניקלעך, דינסטן? ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אַ פּאָר מאָל אין יאָר פאָרן צו זיין רבי'ן, דערלאַנגען אַ גרויסן פּדיון, שטעלן טייערן וויין, אויסהאַלטן אָרימע יונגעלייט אויף דער סטאַנציע? מען האָט געשאַצט אין וואַרשע אַז עס גייט אים אַוועק עטלעכע הונדערט רובל אַ וואָך. אָבער פון וואַנען האָט ער עס גענומען?

ער האָט געהאַט אַ סך געשעפטן, אָבער געלעבט האָט ר' לייזער גראַוויצער פון באַנקראָטן און פון שווינדלערישע מסחרים וואָס האָבן געשמעקט מיט קרימינאַל. מען האָט געזאָגט אַז ער מאַכט אָדער האַנדלט מיט פאַלשע מאַרקעס. מען האָט זיך גע'סוד'עט, אַז ר' לייזער גראַוויצער קויפט פּעקלעך טיי, נעמט אַראָפּ מיט אַ מאַשינדל די באַנדראָלן פון דער אַפּצאַל־קאַמער און מישט די טיי מיט אַן אַנדער טיי, פון אַ געמיינערן סאָרט. ער זאָל אויך האָבן געווען אַ שותף צו עפּעס אַ לינקער לאָטעריע. כאָטש גאַנץ וואַרשע, גאַנץ לאָדזש האָט געוואוסט, אַז לייזער גראַוויצער איז אַן אַנזעצער, אַ שווינדלער, אַ דריי־קאָפּ איינער אין פּוילן, האָט ער אַלעמאָל געקראָגן שותפים און קרעדיטן. ער האָט געקאָנט — האָט מען געזאָגט — איבעררעדן אַ שטיין. ער וואָלט געוואָרן אַ מיליאָנער ווען ער וואָלט נישט געהאַט אַזוינע גרויסע הוצאות און נישט אונטערגענומען אַלערליי ריזיקאַלישע געשעפטן.

ר' לייזער גראַוויצער האָט ליב געהאַט צוויי זאַכן: פּרעסטיזש און געפאַר. ער האָט געקאָנט אַרויסנעמען אַ פּאַפּירענעם פינפער־רובל און דערמיט פאַררויכערן אַ ציגאַר. עס זענען געווען עדות וואָס זענען אַליין געווען ידערביי. ווען ר' לייזער גראַוויצער האָט דערשמעקט אַ מסחר, וואו מען קאָן ברעכן דעם קאָפּ און אַריינפאַלן אין קרימינאַל פאַר אַ צולאָג, האָט ער זיך גלייך אין אים אַריינגעוואָרפן. שונאים האָט ער געהאַט אָן אַ שיעור. וואַרשעווער און לאָדזשער גבירים האָבן וויפיל מאָל זיך פאַרמאָסטן אים צו פאַרטרייבן פון מאַרק, אים אַפּצורוימען און אים טאַקע איינצוזעצן אין טורמע. וואָס האָט געקאָנט זיין אַ גרעסערע שטראָף פאַר ר' לייזער גראַוויצער ווי מען זאָל אים אַנטאָן לייוונטענע מלבושים, הילצערנע שיך, אַ קיילעכיק מיצל און מען זאָל אים אַוועקזעצן צווישן גנבים און רוצחים? ר' לייזער גראַוויצער האָט געוואוסט, אַז די תּפיסה לויערט אויף אים. מחנות שונאים רינגלען אים אַרום. אויספאָרשונגס־ריכטער און פּראָקוראָרן האָבן זיך פאַרשוואוירן אים צו רואינירן. אָבער ר' לייזער האָט געקאָנט אַלע געזעצן, דעם גאַנצן קאָדעקס. ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אַלע נעצן, פון אַלע פּראָצעסן. ער האָט געלערנט די אַדוואָקאַטן זיינע וואָס צו טענה'ן און וואָס צו טאָן. ווען ר' לייזער גראַוויצער וואָלט געווען שטודירט יוריספּרודענץ אין אוניווערזיטעט, וואָלט ער זיכער געוואָרן אַ געניאַלער אַדוואָקאַט. אָבער ער האָט גענוצט זיין וויסן בלויז פאַר זיינע אייגענע צוועקן.

אַחוץ אַרויסדרייען זיך מיט יורידישע פאָרטלען, האָט ר' לייזער גראַוויצער געקאָנט די מלאכה פון אַנטלויפן. ס'האָט וויפיל מאָל פּאַסירט, אַז פּאָליציי איז אים געקומען אַרעסטירן, אָבער ער איז אַנטלאָפן דורך אַ הינטערטיר און אַפילו מיט אַ לייטער. ווען ס'איז געוואָרן גאָר געפערלעך, האָט ר' לייזער גראַוויצער זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן און איז אַ צייט געלעגן איינגעלייגט. ער האָט געהאַט באַהעלטענישן אַזוינע, וואָס קיינער האָט וועגן זיי נישט געוואוסט, אַפילו נישט די אייגענע משפּחה. מען האָט געזאָגט, אַז אין יעדער וואַנט פון זיין דירה זענען איינגעמויערט טרפה'נע סחורות און אַלערליי קאָנטראַבאַנדן. ס'איז איבעריק צו זאָגן אַז ער האָט געגעבן כאַבאַר, געצאָלט וואַכנגעלטער פון דעם סטראַזשניק אין גאַס ביז דעם קאָמיסאַר פון צירקל, און נאָך העכערע פון אים. אויף די חנאות זייערע האָט ער זיי אַנגעשיקט וויינען, קאָניאַקס, שנאַפּסן, און געלטער פאַר אַ צולאָג. מען האָט דערציילט, אַז בלויז צוויי שררות אין וואַרשע קאָן לייזער גראַוויצער נישט אונטערקויפן: דער אויבערפּאָליציי־מייסטער און דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר. ער האָט געפּרוּווט, אָבער ס'איז נישט געראָטן.

ס'איז שווער געווען צו געפינען צוויי גרעסערע היפוכים ווי עס איז געווען ר' לייזער גראַוויצער און מיין טאַטע. אָבער גראָד האָט לייזער גראַוויצער אויסגעקליבן מיין טאַטן ער זאָל לערנען מיט זיין אייניקל. אוודאי איז לייזער גראַוויצער געבליבן שולדיק דעם טאַטן געלט. וועמען איז ער נישט געבליבן שולדיק?

איינמאָל האָט ר' לייזער גראַוויצער דערמאַנט מיין פאָטער, אַז ער האָט אַ ספר אַזאַ, וואָס מיין פאָטער האָט אין וואַרשע נישט געקאָנט געפינען. מיין פאָטער האָט געבעטן ר' לייזער גראַוויצער ער זאָל אים באָרגן דאָס ספר און יענער האָט מסכים געווען. אַזוי אַרום האָט פּאַסירט, אַז מען האָט מיך געשיקט צו לייזער גראַוויצער אַהיים. איידער איך בין געגאַנגען אַהין, האָט די מאַמע מיר אַנגעטאָן אַ פרישׁ העמד און מיר אויסגעקעמט די פּאות. מען האָט מיר אַנגעזאָגט איך זאָל זיך פירן לייטיש און נישט רעדן

קיין נארישקייטן. לייזער גראוויצער האט געקאנט שיקן דאס ספר מיט זיין איניקל, אבער ער האט, אפנים, געוואלט אז עמיץ פון אונזער משפחה זאל זען זיין גדולה.

איך געדענק שוין נישט וואו ער האט געוואוינט. איך געדענק בלויז אז איך בין ארײַן אין א פאראד־איינגאנג און האב געקלעטערט איבער מארמארנע טרעפ. די טירן זענען דא געווען ריזיקע, מיט געשניצעכצער און נעזימסן, און אויף יעדער טיר האט געהאנגען א מעשן בלעכל מיט אן אויסגראווירטן נאמען. ס'האבן דא געוואוינט דאקטוירים, דענטיסטן. פון הינטער א טיר האט מען געהערט שפילן פיאנא. איך האב אנגעקלונגען אין דער טיר און ס'האט לאנג געדויערט ביז מען איז געקומען עפענען. מען האט אויפגענוינט אויף א שפאלט און אויף א קייטל. עס האבן מיך אנגעקוקט שארפע פארשנדיקע אויגן און מען האט מיך געפרעגט ווער איך בין און וואס איך וויל. דאן האט מען מיך געהייסן ווארטן.

קיינמאל איז מיר נאך נישט אויסגעקומען אזוי לאנג צו ווארטן ווי דאמאלס. פריער האב איך געווארט פאר דער טיר, דערנאך — אין קארידאר. דער קארידאר איז געווען פול מיט טירן און יעדע טיר האט געהאט מילך־שויבן. טעלעפאנען האבן געקלונגען, נקבות האבן הינטער זיי גערעדט, געלאכט, געזונגען, געשעפטשעט. ס'האט זיך דערהערט א ברום ווי פון א לייב און איך האב דערקאנט ר' לייזער גראוויצער'ס קול. דאן האט מען מיך גענומען פירן איבער שטובן. איך בין חושד, אז מען האט מיך געפירט פון איין שטוב אין דער אנדערער צו ווייזן מיר דאס רחבות פון דער וואוינונג. צום סוף האט מען מיך אריינגעפירט אין א גרויסער שטוב מיט א סך ספרים־שענק.

— ווער ביזטו? — האט ר' לייזער גראוויצער געדונערט און אנגעשטעלט א לאנג האריק אויער.

ער האט ארויסגענומען דאס ספר און מיר געגעבן. איך האב געזאגט א גוטן טאג, אבער ער האט נישט געענטפערט. איך האב געוואלט ארויס דורך איין טיר, אבער ס'האט זיך געעפנט אן אנדער טיר און ס'איז מיר אקעגנגעקומען א דיקע יידענע מיט א ריזיק שייטל באליינט מיט פלעכטן און לאקן, באשטעקט מיט קאמען. אויפן דיקן האלז האט געהאנגען א גאלדענע קייט. אויף די קורצע פינגער פון די הענט זענען געזעסן א סך פינגערלעך. פון די אויערן־לעפלעך האבן זיך נאכגעבאמבלט לאנגע אויערינג. דאס איז געווען די גביר'טע, ר' לייזער גראוויצער'ס ווייב.

גלייך ווי ר' לייזער גראוויצער האט געדארפט שפילן די ראל פון דעם עוג מלך הבשן, אזוי האט זי געדארפט זיין די צדיקת, די גוטע נשמה. זי איז צו מיר צוגעקומען, מיך לייטזעליק געפרעגט ווער איך בין, מיר געטאן א קניפ אין בעקל און געוואלט וויסן צי איך בין נישט הונגעריק. איך האב געשוואוירן אז איך בין זאט, אבער זי האט מיך אריינגעפירט

אין דער סאליע, און עס האבן זיך דארט געפונען אפשר צוואנציק נקבות, יונגע, אלטע, שווארצע, בלאנדע, יעדע אין אירע גרויסארטיקע קליידער און אין איר צירונג. ס'האט דא געשמעקט מיט גוטע ריחות און גביר'ישאפט. פרויען האבן אויפגעהויבן עפעס אזוינע ברילן — לארניאנען — און געקוקט אויף מיר. טייל האבן זיך גע'חידוש'ט, אנדערע האבן געשמייכלט. די גאר יונגע האבן געלאכט. איינע האט א זאג געטאן:

— די גמרא איז גרעסער פון עים...

מען האט מיר געגעבן א פעניץ לעקער, א בעכערל וויין און א משקה, וואס דערפון איז מיר געווארן הארב אין דער נאז און פייכט אין די אויגן. מען האט מיך געפרעגט:

— וואס ווילסטו זיין אז וועסט אויפוואקסן, א רב אדער א מלמד?

איך בין שוין געווען צו־אלט אויף אזוינע פרעגעכצער, און איך האב געענטפערט:

— איך ווייס נאך נישט.

דאס האט ארויסגערופן ביי אלעמען א געלעכטער און מען האט מיר געגעבן צו טרינקען נאך ליקער. דערנאך האט עמיץ איינגעפאקט קיכלעך און שטרודל אין א טיטל און מען האט מיר אהיימגעגעבן, א שטייגער ווי איך וואלט געווען א בעטלער.

ר' לייזער גראוויצער האט אויסגעפירט דאס זייניקע: מען האט אים אין תפיסה נישט איינגעזעצט. ער האט באקומען אן אפאפלעקציע און איז גלייך געשטארבן. ער האט געהאט א ריזיקע לוויה. מען האט געזאגט, אז מען האט אים אפילו ביי דער לוויה געשאלטן מיט די ערגסטע קללות. אבער באגראבן האט מען אים אויף דער ערשטער אלייע און א מורה הוראה האט געמאכט א הספד. נאך זיין טויט זענען די בעלי־חובות באפאלן זיין דירה ווי א היישעריק. אבער אלץ האט מען שוין געהאט אפגעשריבן פון פריער. צום סוף האט דער ווירט ארויסגעווארפן די משפחה פון דער וואוינונג און מען האט געמאכט אויפן מעבל א ליציטאציע. מען האט גאר נישט איבערגעלאזט פון דעם האב־און־גוטס אחוץ דאס בעטגעוואנט.

וואס ס'איז געווארן פון ר' לייזער גראוויצער'ס משפחה ווייס איך נישט. אבער דוד'לען האב איך אמאל געזען אין גאס מיט א פידל, מיט לאנגע האר און א ברייטן קאפעליוש. מען האט פאראויסגעזאגט, אז ער וועט ווערן א גרויסער פידל־שפילער, אבער אויף ווי ווייט איך ווייס, הערט מען נישט פון דוד'לען אין דער מוזיקאלישער וועלט. צוזאמען מיט לייזער גראוויצער איז אלץ צעפאלן. מיין פאטער פלעגט צו מיר זאגן:

— א שאד! ווען ער וואלט אריינגעלייגט זיין חריפות אין לערנען, וואלט ער געווארן א גאון...

## 23

## איך ווער א גובה

**א**ווינקל־מורה־הוראה האט נישט באקומען קיין פענסיע פון דער ווארשעווער גמינע, אדער דער קהילה. די יידן אין גאס האבן אים געצאלט וואכנגעלט. א גובה איז אומגעגאנגען יעדע וואך מיט קוויטלעך און די באלעבאטים פון דער גאס האבן געצאלט: דריי קאפיקעס, פינף קאפיקעס, וויפיל איינער האט זיך געשטעלט. די יידן האבן גערן געצאלט פאר דעם מורה־הוראה, ווייל זיי האבן געדארפט פרעגן שאלות, און דער מורה־הוראה וואלט געהאט פרנסה. אבער ערשטנס האט דער גובה אראפגענומען פאר זיך צוואנציק פראצענט. צווייטנס, האט ער גע'גנב'עט. אמת, דער גובה האט באקומען קוויטלעך מיט סטעמפלען, און ער האט אדער געדארפט צוריקברענגען דאס קוויטל, אדער געלט. אבער די יידן אין גאס האבן געצאלט אן דעם קוויטל אויך, און דאס האט געגעבן דעם גובה א געלעגנהייט אראפצונעמען פאר זיך.

פריער האבן מיר געהאט אן ערלעכן גובה, א בחור, אבער ער האט חתונה געהאט און האט זיך געלערנט זיין א שוחט. נאך אים זענען געקומען גנבים. איין גנב איז געווען גרעסער פון דעם אנדערן. צום סוף איז דערגאנגען צו אזא שטופע, אז דער גובה האט כמעט אלץ צוגענומען פאר זיך. מיין פאטער האט זיך פשוט געשעמט חושד צו זיין א ייד. יענער האט יעדע וואך געברענגט ווייניקער געלט און דערביי האט ער א זאג געטאן:

— מ'צאלט נישט!

אדער ער פלעגט א זאג טאן:

— ס'איז א יקרות, ס'איז א קריזיס.

ס'איז דערגאנגען ביי אונז דערצו, אז ס'איז איינפאך נישט געווען קיין ברויט אין שטוב. דער קרעמער האט אויפגעהערט בארגן. איך האב מער נישט באקומען יעדן טאג דעם צווייער אויף צוקערלעך אדער שאקאלאד. דער טאטע איז געבליבן שולדיק דירה־געלט און דער ווירט האט געדראט מיט אפשרייבן דאס מעבל און מיט מאכן א ליציטאציע. ביים בענטשן, ווען ס'איז געקומען צו די ווערטער „ואל תצריכני לא לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלוואתם", האט דער טאטע אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזיפצט העכער ווי אלעמאל. ווי קאן מען לערנען תורה און זיין א ייד, אז ס'איז נישטא אויף שבת?

# I BECOME A COLLECTOR

An unofficial Rabbi was supported by the people of his neighborhood. In need of his advice on matters of religious law, and knowing that he had to earn a living, they gave various sums each week to a collector. True, the collector made out receipts, but it was an easy matter for him to retain more than the twenty-percent commission that was his due.

Our first collector was an honest man, but he later married and became a ritual slaughterer. Each of those who followed was more of a thief than the last, and it ended with a collector who was taking most of the money himself. Every week he would turn in less and less money, with complaints: "I can't get them to pay!" or "There's a shortage, a crisis!" It was beneath my father's dignity to suspect another Jew.

Finally there wasn't a piece of bread in the house, and the storekeepers refused us credit. I no longer received a daily two-groschen piece for candy or chocolate. We could not pay the rent and the landlord threatened to take us to court and auction our furniture. When Father recited grace, "And let us not partake of the gifts of flesh and blood," he would look heavenward, sighing more deeply than usual. Was it possible to study the Torah and be a Jew if there was no Sabbath food?

איינמאל האט דער טאטע פאר מיר זיך אויסגערעדט דאס הארץ, און איך האב א זאג געטאן:

— איך וועל זיין דער גובה!

דער טאטע האט אויף מיר א קוק געטאן א דערשראקענער.

— דו ביזט א יינגל. דו דארפסט לערנען.

— כ׳וועל לערנען אויך.

— ווען די מאמע זאל דאס וויסן, וואלט זי געשריגן געוואלד.

— זי דארף נישט וויסן.

דער טאטע האט זיך לאנג געקווענקלט. צום סוף האט ער א זאג געטאן:

— נו, פרוואו.

איך האב גענומען א פאק קוויטלעך און זיך געלאזט גיין איבער די אדרעסן. וואו איך בין געקומען, האט מען מיר אקעגנגעטראגן דאס געלט. דער גובה האט געזאגט, אז יידן גיבן נישט, אבער אלע האבן געגעבן. מיר האבן געהאט אפגעשאפט דעם גובה דעם גנב און א סך מענשן האבן באצאלט פאר עטלעכע וואכן. אין א שעה צייט איז מיין קעשענע געווארן פול מיט קופער־געלט און זילבער. אין צוויי שעה זענען בײדע קעשענעס געווארן פול. איך האב געפונען, אז איך האב א בוזעם־קעשענע אויך און הויזנקעשענעס.

ווען איך בין ארוים פון שטוב, האב איך מיך געשעמט מיט דעם וואס איך טו. דאס פנים האט מיר געפלאמט. אבער וואס לענגער איך בין געגאנגען, אלץ מער איז פון מיר אפגעטאן געווארן די בושה. מ׳האט מיך אויפגענומען אומעטום מיט אזא כבוד! יידן האבן מיר געטאן א קניפ אין בעקל. יידענעס האבן מיך געבענטשט און מיך מכבד געווען מיט א קיכל, א פרוכט, א צוקערל. טייל ווייבער האבן געלויבט דעם טאטן, אים גערופן טייערער ייד, צדיק. איך בין געגאנגען איבער אומצאליקע טרעפ און אנגעקלאפט אין ווער ווייסט וויפיל טירן. איך האב געקאנט די קראכמאלנע גאס פון פריער, אבער איצט האט זי זיך אנטפלעקט פאר מיר פון אינעווייניק.

איך בין אריין צו שניידערס, שוסטערס, סטאליארס, פעלצנמאכער, בערשטלמאכער, און אלערליי בעל־מלאכה׳ס. אין איין שטוב זענען געזעסן מיידלעך און געצויגן קרעלן אויף שנירלעך. דאס איז געווען זייער ארבעט. די קרעלן אדער פאטשערקעס האבן געלויכטן מיט אלע קאלירן פון רעגנבויגן. אומעטום, אויף דעם טיש, אויף שטולן, אויף די בעטן, אויפן דיל, זענען געלעגן קופעס מיט „אידלשטיינער". מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז איך בין אריין אין א פאר׳כישופ׳טן פאלאץ פון דעם מעשה־ביכל.

אין איין שטוב, ווען איך האב געעפנט די טיר, האב איך ארויסגעלאזט א געשריי. אויף דער ערד זענען געלעגן טויטע חיות. דער ייד האט געהאנדלט מיט האזן. ער האט אויפגעקויפט געשאסענע האזן ביי יעגער און זיי ארומגעטראגן צו פריצים, אדער אין גויאישע רעסטאראנען. אין אן אנדער שטוב האב איך געזען א מאשין אזא, וואס האט געוויקלט ציידענע פעדים אויף קלעצלעך. רעדלעך האבן זיך געדרייט און מיידלעך מיט פעדים אין די צעפאטלטע האר האבן מיט פלינקע פינגער זיך געפארעט ארום דער מאשין און געזונגען לידער פון יידישן טעאטער.

גאט אין הימל, ווי יעדע שטוב איז אנדערש! אין איין שטוב זענען אין מיטן טאג געזעסן מאנסלייט און פרויען ביי א טיש און אלע האבן געשפילט אין קארטן. אין אן אנדער שטוב איז געשטאנען אן אלטער ייד מיט א ווייסער בארד, מיט ווייסע פאות, און געהובלט א ברעט. אומעטום האבן זיך געוואלגערט שניצלעך און קלעצלעך. אן אלטע יידענע מיט א קאפקע האט געדאוונט פון א סידור. אויף דער קיך האט זיך דערביי געקאכט א טעפל עסן. איך בין אריין צו אן איינבינדער און געזען, צו מיין שרעק, אז סידורים, חומשים וואלגערן זיך אויף דער ערד, און די געזעלן האבן איבער זיי געטראטן. ספרים און שמות האבן דא נישט געהאט קיין שום ווערט.

אין איין שטוב האב איך געזען א פרוי א פארזעעניש. איר קאפ איז געווען אויבן שמאל און אונטן ברייט, ווי א היטל צוקער. אויגן האט זי געהאט גרויסע ווי ביי א קאלב. דער קערפער איז געווען משונה ברייט און דיק. די פרוי האט גערעדט שטום־לשון און ארויסגעלאזט געשרייען אזוינע וואס האבן מיך דערשראקן. ווי אויסטערליש, נאר זי האט געהאט א מאן. פארוואס א מאנסביל זאל חתונה האבן מיט אזא מאן־קאלב איז פאר מיר ביז היינט א רעטעניש.

אין איין שטוב האב איך געזען ליגן א פאראליזירטן ייד. ער איז נישט געלעגן אויף א בעט, נאר אויסגעשטרעקט אויף א סארט טאפטשאן. זיין פנים איז געווען געל ווי ביי א טויטן. א יידענע האט אים אנגעקארמעט און דאס עסן האט זיך אים פארגאסן אויף דער איינגעשרומפענער בארד. די אויגן זיינע זענען געווען עפעס ווי איבערגעדרייט. איך האב געעפנט די טיר און גלייך צוריק פארקלאפט. איך האב מורא געהאט אריינצוגיין אין דער דאזיקער שטוב.

איך בין ארויף מיט טרעפ וואס האבן געפירט צו א פאציאטע. אויף די שטיגן האט זיך געוואלגערט מיסט. בארוועסע קינדער זענען געזעסן אויף טרעפ און זיך געשפילט מיט שערבלעך, מיט בלאטע. איין יינגעלע האט געהאט א פארך. ביי אן אנדער יינגעלע איז דאס קעפל געווען אפגענאלט און עס זענען געבליבן א פאר לאנגע צעשויבערטע פאות. דאס פנים׳ל זיינס איז געווען בלאס, אזן בלוט, און די אויערן אויפגעבלאזן. א מיידעלע האט אים אפגעשפיגן און ער האט א רוף געטאן:

— מיט בלוט און מיט אייטער!

איך האב ארויסגענומען א קוויטל, איבערגעלייענט און געפרעגט:

— וואו וואוינט דא יענטע פלעדערבוים?

— אין דער שטשאנקע...

One day when Father had been telling me his troubles, I said, "Let me collect!"

Stunned, Father looked at me, "But you're only a boy. You have to study."

"I'll study."

"What do you think Mother would say?"

"Why tell her?"

After deliberating awhile, he said, "Well, we'll try it."

I took the collection tickets to the necessary addresses, and notwithstanding the excuses made by my corrupt predecessor, donations were generous. Since we had discharged the collector, many people were several weeks behind in their payments and within an hour my pockets were full of copper and silver coins. In two hours, finding that both pockets were full, I began stuffing my breast pocket and my trousers.

The shame I had felt diminished. Everyone was so gracious, the men pinching my cheeks, the women blessing me and treating me to cookies, fruit, and candy. My father, they told me, was a godly man, a saint. I kept climbing stairs, knocking at doors. Krochmalna Street, which I had thought I knew, was now turning itself inside out for me. I found tailors, cobblers, furriers, brushmakers, and numerous artisans. In one house, girls were stringing coral, and colorful beads gleamed in piles on tables, chairs, and beds. It looked like an enchanted palace to me.

But when I opened the door of another apartment, I screamed. Dead animals were heaped on the floor. This tenant bought hares from a hunter and sold them to restaurants. In another apartment, girls were winding thread from spindles to bobbins, singing Yiddish songs while bits of thread flew into their disheveled hair.

In one place, people were playing cards, and in another an aged, white-bearded man planed a board while shavings and chips fell everywhere and a bonneted old woman prayed from a holy book. In a bookbinder's apartment I was horrified to find workers tramping over Pentateuchs and other holy books. Then in another apartment I found a female freak with a head that came almost to a point. She had huge calf's eyes and an extraordinarily broad body, and she grunted like a mute and made frightening sounds. Much to my surprise, I found that she had a husband.

Somewhere else I saw a sallow-faced, paralyzed man lying on a kind of shelf while a woman fed him and the food dribbled over his withered beard. His eyes seemed crossed. I shut that door almost as soon as I opened it. Up an incredibly filthy stairway I climbed to an attic, past barefoot scurvy children playing with shards and mud. One boy's skull had been shaved. He was pale, his ears were swollen, and he had long unkempt sidelocks. A girl spat at him and he cried out some kind of curse. Taking out a ticket, I asked, "Where does Yenta Flederbaum live?"

"In the *shtchunka* . . ."

In Warsaw this was the term for a dark hallway. I was inclined to be fearful, but that day I was somehow infused with great courage, as if I had been transformed. Stumbling along the dark corridor, bumping into baskets and crates, I heard a rustling noise, as if mice were about. Lighting a match, I discovered that there were no numbers or even latches on the doors. When I pushed one open, I was transfixed by what I saw. A corpse wrapped in a sheet lay on the floor, a pair of candles at its head and a woman beside it on a footstool, weeping, wringing her hands, and crying out. The mirror on the opposite wall

א שטשאנקע האט מען גערופן אין ווארשע א פינצטערן קארידאר. איך האב מורא געהאט, נאר עפעס האט מיך אנגענומען יענעם טאג אן אויסטערלישער קוראזש. איך בין עפעס נישט געווען איך, נאר בין ווי פארוואנדלט געווארן אין עמיצן אנדערש. איך בין געקראכן אין דעם פינצטערן גאנג און זיך אנגעשלאגן אין קוישן, קאסטנס. עפעס האט דא גערודערט, געשארכט, ווי מייז וואלטן ארומגעלאפן. איך האב געהאט ביי מיר א קעסטל שוועבעלער און אנגעריבן א שוועבעלע. די טירן דא האבן נישט געהאט קיין נומערן. עס זענען אפילו נישט געווען קיין קליאמקעס. איך האב א שטופ געטאן א טיר און דערבליקט א מורא'דיק בילד: אויף דער ערד איז געלעגן א טויטער, איבערגעדעקט מיט א טוך. מ'האט געקאנט ארויסזען דאס געשטאלט פון קאפ, די פיס. צוקאפנס האבן געברענט צוויי ליכטלעך. אויף א פוסבענקעלע איז געזעסן א יידענע און געוויינט, געבראכן די הענט, עפעס געשריגן צום מת. דער שפיגל אקעגנאיבער איז געווען פארהאנגען. אזא פחד האט מיך אנגענומען, אז עס איז מיר אזש געווארן קאלט אין די ריפן. איך האב געטאן צוריק א פארקלאפ די טיר און בין געבליבן אין דער פינצטערניש. פייערדיקע פינטלעך האבן זיך געוויגט פאר מיינע אויגן. אין די אויערן האט גענומען קלינגען ווי מיט גלעקער. איך האב גענומען לויפן אויף צוריק, אבער איך האב מיך פארטשעפעט אין א קויש, אדער א קאסטן. „עמיץ" האט מיך ווי אנגעכאפט ביי דער פאלע, געריסן אויף צוריק. איך האב באשיינפערלעך געשפירט ווי ביינערנע פינגער קלאמערן זיך איין אין מיר און געהערט א גרויליק געשריי. איך בין ארויס מיט א צעריסענער קאפאטע, אפגעגאסן מיט א קאלטן שוויס. מער ניין מיט די קוויטלעך האב איך נישט געקאנט. איך בין ערגעץ אוועק און געבראכן. א שוידער איז מיר געלאפן איבער די גלידער. עס איז מיר אפילו געווען שווער צו גיין, ווייל דאס קופערגעלט האט מיך אראפגעוואויגן. איך האב געהאט אן אויסטערליש געפיל: גלייך ווי איך וואלט אין דעם איינעם טאג געווארן מיט א סך יארן עלטער.

איך האב נישט געהאט געגעסן פון אינדערפרי אן, אבער איך בין נישט געווען הונגעריק. פארקערט, דער בויך איז מיר געווען ווי אנגעפוישט. איך בין אריין אין א חסידים־שטיבל. ביטאג איז דארט קיינער נישט געווען. איך האב מיך אוועקגעזעצט אויף א באנק און זיך אפגערוט ווי אן אלטער ייד. די פיס האבן מיר וויי געטאן. דער קאפ האט מיר געהאקט. איך האב געכאפט א בליק אויף די ספרים. געוויינלעך זענען מיר ספרים געווען נאענט, נאר איצט זענען מיר די ספרים אין גאנצן פרעמד פארגעקומען. ס'האט זיך מיר געדוכט אז איך האב פארגעסן דאס לערנען.

מיט אמאל איז מיר געווארן קלאר אז איך האב אפגעטאן א מיאוס'ע זאך. א בושה האט מיך אנגענומען און א מיגל צו זיך אליין. מיר דוכט זיך אז איך האב יענעם טאג אנגענומען א באשלוס וואס דויערט ביז היינט: קיינמאל נישט אפטאן קיין קרומע זאך צוליב געלט; קיינמאל זיך נישט אריינלאזן אין שנארעריי, טובות, געשאנקען... ניין, איך בין נישט געבוירן דערצו. איך האב וואס גיכער געוואלט ווערן לויז פון דער מיאוס'ער לאסט.

איך בין געקומען אהיים. די מאמע איז גראד נישט געווען אין קיך. אין בית־דין־שטוב האט דער טאטע אויף מיר א קוק געטאן מיט פארזארגטע אויגן.

— וואו ביזטו אהינגעקומען א גאנצן טאג?

און מיט אמאל האט ער א זאג געטאן:

— ס'האט מיר שוין באנג געטאן די גאנצע זאך... דו דארפסט לערנען, נישט זיין קיין גובה...

איך האב אויסגעשאטן דעם בארג געלט. איך האב אין דעם איינעם טאג צונויפגעזאמלט מער וויפיל דער גובה אין א חודש. יענער האט אלץ צוגע'גנב'עט.

דער טאטע האט דאס געלט אפילו נישט איבערגעציילט און עס אריינגעלייגט אין א שופלאד. ס'איז מיר געווארן משונה גרינג.

— טאטע, כ'על דאס מער נישט טאן.

— חס ושלום!

דער טאטע האט צוגענומען א נייעם גובה, אבער יענער האט אויך גע'גנב'עט. נאך א ווייל האט דער טאטע אינגאנצן אויפגעהערט נעמען וואכנגעלט ביי דער גאס. ער האט געלאזט ארויסהענגען א פאפיר, אז מען זאל מער נישט געבן קיין שום גובה קיין געלט. ער האט געפרואווט זיך אויסהאלטן פון דין־תורה'ס, חתונות און גט'ן.

מיט דער פרנסה איז געווארן אלץ ערגער. דער טאטע האט אנגענומען בחורים צום לערנען, אבער זיי האבן זיך לאנג נישט געהאלטן. די מאמע איז צוועקגעפארן קיין בילגאריי צו איר פאטער ער זאל איר ארויסהעלפן אין דער נויט. א נסיעה אין יענע קאנטן האט דאמאלס געדויערט דריי טעג. די מאמע האט זיך אפגעזאמט וואכן.

די שטוב איז געווארן הפקר. מיר האבן געגעסן טרוקנס. ס'איז מער נישט געווען ווער עס זאל אויף מיר אכטונג טאן. אבער גראד אין יענער צייט האט מיך אנגענומען א גרויסער חשק צום לערנען. עפעס ווי פון זיך אליין האב איך אנגעהויבן „לייענען" א בלאט גמרא און אפילו פארשטאנען א תוספות. איך האב גענומען בלעטערן אין רמב"ם, אין שולחן ערוך, אין ספרים אזוינע, וואס זענען ערשט נישט לאנג געווען פאר מיר פארהוילן. אין איינעם א טאג האב איך געפונען ביים טאטן אין שאנק א קבלה־ספר. ס'איז געווען דער „עמוד העבודה" פון ר' ברוך קאסאווער. א סך וואס איז דארט געווען געשריבן האב איך נישט פארשטאנען. אבער דא און דארט האב איך יא עפעס באנומען. ס'איז געווען ווי א פארזיגלטער קוואל וואלט זיך געעפנט אין מיין מוח. איך האב דערפילט דעם גרויסן פארגעניגן פון לערנען...

had been draped. My ribs tingling with fright, I slammed the door and backed into the hallway, fiery spots before my eyes, my ears throbbing. I began to run but became entangled in a basket or crate. It was as if someone had clutched my coattail, drawing me backward; bony fingers dug into me, I heard a dreadful scream. In a cold sweat, I ran out, tearing my gabardine. There would be no more collecting for me. I threw up, and shivered. The coins burdened me as I walked. It seemed to me that I had grown old in that one day.

I had no appetite, even though I hadn't eaten since morning. My stomach felt swollen. I went into the study house, deserted because it was midday, and, like an old man, sat there, resting, with aching feet and a pounding head. I looked at the sacred books and felt estranged from them; I seemed to have forgotten my studies.

Suddenly I realized that I had done something wrong, and felt contemptuous of myself. I made a resolution then to which I still adhere: never do anything for money that goes against the grain, and avoid favors and presents. I wanted to relieve myself as soon as possible of the miserable job.

When I arrived home, Mother happened to be out and Father, in his study, looked at me anxiously, asking, "Where were you all day?" Then he blurted, "I'm sorry about the whole thing. You've got to continue studying . . ."

Emptying my pockets, I discovered that I had collected more in a day than the collector had given us in a month. Without counting the money, Father shoved it into a drawer. I felt relieved.

"I can't do it any more," I said.

"God forbid!"

But the new collector also stole. Finally Father put up a notice that no more money should be given the collector. He tried to get along on his fees from lawsuits, weddings, and divorces, but our situation grew worse, and even though he took pupils they did not remain with him very long. Mother went on a trip to Bilgoray to get help from her father and stayed there for weeks.

At home there was chaos. We lived on dry food and there was no one to supervise me, but I suddenly felt a great urge to study. I began in some inexplicable way to "read" a page from the Gemara by myself and even to understand a commentary. I examined Maimonides's *The Strong Hand* and other books that I had not until then understood. One day in my father's bookcase I found a book of the Cabala, *The Pillar of Service* by Reb Baruch Kosower. Although I missed the meaning of most of it, I did understand a little. A part of my brain that had been sealed seemed to be opening. I now experienced the profound joy of learning . . .

24

# THE FAMILY TREE

FATHER'S FAMILY was more distinguished than Mother's, but he seldom spoke of them. My father's father was Reb Samuel, an assistant Rabbi in Tomaszow; his father had been Reb Isaiah Konsker, a Hasid and scholar without ecclesiastical office; Reb Isaiah's father had been Reb Moshe, known as the Sage of Warsaw, and author of *The Sacred Letter*. Reb Moshe's father had been Reb Tobias, the Sztektein Rabbi, and his father had been Reb Moshe, the Neufeld Rabbi. This Reb Moshe had been a disciple of the celebrated Baal Shem. Reb Moshe's father had been Reb Zvi Hirsch, the Zhorker Rabbi.

My paternal grandmother Temerl's roots went even further back.

My father's father, Reb Samuel, had refused for many years to become a Rabbi, and instead had given himself to the study of the Cabala. He fasted often and perspired so profusely when he prayed each morning that his wife had to give him a fresh shirt daily—in those days, an unheard-of luxury. Grandmother Temerl's mother had been a jeweler, supporting her husband, and my grandmother did the same. At that time it was a woman's accepted lot to bear children, cook, run the household, and earn a living—while the man studied Torah. Rather than complain, our grandmothers praised God for providing them with husbands who were scholars. In his later years, when Grandmother was no longer able to earn a living, Grandfather consented to become a Rabbi.

For years, Reb Samuel kept to himself, having made an oath of silence. Grandmother Temerl, on the other hand, mingled with people and was liked by them. She was the daughter of Hinde Esther, to whom the famous Rabbi Shalom Belzer had offered a chair when she came to visit him. Grandmother's most fervent wish was that her children study Torah.

Her eldest son, Isaiah, married, and settled in Rohatyn, Galicia, was wealthy and a devoted Belz Hasid. Two of her daughters had married in Hungary, and one son had died. My father, the youngest son, received all his mother's love and attention. She was pleased with him because he was scholarly and devoted to Jewish ways while other young men were beginning to grow worldly, dressing fashionably, and reading the Hebrew newspapers and magazines that sometimes reached Tomaszow. But none of this affected my father, who continued to wear the traditional long hose and half shoes, a kerchief around his neck, and long sidelocks. His childhood ambition had been to become a saint. At fifteen he had begun writing a commentary, and other boys were wary of him and his dreamy ways, resenting his lack of interest in their games of goat or wolf (or cards on Hanukkah), his superiority and aloofness.

Grandmother had wanted Father—who already grew a red beard at sixteen—to marry young, but old-fashioned young men did not attract wealthy prospective fathers-in-law, and to make things more difficult, Grandmother insisted that the bride came from a family of Rabbis, not merchants. Finally, when my father did become betrothed, his bride-to-be died, and he was called up for conscription. There was nothing worse for a young man of my father's kind than to serve the Tsar, but Grandmother would not permit Father to maim himself and his only recourse was to pray to God.

In those days it was customary to have a drawing at which the recruits with the highest numbers were excused from service. Father drew a high number, thus saving himself even the preliminary embarrassment of stripping before a doctor. For years he referred to the mercy God had thus shown him.

# צו זיידעס און באָבעס

## וועגן מיין מוטערס משפחה

האב איך געוואוסט א סך. אבער מיין פאטער האט זעלטן גערעדט וועגן זיך און זיין אפשטאם, כאטש ער איז געווען א גרעסערער מיוחס ווי מיין מוטער. מיין פאטערס פאטער, ר' שמואל, איז געווען מורה־הוראה אין טאמאשאוו. זיין פאטער, ר' ישעיה קינצקער (קאנסקער?) איז געווען א חסיד, א למדן, אבער נישט קיין כלי־קודש. ר' ישעיה'ס פאטער איז געווען ר' משה חריף פון ווארשע, דער מחבר פון אגרת הקודש. ר' משה חריפ'ס פאטער איז געווען ר' טוביה דער שטעקטשינער רב, און זיין פאטער איז געווען ר' משה, נייפעלדער רב (שדה חדש). דער דאזיקער ר' משה איז געווען א תלמיד פון בעל־שם. ר' משה'ס פאטער איז געווען ר' צבי הירש, דער זשארקער רב.

נאך א ווייטערן יחוס ציט זיך פון מיין באבע טעמערל'ס צד, ר' שמואל'ס ווייב.

פון געציילטע ווערטער האב איך באקומען אן אנונג וועגן מיין פאטער'ס קינדהייט. זיין פאטער, ר' שמואל, האט לאנגע יארן נישט געוואלט ווערן קיין מורה־הוראה. ער האט זיך אפגעגעבן מיט קבלה. ער האט געפאסט תעניתים. ווען ער האט געדאוונט אינדערפרי, איז ער פון דאווגען געווארן אזוי אויסגעווייקט, אז די באבע האט אים יעדן טאג געמוזט געבן א פריש העמד, א זעלטענער לוקסוס אין יענע צייטן. דער באבע'ס מוטער האט געהאנדלט מיט צירונג און אויסגעהאלטן איר מאן. די באבע טעמערל האט געטאן דאס אייגענע. ס'איז געווען ביי אמאליקע יידן אן אנגענומענע זאך, אז א ווייב דארף קינדלען, קאכן, אכטונג טאן אויף דער שטוב און נאך דערצו געבן פרנסה. א מאנסביל דארף לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן. אונזערע באבעס האבן זיך נישט געקלאגט. פארקערט, זיי האבן ביי יעדער געלעגנהייט געלויבט גאט וואס ער האט זיי צוגעשיקט א מאן א תלמיד־חכם. ערשט אויף די עלטערע יארן איז מיין זיידע געווארן מורה הוראה. די באבע האט, ווייזט אויס, מער נישט געקאנט פארדינען אויף דעם שטיקל ברויט.

דער זיידע ר' שמואל איז געווען אינגאנצן אריינגעטאן אין זיך. ער האט אפגעשווינגן די יארן. די באבע טעמערל האט ליב געהאט מענטשן און מענטשן האבן זי ליב געהאט. זי איז געווען א טאכטער פון דער באבע הינדע אסתר וואס ר' שלום בעלזער האט איר צוגעשטעלט א שטול. די באבע טעמערל האט געהאט איין פארלאנג: אז אירע קינדער און אייניקלעך זאלן לערנען תורה.

דער עלטסטער זון, ר' ישעיה, איז געווארן אן איידעם אין גאליציע, אין דער שטאט ראהאטין. ער איז געווארן א נגיד און א שארפער בעלזער חסיד. צוויי טעכטער האבן חתונה געהאט קיין אונגארן. איין זון איז פרי געשטארבן. מיין פאטער איז געווען דער יינגסטער און די מוטער האט אין אים אריינגעלייגט אלע כוחות און א סך ליבשאפט. זי האט פון אים געהאט נחת. ער האט א סך געלערנט און זיך אפגעגעבן נייערט מיט יידישקייט. אין יענע יארן האבן שוין בחורים אנגעהויבן ווערן אביסל קלינעריש. מען האט זיך אביסל געפוצט. קיין טאמאשאוו איז אמאל אריינגעפאלן א העברעאישע צייטונג אדער א זשורנאל. איינצלנע הויכן פון דער השכלה האבן דערגרייכט אהין. אבער מיין פאטער האט נישט געוואלט וויסן פון קיין שום נייע גענג. ער איז ארומגעגאנגען אין שיך־און־זאקן, מיט א פאטשיילע אויפן האלז און מיט לאנגע פאות. ער האט פון קינדוויז אן געוואלט ווערן א צדיק. צו פופצן יאר האט ער אנגעהויבן שרייבן א ספר. די בחורים האבן געקוקט אויף אים קרום. ער איז געווען צופיל בטלן. אויך האט ער נישט געהאט קיין צייט זיך אפצוגעבן מיט די בחורישע שמועסן און זייער שפילן אין קוויטלעך, ציג־און־וואלף, אדער קארטן (חנוכה־צייט). די בחורים האבן געהאט צו מיין פאטער די אייגענע פרעטענזיעס וואס די ברידער צו יוסף'ן. ס'האט זיי אויסגעוויזן, אז ער האלט זיך גרויס, זונדערט זיך אפ, מאכט שטיק פון א בן־יחיד'ל.

די באבע האט געוואלט דער טאטע זאל ווערן פרי א חתן. צו זעכצן יאר איז אים אנגעוואקסן א רויטע בארד. אבער עפעס איז אים נישט געגאנגען אין שידוכים. רייכע יידן האבן מער נישט געוואלט פאר קיין איידעם אזא אלט־פרענקישן בחור. דערצו האט די באבע נישט געוואלט קיין גבירים, נאר רבנים. ווען דער טאטע איז שוין געווארן א חתן, איז די כלה נאך א צייט געשטארבן. דערווייל האט זיך אונטערגערוקט דער פריזיוו. וואס האט געקאנט זיין א גרעסערער אומגליק פאר אזא בחור ווי צו גיין דינען פאניע'ן? אבער מאכן אים א חסרון האט די באבע אויך נישט געוואלט, ווייל ער איז געווען איר ליבלינג. דער זיידע ר' שמואל האט געהאט איין מיטל: בעטן דעם אויבערשטן.

אין יענע יארן איז געווען אזא זאך ווי א „לעגאטע". מען האט געווארפן א גורל און די רעקרוטן וואס האבן געקראגן הויכע נומערן זענען געווארן באפרייט. דער טאטע האט געקראגן א הויכן נומער. ער האט אפילו נישט געדארפט זיך אויסטאן פאר די דאקטוירים, נישט געמוזט ארומגיין א נאקעטער צווישן גויים, שקצים. ער האט אלע יארן גערעדט דערפון ווי וועגן א גרויסן חסד וואס גאט האט מיט אים געטאן.

ערשט ווען דער טאטע איז געווארן באפרייט, האט מען זיך ארומגעזען אז ער איז אן אלטער בחור. ער איז איינגטלעך שוין געווען א באיארטער ייד, נאר אן א ווייב. ווען מען האט אים געזען גיין אין גאס אין שיך־און־זאקן, מיט א היפשע באָרד, לאנגע פאות, מיט א גארטל אויף די לענדן און מיט א קאפל הינטערן סאמעטענעם היטל, — האט מען געמיינט, אז דאס שפאנט אן אלטער חסיד. בחור'ישע נארישקייטן זענען אים נישט געלעגן אין זין. ער איז געווען מיט לייב־און־לעבן אריינגעטאן אין יידישקייט. ער האט זיך געהיט פאר אן איבעריק ווארט. ער האט לאנג געראַוונט. איין זאך האט אים געפעלט: א טלית. יונגעלייט אין געפוצטע שטיוועלער און מיט גאלד־געראַמטע ברילן האבן געמאכט שפאס, אז פנחס מענדל וויל ווערן א רבי, און ס'איז געווען דער אמת. דער טאטע האט געוואלט גיין פון מדרגה צו מדרגה, ווערן אלץ געלייטערטער, אויסגעאיידלטער, ביז ער זאל ווערט זיין צו ווערן א גוטער־ייד. אחוץ גמרא און פוסקים, האט דער טאטע אריינגעקוקט אין חסיד'ישע ספרים און זיך אפילו צוגעכאפט צו א קבלה־ספר.

די באבע טעמערל האט געהאט גרויס נחת, אבער די ציטן זענען מער נישט געווען פאר אזוינע ווענן. אין די רבי'שע הויפן אליין האבן געגרמען בלאזן די נייע ווינטן. רבי'שע טעכטער האבן געלייענט ביכלעך, זיך געקליידט מאדיש, געפאָרן אין וואַרעמבעדער, שפּאַצירט אויף דער פראָמענאַדע, גערעדט דייטשמעריש. דא און דארט האט א רבי'שע שנור אנגעטאן א הוט ווען זי איז געפאָרן קיין אויסלאנד. די רביים אליין האבן געמוזט ווערן טויגערס, זיך אויסקענען אין האנדל, וועלט־זאכן, דאקטוירים, געלטער. דער טאטע איז געווען צופיל בטלן צו ווערן א רבי'שער איידעם. אויך דארט האט מען פארלאנגט א קאפעלע וועלטלעכקייט.

דא האט זיך אונטערגערוקט דער שידוך מיטן בילגארייער רב'ס טאכטער.

דער בילגארייער רב האט געהאט א נאמען אין דער געגנט. מען האט געוואוסט פון אים אין אנדערע געגנטן אויך. פריער איז ער געווען רב אין מאציעוו, נישט ווייט פון קאוועל. נאך פריער איז ער געווען רב אין פוריצק, שעדלעצער גובערניע. דער זיידע איז געווען אן אלטמאדישער רב, זיך געפירט ווי די פארצייטיקע. ווען קיין בילגאריי איז געקומען אמאל א וואנדער־טרופע שפילן טעאטער, האט דער זיידע אנגעטאן דעם טוליפּ, איז אוועק אין דער שאפע וואו מען האט געשפילט טעאטער, און פארטריבן די אקטיארן צוזאמען מיטן פובליקום. בילגאריי איז געווען נישט ווייט פון זאמאשטש און שעברעשין. אין שעברעשין האט געוואוינט דער „אפיקורס" יעקב רייפמאן. זאמאשטש איז געווען א פעסטונג פון די פוילישע משכילים. אבער דער זיידע האט געטאן אלץ וואס ער האט געקאנט נישט אריינצולאזן קיין בילגאריי די השכלה. ס'האבן אים געהאלפן דערביי די אלטע באלעבאטים און אויך די חסידים. די פאר משכילים האבן דעם זיידן געקרוינט מיט אזוינע נעמען ווי פינצטערלינג און פאנאטיקער, אבער מען האט געהאט פאר אים דרך ארץ, און מורא אויך. ער איז געווען הויך, ברייט, שטארק, מיט א פול מויל ציין און א פולן קאפ האר. דערצו האט ער געהאט א נאמען פון א רעכנמייסטער, א בעל־דקדוק, און האט געקאנט מאכן א שארף ווערטל אויך. ער האט געהאט אין זיך די תקיפות פון די פארצייטיקע, און ווי לאנג ער האט געלעבט, איז בילגאריי געבליבן א פרומע שטאט.

ווען מען האט גענומען רעדן דעם טאטן מיט דעם בילגארייער רב'ס יינגסטער טאכטער בת שבע, האט,דער טאטע זיך אביסל געשראקן. אמת, דער בילגארייער רב איז א ייד א צדיק, אבער ער האט געהאט א נאמען פון א האלבן מתנגד. אזוי אריינגעטאן איז ער געווען אין די אלטע פירעכצער, אז דאס חסידות איז געווען פאר אים א שטיק נייקיים, און אלץ וואס איז ניי, איז טריף. דער בילגארייער זיידע האט געהאלטן פון תורה, אבער נישט פון חסיד'ישע ניגונים'לעך, פארן צו רביים, מאכן האוואיעס, קלעטערן אין די עולמות עליונים. ער האט געפירט די שטאט מיט א שטארקער האנט. זיין איינגן הויזגעזינד האט פאר אים געציטערט. דערצו האט ער געהאט צוויי זין וואס זענען געווען צו־קלוג און צו־שארף. פון טאמאשאוו קיין בילגאריי איז נישט ווייט, און מען האט אין טאמאשאוו אלץ געוואוסט. דער טאטע האט מורא געהאט, אז ער וועט זיך נישט אריינפאסן אין דעם דאזיקן שטרענגן הויז.

אבער זיך אפזאגן פון ווערן דעם בילגארייער רב'ס איידעם איז אויך נישט פון די לייכטע זאכן. דער שידוך איז, אפנים, געווען באשערט פון הימל. די מאמע איז דאמאלס אלט געווען איינגאנצן זעכצן יאר און האט שוין געהאט א נאמען מיט איר קלוגשאפט און קענטעניש.

מען האט גערעדט דער מאמען צוויי שידוכים, איינעם פון לובלין, מיט א זון פון א גביר און איינעם מיטן טאטן. דער זיידע האט אריינגערופן די טאכטער אין בית־דין־שטוב און זי געפרעגט וועמען זי וויל בעסער, דעם חתן פון לובלין, אדער דעם חתן פון טאמאשאוו.

— ווער קאן בעסער לערנען? — האט די מאמע געפרעגט.

— דער טאמאשאווער.

און דאס איז געווען גענוג.

אויף די תנאים האט דעם טאטנ'ס משפחה פארשאפט בושות און חרפות דער מאמע'ס משפחה. די באבע טעמערל איז געווען אנגעטאן ווי פאר הונדערט יאר צוריק. איר קאפקע האט געהאט עפעס אזוינע שלייפן, קרעלן און בענדער, וואס מען האט שוין אזוינע אין ערגעץ נישט געזען. אין מיטן דער וואך האט זי געטראגן אן אטלעסענע שובע פון קעניג סאביעסקי'ס ציטן. גערעדט האט זי מיט א געבלי[illegible] לשון וואס איז אויך געווען פון אנדערע ציטן. דער טאטע האט [illegible] אויסגעזען ווי קיין בחור, נאר ווי א מחותן. דער זיידע ר' שמואל האט בכלל געשוויגן. חתן־בחורים זענען געקומען שמועסן מיט מיין פאטער וועגן געוועלבן, הייזער, זייגערס, פורן, שטעט, פאליטיק, אבער מיין פאטער האט נישט געוואוסט פון קיין שום זאך, אויסער גאט'ס דינסט. ער האט נישט געקאנט

It was only after his release from service that Father's family realized what an old bachelor he was—twenty-one! In his long hose, half shoes, sash about his loins, skullcap beneath his velvet hat, full beard, and long sidelocks, he looked like an elderly Hasid. With only one desire—to live as a Jew—he was entirely immersed in piety and had very little to say to anyone. The only item missing from his habit was the prayer shawl worn by married men. Other young men, in their polished boots and gold-rimmed glasses, would joke about Pinhos-Mendel's longing to be a Wonder Rabbi, but this was the truth. Father wanted to purify his soul to such a degree that he would be capable of performing miracles. He would read, besides the Gemara and the Scriptures, Hasidic books and an occasional book of the Cabala.

Although his conduct pleased his mother, it was out of fashion with others. Daughters of rabbinical families read modern books, dressed modishly, visited spas, walked about unchaperoned, spoke "German," and even occasionally wore modern hats.

It was necessary for young Rabbis to know something of practical matters, commerce, and world affairs, and Father was not the kind of son-in-law who would fall into this pattern.

Then a match was proposed with the daughter of the Bilgoray Rabbi, who was well known in the region, having formerly been Rabbi of Maciejew, which is near Kowel, and prior to that, of Purick in the Szedlce province. He was the kind of Rabbi who lived in the past. Once, when a troupe of actors appeared in Bilgoray, he put on his coat, went to the barn where they were performing, and drove them out, along with the audience. Even though Bilgoray was near enlightened Zamoscz and Shebreshin, where the "heretic" Jacob Reifman lived, Grandfather kept Bilgoray to itself, assisted by the town elders and the Hasidim. To the few sophisticates in Bilgoray, Grandfather was a fanatic, a purveyor of darkness, but despite this, he was respected and feared. Tall, broad, and powerful, retaining all his teeth and hair through old age, he was also known as a mathematician and an expert in Hebrew grammar. His command was like that of the ancient leaders, and while he lived, Bilgoray remained pious.

The projected proposal caused Father some anxiety, because, despite the piety of the Bilgoray Rabbi, he was known to be so rooted in the traditional that even Hasidism seemed impure, with its gesticulations, chants, visits to rabbinic courts, and mystic aspirations. He ruled his town despotically; his own household trembled before him. In addition, his two sons were known for their sharp wit. Father was afraid he would not fit in there.

But it wasn't easy to turn down the opportunity. Mother was sixteen at the time, and known for her wisdom and erudition. Two matches had been proposed to her—one with my father and one with the son of a wealthy Lublin family. Grandfather asked whom she preferred.

"Which is the better scholar?" she asked.

"The one in Tomaszow."

That settled it for her. But her family was disgraced during the signing of the Articles, because of the appearance of Father's family. Grandmother Temerl wore a satin dress that would have been stylish a hundred years before, and her bonnet was a mass of knots, corals, and stripes that no one had seen anywhere. Even her manner of speaking was archaic, and Father looked more like a father-in-law than a bridegroom. His father, Reb Samuel, kept silent. My father said nothing to the other betrothed young men, who tried to talk to him about stores, houses, watches, travel, and politics. He knew of nothing but

קיין איין ווארט פויליש אדער רוסיש. ער האט דאמאלס נאך נישט געקאנט אנשרייבן קיין אדרעס. זיין וועלט איז געווען די תורה, דאס דאוונען, די מצוות. אלדאס איבעריקע האט געהערט צום יצר־הרע, די שדים, די רוחות, די לאפיטוטן.

די מאמע איז געווארן געפלעפט ווען מען האט איר געוויזן א ייד מיט א רויטער בארד און מען האט איר געזאגט, אז דאס איר איר חתן. אבער ווען זי האט אים געהערט ריידן אין לערנען מיט איר פאטער, איז זי געקומען צו זיך, און זי האט אים באלד ליב באקומען. די מאמע האט עס מיר אליין דערציילט. ס'איז איר געפעלן וואס דער חתן איז עלטער פון איר מיט פינף יאר. די באבע טעמערל האט דער מאמען געגעבן א מתנה א גאלדענע קייט, וואס איז געווען אזוי שווער, אז מען האט זי נישט געקאנט טראגן אויפן האלז. די דאזיקע קייט איז געווען אפשר צוויי הונדערט יאר. מיידלעך זענען געקומען זי אנקוקן אויף חידושים. זי האט געהאט א ריטשער וואס אזוינע האבן גאלדשמידן מער נישט אויסגעגאסן. ווי וואויל די מאמע איז אלט געווען זעכצן יאר, האט די באבע טעמערל שוין באצייטנס גערעדט מיט איר וואס פאר א גליק עס וועט זיין פאר איר צו זיצן מיטן טאטן אין גן־עדן.

מיין בילגארייער באבע, חנה, איז געווען א שארפע און אביסל א ביטערע. זי האט אין זיך געהאט אן איינגעבוירענעם סקעפטיציזם. זי האט געקאנט אויף איר פרומען שטייגער מאכן צו־נישט זאכן, ארייינזאגן אין דער זיבעטער ריפ. אבער פון מיין באבע טעמערל'ס ליפן האט געטריפט מיט האניק און טייטש־חומש. די באבע חנה איז געווען א שטיקל מרה־שחורה'ניצע. אבער די באבע טעמערל איז געווען פול מיט עפעס א הימלישער פרייד. די באבע חנה האט געזען אין אלין חסרונות, אבער די באבע טעמערל האט נייערט געזען אין אלין גאט'ס וואונדער. מיין באבע חנה האט שוין באצייטנס געוואלט וויסן פון וואס מיין פאטער וועט האבן זיין אויסהאלטעניש נאך די אכט יאר קעסט וואס מען האט אים צוגעזאגט, אבער פאר מיין באבע טעמערל איז דאס געווען א געלעכטער. וואס הייסט פון וואנען מען וועט לעבן? דער אלמעכטיקער שפייזט פון דעם ווילטיר ביז דער מילב. האט נישט גאט געווארפן מן צו די יידן אין דער מדבר? די באבע חנה האט א זאג געטאן:

— דאס איז געווען אמאל, נישט היינט.

—ס'איז דער אייגענער באשעפער — האט געענטפערט די באבע טעמערל.

—היינטיקע מענטשן זענען נישט ווערט אזוינע נסים — האט די באבע חנה געטענה'ט.

— אז מען וויל, קאן מען היינט אויך זיין גוט און פרום — האט די באבע טעמערל זיך נישט געלאזט אראפפלאטשען.

— איין פליג מאכט נישט קא' זומער — איז די באבע חנה געבליבן ביים איריקן.

— די גאנצע וועלט שטייט אויף זעקס און דרייסיק צדיקים... אין זייער זכות לעבן מיר אלע.

אט אזוי בערך האבן ביידע מחותנת'טעס זיך דורכגעשמועסט. דערנאך איז די באבע טעמערל צוריקגעפארן מיטן חתן א גליקלעכע, א שיינענדיקע, פול מיט לויב וואס איר זון איז אריינגעפאלן אין גוטע הענט. דער זיידע ר' שמואל האט געשוויגן. דער בילגארייער זיידע, ר' יעקב מרדכי, האט זיך אומגעקערט צו זיינע ספרים. די באבע חנה איז געווארן נאך אביסל אומעטיקער ווי זי איז געווען. זי האט נעבעך פאראויסגעזען, אז איר יינגסטע טאכטער וועט זיך אפמאטערן א לעבן...

service to God, spoke no Polish or Russian, could not even write his address in the Gentile script. Outside of the Torah and prayer, the world was to him full of evil spirits, demons and goblins.

Mother, when she met her prospective husband, was embarrassed by this man with his full red beard. But when she heard him discuss religious questions with her father, she respected and even admired him. She told me that it also pleased her to have a bridegroom five years her senior. Grandmother Temerl presented Mother with a gold chain so heavy it was barely wearable. It might have been two hundred years old. For months afterwards, Mother was showing it to her girl friends. It had the kind of clasp goldsmiths no longer made.

My maternal grandmother, Hannah, was a bitter, skeptical woman who, without detracting from her piety, could wound profoundly. Grandmother Temerl, on the other hand, was all sweetness and biblical quotations. Where Hannah was melancholy, Temerl was joyous, and where Hannah criticized everything, Temerl exclaimed constantly about the wonders of God. Grandmother Hannah had a premature curiosity about how Father would support his family when his eight board years were over, but Grandmother Temerl insisted lightheartedly that God would provide, as He always had. Hadn't He given manna to the Jews in the desert?

Hannah answered dryly, "That was long ago."

"God doesn't change," Temerl said.

"We're not worth miracles any more," Hannah countered.

"Why not?" Temerl replied. "We can be just as good and pious as our ancestors."

This was more or less the way they talked. Later, convinced that her son's future was in the right hands, Temerl went home happily. Reb Samuel continued to say nothing, the Bilgoray grandfather returned to his books, and Hannah's sense of loneliness increased. She was convinced that her youngest daughter would end up a pauper.

# 25

## נאך דער חתונה

## AFTER THE WEDDING

דער בילגארייער זיידע האט געפירט די שטאט, געהאט א גרויסע משפחה, גע'פסק'נט שאלות, דין־תורה'ס אבער דערביי האט ער זיך עפעס ווי אפגעזונדערט פון מענטשן. אחוץ מיט תורה איז דער זיידע געווען פארנומען מיט די אייביקע קשיות וואס ס'פרעגן אלע פילאזאפן און אלע רעליגיעזע נאטורן. ער האט נישט געקאנט פארטראגן קיין קליינלעכקייט. ווען מען איז געקומען מיט א שאלה אדער א דין־תורה, האט ער גע'פסק'נט, אבער צו זיצן און שמועסן וועגן קלייניקייטן האט ער נישט געהאט קיין צייט און קיין געדולד. אין דער שטאט, ווי אין אלע שטעט, האט זיך געפירט פאליטיק. ס'איז אלעמאל געווען א טועכץ מיט שוחטים, קהל־לייט, ארענדעס, חזקות. ס'זענען געווען אלערליי צדדים און איין צד האט צו־נישט געמאכט דעם אנדערן. אבער דער זיידע האט נישט געוואלט הערן די פוסטע רייד און זיך מישן אין די קליינשטעטלדיקע קריגערייען. ווען מען האט פאר אים גערעדט א ווארט לשון־הרע אדער רכילות, האט ער פארשטאפט די אויערן מיט די לעפלער, ווי עס שטייט אין דער גמרא. ער האט זיך אנגעבייזערט אויך. ער האט געקאנט א רוף טאן צו א חשוב'ן באלעבאס:

— נענוג!...

און דאס איינע ווארט „נענוג" איז יענעם געבליבן אין זכרון. ער האט שוין פארזאגט א צענטן צו קומען צום רב מיט אינטריגעלעך און בארעדענישן. ער איז אויך געווארן דעם זיידן א שונא.

My grandfather, even though he ruled Bilgoray, was not too close to his adherents. Nothing but the Talmud and the eternal questions interested him. Having no time for pettiness or small talk, he gave his legal decisions or religious interpretations of law, and said no more. Gossip and town feuds did not concern him, even though there were always opposing parties trying to destroy each other in the affairs of ritual slaughterers, elders, flour for Passover, Community jobs. As the Talmud says one must close one's ears to gossip, so he did, and in a fit of rage called out warnings, even to prominent citizens, that they must desist.

The citizens, although accepting the warning never to try to involve Grandfather in intrigue, would develop a feeling of hostility toward him.

וויל נעהאַט צוויי קינדער: מיין שוועסטער הינדע אסתר און מיין ברודער ישראל יהושע. דער זיידע האָט געשוויגן. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ ווייניקער האָט ער גערעדט און אַלץ מער האָט ער געטראַכט זיינע פאַרבאָרגענע מחשבות.

מען האָט נישט געגלויבט, אַז דער טאַטע זאָל געפינען אַ רבנות, ווייל אַרום רבנות'ן האָבן זיך געפירט אַלערליי מחלוקת'ן צווישן חסידים.

מען האָט אומעטום געדאַרפט האָבן אַ צד אין שיסל. אָבער מיין פאָטער האָט געפונען אַ פּיצעלע שטעטעלע, לעאָנטשין, ביי דער ווייסל, נישט ווייט פון נאָווידוואָר, זאַקראָטשים און בלויז אַ פּאָר מייל פון וואַרשע. אין דער דאָזיקער העק האָבן טאַטע־מאַמע אָפּגעלעבט צען יאָר. דאָרט איז געבוירן געוואָרן דער שרייבער פון די שורות און זיין ברודער משה, כאָטש פאַרשריבן האָט מען אונז אין דעם שטעטל ראַדזימין.

וועגן לעאָנטשין וועל איך נישט שרייבן, ווייל עס האָט שוין אויספירלעך געשריבן דערוועגן מיין גרויסער ברודער אין זיין ווערק „פון אַ וועלט וואָס איז מער נישטאָ". אָבער איך וויל דאָ געבן אַ פּאָר פאַקטן וועגן ראַדזימין.

ווי איז געקומען דער טאַטע קיין ראַדזימין?

אין ראַדזימין איז געווען אַ רבי. ראַדזימין איז געווען אַ נייע רבי'שע דינאַסטיע. געגרינדעט האָט זי ר' יעקל'ע, וואָס איז אַ צייט געפאָרן קיין פּשיסכע און דערנאָך קיין קאָצק. ר' יעקל'ע איז געווען אַ בעל־מופת. ווייבער זענען צו אים געקומען און ער האָט זיי געגעבן אָפּגעשפּראָכענע מטבעות, שטיקלעך בורשטין וואָס היילן קראַנקהייטן. בחורים וואָס האָבן געדאַרפט שטיין צום פּריזיוו זענען געקומען צו ר' יעקל'ען, און ער האָט זיי „פאַרקויפט" גרינע בילעטן, בלויע בילעטן, ווייסע בילעטן. מען האָט דערציילט, אַז ווען ער ווינטשט־אָן, ווערט אַ מסוכן־שלאָפער גלייך געזונט. טיילמאָל האָט ער נישט אָנגעוואונטשן, נאָר אָנגעשאָלטן, ווייל ער איז געווען בטבע אַ בייזער, און די קללה זיינע האָט נאָך מער געהאָלפן ווי די ברכה. אַ יידענע איז געקומען וויינען, אַז אַ קינד איז איר קראַנק, און ר' יעקל'ע האָט געקאָנט אַ געשריי טאָן:

— לאָז מיך צורו! גיי צו אַלדי שוואַרץ יאָר צוזאַמען מיט דיין ממזר!...

און דאָס קינד האָט גלייך געהאַט אַ רפואה.

ר' יעקל'ע האָט ליב געהאַט געלט, נישט קיין פּאַפּירן־געלט, נאָר קופּער, זילבער, גאָלדענע רענדלעך. דאָס מינץ האָט ער געהאַלטן אין ליימענע טעפּ. חסידים האָבן דערציילט, אַז ס'קומען צו אים מתים ער זאָל זיי געבן אַ תיקון, העלפן זייערע זינדיקע נשמות קומען אין גן־עדן. ר' יעקל'ע פלעגט זיך קלאָגן, אַז דער בוידעם זיינער ברעכט זיך פון נשמות. איינמאָל אין מיטן דער נאַכט איז דער רבי אַראָפּגעפאַלן פון געלעגער. דער שמש, ר' אייזשע, האָט דערהערט דעם קלאַפּ און איז אַריינגעלאָפן. דער רבי האָט געטאָן אַ געשריי:

— ער איז געווען אַ נאַר ביים לעבן און געבליבן אַ נאַר נאָכן טויט. ער ווייסט, אַז איך בין אַ פּחדן — וואָס זשע קומט ער צו מיר אין די תכריכים?...

און דער רבי האָט געהייסן, אַז אין זיין שלאָף־חדר זאָל אַ גאַנצע נאַכט ברענען אַ ליכט.

דער זון, ר' שלמה'לע, האָט לאַנג נישט געלעבט. דאָס אייניקל, ר' אהרן מנחם מענדל, איז געוואָרן רבי. ער האָט גע'ירש'נט פון זיידן אַ גרויס פאַרמעגן, אַ הויף, אַ בית־מדרש, הייזער אין וואַרשע. די ראַדזימינער דינאַסטיע האָט נישט פאַרמאָגט קיין יחוס, אָבער ר' אהרן מנחם מענדל האָט חתונה געהאַט מיטן ביאַלער רבי'נס אַ טאָכטער, וואָס איז געווען איינגעטונקען אין יחוס. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען האָט געפעלט דעם ראַדזימינער דער פּרעסטיזש, וואָס אַנדערע גרויסע רביים האָבן געהאַט. ערשטנס, איז דער עולם געבליבן אַ פּראָסטער: קליינע סוחרים'לעך, בעל־מלאכה'ס, זעגל־יידן. ס'זענען געפאָרן צו אים ווייניק שיינע יידן און רבנים. צווייטנס, איז דער רבי נישט געווען קיין צו־גרויסער למדן. ער האָט געשריבן ספרים, אָבער ער איז געווען שווער אויף דער פּען און מען האָט געמוזט זיינע שרייבעכצער דורכקוקן. ער האָט — אין אַ מאָדערנער שפּראַך — זיך גענויטיקט אין אַ רעדאַקטאָר... ער האָט געעפנט אַ ישיבה, אָבער ער האָט געדאַרפט האָבן עמיצן וואָס זאָל פירן די ישיבה, לערנען מיט די בחורים טאָג־איין־טאָג־אויס אַ שיעור.

אַזוי האָבן די סיבות זיך געקוילערט, אַז מיין פאָטער האָט באַקומען די דאָזיקע שטעלע: פון אַ „לייב־מענטש" ביים ראַדזימינער.

מיר האָבן אויפגעלאָדן די בעבעכעס אויף אַ פור און מיר זענען אַריבערגעפאָרן קיין ראַדזימין. איך בין דאַמאָלט נאָר געווען אַ קינד פון דריי יאָר, אָבער איך געדענק די נסיעה. אַלע יידן זענען געקומען צו אונז זיך געזעגענען. ווייבער האָבן זיך געקושט מיט דער מאַמען. דערנאָך זענען מיר געפאָרן צווישן פעלד, וואַלד, ווינטמילן. איך געדענק בכלל זאַכן פון אַן עלטער וואָס זעלטן אַ קינד געדענקט. איך שעם זיך דאָ צו זאָגן ווי ווייט צוריק מיין געדעכעניש גרייכט.

פונעם וועג געדענק איך אַזאַ מאָמענט: די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס'איז געווען אַ זומערדיקער פאַרנאַכט. דער הימל איז געווען פול מיט פלאַמען, גליענדיקע קוילן, פייערדיקע בעזימער, חיות. פרעש האָבן געקוואַקעט. די לופט האָט געזשומעט, געשפּילט. מיט אַמאָל האָב איך דערזען: אַ באַן מיט רונדיקע וואַגאָנען, ציסטערנעס, וואָס מען פירט אין זיי נאַפט. פריער איז אַנגעפאָרן אַן אומגעהויער גרויסער לאָקאָמאָטיוו מיט דריי ליכטיקע אויגן, ווי זונען; דאַן האָבן די פראַכט־וואַגאָנען זיך גענומען ציען פאַמעלעך, שטומע, פאַרשלאָפענע, מיט אַ נישט־דער־וועלטישער פאַרטראַכטקייט. איך האָב געקוקט אויף דעם אומבאַקאַנטן וועזן און אָנגעהויבן וויינען. די מאַמע האָט אַ זאָג געטאָן:

— נאַרעלע, וואָס וויינסטו? ס'איז אַ באַן...

איך ווייס היינט גענוי וואָס איך האָב דאַמאָלס געזען, אָבער ס'איז געבליבן דער טעם פון אַ מיסטעריע, וואָס קיין שום אויפקלערונגען קאָנען

[illegible]

believed Father would find a rabbinate. He did, nevertheless, in a tiny village, Leoncin, by the river Vistula, not far from Nowy Dwor, Zakroczym, and only a few miles from Warsaw. My parents lived there for ten years and my younger brother Moishe and I were born there, although we were listed officially as having been born in Radzymin. Leoncin, I needn't describe, since my older brother has already done so in *Of a World That Is No More*. But there are a few things I would like to mention about Radzymin.

My father left Leoncin and became assistant to the Radzymin Rabbi as a result of the following events. Radzymin had become the vortex of a new rabbinical dynasty founded by Reb Yekele, a miracle worker, formerly connected with the Hasidic courts of Przyscha and Kotzk. To the women who visited him, he would present charmed coins and pieces of amber that cured illness. Young men would seek his prayers to free them from induction. It was said that his incantations revived those who were dying. It was rumored that his rebukes helped even more than his blessings. When a woman came to him crying about her sick baby, he would shout, "Oh, go to the devil, you and your bastard . . ." And the child would recover immediately.

Reb Yekele loved coins, copper, silver, and gold, which he kept in earthen jars. It was said that even corpses came to him for purification so that they might enter Paradise. He would complain that the transmigrant souls would soon collapse his attic with their weight. Once when he fell from his bed at night and the beadle ran in, the Rabbi cried out, "He's as much a fool dead as alive. Why does he come to me in his shrouds when he knows what a coward I am?" And he ordered a candle left burning in his room all night.

His son, Reb Shlomele, died young, and his grandson, Reb Aaron Menachem Mendel, became Rabbi, inheriting a large estate from his grandfather, a following, a house of worship, and buildings in Warsaw. There was no great heritage attached to the Radzymin dynasty, but Reb Aaron Menachem Mendel married the Bialer Rabbi's daughter, whose lineage was distinguished. Nevertheless, the Radzymin Rabbi lacked the prestige of other great Rabbis; few noble Jews and Rabbis visited his court; and his following was made up of small storekeepers, artisans, and coachmen. Also, he was not an unusual scholar, and the commentaries he had written needed revision. He opened a yeshivah but had no one to direct it and study with the boys.

The position went to my father.

We put our possessions in a wagon and rode to Radzymin, and even though I was only three at the time, I remember the journey. All the Jews in town came to bid us goodbye, and the women kissed Mother. Then we rode through fields, forests, and past windmills. It was a summer evening, and the sky seemed ablaze with blowing coals, fiery brooms, and beasts. There was a buzzing, a humming, and the croaking of frogs. The wagon had halted, and I saw a train, first a large locomotive with three lamps like suns, then freight cars trailing behind in a slow, preoccupied way. They seemed to come from nowhere and to go to beyond the end of the world, where the darkness loomed.

I began to cry. Mother said, "Why are you crying, silly? It's just a train." I know exactly what I saw at that time—a train with oil cars, but there was a sense of mystery about it then that still remains with me . . .

## 26

## קיין ווארשע

## TO WARSAW

דער רבי איז געווען אַ ריזיקער פארשוין הויך, דיק, מיט א געוואלדיקן בויך און א ברייטער געלער בארד. ווען ער האט געדאוונט אין בית־מדרש, האט ער געפּאטשט מיט די הענט, געטופּעט מיט די פיס, געמאכט קולות. שבת ביטאג האט דער רבי געפירט טיש אין בית־מדרש. חסידים האבן געזונגען און דער רבי האט צוגעמאכט די אויגן און געזאגט תורה. איינער פון די רבי'נס שמשים האט אויסגעטאן די שטיוול און איז ארומגעגאנגען אויפן טישטוך אין די זאקן. ער האט געטיילט דעם עולם וויין.

דער רבי האט געהאט א היפּשן הויף. עס איז דא געווען א בית־מדרש, א מקווה, א פלומפּ, א גרויס הויז וואו ס'האט זיך אויפגעהאלטן די יונגע רביצין, דעם ביאלער רבי'נס טאכטער, און א קליין הייזל וואו עס האט געוואוינט די אלטע רביצין, דעם רבי'נס מוטער, וואס איז נישט געווען קיין מיוחסת, נאר א טאכטער פון א שווינגער, אדער א פּאכטער. מען האט געזאגט אויף דער דאזיקער זקנה, אז אין די יונגע יארן האט זי געברענגט פוטער און אייער אין שטאט אריין. אדער אפשר האט מען עס געזאגט אויף דעם זיידן ר' יעקל'עם ווייב?

די אלטע רביצין און די יונגע רביצין האבן געלעבט שלעכט. ערשטנס, זענען שווינגער און שנור סאי־ווי זיך שונאים. צווייטנס, איז די יונגע רביצין שוין געווען צופיל מיוחסת. זי האט זיך אויפגעפירט שיער נישט ווי א פּרינצעסין, אדער א קעניגין. דריטנס, האט די יונגע רביצין נישט געהאט קיין קינדער. וואס איז ארויסגעקומען פון איר שיינקייט, איר קענטעניש, אירע געשליפענע רייד און הויכן יחוס, אז איר טראכט האט נישט געבוירן קיין יורש פאר דער ראדזימינער דינאסטיע? די אלטע רביצין האט אפן גערעדט, אז איר זון דארף אפּ'גט'ן די ביאלער יחסנ'טע און חתונה האבן מיט א ווייב, וואס קאן האבן קינדער. אזוי האט געטענה'ט די אלטע רביצין. אבער דאקטוירים און פּראפעסארן האבן געזאגט אז שולדיק איז נישט די רביצין, נאר דער רבי. פרעמדע חסידים האבן וועגן דעם זיך גע'סוד'עט און געלאכט. די אויפגעקלערטע יונגעלייט אין ראדזימין האבן געזאגט דערוועגן וויצן און די מיידלעך זענען געווארן רויט. מען האט געשמועסט, אז דער רבי גייט קיינמאל נישט אין מקווה צוזאמען מיט אנדערע יידן. ער האט געהאט אן אייגענע מקווה.

איך געדענק ווי מיין מוטער האט מיך מיטגענומען צו ביידע רביצינס. ביי דער אלטער רביצין איז דאס פּנים געווען צעקנייטשט און רויטלעך ווי ביי א מארק־יידענע. ס'איז איר געוואקסן א ווייס בערדל. זי האט געהאט בייזע אויגן און געשמעקט טאבאק פון א טאבאק־פּושקעלע. זי האט מיר געטאן א קניפּ אין בעקל מיט ראציקע פינגער און מיר געגעבן א מירביק קיכל. אנגעטאן איז זי געווען אין א פארצייטיקער שובע און אריינגעקוקט האט זי אין א געלבלעך האלב צעשאטן ספר — א טייטש־חומש. פון דעם ריח פון טאבאק האב איך אנגעהויבן צו ניסן.

גאנץ אנדערש איז געווען די אויפנאמע ביי דער יונגער רביצין. מען איז ארויפגעגאנגען צו איר מיט רויט־געפארבטע טרעפּ. א דינסט אין א ווייסער שירץ האט אויפגענומען, אריינגעפירט אין א סאליע מיט א גלאנציקן דיל, טעפּיכער, פארהאנגען אויף די פענצטער און גאלדיק טאפּעצירטע ווענט. אין שויבן־שענקלעך זענען געשטאנען ספרים מיט גאלד־געליישטע רוקנס און עס זענען געלעגן אלערליי טייערע חפצים פון זילבער, ביין, פּערלמוטער. די רביצין האט געטראגן א שייטל פון זיידענע פעדים. זי איז נאך געווען יונג און שיין. אויגן האט זי געהאט ברוינע, אבער א הויט א ווייסע. אנגעטאן איז זי געווען אין זייד און אין שפּיצן, און הענט האט זי געהאט איידעלע, מיט לאנגע פינגער, און עס האבן אויף זיי געלויכטן איידלשטיינער. די רביצין האט אויפגענומען מיין מוטער מיט א שמייכל, מיט לייטזעליקייט און מיט דער פריינדשאפט פון א מיוחסת, וואס באגעגנט זיך מיט א צווייטער פון איר סגאל. מיר האט די רביצין געגעבן לעקעכלעך און וויין אין א זילבערן בעכערל. עס האט געשמעקט פון דער רביצין מיט גוטע גערוכן. זי האט זיך געפאכעט מיט א פעכער, וואס האט געהאט א ביינערן הענטל און אלע קאלירן פון רעגנבויגן.

פריער האבן ביידע רביצינס גערעדט סתם איידעלע רייד. דאן האבן זיי זיך גענומען סוד'ען, מורמלען, זיפצן. דאן האט די אנדערע רביצין ארויסגענומען א טיכל מיט שפּיצן, אפּגעווישט א טרער. דערנאך האבן זיי ווידער גערעדט פון ספרים און קלוגע ווערטער. מיר האט די רביצין דערביי צוגעטראגן אלערליי נאשערייען און שפּילעכצער. ס'איז מיר געפעלן א פּאטשערקע אויף דער רביצינ'ס שובע, און די רביצין האט גענומען ערגעץ א שערל און מיט אריסטאקראטישער ברייטהארציקייט אפּגעשארן פון איר שובע א גאנץ שנירל פּאטשערקעס און מיר דערלאנגט זיך צו שפּילן.

נישט בלויז די מאמע האט אפּגעשטאט וויזיטן ביי דער יונגער רביצין, נאר אויך דער טאטע. די רביצין האט, אפּנים, געהאט א שוואכקייט צו מיין פאטער. ווען ער איז אריינגעקומען, האט זיך באוויזן אויף איר לענגלעכן פּנים א שמייכל. ברוך־הבא, לעאנטשינער רב! — האט זי א רוף געטאן, און איך האב באקומען פון איר א קוש. זי האט געשמועסט מיטן טאטן תורה און חסידות און אפילו וועלט־זאכן. די רביצין איז אויס־

A HUGE MAN with an enormous belly and great yellow beard, the Rabbi would clap his hands, stamp his feet, and carry on as he prayed. On the Sabbath, the Rabbi ate at the study house, closing his eyes as he recited the Torah. Then one of the beadles would remove his boots and walk over the tablecloth in stocking feet, pouring wine for everyone.

The Rabbi had a numerous following, and his court included a house of prayer, a ritual bath, a large house for the young Rebbetzin, the Bialer Rabbi's daughter, and a small house for the Rabbi's mother.

The young and old Rebbetzins did not get along, because the younger one acted too much the lady and was childless as well. The old Rebbetzin often advised her son to divorce this woman, who despite her beauty, intellect, and eloquence could not produce an heir to the Radzymin dynasty. But it was the opinion of doctors and specialists that this was the Rabbi's fault, and Hasidim from other courts knew about it, and laughed. In Radzymin, enlightened young men made bawdy jokes, at which the girls blushed. It was said that the Rabbi would not bathe with the other men, but had his own private ritual bath.

I remember visiting both Rebbetzins with my mother. Red-faced and wrinkled as a market woman, the old one had a little white beard, angry eyes, and used snuff, which made me sneeze when she pinched my cheek and gave me a crumbling cookie. Wearing a dilapidated cloak, she held a decaying religious book, a woman's Pentateuch.

The younger Rebbetzin was quite the opposite. Ascending a red staircase, we were admitted by a maid in a white apron who led us into a parlor with rugs on gleaming floors, draperies on the windows, and gold tapestries on the walls. In glass bookcases there were leather- and silk-bound books, and objects of silver, ivory, and mother-of-pearl were displayed everywhere. The Rebbetzin's wig was made of silk; she was still young and pretty, brown-eyed and fair, dressed in satin and laces, and wearing precious gems on her long fingers. She received my mother with the graciousness of one aristocrat greeting another, and gave me cake and wine in a silver beaker. She smelled of good things, and the colorful fan she fluttered had an ivory handle.

Their initial polite remarks gave way to whispered secrets and sighs. The Rebbetzin brushed away a tear with a lace handkerchief. She kept plying me with sweets and offering playthings. When I became enthralled with a bead on her cloak, she took a scissors and lavishly removed a whole string of beads for me to play with.

Father too visited the young Rebbetzin, and her unhappy face would break into a smile when she saw him. "Welcome, Leoncin Rabbi," she would say, kissing me. They discussed Torah and Hasidism and even worldly things. She had visited all the foreign spas, knew all the rabbinical courts, and wrote

געלטער. די זין זיינע זענען אנטלאפן פון פריזיור קיין בעלגיע. דארט זענען זיי געווארן בריליאנטן־שליפער און בריליאנטן־שניידער. אבער אזא מאכט האט ר׳ גדליה געהאט איבער זיינע קינדער, אז ער האט געהערשט איבער זיי פון ווארשע. זיי האבן נישט געטארט אליין טאן קיין שידוכים. ער, דער טאטע, האט פאר זיי אויסגעקליבן כלות. ר׳ גדליה האט געהערט, אז דער טאטע האט א טאכטער און ער האט אונטערגעשיקט א שדכן. ר׳ גדליה איז געקומען צו אונז צו גאסט: א הויכער ייד, א דיקער, מיט א ברייטער בארד ווי א פעכער, און מיט א ציגאר אין מויל. ער האט גע־וויזן א פאטאגראפיע פון זיין זון: א שיינער בחור, קורץ געקליידט, אבער מיט א רונדיק בערדל. ער האט דארט, אין אנטווערפן, יעדן טאג געדאוונט, געגעסן כשר, געלערנט א בלאט גמרא — אזוי האט ר׳ גדליה דערציילט. דאס וואס א בחור אין אנטווערפן פארלאזט זיך אויפן פאטער, ער זאל פאר אים אויסקלייבן א כלה, האט באוויזן אז ער איז באמת פרום. ר׳ גדליה איז געקומען צו אונז, ווי אליעזר, אברהם אבינו׳ס קנעכט, וואס האט פארלאנגט רבקה׳ן. די גאנצע זאך האט א שמעק געטאן מיט פאר־צייטיקער ראמאנטיק און מיט געשיכטעס פון מעשה־ביכל.

מיין פאטער האט זיך געקרימט. ווי שיקט מען עפעס אוועק א בת־יחידה איבער די גרעניצן, קיין אויסלאנד? אבער מיין מוטער איז צו־געפאלן צו דעם שידוך. ס׳איז איר אלין שווערער געווארן צו זיין צוזאמען מיט דער דאזיקער עקסצענטרישער טאכטער. מיין שוועסטער האט זיך שוין געהאט אנגענומען צוביסלעך מיט די ניי־מאדישע געדאנקען. זי האט געלייענט יידישע צייטונגען און ביכלעך. זי האט געבענקט נאך א ליבע, נישט א גערעדטן שידוך. זי האט שוין פון צייט צו צייט אנגעטאן א הוט און איז געגאנגען מיט א חבר׳טע שפאצירן אין זאקסישן גארטן. דער עיקר איז, אז מיין פאטער האט נישט געהאט קיין גראשן נדן און ר׳ גדליה האט נישט פארלאנגט קיין נדן.

איך געדענק דעם אוונט ווען ס׳איז פארגעקומען ביי אונז דאס „ווארט": מען האט געשריבן ראשי־פרקים און מען האט אוועקגעשיקט דאס כתב קיין אנטווערפן עקספרעס, דער חתן זאל עס חתמ׳ענען. מען האט ביי אונז אנגעצונדן דעם בליץ־לאמפ. ר׳ גדליה האט א חוץ זין, געהאט היפשע עטלעכע טעכטער, ס׳רוב מיידלעך, וואס האבן געווארט דער ברודער זאל ווערן א חתן ס׳זאל קומען זייער ריי. דער טיש אין דער בית־דין־שטוב איז געווען געדעקט און באלייגט מיט כיבוד, ווי אין פורים. ר׳ גדליה האט גערויכערט א ציגאר אין א בורשטינענעם ציגאר־שפיץ און גערעדט מיטן טאטן תורה. ער האט ארויסגענומען פון א שקעטעלע א גאלדן קייטל און דערלאנגט מיין שוועסטער א מתנה. די מחותנת׳טע איז געווען א דיקע יידענע מיט א הויכן בוזים. די מיידלעך האבן געהאט לאנגע האר. איך האב נאך קיינמאל נישט געזען מיידלעך מיט אזוינע לאנגע האר ווי ביי ר׳ גדליה׳ס טעכטער. ס׳זענען מיטגע־קומען ווייטערע קרובים און גלאט היימישע און גוטע פריינט. מען האט אזויפיל גערעדט וועגן דעם אנטווערפענער חתן און געלויבט זיינע גוטע מדות, אז מיר האט זיך געדוכט דאס איך זע אים צווישן די געסט. מיין שוועסטער איז געווען אין א האפערדיקער לוינע. זי האט זיך געוויטלט, געלאכט, געדאנקט פאר די גוטע ווערטער, די מתנות, די צוזאגענישן, די ווינטשענישן. איך האב געהערט ווי דער טאטע פרעגט:

— וואו וועט זיין די חתונה?

און ר׳ גדליה האט געענטפערט:

— אין בערלין.

— אין בערלין? — האט דער טאטע צוריק געפרעגט, און דער מחותן האט גע׳טענה׳ט:

— האט נישט קיין מורא, מחותן, ס׳זענען אומעטום דא יידן. איך בין שוין געווען אין בערלין נישט איינמאל. ס׳איז אלץ דא: בתי־מדרשים, שטיבלעך, מקוות. מען קומט פון בערלין צום רבי׳ן קיין גור. איך קריג ארוים דארט יעדעס יאר גרויסע געלטער פאר ארץ־ישראל...

— נו, נו, געלויבט השם יתברך.

— אנטווערפן איז גאר יידיש — האט ר׳ גדליה ווייטער גערעדט — ס׳איז דארט אפילו דא א רבי.

— וואס׳ער רבי? נו, אזוי.

— איך בין אפילו געווען אין פאריז און בין ארויפגעפארן מיט א ווינדע אויף א טורעם, וואס גרייכט ביז צו די וואלקנס. כ׳בין געווען ביים פאריזער רב. איך האב פון אים א בריוו.

— טאקע אן אמת׳ער רב?

— א גאון עולם. רעדט פראנצויזיש. א חשוב במלכות...

ווי אזוי א רב קאן רעדן פראנצויזיש און וואוינען אין פאריז, איז געווען א רעטעניש סיי פארן טאטן און סיי פאר מיר. אבער דער טאטע האט זיך אנגענומען ביי דער בארד און געשוויגן. די מאמע איז אויך געזעסן א פארשוויגענע ביים ווייבערשן טיש. מיין מוטער האט נישט געהאט קיין געדולד צו וואכעדיקע רייד, אבער די מחותנת׳טע מיט אירע טעכטער האבן געפלאפלט אן אויפהער וועגן צירונג, קליידער, שיך, שפייז, אלערליי מציאות וואס מען קאן קריגן אין באזארן און געוועלבן. אויך זענען די דאזיקע פרויען געווען אנגעטאן אין מאדישע קליידער, בעת מיין מוטער האט געטראגן א קלייד וואס מען האט איר געמאכט צו דער חתונה.

נאך די ראשי־פרקים האבן גענומען קומען בריוו פון דעם חתן, און געשמעקט האבן די דאזיקע בריוו מיטן דייטשמעריש פון בריוונשטעלער. מיין שוועסטער האט זיך באנוצט מיט איר אייגן לשון, און דאס איז געווען צום ערשטן מאל ווי אין אונזער משפחה האט אויפגעלויכטן א

with a fan-shaped beard and smoking a cigar, he showed us a photograph of his son, a handsome young man with a rounded beard but dressed in modern clothes. In Antwerp, where his son lived, Reb Gedaliah told us, he prayed daily, ate only kosher food, and studied the Talmud. Proof of his piety was the fact that he had let his father choose a bride for him. Like Eliezer, Abraham's slave, who had come to take Rebecca to Isaac, Reb Gedaliah came to us.

My father frowned, worried about sending his only daughter beyond the frontier. But Mother was pleased; it had become increasingly difficult to live with this erratic girl. My sister, who had already acquired some modern ideas, and read Yiddish newspapers and books, longed for a romance, not an arranged marriage. Sometimes she would put on a hat and walk with her girl friends in the Saxony Gardens. What decided things was that my father had no money for a dowry and Reb Gedaliah did not demand one. I remember the evening when, in our brightly lit apartment, the preliminary arrangements were written up and sent by express to the prospective bridegroom in Antwerp for his signature. In my father's study the table was set with refreshments, as though it were Purim. Smoking a cigar in an amber holder, Reb Gedaliah discussed Torah with my father. Then he presented my sister with a golden chain which he took from a jewelry box. His wife was a stout, large-bosomed woman, and his daughters had extraordinarily long hair. The daughters had to wait for this son to marry before they could take their turn. There was so much talk of the prospective bridegroom that I felt as if he were there. In an optimistic mood, my sister blushed, laughed, and thanked everyone for the presents, compliments, promises, and good wishes.

I heard Father ask where the wedding would be, and Reb Gedaliah answered, "In Berlin."

Father was astonished, but Reb Gedaliah said, "Don't worry. There are Jews everywhere. I've been to Berlin several times, and it has everything you'd want, houses of prayer, study houses, ritual baths. Berliners visit the Rabbi of Gur, and they are very generous in their donations."

"Praised be the name of God . . ."

"Antwerp," Reb Gedaliah continued, "is very Jewish too. I've been to Paris as well, and rode an elevator up a tremendous tower. I spoke to the Paris Rabbi, a genius. I have a letter from him. He speaks French."

Both Father and I were astounded that a Rabbi could speak French and live in Paris. But Father only clutched his beard silently, and Mother too was quiet at the women's table. She had no patience for their small talk about jewelry, clothes, shoes, food, and bargains. In contrast to these stylish women, my mother wore a dress that had been made for her wedding.

Following the sending of preliminary contracts, letters in a German Yiddish began to arrive from the groom-to-be. In my sister's answering letters, the first literary spark in our family became apparent. She wrote long, intelligent, even humorous

letters, of which my father was unaware, but my mother was amazed that her daughter had acquired such command of words. How had it come about? Hinde Esther had only a little while before arrived from Leoncin and Radzymin. My mother herself was a marvelous storyteller, but not much of a writer. Her own letters all followed a formula and were brief.

Other strange and unexpected things began to happen at home. While still attending the study house, my brother Israel Joshua was beset with an urge to draw. Surreptitiously, he bought paper, pencils, charcoal, and paints, and began to paint landscapes, trees, flowers, cows, peasants, and huts with straw roofs and smoking chimneys. He also concealed from Father a Russian grammar textbook and Yiddish books, which he called "literature." He told us that in Palestine there were colonies where young Jews plowed the earth and herded sheep as in King David's time, and that in Russia there were revolutionaries planning to overthrow the Tsar and abolish money. In America, he said, there were millionaires richer than Rothschild, who had to be guarded against criminals called "The Black Hand." Everything he said was imbedded in my brain. Closing my eyes, I saw shapes and colors that I had never seen before, which kept shifting into new designs and forms. Sometimes I saw a fiery eye, brighter than the sun and with a weird pupil. To this day, when I try to do so, I can still see this radiant eye. My memory of those days is full of visionary flowers and gems. But at that time the visions were so numerous that sometimes I could not get rid of them.

A worldly excitement swept through our house as a result of my sister's engagement. A trousseau was prepared, the mother-in-law engaging tailors from the better streets, while Father borrowed money from a loan company. Our apartment was filled with silk, velvet, plush, pleated dresses, tape measures, and bed linen. Although usually in a good mood, my sister would sometimes become upset, telling my mother, "You're sending me away because you hate me!"

"Woe is me, you're driving me crazy!"

"It's true."

"Look. I'll call off the wedding!"

"No. I'd rather go into exile. I'll disappear. You won't know what happened to my remains. . . ."

Before Mother could answer, my sister laughed and fainted, but she always did so in such a way that she would not get hurt. She swooned, blinked, and smiled. Yet, even though she seemed to be pretending, it was all terribly real.

I, too, was affected by modern ideas. I even began to write, in my own fashion. Taking sheets of paper from my father's drawer, I covered them with scribbles and freakish sketches. I was so eager to indulge in this infantile writing that I could scarcely wait for the Sabbath to terminate so that I could get back to it.

Mother, observing me, would say, "What do you think you're doing? Normal children don't act that way."

ליטעראַרישער פונק. מיין שוועסטער האט געשריבן לאנגע און קלוגע בריוו, און אפילו מיט הומאר. מיין פאטער האט פון דער דאזיקער קארעספאנדענץ נישט געוואוסט, אבער מיין מוטער איז געווארן געפלעפט. וואו האט די דאזיקע טאכטער אירע גענומען אזוינע ווערטער, אזא לשון? פון וואנען ווייסט זי די אלע זאכן? זי איז דאך ערשט נאר וואס געקומען פון לעאנטשין און ראדזימין. מיין מוטער אליין האט וואונדערלעך געקאנט דערציילן א מעשה, אבער זי איז געווען א קנאפע שרייבערין. אלע אירע בריוו זענען געווען קורץ און מיטן אנגענומענעם נוסח.

יא, עפעס איז די שטוב אונזערע פול געווען מיט אומגעריכטע זאכן, מיט אויסטערלישע רייד און טועכצער. מיין ברודער ישראל יהושע האט נאך געלערנט אין שטיבל, אבער ער האט מיט אמאל באקומען א געלענק צו צייכענען און מאלן. ער האט שטילערהייט, דער טאטע זאל נישט וויסן, געקויפט פאפיר, בלייפעדערס, קויל, פארבן, און גענומען מאלן לאנדשאפטן: ביימער, בלומען, קי, פערד, פויערים, כאטעס מיט שטרוידעכער און רויכערנדיקע קוימענס. ער האט געבראכט אהיים א רוסישע גראמאטיק און ביכלעך אזוינע אויף יידיש, וואס ער האט באהאלטן פון דעם טאטן. ער האט געזאגט, אז דאס איז ליטעראטור. ער האט דערציילט, אז אין ארץ־ישראל האט מען אויפגעבויט קאלאניעס און יונגעלייט אקערן די ערד און פאשען שאף ווי אין דוד המלכ'ס ציטן. ווידער אין רוסלאנד זענען דא רעוואלוציאנערן וואס ווילן אראפוואפן דעם קייסער און אפשאפן געלט. אין אמעריקע זענען פאראן מיליארדערן וואס זענען רייכער פון ראטשילד'ן און מען מוז זיי היטן פון באנדיטן אזוינע, וואס רופן זיך „די שווארצע האנט". יעדעס ווארט וואס ער האט ארויסגערעדט, האט זיך גלייך איינגעקריצט אין מיין מוח. מיין איינענע פאנטאזיע האט געמאלט בילדער אזוינע, וואס מען קאן נאר זען אין חלום. ווען איך האב צוגעשלאסן די אויגן, האבן זיך גענומען שיטן און גיסן קאלירן און פיגורן וואס איך האב קיינמאל נישט געזען אויף דער וואר. די געשטאלטן האבן זיך געענדערט יעדע סעקונדע, אנגענומען אלץ נייע פארמען. טיילמאל האב איך געזען א מין פייערדיק אויג. ס'איז געווען ליכטיקער פון דער זון און אין מיטן האט עס געהאט א סארט שווארצאפל נישט־פון־דער־וועלט. דאס דאזיקע אויג זע איך ביז היינט צו טאג ווען איך מאך אן אנשטרענגונג. ס'זענען מיר געבליבן פון יענע יארן רעשטלעך פון אויספאנטאזירטע בלומען, איידלשטיינער. אבער דאמאלס זענען די וויזיעס מיך באפאלן ווי פייערדיקע היישעריקן און איך האב מיך אפט נישט געקאנט פון זיי באפרייען...

דאס טאן א שידוך מיט דער שוועסטער האט אריינגעבראכט אין שטוב א שטיק וועלטלעכע בהלה. מען האט געדארפט צוגרייטן דער שוועסטער אן אויסשטייער וואס זאל פאסן פאר אויסלאנד. די מחותנת'טע האט צוגעשאנצט שניידערס פון „יענע גאסן". דער טאטע האט געבארגט געלט אין א לייַ־קאסע און אין אונזער שטוב האט זיך באוויזן זייד, סאמעט, פליוש, קליידער מיט פאלדן און טאשמעס. מען האט געמוזט מאכן בעטגעוואנט. מיין שוועסטער איז מערסטנס געווען אין א געהויבענער שטימונג. אבער טיילמאל איז איר באפאלן א פארדרוס און זי האט א זאג געטאן צו מיין מוטער:

— דו פארשיקסט מיך קיין אויסלאנד, ווייל דו האסט מיך פיינט!...

— ווי איז מיר, דו נעמסט מיך אז ביי דער זיבעטער ריפ!

— ס'איז דער אמת.

— אויב דו ווילסט, קאן איך גלייך אפלאזן דעם שידוך! — האט די מאמע גע'טענה'ט.

— ניין. כ'וויל שוין בעסער אוועק אין גלות אריין... כ'וועל ווערן פארשטויסן... וועסט נישט וויסן וואו מיין געביין איז אהינגעקומען...

די מאמע האט געוואלט ענטפערן, נאר מיין שוועסטער האט געטאן א לאך און איז געפאלן חלשות. געפאלן איז זי אלעמאל אזוי אז זי האט זיך נישט געטאן קיין שאדן. זי האט גע'חלש'ט, געפינטלט מיט די וויעס, געשמייכלט, און אויף די באקן אירע האבן זיך צעשפילט אזוינע יונגמיידלשע פארבן. עס האט זיך געדוכט, אז זי מאכט זיך, אבער ס'איז געווען טראגיש־אמת.

זי איז אויפגעקומען פון דער אוממאכט און זיך אוועקגעזעצט פאנטאזירן אויפן קול וועגן דער בערלינער חתונה און דער נסיעה קיין אנטווערפן. די מאמע האט באשטעלט ביי א פריזירערין פאר דער שוועסטער צוויי שייטלען: איינס א שבת'דיקס און איינס א וואכעדיקס, אבער די שוועסטער האט מיר איבערגעגעבן א סוד: אין בעלגיע וועט זי די שייטלען נישט טראגן. זי וויל זיך נישט שיידן מיט אירע שאטינע האר. איך ביז געווען מאדנע שטאלץ מיט דעם דאזיקן צוטרוי פון דער עלטסטער אין דער משפחה און איך האב ערגעץ־וואו מסכים געווען דערמיט, אז די איינענע האר זענען שענער ווי א שייטל.

די „נייע אידייען" האבן זיך פאר'גנב'עט אויך צו מיר. איך האב אפילו אנגעהויבן „שרייבן". שרייבן האב איך, פארשטייט זיך, נישט געקאנט. אבער איך האב ארויסגענומען פון טאטנ'ס שופלאד שניצלעך פאפיר און זיי באדעקט מיט אלערליי שמירעכצער, מענטשעלעך, פארזעענישן. איך האב באקומען אזא באגער צו דעם דאזיקן קינדישן שרייבעכץ, אז דער שבת איז געווארן פאר מיר א לאסט. איך האב שוין געהאפט דער טאטע זאל שוין מאכן הבדלה און איך זאל זיך שוין קאנען ווידער נעמען צו דער שרייבערשער מלאכה...

די מאמע פלעגט א קוק טאן און זאגן:

— וואס פאטשקעסטו, הא? באליטן קינדער זענען מענטשן און מיינע קינדער קריכן אויף די גלייכע ווענט...

אוים מורא נישט באפאלן צו ווערן פון די דאזיקע „פלאסעס", וואס האבן קיינעם נישט געשוינט און זענען קאפאבל געווען ביי א יידענע אראפצורייסן דאס שייטל פון קאפ, אויב מען האט זיך מיט זיי געדונגען. ווי נאר א קונה'טע איז צוגעקומען און נאך איידער זי האט געפרעגט אויף א פרייז, האט די גענדזלערין געקאנט א רוף טאן:

— ס'איז דען א גאנדז? ס'איז א קאלב, טאטע פאטער אין הימל. ס'גיסט זיך דערפון ס'שמאלץ, צעגאסן זאלן ווערן אונזערע שונאים ווי וואקס. אויב עצ'ט נישט האבן פון דער גאנדז א גאנצע וואך פלייש, זאל יאך קריגן א בראנד אין די קישקעס, א מאלעיר אין הארץ, כ'זאל נישט דערלעבן חתונה צו מאכן מיין יינגסטע טאכטער. א שווארצע חופה זאל מען איר שטעלן, טאטע פאטער אין הימל! כ'פארדין דען ביי ענק? אויסקרענקען זאל יאך יעדן גראשן וואס כ'פארדין. כ'לייג־צו, אנישט זאל מען מיר לייגן שערבלער אויף די אויגן. מ'האט מיר אנגעבאטן מיט א רובל מער, עין זאלט אזוי לעבן מיט מיר צוזאמען, נאר ס'איז דאנערשטאג און כ'וויל ניש' בלייבן ליגן מיט דער סחורה ביז איבער שבת. ביי מיר ליגט ניש' פלייש אויף אייז, ליגן זאלן אונזערע שונאים אין דר'ערד, מכות און פאכירן אויף זייערע קעפ, אויף זייער לייב־און־לעבן — — — —

און אזוי האט זיך דאס מענה־לשון געדרייט און געקוילערט. טייל גענדזלערינס זענען געווען ממש מייסטערינס פון שפראך. זיי האבן געשאפן ווערטער, באגריפן. אויך האבן זיי די קללות און שבועות צוגעפאסט צו דער צייט, צום סעזאן. פאר הושענא רבה האט מען געוואונטשן א שווארץ קוויטל, פאר ראש־השנה און יום־כיפור — א גזר־דין, א שווארצע חתימה, אפגעהאקטע יארן. ר' יוסף מאטעס'עס ווייב איז געווען איינע פון די דאזיקע סוחר'טעס און יענע וואס האבן זי געקאנט, האבן פארזיכערט, אז זי האט זיך ניט צו שעמען פאר די אנדערע. פארקערט, זי האט א פיסק אויף שרויפן, וואס איז אפילו אין יאנאש'ס הויף נישט לייכט צו געפינען.

נו, און די דאזיקע שרייערין און שילטערין איז געווען ר' יוסף מאטעס־עס ווייב. פארדינט האבן די גענדזלערינס גרויסע געלטער און ר' יוסף מאטעס'עס האט א גוטע העלפט דערפון אוועקגעגעבן אויף צדקה. ער האט געהאט דריי קינדער: עקיבא, פינחס און א טאכטער, וואס האט געהאלפן דער מוטער ביי די גענדז. ר' יוסף מאטעס'עס האט זיך גענומען אן איידעם ישראל יהושע, א זיירענעם יונגערמאן, וואס איז אפגעלעגן גאנצע וואכן און חדשים אין ראדזימין און געהאט איין טועכץ: יידישקייט. די מאנסלייט אין דער דאזיקער משפחה האבן נישט געטאן קיין האנט אין קאלט וואסער. אלץ וואס די ווייבער האבן פארדינט, האבן זיי אויסגעגעבן.

ר' יוסף מאטעס'עס טאכטער האט געהאט א חסרון: זי האט געבוירן טויטע קינדער. יעדעס יאר האט דער ראדזימינער רבי צוגעזאגט א לייכט האבן און א לעבעדיקן בן־זכר, אבער יעדעס יאר האט די אקושעריון אפגענומען א טויט קינד. דאקטוירים האבן געהאלטן, אז מען מוז מאכן דעם ווייבל אן אפעראציע. נישט בלויז געבוירט זי טויטע קינדער, נאר איר אייגן לעבן איז אין געפאר. מיט יעדן געבורט ווערט די סכנה אלץ גרעסער. ר' יוסף איז יעדעס מאל אוועק קיין ראדזימין פרעגן אן עצה, אבער דער ראדזימינער האט יעדעס מאל געהאט דעם אייגענעם ענטפער:

— כ'האב פיינט א מעסער!

אין איינעם א יאר האבן די ווארשעווער גינעקאלאגן זיך אפגעזאגט אפצונעמען ביי דער געווינערין דאס קינד. זיי האבן איר געהייסן פארן קיין אויסלאנד, דוכט זיך — קיין ווין. די גאנצע זאך איז געווען א קלאפ פאר ראדזימין, ווייל ס'האט אויסגעזען זיכער, אז מען וועט דארט, אין אויסלאנד, מאכן דער קינפעטארין אן אפעראציע. מיט אמאל איז אנגעקומען א טעלעגראמע, אז זי האט געבוירן א לעבעדיק יינגעלע. אזוי גיך איז נעקומען אט די דעפעשע, אז עס איז קלאר געווען דאס מען האט נישט געהאט קיין צייט צו מאכן קיין אפעראציע.

ר' יוסף האט גלייך געמאכט א סעודה און דער שרייבער פון די שורות האט ביינגעוואוינט די דאזיקע סעודה, וואס איז פארגעקומען חול המועד פסח. איך נעם זיך דא נישט אונטער צו באשרייבן די טענץ, די געזאנגען, די ווייגען און מעדן, וואס מען האט געטרונקען, און די אלע גוטע זאכן וואס די דינסט און אירע ארויסהעלפערינס האבן צוגעגרייט פאר דעם עולם. איך געדענק בלויז ווי ר' יוסף איז ארויף אויפן טיש מיט א ריזיק באבעלע אין דער האנט און געטאן א רוף:

— יידן, דאס איז בבא קמא (דאס ערשטע באבעלע).

די חסידים זענען באפאלן ר' יוסף'ן און צעריסן דאס באבעלע אויף פיץ־פיצלעך.

— יידן, דאס איז בבא מציעא (דאס מיטלסטע באבעלע!)

די חסידים האבן עס גלייך צעפליקט אויף טויזנט חלקים.

— און דאס איז בבא בתרא (דאס לעצטע באבעלע)!...

אין ווייניקער פון א רגע איז דאס באבעלע געווארן גארנישט.

אין מיטן דער דאזיקער שמחה איז אנגעקומען אין שטוב א גוי מיט א קריינדל אויפן היטל און מיט געגילדטע קנעפ. עס איז געווען א פאסט־טרעגער וואס ברענגט עקספרעס־בריוו, אדער רעקאמענדירטע פאסט. ער האט געבראכט א בריוו פון ווין. ר' יוסף איז אראפ פון טיש, גענומען דעם בריוו, געגעבן דעם גוי א פאר קאפיקעס, צוריק ארויף אויפן טיש, און גענומען לייענען אויפן קול די מעשה מיט דעם מופת פון ראדזימינער. אבער וואס לענגער ער האט געלייענט, אלץ צעמודערטער איז ער געווארן. ער האט גענומען איינשלינגען ווערטער, זיך פארהאקן און פארהיקען. די באָרד האט זיך ביי אים גענומען ווארפן. דאס קול איז אים געבליבן שטעקן אין האלז. געשען איז אט־וואס: מען האט די טאכטער געבראכט

making a sale were indispensable to their business. My mother, therefore, was afraid of having anything to do with them. They were capable of tearing the wig off a housewife who dared to haggle. Even before a customer approached to ask the price, a dealer might begin this kind of soliloquy:

"You think this is a goose? God in heaven, it's a calf! Look how the fat pours off—our enemies should only melt from envy. If this goose doesn't feed you for a week, may I get a fire in my belly, a heart attack; I shouldn't live to marry off my youngest daughter—dear God, she should stand beneath a black canopy! You think I'm making money from you? For every groschen profit you give me, I should get a plague. If I'm not losing money, let them put shards on my eyes. Someone offered me a ruble more, we should both live so long, but it's Thursday and I don't want to be stuck with the bird over the Sabbath. I don't keep meat on ice—may our enemies lie on the ground with boils and blisters on their heads, and poison in their blood . . ."

Some of the goose dealers were masters of the language, creating words and similes and adjusting their curses to fit the time of year. For the Great Hosanna they would wish the black seal, for Rosh Hashanah and Yom Kippur a death verdict. Reb Joseph Mattes's wife was one of the goose dealers whose mouth, even in Yanash's court, couldn't be matched.

A loud-mouthed shrew, she earned a fine living, and her husband, who never entered the store, gave half of it to charity. Of her children, the daughter assisted her mother in the goose business, and the daughter's husband, a delicate young man, spent his time being Jewish, and often visited Radzymin for months. In that family the men all studied the Talmud and the women provided for them. But there was one tragedy: the daughter's children were all stillborn, despite annual promises from the Radzymin Rabbi that she would deliver a living male child. It was the opinion of doctors that she needed an operation, for her own life was endangered more with each stillbirth. Whenever Reb Joseph asked the Radzymin Rabbi for advice, he would answer, "I hate the knife!"

Finally, one year, the Warsaw obstetrician refused to deliver the child and advised the woman to go abroad, to Vienna. This meant she would have an operation—a great blow to the Radzymin court. But soon after her departure a telegram came saying that she had borne a living child. The telegram had come so quickly that it was assumed there had been no time to operate.

It was during the Passover holiday, and Reb Joseph had a party, which I attended. There was dancing, singing, wines, and mead, and innumerable delicacies served by the maid and her assistants, but what I remember best is Joseph Mattes climbing on a table, holding a huge matzoth pancake, and shouting, "Jews, this is the first chapter!"

The Hasidim tore the pancake into pieces. "This is the second chapter!"

The Hasidim tore it into shreds. "This is the third chapter!"

In less than a second, the pancake became nothing.

In the midst of the celebration, a Gentile letter carrier wearing an official's cap and brass buttons on his uniform entered with a special-delivery letter from Vienna. Reb Joseph climbed down, gave the man a few kopecks' tip, and climbed back to the table to read aloud what he supposed was a description of the Radzymin Rabbi's miracle. But the longer he read, the more distracted he grew, swallowing words, stammering, pausing. His voice caught in his throat, his beard tossed.

What had happened was that as soon as his daughter was admitted to the Vienna hospital she was operated on because both she and the child were in danger. Only because of the operation had she borne a living child.

I have seldom witnessed anything more dramatic. The celebration came to a halt, and the Hasidim stood there with disheveled beards, gaping eyes, and pale faces. The entire

קיין וויז, און אזוי ווי מען האט זי אריבערגעפירט אין דער קליניק צו די פראפעסארן, האבן זיי גלייך איר געמאכט אן אפעראציע, וואָרים נישט בלויז דאס קינד, נאר אויך די קינפעטארין איז געווען אין א געפאר. א דאנק דער דאזיקער אפעראציע האט ר׳ יוספ׳ס טאכטער געבוירן א לעבעדיקן בן־זכר. געשריבן דעם בריוו האט די מוטער, די גענדזלעריז, אדער עמיץ האט פאר איר געשריבן.

עס איז געווען איינער פון די סאמע דראמאטישסטע מאמענטן וואס דער שרייבער פון די שורות האט איבערגעלעבט.

אן עולם יידן איז געבליבן שטיין מיט צעשויבערטע בערד, ארויסגעבאלטע אויגן, בלאסע פנים׳ער. די שמחה איז געווארן פארשטערט. דאס גאנצע ראדזימינער חסידות האט זיך געטאן א וואקל, ווייל דער נס איז שוין געווארן פארשפרייט צווישן אלע חסידים און מען האט גערעדט דערוועגן אין אלע ווארשעווער חסידים־שטיבלעך.

מיט אמאל האט ר׳ יוסף געטאן א געשריי, ווי נישט מיט זיין קול:

— יידן, אויב אזוי איז דאס נס נאך גרעסער!...

און ער האט גענומען טאנצן אויפן טיש און טופען מיט די פיס מיט אזא כוח, אז דער טיש האט גענומען זיך ברעכן אונטער זיינע שטיוול. גלייך דער עולם וואלט נאר געווארט אויף דעם דאזיקן ציכן, איז געווארן א טאנצעניש, א האפסעניש, און א געזאנג האט זיך ארויסגעריסן פון אלע העלזער. ס׳האט ארומגענומען די חסידים עפעס אזוינס ווי א היסטעריע, אדער א משוגעת. דער שטן האט געהאט אפגעטאן א שפיצל, אבער ראדזימינער חסידים האבן נישט בדעה געהאט זיך צו לאזן פאנגען אין זיין נעץ. אלץ איז יענעם טאג געווען קעגן ראדזימינער חסידות — דער שכל, די פאקטן, די מתנגדים, די אפיקורסים, די פרעמדע חסידים, די שונאים. ראדזימין האט געהאט באקומען א וויסטע מפלה. אבער צו־להכעיס די שונאים, צו־להכעיס די אפשפעטער, די חוזק־מאכער, די באַרעדער, די בייזע צינגער, — האבן די ראדזימינער חסידים געוויזן, אז זיי האבן נישט פארלארן די אמונה אין זייער צדיק. דער וועלט אויף צעפיקעניש האבן זיי פארוואנדלט די מפלה אין א נצחון. איך האב שפעטער מיט יארן געזען פארטיי־לייט טאן דאס אייגענע. אזוי אויסדרייען די פאקטן, אזוי צעקריפלען די לאגיק, אז דער דורכפאל איז כלומר׳שט געווארן א זיג. אבער דאמאלס איז דאס געווען פאר מיר א נייעס. איך בין געשטאנען א צעטומלטער און עפעס נישט געגלויבט די אייגענע אויגן. איך האב שוין געהאפט די טענץ און די געשרייען זאלן אויפהערן און איך זאל קאנען רעדן דערוועגן מיטן טאטן. אבער די שמחה האט זיך ערשט ווי אנגעהויבן פונסניי. מען האט געבראכט נייע ווייגען, פרישע מעדן. מען האט פונסניי גענומען מאכן אין סיך באבעלעך און כרעמזלעך. חסידים האבן זיך אנגע׳שיכור׳ט, געטאנצט, זיך געשאקלט, זיך באגאסן מיט שוויס. טייל זענען געווארן פון שרייען שטאק־הייזעריק. ר׳ יוסף האט מער נישט געקאנט שרייען, אבער ער האט זיך געשאקלט, געמאכט מיטן מויל, געהויבן די הענט. אלע פנים׳ער, אלע תנועות האבן אויסגעדריקט דעם מיין: מיר זענען געווען ראדזימינער חסידים און ראדזימינער חסידים וועלן מיר בלייבן!

די נייעס האט זיך פארשפרייט בליץ־שנעל איבער ווארשע. די גורער חסידים, די אלעקסאנדראווער, די פולאווער, די סאקאלאווער האבן געהאט פון וואס צו רעדן און צו לאכן. מען האט געכיכעט אין די פויסטן. מען האט זיך גערייצט מיט די ראדזימינער חסידים און געמאכט פון זיי אש־און־בלאטע. קיין כוח אפצוענטפערן און זיך אריינצולאזן אין פּשטלעך האבן די ראדזימינער חסידים נישט געהאט. אבער צו וואס זיך אויס׳טענה׳ן מיט שונאים? צו וואס אפענטפערן יענע, וואס פרייען זיך מיט יענעמ׳ס שאדן? אין די ראדזימינער שטיבלעך האט מען קיין קשיות נישט געפרעגט און נישט געטארט פרעגן. צו דער לויב פון ראדזימינער רבי׳ן מוז איך דא זאגן, אז ער איז אויף זיין אייגענעם שטייגער געבליבן אויסגעהאלטן און באוויזן, אז ער קאן צאלן א הויכן פרייז פאר זיין גלויבן, אדער — עקשנות. ווען דער רבי איז מיט א סך יארן שפעטער געווארן שלאף און אלע דאקטוירים האבן געזאגט, אז ער מוז האבן אן אפעראציע, ווען נישט וועט ער שטארבן — איז דער רבי געבליבן ביים זייניקן, אז ער האט פיינט א מעסער. ער איז געשטארבן אין גרויסע יסורים, א קעגנער פון כירורגיע.

איך געדענק נישט צי מיין ברודער, ישראל יהושע, איז געווען אויף דער דאזיקער אויסטערלישער סעודה, אבער ער האט זיכער געוואוסט וואס דארט איז פארגעקומען, און זיין גלויבן אין חסידות איז דערפון נישט געווארן שטארקער. מיין פאטער האט, ווי אלעמאל נעפרואווט פארענטפערן דעם רבי׳ן. ער האט גע׳טענה׳ט:

— מען קאן זיין א צדיק און נישט באווייזן קא׳ מופתים.

אבער מיין מוטער האט א זאג געטאן:

— א נאר קאן נישט זיין קיין צדיק!

— רעד, רעד, מאכסט א תל פון די קינדער! — האט דער טאטע זי געווארנט.

— כ׳וויל, מיינע קינדער זאלן גלויבן אין אויבערשטן, נישט אין א שוטה — האט די מאמע צוריקגעענטפערט.

— היינט מאכן זיי חוזק פון ראדזימינער, מארגן וועלן זיי, חלילה, אויסריידן אויף דעם בעל־שם! — האט דער טאטע געטאן א רוף.

דער טאטע איז געווען גערעכט. מיין ברודער ישראל יהושע איז נאך געגאנגען א לאנגע קאפאטע, אבער ער האט זיך אלץ מער אפגעגעבן מיט מאלעריי, מיט ביכער. ער האט געפירט מיט דער מאמען לאנגע וויכוחים. ער האט איר דערציילט וועגן קופערניק׳ן, דארווינ׳ען, ניוטאנ׳ען. מיין מוטער האט געהאט געלייענט וועגן די ענינים אין ספר־הברית. זי האט

Radzymin court was about to totter. All the Hasidim in all the Warsaw study houses already knew of the supposed miracle.

Suddenly Reb Joseph called out, "Jews, don't you see—this is an even greater miracle!"

And beginning to dance, he stamped his feet so vigorously that the table cracked beneath his weight. As if the crowd had been waiting for this signal, they took up the dance also, singing lustily. They were determined not to be trapped by Satan, or by reason or facts. Despite their terrible defeat and the way it would be used by their enemies, the Radzymin Hasidim, by turning that defeat into a victory, showed that they still believed in their saint. Years later I observed that political groups were familiar with the trick, as one could tell by the way they twisted facts and corrupted logic, but on the day of the Mattes celebration I was totally confused. I wished the dancing and noise would come to a halt so that I could ask my father for an explanation. But the excitement gained momentum, flourishing on more wine and mead, pancakes, and matzoth brei. Drunken Hasidim drenched in perspiration wriggled around dancing and shouting hoarsely. Unable to speak any longer, Reb Joseph jerked his body, moved his mouth, raised his hands. Everyone seemed to be saying, "To Radzymin we all remain true!"

The news spread rapidly through Warsaw, and the Alexandrower, Pulawer, and Skolower Hasidim had something to ridicule. They teased and vilified the Radzymin Hasidim—who made no effort to defend themselves. Why argue with enemies? In the Radzymin study house, no one dared ask questions. The Radzymin Rabbi, nevertheless, remained constant in his beliefs—or obstinate, refusing an operation years later and dying because of his refusal.

Whether or not my brother Israel Joshua attended this party, I don't recall, but he was certainly aware of what went on there, and it did nothing to strengthen his faith in Hasidism. As usual, my father came to the Rabbi's defense.

"It's possible for a saint to be incapable of miracles."

But my mother said, "How can a fool be a saint?"

"Go on! Corrupt the children!" Father said.

"I want my children to believe in God, not in an idiot," Mother replied.

"First it will be the Radzymin Rabbi, tomorrow all Rabbis, and then, God forbid, the Baal Shem himself," Father cried.

He was right. Even though my brother still dressed as a Hasid, he spent more and more time painting and reading worldly books, debating at length with Mother, telling her about Copernicus, Darwin, and Newton, of whom she had already read in Hebrew books. She had a predilection for philosophy and countered my brother's views with the kind of arguments religious philosophers still use.

Even though I was only a boy then and did not have the courage to comment, I was filled with questions, which I would take out to the balcony to ponder. Breaking a piece of lime from the wall, I crushed it between my fingers until it became granular. But it was still lime, and what would happen if it were ground even finer? How minute could it become? Was there a limit? Everything, I thought, could be made smaller, perhaps divided up endlessly. . . . If that is so, every speck of lime had an infinity of parts. But how could this be?

Even before I learned to read or write, I was obsessed by the paradoxes of time, space, and infinity, and moreover I was convinced that only I myself could reason out such enigmas, that no one could help me.

Once when I had brought home a herring for my mother I took the newspaper it was wrapped in out to the balcony and tried to determine what it was all about. I wondered if I would ever understand that Gentile language or the subjects with which it was concerned. For Father the answer to all questions was God. But how did he know there was a God, since no one saw Him? But if He did not exist, who had created the world,

נעהאט א געבוירענעם חוש פאר פילאזאפיע. זי האט צעקלאפט מיין ברודער'ס טענות מיט די זעלבע ארגומענטן, וואס עס באנוצן זיך מיט זיי ביז היינט די רעליגיעזע פילאזאפן.

איך בין נאר געווען א ייִנגל און זיך נישט דערוועגט צו עפענען דאס מויל. אבער איך בין שוין אליין אויך געווען פול מיט קשיות. איך פלעג ארויסגיין אויפן באלקאן טראכטן מיינע מחשבות. איך האב אפגעריסן א שטיקל קאלך פון דער וואנט און עס צעריבן צווישן די פינגער. פון דעם גרויסן שטיקל קאלך זענען געווארן פיצעלער, טיילעכלער קאלך, אבער זיי זענען נאר אלין קאלך. וואס וואלט געווען ווען מען זאל זיי צערייבן אויף נאך דינערע טיילעכלער? און ווי דין קאן ווערן א פיצל קאלך? און איז מעגלעך א גרענעץ? קאן קומען א צייט ווען א שטויבעלע קאלך קאן זיך מער נישט טיילן? אבער ווי אזוי איז דאס געמאלט? יעדע זאך, ווי קליין זי זאל נישט זיין, קאן ווערן נאך קלענער... הייסט עס, אז מען קאן טיילן א זאך אן א סוף? אויב אזוי איז דאך יעדעס שטויבעלע קאלך צונויפגעלייגט פון אן א שיעור חלקים...

יא, איך האב שוין, ווי א סך אנדערע קינדער, יענע יארן געטראכט די געדאנקען, וואס מיט זיי האבן זיך געראנגלט פלאטא, אריסטאטל, זענא, קאנט. איך טרייב נישט איבער אויף קיין האר ווען איך זאג, אז די אייביקע פראגן, די פאראדאקסן פון צייט, רוים, אומענדלעכקייט האבן מיך אנגעהויבן פייניקן נאך איידער איך האב מיך אויסגעלערנט דאווענען אדער שרייבן א שורה־גריזל. נאך עפעס: איך האב געהאט דאס געפיל, אז קיינער קאן די דאזיקע רעטענישן נישט באשיידן פאר מיר. איך אליין מוז זיי לעזן מיט מיין אייגענעם שכל.

מיין מוטער האט מיך אראפגעשיקט אין געוועלבל קויפן א הערינג. מען האט דעם הערינג איינגעוויקלט מיט א שטיק פאפיר וואס עס זענען נעדרוקט געווען דערויף אותיות אין א פרעמדער שפראך. עס זענען אויך געווען דערויף צייכענונגען, פאטאגראפיעס. איך האב ארויסגענומען דאס שטיק פאפיר מיט מיר אויפן באלקאן און געפרואווט לייענען דאס גוי־אישע לשון. וואס שטייט דארט? וועגן וואס רעדט זיך דא? וועל איך אמאל קאנען פארשטיין וואס דא איז געשריבן? דער טאטע האט גע־האט אויף אלע קשיות איין ענטפער: דער אויבערשטער. אבער פון וואנען האט ער געוואוסט, אז ס'איז דא אן אויבערשטער? ווי באלד קיינער זעט אים נישט — אפשר איז ער נישטא? און אויב אזוי — ווער האט באשאפן די וועלט? ווי אזוי קאן עפעס זיין פון זיך אליין? און וואס געשעט מיט א מענטש ווען ער שטארבט? איז טאקע דא א גיהנום און א גן־עדן? אדער איז א טויטער מענטש נישט מער ווי א טויטע פליג?...

איך געדענק נישט די צייט ווען איך האב נישט געטראכט וועגן די דאזיקע זאכן...

how could a thing give birth to itself? And what happened when someone died? Was there really heaven and hell? Or was a dead person no better off than a dead insect?

I do not recall a time when these questions did not torment me.

## 30

## ר׳ אשר פון מילך־געוועלב

עס זענען פאראן אויף דער וועלט מענטשן וואס ווערן באלד געבוירן גוט. אזא איינער איז געווען ר׳ אשר פון מילך־געוועלב. דעם דאזיקן מענטש האט גאט געהאט באשאנקען מיט א סך, א סך מעלות. ער איז געווען הויך, ברייט, שטארק, מיט א שווארצער בארד, גרויסע שווארצע אויגן און מיט א שטים פון א לייב. ראש־השנה און יום־כיפור האט ער געדאוונט ביי אונז מוסף און כל־נדרי און דאס קול זיינס האט צוגעצויגן דאוונער. געטאן האט ער עס אומזיסט, כאטש ער האט געקאנט קריגן היפשע געלטער פאר דאווענען אין א שול. ער האט אזוי ארום געהאלפן מיין טאטן פארדינען אויף יום־טוב. אפשר איז דאס ווייניק — האט ר׳ אשר געהאלטן אין איין טאן אונז אלערליי אנדערע טובות. קיינער האט אונז נישט געשיקט אזא ברייטן שלח־מנות ווי ר׳ אשר פון מילך־געוועלב. ווען דער טאטע איז געווען אין א קלעם און געדארפט צאלן דירה־געלט, האט ער מיך געשיקט צו אשר'ן בארגן, און אשר האט קיינמאל נישט געזאגט ניין, און זיך אפילו נישט געטאן א קרום. ער האט אריינגעשטעקט די האנט אין הויזן־קעשענע און ארויס־גענומען א הויפן באנקנאטן און זילבער. ער האט זיך נישט באנוגנט מיט העלפן מיין טאטן. ער האט געגעבן צדקה אויף רעכטס און אויף לינקס. דער דאזיקער ייד, וואס האט קוים געקאנט לערנען א פרק משניות, האט געפירט א הויך עטיש לעבן. דאס וואס אנדערע האבן געפרעדיקט, האט ער געהאלטן.

# REB ASHER THE DAIRYMAN

THERE ARE SOME PEOPLE in this world who are simply born good. Such was Reb Asher the dairyman. God had endowed him with many, many gifts. He was tall, broad, strong, with a black beard, large black eyes, and the voice of a lion. On the New Year and the Day of Atonement he served as cantor of the main prayer for the congregation that met in our house, and it was his voice that attracted many of the worshippers. He did this without payment, although he could have commanded sizable fees from some of the larger synagogues. It was his way of helping my father earn a livelihood for the holidays. And as if this were not enough, Reb Asher was always doing something for us in one way or another. No one sent my father as generous a Purim gift as did Reb Asher the dairyman. When Father found himself in great straits and could not pay the rent, he sent me to Reb Asher to borrow the money. And Asher never said no, nor did he ever pull a wry face. He simply reached into his trouser pocket and pulled out a handful of paper money and silver. Neither did he limit himself to helping out my father. He gave charity in all directions. This simple Jew, who with great difficulty plowed through a chapter of the Mishnah, lived his entire life on the highest ethical plane. What others preached, he practiced.

ער איז נישט געווען קיין גביר, אפילו נישט קיין נגיד, אבער ער האט געהאט „פרנסה בריווח”, ווי מיין טאטע פלעג־צו זאגן. איך האב אליין אפט געקויפט אין זיין געוועלב מילך, פוטער, קעז, זויער־מילך, סמעטענע. דאס ווייב און דאס עלטערע מיידל האבן א גאנצן טאג, פון גאנץ פרי ביז שפעט אין אוונט, באדינט די קונים. דאס ווייב איז געווען א דיקע, מיט א בלאנד שייטל, אנגעבלאזענע באקן און א האלז געדיכט באשאטן מיט זומער־שפרענקעלעך, אדער קלאיען. זי איז געווען די טאכטער פון א פאכטער. דער ריזיקער בוזעם אירער איז געווען ווי אנגעקוואלן מיט מילך. מיר האט זיך געדוכט אז ווען מ'טוט איר א שניט אין ארעם, וואלט ארויס מילך אנ'שטאט בלוט. איין זון, יודל, איז געווען אזוי דיק, אז מ'איז אים געקומען אנקוקן אויף חידושים. ער האט געוואויגן קנאפע צען פוד. אן אנדער בחור, א שמאלער און אן עלעגאנט, האט זיך אויסגעלערנט שניידעריי און איז אוועק קיין פאריז. א יונגער בחור'ל און א קליין מיידל זענען געגאנגען אין חדר און אין שקאלע.

גלייך אזוי ווי אונזער שטוב איז געווען פול מיט קשיות, ספקות, צערודערונג, אזוי איז אלץ אין אשר'ס שטוב געווען גאנץ, פרידלעך, געזונט. אשר האט געמוזט ברענגען יעדן טאג די בלעכן מילך פון דער באן. ער האט געהאט א פערד און וואגן. ער איז אויפגעשטאנען מיטן טאג צוגלייך, געגאנגען דאווענען, געפארן צום וואקזאל. ער האט געארבעט זעכצן שעה אין מעת־לעת, אבער שבת, אנשטאט צו רוען, איז אשר געגאנגען הערן א מגיד, אדער געקומען צו מיין טאטן לערנען חומ'ש מיט רש"י. אזוי ווי ער האט ליב געהאט ארבעט, אזוי האט ער ליב געהאט יידישקייט. מיר דוכט זיך, אז איך האב קיינמאל נישט געהערט דעם דאזיקן ייד זאגן ניין. זיין גאנץ לעבן איז געווען איין גרויסער יא.

אשר האט געהאט פערד־און־וואגן, און דער דאזיקער פערד־און־וואגן האט דערוועקט אין מיר א געוואלדיקע קנאה. ווי גליקלעך מוז זיין א ייגנל וואס זיין טאטע האט א וואגן, א פערד, א שטאל! אשר איז יעדן טאג געפארן איבער די ווייטע גאסן, אזש קיין פראגע. איך פלעג אים נישט איינמאל זען פארבייפארן אונזער הויז. ער האט קיינמאל נישט פארגעסן אויפצוהויבן דעם קאפ און באגריסן וועמען ער האט געזען ביים פענצטער, אדער אויפן באלקאן. ער האט מיך א סך מאל געטראפן אין גאס ארומלויפן מיט יינגלעך, זיך שפילן נישט מיט מיינסגלייכן, אבער ער האט קיינמאל מיך נישט געווארנט, אז ער וועט מיך פאר'מסר'ן פארן טאטן און קיינמאל מיר נישט געפרואווט זאגן קיין מוסר. ער האט נישט, ווי אנדערע יידן, געטאן א ייגנל א צי ביים אויער, א קוועטש ביי דער נאז, אדער אים פארדרייט דעם דאשעק פון היטל. עס איז געווען אין אשר'ן א געבוירענער דרך־ארץ פאר יעדן איינעם, קליין צי גרויס.

איינמאל ווען איך האב אים געזען פארבייפארן מיט דעם וואגן, האב איך צו אים א שאקל געטאן מיטן קאפ און א רוף געטאן:

— ר' אשר, נעמט מיך מיט!

אשר האט גלייך אפגעשטעלט דעם וואגן און מיך געהייסן אויפזיצן. מיר זענען געפארן צו א וואקזאל. די נסיעה האט געדויערט עטלעכע שעה און איך בין ממש געווען אין זיבעטן הימל פון גליק. איך בין געפארן צווישן טראמווייען, דראשקעס, פלאטפארמעס. זעלנער האבן מארשירט; פאליציאנטן האבן געהאלטן וואך; עס זענען פארבייגעפארן פייער־לעשער, דאס קעטשל פון דער גיכער הילף, אפילו די ערשטע אטאמאבילן, וואס האבן זיך גענומען באווייזן אין ווארשע. אבער קיינער האט מיר נישט געקאנט טאן קיין שלעכטס. איך בין געווען באשיצט מיט א פריינד, א ביימש און כ'האב געפילט אונטער די פיס דאס קוילערן פון רעדער. מיר האט זיך געדוכט, אז גאנץ ווארשע איז מיך מקנא. מענטשן האבן באמת אויפגעהויבן די בליקן און אנגעקוקט פאר'חידוש'ט דאס חסידישע ייגנל מיטן סאמעטענעם היטל און מיט די רויטע פאות, וואס זיצט אין א מילך־וואגן און באטראכט די שטאט. מען האט, אפנים, געזען, אז איך בין נישט קיין טייל פון דעם דאזיקן וואגן, נאר עפעס אן אויסטערלישער טוריסט...

פון דאמאלס אן איז צווישן מיר און אשר'ן געבליבן א סארט שטילער אפמאך. ביי יעדער געלעגנהייט האט ער מיך אויפגענומען פאר זיין פאסאזשיר. ריזיקאליש זענען געווען יענע מינוטן ווען אשר איז אוועק צום פראכט־וואגאן נאך בלעכן מילך, אדער מיט עפעס א קוויט, און איך בין געבליבן אליין אין דעם וואגן. דאס פערד האט אויסגעדרייט דעם קאפ און נעקוקט מיט שטוינונג. אשר האט מיר געגעבן צו האלטן די לייצן און דאס פערד האט ווי געזאגט שטומערהייט: זעט נאר ווער עס איז מיין אנטרייבער!... די מורא, אז דאס פערד זאל זיך נישט מיט אמאל צעבריקען און אנהויבן לויפן פייל־אויס'ן־בויגן — האט צוגעגעבן די דאזיקע מינוטן די שפאנונג פון געפאר. א פערד איז ניט עפעס קיין קינדער־שפילכל, נאר א ריזיק באשעפעניש, שטום, ווילד, מיט אומגעהייערע כוחות. א גוי פלעגט פארבייגיין, טאן א קוק אויף מיר, לאכן און נעמען רעדן צו מיר פויליש. איך האב נישט פארשטאנען זיין גוי'איש לשון, און ער האט אנגעווארפן אויף מיר דעם אייגענעם סארט פחד וואס דאס פערד: אויך ער איז געווען גרויס, שטארק און אומפארשטענדלעך. אויך ער האט זיך געקאנט אפרייסן און מיר דערלאנגען א קלאפ, אדער מיר א שטארקן ריס טאן ביי דער פאה, וואס דאס איז ביי גוים א וויץ...

He was no millionaire, he was not even wealthy, but he had a "comfortable income," as my father would put it. I myself often bought milk, butter, cheese, clabber, and cream in his shop. His wife and their eldest daughter waited on customers all day long, from early in the morning till late at night. His wife was a stout woman, with a blond wig, puffy cheeks, and a neck covered with freckles. She was the daughter of a farm bailiff. Her enormous bosom seemed to be swollen with milk. I used to imagine that if someone were to cut her arm, milk would spurt forth, and not blood. One son, Yudl, was so fat that people came to stare at him as at a freak. He weighed nearly ten pood. Another son, slight of build and something of a dandy, had become a tailor and gone off to Paris. A younger son was still studying at the heder, and a little girl attended a secular school.

Just as our house was always filled with problems, doubts, and unrest, so everything in Asher's house was whole, placid, healthy. Every day Asher went to bring the cans of milk from the train. He rose at the break of dawn, went to the synagogue, and then drove to the railroad depot. He worked at least eighteen hours every day, yet on the Sabbath, instead of resting, he would go to listen to a preacher or come to my father to study a portion of the Pentateuch with the commentary of Rashi. Just as he loved his work, so he loved his Judaism. It seems to me that I never heard this man say no. His entire life was one great yes.

Asher owned a horse and wagon, and this horse and wagon aroused a fierce envy in me. How happy must be the boy whose father owned a wagon, a horse, a stable! Every day Asher went off to distant parts of the city, even to Praga! Often I would see him driving past our house. He never forgot to lift his head and to greet whomever he saw at the window or on the balcony. Often he met me when I was running about the streets with a gang of boys or playing with those who were not "my kind," but he never threatened to tell my father, nor did he try to lecture to me. He did not, like the other grown-ups, pull little boys by the ear, pinch their noses, or twist the brims of their caps. Asher seemed to have an innate respect for every one, big or small.

Once when I saw him driving by in his wagon I nodded to him and called out: "Reb Asher, take me along!"

Asher immediately stopped and told me to get on. We drove to a train depot. The trip took several hours and I was overjoyed. I rode amid trolley cars, droshkies, loading vans. Soldiers marched; policemen stood guard; fire engines, ambulances, even some of the automobiles that were just beginning to appear on the streets of Warsaw rushed past us. Nothing could harm me. I was protected by a friend with a whip, and beneath my feet I could feel the throbbing of the wheels. It seemed to me that all Warsaw must envy me. And indeed people stared in wonderment at the little Hasid with the velvet cap and the red earlocks who was riding in a milk wagon surveying the city. It was evident that I did not really belong to this wagon, that I was a strange kind of tourist . . .

From that day on, a silent pact existed between me and Reb Asher. Whenever he could, he would take me along as his passenger. Fraught with danger were those minutes when Reb Asher went off to fetch the milk cans from the train, or to attend to a bill, and I remained alone in the wagon. The horse would turn his head and stare at me in astonishment. Asher had given me the reins to hold, and the horse seemed to be saying silently: "Just look who is my driver now . . ." The fear that the horse might suddenly rear up and run off gave to these moments the extra filip of peril. After all, a horse is not a child's plaything but a gigantic creature, silent, wild, with enormous strength. Occasionally a Gentile would pass by, look at me, laugh, and say something to me in Polish. I did not understand his language, and he cast the same sort of dread upon me as did the horse: he too was big, strong, and incomprehensible. He too might suddenly turn upon me and strike me, or yank at my earlock—a pastime the Poles considered a great joke. . . .

ווען ס'האט זיך גערוכט, אז עס איז כלו כל הקצין, דער גוי וועט מיך שלאגן, דאס פערד וועט זיך צעפלאשעו און אריינלויפן אין א וואנט, א לאמטער — האט זיך באוויזן אשר'ס געשטאלט, און גלייך איז אלץ ווידער געווארן גוט. אשר האט געטראגן די שווערע בלעכן מיט א גרינגקייט פון א שמשון הגיבור. ער איז געווען שטארקער פון דעם פערד, שטארקער פון דעם גוי, אבער דערביי געהאט א פאר מילדע אויגן און גערעדט מיין שפראך, געקאנט מיין טאטן. איך האב געהאט איין פארלאנג: פארן מיט דעם דאזיקן ייד טעג, נעכט, איבער פעלדער און וועלדער, קיין אפריקע, קיין אמעריקע, ביז צום עק וועלט, און די גאנצע צייט קוקן, זען וואס עס טוט זיך ארום...

ווי אנדערש האט אויסגעזען דער דאזיקער אשר ראש־השנה און יום־כיפור! אין אונזער בית־דין־שטוב האבן סטאלארס אויפגעשטעלט בענק און ס'האבן דארט געדאוונט ווייבער. פון שלאף־שטוב האט מען ארויס־גענומען די בעטן, אריינגעשטעלט אן ארון־קודש און ס'איז געווארן א בית־מדרש'ל. אשר האט אנגעטאן א ווייסן קיטל און דערפון איז די שווארצע באָרד זיינע געווארן נאך שווארצער. אויפן קאפ איז געזעסן א הויב גע־לייַשט מיט גאלד און זילבער. צום מוסף האט זיך ר' אשר אוועקגעשטעלט בײַם עמוד און מיט א קול פון א לייב געטאן א רוף:

— הנני העני ממעש...

אונזער שלאף־שטוב איז געווען צו קליין פאר דעם דאזיקן באס, וואס איז ארויסגעקומען פון א מעכטיקער ברוסט. מען האט געהערט דאס דא־זיקע קול איבער א האלבער גאס. אשר האט געזאגט און געזונגען. ער האט געקאנט יעדן ניגון, יעדע תנועה. די צוויי מנינים יידן וואס האבן גע־דאַוונט ביי אונז זענען אלע געווען זיינע משוררים. אשר'ס טיף מאנסביליש קול האט ארויסגערופן צווישן די ווייבער א הארמידער. אמת, זיי האבן אים אלע געקאנט. ערשט נעכטן האבן זיי געקויפט ביי אים אדער ביי זיין ווייב א פענדל מילך, א טעפל זויער־מילך, א פאר לויט פוטער, און זיך געדונגען מיט אים ער זאל געבן א צולאג. אבער איצט איז אשר געווען דער שליח, וואס טראגט איבער די תפילות פון פאלק ישראל גלייך צו גאט, צום כסא הכבוד; צווישן מלאכים וואס פלאטערן, און ביכער, וואס לייענען זיך פון זיך אליין און ס'שטייט אין זיי פארשריבן יעדנס מצוות און עברות... ווען ס'איז געקומען צום „ונתנה תוקף” און אשר האט גענומען אויסרעכענען די מענטשלעכע גורלות, ווער צום לעבן און ווער צום טויט, ווער ס'זאל אומקומען פון הונגער און ווער פון דורשט, ווער פון וואסער און ווער פון פייער — איז געווארן צווישן די ווייבער א געהויל. און ווען אשר האט געטאן א רוף: ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה — תשובה, תפילה און צדקה ברעכן די שלעכטע גזרה — איז אלעמען אראפגעפאלן א שטיין פון הארץ. באלד האט אשר גענומען זינגען וועגן דעם ווי קליין ס'איז דער מענטש און ווי גרויס ס'איז גאט, און א פרייד האט אלעמען ארומגענומען און א טרייסט. וואס האבן פארבייגייענדיקע שאטנס, פארוועלקטע בליטן, אוועקפליענדיקע וואלקנס מורא צו האבן פאר א גאט א גערעכטן, א געאכפערטן, אן אייביקן, א דערבארעמדיקן? יעדעס ווארט וואס אשר האט ארויסגעשריגן, יעדער טאן זיינער האט צוריקגעגעבן דעם מוט, די האפעדיקייט. מיר זענען טאקע גארנישט, אבער ע ר איז אלץ. מיר זענען ערד ביים לעבן און נאך ווייניקער דער־פון נאכן טויט, אבער ע ר איז אייביק און זיינע טעג וועלן זיך קיינ־מאל נישט אויסלאזן. אין אים, בלויז אין אים ליגט אונזער האפענונג...

און אין איינעם א מוצאי יום־כיפור האט דער דאזיקער אשר, דער גו־טער פריינד אונזערער און בעל־טובה, געראטעוועט אונזער אלעמענס לעבן.

ס'איז געשען אזוי: נאכן תענית האבן מיר געגעסן די סעודה. דער־נאך זענען זיך אנגעקומען יידן און ביי אונז געטאנצט און זיך געפרייט. מיין פאטער האט שוין געהאט אריינגעזעצט א פלאקן פאר דער סוכה. שפעט ביינאכט זענען מיר אלע איינגעשלאפן. אזוי ווי מען האט געהאט אנגעקלאפט ביי אונז בענק, „שטעט”, און די וואוינונג איז געווען צע־רודערט, איז מען געשלאפן וואו מען האט געקאנט און וואו ס'האט זיך געלאזט. איין זאך האבן מיר פארגעסן: אויסצולעשן די ליכט, וואס האבן געברענט אויף די „שטעט”. ווייזט אויס, אז שפעט ביינאכט האט אשר געמוזט פארן צו דער באן נאך מילך. ער איז פארביי אונזער הויז און געזען, אז ס'איז דארט אויסטערליש ליכטיק. דאס איז נישט געווען די ליכטיקייט פון ליכט, אדער א לאמפ, נאר ווי פון א גרויס פייער. אשר'ן איז איינגעפאלן, אז ס'ברענט ביי אונז. ער האט גענומען קלינגען אין טויער, אבער דער סטרוזש האט זיך נישט געאיילט צו עפענען. ער איז אליין אויך געשלאפן. אשר האט גענומען רייסן דעם גלאק און קלאפן מיט אזעלכע כוחות און מיט אזא טאראראם, אז דער גוי האט זיך איבער־געוועקט און געעפנט דאס טויער. אשר איז ארויף מיט די טרעפ און גע־

When I thought the end had come—any moment now the Gentile would strike me, or the horse would dash off and smash into a wall or a street lamp—then Reb Asher reappeared and all was well again. Asher carried the heavy milk cans with the ease of a Samson. He was stronger than the horse, stronger than the Gentile, yet he had mild eyes and spoke my language, and he was my father's friend. I had only one desire: to ride with this man for days and nights over fields and through forests, to Africa, to America, to the ends of the world, and always to watch, to observe all that was going on around me . . .

How different this same Asher appeared on the New Year and the Day of Atonement! Carpenters had put up benches in my father's study, and this was where the women prayed. The beds had been taken out of the bedroom, a Holy Ark brought in, and it had become a tiny prayer house. Asher was dressed in a white robe, against which his black beard appeared even blacker. On his head he wore a high cap embroidered with gold and silver. At the beginning of the Additional Service, Reb Asher would ascend to the cantor's desk and call out with the roaring of a lion: "Behold me, destitute of good works . . ."

Our bedroom was too small for the bass voice that thundered forth from this mighty breast. It was heard halfway down the street. Asher recited and chanted. He knew every melody, every movement. The twenty men who made up our congregation were all part of his choir. Asher's deep masculine voice aroused a tumult in the women's section. True, they all knew him well. Only yesterday they had bought from him or from his wife a saucepan of milk, a pot of clabber, a few ounces of butter, and had bargained with him for a little extra. But now Asher was the delegate who offered up the prayers of the People of Israel directly to the Almighty, before the Throne of Glory, amid fluttering angels and books that read themselves, in which are recorded the good deeds and the sins of every mortal soul. . . . When he reached the prayer "We will express the might," and began to recite the destinies of men—who shall live and who shall die, who shall perish by fire and who by water—a sobbing broke out among the women. But when Asher called out triumphantly: "But repentance, prayer, and charity can avert the evil decree!"—then a heavy stone was taken from every heart. Soon Asher began to sing of the smallness of man and the greatness of God, and joy and comfort enveloped everyone. Why need men—who are but passing shadows, wilting blossoms—expect malice from a God who is just, revered, merciful? Every word that Asher called out, every note he uttered restored courage, revived hope. We indeed are nothing, but He is all. We are but as dust in our lifetime, and less than dust after death, but He is eternal and His days shall never end. In Him, only in Him, lies our hope . . .

One year, at the close of the Day of Atonement, this same Asher, our friend and benefactor, saved our very lives. It happened in this manner. After the day-long fast, we had eaten the repast. Later a number of Jews gathered in our house to dance and rejoice. My father had already put up the first beam of the hut for the coming Festival of Tabernacles. Late that night we had at last fallen asleep. Since benches and pews had been set up in the bedroom, and the entire house was in disorder, each of us slept wherever he could find a spot. But one thing we had forgotten—to extinguish the candles that were still burning on some of the pews.

Late that night Asher had to drive to the railroad station to pick up milk. He passed our house and noticed that it was unusually bright. This was not the glow of candles, or of a lamp, but rather the glare of a great fire. Asher realized that our house must be burning. He rang the bell at the gate, but the janitor did not rush to open it. He too was asleep. Then Asher set to ringing the bell and beating on the door with such a furor that at last the Gentile awoke and opened the gate. Asher raced up the stairs and knocked on our door, but no one answered.

נומען קלאפן ביי אונז, אבער קיינער האט נישט געענטפערט. דא האט אשר, דער גיבור, זיך געטאן א שפאר אויף דער טיר מיט זיינע ברייטע פלייצעס און זי אויפגעריסן. ער איז אריין אין שטוב און דערזען די גאנצע משפחה שלאפן און ארום האבן געברענט בענק, שטענדערס, טליתים, מחזורים. ער האט גענומען שרייען מיט זיין קול פון א בעל־מוסף, און אונז אויפגעוועקט. ער האט אראפגעריסן פון אונז די קאלדרעס און גענומען לעשן די שרפה. איך געדענק יענע מינוטן אשטייגער ווי ס׳וואלט געשען נעכטן. איך האב געעפנט די אויגן און דערזען א סך פייערן, גרויסע, קליינע. זיי האבן זיך געקוילערט און געטאנצט ווי שרעטלעך. ביי מיין ברודער משה האט זיך שוין געהאט אנגעצונדן די דעקע, וואס מיט איר איז ער געווען צוגעדעקט. איך בין געווען יונג און האב מיך נישט געשראקן. פארקערט, די אלע פייערן זענען מיר גאר געפעלן. נאך א שטיקל צייט האט מען די שרפה פארלאשן. דא האט ווארהאפטיק געטראפן עפעס וואס מען קאן אנרופן א נס. א פאר מינוט שפעטער — און מיר וואלטן אלע געווארן איינגעהילט אין פלאמען, ווייל דאס האלץ איז געווען טרוקן און אנגעזאפט מיט חלב. אשר איז געווען דער איינציקער מענטש וואס איז וואך־געווען אזוי שפעט און וואס איז גרייט געווען אזוי צו רייסן דעם גלאק ביים טויער און זיך אזוי איינצושטעלן פאר אונז. יא, ס׳האט אויסגעזען, אז דעם דאזיקן פריינד איז געווען באשערט צו טאן אונז די העכסטע טובה: צו ראטעווען אונז אלעמען פון א העליש פייער.

מיר האבן אים אפילו נישט געקאנט דאנקען. מיר זענען געבליבן ווי פארשטומט. אשר האט זיך געאיילט און איז באלד אוועק. מיר האבן זיך ארומגעדרייט צווישן די פארקוילטע בענק, טישן, סידורים, מחזורים, טליתים און יעדעס מאל געפונען פונקען און רויכערדיקע העלצער. ס׳זענען געווען אלע שאנסן, מיר זאלן פארברענט ווערן אויף קויל.

די פריינדשאפט צווישן מיין פאטער און דעם דאזיקן אשר איז געווארן אלץ שטארקער, און אין דער צייט פון דער מלחמה, בעת מיר האבן געהונגערט, האט דער איינענער אשר אונז ווידער געהאלפן ווי ווייט ער האט געקאנט.

נאכדעם ווי מיר זענען אוועק פון ווארשע (אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה), האבן מיר נאך אפגענומען פון אים גריסן. א זון איז געשטארבן, א מיידל האט זיך פארליבט אין א בחור פון א נידעריק הויז און אשר האט געהאט דערפון יסורים. איך ווייס נישט צי ער האט דערלעבט היטלער׳ס קומען קיין ווארשע. ער איז מסתמא געשטארבן פריער. אבער אזוינע יידן האט מען געשלעפט אין די טרעבלינקעס. זאלן די דאזיקע זכרונות דינען ווי א מצבה אויף אים און זיינסגלייכן, וואס האבן געלעבט ווי קדושים און זענען אומגעקומען ווי קדושים.

Then Asher the mighty hurled his broad shoulders against the door and forced it open. Bursting into the house, he found the entire family asleep while all around, benches, prayer stands, prayer books, and holiday prayer books were aflame. He began to call out in his booming cantorial voice and finally roused us, and then he tore off our quilts and set to smothering the conflagration.

I remember that moment as though it had been yesterday. I opened my eyes and saw many flames, large and small, rolling about and dancing like imps. My brother Moishe's blanket had already caught fire. But I was very young and was not frightened. On the contrary, I liked the dancing flames.

After some time the fire was put out. Here indeed something had happened that might well be called a miracle. A few minutes more, and we would all have been enveloped by the flames, for the wood of the benches was dry and they were saturated with the tallow of the dripping candles. Asher was the only human being who was awake at that hour and who was prepared to be so persistent with the ringing of the bell and who would risk his own life for us. Yes, it was fated that this faithful friend should save us from an infernal fire.

We were not even able to thank. It was as though we had all been struck dumb. Asher himself was in a hurry and left quickly. We wandered about amid the charred benches, tables, prayer books, and prayer shawls, and every few minutes we discovered more sparks and smoldering embers. We might all easily have been burnt to cinders.

The friendship between my father and Reb Asher grew ever stronger, and during the war years, when we were close to starvation, Asher again helped us in every way he could.

After we had left Warsaw (during the First World War), we continued to hear news of him from time to time. One son died, a daughter fell in love with a young man of low origins and Asher was deeply grieved. I do not know whether he lived to see the Nazi occupation of Warsaw. He probably died before that. But such Jews as he were dragged off to Treblinka. May these memoirs serve as a monument to him and his like, who lived in sanctity and died as martyrs.

# 31

## דער טאַטע ווערט אַן „אַנאַרכיסט״

**משיח איז אין אונזער שטוב**
נישט געווען עפעס א ווייטע האפענונג, נאר א טאג־טעגלעכער עניין. מיט דער פרנסה איז געווארן אלץ שווערער. דער טאטע האט צוגעזען מיט צער אז די קינדער ווערן קאליע. ווארשע איז געווען פול מיט ציוניסטן, סטרייקערס און גלאט יידן וואס קאכן אין שבת און היטן נישט קיין כשרות. אין בערלין האט דער טאטע צום ערשטן מאל זיך אנגעטראפן אויף א שטאט וואו די פרומע יידן זענען געווען פארדרוקט אין א ווינקל און אלץ ארום איז געווען פול מיט גוי׳אישקייט. וואוהין האט דאס אלץ געפירט? ס׳איז געווען איין אויסוועג: משיח זאל קומען און ס׳זאל ווערן אן עק צו דער ארעמקייט, דעם גלות, דער אפיקורסות. דער טאטע פלעגט אפט מיט מיר רעדן וועגן משיח׳ן. ער האט מיר דערמאנט די ווערטער, אז ווען יידן וואלטן אפגעהיטן בלויז צוויי שבתים, וואלט געקומען משיח. דעם געדאנק, אז אלץ הענגט־אפּ אין אונז יידן, און מיר זענען אליין שולדיק אין אלע פיין, האט דער טאטע איבערגע׳חזר׳ט ביי יעדער געלעגנהייט.

דער טאטע פלעגט אפט קומען פון ראדזימינער שטיבל, וואו ער האט געדאוונט, אנגעלאדן מיט אלערליי נייעסן און אויך אלערליי פלענער. מיר האבן שוין געוואוסט אין שטוב, אז ווען דער טאטע גייט גיך אויף די טרעפ, וועט ער ברענגען עפעס א נייעס פון ראדזימינער שטיבל. אין היפוך צו מיין מוטער, וואס איז בטבע געווען סקעפטיש, איז דער טאטע לייכט אריינגעפאלן אין התלהבות, און ער האט געהאט די באדערפעניש זיך צו טיילן מיט דער משפחה און אויך מיט פרעמדע.

ס׳איז געווען אין א זומערדיקן אוונט. מיר האבן דערהערט דעם טאטנ׳ס טריט אויף די טרעפ. ער איז כמעט געלאפן און געסאפעט. ער האט אויפגעפראלט די טיר און פון די בלויע אויגן און דער פייערדיקער בארד האט געגליט מיט האפערדיקייט. אפשר איז געקומען משיח? — איז מיר איינגעפאלן.

— גוטן אוונט!

— גוט יאר!

— כ׳האב געהערט עפעס נייעס אין שטיבל! — האט דער טאטע געטאן א זאג. — עפעס נאר פלאי־פלאים!

— וואס איז? דער ראדזימינער צדיק האט שוין ווידער באוויזן א מופת? — האט מיין מוטער געפרעגט מיט שפאט.

— ס׳איז אויפגעקומען א נייע חברה, אנארכיסטן רופן זיי זיך — האט

דער טאטע געזאגט — זיי ווילן אפשאפן געלט. צי וואס דארף מען געלט? מ'קאן דאס געלט נישט עסן. צוליב געלט קומען ארוים אלע צרות. זייער אויפטו איז, אז יעדער מענטש זאל ארבעטן פיר שעה אין טאג און דערפאר זאל מען אים געבן אלע באדערפעגישן. יעדער איינער וועט מוזן טאן עפעס א מלאכה. איך וועל ווערן א שוסטער! — האט דער טאטע א רוף געטאן א באהארצטער. — פיר שעה אין טאג וועל איך מאכן שטיוול און דערנאך וועל איך זיצן און לערנען. טאקע ווי עס שטייט: אהב את המלאכה ושנא את הרבנות, זאלסט ליב האבן די מלאכה און האב פיינט דאס רבנות.

דער געדאנק, אז מיין טאטע וועט ווערן א שוסטער, האט ארויסגערופן אין שטוב א געלעכטער. דער טאטע האט אויך געשמייכלט, אבער ער האט אויסגעזען אינגאנצן דורכגענומען פון דער דאזיקער „נייער" אידייע. פאר וואס ער האט עס אנגערופן אנארכיזם און נישט סאציאליזם, ווייס איך נישט. אזוי האט מען עס אים, אפנים, פארקויפט.

— גרויסע לייט זענען צוגעשטאנען צו דעם געדאנק — האט דער טאטע גערעדט. — גענעראלן, פירשטן. זיי אליין פעלט גארנישט, אבער זיי ווילן ס'זאל זיין יושר. אלץ קומט פון מלאכה. א הויז האט עמיץ געבויט, א מלבוש האט עמיץ אויפגענייט. ס'זאל זיין ברויט, האט מען געמוזט אקערן, זייען, שניידן. פון געלט ווערט נישט קיין שום זאך. היינט אויב אזוי — וואס זשע דארף מען ס'געלט? א גאנצע וואך וועט מען ארבעטן און פרייטאג וועט מען ארויסקריגן א קוויטל, אז מ'האט געארבעט און פאר דעם קוויטל וועט מען קריגן אין די געוועלבן די סחורה וואס מ'דארף.

מיר איז דער געדאנק גלייך געפעלן. אבער מיין מוטער האט אנגעהויבן פרעגן קשיות:

— און וואס וועט זיין מיט א דירה?

— יעדער איינער וועט קריגן א דירה.

— ווער וועט וועלן וואוינען אויף א פאציאטע, אדער אין א קעלער ווי באלד אלע ארבעטן פיר שעה, וועט יעדער וועלן א שיינע דירה.

— מ'עט ווארפן גורל.

— און וואס וועט זיין, אז עמיץ וועט קומען אין געוועלב און וועט פארלאנגען נישט איין מלבוש, נאר צען מלבושים?

— צי וואס זאל ער וועלן מער? יעדער איינער וועט נעמען וואס ער באדארף.

— טייל מענטשן וואוינען אויף דער מארשאלקאווסקע גאס — האט די מאמע געזאגט — און אנדערע וואוינען ערגעץ הינטער דער שטאט, אין פעלצאווויזנע, אדער גאר אין סיביר. אויב אלע וועלן זיין גלייך, וועלן אלע וועלן וואוינען אויף דער מארשאלקאווסקע גאס.

— וואס איז די נפקא מינה וואו מ'וואוינט?

— יעדער איינער וויל פאר זיך ס'בעסטע און ס'שענסטע.

— דאס איז אלץ צוליב דעם געלט. אז ס'עט נישט זיין דער יצר־הרע פון געלט, וועט מען זיין א מסתפק במועט — האט דער טאטע געזאגט.

— ווי באלד אלע וועלן ארבעטן, וועמען וועט מען פרעגן א שאלה? — האב איך געפרעגט.

— איכ'ל פסק'ענען שאלות — האט דער טאטע געענטפערט — אבער אומזיסט. מ'טאר גאר נישט נעמען קיין געלט פאר פסק'ענען א שאלה, אדער א דין־תורה. מ'טאר נישט מאכן די תורה פאר קיין האק צום גראבן.

— און וואס וועט מען טאן מיטן געלט?

— ס'פאפירן־געלט איז דאך פאפיר און ס'האט נישט קיין ווערט. פון גאלד וועט מען מאכן תכשיטים אדער ווייסעך וואס.

דער טאטע האט גערעדט וועגן דעם אלעמען מיט א טאן גלייך ס'וואלט זיך שוין אנגעהויבן באלד, מארגן. אבער די מאמע האט געשמייכלט קלוגעריש און מיט דעם ווייסן פון א דערוואקסענעם וואס הערט זיך־צו צו קינדישע פאנטאזיעס.

— גיי דיך וואשן. די וועטשערע ווערט קאלט!

ביים עסן האט דער טאטע נישט אויפגעהערט רעדן וועגן אנארכיזם. אוודאי, יידן האפן אויף משיח'ן, אבער דערווייל, ווי לאנג מ'איז אין גלות, וואלט דאס געווען א גוטע זאך. מ'וואלט נישט געדארפט צאלן קיין דירה־געלט. ס'וואלטן נישט געווען קיין גנבים, ווארים צוליב וואס זאל דער גנב גנב'ענען, אז ער קאן ארבעטן פיר שעה און קריגן אלץ וואס ער דארף? מ'וואלט נישט געדארפט קיין סטראזשניקעס, קיין סטרוזשעס וואס זאלן פארמאכן ס'טויער, און ס'וואלטן אויך נישט געווען קיין זעלנער און קיין מלחמות. ווייל צוליב וואס קריגן זיך דען די קיסרים? אלץ צוליב געלט.

— טאטע, דער קיסר וואלט אויך געארבעט?

— פארוואס נישט? יעדער קייסער לערנט זיך א מלאכה — האט דער טאטע געזאגט. — אונזער קייסער קאן שוסטעריי. דער קייסער מוז קענען א מלאכה, ווייל וואס טוט ער אז מ'מאכט אים אויס קייסער? ער וואלט געגאנגען אין די הייזער. אז ער קאן א מלאכה, האט ער זיין אויסקומעניש.

— און ווער וועט ארויספירן ס'מיסט? — האט די מאמע געפרעגט. — און ווער וועט וועלן זיין א גארבער? און ווער וועט וועלן זיין א קוימענקערער און קריכן אויפן דאך און איינשטעלן ס'לעבן?

אומזיסט האט דער טאטע געפרואווט אלץ פארענטפערן. דער מאמע'ס קשיות זענען געווארן אלץ שארפער. און מיט אמאל האט די מאמע זיך אנגערופן:

— און פארוואס זאלן די גבירים צושטיין דערצו? זיי האבן פאלאצן, דינסטן, משרתים, קאטשן. פארוואס זאל ראטשילד דאס אלץ אוועקגעבן און זיך לערנען שוסטעריי?

— ס'זאל זיין יושר. ס'זענען צוגעשטאנען גענעראלן, פירשטן.

— מסתמא איז צוגעשטאנען איין משוגע'נער גענעראל. די פריצים דארפן ניש' קא' יושר. די פויערים ליידן הונגער און זיי שיקן די זינדלעך קיין פאריז הולטאיען. איז פארוואס זאלן זיי וועלן זיך אויסגלייכן מיטן פויער?

דער טאטע האט געגעבן אלערליי תשובות, נאר, אז מען קאן פשוט צווינגען די פריצים — דאס איז אים נישט איינגעפאלן. צוואנג און כוח — אין די דאזיקע טערמינען האט מיין פאטער נישט געטראכט. דער תוך פון אלע זיינע רייד איז געווען, אז ווען מען זאל אלעמען געבן צו פארשטיין די טובה דערפון, וועט מען צושטיין. דער טאטע האט אפגעגעסן גיכער ווי אלעמאל. ער האט זיך גלייך געהייסן דערלאנגען מים אחרונים. דער טאטע פלעגט זעלטן ארויסגיין אויפן באלקאן, אבער יענעם אוונט האט ער געהייסן איך זאל ארויסטראגן פאר אים א שטול. איך האב אויך ארויסגענומען א שטול פאר זיך. די גאס איז געווען פול מיט היץ, רעש, רויך פון קוימענס. דער טאטע איז געזעסן און אויסגעארבעט פאר מיר די פלענער פון „אנארכיזם". אלע וועלן ארבעטן און אלע וועלן האבן פרנסה. צו דרייצן יאר וועט מען יעדעס ייִנגל לערנען א מלאכה. קיין שום מלאכה וועט נישט זיין מבוזה. היינט מיט א מלאכה שעמט מען זיך, ווייל א בעל־מלאכה איז אן ארימאן און אויך דערפאר, ווייל בעל־מלאכה'ס זענען פראסטע לייט. זיי האבן נישט קיין צייט צו לערנען. אבער, אז מען וועט ארבעטן פיר שעה, וועלן אלע זיין לומדים. איז דאך ר' יוחנן הסנדלר געווען א שוסטער און ר' יהושע איז געווען א קאוואל. פארצייטנס האט מען זיך נישט געשעמט מיט קיין מלאכה. יעקב אבינו איז געווען א פאסטוך, און משה רבנו — אויך און דוד המלך — אויך.

— טאטע, וואס וועל איך זיין?

— דו וועסט אויך זיין א שוסטער. וועסט ארבעטן צוזאמען מיט מיר. נאך דער ארבעט וועל איך מיט דיר לערנען.

— וואו וועט מען ארבעטן?

— אין שטוב.

— אין דער גרויסער שטוב?

— פארוואס נישט?

— דו, טאטע, קאנסט נישט זיין קא' שוסטער.

— פארוואס זאל איך נישט קאנען? ס'א פראסטע מלאכה.

איך האב אלעמאל ליב געהאט דעם טאטן. נאר אין יענעם אוונט האב איך באקומען צו אים א באזונדערע ליבשאפט. פון אלע נייעסן וואס ער האט געבראכט פון שטיבל, איז מיר די דאזיקע נייעס אמשטארקסטן געפעלן. איך האב אים געקושט, און אריינגעשטעקט די פינגער אין זיין בארד און זי געקעמט. ביז שפעט אין אוונט איז דער טאטע געזעסן מיט מיר און זיך אויסגעמאלט גליקלעכע צייטן, ווען מ'וועט נישט דארפן קיין געלט און אלע וועלן קאנען ארבעטן און לערנען תורה. דערנאך האט ער גענומען לייענען קריאת־שמע.

איך האב געהאפט, אז דער דאזיקער פלאן זאל היינט־מארגן צושטאנד קומען. כ'האב שוין געזען מיין טאטן זיצן אויף א שוסטער־בענקעלע מיט א האמער, אן אל, א דראטווע. איך זיין נעבן אים. מ'קומט צו אונז מיט דין־תורה'ס, נאר מען גיט נישט קיין פסק־געלט. איך גיי צו אסתר'ל אין נאש־געוועלבל און מ'גיט מיר דארט אלץ אומזיסט: שאקאלאד, געפרוירנס, קיכלעך, קאראמעלקעס. אבער טעג זענען אריבער און עפעס האט מען נישט געהערט פון דער זאך. יעדעס מאל וואס דער טאטע איז געקומען פון ראדזימינער שטיבל, האב איך אים געפרעגט וואס ס'איז מיט די אנארכיסטן. אבער דער טאטע האט יעדעס מאל געענטפערט:

— אזא זאך ווערט נישט מיט אמאל.

— ווי לאנג דארף עס דויערן?

— א צייט.

מיט אמאל האב איך איינגעזען, אז דער טאטע ווערט אלץ מער און מער אפגעקילט צו דער גאנצער זאך. עמיץ אין ראדזימינער שטיבל האט אים, אפנים, געזאגט, אז דער געדאנק טויג נישט צו יידישקייט. ער האט מער נישט געוואלט רעדן דערפון. ווען כ'האב אים געפרעגט, האט ער געענטפערט:

— זיי א ייד, וועט קומען משיח.

משיח האט געמוזט קומען, ווייל אין אונזער שטוב איז דער דלות געווארן אלץ גרעסער. ס'זענען אונז בכלל באפאלן אלערליי צרות. פון מיין שוועסטער איז אנטווערפן איז אנגעקומען א ביטערער בריוו, אויף אכט זייטן. דאס פאפיר האט געהאט פלעקן פון טרערן. די שוועסטער האט שוין געהאט א קינד, משה'לע, אין דעם פאך פון בריליאנטן־שניידער און שלייפער איז געווען א קריזיס. וואכן און חדשים זענען אריבער און איר מאן האט נישט געארבעט. אנדערע יונגעלייט האבן זיך גענומען צו אנדערע באשעפטיקונגען, אבער איר מאן האט נישט געוואוסט פון קיין שום אנדערע ארבעטן. ער האט נישט אהיימגעבראכט קיין פראנק אין שטוב און זי, די שוועסטער, האט געליטן נויט צוזאמען מיטן קינד. ווי ארעם מיר זענען נישט געווען, האבן מיר געמוזט שיקן געלט קיין בעלגיע. דין־תורה'ס זענען געווען ווייניק, און ווען ס'איז שוין אמאל געקומען א דין־תורה, איז גראד דער טאטע געווען אין חסידים־שטיבל, אדער אין מקווה. איך פלעג אים גיין רופן, אבער די בעלי־דין האבן זעלטן געוואלטווארטן. איינער אזא פאל האט זיך מיר באזונדערס איינגעקריצט אין זכרון. דער טאטע איז אוועק אין א מקווה אויף דער גנאינע גאס. צו אונז זענען געקומען יידן האבן א דין־תורה. זיי זענען געווען ווילים צו ווארטן אויפן טאטן. איך בין אוועק אין מקווה, אבער די מקווה איז געווען א פארוויסלטער ענין. מען האט געמוזט גיין מיט טרעפ אראפ. איך בין פארביי אלערליי שטובן מיט האלב־געקאפלטע ווענט און מיט רערן, וואס ס'איז איבער

זיי נעלאפן היים וואסער, אדער פארע. דאס איז נישט געווען קיין מקווה, נאר א גאנצער לאבירינט. איך האב מיך געפלאנטערט און געבלאנדזשעט ווי אין א חלום. איך האב אן עפן געטאן א טיר און דערזען א נאקעטע פרוי. יענע האט ארויסגעלאזט א געשריי. א פחד האט מיך אנגענומען און א געפיל, אז איך וועל שוין פון די אלע גענג און קארידארן נישט ארויסקומען קיין לעבעדיקער. צום סוף בין איך אריין אין דער מאנסבילשער מקווה. דער טאטע איז דארט נישט נעווען. יידן האבן זיך ארומגעדרייט נאקעטע. ווי אויסטערליש זיי האבן אויסגעזען מיט די נאסע בערד, טריפנדיקע פאות, מיט די האריקע און שלאבעריקע אברים זייערע, און דערצו אן היטלען, מיט בלויזע קעפ. אין וואסער גופא איז בלויז געשטאנען איין ייד, און אלע האבן אויף אים אנגעוויזן מיט חידושים און געטייטלט מיט די פינגער. די מקווה איז געווען קאכעדיק הייס. קיינער האט זיך נישט דערוועגט אין איר אריינצוגיין. אבער איין ייד מיט א שווארצער בארד און מיט א צונטער רויטער הויט האט זיך געוויקט אין דעם הייסן וואסער. ער האט יעדעס מאל זיך אונטערגעטיקט, און ווען ער האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ, האט ער געשריגן מיט א באנומען קול:

— אי, א מחיה!... קיין שום גוי זאל דעם טעם נישט פילן!...

איך בין אוועק אהיים. די יידן האבן זיך נישט געקאנט דערווארטן און זענען געהאט אוועק. די מאמע האט א זאג געטאן:

— האסט אים געפונען, דעם פינצטערן בטלן?

סאי די מאמע, סאי איך האבן געוואוסט, אז זי טאר אזוי נישט רעדן וועגן טאטן. אבער די נויט האט געדריקט. דעם אכטן פון חודש האבן מיר געדארפט צאלן 24 רובל דירה־געלט, אבער ס'איז שוין באלד ווידער געווען דער אכטער, און מיר האבן נאך נישט געהאט באצאלט. ר' מענדל דער ווירט האט יעדעס מאל געשיקט דעם סטרוזש מאנען. דער גוי האט געדראט מיט אפשרייבן די בעבעכעס און מיט א ליציטאציע. אין אלע געוועלבן זענען מיר געווען שולדיק. מיר זענען געווארן אפגעריסן און זיך נישט געקאנט מאכן קיין מלבוש. די מאמע האט גערעדט ביטערע רייד:

— וואו ווערט ער פארפאלן? ביי לייטן מענטשן האבן אין זין די פרנסה, און ער זיצט אפ גאנצע טעג אין בתי־מדרשים. וואס וועט זיין אונזער סוף?

און מיט אמאל האט זי א זאג געטאן:

— מ'האט מיך נעבעך געבעטן כ'זאל אים אפ'גט'ן!...

דער רעיון, אז טאטע־מאמע קאנען זיך גט'ן און ווערן פרעמדע, איז געווען גרויליק־ווילד. כמעט אזוי ווילד איז געווען דאס אז טאטע־מאמע זענען אמאל געווען פרעמדע און א שדכן האט זיי צונויפגעפירט... די דאזיקע וועלט איז געווען פול מיט גרויליקע אמת'ן. וואס עלטער איך בין געווארן, אלץ מער האבן זיי ביי מיר אויפגעריסן די אויגן און אלץ א גרעסערע בהלה האבן זיי ארויסגערופן אין מיין קאפ...

---

# 32

# מיין טאטענ'ס חבר

**א**יך הער אפט יידישע שרייבער רעדן וועגן ארויסגעבן א בוך, פארשפרייטן א בוך. ס'קומט אויס צו הערן רייד וועגן זאץ, מאטריצן, פלאטן, בויגנס פאפיר. אבער איך געהער אפשר צו די געציילטע שרייבער וואס קאנען אט־די ווערטער און טערמינען פון זייער פריער קינדהייט. מיין פאטער האט געשריבן ספרים און געדרוקט ספרים. איך האב פרי אנגעהויבן וויסן ווי אזוי מען זעצט אויס א ספר מיט בליי, ווי אזוי מ'לייענט קארעקטורן, מען שלאגט־אפ מאטריצן, מען גיסט פלאטן, מען דרוקט, מען בינדט. ווי ווייניק מיין פאטער האט פארדינט, האט ער אפגעשפארט געלטער אויף ארויסצוגעבן ספרים. דער טאטע פלעגט זאגן:

— א ספר בלייבט א קרן קימת.

א חוץ דעם וואס מיין פאטער האט ארויסגעגעבן זיין איינן ספר, האט ער אויך צוגעגרייט צום דרוק א כתב־יד פון „פרי מגדים". איך געדענק דעם דאזיקן מאנוסקריפט ווי היינט. עס איז געווען א בוך מיט טאוולען, דאס פאפיר געלבלעך־גרוי, די אותיות — אפגעבלאקירט. אבער מען האט נאך געקאנט לייענען די שריפט, וואס איז שוין דאמאלס אלט געווען א הונדערט און פופציק יאר. געהייסן האט דאס ספר „נוטריקון", און ווי אלץ וואס ר' יוסף שור האט געשריבן, איז עס געווען אין א שווערן סטיל. מיין פאטער האט געהאט א גוטן פריינד, וואס איז באקאנט אין דער רבנ'ישער וועלט מיט די ספרים, וואס ער האט ארויסגעגעבן, און צוזאמען מיט אט דעם פריינד — איך וועל אים רופן ר' נחמן — האט דער טאטע צוגעגרייט צום דרוק אט־דאס אלטע ספר.

ס'איז געווען פאר מיר א פארגעניגן צו שטיין ביים טיש און זיך צוצוהערן ווי דער טאטע רעדט מיט ר' נחמנ'ען. ביידע האבן געהאט רויטלעכע בערד און בלויע אויגן. ר' נחמן איז פאר א צולאג געווען א סארט חסיד'ישער עלעגאנט. זיין עלעפאגענע קאפאטע האט שטענדיק געגלאנצט. אויף דער נאז זענען געזעסן א פאר גאלד־גערעמטע שפאקולן, אנגעהאנגען אויף א שווארץ בענדל. די שטיוול זענען געווען אפגעפוצט. ער איז געווען א קלוגער, אן איידעלער, פון הויכן יחוס און א תלמיד פון ר' צדוק לובלינער, וואס האט אין זיין לעבן אנגעשריבן עטלעכע הונדערט ספרים און וואס ר' נחמן האט געהאלטן אין איין דרוקן. דער טאטע האט אנגעקוואלן פון ר' נחמנ'ס גלייכווערטלעך, און ר' נחמן האט געהאט הנאה פון טאטנ'ס באהארצטע רייד. די דאזיקע צוויי יידן האבן זיך צוגעטראפן איינער דעם אנדערן. ס'איז כדאי צו דערמאנען, אז ר' נחמן האט אויך געהאט עוולות אויפן ראדזימינער רבי'ן און ער האט אים אנגערופן מיט שארפע נעמען. די גאנצע אויפפירונג פון ר' נחמן איז געווען פון א חכם און אן אריסטאקראט.

אבער, אז אך און וויי צו די יידישע אריסטאקראטן!

פון די אלע ספרים וואס ר' נחמן האט ארויסגעגעבן, וואלט ער נישט געהאט קיין וואסער אויף קאשע, און ר' נחמנ'ס בחור האט געמאכט פאפיראסן צום פארקויפן. דאס איז, אפנים, געווען א „טרפה'נע" ארבעט, קאנטראבאנד, ווייל פאפיראסן אין פעקלעך האבן געדארפט האבן א באנדראל, א צייכן פון אפצאל. אבער וואס זאל פארט טאן א ייד א למדן מיט ווייב און קינדער? די פאפיראסן האט דער בחור ארומגעטראגן אין געוועלבן, וואס האבן פארקויפט אט־די סחורה, און דערפון איז געווען צושטייער צו דער פרנסה, אדער ס'איז געווען די ג א נ צ ע פרנסה.

אין איינעם א טאג האט מיך מיין פאטער געשיקט צו ר' נחמנ'ען. איך געדענק שוין נישט וואס דאס איז געווען פאר א שליחות. איך בין אריין צו ר' נחמנ'ען אין שטוב און געזען א דירה אביסל אנדערש פון אונזערער און אביסל ענלעך צו אונזערער. ס'זענען דא געווען מער קינדער און אויך מער מעבל. ר' נחמן האט נישט בלויז געקאנט שרייבן מיט א פערלדיקער האנטשריפט, נאר ער האט אויך געקאנט „דרוקן" אותיות און צייכענען שער־בלעטער — אלערליי בלימעלעך, רעדעלעך, ציקלענישן. ער האט אין זיך געהאט דעם טאלאנט פון א גראפיקער. ער איז געזעסן ביים טיש אין אן אטלעסן וועסטל, מיט א קאפל אויפן קאפ, און פאר אים זענען געלעגן קאלירטע גריפלס און ס'זענען געשטאנען פלעשלעך טינט און טוש.

אזוי ווי ר' נחמן פלעגט אפט קומען צו אונז און מיין פאטער איז זעלטן געקומען צו אים — האט מען מיך אויפגענומען מיט א באזונדערן כבוד. ר' נחמן האט מיט מיר גערעדט ווי מיט זיינס גלייכן. ער האט שוין געהערט, אז מיין עלטערער ברודער, ישראל יהושע, ווערט קאליע, און ער האט מיט מיר געפירט א שמועס וועגן די אפיקורסים. ער האט גענומען א בלאט־פאפיר, וואו ס'זענען געווען אויפגעצייכנט אלערליי בלימעלעך, פייגעלעך, אדלערס, און אנגעוויזן.

— טו א קוק — האט ער געזאגט — ווען עמיץ זאגט דיר, אז דאס אלץ האט זיך אליין אנגעשריבן, וואלסטו געזאגט, אז יענער איז א משוגע'נער. אבער די אפיקורסים זאגן, אז די וועלט האט זיך באשאפן פון זיך אליין. איז דאס נישט קא' משוגעת?

— יא, אוודאי.

— דער מענטש — זאגן זיי — קומט ארויס פון א מאלפע. אבער פון וואנען נעמט זיך די מאלפע? קאן א מאלפע ווערן פון זיך אליין?

— ניין.

— די ערד, זאגן זיי, האט זיך אפגעריסן פון דער זון. נו, און פון וואנען האט זיך גענומען די זון? זיי וועלן פלאפלען אלערליי נארישקייטן אבי נישט מודה זיין דעם אמת, אז ס'איז דא א בורא־עולם.

פון ר' נחמנ'ס רייד בין איך געווארן רויט. ביי אונז אין שטוב האט מען קיינמאל צו מיר נישט גערעדט מיט אזא חשיבות. דארט בין איך געווען א יינגל. אבער דא האט מען מיך אויפגענומען ווי א בחור. מען האט אוועקגעשטעלט פאר מיר א גלאז טיי און א קיכל. ס'איז אריינגעקומען א מיידל אין מיינע יארן, מיט טונקעלע האר און לאנגע צעפ. באלד איז אריינגעקומען נאך א מיידל. פון דער קיך האט זיך דערטראגן א ריח פון קאטלעטן. ניין, ר' נחמנ'ס שטוב איז נישט געווען אזא נאקעטע ווי אונזערע. דא האט זיך אלץ אויסגעמישט צוזאמען: תורה, קלוגע רייד, מיידלעך, גוטע געקעכטסער און א טיש פול מיט בלייפעדערס, טינטן, טושן און אלערליי פענזלען און סטעמפלען. דערצו האט ר' נחמן גערעדט וועגן אפיקורסים און איך האב מיך דערוואוסט פון אים וואס זיי זאגן. איך בין שוין לאנג געווען נייגעריק צו וויסן וואס די אפיקורסים האלטן.

מיט אמאל האב איך דערהערט א שטארק קלאפן אין דער דרויסן־טיר, א רויש, גוי'אישע רייד. ר' נחמן האט זיך אויפגעריסן פון ארט. איך האב מיך אויך אויפגעהויבן. איך האב דערזען אן אויסטערליש בילד: די קיך איז געווען פול מיט פאליציי: א סטאיקאווי, א רעוויראווי, אנדערע שררות מיט קריינדלעך און געגילדטע קנעפ. דער סטרוזש איז אויך נאכגעגאנגען און ער האט געהאלטן דאס היטל אין האנט. ס'איז אפילו מיטגעקומען א

ציווילער פארשוין, א געהיים־אגענט, אדער א „סישטשיק", ווי מען האט זיי גערופן. איך האב נישט פארשטאנען דאס רוסישע לשון, אבער לויט ווי די שררות האבן געשריגן, געטופעט מיט די שטיוול, זיך נעכאפט צו די שווערדן — האב איך באנומען, אז דא קומט פאר א רעוויזיע. ר' נחמנ'ס פנים איז געווארן ווייס ווי פאפיר. די מיידלער האבן זיך דערשראקענע אריינגערוקט אין א ווינקל. די יידענע האט עפעס גע'טענה'ט, זיך געבעטן, אבער מען האט אויף איר געשריגן. א פחד האט מיך אנגענומען. א שוידער איז מיר דורכגעלאפן איבערן רוקן.

— מעג איך גיין אהיים? — האב איך געפרעגט ר' נחמנ'ען?

ער האט אויף מיר א קוק געטאן א פארוויינטער און געענטפערט:

— אויב זיי וועלן דיך לאזן.

כ'האב זיך געלאזט גיין צו דער טיר, נאר א סטראזשניק האט מיך פארהאלטן:

— א טי קודא?

וועגן ר' נחמנ'ס מסחר האב איך נישט געוואוסט, אדער איך האב נישט געוואוסט, אז ס'איז פארבאטענע סחורה. איך בין געשטאנען א דערציטערטער. איך האב מיט א צייט צוריק געהאט געזען צוזאמען מיט ברוך דוד'ן, מיין חבר, די ווארשעווער תפיסות: די געלע מויערן, די קראטן אויף די פענצטער, די דראטענע נעצן איבער די קראטן, די ארעסטאנטן מיט די געלע פנים'ער, וואס האבן פון דארט ארויסגעקוקט, די שווארצע טויערן וואו ס'זענען אריינגעפארן די קעטשלעך מיט די ארעסטירטע. איך בין איצט געווען זיכער, אז מיין צייט איז געקומען. מען וועט מיך איינזעצן אין קרימינאל. איך וועל צוזאמען מיט ר' נחמנ'ען און זיין משפחה פארפוילט ווערן צווישן די דיקע ווענט און קיינער וועט מיך נישט אויסלייזן. אבער פארוואס קומט עס מיר? און וואס האט מען צו ר' נחמנ'ען און זיינע מיידלער? האט מען אויסגעטראכט אויף אים א בלבול? אין ארויס א גזרה? איך האב מיך דערמאנט אן דער מעשה פון ר' עקיבא, וואס מען האט געקעמט זיין לייב מיט אייזערנע קאמען און זיין נשמה איז אויסגעגאנגען ביי שמע ישראל. וועל איך אויך האבן אזא סוף? האבן זיך אומגעקערט כמעלניצקי'ס צייטן, אדער די צייט פון חורבן בית־המקדש? אוי, ווען איך קאן ארויפשפרינגען פון פענצטער! אוי, ווען עס וואקסט מיר מיט אמאל אן א פאר פליגל און איך טו א פלי ארויס ווי אן אדלער! אוי, ווען איך ווער פלוצלונג שטארק ווי שמשון הגיבור, און איך כאפ א קינבאק און נעם שלאגן די דאזיקע פלשתים! אדער ווען איך האב ביי מיר א היטל אזא, וואס ווען מען טוט עס אן ווערט מען א רואה ואינו נראה! איך וואלט ארויס דורך דער טיר, אבער זיי וואלטן בלויז געזען ליידיקייט...

איך בין נאך נישט געווען ארעסטירט, אבער אזא שטארקער פארלאנג צו זיין פריי האט מיך אנגענומען, אז איך האב געטראכט: וואס האט מיר געפעלט ביז איצט? צו וואס האב איך געזארגט, אז איך האב געקאנט פראנק־און־פריי ארומגיין איבער די גאסן? דער זומערדיקער טאג, די ווארשעווער גאסן, אונזער אייגענע היים האבן מיט אמאל באקומען אין מיינע אויגן דעם זיבעטן חן. ס'האט מיך גענומען ווי שטיקן אין דער דאזיקער שטוב. איך האב געקוקט מיט פחד אויף די שווערדן, די שליפעס, די פייפלער, די מעדאלן. אויב ס'איז דא א גאט — פארוואס שווייגט ער? — איז מיר איינגעפאלן. — ווי לאזט ער צו אז אזוינע רשעים זאלן פייניקן יידן?

נאך אביסל רייד, האבן די פאליציאנטן זיך א לאז געטאן זוכן איבער דער שטוב. בלויז איין פאליציאנט איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. אין אנהויב האבן זיי גארנישט געפונען. מיט אמאל האבן זיי גענומען פון ערגעץ ארויסשלעפן שאכטלען מיט פאפיראסן, גילזן, טאבאק, און מיר דוכט זיך, אז נאך אנדערע סחורות, געוויקלטע אין אלערליי פאפירן און ביבעלעס. אפשר איז דאס געווען ווייניק, האט דער ציווילער פארשוין געבראכט א ברעך־אייזן און מען האט ארויסגעריסן א ברעט פון דער פארלאגע. מען האט ארויסגענומען דאס ריכטיקע ברעט, ווייל ס'האבן זיך ווידער באוויזן אלערליי שאכטלען און סחורות איינגעוויקלט אין פאפירן. ר' נחמן האט א זאג געטאן:

— מ'האט גע'מסר'ט!

— מאלטשאט! נישט רעדן! — האט א פאליציאנט באפוילן.

אפשר דריי שעה צייט האט געדויערט די רעוויזיע. פריער האט זיך פון מיר גענומען גיסן דער שווייס און איך בין שיער נישט צעגאנגען פון שוויצן. דאס העמד איז מיר געווארן איינגאנצן נאס. שנירלעך שווייס זענען מיר גערונען איבערן רוקן, איבער דעם בויך, איבער דעם גאנצן לייב. אפילו די פאליציאנטן איז אויפגעפאלן מיין שוויצן, און זיי האבן זיך דעריבער געוויצלט. איינער פון זיי האט מיך א כאפ געטאן ביי א פאה, אבער די האנט איז אים געווארן נאס. איך האב ממש געפילט ווי איך ווער צעגאסן פון אנגסטן. אלץ אין מיר איז ווי צעגאנגען, און מיר האט זיך געדוכט, אז באלד וועט פון מיר גארנישט בלייבן. ר' נחמנ'ס מיידלעך האבן געקוקט אויף מיר, און כאטש די משפחה איז געווען אין א צרה, האבן זיי געשמייכלט. מיט דער צייט איז, זעט אויס, דער גאנצער שווייס פון מיר ארויס. אבער איך בין געשטאנען און אלץ אין מיר האט געציטערט פון פחד און בושה. די דאזיקע יוונים מיט זייערע שווערדן, רעוואלווערן, גוי'אישע רייד, קאצאפישע וויצן, האבן דערוועקט אין מיר א שנאה, וואס איך האב קיינמאל פריער נישט געפילט צו קיין שום מענטש. איך בין געשטאנען פנים־אל־פנים קעגן די רשעים.

איך געדענק נישט גענוי דעם סוף, נאר מיר דוכט זיך, אז נאך א ווייל איז געקומען ר' נחמנ'ס בחור און יענער איז אוועק מיט די קאצאפן אין שלאף־חדר און דארט עפעס מיט זיי אונטערגעהאנדלט און זיך גע'סוד'עט.

אומזיסט איז געווען מיין שרעק. נישט מען האט מיך געשלעפט אין תפיסה, נישט קיינעם פון הויזגעזינד. נאכדעם ווי די נאטשאלסטווא איז אוועק, האט ר' נחמן זיך אנגענומען ביי דער בארד און געזאגט:

— אזא פנים האט דער ייד. שוין כ'לעבן צייט משיח זאל קומען.

מען האט מיך נאך געוואלט מיט עפעס מכבד זיין, אדער מיר גאר געבן צו עסן, אבער איך האב געוואלט אוועק פון דער דאזיקער שטוב. דאס וואס ס'איז דא געשען, איז נישט געווען בלויז עפעס וואס האט מיך אפגעשראקן, נאר אויך טיף געקרענקט. איך האב זיך שוין געהאט אנגעהערט מיט מיין ברודער'ס רייד, אז יידן באשטייען פון קרעמערלעך, מעקלערלעך, לופט־מענטשן, שטעקל־דרייער. ס'איז דא מער קרעמערס ווי קונים. די שווערס גיבן די איידעמס קעסט, אבער זיי אליין האבן נישט וואס צו עסן. מיין ברודער האט געהאט גערעדט וועגן ארץ־ישראל, וואו יידן נעמען זיך צו ערד־ארבעט און ווערן א נארמאל פאלק. ער האט אויך אריינגעווארפן אנצוהערענישן וועגן דעם, אז יענע וואס ארבעטן שווער און ביטער האבן נישט אויף שבת, און יענע וואס גייען ארום פוסט־און־פאסט, זענען אנגעשטאפט מיט געלד. ער האט געשמועסט מיט דער מאמען וועגן די בילגארייער זיפערס, וואס א גאנצע וואך ארבעטן זיי ביי די ווארשטאטן, און פרייטיק גייען זיי איבער די הייזער. פארוואס סטרייקן זיי נישט? — האט מיין ברודער געפרעגט. — די בעלי־בתים וואלטן געמוזט נאכגעבן. זינט מיין מוטער האט זיך געהאט אומגעקערט פון בערלין, וואו ס'איז פארגעקומען מיין שוועסטער'ס חתונה, האט זי אליין אויך אנגעהויבן אריינווארפן אויסטערלישע ווערטער. אין דייטשלאנד איז מען פריי — האט די מאמע געזאגט. — די פאליציי רעדט איידל מיט מענטשן און מען זאגט: ביטע, ענטשולדיגן זי... אויף דער גרענעץ האבן די באאמטע רעכט נישט געזוכט אין די רענצלעך און גערופן דעם טאטן: הער ראבינער... די אלע רייד האבן זיך צוזאמענגעמישט אין מיין קאפ אין איין קנויל. איך בין געגאנגען איבער די גאסן און עפעס האט אין מיר נעסאכט, געזאטן. דעם ברודער'ס רייד האבן ווי אויפגעוואכט אין מיין מוח און זיך אויסגעמישט מיט מיינע אייגענע געדאנקען. ניין, דאס איז נישט קיין לעבן. דאס לעבן דא איז איין גרויסער בזיון, איין שטיק מיאוס־קייט!...

איך האב צום ערשטן מאל אנגעהויבן קוקן אויף די ווארשעווער יידן מיט אנדערע אויגן. איך האב געזען: פיצלעך געוועלבעלעך, אפגעריסענע מאנסלייט, פארשמירטע קינדער, צעשויבערטע ווייבער. פון די בתי־מדרשים און שטיבלעך האט זיך געטראגן א קול תורה, אבער ארומגערינגלט איז דאס אלץ מיט פאליאקן, קאצאפעס, אומצאליקע גויים, וואס האבן פיינט דעם ייד און קוקן אויף אים ווי אויף אן אומזיסטן פרעסער, א בעטלער, א פאראזיט. די יידן האבן איין באשיצונג: גאט אין הימל. אבער וואס איז אויב די אפיקורסים זענען, חלילה, גערעכט?...

# 33

## מען האט נאכגעמאכט מיין טאטע'ן א וועקסל

די דאזיקע געשיכטע דארף דערציילט ווערן. זי איז א דאקומענט פון מענטשלעכער תמימות און מענטשלעכער רשעות.

אין איינעם א טאג איז אנגעקומען צו אונז אין הויז א פאפיר אויף רוסיש. געברענגט האט דאס פאפיר נישט א פאסט־טרעגער, נאר א משולח. מיין פאטער האט נישט געקאנט לייענען קיין רוסיש און מ'האט אריינגערופן א שכן וואס האט געדינט אין מיליטער. יענער האט געלייענט, געהויבן די אקסלען און געזאגט מיין טאטן אז מען מאנט ביי אים זעקס

# My Father's Friend

Often I hear Yiddish writers speak of publishing a book. Terms like matrices, composition, plates, and stock are used. But to me these words have been familiar from childhood. Since my father was the author of numerous religious books, I learned early how a book is set in type, how galleys are proofread, matrices struck, plates made, and all about printing and binding. No matter how little my father earned, he saved money to publish his books. He used to say, "A religious book is a permanent testament."

I remember him also preparing for publication a manuscript of the famous Joseph Shor. It was discovered somewhere in a library: a notebook with yellow-gray paper and faded characters, but the writing, although 150 years old, was still legible. Its title was



*Nutrikun* and, like all Shor's works, it was written in a difficult literary style. My father and his good friend, Reb Nachman, known for his own rabbinical books, copied the old manuscript for the printer.

I loved to be present when Father and Reb Nachman conversed. They both had red beards and blue eyes, but Reb Nachman was a kind of Hasidic dandy, with a dazzling alpaca capote, gold-rimmed glasses dangling from a black ribbon, and polished boots. A fine, intelligent person, of good heritage, Reb Nachman was a disciple of Rabbi Zadock Lubliner, whose numerous religious books he kept editing and publishing. Father enjoyed the wit of Reb Nachman, who, in turn, was pleased with Father's gentle speech. On the other hand, Reb Nachman also resented the Radzymin rabbi, for whom he worked some years before.

Reb Nachman conducted himself like a scholar and aristocrat. Unfortunately, his writing and editing brought him nothing, and if his son did not make and sell cigarettes, Reb Nachman and his family would have starved. It was illegal to sell cigarettes without a stamp signifying that they had been taxed, but they had no other source of livelihood. The boy sold the cigarettes to stores who resold them.

One day, for some reason or other, my father sent me to Reb Nachman. The apartment, different from ours, was somehow similar. There were more children and more furniture. Reb Nachman, who had a talent for drawing, not only would print and draw beautifully but would embellish a title page with all kinds of flowers, circles, and flourishes. He sat at a table in a skullcap and satin vest, with colored slate pencils and bottles of ink before him.

Since Reb Nachman visited Father more often than



Father visited him, I was welcomed warmly and addressed as a grown-up. Having heard that my brother Israel Joshua had become "corrupted," he discussed heresy with me. Then he showed me a piece of paper covered with flowers, lions, small birds, and eagles. "Look," he said, "if someone told you this had drawn itself, you'd say he was crazy—but the heretics say the world created itself, and is that sane?"

"Certainly not."

"Man, they say, comes from the ape. But did the ape come from itself?"

"No."

"They say the earth tore itself from the sun. Well, where did the sun come from? They say all kinds of nonsensical things to keep from admitting that there is a Creator."

I blushed. Such things were never discussed directly with me, a mere boy, at home. Reb Nachman was treating me like an equal. I was offered a glass of tea and a cookie. A girl my age with dark braids came in, and then another girl. I smelled cutlets frying in the kitchen. This apartment didn't seem as bare as ours; everything harmonized—the Torah, wise words, girls, tasty dishes, a table full of pencils, inks, brushes, and seals. And what Reb Nachman had to say about heretics was revealing to me, since I had wondered for a long time what their views were.

Suddenly there was a loud knocking on the front door, then noise and harsh voices. Reb Nachman leaped from his chair and I arose, frightened by a strange sight—the kitchen was full of policemen, officers in brass buttons with "crowns" on their caps. Cap in hand, the janitor followed them, and there was even a civilian official, a secret agent. From the way the Russians,



whom I did not understand, yelled and stamped and gripped their swords, I realized it was a raid. Reb Nachman grew white and his frightened daughters huddled in a corner. His wife was arguing and pleading, but the police shouted at her to be quiet. A tremor ran down my spine.

Terrified, I asked Reb Nachman if I could go home.

"If they let you," he said in a confused way.

I was stopped at the door by a guard.

I had no knowledge of Reb Nachman's illegal business and I stood there trembling. Just a while ago, my friend Baruch David and I had seen the Pawiak prison: the yellow walls, the barred windows with wire mesh across the bars, the sallow-faced prisoners peering out, and the black entrance gates. I felt as if my time had come now; I as well as Reb Nachman and his family would be sent to jail to rot behind the thick walls. But why should this happen to me, and what did they have against Reb Nachman? Had he been falsely accused? I remembered the story of Rabbi Akiba, whose body had been raked with metal combs until he expired. Was that to be my fate? Had the era of Chmielnitzky returned or the time when the Temple was destroyed? I wished I could suddenly sprout a couple of wings and soar off through the window, or grow as strong as Samson and smite these Philistines with the jawbone of an ass, or wear a hat that would make me invisible.

I hadn't been arrested yet, but my desire for freedom became so potent that I wondered what I had been missing until then. What had I worried about when it was possible to walk the streets unmolested? Everything became inexpressibly dear to me: the Warsaw streets, our home, the summer day. I felt as if I were suffocating as

I looked fearfully at the swords, epaulets, whistles, and medals. If there is a God, I thought, why is he silent?

The police stopped talking and began to search the apartment. At first they found nothing, then suddenly they began to drag out cartons of cigarettes, cigarette paper, tobacco, and other things wrapped in paper.

As if this wasn't enough, the agent brought in a crowbar and wrenched a board from the floor. It happened to be the right board, because all kinds of boxes wrapped in paper were revealed. "Someone informed!" Reb Nachman called out. "Be quiet!" a policeman ordered.

During the search, which took about three hours, I almost passed out from sweating. My shirt was drenched and rivulets ran over my entire body. The policemen laughed, seeing me so soaked, and one of them seized my sidelock, to find his hand wet. I was melting from anxiety; it seemed to me that I would soon dissolve completely. Reb Nachman's daughters, despite the trouble in the family, looked at me and smiled. I kept trembling with fear and shame, even when the sweating stopped. These Russians with their swords, revolvers, mean speech, and coarse jokes aroused hostility in me that I had never before felt toward anyone.

Eventually Reb Nachman's son came home, took the Russians into the bedroom, and came to some agreement with them. No one was taken to jail and I had been afraid for no reason at all. After the police left, Reb Nachman clutched his beard and said, "You see where they've got us. It's high time the Messiah came."

They insisted that I eat something else, but all I wanted to do was get away. I felt sickened by the experience. I



had already heard my brother say that Polish Jews were storekeepers, brokers, idlers, and parasites, and that there were more stores than customers. The fathers-in-law starved in order to board their sons-in-law. My brother referred to Palestine, where Jews led normal lives as farmers. He also had socialistic leanings and complained that those who worked hard had nothing, while the idle never lacked money. He had told Mother about the Bilgoray sieve-makers who toiled in their shops all week and had to beg on Fridays. "If only they'd strike," my brother said, "the bosses would have to give in."

Even my mother, after her return from my sister's wedding in Berlin, spoke in a manner that was strange for her. "In Germany," she said, "people are polite. The police say 'please' and 'excuse me' to everyone. And the border officials did not tear up our things, but addressed Father as 'Herr Rabiner.'"

My brain was whirling with such information. I walked, seething, through the streets, my brother's words mixing with my own thoughts. No, life in Poland was shameful!

With new insight I observed Warsaw's Jews: tiny shops, ragged men, grimy children, slatternly women. The voice of the Torah arose from houses of prayer and study houses, but they were surrounded by Poles, Russians, innumerable Gentiles who hated Jews and considered them a burden. The Jews had one protector: God. But what if the heretics were right?

הונדערט רובל פאר א וועקסל וואס ער האט זשירירט. מיין פאטער איז געבליבן א דערשטוינטער. ער האט קיינמאל אין זיין לעבן נישט אונטערגעשריבן קיין וועקסל און נישט זשירירט קיין וועקסל.

— ס'איז עפעס א טעות! — האט ער געזאגט.

אבער ס'איז, אפנים, נישט געווען קיין טעות. ס'איז אנגעגעבן געווארן גענוי מיין פאטער'ס נאמען: פנחס מענדל און אויך דער ביינאמען און דער גענויער אדרעס. מ'האט אין דעם פאפיר אויפגעפאדערט מיין פאטער גלייך צו באצאלן דעם חוב און אים געווארנט אז אויב ער וועט נישט באצאלן, וועט מען אים אפשרייבן דאס מעבל און דורכפירן א ליציטאציע.

בקיצור, ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז עמיץ האט געפעלשט מיין פאטער'ס אונטערשריפט. מיין פאטער איז געווארן מורא'דיק דערשראקן. ער האט געהאט א יידישן, תלמיד־חכמ'שן ווידערווילן צו אלץ וואס האט צו טאן מיט פאליציי, גויים, געריכטן, און אלע זייערע „משפטים בל ידעום". דער בלויזער אנבליק פון א שווערד, שליפעס, געגילדטע קנעפ האט ארויסגערופן אין מיין פאטער א פחד. ער האט געוואוסט פון ספרים אז די הערשער אויף דער דאזיקער וועלט זענען אלע רשעים, וויסן נישט פון קיין שום גערעכטיקייט, זענען אלעמאל אויף דער זייט פון די שטארקע און פאלשע. ווײ צו יענעם וואס האט א טועכץ מיט נאטשאלסטווא. ריין קומט מען פון זייערע הענט נישט ארויס.

די מאמע און די קינדער האבן אים געפרואווט טרייסטן. נאך אלעמען, דאס איז נישט קיין קרימינעלער פראצעס. צווייטנס, קאן מען לייכט אזוינע זאכן אויפווייזן אין געריכט. ס'זענען פאראן עקספערטן. אבער די ווערטער אליין — קרימינעל, פראצעס, געריכט, עקספערטן — האבן אנגעפילט מיין פאטער מיט אומגעהייערער שרעק. ער וויל דאווענען, לערנען, טאן אין יידישקייט, און דא דארף ער נאר גיין זוכן אן אדוואקאט. ווער ווייסט צי מ'וועט אים נישט הייסן שווערן? ווער ווייסט צי ער וועט נישט דארפן שטיין צווישן די ערלים אין בלויזן קאפ? אויך דארף מען באצאלן אן ארוואקאט און אין שטוב איז נישטא קיין גראשן.

דער טאטע האט סוף־כל־סוף באקומען א ווינקל־אדוואקאט און יענער האט זיך דערוואוסט, אז דאס וועקסל האט ארויסגעגעבן און געפעלשט איינער א סוחר מיטן נאמען לולא. מיין פאטער איז אוועק צו יענעם. ער האט געהאט ערגעץ א געוועלב פון וואטע און צודאטן. דער לולא איז געווען א קורץ־געקליידטער, א „דייטש". דער טאטע האט צו אים געטענה'ט:

— וואס ווילט איר האבן פון מיר? איך בין אן ארימאן. וואו זאל איך נעמען זעקס הונדערט רובל?

אין אנהויב האט דער לולא זיך, אפנים, דערשראקן, ווייל פאר פעלשן א וועקסל קומט דריי יאר תפיסה. אבער ווען ער האט דערזען, אז מיין פאטער בעט זיך ביי אים, האט ער פארשטאנען, אז ער האט דא אנגעטראפן אויף א בטלן, און ער האט גע'טענה'ט:

— איך באצאלט בעסער, רבי, — ווען נישט, וועל איך אייך לאזן איינזעצן אין קרימינאל.

— ס'טייטש, איך האב דאך נישט אונטערגעשריבן. איך קאן דאך אייך אפילו נישט. דאס איז דאך א בלבול.

— איר'ט יא אונטערגעשריבן!

— ווען? ווי אזוי?

— כ'האב נישט קיין צייט זיך מיט אייך אויסצו'טענה'ן. באצאלט! איר האט א בארד מיט פאות, אבער איר ווילט נישט באצאלן! איר זענט א גנב!

אזוי האט לולא, דער קופערנער שטערן, גערעדט צו מיין פאטער.

די אונטערשריפט איז געווען אויף „פויליש", אין לאטיינישע בוכשטאבן, און מיין פאטער האט זיך בלויז געקאנט אונטערשרייבן אויף רוסיש. אבער דאס האט לולא נישט געוואוסט. ער האט שוין געהאט דאס וועקסל אוועקגעגעבן פאר סחורה, אדער פאר אנדערע אויסגאבן, און ער האט מער נישט געקאנט אדער נישט געוואלט עס אויסלייזן. ער האט באשלאסן צו לאזן די זאך גיין איר גאנג. דערווייל איז ער געווען פריי פון צאלן.

דערווייל איז מיין פאטער ארומגעגאנגען א באַ'צער'טער, א בלאסער. ער האט מער נישט געקאנט לערנען במנוחה. ער האט מער נישט געקאנט דאווענען מיט כוונה. דער ווינקל־ארוואקאט האט נישט געטוינט פאר אזא פארוויקלטן פראצעס און מיין פאטער איז אוועק צו נח פרילוצקי, דעם בארימטן פילאלאג, דער זון פון צבי פרילוצקי, דעם רעדאקטאר פון „מאמענט". אזוי ווי מיין פאטער האט אויסגערעדט צוויי ווערטער, האט פרילוצקי זיך אנגערופן:

— איר זענט פון לובלינער גובערניע.

— יא. פון וואנען ווייסט איר?

— פון אייער לשון. זענט איר נישט אמאל פון טאמאשאוו?

— יא, כ'בין פון טאמאשאוו.

דער טאטע האט דערציילט פרילוצקי'ן זיין געשיכטע און פרילוצקי האט זיך צעלאכט. זארגט נישט, מורה הוראה, איר'ט נישט צאלן קיין וועקסל וואס איר האט נישט גע'חתמ'עט. זאל יענער זארגן, דער פעלשער, דער שווינדלער. פרילוצקי האט צוגעזאגט דעם טאטן צו רופן דעם לולא און מיט אים צו רעדן שארפע דיבורים. אבער דערווייל האט פרילוצקי ערגעץ געמוזט אוועקפארן און נישט געקאנט אונטערנעמען די „ספראווע". דאס וועקסל האט זיך געפונען ביי א גוי'אישער פירמע, און אזוי ווי לולא האט געהאט אפגעשריבן זיין געוועלב און אלע זיינע ווערטפולע זאכן אויפן ווייב'ס נאמען, — האט די פירמע געמאנט ביים טאטן און אנגעשטעלט אן אדוואקאט. יענער אדוואקאט האט גאנץ גוט געוואוסט, אז דער טאטע איז אומשולדיק. אבער דער אונטערשיד צווישן א פארברעכער און אן אדוואקאט איז אפט זייער א קליינער. יענער האט געזידלט דעם טאטן און געזאגט, אז ס'איז א חרפה דאס א ראבין, א גייסטלעכער, זאל נישט ווען צאלן א סומע געלט, וואס ער האט גאראנטירט. דער טאטע האט צום ערשטן מאל אין לעבן זיך באגעגנט פנים־אל־פנים מיט א וועלט, וואו מ'טראכט אנדערש און מ'רעדט אנדערש; מ'ווייסט דעם אמת — אבער מען קלערט־אויס בלבולים. דער טאטע איז געווארן אויסער זיך. וויי־געוואלד, ווי איז דאס געמאלט? — האט ער גע'טענה'ט. — דאס איז דאך עפעס סדום! ס'איז דאך ממש ווי דער ביילים־פראצעס!... דער טאטע האט פאראויסגעזען ביטערע זאכן: מ'עט, חלילה, ביי אים אלץ צונעמען און אים איינזעצן אין תפיסה. ער'ט נישט קאנען דאווענען, לערנען, שרייבן חידושים. מ'וועט אים צווינגען צו עסן טרפות, און מ'וועט אים פארשיקן אין קייטן קיין סיביר. ווי באלד מ'קאן אויסטראכטן אזוינע ליגנס און אים זאגן אין פנים, אז ער האט אונטערגעשריבן א וועקסל וואס ער האט נישט אונטערגעשריבן, איז דאך עק־וועלט! איז דאך א דור־המבול, און אזוינע ליגנער און משחיתים וועלן זיך נישט אפשטעלן פאר קיין שום עבירה. האט נישט אביגדור, דער מסור, געלאזט איינזעצן דעם רב הקדוש? האט מען נישט איינגעזעצט אין תפיסה דעם מהר"ם מראטנבערג? דער טאטע האט גענומען אריינקוקן אין ספרים אזוינע, וואו ס'האט זיך גערעדט וועגן קידוש־השם. ער האט אנגעהויבן טאן תשובה און פאסטן תעניתים. ווי באלד מ'האט אים אונטערגעשיקט אזא צרה, איז דאך א סימן, אז ער איז עם ווערט. ס'איז געווען זומער און דער לולא איז דערווייל אוועקגעפארן אויף דאטשע. דער נייער אדוואקאט, וואס דער טאטע האט גענומען, איז נאר געפארן אין ווארעם־באד. ס'איז געהאט באשטימט געווארן א פראצעס, אבער מ'האט אים אפגעלייגט. דער סודיא (ריכטער), די עקספערטן האבן ערגעץ געשאסן חיות אין די וועלדער און ס'איז זיי ווייניק אנגעגאנגען וואס דער מורה הוראה פון קראכמאלנע גאס שלאפט נישט נעכט.

אין ראדזימינער שטיבל האבן די געניטע לייט אויסגערעדט דעם טאטן די מורא. איין חסיד האט אפילו גע'טענה'ט, אז הלוואי וואלט מיט אים געשען אזא זאך. ער, דער חסיד, וואלט ביי דעם לולא'ן ארויסגעקריגן א סך געלט, ווען נישט, וואלט ער אים איינגעזעצט אין פאוויאק. יידן נגידים האבן געלאכט אין די פויסטן. וואס וועט מען ביי אייך צונעמען?

— האבן זיי געפרעגט. — דעם יורה דעה? דער לולא ווארט מסתמא ביז נאך די ימים־טובים, ווען מ'קויפט וואטע, און דאמאלס וועט ער באצאלן. יעדער איינער האט ארויסגעבראכט אן אנדער סברא. אבער דער טאטע איז ארומגעגאנגען א פארטראכטער. ער האט געוואוסט, אז ס'זענען דא שדים, לצים, רוחות, לאפיטוטן, אומריינע לייט וואס טוען רשעות. אבער צום ערשטן מאל האט די סטרא־אחרא זיך צוגעטשעפעט צו אים אליין און אים געוואלט אומברענגען. דער עיקר האט דעם טאטן גענארט לולא'ס חוצפה. ווי קאן מען עפעס זאגן יענעם אין פנים אריין אזא שקר? ער איז דאך א ייד. ער רעדט דאך יידיש. פון וועמען קומט אזא פושע ישראל ארוים? ווי האט זיך גענומען צו אים אזא אכזריות? ווי קאן ער דארט זיצן צווישן די ביימער, אויף דער פרישער לופט, און פרעסן, בעת ער פארצאפט א ייד אזוי דאס בלוט? און אויב א ייד קאן אפטאן אזא אומיושר'דיקיים, — איז וואס האט מען צו די גויים?

— איי־ווײ, ס'איז ניש' גוט, ס'איז ביטער ווי גאל — האט דער טאטע נישט אויפגעהערט צו זיפצן. — נישט אנדערש, נאר ס'איז משיח'ס צייטן...

מיין ברודער, וואס האט אנגעהויבן ווערן קאליע, האט באקומען ארגומענטן וואס זאלן אים ארויסהעלפן.

— ווי באלד יידן זענען אן אויסדערוויילט פאלק, אן „אתה בחרתנו",
— ווי נעמט זיך צו זיי אזא פארשוין?

— אז א ייד פארלאזט די תורה, איז ער ערגער ווי א גוי — האט דער טאטע געענטפערט.

— ס'זענען דא אנזעצערס אויך צווישן חסידים — האט מיין ברודער גע'טענה'ט. — דו, טאטע, ווייסט נישט וואס ס'טוט זיך אפ אויף די נאלעווקעס און אין לאדזש. יעדער צווייטער סוחר באנקראטירט. מ'גיט וועקסלען און מ'לאזט זיי גיין צום פראטעסט. דערנאך פארגלייכט מען זיך אויף דרייסיק פראצענט און מען האנדלט ווייטער. די איינענע יידן קומען צום רבי'ן קיין גור. דער רבי אליין איז א שותף צו א לאטעריע. ער האט אליין אויך אנגעזעצט...

— שייגאץ! — האט דער טאטע געטאן א געשריי.

— כ'זאג דעם אמת.

— א שווינדלער איז ניש' קא' חסיד און א חסיד איז ניש' קא' שווינדלער — אלא, ער רופט זיך חסיד, — איז וואס קאן מען טאן? דו קאנסט דיך רופן גובערנאטאר. אין לנו אלא התורה הזאת, מיר האבן גארנישט, נאר די דאזיקע תורה, מפיה אנו חיים, פון איר מויל לעבן מיר. ווער ס'האלט נישט די תורה, איז א פושע ישראל!

— אוי, טאטע, דו קאנסט אינגאנצן נישט די וועלט.

— ווער איז די וועלט? יידן וואס דינען דעם אויבערשטן.

— ס'איז א וועלט פון קאמף, כאפעניש, מארד, אויסנוצעריי, שקר, שווינדל...

— דאס איז נישט די וועלט. דאס זענען רשעים...

— לויט דיר, טאטע, קומט אויס, אז דריי פערטל וועלט וועט זיך בראטן אין גיהנום...

— ס'גיהנום איז גענוג גרויס!...

דער טאטע איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך. אויב מ'וויל אין הימל, אז ער, פנחס מנחם בן שמואל הכהן, זאל פארפוילט ווערן אין קרימינאל, איז עס מסתמא רעכט. ער האט אוודאי אלץ פארדינט. דער רבונו־של־עולם איז אן אל רחום וחנון, א דערבארעמדיקער און לייטזעליקער גאט. פון אים קומט נישט ארויס קיין שלעכטס. ס'איז אלץ אונזער שולד...

ס'איז געקומען ראש־השנה, יום־כיפור, סוכות. דער טאטע האט זיך א נעם געטאן מיט ברען צו די מצוות, וואס זענען פארבונדן מיט די ימים־נוראים. איין מצווה האט געיאגט די אנדערע. מ'האט ווידער ביי אונז צונויפגעקלאפט שטעט און אשר פון מילך־געוועלב האט ביי אונז געדאוונט כל־נדרי און מוסף. באלד נאך יום־כיפור איז דער טאטע געגאנגען מיט מיר אויפן גזשיבאוו קויפן אן אתרוג. ער האט געהאט א באגער צו א הדר — א שיינעם אתרוג — אבער די שיינע אתרוגים מיט די בליטות האבן געקאסט צען, פופצן און פינף און צוואנציק רובל. דער טאטע האט געקוקט, געקליבן. מ'דארף באשיינען די מצוות, אבער די מצוות קאסטן געלט. ער האט באקומען א געשטופלטן אתרוג וואס האט דא און דארט געהאט א שטיקל פלעק. דערפאר איז דער לולב געווען א שיינער — מיט רינגעלעך, קיישעלעך, הדסים, הושענות. איך זע אים, דעם טאטן, איצט ווי ער גייט איבער דער גנאינע גאס, אין איין האנט דאס פאפירענע שאכטל, וואו דער אתרוג ליגט איינגעוויקלט אין פלאקס, און אין דער אנדערער — דער לולב. די זון שיינט אים אויף דער בארד און זי באקומט דערפון א פייערדיק־גאלדיקן קאליר. די גאס איז פול מיט רויש. ווייבער זינגען־אויס — ווינטרויבן, פלוימען, עפל, בארן, אלערליי קוכנס און גרינסן. איך שטעל זיך אפ.

— טאטע, כ'וויל דיך עפעס פרעגן.

— נו, פרעג.

— איז מען יום־כיפור אלע יידן מוחל די עבירות?

— אז מ'טוט תשובה, איז דער אויבערשטער מוחל.

— האט מען לולא'ן אויך מוחל געווען די עבירה?

דער טאטע ווערט צעמישט. ער טוט אויף מיר א קרומען בליק.

— ס'איז ערב סוכות. לאמיר נישט רעדן דערוועגן.

ביי אונז אין הויף קלאפט מען צונויף די סוכות. יידן וואס קאנען נישט האלטן קיין האמער, פארען זיך מיט ברעטער, טירן, נעגל. דער טאטע קומט אויך צו און וויל מיט עפעס העלפן. ער וויל אויך א חלק אין דער מצווה פון שטעלן א סוכה.

אין ווינטער איז פארגעקומען דער פראצעס און די עקספערטן האבן גע'פסקנ'ט, אז די חתימה איז א געפעלשטע. דער טאטע איז ארויס פריי.

איצט האט דער אדוואקאט געדארפט אריינטראגן קעגן לולא'ן, דעם פעלשער, אן אנקלאגע. לולא האט געקאנט באקומען דריי יאר „ארעס־טאנטסקע ראטע". לולא איז געקומען צו לויפן צום טאטן.

— רבי, איר ווילט מיך שעכטן?

— פארוואס האט איר מיר געטאן אזא זאך?

— רבי, כ'בין געווען אין א נויט.

— און אז מ'איז אין א נויט, מאכט מען נאך יענעמ'ס חתימה?

— אז מ'טרינקט זיך, וויל מען זיך ראטעווען...

ער איז געשטאנען ביי אונז אין שטוב מיט א פעטן קארק, א שפיציק בייכל, אין מאדישע מלבושים, אפילו מיט א רינג אויפן פינגער. ער האט אויסגעזען אפגעברענט און אנגעגעסן. ער האט זיך געבייזערט אויפן טאטן און אים געזאגט מוסר:

— רבי, אייער אדוואקאט האט נישט קיין יידיש הארץ... אויב איר, רבי, וועט טאן אזא זאך, וועט מען אייך באשרייבן אין די צייטונגען... איר'ט נישט טארן אין גאס ארויסגיין... ס'וועט זיין א חילול־השם!...

דער טאטע האט אים געזאגט אפענע ווערטער: ער האט אפילו נישט בדעה געהאט צו מאכן קעגן אים קיין אנקלאגע. ער וועט נישט, חלילה, שיקן קיין ייד אין קרימינאל אריין...

לולא האט גענומען פארריכטן די שטייפע מאנקעטן. ער איז גלייך געווארן ביי זיך א תקיף.

— געדענקט, רבי, וואס איר רעדט! כ'וויל נישט האבן צו טאן מיט אייערע אדוואקאטן, די פאסקודניאקעס... ס'הענגט אלץ אפ אין אייך... אז אייך קאנען זיי גארנישט טאן, די פארכעס...

ער איז אוועק און געטאן א זעץ מיט דער טיר. ס'האט גארנישט געפאסט דעם פאן לולא צו קומען צום מורה הוראה פון קראכמאלנע גאס. ער איז געלאפן איבער די טרעפ. אינדרויסן איז ער פלינק איינגעזעסן אין א דראשקע. דער טאטע האט א ווייל נאכגעטראכט און דערנאך האט ער זיך גענומען צו דער גמרא. די מאמע איז אריינגעקומען און ער האט א זאג געטאן:

— כ'וואלט דארפן בענטשן גומל...

# 34

## די וועשין

**מ**יט גוים האט מען אין אונזער שטוב וויניק געהאט צו טאן. געווען אן איינציקער גוי, דער סטרוזש. פרייטאג פלעגט ער קומען נאך א „פיאנטקאווע", פרייטאג־געלט. ער איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, האט אראפגענומען דאס היטל און די מאמע האט אים געגעבן א זעקסער.

אחוץ דעם סטרוזש, האבן מיר געהאט וועשינס, וואס האבן געוואשן אונזער גרעט. וועגן איינער אזא וועשין האב איך צו דערציילן א געשיכטע.

זי איז געווען א קליין גוי'עלע, אן אלטע, א געקנייטשטע. ווען זי האט אנגעהויבן ביי אונז וואשן, איז זי שוין געווען נאך די זיבעציק. יידישע ווייבער אין אירע יארן זענען געווינלעך קראנק, שוואך, צעבראכן. די זקנות אין אונזער גאס האבן אלע געהאט געבויגענע רוקנס און זיך אנגעשפארט אויף שטעקנס. אבער די דאזיקע וועשין — ווי קליין און דאר זי איז געווען — האט אין זיך געהאט א גוי'אישע גבורה. מיין מוטער האט איר אנגעציילט א פאק וועש וואס האט זיך אנגעזאמלט אין א סך וואכן. זי האט דעם ריזיקן פאק אויפגעהויבן, אנגעלאדן אויף די שמאלע אקסלען און אים געטראגן א מהלך וועגס. געוואוינט האט זי אויך אויף דער קראכמאלנע, אבער שוין נאענט צו וואליע. ס'איז זיכער געווען א וועג וואס האט געדויערט אנדערטהאלבן שעה.

זי פלעגט צונעמען די וועש און אין א צוויי וואכן ארום האט זי זיי אפגעבראכט. פון קיין וועשין איז מיין מוטער נישט געווען אזוי צופרידן ווי פון איר. יעדעס שטיקל וועש האט געבלאנקט ווי זילבער. אלץ איז געווען געמאנגלט, אדער געפרעסט. גענומען באצאלט האט זי נישט מער פון אנדערע. דאס וואשן ביי איר איז געווען א מציאה. די מאמע האט אלעמאל אנגעגרייט געלט פאר איר, ווייל די דאזיקע גוי'ע האט געוואוינט אין וואליע און ס'איז געווען פאר איר צו ווייט צו קומען נאכאמאל.

וואשן וועש אין יענע צייטן איז נישט געווען לייכט. די גוי'ע האט נישט געהאט קיין וואסער־קראן און געמוזט ברענגען וואסער פון א פלומפ. אז די וועש זאל ארויסקומען אזוי ריין, האט מען זי געדארפט לאנג רייבן אין דער באליע, וואשן מיט וואש־סאדע, ווייקן, קאכן אין א טאפ, בלויען, קראכמאלען, מאנגלען. יעדעס שטיקל וועש האט מען געמוזט נעמען אין דער האנט אריין צענדליקער מאל. היינט דאס טריקענען! אינדרויסן האט מען נישט געקאנט טריקענען, ווייל גנבים האבן גע'גנב'עט. מען האט געמוזט ארויפטראגן די אויסגעדרינגטע וועש אויף א בוידעם און דארט זיי צעהענגען אויף שטריק. ווינטער איז די וועש געווארן שטייף ווי גלאז און זי האט זיך געבראכן אונטער די הענט. אויך איז אלעמאל געווען א טומעל מיט אנדערע באלעבאסטעס און וועשינס, וואס האבן געוואלט דעם

# THE WASHWOMAN

OUR HOME HAD LITTLE CONTACT with Gentiles. The only Gentile in the house was the janitor. Fridays he would come for a tip, his "Friday money." He remained standing at the door, took off his hat, and my mother gave him six groschen.

Besides the janitor there were also the Gentile washwomen who came to the house to fetch our laundry. My story is about one of these.

She was a small woman, old and wrinkled. When she started washing for us she was already past seventy. Most Jewish women of her age were sickly, weak, broken in body. All the old women in our street had bent backs and leaned on sticks when they walked. But this washwoman, small and thin as she was, possessed a strength that came from generations of peasant forebears. Mother would count out to her a bundle of laundry that had accumulated over several weeks. She would lift the unwieldy pack, load it on her narrow shoulders, and carry it the long way home. She also lived on Krochmalna Street, but at the other end, near Wola. It must have been a walk of an hour and a half.

She would bring the laundry back about two weeks later. My mother had never been so pleased with any other washwoman. Every piece of linen sparkled like polished silver. Every piece was ironed. Yet she charged no more than the others. She was a real find. Mother always had her money ready, because it was too far for the old woman to come a second time.

Laundering was not easy in those days. The old woman had no faucet where she lived but had to bring in the water from a pump. For the linens to come out so clean, they had to be scrubbed thoroughly in a washtub, rinsed with washing soda, soaked, boiled in an enormous pot, starched, ironed. Every piece was handled ten times or more. And the drying! It could not be done outside because thieves would steal the laundry. The wrung-out wash had to be carried up to the attic and hung on clotheslines. In the winter it would become as brittle as glass and almost break when touched. Then there was always a to-do

בוידעם פאר זיך. איין גאט ווייסט וויפיל צוא אלטע פרוי איז דורכגעגאנגען ביי יעדער וועש.

די אלטע האט געקאנט ווערן א בעטלערין ביים קלויסטער, אדער אוועקגיין אין מושב זקנים. אבער ס'איז געווען אין איר א שטאלץ און א ליבע צו ארבעט, וואס דערמיט זענען געבענטשט עשיו'ס אייניקלעך. די אלטע האט נישט געוואלט פאלן צו לאסט און זי האט דעריבער געטראגן די לאסט.

מיין מוטער האט געקאנט אביסל פויליש און די אלטע פלעגט רעדן מיט דער מאמען וועגן פארשידענע זאכן. זי האט אויך ארויסגעוויזן א באזונדערע ליבשאפט צו מיר, און געזאגט, אז איך זע־אויס ווי יעזוס. זי האט דאס יעדעס מאל איבערגע'חזר'ט, און מיין מוטער פלעגט זיך פארקרימען און מורמלען עפעס א שפרוך מיט די ליפן: אז די רייד אירע זאלן פאלן אויף אלע וויסטע וועלדער...

די דאזיקע גוי'ע האט געהאט א זון, וואס איז געווען א נגיד. איך געדענק שוין נישט מיט וואס ער האט זיך באשעפטיקט. ער האט זיך געשעמט מיט זיין מוטער, דער וועשין, און איז קיינמאל צו איר נישט געקומען. ער האט איר אויך נישט געגעבן קיין גראשן. די אלטע האט דאס דערציילט אן פארביטערונג. אין איינעם א טאג האט דער זון חתונה געהאט. ער האט, אפנים, געטאן א לייטישן שידוך. די חתונה (אדער „חתלורע", ווי מיין מוטער פלעגט זאגן) איז פארגעקומען אין א קירך. דער זון האט נישט פארבעטן די מוטער אויף דער חתונה. אבער די אלטע מאמע איז אליין אוועק צו דער קירך און געווארט ביי די טרעפ, צו קאנען זען ווי איר זון פירט צום אלטאר די „פאננא מלאדא", די יונגע פאננא. איך וויל דא נישט זיין קיין שאוויניסט, אבער א יידישער זון וואלט אזוי נישט געהאנדלט. אז אנדערע זאך איז, אז ווען ער וואלט יא אזוי געהאנדלט, וואלט די מאמע געמאכט קולות און געוואלדן און געשיקט נאך אים דעם שמש. קורץ, יידן זענען יידן און גויים זענען גויים.

די געשיכטע מיט דעם דאזיקן פאררעטערישן זון האט געמאכט אויף מיין מוטער א שווערן איינדרוק. זי האט גערעדט וועגן דעם וואכן און חדשים. דאס איז געווען א שפיי אין פנים נישט בלויז דער דאזיקער גוי'ע, נאר דער גאנצער אינסטיטוציע פון מוטערשאפט. מיין מוטער האט געטענה'ט:

— נו, גיי זיי זיך מקריב פאר קינדער? די מאמע שלאגט זיך ארוים פון די כוחות און דאס ווייסט נישט פון קיין געטריישאפט.

און זי האט געגעבן בייזע אנצוהערענישן, אז זי איז נישט זיכער אין אירע אייגענע קינדער: ווער ווייסט ווי זיי וועלן זיך פירן?... דאס האט איר פונדעסטוועגן נישט געשטערט דאס לעבן צו שטרעקן פאר אונז. ווען אין שטוב איז געווען עפעס א גוטע זאך, האט די מאמע זי תמיד אוועקגעגעבן די קינדער, און זי האט געהאט אלערליי אויסריידן און תירוצים

פארוואס זי וויל דערפון נישט פארזוכן. זי האט געהאט סגולות אזוינע, וואס האבן געשטאמט פון אלטע צייטן, און זי האט גערעדט רייד, וואס זי האט גע'ירשנ'ט פון דורות געטרייע מאמעס און באבעס. ווען א קינד האט זיך אויף עפעס געקלאגט, האט די מאמע געזאגט: „איך זאל זיין דיין אפלייזער. דו זאלסט מיינע ביינער איבערלעבן!..." אדער זי פלעגט א זאג טאן: „א כפרה זאל איך זיין פאר דיין מינדסטן נעגעלע"... ווען מיר האבן עפעס געגעסן, פלעגט די מאמע זאגן: „געזונט און מארך אין דיינע ביינדעלעך!"... יעדן ערב ראש־חודש האט די מאמע אונז איינגעגעבן ווערים־צוקערלעך, א סגולה קעגן ווערים. ווען א קינד האט זיך עפעס אריינגענומען אין אויג, האט די מאמע דאס אויג אויסגעלעקט מיט דער צונג. אויך האט זי אונז געשטאפט מיט קאנדל־צוקער קעגן הוסט און פון ציים צו צייט אוועק אפשפרעכן אן עין־הרע. דאס האט איר נישט געשטערט צו לערנען חובת הלבבות, דעם ספר הברית און אנדערע ערנסטע פילאזאפישע ספרים.

אבער לאמיר זיך אומקערן צו דער וועשין.

דער ווינטער איז געווען א קאלטער. אינדרויסן זענען געשטאנען ביטערע פרעסט. וויפיל מ'האט נישט געהייצט ביי אונז אין אויוון, זענען די שויבן געווען באוואקסן מיט פראסט־ביימער און באהאנגען מיט צעפלעך אייז. די צייטונגען האבן געשריבן, אז מענטשן פאלן פון קעלט. פערד האבן זיך אויסגעגליטשט און געווארן געפרוירן. קוילן זענען געווארן טייער. די קרירה איז געווארן אזוי גרויס, אז מ'האט אויפגעהערט צו שיקן קינדער אין חדר אריין און מ'האט אפילו אפגעשטעלט די שקאלעס.

אין איינעם אזא טאג קומט אריין די וועשין, די זקנה, וואס איז שוין נישט וויים געווען פון די אכציק. ס'האט זיך געהאט אנגעזאמלט ביי אונז א סך וועש. די מאמע האט געגעבן דער גוי'ע א טעפל טיי זיך צו דערווארעמען און א שטיקל ברויט אויך. די זקנה איז געזעסן אויף א בענקל, געציטערט, זיך געטרייסלט און געווארעמט די אויסגעהארעוועטע הענט אין דעם הייסן טעפל. די פינגער אירע זענען געווען צעקרימט פון ארבעט און אפשר אויך פון ארטרעטיזם. די נעגל זענען געווען משונה וויים. פון די דאזיקע הענט האט ארויסגעקוקט די עקשנות פון מענטשלעכן מין, דער ווילן צו ארבעטן נישט בלויז וויפיל די כוחות טראגן, נאר איבער די כוחות. די מאמע האט געציילט און פארשריבן: מענערשע העמדער, ווייבערשע העמדער, גאטקעס, מייטקעס, קאפטלעך, לייבלעך, ציכן, ציכלעך, ליילעכער, און טליתים קטנים. יא, די גוי'ע האט אויך געוואשן די דאזיקע הייליקע בגדים.

דער פאק איז געווען זייער א גרויסער, גרעסער ווי אלעמאל. ווען די גוי'ע האט אים אויפגעלאדן אויף די פלייצעס, האט ער זי אינגאנצן צוגעדעקט. א וויל האט זי זיך גענומען וואקלען אויף די פיס, ווי גרייט צו פאלן אונטער דער משא. אבער אן אינעוויייניקסטע עקשנות האט, אפנים,

with other housewives and washwomen who wanted the attic for their own use. Only God knew all she had to endure each time she did a wash!

The old woman could have begged at the church door or entered a home for the indigent aged. But there was in her a certain pride and a love of labor with which the Gentiles have been blessed. The old woman did not want to become a burden, and thus she bore her burden.

My mother spoke a little Polish, and the old woman would talk with her about many things. She was especially fond of me and used to say that I looked like Jesus. She repeated this every time she came, and Mother would frown and whisper to herself, her lips barely moving, "May her words be scattered in the wilderness."

The woman had a son who was rich. I no longer remember what sort of business he had. He was ashamed of his mother, the washwoman, and never came to see her. Nor did he ever give her a groschen. The old woman told this without rancor. One day the son was married. It seemed that he had made a good match. The wedding took place in a church. The son had not invited the old mother to his wedding, but she went to the church and waited at the steps to see her son lead the "young lady" to the altar. I do not want to seem a chauvinist, but I believe that no Jewish son would have acted in this manner. But I have no doubt that, had he done this, the mother would have shrieked and wailed and sent the sexton to call him to account. In short, Jews are Jews and Gentiles are Gentiles.

The story of the faithless son left a deep impression upon my mother. She talked about it for weeks and months. It was an affront not only to the old woman but to the entire institution of motherhood. Mother would argue. "Nu, does it pay to make sacrifices for children? The mother uses up her last strength, and he does not even know the meaning of loyalty."

And she would drop dark hints to the effect that she was not certain of her own children: Who knows what they would someday do? This, however, did not prevent her from dedicating her life to us. If there was any delicacy in the house, she would put it aside for the children and invent all sorts of excuses and reasons why she herself did not want to taste it. She knew charms that went back to ancient times, and she used expressions she had inherited from generations of devoted mothers and grandmothers. If one of the children complained of a pain, she would say, "May I be your ransom and may you outlive my bones!" Or she would say, "May I be the atonement for the least of your fingernails." When we ate she used to say, "Health and marrow in your bones!" The day before the new moon she gave us a kind of candy that was said to prevent parasitic worms. If one of us had something in his eye, Mother would lick the eye clean with her tongue. She also fed us rock candy against coughs, and from time to time she would take us to be blessed against the evil eye. This did not prevent her from studying *The Duties of the Heart*, *The Book of the Covenant*, and other serious philosophic works.

But to return to the washwoman: that winter was a harsh one. The streets were in the grip of a bitter cold. No matter how much we heated our stove, the windows were covered with frostwork and decorated with icicles. The newspapers reported that people were dying of the cold. Coal became dear. The winter had become so severe that parents stopped sending children to the heder, and even the Polish schools were closed.

On one such day the washwoman, now nearly eighty years old, came to our house. A good deal of laundry had accumulated during the past weeks. Mother gave her a pot of tea to warm herself, as well as some bread. The old woman sat on a kitchen chair trembling and shaking, and warmed her hands against the teapot. Her fingers were gnarled from work, and perhaps from arthritis too. Her fingernails were strangely white. These hands spoke of the stubbornness of mankind, of the will to work not only as one's strength permits but beyond the limits of one's power. Mother counted and wrote down the list: men's undershirts, women's vests, long-legged drawers, bloomers, petticoats, shifts, featherbed covers, pillowcases, sheets, and the men's fringed garments. Yes, the Gentile woman washed these holy garments as well.

The bundle was big, bigger than usual. When the woman placed it on her shoulders, it covered her completely. At first she swayed, as though she were about to fall under the load. But an inner obstinacy seemed to call out: No, you may not fall. A

גערופן : ניין, דו טארסט נישט פאלן. פאלן אונטער דער לאסט קאן זיך פארגינען אן אייזל, נישט א מענטש, די קרוין פון דער באשאפונג...

ס'איז געווען א פחד צו זען די גוי'ע זיך אוועקקייקלען מיט דעם ריזיקן פאק אין דעם דרויסן, וואו דער פראסט האט געגליט, דער שניי איז געווען טרוקן ווי זאלץ, און די לופט איז געווען פול מיט עפעס אזוינע ווייסע שטויביקע ווירבלענישן, ווי שרעטלעך וואלטן ארומגעטאנצט אין דער קרירה. וועט די זקנה דערגיין ביז וואליע ?

זי איז אוועק און די מאמע האט געזיפצט און פאר איר געבעטן גאט.

געוויינלעך האט די גוי'ע אפגעבראכט די וועש נאך א צוויי, אדער העכסטנס דריי וואכן. אבער דריי וואכן זענען אריבער, פיר וואכן, פינף וואכן, און מען האט נישט געהערט פון דער גוי'ע. מיר זענען געבליבן אן וועש. דערצו האבן די קעלטן נישט אויפגעהערט. די דראטן פון טעלעפאן זענען געווארן גראב ווי שטריק. די צווייגן פון די ביימער (אויף די גאסן ארום) האבן אויסגעזען ווי גלאז. אזויפיל שניי איז געהאט אנגעפאלן, אז די גאסן זענען געווארן עפעס ווי קרום און די שליטעלער זענען געפארן ווי אויף שיפוע פון א בארג. גוטע מענטשן האבן אנגעצונדן פייערן אין די גאסן און גאסן־מענטשן האבן זיך געווארעמט און געבראטן קארטאפל, אויב ס'איז געווען וואס צו בראטן.

דאס נישט קומען פון דער וועשין איז געווען א קאטאסטראפע. מיר זענען געבליבן אן וועש. מיר האבן אפילו נישט געוואוסט דעם אדרעס פון דער דאזיקער גוי'ע. ס'איז געווארן קלאר, אז די זקנה איז אוועקגעפאלן, געשטארבן. די מאמע האט געשוואוירן, אז ס'הארץ האט איר געזאגט, ווען די אלטע איז געווען ביי אונז דאס לעצטע מאל, אז זי, די מאמע, וועט מער די וועש נישט זען צוריק. די מאמע האט גענומען אויסזוכן א פאר צעריסענע העמדער און געפראוווט אליין וואשן, פארלאטען, פארצערעווען. מען האט אין אונזער שטוב געטרויערט סאי אויף דער וועש און סאי אויף דער דאזיקער אויסגעהארעוועטער זקנה, וואס איז אונז געווארן מארגע נאענט אין די יארן וואס זי האט פאר אונז אזוי געטריי געארבעט.

ס'איז אריבער מער ווי צוויי חדשים. דער פראסט האט שוין געהאט געלאזט, אבער ס'איז געווארן א פרישער פראסט, א נייע קעלט. איינמאל אין אן אוונט, ווען די מאמע איז געזעסן ביים נאפט־לאמפ און פארריכט א העמד, האט זיך די טיר געעפנט און ס'איז אריין א קנויל פארע און א ריזיקער פאק. אונטער דעם פאק איז געקראכן די זקנה, — דאס פנים ווייס ווי א שטיקל וועש. פון אונטער דער שאל האבן ארויסגעקוקט א פאר פאסן ווייסע האר. די מאמע האט ארויסגעלאזט א פארשטיקט געשריי. ס'איז געווען ווי א מת וואלט אריינגעקומען. איך בין אקעגנגעלאפן דער אלטער און איר געהאלפן אפלאדן דעם פאק. די זקנה איז געווען פארענדערט. זי איז געווארן נאך דארער, נאך איינגעבויגענער. דאס פנים איז געווארן איינגעפאלן און דער קאפ האט זיך געטרייסלט אינדערברייט ווי אויף ניין. זי האט נישט געקאנט ארויסברענגען קיין ווארט און עפעס געמורמלט מיטן איינגעפאלענעם מויל און די בלאסע ליפן.

נאכדעם ווי די זקנה איז געקומען צו זיך, האט זי דערציילט אז זי איז געווען שלאף, שווער שלאף. וואס פאר'א שלאפקייט דאס איז געווען — געדענק איך נישט. זי איז געווארן אזוי קראנק, אז עמיץ האט גערופן דעם דאקטאר, און דער דאקטאר האט געהייסן ברענגען דעם גלח. עמיץ האט צו וויסן געטאן איר זון און יענער האט צושטייער געגעבן אויף א טרומנע און א באגרעבעניש. אבער גאט דער אלמעכטיקער האט נישט געוואלט נעמען צו זיך די פארפייניקטע נשמה. ס'איז איר געווארן בעסער, זי איז געווארן געזונט, און ווען זי האט ווידער געקאנט שטיין אויף די פיס, האט זי זיך גענומען צו דער וועש. נישט בלויז אונזער וועש, נאר די וועש פון עטלעכע שטובן.

— א, כ'האב נישט געקאנט אין בעט איינליגן צוליב דער דאזיקער וועש — האט די אלטע גע'טענה'ט. — די דאזיקע וועש האבן מיך נישט געלאזט שטארבן...

— מיט גאט'ס הילף, וועט איר לעבן הונדערט און צוואנציק יאר — האט די מאמע איר אנגעוואונטשן.

— זאל גאט באשירמען ! וואס טויג מיר אזוי לאנג צו לעבן ? די ארבעט ווערט אלץ שווערער... די כוחות לאזן זיך אויס... כ'וויל נישט פאלן קיינעם צו לאסט !...

אזוי האט די אלטע געפרעפלט און זיך גע'צלמ'ט, און אויפגעהויבן די אויגן צום הימל. ס'איז גראד געווען געלט אין שטוב און די מאמע האט איר אויסגעציילט איר געצאלטס. איך האב געהאט א מאדנע געפיל : גלייך די מטבעות וואלטן געווארן אין אירע אויסגעוואשענע הענט פונקט אזוי מיד און ריין און פרום ווי זי אליין. זי האט זיי עפעס ווי אפגעבלאזן און פארבונדן אין א טיכל. דערנאך איז זי אוועק און צוגעזאגט צו קומען אין א פאר וואכן ארום נאך פרישער וועש.

אבער זי איז מער קיינמאל נישט געקומען. די דאזיקע וועש, וואס זי האט אפגעבראכט, איז געווען איר לעצטע אנשטרענגונג אויף דער דאזיקער ערד. ס'איז געווען דער ווילן אפצוגעבן יענעם זיין אייגנטום, צו טאן די ארבעט וואס זי האט אויף זיך גענומען.

געפאלן איז דער גוף, וואס איז שוין לאנג געווען א צעבראכענער שארבן, און זיך אויפגעהאלטן בלויז מיטן כוח פון ערלעכקייט און פאראנטווארטלעכקייט. די נשמה איז אוועק אין יענע ספערן, וואו ס'קומען זיך צונויף אלע הייליקע נשמות, אן אונטערשיד וואס פאר א ראל זיי האבן געשפילט אויף דער ערד, פון וואס'ער שפראך, פון וואס'ער גלויבן. איך קאן מיר נישט פארשטעלן דעם גן־עדן אן דער דאזיקער וועשין. איך קאן מיר נישט פארשטעלן א וועלט, וואו ס'איז נישט פאראן קיין לוין פאר אזא באמיאונג...

donkey may permit himself to fall under his burden, but not a human being, the crown of creation.

It was fearful to watch the old woman staggering out with the enormous pack, out into the frost, where the snow was dry as salt and the air was filled with dusty white whirlwinds, like goblins dancing in the cold. Would the old woman ever reach Wola?

She disappeared, and Mother sighed and prayed for her.

Usually the woman brought back the wash after two or, at the most, three weeks. But three weeks passed, then four and five, and nothing was heard of the old woman. We remained without linens. The cold had become even more intense. The telephone wires were now as thick as hawsers. The branches of the trees looked like glass. So much snow had fallen that the streets had become uneven, and on many streets sleds were able to glide down as on the slopes of a hill. Kindhearted people lit fires in the streets for vagrants to warm themselves and roast potatoes over, if they had any to roast.

For us the washwoman's absence was a catastrophe. We needed the laundry. We did not even know the woman's house address. It seemed certain that she had collapsed, died. Mother declared that she had had a premonition, as the old woman left our house the last time, that we would never see our things again. She found some torn old shirts and washed them, mended them. We mourned, both for the laundry and for the old, toilworn woman who had grown close to us through the years she had served us so faithfully.

More than two months passed. The frost had subsided, and then a new frost had come, a new wave of cold. One evening, while Mother was sitting near the kerosene lamp mending a shirt, the door opened and a small puff of steam, followed by a gigantic bundle, entered. Under the bundle tottered the old woman, her face as white as a linen sheet. A few wisps of white hair straggled out from beneath her shawl. Mother uttered a half-choked cry. It was as though a corpse had entered the room. I ran toward the old woman and helped her unload her pack. She was even thinner now, more bent. Her face had become more gaunt, and her head shook from side to side as though she were saying no. She could not utter a clear word, but mumbled something with her sunken mouth and pale lips.

After the old woman had recovered somewhat, she told us that she had been ill, very ill. Just what her illness was, I cannot remember. She had been so sick that someone had called a doctor, and the doctor had sent for a priest. Someone had informed the son, and he had contributed money for a coffin and for the funeral. But the Almighty had not yet wanted to take this pain-racked soul to Himself. She began to feel better, she became well, and as soon as she was able to stand on her feet once more she resumed her washing. Not just ours, but the wash of several other families too.

"I could not rest easy in my bed because of the wash," the old woman explained. "The wash would not let me die."

"With the help of God you will live to be a hundred and twenty," said my mother, as a benediction.

"God forbid! What good would such a long life be? The work becomes harder and harder—my strength is leaving me—I do not want to be a burden on anyone!"

The old woman muttered and crossed herself, and raised her eyes toward heaven. Fortunately there was some money in the house and Mother counted out what she owed. I had a strange feeling: the coins in the old woman's washed-out hands seemed to become as weary and clean and pious as she herself was. She blew on the coins and tied them in a kerchief. Then she left, promising to return in a few weeks for a new load of wash.

But she never came back. The wash she had returned was her last effort on this earth. She had been driven by an indomitable will to return the property to its rightful owners, to fulfill the task she had undertaken.

And now at last the body, which had long been no more than a broken shard supported only by the force of honesty and duty, had fallen. The soul passed into those spheres where all holy souls meet, regardless of the roles they played on this earth, in whatever tongue, of whatever creed. I cannot imagine Eden without this washwoman. I cannot even conceive of a world where there is no recompense for such effort.

# 35

# THE LAWSUIT

THE ONLY YIDDISH WRITER whom I knew personally when I was a child was the celebrated Simcha Pietrushka, who translated the Mishnah into Yiddish. When Father was the head of the Radzymin yeshivah, Pietrushka was his pupil. I often heard my father speak of Pietrushka's genius; there was one story he repeated many times. Pietrushka, it seems, made a wager that he could commit to memory in the space of a single summer's night the two treatises of the Talmud called Zbachim and Minachot. These treatises, which are notoriously difficult to understand, concern themselves with the temple, its rites, and the vessels used for sacrifice. Many Talmudic scholars do not bother to study them. Their texts are too long even to be recited in several days. But Simcha Pietrushka mumbled and flipped pages from sundown to sunrise. In the morning, Father found to his amazement, when he tested his pupil, that Pietrushka knew not only the body of the text but every footnote and gloss.

A skeptic might argue that Pietrushka had already memorized the work, but this in itself would have been a remarkable feat for a boy his age. Pietrushka had almost total recall.

I knew one other prodigy, the son of the Rabbi who lived at No. 11 Grzybowska Street. If I remember correctly, the Rabbi's name was Reb Mayerl. His son, though brought up piously, later went bad, as did Pietrushka. Mayerl's son started to write his own encyclopedia, keeping his notes in sacks which he stored in the attic. People who read sections of this never-completed encyclopedia said that there were passages which could only have been written by a genius. Reb Mayerl's son literally knew the Talmud by heart.

When I was small, a Warsaw watch manufacturer by the name of Reb Meir Yoel advertised that he would give a watch to any boy who could prove that he knew fifty pages of the Talmud by heart. These watches had Hebrew characters on their dials and bore the inscription "For excellence in studies." To win such a prize (which was probably worth no more than three or four rubles), a boy had to bring affidavits from three Rabbis attesting that he knew the required fifty pages. Meir Yoel's offer caused a sensation in the Hasidic study houses, and hundreds, maybe thousands of boys began to memorize the Talmud. Our house was besieged by these ambitious students; Rabbis paid by the community rarely had time for such activities. Father would usher the boys into his study and test them thoroughly; when now and again one stumbled over a passage, Father would supply the necessary word. Afterward he would write an enthusiastic letter for each, and affix his stamp to it. I always managed to be present when these savants were tested. I myself was learning the Mishnah; for every chapter I memorized, my father gave me a kopeck. To this day I still remember a few of the chapters I learned then.

My father, author of religious books, was in his own fashion a "littérateur." Since I was curious about what he wrote, Father confided his views to me. He had his favorites among the commentaries, and those which he considered incomprehensible. Assuming that when I grew up I too would write religious books, he gave me the following advice. "Be straightforward in your reasoning and avoid casuistry. None of the great scholars tortured the text. True, they dug deeply, but they never made mountains out of molehills."

# די
# דין תורה

ס׳ האָט זיך געפונען איין יידישער שריפטשטעלער, וואָס האָט געקאַנט דעם שרייבער פון די שורות ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד: דאָס איז געווען שמחה פּיעטרושקאַ, דער בארימטער עלוי, דער איבערזעצער פון משניות אויף יידיש. שמחה פּיעטרושקאַ איז געווען מיין פאָטער׳ס תלמיד בעת ער איז געווען ראש־ישיבה אין ראַדזימין. שמחה פּיעטרושקאַ האָט אַמאָל ביי אונז גענעסן שבת. מיין פאָטער פלעגט אָפט דערציילן וועגן פּיעטרושקאַ׳ס גאונ׳שאַפט. איין מעשה האָב איך געהערט אַ סך מאָל. שמחה פּיעטרושקאַ האָט זיך געוועט, אַז ער וועט אין אַ זומער־נאַכט אויסלערנען צוויי מסכתות: זבחים און מנחות. די גמרא׳ס זבחים און מנחות זענען באַרימט מיט זייער שווערקייט. עס רעדט זיך דאָרט וועגן קרבנות און אויך וועגן דעם געבוי און די געפעסן פון בית־המקדש. ס׳זענען פאַראַן אַ סך לומדים וואָס האָבן קיינמאָל נישט געלערנט די דאָזיקע גמרא׳ס. אַ זומער־נאַכט איז קורץ. אַפילו גלאַט אויף צו זאָגן דעם טעקסט פון די דאָזיקע צוויי גמרא׳ס איז אַ זומער־נאַכט צו־קורץ. אָבער שמחה פּיעטרושקאַ האָט נישט געזאָגט, נאָר געקוקט, געמורמלט און געבלעטערט — אַ גאַנצע נאַכט. אינדערפרי האָט אים מיין פאָטער פאַרהערט און ער האָט געדענקט יעדעס זייטל, יעדן זאָג פון אַ תנא אָדער אַן אמורא, יעדן תוספות.

אַ סקעפּטיקער קאָן זאָגן, אַז פּיעטרושקאַ האָט שוין אַמאָל געהאַט גע־לערנט די דאָזיקע צוויי מסכתות, אָבער אַפילו אַזוי איז דאָס נאָך אַלץ אַ וואונדער ווען אַ יונגער בחור קאָן געדענקען זבחים מיט מנחות מיט אַלע תוספות׳ן. מיין פאָטער האָט אים גענוי אויסגעפרעגט און אַלץ איז געווען פריש אין זיין קאָפּ.

אַן אויסטערלישער עלוי איז געווען דער זון פון דעם רבי׳ן, וואָס האָט געוואוינט אויף גזשיבאָווסקע נומער 11. דוכט זיך, אַז זיין נאָמען איז געווען ר׳ מאיר׳ל. זיין זון איז בחור׳ווייז געווען אַן עלוי. שפּעטער איז ער, ווי פּיעטרושקאַ, געוואָרן „קאַליע". ער האָט גענומען פאַרפאַסן אַן אייגענע ענציקלאָפּעדיע, און די נאָטיצן האָט ער געהאַלטן אין זעק אויפן בוידעם. מענטשן וואָס האָבן געזען די אַרטיקלען פון דער דאָזיקער קיינ־מאָל־נישט־צושטאַנד־געקומענער ענציקלאָפּעדיע, האָבן געזאָגט, אַז זי איז געווען פול מיט גאונות. ר׳ מאיר׳לס זון האָט בוכשטעבלעך געקאָנט ש״ס אויסנווייניק.

ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל, האָט אַ וואַרשעווער כלל־טוער און פאַרבריקאַנט פון זייגערס, ר׳ מאיר יואל שוואַרצשטיין, געלאָזט וויסן אין די צייטונגען אַז יעדער בחור וואָס וועט קאָנען פופציק בלאַט גמרא פון אויסנווייניק, וועט קריגן פון אים אומזיסט אַ זייגער. איך האָב וויפיל מאָל געזען די דאָזיקע זייגערס: זיי האָבן געהאַט אַ יידיש ציפער־בלעטל און אין קליינע אותיות איז געווען אויפגעדרוקט: בעבור שהצטיין בלימודו, ווייל ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיין לערנען. צו קריגן אַזאַ זייגער (וואָס איז מסתמא נישט ווערט געווען מער ווי דריי אָדער פיר רובל), האָט דער בחור געדאַרפט ברענגען בריוו פון דריי מורה־הוראה׳ס, אַז יענע האָבן אים פאַרהערט און ער קאָן זיינע פופציק בלאַט. די דאָזיקע פרעמיע האָט אַרויסגערופן אַ בהלה אין אַלע שטיבלעך און בתי־מדרשים. הונדערטער אָדער אפשר טויזנטער בחורים האָבן זיך געלערנט גמרא אויסנווייניק. אונזער שטוב איז ממש באַלאַגערט געוואָרן פון די דאָזיקע בחורים. די פאַרמעגלעכע מורה־הוראה׳ס האָבן זעלטן געהאַט צייט פאַר אַזוינע בחורים. אָבער מיין פאָטער האָט געהאַט סאַי צייט און סאַי דעם גוטן ווילן. ער האָט אויפגענומען די בחורים פריינטלעך, זיי גרינטלעך פאַרהערט, און ווען אַ בחור האָט אַמאָל זיך פאַרהאַקט, האָט דער טאַטע אים אונטערגעזאָגט אַ וואָרט. דערנאָך האָט ער אים געגעבן אַ וואַרעם בריוול און אַרויפגעלייגט אַ שטעמפּל. איך פלעג אַלעמאָל שטיין דערביי ווי דער טאַטע האָט פאַרהערט די בחורים. איך אַליין האָב שוין דאַמאָלס מיך געלערנט משניות פון אויסנווייניק און פאַר יעדן פרק משניות האָב איך באַקומען פון מיין פאָטער אַ קאָפּיקע. עטלעכע פרקים משניות זענען מיר געבליבן שטעקן אין זכרון ביז היינט־צו־טאָג.

מיין פאָטער איז געווען אַ מחבר פון ספרים, אויף זיין שטייגער אַ „ליטעראַט", און ער האָט ליב געהאַט צו רעדן וועגן זיין „ליטעראַטור". איך בין נייגעריק געווען צו הערן און מיין פאָטער האָט מיר פאַרטרויט אַ סך זאַכן. ער האָט געהאַט צווישן די מפרשים זיינע ליבלינגס און אויך אַזוינע, וואָס דער טאַטע פלעגט זאָגן אַז ער „פאַרשטייט זיי נישט". ער האָט אָנגענומען, אַז ווען איך וועל אויפוואַקסן, וועל איך אויך זיין אַ מחבר פון ספרים, און ער פלעגט טענה׳ן צו מיר:

— גיי מיטן גלייכן שכל. לאָז דיך נישט אַריין אין קיין פּשט׳לער. די גרויסע האָבן אַלע געלערנט אויפן אָרט. זיי האָבן געגראָבן אין דער טיף, נישט צונויפגעפירט אַ וואַנט מיט אַ וואַנט.

דער טאטע האט געלערנט און געשריבן, גערויכערט א ליולקע און געטרונקען א סך גלעזער הייסע טיי פארן דאווענען. געלערנט האט ער ביים פענצטער וואס האט ארויסגעקוקט קעגן פלעצל. ס'איז שווער זיך אויסצומאלן א גרעסערן קאנטראסט ווי צווישן דעם דאזיקן ייד און די לייט אויפן פלעצל, וואס איז געווען עטלעכע טריט ווייט פון דעם פענצטער. ממש פארן טאטנ'ס אויגן האבן גנבים געשניטן קעשענעס ביי פארבייגייער, ארויסגעכאפט פעקלעך, זיך אפגעגעבן מיט אלערליי גנבה'שע לאטעריעס. אבער דער טאטע האט זיי נישט געזען און ממש נישט געוואוסט פון זייער עקזיסטענץ. ארום האט געשוויבלט און געגריבלט מיט ציוניסטן, סאציאליסטן טעריטאריאליסטן, אסימילאטארן. ס'איז געווען א יידישע ליטעראטור, א העברעאישע, שוין נישט רעדנדיק וועגן דער פוילישער און דער רוסישער. אבער פאר מיין פאטער איז דאס אלץ געווען גוי'אישקייט און מער האט ער דערוועגן נישט געוואוסט און נישט געוואלט וויסן.

איינמאל אין א שבת־צו־נאכטס האט זיך דערהערט איבער דער קראכמאלנע א יאמערלעך געשריי פון א פרוי. אין א מינוט איז די גאס געווארן שווארץ. פון אלע טויערן האבן גענומען לויפן יונגען, מיידן. דער טאטע איז ארויס אויפן באלקאן. ס'איז פארביי א ייד, ר' חיים, און דער טאטע האט צו אים א זאג געטאן:

— וואס איז דא געשען, ר' חיים?

— גארניש' רבי, מ'האט פארגוואלדיקט א מויד...

דער ייד האט נישט גענוצט דאס ווארט פארגוואלדיקט, נאר א מיאוס ווארט. דער טאטע איז געווארן פארשעמט. ער איז אריין אין שטוב און געהייסן פארמאכן די פענצטער. איין טריט פון זיין הויז האט מען אפגעטאן אומווירדיקע מעשים. א דינע וואנט און א שטאק שטיגן האט אפגעטיילט צווישן זיין בית־דין־שטוב און די שווארצע כוחות.

אן אנדער מאל האט מען געוויזן אין אונזער שטוב א רעוואלווער.

ס'איז געשען אזוי: די טיר האט זיך געעפנט און ס'זענען אריינגעקומען עטלעכע פארשוין. גלייך דער אריינקום זייערער איז געווען פון וואוילע יונגען. זיי זענען געווען אנגעטאן אין עפעס אזוינע העלע רעקלעך, ברייטע הויזן, גלאנציקע שטיוול מיט הויכע כאלעוועס. אריין זענען זיי מיט א געשריי, מיט ווילדע רייד, מיט גראבע קולות. זיי האבן אריינגעבראכט א גערוך פון בראנפן און נאך עפעס גראב־יונגיש'ס און טריפ'ס.

צוזאמען מיט די ווילדע פארשוינען איז געגאנגען א קליין יידעלע, א געבויגענער, א צעקנייטשטער, מיט א האלב אויסגעקראכן בערדל, אנגעטאן האלב־קורץ, האלב־לאנג. ס'איז שווער געווען צו זאגן צי דער ייד איז א זקן וואס האלט זיך קוים אויף די פיס, אדער א קראנקער וואס ס'איז פרי אויף אים ארויף די עלטער. די אויגן זענען געווען פארוואקסן מיט ברעמען־בערשטלעך און ס'האבן אונטער זיי געהאנגען טארבעלעך אזוינע און א סארט פיאלעטער מאך. דער טאטע האט זיך דערשראקן פאר די לייט, אבער ער האט זיי פונדעסטוועגן געהייסן זיך זעצן.

— וואס זאגט עץ גוטס?

— רבי, מיר ווילן האבן א דין־תורה.

— נו, אדרבה. ווער מאנט וועמען?

— מיר מאנען אים! — האט דער עלטסטער און דער פירשפרעכער פון די וואוילע יונגען אנגעוויזן אויף דעם צעבראכענעם מענטשל.

— דער וואס מאנט, רעדט פריער.

— רבי! — האט דער וואוילער־יונג געטאן א געשריי. — מיר האנדלען שוין מיט דעם דאזיקן מענטש צוואנציק יאר. ער האט ביי אונז פארדינט א פארמעגן. אבער ער איז א גנב, א מארוויכער, א באַרייסער. ער האט אונז באַ'גנב'עט, רבי! ער האט ביי אונז אויסגענארט שווערע טויזנטער. ער האט נישט געהאנדלט מיט אונז ווי אן אייגענער מענטש, נאר ווי א גראנדאווניק, א רויבער, א פאלע־שניידער. מיר'ן אים געגלויבט, רבי. מיר'ן אים געגלויבט ווי אן אייגענעם טאטן, אבער ער'ט אונז גענומען אויפ'ן זיכער. רבי, דאס איז ניש' קא' ייד מיט א יידיש הארץ, נאר א גזלן, א באנדיט. מיר זענען געווען יאלדן, רבי, און ער'ט געהאט אין אונז ס'גענאר. אויב כ'זאג א ווארט ליגן, רבי, זאל יאך ניש' דערלעבן צו פירן מיין טאכטער צו דער חופה!

— רעדץ געלאסן. וואס האט עץ מיט אים געהאנדלט? — האט דער טאטע געפרעגט.

— וואס איז די נפקה מינה וואס? מיר'ן געהאנדלט!

— ביי א דין־תורה מוז מען וויסן.

— מיר'ן געקויפט ביי עים אלערליי סחורות. פערד, האי, אמאל א בריטשקע אויך. ער'ט אונז צוגעשטעלט וואס מיר'ן געדארפט. ער איז געווען ביי אונז אן אייגענער מענטש און מיר'ן עים געטרויט ווי א ברודער. מ'האט געהאנדלט, ווי מ'זאגט, אויף נאמנות. אבער ער'ט אונז אנגעפייפט, רבי, פון קאפ ביז די פיס. ער'ט געמאכט דעם אנשטעל, אז ער גיט אונז אלץ אויף קאסטן, אבער ר'האט געריסן א פאס. די הויט האט ער געשונדן! מיר מאנען צוריק ס'גאנצע געלט! צוואנציק טויזנט רובל.

— עץ האט א חשבון, הא?

— מיר פירן ניש' קא' חשבונות. ביי אונז איז אלץ אויפ'ן ווארט. מיר זענען ניש' קא' בוכהאלטערס. ביי אונז א ווארט איז הייליק ווי א תורה. מיר'ן זיך נישט געדונגען. מיר'ן אלץ אפגערעדט ביי א גלאז ביר. רבי, ווען עמיץ וואלט גערעדט אויף דעם מענטש א שלאכט ווארט, וואלטן מיר יענעם די קישקעס ארויסגעזעצט. ער איז געווען איינער פון אונזערע. אבער איצט, רבי, זעען מיר, אז דאס איז א הויטרייסער, א פראצענטניק, א שפעקולאנט איינער אין ווארשע. מיר ווילן צוריק אונזער געלט, אז נישט — וועלן מיר וויסן וואס צו טאן!

Every morning before prayertime Father sat by a window that looked out onto the square, smoking his pipe and drinking innumerable glasses of tea as he studied and wrote. Before Father's eyes, thieves picked pockets, snatched bundles, and conducted their crooked lotteries. But Father, never having taken notice, was absolutely unaware of their existence. The neighborhood teemed with Zionists, socialists, territorialists, assimilationists. Yiddish and Hebrew secular literature already existed, but to Father, all of this non-Jewishness signified nothing.

One Sabbath evening we heard the screams of a woman. In a moment Krochmalna Street was black with people. From every doorway, there ran boys and girls. Father walked out onto the balcony and inquired of our neighbor Reb Haim what had happened.

"It's nothing for you to worry about, Rabbi. Some girl's been raped."

The word Reb Haim used was not actually "raped" but a gutter equivalent. Embarrassed, Father went inside and ordered the windows to be shut. Just a few feet away from him, abominations were being committed. Only a thin wall separated his study from the forces of evil.

Another time a revolver showed up in our house.

It happened this way. Suddenly the street door swung open, admitting several tough-looking characters. They wore light-colored jackets, wide trousers, and gleaming hightop boots. With them came the smell of alcohol and something else dissolute and unkosher; they were talking excitedly in coarse voices. Accompanying them was a stooped, wrinkled little man with a patchy beard, wearing a short gabardine that was neither the costume of a Jew nor the dress of a Gentile. It was hard to determine whether he was prematurely old or seriously ill. He had bushy brows and pouchy eyes beneath which hung what looked like violet moss. Though Father was frightened, he asked the group to be seated. "What can I do for you?" he inquired.

"Rabbi, we want you to settle a suit."

"Well, all right—who is suing whom?"

"We're suing him, Rabbi." The most arrogant of the men pointed to the old fellow.

"Since you're the plaintiff, you speak first."

"Rabbi," the hoodlum shouted, "we've been dealing with this wretch for years. He's already made several fortunes off of us. He's nothing but a filthy bloodsucker. He's robbed us, Rabbi, fleeced us out of thousands. We believed him, Rabbi. We trusted him like our own father. Rabbi, this man is no Jew; he doesn't have a Jewish heart. We were dumbbells, Rabbi, and he made fools of us. If I'm lying, may I never live to see my daughter under the wedding canopy."

"Calm yourself, please. What sort of dealings did you have with him?" Father asked.

"What difference does that make? We did business together."

"In a lawsuit, one has to know these things."

"We bought all sort of things from him: horses, oats, sometimes even a carriage. He supplied us with whatever we needed. We trusted him like a brother and thought of him as one of us. You might say that it had to do with confidential matters. But he swindled us, Rabbi. He tried to make out that he was giving us everything just a little above cost. He robbed us. We demand that we get back what we overpaid him. Twenty thousand rubles."

"Do you have any records of the transactions?"

"We don't keep records. We do everything with a handshake. We're not bookkeepers. A man's word with us is as holy as the Torah. We didn't haggle; everything was done over a glass of beer. We'd have knifed anyone who said a bad word about this man. But now, Rabbi, we've found out that he is a usurer. We want our money back, or else . . ." The speaker broke off and banged his large fist on the table.

און דער פארשפרעכער האט אוועקגעלייגט אויפ'ן טיש א שווערע פויסט.

דער אלטער האט געמאכט א באוועגונג ווי צו רעדן, נאר ס'זענען נישט ארויסגעקומען קיין ווערטער. ער האט זיך גענומען קרעקצן ווי אן אלטער וואנט־זייגער איידער ער נעמט קלינגען. דאס אנצייניקע מויל האט זיך קריבאוועגט, די איינגעשרומפענע בארד האט זיך גענומען שאקלען און קרימען. דער גאנצער גוף האט זיך געטרייסלט און געציטערט. אבער דאס איז נישט געווען די ציטערניש פון מורא, ווייל מיט אמאל האט דער אלטער גענומען רעדן קלארע דיבורים.

— רבי! — האט ער א זאג געטאן. — ווייסט איר ווער די לייט זענען? דאס זענען גנבים, לאבוזעס. איר ווייסט פארוואס זיי האבן נישט פארשריבן? ווייל זיי קאנען קא' פען נישט האלטן, און ווייל זיי זענען געזעסן אין טורמע, און ווען יאך וואלט נישט ארויסגעהאלפן זייערע ווייבער, וואלטן זיי געשוואלן געווארן פון הונגער. זיי, רבי, האבן נישט פארשריבן, אבער יאך האב א ביכל, וואו אלץ איז פארצייכנט — יעדער רובל, יעדער גראשן. אט, רבי, איז ס'ביכל!

און דער אלטער האט מיט א קרום הענטל ארויסגעצויגן פון בוזעם־קעשענע א ביכל, וואס האט אויסגעזען אזוי אלט און צעקנוידערט ווי ער אליין. די בלעטלעך זענען געווען אפגעצופט אין די ראנדן. פארשריבן איז אלץ געווען אין א האלב־אפגעמעקטער און אפבלאקירטער שריפט און אזוי געדיכט, אז איין שורה איז ממש ארייגעקראכן אין דער אנדערער.

— זעט, רבי! קוקט!

דער טאטע האט גענומען דאס ביכל, געבלעטערט א ווייל, עס אים צוריקגעגעבן.

— איך קאן זיך נישט אויף קיין חשבונות.

— זאלן זיי דינגען א בוכהאלטער. דא איז אלץ פארשריבן!...

— מיר דארפן ניש' קא' בוכהאלטער. איר גיט בעסער אפ די ממתקים!

— כ'על ענק אפגעבן א קרענק און א קדחת און א מכה אין דער זייט!

— האט דער זקן געצויגן די ווערטער. ער האט אויפגעהויבן די ברעמען און געקוקט ווי פון א טיפער הייל אפער. ס'איז געווען אין זיין בליק די תקיפות פון א חיה.

— ווייז עים דעם שפייער!

א יונג האט ארויסגענומען א רעוואלווער. ס'איז געווען צום ערשטן מאל ווי כ'האב געזען אזא כלי־משחית. דער טאטע איז געווארן ווייס. ביי מיר איז פארכאפט געווארן דער אטעם. דער אלטער האט געטאן א כארכל און א לאך.

— נו, שיס! באלוואנעס, כאמעס, נעמיינע יונגען!... מיינען אז זיי וועלן מיך אפשרעקן מיט א רעוואלווער!...

דער טאטע האט מיט אמאל גענומען רעדן מיט א הייזעריקלעך קול.

— יידן, דאס איז א בית־דין־שטוב. אויב עין לאזט אייך אויף אזוינע דרכים, זייט מוחל און גייט געזונטערהייט!

— האט'ץ ניש' קא' מורא, רבי, אייך וועט מען גארניש' טאן!...

— צו מיר קומט מען מיט א דין־תורה, נישט מיט קא' כלי־זין. פון אזוינע זאכן קומט קא' גוטס נישט ארויס!

— לייג אריין דעם שפייער!

די טענות, געשרייען און זידלערייען האבן נאך געדויערט א גוטע שעה. די יונגען האבן גערעדט מיט גוטן און מיט בייזן. זיי האבן דערמאנט אמאליקע צייטן, גוט־ברודערשע סעודה'לעך אין אלערליי רעסטאראציעס און נאר־קיכן. זיי האבן זיך געפויקט אין דער ברוסט און געגעבן הארבע זיד־שבועות. דער אלטער האט אויף אלץ אפגעענטפערט מיט רוגזה, מיט זידלערייען, גערופן זיי: לאטקעס, געהינטעכץ, פרעטענסיע־נעמערס, קרימינאלניקעס. די ווערטער זיינע האבן געמאכט פון זיי אש און בלאטע. דער טאטע האט געקוקט א דערשטוינטער. פון מאל צו מאל האט ער געווארפן א פרעגנדיקן בליק אויף מיר. צומאל האט זיך אפילו באוויזן אין טאטנ'ס בארד עפעס אזוינס ווי א שמייכל. דער דאזיקער זקן וואס האט אויסגעזען האלב־פאראליזירט, האט אין זיך געהאט א שטארקייט וואס ס'איז שווער געווען צו פארשטיין. אבער פון וואנען האט זי זיך גענומען? ווי קאן אן אלטער קראנקער מענטש זיך אקעגנשטעלן אזוינע בויאנעס? צו קיין פסק איז נישט געקומען. מ'האט זיך אזוי לאנג געקריגט און געזידלט, ביז מ'איז אוועקגעגאנגען.

מאדנע, נאר די מוטיקייט און הארטנעקיקייט פון דעם דאזיקן זקן איז דעם טאטן עפעס ווי געפעלן. ער האט לאנג גערעדט דערוועגן. ס'איז געווען ווי אן אנצוהערעניש, אז אפילו אין די ענינים פון עולם־הזה, איז כוח נישט אלין. דאס ווארט איז ביינגעקומען דעם רעוואלווער. ס'איז געווען ווי א דערמאנונג פון דער מעשה מיט דוד און גלית'ן. איין זאך האט דער טאטע נישט געוואוסט: אז דאס דאזיקע יידעלע איז אויך געווען אן אונטערוועלט־פארשוין. ער האט אויך געהאט א צד וואס האט געטראגן רעוואלווערן. דער טאטע האט איבערדערציילט די מעשה אין ראדזימינער שטיבל און ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז מען קאן דעם אלטן גוט. ער איז געווען א באקאנטער פאסער, אן אויפקויפער פון גנבה'שע סחורות, און א סארט „רבי" ביי די גנבים.

The old man opened his toothless mouth as if to speak, but no words came out. He began to creak like an old clock before it rings. His mangy beard trembled and twisted; his entire body shook jerkily. Then suddenly the old fellow found his voice and began speaking with great firmness. "Rabbi, do you know what this bunch is and why they don't keep records? They've been in and out of jail so often they never learned to write. If I didn't help out their wives, the poor women would starve to death. They don't keep records, Rabbi, but I do. I write down everything in my ledger—every ruble, every groschen. Here, Rabbi, I've brought the book."

And with a wizened hand the old man drew from his pocket a book that looked as ancient and wrinkled as he did. The pages were frayed at the edges. Inside the book, the various transactions were written in a faded, half-obliterated script; the entries were so dense, one line crept into the next.

"Here, Rabbi, just take a look. See for yourself."

Taking the book, Father leafed through it. Then he handed it back. "I can't read accounts."

"Let them pay a bookkeeper to look through them. Everything is marked down."

"We don't need a bookkeeper. Give us back our money."

"What you'll get from me is a boil on your backside," the old man said, raising his brows and looking out at the men as if from a deep cave.

One of the gang drew a revolver. It was the first time I had ever seen this instrument of death. Father paled and I caught my breath. The old man snickered. "Go ahead and shoot, you blockheads. Do you think you can scare me with a gun?"

Father suddenly began to speak in a hoarse voice. "Men, in this room the Law is sacred. If you want to act in violence, you must leave here."

"Don't be afraid, Rabbi, we won't hurt you."

"People come to me with lawsuits, not with weapons. No good can come from such things."

"Put away the gun."

The curses, shouts, and recriminations continued for an entire hour. The thugs alternated between threats and entreaties, pounded their breasts and swore powerful oaths. They mentioned the wonderful times they'd all had together in various restaurants and taverns. The old man gave back as much as he received, called his accusers apes, mongrels, jailbirds, scum. He lashed them unmercifully with his tongue. Father looked on, bewildered. Occasionally he stared at me quizzically. At times even the slight trace of a smile appeared within the thicket of his beard. The old, apparently moribund man more than held his own against these brutish, almost incomprehensible people. In the end, nothing was resolved. They continued to argue and fight until they got up and left.

Oddly enough, the old man's courage and stubbornness had captured my father's imagination. He spoke about the incident for a long time afterward. Even among the worldly rabble, force wasn't everything. The power of the word here had been stronger than that of the revolver. It brought to mind the story of David and Goliath.

There was one thing Father didn't know: this little man was an important member of the underworld, and had his own gunmen. Father related the incident at the Radzymin Hasidic study house and learned that the old man was well known there. He was a notorious fence, a buyer of stolen goods, and a kind of "Rabbi" to the thieves.

# ר' איטשעלע און שפרינצע

## ווי אזוי קאן א פרומער ייד

טרינקען שבת הייסע טיי? אין די קליינע שטעטלעך האט מען געשטעלט אין אויוון צוזאמען מיט'ן טשאלנט א באניע הייס וואסער, אדער גאר וואסער מיט ציקאריע. אין די גרויסע שטעט זענען געווען אזוינע טיי-הייזער, וואו ס'האט זיך געפונען א קעסל אויף הייס וואסער. מ'האט איינגעהייצט דעם אויוון פרייטאג פארנאכט און דאס וואסער איז געבליבן הייס שבת א גאנצן טאג. בחורים און מיידלעך זענען געקומען טרינקען הייסע טיי אין שבת און דערביי האט מען געווארפן א בליק איינער אויפ'ן אנדערן און מען האט אויסגערעדט א ווארט. קינדער זענען געקומען מיט טשייניקעס — טיי-קעסלעך — און געקויפט אויף בארג הייס וואסער. די דאזיקע טיי איז געווען גלאט כשר. מען האט זי גענוצט ביי אונז אין שטוב. אבער בלויז יענע טיי וואס מען האט געקויפט ביי ר' שמואל מלאך, אדער ביי איטשעלע פון שפייז-געוועלב.

ר' איטשעלע האט געהאט זיין געוועלב, דירה און טיי-הייזל אויף קראכמאלנע נומער 15. זיין ווייב שפרינצע איז געווען א גרויסע צעשויבערטע יידענע, שטענדיק צעיאכמערט, צעטראגן, און פול מיט גוטסקייט. די דאזיקע יידענע האט מיט איר שווערער ארבעט אויסגעהאלטן א גרויסע משפחה. מיט א ייִנגל איר'ס, נח, בין איך געגאנגען אין חדר. שפרינצע האט אלץ געטאן: געטראגן, געבוירן, געשטאנען אין שפייז-קראם, איינגעקויפט סחורה, געזייערט אוגערקעס, קרויט, אכטונג געטאן אויפ'ן קעסל מיט דער שבת'דיקער טיי, און געטאן צדקה און אנדערע גוטע מעשים. די דאזיקע פרוי איז געווען אלעמאל פארהאוועט, פארשמאיעט. איין אויג האט געקוקט צו א קונה'טע, וואס האט דווקא געוואלט אויסקלייבן אן אוגערקע ביים סאמע באדעם פון פאס און געווייקט די האנט אין ראסל, וואס אנדערע דארפן טרינקען, און איין אויג האט אכטונג געטאן אויף א ייִנגל, וואס האט זיך ליב געהאט צו שפילן מיט די בעבלעך אדער ארבעס וואס זענען געשטאנען אין זעק. שפרינצע האט כסדר געמוזט זיך בייזערן, אויף עמיצן אנשרייען, ווייל די קונים האבן צופיל געקליבן און זיך בכלל אויפגעפירט ווי די גאנצע סחורה וואלט געהערט צו זיי. ארומגעשמאיעט האט שפרינצע אין א ברייט פארטוך מיט אלערליי קאלירן און פלעקן, אין א פאר צעפארענע שיך. די הענט אירע זענען געווען גרויס און הארט ווי ביי א מאנסביל. פון שייטל האבן אלעמאל ארויסגעשטארצט פאסמעס האר — נישט, חלילה, אירע, שפרינצע'ס, אייגענע האר. איר קאפ איז געווען אפגעגאלט. אן ענגלישער אדער פראנצויזישער רייזנדער וואס וואלט אנגעקוקט אזא געוועלבל מיט אזא סוחר'טע, וואלט זיכער געשריבן אז די יידן אין ווארשע זענען בארבארן, האלב-ווילדע. אבער די דאזיקע שפרינצע איז געווען א צדיקת און געהאט אין זיך אלע מעלות פון דער אשת חיל.

ווייל שפרינצע איז געווען באזעסן פון דעם העכסטן אידעאל: אויפצוהאלטן אין איר משפחה און ווי נאר זי קאן — דאס אידישקייט, דאס לערנען תורה. ר' איטשעלע, איר מאן, איז כלומר'שט אויך געווען א סוחר, אבער זיין הויפט-באשעפטיקונג איז באשטאנען אין דאווענען, לערנען משניות, זאגן זוהר און אין מאכן סעודה'לעך פאר חסידים און רעדן וועגן צדיקים. אזוי ווי זי איז געווען גרויס, אזוי איז ער געווען קליין. אזוי ווי שפרינצע איז געווען פארשמאיעט מיט אירע מסחרים, אזוי איז ער געווען פארהאוועט מיט אידישקייט: ער האט געוואלט אלץ מיט אמאל: דאווענען, לערנען, אריינכאפן א קדושה, א ברכו, הערן א מעשה וואס ר' מאיר טומטום האט דערציילט וועגן א גוטן ייד, זיך דערוויסן דעם טייטש פון א שווערן פסוק, צונויפנעמען א פאר גילדן פאר אן ארימאן. שפרינצע האט זיך קיינמאל נישט געקאנט אויספארען מיט אירע אוגערקעס, זעק שפייז, ביכטלעך האליז, מיט די אלע קונה'טעס וואס זענען געקומען קויפן, און אויף ר' איטשעלע'ן האבן אלעמאל געלויערט אומצאליקע מצוות. אין די יונגע יארן איז ער געווען א געלער, אבער ווען איך האב אים געקאנט, איז שוין זיין בערדל געווען געלבלעד-גרוי. ער האט געהאט א גיכן גאנג. ווען ער האט געדאוונט, האט ער געשלונגען ווערטער, און א סך ווערטער איבערגעזאגט עטלעכע מאל. ער איז דערביי ארומגעלאפן איבער'ן שטיבל, געפאטשט מיט די הענט, געריבן די הענט. ער האט משונה-גיך א כאפ געטאן די ציצית און צוגעדריקט צו די ברעמען. דא האט ער געקושט דעם של ראש און דא דעם של יד (דורך צוליינן די פינגער). דא האט ער מיט זיין שארף אויער דערהערט אז מען דארף נאכזאגן אמן יהא שמיה רבא, און דא האט ער גלאט אריינגעכאפט אן אמן. אין גאנ'ס הויז, ווי אין זיין שפייז-קראם, האט מען געמוזט האלטן אויף אלץ אן אויג, האבן אפענע אויערן, ווען נישט האט מען היזק געהאט מצוות.

א גאנצע וואך האט מען נישט געקאנט רעדן נישט צו אים און נישט צו זיין ווייב. פון זייערע פנים'ער האט אראפגעקוקט א פארנומענקייט און א בהלה. אבער גאנץ אנדערש האבן זיי אויסגעזען שבת, ווען איך פלעג קומען מיט'ן טשייניק נאך טיי. געוואוינט האט די גאנצע משפחה אין א קליינער דירה הינטער'ן געוועלב. אויב כ'האב נישט קיין טעות, האבן זיי געהאט בלויז איין שטוב, און אין דער איינער שטוב איז געשטאנען דער אויוון מיט דעם טיי-קעסל. אבער אין דער איינער שטוב האט געהערשט די שבת'דיקע מנוחה: א געדעקטער טיש, א קידוש-בעכער, א מוציא-מעסער. שפרינצע איז געווען אפגעוואשן און אנגעטאן אין א פארקעמט שייטל און אין א שבת-קלייד אזא מיט אראבעסקן. ר' איטשעלע איז געזעסן אין אן אטלעסענער קאפאטע און אין א שטריימל. ער האט געהאט צוויי טעכטער, ביידע פרומע מיידלעך, געדרוקט איינע פון דער אנדערער מיט א יאר, אדער נאך ווייניקער.

ווען איך בין געווען נאר א קליין ייִנגעלע, פלעגן די דאזיקע מיידלעך מיך יעדן שבת פרעגן די אייגענע פראגע:

— וועמען פון אונז ווילסטו פאר א כלה?

איך האב מיך פארשעמט, אבער איך האב אלעמאל אנגעוויזן אויף דער קלענערער.

— פארוואס עפעס זי? — האט די העכערע מיך געפרעגט, און איך האב געענטפערט:

— דו ביזט צו-גרויס.

דער דאזיקער ענטפער מיינער האט יעדן שבת פונסניי ארויסגערופן געלעכטער און פרייד.

אבער איך בין געווארן עלטער און מען האט מיך אלץ זעלטענער געפרעגט די דאזיקע קשיא. ביז ס'איז געקומען א שבת ווען מען האט באשלאסן אז מען קאן מיט מיר אזוינע וויצן נישט מאכן. אבער סאי די מיידלעך און סאי איך האבן געדענקט וואס מיר האבן געדענקט, און דערפון איז אנטשטאנען א סארט געמיש פון שעמעוודיקייט און איינגעהאלטן געלעכטער.

אין דער דאזיקער שטוב, ווי ביי אונז, האבן דאס יידישקייט און די וועלטלעכקייט געפירט צווישן זיך מלחמה, כאטש זי האט דארט אנגענומען אן אנדער כאראקטער.

ר' איטשעלע'ס עלטסטער זון האט נישט געוואלט לערנען, נאר איז געווארן א בעל-מלאכה און געגאלט די בארד. פרייטאג צו ליכט-צינדן האב איך אים אלעמאל געזען זיצן ביי צייטאג'ן, דעם פעלדשער, אויף א שטול און דער פריזירער האט אים אנגעזייפט דאס פנים און געגאלט מיט א בריטווע. וויפיל יסורים דאס האט פארשאפט ר' איטשעלע'ן און שפרינצען, קאן מען זיך לייכט אויסמאלן. דער יונג איז געזעסן שבת ביים טיש אין א קליין היטעלע אויף די פאמאדירטע האר, אין א קורץ רעקל, אין א פאפירענעם קאלנער און אין א פאפירענער פארלאגע. ער האט זיך געאיילט, געוואלט וואס גיכער פטור-ווערן פון דעם טשאלנט, די זמירות, ווייל ער האט געהאט א ראנדעוואו מיט א פריילין און זי גענומען אין אילוזיאן. ר' איטשעלע האט אים נישט געוואלט פארטרייבן פון הויז, ווייל ווער ווייסט וואס אזא יונגאטש קאן אפטאן? אבער ער האט אים נישט געקוקט גלייך אין די אויגן. ביי זיין טיש איז געזעסן דער ווידערשפעניקער זון, די גוי'אישקייט, וואס וועט ברענגען טאטע-מאמע אין גיהנום אריין.

פון מיין חבר נח, וואס מיט אים בין איך געגאנגען אין חדר, האבן טאטע-מאמע אויך נישט געהאט צופיל נחת. אמת, ער איז נאך געווען א ייִנגל, אבער ער האט נישט געוואלט לערנען. מ'האט אים געמוזט ארויסנעמען פון חדר. ער האט אויך נישט געוואלט טראגן קיין פאות. ער איז אויסגעוואקסן א פראסט ייִנגל. גראד די מיידלעך זענען געווען כשר'ע טעכטער, אבער עפעס איז שווער געווען מיט זיי צו טאן א שידוך. אזא צייט איז געהאט ארויסגעקומען, אז פאר א כשר מיידל, וואס קעמט זיך נישט אין שבת און לויפט נישט ארום מיט קיין יונגען, איז שווער געווען צו געפינען א חתן. ווער שמועסט, אז ס'איז נישטא קיין נדן. ווארים פון דעם שפייז-געוועלב האט קוים געקלעקט אויף דער פרנסה.

— גוט שבת — האב איך געזאגט — כ'וויל טיי.

— וואס דארפסטו זאגן אז דו ווילסט טיי? — האט ר' איטשעלע מיך געפרעגט מיט א גמרא-ניגון — מ'זעט דען נישט אז דו ווילסט טיי?

שפרינצע האט מיך גלייך פארענטפערט.

— וואס זאל ער זאגן?

— ס'איז גענוג, אז ער זאגט גוט-שבת.

— גוט שבת.

— גוט שבת, גוט יאר. ס'שטייט אז משיח וועט קומען, וועט זיין א יום שכולו שבת. ס'עט זיין בלויז שבת.

— אויב אזוי, ווען וועט מען קאכן? — האט געפרעגט איינע פון די מיידלעך.

— מ'עט נישט דארפן קאכן. אויף ד ע ר - וועלט וועט זיין ס'גן-עדן. די צדיקים וועלן זיצן ביים טיש און עסן א סעודה. מ'עט לערנען תורה. מ'עט מגלה זיין די סודות התורה. דער פארגעניגן דערפון וועט זיין גאר אן א שיעור.

— חוה'לע, צאפ עים אן די טאי — האט שפרינצע באפוילן.

— וואס איז ס'איילעניש? וואס מאכט דער טאטע, הא?

— אזוי.

— א טייערער ייד. א צדיק. וועסט כאטש גיין אין זיינע וועגן?

— יא.

— האסט מעביר געווען די סדרה, הא?

— יא.

— וואס וועסטו טאן נאכ'ן עסן?

— גא'ניש'.

— פארוואס זאלסטו נישט נעמען מיין נח'ן און צוזאמען מיט אים עפעס לערנען? לערנען אליין איז א גרויסע מצווה, אבער לערנען מיט יענעם איז נאך א גרעסערע מצווה.

איז גרעסער פון דער וועלט. אבער ווי אזוי קאן א שטערן זיין גרעסער פון דער וועלט? דאס אלץ איז געווען א גרויס רעטעניש.

מיין חבר ברוך דוד האט געהאלטן אין איין רעדן וועגן די פעלדער און מדבריות, וואס געפינען זיך הינטער ווארשע, און וועגן די הפקר־קי וואס פאשען זיך דארט. איך האב אנגעהויבן ביי אים מאנען ער זאל מיך פירן אהין. ווי לאנג ער האט געקאנט האט ער אפגעלייגט און אפגעשלעפט מיט אלערליי תירוצים. אבער ס'איז דערגאנגען דערצו, אז ער האט געמוזט וויזן וואס ער קאן, אדער אונזער חבר'שאפט האט זיך גענדארפט אויס־לאזן.

אין איינעם א זומערדיקן פרייטאג האב איך מיך אויפגעהויבן גאנץ פרי, אזוי פרי, אז דער הימל איז נאך געווען רויט פון דער אויפגעגאנגענער זון. איך האב געזאגט מיין מוטער עפעס א תירוץ — איך געדענק שוין נישט וואס — אריינגעלייגט אין א טיטל א פאר שטיקלעך ברויט מיט פו־טער, ארויסגענומען פון ערגעץ א קאפיקע, וואס איך האב געהאט אפגע־שפארט פון מיינע באדערפענישן, און בין אוועק באגעגענען ברוך דוד'ן. איך בין קיינמאל נישט אויפגעשטאנען אזוי פרי, און אלץ האט אויסגעזען קילער, פרישער און עפעס ווי אין א מעשה־ביכל. דא און דארט איז א שטיין געווען פייכט און ברוך־דוד האט געזאגט, אז דאס איז פון טוי. הייסט עס, אז אויף קראכמאלנע גאס פאלט טוי? איך האב געמיינט, אז טוי פאלט בלויז אין ארץ ישראל, אדער אין דער סדרה האזינו, וואו עס שטייט: תזל כטל אמרתי, זאל טריפן ווי טוי מיין זאג.

נישט בלויז די גאס, נאר אויך די מענטשן האבן אויסגעקוקט פרישער. איך האב אנטדעקט, אז גאנץ פרי קומען אויף אונזער גאס פויערישע פורן. גויים פון די דערפער האבן געבראכט אלערליי גרינסן, הינער, גענדז, קאטשקעס און פרישע אייער, וואס הינער האבן געלייגט (נישט די קאלך־אייער, וואס מען האט געקראגן ביי זעלדע'ן אין געוועלב). אויף דעם פלאץ מיראווסקי, הינטער די האלעס, איז געווען דער מארק פון פרוכטן, און דארט האט מען אנגעבראכט דאס גערעטעניש פון אלע סעדער ארום ווארשע: עפל, בארנעס, קארשן, מארעלן, אגרעס, וויינפערלעך. מ'האט דארט אויך געהאנדלט מיט פרוכטן אזוינע און גרינסן וואס יידישע יינגלעך האבן קיינמאל נישט פארזוכט און געהאלטן פאר טריף: פאמידארן, קא־ראפיאלן און וואס מען רופט דא גרינער פעפער. אין די האלעס גופא האט מען אפילו געקראגן מילגרוימען און באנאנעס. געקויפט האבן דאס מא־דאמען, וואס די דינסטן טראגן זיי נאך די קויבערס.

ברוך־דוד און איך זענען געגאנגען גיך. אזוי ווי ער איז געגאנגען, אזוי האט ער דערציילט אלערליי אויסטערלישע געשיכטעס. זיין טאטע, האט ער געזאגט, איז געגאנגען צופוס פון ווארשע קיין סקערניעוויץ און אויפ'ן וועג האט ער באגעגנט א ווילדן מענטש. איך בין געווארן זייער נייגעריק ווי א ווילדער מענטש זעט אויס און ברוך־דוד האט אים אפגעשילדערט גענוי: שווארץ ווי שוואווקס, מיט לאנגע האר ביז דער ערד און מיט א הארן אין שטערן. אויף אנבייסן עסט־אויף אזא פארשוין א לעבעדיק קינד. א מורא איז מיך באפאלן, און איך האב געפרעגט:

— אפשר קאן אונז אויך באפאלן א ווילדער מענטש?

— ניין, זיי זענען ווייט פון ווארשע.

איך בין שוין דאמאלס געווען א דערוואקסן יינגל און נישט געדארפט זיין אזוי נאאיוו. אבער איך האב פארט געגלויבט אלץ וואס ברוך־דוד האט געזאגט.

מיר זענען ארויס אויף די נאלעווקעס, דעם מוראנאוו, און פון דארט האט געפירט דער וועג צו אפענע שטחים. איך האב דערזען ברייטע לאנ־קעס, באוואקסן מיט גראז, און אלערליי בלימעלעך, און אויך בערג, וואס איך האב קיינמאל נישט געוואוסט, אז ס'זענען פאראן אזוינע. אויבן זענען דאס געווען בערג, נאר אונטן זענען אויסגעוואקסן ציגל־רויטע מויערן מיט טיפע פענצטערלעך, פארשטעלט מיט קראטן.

— וואס איז דאס? — האב איך געפרעגט.

— דער ציטאדעל.

א פחד האט מיך אנגענומען. איך האב געהערט וועגן דעם ציטאדעל. דארט זענען געזעסן יענע וואס האבן געוואלט אראפוועצן דעם קייסער.

איך האב נאך דערווייל די הפקר־קי נישט געזען, אבער דאס וואס איך האב געזען, איז געווען וואונדער איבער וואונדער. דער הימל איז דא נישט געווען אזא שמאלער ווי אויף דער קראכמאלנע, נאר א ברייטער, אן אויסגעשפרייטער ווי א ים, און ער איז אראפגעפאלן צו דער גרינער ערד ווי א נישט־דער־וועלטישער פארהאנג. פייגל זענען געפלויגן מחנות'וויז, מיט א צוויטשערניש, א קראקעניש, א פייפעניש — גרויסע פייגל, קליינע פייגעלעך. איבער א בארג פון ציטאדעל האבן צוויי שטארכן געמאכט הקפות. איבער דעם גראז האבן געשוועבט און געפלאטערט זומער־פייגע־לעך פון אלערליי קאלירן: ווייסע, געלע, ברוינע, מיט אלערליי פינטעלעך און אוזארן. די לופט האט געשמעקט מיט ערד, גרינסן, מיט רויך פון לאקאמאטיוון און מיט נאך עפעס וואס האט פאר'שיכור'ט און ס'האט זיך מיר אנגעהויבן דערפון דרייען אין קאפ. סאי ס'איז דא געווען מאדנע שטיל, סאי אלץ האט גערוישט, געשארכט, געגרילצט. בליטן האבן זיך פון ערגעץ אפגעריסן און מיר געפאלן אויף די לאצן פון כאלאט. איך האב געקוקט צום הימל, געזען די זון, די וואלקנס, און ס'איז מיר מיט אמאל געווארן קלארער דער טייטש פון בראשית. אט דאס איז די וועלט וואס גאט האט באשאפן: די ערד, דער הימל, די אויבערשטע וואסערן, וואס זענען אפגעטיילט מיט א צווישנשייד פון די אונטערשטע וואסערן. איך בין ארויף מיט ברוך־דוד'ן אויף א בערגל און אונטן דערבליקט די ווייסל. איין העלפט האט געלויכטן ווייס ווי זילבער, די אנדערע העלפט איז געווען גרין ווי גאל. ס'איז דא געשוואומען א ווייסע שיף. דער טייך

brother said that every star is larger than our earth. But how could a star be larger than the earth? It was all a great mystery.

My friend Boruch-Dovid was always talking about the fields and wastelands that lie beyond Warsaw, and about the wild cows that graze there. I began to demand he take me there. He delayed as long as he could and put me off with various excuses. But finally it reached the point where he had to make good on his promises, or our friendship would end.

One Friday in the summertime I arose very early, so early that the sky was still glowing from the sunrise. To my mother I made some pretext or other, put a few slices of bread and butter in a paper bag, took a kopeck that I had somehow saved from my meager allowance from its hiding place, and went off to meet Boruch-Dovid. I had never been up so early in the morning, and everything looked cooler, fresher, and somehow like a fairy-tale landscape. Here and there a stone was damp and Boruch-Dovid said it was because of the dew. This meant, then, that there was dew even on Krochmalna Street. I had thought that dew fell only in the Land of Israel, or in the biblical portion "Give ear, ye heavens," where it is written: "My speech shall distil as the dew . . ."

Not only the street, but the people too looked fresher. I discovered that early in the morning various peasant wagons came to our street. Gentiles from the surrounding villages brought vegetables, chickens, geese, ducks, and freshly laid chicken eggs (not the limestone eggs one could buy in Zelda's shop). On Mirowski Place, behind the market halls, was the wholesale fruit market. The abundance of all the orchards around Warsaw was brought hither: apples, pears, cherries, sour cherries, gooseberries, currants. Here too were traded strange fruits and vegetables that most Jewish children had never tasted and thought forbidden: tomatoes, cauliflowers, and green peppers. Inside the market halls proper, one could get pomegranates and bananas. These were bought only by grand ladies, whose shopping baskets were carried by servant girls.

Boruch-Dovid and I walked quickly. As we walked, he told many strange tales. His father, he said, had gone on foot from Warsaw to Skierniewice and on the way he had met a wild man. I was very curious about the appearance of the wild man and Boruch-Dovid gave me a detailed description: black as shoe polish, with long hair reaching to the ground and a horn growing in the middle of his forehead. For breakfast such a creature always ate a live child. I was panic-stricken and I asked: "Maybe a wild man will attack us?"

"No, they are far from Warsaw."

I was already a grown boy and should not have been so gullible. But I always believed everything that Boruch-Dovid told me.

We passed through the Nalewki and the Muranow, and from there the way led to the open country. I saw broad meadows covered with grass and all sorts of flowers, and mountains of a kind I had never known to exist. At the top they were indeed mountains, but at the bottom there were brick-red walls with small sunk-in windows covered by iron grates.

"What is that?" I asked.

"The Citadel."

A feeling of dread came over me. I had heard of the Citadel. Here were imprisoned those who had tried to overthrow the Tsar.

I had not yet seen any wild cows, but what I had seen already was wonderful and strange. The sky here was not a narrow strip as on Krochmalna Street, but broad, spread out like the ocean, and it descended to the earth like a supernatural curtain. Birds flew overhead in swarms, with a twittering, a cawing, a whistling—large birds and small birds. Two storks were circling above one of the hills of the Citadel. Butterflies of all colors fluttered above the grass: white, yellow, brown, with all kinds of dots and patterns. The air smelled of earth, of grass, of the smoke of locomotives, and of something more that intoxicated me and made my head reel. There was a strange stillness here, and yet everything murmured, rustled, chirped. Blossoms fell from somewhere and settled on the lapels of my jacket. I looked up at the sky, saw the sun, the clouds, and suddenly I understood more clearly the meaning of the words of Genesis. This, then, was the world God had created: the earth, the heavens, the waters above that are separated by the firmament from the waters below.

איז נישט געשטאנען, נאר געפלאסן, ערגעץ געגאנגען, מיט א גייעניש אזא וואס האט געשמעקט מיט נסים און מיט משיח'ס קומען.

— דאס איז די ווייסל — האט ברוך־דוד אנגעוויזן. — זי גייט ביז דאנציג.

— און דארט ?

— דארט פאלט זי אריין אין ים.

— און וואו איז דער לוויתן ?

— ווייט אוועק, ביים עק וועלט.

הייסט עס, די מעשה־ביכלעך האבן נישט געזאגט קיין ליגן. די וועלט איז פול מיט וואונדער. ס'איז גענוג דורכצוגיין דעם מוראנאוו און נאך א געסל, און מען איז אין סאמע מיטן פון אלע אויסטערלישקייטן. עק־וועלט ? איז דען דא נישט עק־וועלט ?...

לאקאמאטיוון האבן געפייפט, אבער קיין באנען האט מען נישט געזען. לינדע ווינטלעך האבן געבלאזן און יעדעס ווינטל האט אנגעטראגן אנדערע ריחות, לאנג־פארגעסענע, אדער קיינמאל נישט־געאנטע. א פוטער־בין איז פון ערגעץ אנגעפלויגן, זיך ארויפגעשטעלט אויף א בלימל, געשמעקט, ארויסגעלאזט א זשומעניש, זיך אוועקגעשטעלט אויף אן אנדער בלימל. ברוך־דוד האט א זאג געטאן :

— זי וויל לייגן האניק...

— זי בייסט אויך ?

— יא, זי האט א גיפט.

ער האט אלץ געוואוסט, ברוך־דוד. ווען איך בלייב דא אליין, וואלט איך נישט געקאנט גיין אהיים. איך האב אפילו שוין נישט געדענקט וואו ס'איז ווארשע. אבער ער דרייט זיך דא ארום ווי ביי זיך אין הויף. אט נעמט ער לויפן. ער אנטלויפט כלומר'שט פון מיר. ער טוט זיך א זעץ־אראפ און בלייבט פארבארגן צווישן די הויכע גראזן. נישטא ברוך־דוד. איך בין איינער אליין אויף דער וועלט, א פארלוירענער בן־מלך, ווי אין מעשה־ביכל.

— ברוך־דוד ! — נעם איך שרייען. — ברוך־דוד !...

איך שריי, אבער מיין קול הילכט פון ערגעץ צוריק. א ווידער־קול הערט זיך דא, ווי אין א שול, אבער עס שלאגט זיך אפ פון ווייטע ווייטענישן און קומט צוריק פארענדערט און פארכטיק.

— ברוך־דוד ! ברוך־דוד !...

איך ווייס, אז ער וויצלט זיך. ער וויל מיך בלויז איבערשרעקן. אבער כאטש איך ווייס, האב איך מורא. מיין קול איז פול מיט געוויין.

— בר—רוך ד—וד !...

ער טויכט־אויף, לאכט מיט די שווארצע אויגן, ווי א ציגיינער, און נעמט לויפן ארום און ארום ווי א יונג פערדל. די פאלעס פליען. דער טלית־קטן בלאזט זיך אן. ער איז אליין אויך געווארן ווילד אויף דער שויס פון דער נאטור.

— קום, לאמיר גיין צו דער ווייסל !

דער וועג פירט בארג־אראפ און מיר גייען נישט, נאר מיר לויפן. די פיס לויפן פון זיך אליין. איך מוז זיי איינהאלטן זיי זאלן נישט לויפן נאך גיכער און אריינשפרינגען אין טייך. אבער צום טייך איז ווייטער ווי מיר האט זיך געדוכט. אזוי ווי איך לויף, אזוי ווערט דער טייך ברייטער, א גאנצער ים. מיר קומען צו צו בערגלעך שטיינער און צו פייכטע זאמדן, לאנגע און געפאלדעוועטע, ווי ריזיקע קוכנס אדער באבקעס, וואס קינדער מאכן פון זאמד. ברוך־דוד טוט־אויס די שטיוול, פארשארצט די הויזן און גייט אריין ביז איבער די קנעכלען אין וואסער.

— אוי, ס'איז קאלט !

ער הייסט מיר אויך אויסטאן די שטיוול. אבער איך שעם זיך. גיין בארוועס איז נישט אין מיין כאראקטער. בארוועס גייען בלויז לאבוזעס און שקצים.

— זענען דא דא פיש ?

— יא, א סך פיש.

— זיי בייסן ?

— טיילמאל.

— וואס וועסטו טאן, אז א פיש וועט דיך בייסן ?

— יאכ'ל עים אנכאפן באם ווינדל...

אין פארגלייך צו מיר איז ברוך־דוד ווי א פראווינצער, א דארפישער. איך זעץ זיך אוועק אויף א שטיין און אלץ אין מיר פליסט, ברומט, פליוסקעט זיך ווי אין דער ווייסל. דער מוח מיינער וויגט זיך ווי די כוואליעס, און מיר דוכט זיך א וויל, אז נישט בלויז די ווייסל, נאר אלץ ארום, דער ברעג, דער הימל, איך אליין ווינ זיך, שטראם־אוועק ערגעץ אין די ווייטענישן, קיין דאנציג. ברוך־דוד ווייזט אן אויף יענער זייט ברעג און ער זאגט :

— דאס איז דאס פראגער וועלדל.

הייסט עס, דארט אקעגנאיבער איז א וואלד, אן אמת'ער וואלד מיט חיות און גזלנים.

פלוצלינג געשעט עפעס אויסטערלישס. פון דער לינקער זייט, פון דארט וואו הימל און וואסער טרעפן זיך, נעמט זיך דערנענטערן א געמאד וואס שווימט אויפ'ן וואסער, אבער עס איז נישט קיין שיף. פריער איז עס קליין, איינגעהילט ווי אין נעפל. באלד ווערט עס גרעסער און קלארער. עס איז א טראטווע אזא, פליטעס געהילץ. גויים שפארן זיך אן אויף לאנגע דרענגער און שטופן מיט די קערפערס. אויף איינעם פון די פליטעס שטייט א הייזל — א הייזל אין מיטן וואסער ! אפילו ברוך־דוד עפנט מויל און אויערן.

עס דויערט לאנג, לאנג ביז די פליטעס דערנענטערן זיך. די גויים שרייען

Boruch-Dovid and I climbed up a hill and below us we saw the Vistula. One half glittered like silver, the other half was green as gall. A white ship sailed past. The river itself did not stand still—it flowed, it was headed somewhere, with an eagerness that hinted at miracles and the coming of the Messiah.

"That's the Vistula," explained Boruch-Dovid. "It flows all the way to Danzig."

"And then?"

"Then it flows into the sea."

"And where is the Leviathan?"

"Far away, at the end of the earth."

Then the storybooks did not tell lies, after all. The world *is* filled with wonders. One need merely pass through the Muranow and one street more, and already one was in the midst of marvels. The end of the earth? Was not *this* the end of the earth? . . .

Locomotives whistled, but no trains could be seen. Gentle breezes were blowing, and each brought with it a different fragrance—aromas long forgotten or never dreamed of. A honeybee came from somewhere, alit on a flower, smelled at it, hummed, and flew on to the next flower. Boruch-Dovid said: "She wants to collect honey."

"Can she bite?"

"Yes, and she has a special poison."

He, Boruch-Dovid, knows everything. Were I alone, I could not find my way home. Already I have forgotten even the direction toward Warsaw. But he is as much at home here as in his own courtyard. Suddenly he starts to run. He pretends to run away from me. He throws himself down and is hidden by the tall grass. Boruch-Dovid is gone! I am alone in the world—a lost prince, just like in the storybooks.

"Boruch-Dovid!"—I began to call—"Boruch-Dovid! . . ."

I call, but my voice rebounds from somewhere. There is an echo here, like in a synagogue, but it is thrown back from a great distance and the voice is changed and terrifying.

"Boruch-Dovid! Boruch-Dovid! . . ."

I know that he is only playing a joke on me. He wants to frighten me. But though I know it, I am afraid. My voice is breaking with sobs.

"Bo-r-uch Do-v-id! . . ."

He reappears, his black eyes laughing like a gypsy's, and begins to run about in circles like a young colt. His coattails fly. His prayer vest billows in the wind. He too has become like a wild creature in the lap of nature.

"Come on, let's go to the Vistula!"

The path leads downhill, and we cannot walk—we run. Our feet seem to be running by themselves. I have to hold them back lest they run even faster and jump right into the water. But the water is further away than I had thought. As I run, the river becomes broader, like an ocean. We come to heaps of pebbles and moist sand, long and marked with lines, like giant cakes made by children playing in the sand. Boruch-Dovid takes off his boots, rolls up his trouser legs, and wades into the water up to his ankles.

"Ouch, it's cold!"

He tells me to take off my boots. But I am embarrassed. Walking barefoot is not in my nature. Only rowdies and Gentile boys go barefoot.

"Are there any fish here?"

"Yes, lots of fish."

"Do they bite?"

"Sometimes."

"What will you do if a fish bites you?"

"I'll grab it by the tail . . ."

Compared to me, Boruch-Dovid is a country boy, a peasant. I sit down on a rock and everything inside me flows, gurgles like the waters of the Vistula. My mind sways with the motion of the waves and it seems to me that not only the Vistula, but everything around me—the hills, the sky, I myself—is swaying, flowing away into the distance, toward Danzig. Boruch-Dovid points to the other shore and says: "Over there is the Praga forest."

עפּעס צו אונז. איך זע דאָרט עמיצן וואָס זעט אויס ווי אַ ייד. ער האָט אַ באָרד. מיר דוכט זיך אפילו אַז ער טראָגט אַ יידיש היטל. פון לייענען די משלים פון דובנער מגיד ווייס איך אַז סוחרים פאָרן קיין דאַנציג אָדער קיין לייפּציג. איך האָב אויך געהערט, אַז מען שיקט געהילץ איבער׳ן וואַסער. אָבער איצט זע איך דאָס מיט די אייגענע אויגן — אַ לעבעדיק משל פון דובנער מגיד. אַ ווייל זענען די פּליטעס נישט ווייט פון אונז. אַ הונט שטייט ביים ברעג פון אַ פּליטע און ער בילט גלייך אויף אונז. אוי, ווען ער קאָן אַריבערשפּרינגען דאָס וואַסער! ער וואָלט אונז צעריסן אויף שטיקער. נאָך אַ ווייל הויבן אָן די פּליטן זיך דערווייטערן. די צייט גייט, די זון איז שוין געשטאַנען אין מיטן הימל און זי נויגט זיך שוין צו מערב. ערשט ווען די פּליטן פאַרשווינדן אונטער דער בריק, לאָזן מיר זיך צוריקגיין, אָבער נישט מיט דעם אייגענעם וועג, נאָר מיט אַן אַנדערן. איך דערמאָן זיך מיט אַמאָל אין די הפקר־קי און וויל פרעגן ברוך־דוד׳ן וואו זיי זענען, נאָר איך שלאָג זיך אָן אויף אַן אַנדער בילד.

ערגעץ צווישן די גראָזן ליגן אַ יונג מיט אַ מויד. אונטן איז אויסגעשפּרייט אַ פּלאַכטע. די מויד איז אויפגעדעקט אויף אַ מיאוס׳ן אופן. איך זע משונה־גראָבע פיס און ווייסע פּאַלקעס אַזוינע וואָס וואַרפן אַן אויף מיר אַ שרעק. אַ ווייל בלייב איך שטיין ווי פאַרגליווערט. דערנאָך נעם איך לויפן, איך לויף און ווייס נישט וואוהין. עפּעס אין מיר וויל וויינען. אין האַלז ווערט מיר ענג. ברוך־דוד יאָגט מיך נאָך און שרייט עפּעס צו מיר. נאָך אַ ווייל בלייב איך שטיין. ברוך־דוד קומט צו אַ פאַרסאָפּעטער, די שוואַרצע אויגן זיינע לייכטן און בלינצלען און שיינען, און צעגיסן זיך אין אַ סאָרט ציגיינערישן פאַרגעניגן.

— נאַר, וואָס ביזטו אַנטלאָפן?

איך שעם זיך פאַר אים און פאַר זיך אַליין. איך האָב געזען עפּעס וואָס אַ חסיד׳יש יינגל טאָר נישט זען. איך שפּיר באַשיינפּערלעך ווי איך בין אומריין, טמא. עפּעס אין מיר וויינט. ווי אַזוי קאָן מען אָפּטאָן אַזאַ זאַך און נאָך דערצו דאָ, וואו אַלץ איז אַזוי שיין און ליכטיק און שמעקט ווי אין גן־עדן! אָבער מיר האָבן מער נישט קיין צייט דאָ צו שטיין. די זון ווערט רויט. די מאַמע אין דער היים קלערט שוין אוודאי איבער. זי מיינט שוין ווער ווייסט וואָס. זי איז אַזאַ נערוועאישע. מ׳שיקט שוין באַלד אַוועק דאָס טשאָלנט צום בעקער, און ווער וועט עס טראָגן? מיר לאָזן זיך גיין גיך, יעדער איינער פאַרטאָן אין זיינע טראַכטעכצער, און איבער אונז שפּילן פייגל, און די פענצטערלעך פון ציטאַדעל ווערן רויט ווי פּורפּור און גינגאָלד.

איך דערמאָן זיך אין יענע וואָס זיצן אינעווייניק, געבונדן אין קייטן, דערפאַר ווייל זיי האָבן געוואָלט אַראָפּזעצן דעם קייסער. מיר דוכט זיך, אַז איך זע זייערע אויגן, און אַלץ ווערט אַזוי ערב שבת׳דיק טרויעריק און אומהיימלעך...

This means that near me there is a real forest, full of wild animals and robbers.

Suddenly something extraordinary happens. From the left side, where the sky and the waters meet, something floats on the water, but it is not a ship. At first it appears small, enveloped in a haze. Soon it grows larger and more distinct. It is a group of rafts made of logs. Men lean against long poles and push them with all the weight of their bodies. On one of the rafts there is a little hut—a small house in the midst of the water! Even Boruch-Dovid stares in open-mouthed wonder.

It takes a long, long time for the rafts to come close to us. The men yell something to us. I notice someone who looks like a Jew. He has a beard. I think I can even make out a Jewish cap. From my reading of the parables of the Preacher of Dubnow I know that Jewish merchants make voyages to Danzig and to Leipzig. I have even heard that timber is shipped by water. But now I see it with my own eyes—a tale of the Dubnow Preacher brought to life! For a while the rafts are near us. A dog stands at the edge of one of the rafts and barks directly at us. Woe to us, if he could jump across the water! He would tear us to shreds. After a while, the rafts move on. Time has passed, the sun has already reached the middle of the sky and is now moving into the West. Only after the rafts have disappeared beneath a bridge do we start to go back, not the way we came, but in a different direction. I remember the wild cows and am about to ask Boruch-Dovid where they are, but suddenly I see a new scene.

A youth and a girl are lying in the grass. A sheet of some kind is spread beneath them. The girl is uncovered in an unseemly way. I catch sight of a pair of heavy feet and white legs that cast a strange dread over me. For a while I stand still as though paralyzed. Then I begin to run, to run without knowing whither. Something inside me wants to cry out. My throat is tight. Boruch-Dovid runs after me and calls out to me. After a while I stand still. Boruch-Dovid catches up with me, panting, his black eyes glisten and twinkle and shine, and are filled with a kind of pagan pleasure.

"Fool, why did you run away?"

I feel embarrassed, before him and before myself. I had seen something that it was not fitting for a Hasidic boy to see. I feel that I myself have become impure, unclean. Something inside me is crying. How can anyone do such a thing—and here, of all places, where everything is so beautiful and radiant and fragrant like the Garden of Eden!

But there is no more time to stand here. The sun is reddening. At home Mother is surely beginning to worry—she is so nervous. Soon it will be time to take the Sabbath *cholent* to the baker, and who will be there to carry it? We begin to walk quickly, each sunk in his own thoughts, while above our heads the birds play, and the windows of the Citadel glow red and gold in the sunset.

I think of those who lie inside in chains because they tried to overthrow the Tsar. I seem to see their eyes, and suddenly everything is filled with a Sabbath Eve sadness and eeriness.

## 38

## דער סוד

## THE DIVORCE

אויסטערלישע גטין פלעגן פאָרקומען ביי אונז, אָבער דער גט, וועגן וועלכן איך וועל אייך דאָ דערציילן, איז געווען דער סאַמע אויסטערלישסטער. די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעקומען אַ ייד פון אַ יאָר פערציק. איך האָב דעם ייד געקאַנט. ער האָט געהאַט אַ געוועלב פון צעלניק און שניט־סחורה. די באָרד זיינע איז געווען אַזוי שוואַרץ, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין בלוי. ער האָט געהאַט אַ פּאָר שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן נישט געגלאַנצט און נישט געלאָפן, נאָר

Some odd divorces were granted in our house, but the one I'm about to describe was the oddest of all. One day the front door opened to admit the owner of a haberdashery and dry-goods store located in the neighborhood. He was about forty and had a beard so black it looked almost blue. His eyes were not shifty or cunning but instead seemed to be gazing into the distance. I

have since met Italians and Spaniards who had the same dark eyes. He was dressed like a Hasid, but an exceptionally neat one. Everything he wore glistened—his alpaca capote, his cloth hat, his soft collar with the black silk tie. His name was Mordecai Meir.

"Good morning, Rabbi."

"Good morning, Reb Mordecai Meir. Welcome. Please be seated. What can I do for you?"

Mordecai Meir uttered something akin to a grunt. "I want a divorce now."

"So?"

"Rabbi, I'm not doing this for frivolous reasons."

"What is wrong, then?"

"Rabbi, I'm very ill," he said calmly. "The doctors have given me up. We don't have any children; when I'm gone my wife will have to be released from a levirate marriage.[1] My only brother lives in America. So it's better to get a divorce now."

"What is wrong with you?"

The man whispered something to my father, who paled.

"The doctors are sometimes mistaken," he said after a moment. "It's all a matter of Providence."

"I'm not a *Kohen*. If I live, I'm allowed to remarry."

"I see. But what is your hurry?"

"Why wait?"

"Why not? You should consult someone else. Perhaps a specialist. There are some wonderful doctors in Vienna."

"I know. I've seen them already."

Father suddenly noticed me. "Out!" I went to another room, upset and frightened by the words I had overheard from this man who sold us thread, buttons, and other such items. I knew what the problem was: the wife of a Jew who had died childless must be released from a levirate marriage. Mordecai Meir was willing to divorce his wife and live out the final months of his life alone to spare his wife the hardship of being forced to have dealings with her brother-in-law. But how could a man speak so calmly of such matters? Tears came to my eyes, and I feared this man, who seemed to me now almost a walking corpse.

Mordecai Meir soon left the house. My father took my mother aside and told her what had happened. Hearing their whispers and sighs, I went outside and walked past Mordecai Meir's store. I wondered about his wife. Was she crying? Not at all. She stood behind the counter measuring a length of sacking with a wooden rule. As she went about her work, she smiled and talked with the customer. Dark like her husband, with a rounded figure, plump cheeks, and a high bosom, she still kept the customary amiability and decorum of a shopkeeper and matron. Her face showed not the slightest trace of concern. With great deliberation she counted the money she had just received and placed it in the cash drawer. "But this is impossible," I said to myself. "After all, it's her husband. She must know that he's going to die."

It was very odd; I, a stranger, was suffering while she, his wife, appeared unmoved. Later in life I was to have this same experience many times: to lose sleep over people that I hardly knew, though their closest relatives remained indifferent. I learned for the first time that there are people so stolid that no misfortune can affect them. They trudge on toward the grave, their minds on food and the trifles of the day. Even when they must look directly into death, they remain preoccupied by the pettiest ambitions.

But to return to Mordecai Meir. From that time on, I became more and more curious about him and his wife. At every opportunity I strolled past their store. And just like his wife, he continued to chat with customers, to display and sell his goods as usual, to count the day's receipts, or work on his accounts.

[1] A law obliging the brother of a man who died, leaving a widow but no children, to marry the widow.

נעקוקט ערגעץ ווייט אוועק, מיט א פארטראכטקייט. איצט אז איך קאן אי־טאליענער און שפאניער, קאן איך זאגן אז דאס זענען געווען איטאליעני־שע אויגן, אויגן וואס ביי זייער גאנצער שווארצקייט, זענען זיי נישט יידיש. אנגעטאן איז געווען דער יונגערמאן חסיד'יש, אבער מאדנע זווי־בער. אלץ האט אויף אים געפעכלט: די געהאקטע קאפאטע, דאס טוכענע היטל און דער חסיד'ישער קראגן מיט'ן שווארץ־זיידענעם שניפסל. געהייסן האט דער ייד מרדכי מאיר.

— גוט מארגן, מורה הוראה.

— גוט מארגן, ר' מרדכי מאיר. ברוך־הבא. זעצט אייך. וואס זאגט איר גוטס?

מרדכי מאיר האט געטאן עפעס אזוינס ווי א ברום.

— כ'וויל זיך גט'ן מיט'ן ווייב.

— הא?

— מורה הוראה, כ'טו עס נישט פון נחת.

— וואס איז די סיבה, הא?

— מורה הוראה, כ'בין קראנק. די דאקטוירים זענען מיך מייאש. מיר האבן נישט קיין קינדער און מיין ווייב וועט דארפן נעמען חליצה. כ'האב בלויז איין ברודער אין אמעריקע. איז בעסער מיר זאלן זיך גט'ן.

— וואס איז אייך?

דער יונגערמאן האט עפעס איינגערוימט דעם טאטן. דער טאטע איז געווארן בלאס.

— דאקטוירים זענען זיך טועה. כ'האב געקאנט מענטשן וואס דאק־טוירים האבן זיי אפגעזאגט ס'לעבן, און זיי האבן מאריך ימים געווען. אלץ איז פון הימל.

— כ'בין נישט קיין כהן. אויב כ'על לעבן, קאנען מיר צוריק חתונה האבן.

— אהא. אבער וואס איז ס'איילעניש?

— צו וואסווארטן?

— גייט פרעגן א גרויסן דאקטאר. אפשר א פראפעסאר. מ'זאגט, אין ווין זענען דא גרויסע דאקטוירים.

— כ'ווייס אלץ. כ'בין שוין אומעטום געווען.

דער טאטע האט מיט אמאל מיך דערזען און באפוילן:

— גיי ארויס!

איך בין ארויס מיט אן אינעווייניקסטער בהלה. די שטילע רייד פון דעם דאזיקן ייד, וואס איך האב געקויפט ביי אים קלעצלער פאדים, קנעפלער, און אנדערע סחורות אזוינע, האבן אנגעווארפן אויף מיר א פחד. איך האב גאנץ גוט פארשטאנען דעם ענין: אז א ייד שטארבט אן קינדער, דארף זיין ווייב חליצה. ער וויל פארשפארן זיין ווייב חליצה און דערי־בער וויל ער זי גט'ן — אויסלעבן די לעצטע חדשים אן א ווייב, זי זאל נישט דארפן האבן קיין טועכץ מיט דעם שוואגער. אבער ווי אזוי קאן עפעס א מענטש אזוי שטיל און רואיק רעדן וועגן אזוינע זאכן? די טרערן זענען מיר אנגעקומען. אין האלז האט זיך מיר אוועקגעשטעלט א קנויל. ס'האט מיך אויך אנגענומען א מורא פאר דעם ייד, אשטייגער ווי ער וואלט שוין באצייטנס געווען א מת.

לאנג איז מרדכי מאיר געבליבן ביים טאטן אין בית־דין־שטוב. נאכ־דעם ווי ער איז אוועק, האט דער טאטע זיך גע'סוד'עט מיט דער מאמען און ביידע האבן געזיפצט, געזיפצט. איך האב מיך געלאזט גיין איבער דער גאס און בין פארביי מרדכי מאיר'ס געוועלב. איך האב געוואלט אנ־קוקן זיין ווייב. וויינט זי? ניין, זי האט נישט געוויינט. זי איז געשטאנען הינטער'ן לאדן־טיש און מיט א הילצערנער מאס געמאסטן א שטיקל הינ־טערשלאג אדער זאק־לייוונט. זי האט דערביי גערעדט מיט דעם קונה און אפילו געטאן א שמייכל. זי איז געווען פונקט אזא טונקעלע ווי איר מאן, מיט א קיילעכיק פנים'ל, דיקלעכע באקן, א הויכן בוזעם. ס'האט געהויכט פון איר מיט סוחר'ישער רואיקייט און מיט דער שטילקייט פון א פרוי, וואס איז באזארגט מיט אלדאס גוטס. אויף איר גלאטן שטערן אונטער'ן שייטל איז נישט געווען קיין שפור פון קיין צער. זי האט געטאן אלץ אזוי געלאסן, אזוי בארעכטיק. זי האט אזוי פאמעלעך איבערגעציילט דאס געלט, וואס מען האט איר דערלאנגט, און עס אריינגעלייגט אין שופלאד. ווי איז דאס מעגלעך? — האב איך מיך געפרעגט. — ס'איז דאך איר מאן. זי ווייסט דאך אז ער איז מסוכן־קראנק.

ווי אויסטערליש, נאר אין מיר, דעם פרעמדן, האט אלץ געצאפלט, גע־ציטערט. אין מיר איז פארגעקומען אן אמת'ער שטורם. אבער יענע, דאס ווייב, האט זיך ווייניק־וואס איבערגענומען. איך האב שפעטער א סך, א סך מאל געהאט די אייגענע איבערלעבונג. איך האב געליטן צוליב די צרות פון פרעמדע, נעכט נישט געשלאפן, און די נאענטסטע קרובים זייע־רע האבן זיך דערפון עפעס ווי גאר נישט געמאכט. איך האב דאמאלס צום ערשטן מאל זיך דערוואוסט, אז ס'זענען פאראן אזוינע שטארקע מענטשן, וואס קיין שום אומגליק צעברעכט זיי נישט. קיין שום מאלעיר קאן נישט איבעראנדערשן זייער טאג־טעגלעך פירעכץ. זיי טרעטן איבער קברים, אבער זיי טראכטן וועגן האנדל, א באנקעט, א נאטיץ אין צייטונג. זיי שטייען פאר דעם פנים פון טויט און זיי זענען אריינגעטאן אין די סאמע נארישסטע אמביציעס. ס'איז געווען פאר מיר א רעטעניש דא־מאלס און ס'איז געבליבן פאר מיר א רעטעניש ביז היינט צו טאג.

אבער לאמיר זיך אומקערן צו מרדכי מאיר'ן.

פון יענעם טאג אן האב איך באקומען גרויס נייגיר סאי צו אים און סאי צו זיין ווייב. ביי יעדער געלעגנהייט בין איך פארביי זיין געוועלב. נישט בלויז דאס ווייב, נאר ער אליין האט אפט גערעדט מיט קונים, גע־מאסטן, געוויזן אלערליי שטיקלעך סחורה און רעשטלעך. איין מאל האב

איך אים געזען ציילן געלט. אן אנדער מאל האט ער געשריבן מיט א בלייפעדער אין א בוך און געמאכט חשבונות. נישט מער, פון זיין פנים האט אראפגעהויכט א מאדנע פארקלערטקייט, און די אויגן האבן געקוקט ערגעץ ווייט אוועק, אשטייגער ווי זיי וואלטן געזען זאכן אויף יענער זייט הייזער, איבער די דעכער, איבער די וואלקנס. די הויט זיינע איז געווארן אלץ בלאסער, גרינער, און ס'האט זיך געדוכט, אז ער פאסט א לאנגן תענית. די בארד איז דערפון געווארן נאך שווארצער.

און אין איינעם א טאג איז פארגעקומען ביי אונז אין שטוב דער גט.

דער סופר האט געשריבן מיט דער גענדזענער פעןֹ. די צוויי עדות האבן זיך געלערנט חתמ'נען. מרדכי מאיר איז געזעסן אויף א שטול קעגן סופר. דאס ווייבל זיינס איז געזעסן אויף דער באנק. א טרער איז איר אראפגעפאלן פון אויג און געבליבן לאנג הענגען. זי האט געקוקט קעגן זיך מיט דער שטילקייט פון א פשוט'ער פרוי, וואס האט צו טאן מיט ענינים וואס זענען צו־גרויס פאר איר. זי האט געוואוסט ווי אזוי צו פארקויפן פאדעם, קנעפלער, צודאטן, ווי אזוי צו שאפן מיט דער דינסט, ווי אזוי צו פוצן די שטוב, — אבער נישט ווי אזוי זיך צו באגיין מיט א מאן, וואס גייט ארום און טראגט אין זיך דעם טויט. איך האב געזען, אז דער געדאנק אירער בלאנדזשעט. א ווייל האט זי געקוקט אויפ'ן מאן. באלד האט זי געכאפט א בליק דורך דער אפענער טיר צו דער קיך. א ווייל האט זי גענומען עפעס ווי ציילן די פראנזן פון איר שאל. דערנאך האט זי אנגעהויבן דרייען דאס פינגערל אויפ'ן פינגער. דער טאטע איז געזעסן און געבלעטערט אין א ספר. ער האט ארויפגעלייגט די האנט אויף די אויגן און אראפגעלאזט דעם קאפ. ער האט נישט געהאט קיין שום ספק, אז אלץ איז פון הימל. אבער פארוואס וויל מען נישט אין הימל, אז מרדכי מאיר זאל אויסלעבן די יארן ? ער איז גראד א לייטישער יונגער־מאן. נו, אבער ווער קאן וויסן די וועגן פון רבונו של עולם ?

ווען מרדכי מאיר'ס ווייב האט צונויפגעלייגט די הענט און מרדכי מאיר האט איר אריינגעלייגט דעם גט, האט זי ארויסגעלאזט א געשריי. דערנאך האט דער טאטע געזאגט וואס ער האט אלעמאל געזאגט אין אזא פאל : אז ניינציק טאג דערנאך טאר זי נישט חתונה האבן. די דאזיקע רייד האבן ארויסגעבראכט א ניי געוויין.

ווי אזוי מרדכי מאיר און זיין ווייב האבן זיך דערנאך איינגעארדנט, ווייס איך נישט. לויט'ן דין האבן זיי נישט געטארט וואוינען צוזאמען אפילו אונטער איין דאך. איך האב עפעס ווי פארגעסן אין דער גאנצער זאך, אדער זיך געמאכט פארגעסן. דערווייל איז די צייט געלאפן.

אין איינעם א טאג האב איך געזען א לוויה. ס'איז געווען מרדכי מאיר'ס לוויה. דאס ווייב איז נאכגעגאנגען און געוויינט, געהויבן די הענט, עפעס געשריגן. מאנסלייט זענען נאכגעגאנגען און געשמועסט. נאר מיר האט זיך געדוכט אז זיי זאגן : נו, מרדכי מאיר איז מרדכי מאיר און מיר זע־נען מיר. ער איז א טויטער און מיר זענען סוחרים. אים וועט מען באלד באגראבן, אבער מיר דארפן צאלן דירה־געלט און שיקן קינדער אין חדר אריין. היינט וואס'ער שייכות האבן מיר מיט אים ?...

ווידער איז אוועק א צייט, איך געדענק נישט ווי לאנג, א האלב יאר אדער דריי פערטל יאר. אין איינעם א טאג, ווען איך בין אריין אין מרדכי מאיר'ס געוועלב קויפן פאדעם, האב איך דארט געזען א פרעמדן ייד. ווי אנדערש ער האט אויסגעזען פון מרדכי מאיר'ן ! מרדכי מאיר איז געווען אזא שמאלער, אזא איידעלער, אבער דער דאזיקער ייד איז געווען ברייט־ביינין, מיט א ברייטער געדיכטער בארד, מיט א גרויסן קאפ, מיט א פלאטשיקער נאז. האר האבן ארויסגעשטארצט פון די לאנגע אויערן, פון די ברייטע נאז־לעכער. אויף יעדן פינגער איז געוואקסן א בערדעלע. ער האט גערעדט מיט עפעס אזא כארכלדיק און צעגאסן קול. די קאפאטע זיינע איז געווען אביסל פארפלעקט און צעבראסטעט. ס'איז געווען דער צווייטער מאן. ער האט אלץ געהאט איבערגענומען : מרדכי מאיר'ס ווייב, זיין דירה, דאס געוועלב. ער האט געעפנט א שופלאד און ארויסגענומען א הויפן געלט. ער האט זיך געפארעט מיט מרדכי מאיר'ס ביכער און פא־פירן. ער האט גערעדט צו דעם ווייבל מיט א טאן, ווי זי וואלט שוין געווען זיין ווייב מי־יודע ווי לאנג און ווי ס'וואלט קיינמאל נישט געווען קיין מרדכי מאיר.

אין א צייט ארום האט מרדכי מאיר'ס געוועזן ווייב געהאט א קינד, וואס איז געווען פונקט אזוי ברייט און צעגאסן ווי איר מאן, און זי האט זיך דערמיט געשפילט, און גערופן דערצו :

— אקוקו !... א קוקו !...

איך וואלט געקאנט דא ענדיקן די געשיכטע, אבער די דאזיקע מעשה האט נאך אן עפילאג. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה זע־נען ארומגעגאנגען טיפוסן אין ווארשע. אויף דער קראכמאלנע גאס איז מען, דוכט זיך, געשטארבן מער ווי אויף אלע אנדערע גאסן. צווישן די געשטארבענע איז געווען מרדכי מאיר'ס ווייב. א שכנ'טע איז אריינגע־קומען צו דער מאמען און גע'טענה'ט :

— א יונג מענטש, א מאמע פון קליינע קינדער, שיין ווי א רויז. ווי און ווינד צו די יארן !...

די מאמע האט געשאקלט מיט'ן קאפ אויף אן אלטן אמת, וואס מען קאן זיך צו אים קיינמאל נישט צוגעוואוינען. דאס שייטל איז איר גע־ווארן צעשויבערט. ס'איז געווען פאר דער מאמען א ווייטערדיקער סימן, אז די דאזיקע וועלט איז א חלום און אז ס'איז נישט כדאי צו זינדיקן קעגן באשעפער. ווער ווייסט ס'איז אפשר באלד נישט כדאי געבוירן צו ווערן ?

אבער וואס זאל מען טאן, אז מ'ווערט פארט געבוירן ?

אין מרדכי מאיר'ס געוועלב האט זיך באוויזן א פרעמדע יידענע...

But as he went about his business, he sometimes stared off into the distance as if he could see beyond the houses, across the roofs, and over the clouds. As the weeks passed, his face grew pale and then green, as though he had undertaken a long fast; his pallor made his beard seem even blacker.

Then one day in our house the divorce was granted. The scribe wrote out the terms with his quill pen. The two witnesses practiced their signatures. Mordecai Meir faced the scribe; his wife sat on a bench. A single tear fell from her eye and lingered on her cheek. The look on her face expressed the acquiescence of a simple woman who is dealing with matters beyond her comprehension. She knew how to sell thread, buttons, safety pins, how to handle a maid and clean house, but how to behave to a husband who was about to die bewildered her. I saw that her mind was wandering, and for a time she seemed to be counting the fringes on her shawl. Then suddenly she turned and twisted her wedding ring. Father sat leafing through a holy volume. He bowed his head and covered his eyes with his hand. Not for one moment did he doubt that what was happening had been ordained by Providence; but why had Providence denied Mordecai Meir his full complement of years? He was, after all, a decent fellow. Yet who dared question the ways of the Almighty?

Finally, Mordecai Meir's wife stretched out her hands and was given the bill of divorcement. Only then did she begin to wail. Father said what he always did on such occasions: the divorced woman could not remarry for ninety days. This caused a fresh rush of tears.

What subsequent arrangements were made by Mordecai Meir and his wife, I do not know. According to the law they were not permitted to sleep under the same roof. I forgot about them or, rather, forced myself to forget.

One day I saw a procession. It was Mordecai Meir's funeral cortege. His widow walked with uplifted arms, weeping and moaning. Behind her came a number of men, who were chatting as they walked. Their manner seemed to say: "Mordecai Meir is Mordecai Meir, and we are we. He's a corpse, but we're alive. He's about to be buried, but we must pay our rent and our children's tuition. We no longer have anything in common."

Perhaps six or nine months later, I entered Mordecai Meir's store to buy thread, and found a strange man there. How different he was from Mordecai Meir. Mordecai Meir had been slim and delicate while this man was burly, with a large head, a flat nose, and a wide, thick beard. Hair sprouted from his long ears and wide nostrils; a little beard grew from every finger. He spoke in a rattling voice. His unbuttoned capote was spotted. It was the second husband. He had taken over everything: Mordecai Meir's wife, his home, his store. He opened the cash drawer and casually took out a handful of coins, shuffled over the account books and papers, addressed his wife as though they had been married for years. It was as if there had never been such a person as Mordecai Meir.

In time, Mordecai Meir's wife had a child, which was just as husky and slovenly as its father. She played with the baby, she clucked and cooed: "A-cuckoo, cuckoo."

That is not quite the end of the story. During the First World War an epidemic of typhus ravaged Warsaw. More people died on Krochmalna Street than in any other section of the city. Among those who were taken was Mordecai Meir's widow. A neighbor lamented to my mother: "Such a young person, a mother of small children, and as lovely as a rose. Woe is us."

Mother, her matron's wig askew, nodded at this new episode in the timeless catastrophe to which one never becomes accustomed. It was only additional proof to her that life was a dream and it was useless to sin against one's Maker. Perhaps one should never have been born. . . .

But what was one to do if one was born?

A few months passed and in Mordecai Meir's store a strange woman could be seen.

# וואלף קוילען־הענדלער

# WOLF THE COAL DEALER

דער טאַטע און די מאַמע זענען געווען פארשידן ביז גאר, אבער אין איין זאך זענען זיי געווען גלייך: אין זייער ווידערווילן צו גראבקייט, בארימעריי, פאלשע שטיק, חניפה. ס'איז געווען אין אונזער שטוב א זעלבסטפארשטענדלעכקייט, אז מ'דארף בעסער ליידן איידער זיך דערנידעריקן; אז אלץ וואס א מענטש דערגרייכט, מוז דערגרייכט ווערן אויפ'ן גלייכן וועג, אן פאלשקייט, אן ליגנס, אן מאכן יד־אחת מיט תקיפים און גרוביאנעס. ס'איז איבערגעגאנגען צו אונז בירושה א סארט העראאיזם, וואס איז נאך נישט געשילדערט געווארן אין דער יידישער ליטעראטור: די גרייטקייט צו ליידן צוליב גייסטיקער ריינקייט.

אבער ארום אונז האט געגריבלט און געשוויבלט מיט המון. ס'האט געבושעוועט מיט גראבקייט, פראסטקייט, נארישקייט, און דאס האט אריינגעבראכט אין אונזער שטוב אן איינזאמקייט און פארלוירנקייט. אמשטארקסטן האט געליטן דערפון מיין מוטער, א שטאלצע אריסטאקראטין אויף קראכמאלנע געסל...

מיר האבן נישט געהאט קיין דינסט, און יעדעס מאל וואס די מאמע איז געגאנגען עפעס קויפן, האט זי זיך אומגעקערט א באליידיקטע און א פארשעמטע. דער קצב האט זי געלאזט איבערווארטן אלע קונים, אדער געמאכט מיט איר א גראבלעכן וויץ. די פישערין האט איר ארויסגעריסן דעם פיש פון דער האנט, ווייל זי האט בלויז געקאנט קויפן איין פונט פיש. די גראבע יידענעס פון דעם קראכמאלנע איז נישט געפעלן מיין מוטער'ס שטילקייט, איר שלאנקע פיגור, איר טרויעריקער בליק. לויט זייערע באגריפן האט די מאמע זיך געהאלטן גרויס.

ווען די מאמע פלעגט צוריקקומען פון מארק, האט זי זיך א כאפ געטאן צום שבט מוסר, אדער צום מסילת ישרים. די דאזיקע ספרים האבן געלערנט דעם מענטש ווי אזוי צו זיין ביי זיך געפאלן, ווי אזוי נישט צו האבן אויף קיינעם קיין תרעומות, ווי אזוי מוחל צו זיין יענע, וואס פארשעמען. אפט האט די מאמע זיך אליין באשולדיקט. זי פלעגט טענה'ן: אפשר האלט איך מיך טאקע גרויס? פארוואס זאל איך זיך נישט קאנען אויסמישן מיט זיי? פארוואס זאל איך נישט זיין ווי איינע פון זיי?... אבער וויפיל די מאמע האט געפרואווט, איז עס איר נישט געראטן. נישט זי האט געקאנט פארטראגן זייערע זידלערייען, נישט זייער זיסקייט; נישט זי האט געקאנט יאמערן אויף זייערע לוויות און נישט טאנצן אויף זייערע חתונות; נישט זי האט געקאנט זיך פאר זיי גרויסן און נישט קלאגן. דער כאראקטער אירער, דער אפשטאם, די ירושה פון דורות, האט זי פארמשפט צו אן אליינקייט אזא, וואס ס'איז נישטא פון איר קיין אויסוועג. ווי צו דעם ג ע ב ו י ר ע נ ע ם אריסטאקראט!

דער המון איז נישט בלויז געווען אינדרויסן, נאר זיך ארייננעריסן אין אונזער שטוב. ביי דער חברה וואס האט ביי אונז געדאווענט שבת האט מען זיך געהאלטן אין איין ארומרייסן ווער ס'זאל זיין גבאי. אום צופרידן צו שטעלן די אפעטיטן, האט מען געשאפן אלערליי כיבודים: גבאי ראשון, גבאי שני, גבאי שלישי... דאס דאזיקע גבאות האט נישט געהאט קיין שום מיין, אבער מ'האט זיך ארומגעקריגט, געשאפן קליקעס, און נישט איינמאל איז אין מיטן לייענען אדער דאווענען געווארן א קריגעריי. אט האט מען זיך געזידלט און אט האט מען זיך געפאטשט, און אט איז מען געלאפן צו יענעם אויף א שמחה.

תשעה באב אין אוונט האט מען ביי אונז געזאגט „איכה" און קינות. פאר מיין מוטער איז דער חורבן בית־המקדש געווען אן אקטועלע זאך. שבעה עשר בתמוז האט די מאמע געפאסט דעם לאנגן תענית, כאטש זי איז געווען א שוואך מענטש און בלוט־ארעם. די דריי וואכן, די ניין טעג זענען געווען פאר איר א צייט פון טרויער אויף חורבן בית־המקדש, אויף דעם יידישן גלות. תשעה באב פארנאכט האט די מאמע אויסגעטאן די שיך און זיך אוועקגעזעצט אויף א קליין בענקעלע. זי האט געוואלט הערן ווי דער בעל־קורא לייענט „איכה". אבער די חברה האט געהאט גאנץ אנדערע השגות וועגן תשעה באב. יעדער איינער איז געקומען באלאדן מיט פולע קעשענעס דערנער אזוינע, וואס אין יעדער שטעטל האבן זיי אן אנדער נאמען — שטעכעלקעס, קאלטאנעס, באבאקעס — און געווארפן איינער דעם אנדערן אין דער בארד. ווען ס'איז מער נישט געווען קיין שטעכעלקעס, האבן זיי אפגעריסן דעם טינק פון די ווענט און געווארפן. דערביי האט מען ווילד געלאכט. מיין פאטער האט געפרואווט מוסר'ן די חברה, אבער זיי האבן זיך צו אים נישט צוגעהערט. מען איז געזעסן אויף איבערגעקערטע בענק, קעגן דער שיין פון אן איינציק ליכטל, און מ'האט געווילדעוועט ווי אמאל אין דער קאזארמע, וואו די מערסטע פון זיי האבן געדינט. מיט אמאל האט זיך געעפנט די טיר און מיין מוטער איז אריינגעקומען, אין די זאקן און מיט א טיכל אויפ'ן קאפ.

ALTHOUGH MOTHER AND FATHER were not much alike, both were revolted by vulgarity, boastfulness, conniving, and flattery. There was a family understanding that defeat was preferable to viciousness, that one's achievements must be gained honorably. We were the inheritors of a heroic code not as yet described in Yiddish literature, the essence of which was an ability to endure suffering for the sake of spiritual purity.

But all around us seethed a rabble who did not share our ideals. The one who was most affected by these people was my mother, who was compelled to cope with the everyday life of Krochmalna Street.

We had no servant and Mother had to do the shopping herself. Each time she went to market, she returned humiliated. The butcher served her last or made her the butt of some coarse joke; the fishmonger, knowing that Mother could afford to buy no more than a pound, snatched the fish from her. Mother's reserved, slim figure and melancholy air annoyed the blowsy wives of Krochmalna Street, who considered her snobbish.

Whenever Mother returned from a shopping tour, she took out one of the volumes that taught one how to be humble and forgive the insults of others, such as the *Duty of the Hearts*, or the *Beginning of Wisdom*. Often she would blame herself. "Maybe I have put on airs? Why can't I get along with such people and be like them?" But nothing she did helped. She was offended by both their abuse and their compliments. She was unable to weep unrestrainedly at funerals, and carry on at weddings. Her character and the tradition which she had inherited condemned her to an isolation from which there was no escape.

Even when she was in her own home, she was not safe from the rabble. There was constant squabbling among those who congregated in our house for Sabbath services. To satisfy their egos, all sorts of honorary titles were created; there wasn't just one warden, but wardens for the first, second, and third quorum. Although these were meaningless titles, they were fought for by rival factions. In the middle of prayer, violent quarrels would break out; then everyone would make up and peacefully assemble for some celebration or other.

On the Ninth Day of Ab, both the Book of Lamentations and the Book of Threnodies were read in our house. For my mother, the destruction of the Temple was a living reality. On the seventeenth day of the month of Tammuz, which is the anniversary of the beginning of Nebuchadnezzar's siege of Jerusalem, Mother would fast the entire day, although she was anemic and frail. The three weeks, the Nine Days were for her, because of the destruction of the Temple and the exile of the Jews, a time of sorrow. One evening (it was the Ninth Day of Ab) Mother, having removed her shoes, seated herself on a low bench in anticipation of hearing the Lamentations read. But the men of the congregation, having a quite different conception of the meaning of this anniversary, arrived with their pockets stuffed with thistles, which they proceeded to toss into each other's beards. When they ran out of thistles, they ripped the plaster from the walls and threw it. Winking and laughing, ignoring my father's admonitions, by the light of a single candle they carried on as though they were still recruits in the army, and the room in which they sat, a barracks. Suddenly the door was flung open, admitting my mother, who entered in stocking feet, with a kerchief on her head.

— יידן, ווי שעמט איר זיך נישט? — האט מיין מוטער א פרעג געטאן מיט א קול וואס האט זיך געבראכן פון טרערן. — ווייסט איר וואס תשעה באב איז? דאס איז א טאג פון טרויער. אין דעם טאג האט מען חרוב געמאכט ס'בית־המקדש. אין דעם טאג האט מען געשפאלטן די מויער פון ירושלים. אלע אונזערע צרות האבן זיך אנגעהויבן אין דעם דאזיקן טאג. יידן אויף דער גאנצער וועלט פארגיסן היינט טייכן טרערן, און איר רייסט קאלך פון די ווענט און ווארפט. וואס זענט איר, קליינע קינדער? ווייסט איר נישט אז יידן זענען אין גלות?

צווישן דער חברה איז געווארן אויסטערליש שטיל. איך בין געבליבן זיצן א פארציטערטער. מיין מוטער איז פון דער נאטור געווען אזא שטילע, אזא שעמעוודיקע, און דא מיט אמאל רייסט זי זיך אריין צווישן א געזעמל מאנסלייט און זאגט זיי מוסר. איר פנים איז געווען אזוי בלייך ווי דער קאלך אויף דער וואנט.

א לאנגע ווייל האט קיינער נישט אויסגערעדט קיין ווארט. דערנאך האט דער גבאי, יאסל, זיך אנגערופן:

— רביצין, פארוואס זאלן זיי נישט וואויווען? זיי האבן פרנסה.

און ווי באלד מ'האט פרנסה, וועמען גייט אן דאס חורבן פון בית־המקדש?

איין ייד פון דער חברה איז געווען וואלף קוילנהענדלער. וועגן דעם דאזיקן וואלף וויל איך דא דערציילן. ער איז געווען א ברייטער ייד, שווארץ ווי א ציגיינער, און דער האנדל מיט קוילן האט אים געמאכט נאך שווארצער. דאס איז געווען א מענטש א גראבהויטיקער, א האלב ווילדער. איך פלעג טיילמאל קומען צו אים קויפן צען פונט קוילן. ער האט אפגעוואוינן די קוילן, זיי אריינגעלייגט צו מיר אין קויבער און א זאג געטאן:

— יאזדא!...

נעפארן, הייסט עס, געגאנגען!

אט אזוי האט ער גערעדט נישט בלויז צו קינדער, נאר אויך צו דערוואקסענע. ער האט אמאל א זאג געטאן דאס דאזיקע ווארט צו מיין מוטער, און פון דאמאלס אן האט זי מער זיין געוועלב נישט איבערגעטראטן.

דער דאזיקער ייד איז אליין געווען ווי א שטיק קויל. פון אינדערפרי ביז שפעטלעך אין אוונט איז ער געשטאנען אין דעם געוועלב, וואס איז געווען כמעט ביז צום סופים באלייגט מיט קוילן, קאקס. בייטאג האט מען נאך ווי ס'איז ארויסגעזען א שטיקל פנים, און א פאר ווייסלען ווי ביי א קוימענקערער. אבער ביינאכט, ווען ס'האט געלויכטן אין געוועלב א פיצעלע נאפט־לעמפעלע, האט דער ייד אויסגעזען ווי א שווארצער פארשוין, א טייוול אדער א לאפיטוט. ער האט אלעמאל געשפריצט וואסער אויף די קוילן, זיי זאלן זיך נישט דערהיצן און אויך אז זיי זאלן וועגן מער. א קול האט ער געהאט וואס האט נישט גערעדט, נאר געבליט. איך האב אין מיין לעבן נישט געזען אזא ענלעכקייט צווישן דער שטים פון א מענטשן און דעם בילן פון א הונט. א שטיק שווארצע אומעטיקייט און אור־אלטע פינצטערניש איז געלעגן אין זיין צורה. ער האט גערעדט צו אלעמען גראב און מיט באליידיקונגען. אויף שבת פלעגט ער זיך וואשן און זייפן, אבער ער איז געבליבן פונקט אזוי שווארץ ווי אינדערוואכן. דאס ווייסע העמד, וואס ער האט אנגעטאן, האט נאך מער אונטערגעשטראכן די שווארצקייט פון זיין פנים און זיינע הענט.

וואלף קוילנהענדלער האט געוואוינט אין דער נידער, אין א שטוב הינטער'ן געוועלב. שבת נאכ'ן טשאלנט פלעגט ער זיך לייגן שלאפן. אבער ווי קאן מען שלאפן ווען דער הויף איז פול מיט געשרייען, גוואלדן? די יונגען האבן זיך געיאגט נאך א משוגע'נעם, געווארפן שטיינער, געקלאפט, געטראסקעט. וואלף קוילנהענדלער פלעגט ארויסלויפן פון שטוב אין די בלויזע גאטקעס (וואס האבן אויסגעזען משונה ווייס אויף זיין שווארץ לייב) און זיך נעמען יאגן נאך די יונגען וואס שטערן זיין שלאף. דאס פלעגט זיך איבער'חזר'ן צענדליקער מאל. אין הויף און טיילמאל אויך אין גאס האט מען געזען לויפן א שווארצן ייד, א בארוועסן, אין א פאר תחתונים, און זיך יאגן נאך א בינטל ווייסע חברה'ניקעס, קונדסים. דאס דאזיקע יאגעניש און די דאזיקע מלחמה איז געווען אזוי צוועקלאז ווי אלע אנדערע געיעגן און מלחמות. די יונגען האבן זיך נישט געלאזט כאפן. אבער יעדעס מאל וואס די לאבוזעס האבן אים אויפגעוועקט, האט וואלף קוילנהענדלער געמוזט ארויסשפרינגען און זיך לאזן נאך זיי אין א געיעג. טיילמאל האט ער זיי דערביי נאכגעווארפן א בעזים אדער א שטיק קויל. פרומע יידן פלעגן שרייען:

— ר' וואלף, ס'איז מוקצה!...

— גייט'ן אין דער'ערד אריין מיט'ן קאפ! — האט געענטפערט וואלף קוילנהענדלער. — ווערט'ן ראד־געבראכן!...

ביי אונז אין שטוב האט ער זיך אויפגעפירט אזוי ווילד ווי אין געוועלב. ער האט נישט געדאווענט, נאר געבילט צום רבונו של עולם. טיילמאל פלעגט ער זיך נעמען קריגן וואס מען רופט אים נישט אויף צום ספר. פון מאל צו מאל האט זיך אים פארגלוסט צו ווערן גבאי. דערצו האט ער געשפיגן אויפ'ן דיל און געשנייצט די נאז. מיין מוטער פלעגט טיילמאל רעדן וועגן אים. ער איז געווען פאר איר דער סימבאל פון המון.

"Men, have you no shame?" she cried, her voice quivering with emotion. "Don't you know the significance of the Ninth Day of Ab? This is a day of mourning. This was the day on which the walls of Jerusalem fell. It's the day on which our troubles began. All over the world Jews weep, but you have nothing better to do than rip plaster from walls. Are you babies? Don't you know that we Jews are in exile?"

The congregation became still. I remember sitting there trembling with fear. My mother, normally quiet and reserved, had pushed her way into a room full of men to make serious accusations. Her face turned as white as the lime on the wall.

No one said anything for quite some time. At last Yossel the warden broke the silence. "Rebbetzin, what's wrong with their having a little fun? After all, they make good livings."

"Does a good living produce indifference to the destruction of the Temple?"

Among those in the congregation was a man known as Wolf the coal dealer, a fellow who was as husky and swarthy as a gypsy and whose occupation had made his dark complexion even darker. A coarse person, he was at least half savage. Occasionally I bought coal from him, ten pounds at a time. Having weighed out the coal, he would throw it into my basket, and grunt, "*Jadza* . . . off with you."

That was the way he spoke to both children and adults. My mother never went back to him after receiving this treatment.

Rather like a lump of coal himself, he remained from early morning until late at night in his store, where coal and coke were piled almost to the ceiling. In daylight he looked like a chimney sweep, the only white parts of him being his eyeballs, but at night, when the only illumination in the shop was a small kerosene lamp, he resembled a devil. He kept wetting down the coal to prevent it from heating up too much and from weighing too little. He had a voice that sounded more like a dog's bark than any other I have heard. A primeval darkness, a kind of black sorrow, emanated from his face. He treated everyone insolently. The day before the Sabbath he would wash and soap himself vigorously, but the water never made him any lighter. The white shirt that he wore on the holiday accentuated the blackness of his face and hands.

Wolf the coal dealer lived on the ground floor in a room in back of his store. He liked to nap after the Sabbath dinner. But how could one sleep with all the noise coming from the courtyard? Boys would be teasing some lunatic, or throwing rocks, or just making a general commotion. Out of his house would run Wolf in his underdrawers—strangely white against his black flesh—to chase after the disturbers of his sleep. Wolf's sorties were not limited to the courtyard. Often in the street one would see a black-skinned man, barefoot and in his underwear, chasing a band of pale-faced urchins. Wolf's pursuits were always unsuccessful, the boys being faster than he. But hopeless though his efforts were, each time he was awakened, Wolf the coal dealer sprang from his bed and pursued his tormentors. At times he would hurl a broom or a piece of coal at the retreating boys. "Wolf," the pious Jews would say, "not on the Sabbath."

"Go stick your heads in the mud," Wolf the coal dealer would reply. "Break yourselves on the wheel."

He acted as savagely in our house as he did at the store. Sometimes he would complain that he had not been called up to read from the Torah. From time to time he had the urge to be a

אזוי ווי די וועלט איז געווען פאר איר ענג — אזוי ענג אז זי האט אין ערגעץ זיך נישט געקאנט געפינען — אזוי איז די וועלט געווען אומעטום אפן פאר וואלף קוילנהענדלער. ער וואלט אומעטום געווען ביי זיך אין דער היים: אין דער קאזארמע, וואו ער האט בחור'וויז געדינט, אין א דארף, א פאבריק, א מינע, א הקדש, א תפיסה. ער האט צו יעדן איינעם געזאגט אויף „דו", אפילו צו אלטע לייט. ס'איז געווען אין אים די חוצפה פון יענע, וואס שטייען אויפ'ן נידעריקסטן שטאפל.

וואלף קוילנהענדלער האט געהאט א ווייב, און די דאזיקע יידענע — כאטש א פראסט מענטש — איז געווען אן אידעלע נשמה. דערצו איז זי געבער פון א קינפעט געווארן טויב. וואס העכער וואלף האט צו איר געבילט, אלץ ווייניקער האט זי אים פארשטאנען. מ'האט זי קיינמאל נישט געזען אין געוועלב. זי האט א גאנצן טאג זיך געפארעט אין דעם הינטער־שטיבל. טיילמאל פלעגט זי קומען צו מיין מוטער זיך אויסרעדן ס'הארץ.

— רביצין, כ'קאן מער נישט אויסהאלטן. טייער מענטש, די גאל וועט מיר, נישט דא געדאכט, פלאצן!...

— וואס וויל ער פון אייך? הא?

— ער זידלט, ער שנידלט. ער ווארפט זיך ווי אין קדחת. ווי איז מיר, ער רייסט לעבעדיקע שטיקער!

— זידלט אים אויס!

— ער עפנט א מויל, ווערט מיר פינצטער פאר די אויגן. ער גיט מיר א זעץ אויך...

— אפשר האט איר עפעס קרובים?

— כ'האב קיינעם נישט. עלנט ווי א שטיין!

ווייזט אויס, אז די טויבקייט פון דער דאזיקער פרוי איז אויך געווען אויף א נערוועזן באדן. אין די טויבע אויערן אירע האט אנגעהויבן זינגען. זי פלעגט קומען צו דער מאמען דערציילן, אז ס'זינגט איר כל־נדרי אין אויער. זי פלעגט א זאג טאן:

— רביצין קרוין, עץ הערט גארניש', הא? ליינט צו אן אויער.

— כ'הער גארנישט.

— מ'זינגט. ווי דער בעסטער חזן. רביצין, כ'הער יעדעס ווארט.

— פארוואס גייט איר נישט צו קיין דאקטאר?

— כ'בין שוין געווען ביי דריי דאקטוירים. זיי ווייסן נישט פון זייערע הענט און פיס...

אין איינעם א שבועות בייטאג האבן זיך צונויפגענומען ביי אונז די חברה־לייט. מ'האט געמאכט עפעס א סעודה'לע. מיין פאטער איז געווען אין ראדזימין ביים רבי'ן. די חברה־לייט זענען געזעסן ביים טיש, געטרונקען ביר, געקנאקט ניס, גערעדט. וואלף קוילנהענדלער איז דארט אויך געווען. ער האט זיך געהאט אויסגעפוצט שענער ווי אלעמאל, און האט דעריבער אויסגעזען שווארצער און מגושם'דיקער ווי אלעמאל.

— ווער וויל זיך מיט מיר וועטן? — האט ער א ביל געטאן.

— וועגן וואס ווילסטו זיך וועטן?

— דו וועסט דיר אנגיסן א פאר טראפן ביר אויפ'ן באדעם פון גלאז. איכ'ל אנגיסן א פול גלאז ביר ביז'ן אויג... איך געוועט מיך מיט דיר, אז איכ'ל פריער אויסטרינקען דאס פולע גלאז און אוועקשטעלן אויפ'ן טיש ווי דו די פאר טראפן.

— ווי אזוי קאנסטו דאס טאן?

— נישט דיין עסק. לאמיר זיך וועטן אין צען רובל.

— קלאפ איין!

וואלף און נאך א פארשוין האבן זיך געגעבן די הענט. וואלף האט יענעם אנגעגאסן א פאר טראפנס ביר און זיך — א פול גלאז.

— נו, לאמיר טרינקען!

יענער האט אויסגעטרונקען מיט איין שלוק די פאר טראפנס און אוועקגעשטעלט דאס גלאז אויפ'ן טיש. וואלף האט פאמעלעך געטרונקען און איינגעטונקען די שווארצע וואנסן אין שוים. ווען ער האט אויסגעטרונקען, האט ער פארשארצט דאס טישטוך און אוועקגעשטעלט דאס גלאז.

— דו האסט אוועקגעשטעלט דיין גלאז אויפ'ן טישטוך — האט וואלף געבילט. — אבער איך האב מיין גלאז אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש. איך האב געוואונען די צען רובל.

— כ'האב אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

ס'איז געווארן א שפארעניש, א דינגעניש, א מחלוקת.

— ניין, אויפ'ן טישטוך.

— ס'איז ס'איינענע.

— ס'איז נישט ס'איינענע...

מיט אמאל האט מען זיך גענומען שלאגן. וואלף האט געטאן א קלאפ און באקומען א קלאפ. אויף דער חושכ'דיקער בארד זיינער האט זיך באוויזן א רויטער טראפן. דאס איז געווען דאס צווייטע מאל ווי די מאמע איז אריינגעקומען.

— יידן, ווי שעמט איר זיך נישט, ס'איז יום־טוב!

זי איז געשטאנען קעגן זיי א בלאסע, א ווייסע, א דערשראקענע. זיי האבן געקוקט אויף איר סאי מיט פארדרוס און סאי מיט דרך־ארץ. וואלף האט אן עפן געטאן דאס מויל אויף איר אנצובילן, די אנדערע האבן אים איינגעהאלטן. ער האט אפגעמאסטן מיין מוטער מיט שנאה. איך האב שוין דאמאלס געלערנט חומש, אפשר אויך גמרא. איך האב געוואוסט ווער וואלף איז: ער איז דאס ערב־רב. די מלחמה צווישן אים און מיין מוטער האט זיך נאך געצויגען פון משה רבנו'ס צייטן...

און וואס איז מיט משיח'ן? ער קאן קומען בלויז אין צוויי פאלן: ווען מיין מאמע זאל ווערן ווי וואלף קוילנהענדלער אדער וואלף קוילנהענדלער — ווי מיין מאמע...

warden. He spat on the ground, wiped his nose on his sleeve. For my mother he symbolized the rabble. She was restricted to a small portion of the world. He could go everywhere, felt at home in the barracks, in the factories, the mines, the poorhouses, the prison. Everyone, even the old, was "thou" to him.

Wolf the coal dealer's wife, though a woman of the people, had an aristocratic spirit. Childbirth had deafened her. The louder Wolf barked, the less she understood what he was saying. She was seldom seen in the store; she slaved away in the back room. At times she would bare her heart to my mother.

"Rebbetzin, I can't take it any longer. Dear lady, I'm losing my mind."

"What does he expect of you?"

"He jumps around like a cat on hot bricks, swearing and fussing. He's tearing me apart."

"Why don't you put him in his place?"

"As soon as he opens his mouth, I black out. He beats me, too."

"Don't you have any relatives?"

"No one. I'm as solitary as a stone."

The woman's deafness seemed to have an emotional basis, for she began to hear singing voices. "Dearest Rebbetzin, listen. Put your ear close to mine. Can't you hear, it's the Kol Nidre."

"I hear nothing."

"Someone's singing, I tell you, a cantor with a magnificent voice."

"Why don't you consult a doctor?"

"I've been to three doctors already. None of them knows the difference between a foot and an elbow."

One day during Pentecost the congregation banqueted at our house, although my father was away in Radzymin visiting the Rabbi. The guests, among whom was Wolf the coal dealer, sat drinking beer and munching nuts. Wolf had washed and dressed more carefully than usual but remained his black, ungainly self.

"Who'll cover my bet?" he barked.

"What are you betting about?"

"Look, I'll pour a few drops of beer into your glass and fill mine to the top. My money says that I'll finish my beer and put the glass back on the table before you do."

"How can you do that?"

"That's none of your business. It'll cost you ten rubles to find out."

"Fine. Let's shake on it."

Wolf and some other fellow shook hands. Then Wolf poured a few drops of beer in the fellow's glass and filled his own glass to the brim.

"All right, drink up."

Wolf's opponent emptied his glass in a single gulp and set the glass down. Wolf, dipping his black mustache in the foam, slowly sipped until there was no beer left; then, having raised the tablecloth, he placed his glass down on the bare wood.

"I win," Wolf said. "You didn't put your glass on the table but on the tablecloth."

"What do you mean, I didn't put it on the table? The tablecloth's on the table, isn't it?"

They began to argue and bicker.

"But the glass was on the tablecloth."

"What's the difference?"

"A great deal."

Soon they were fighting. Wolf struck first and received a punch in return. His beard glistened with red. Once again Mother intervened.

"Men, have you no shame? This is a holiday."

Pale and frightened, she faced them. Anger and respect mingled in the glances that they gave her. Wolf opened his mouth to bark out something, but was restrained by the others. He gave my mother a baleful look.

At that time I was studying the Pentateuch and may even have begun reading the Talmud. I had already placed who Wolf was; he was the mixed multitude mentioned in Exodus. The quarrel between him and my mother had had its beginning at the time of Moses.

And what of the Messiah? The Messiah would not come until Mother became like Wolf the coal dealer or Wolf the coal dealer like Mother.

# אייניקלעך

**א**ונזער הויף איז געווען נומער 10.

אין נומער 16 האט געוואוינט א רבי'לע, וואס לויט זיין יחוס האט ער געדארפט זיין א גרויסער רבי. ער איז געווען דעם קלעמעניצער רבי'נס א רעכט אור־אייניקל. זיין פאטער איז געווען א זון פון ר' משה, און ר' משה איז געווען דעם קלעמעניצער רבי'נס א זון. געהייסן האט דאס רבי'לע ר' בערעלע, און ווען איך האב אים דערקאנט, איז ער שוין געווען אן אכציקער. די סיבה פארוואס ר' בערעלע איז נישט געווארן קיין רבי פון חסידים איז געווען, צווישן אנדערן, דאס וואס ער האט נישט געקאנט לערנען. אפשר האט ער געקאנט דורכקריכן א פרק משניות. ער איז דעריבער געבליבן אן אייניקל, א ווייבעריש רבי'לע. אבער ער האט אין זיך געהאט די גוטמוטיקייט און די איידלקייט פון זיינע גרויסע זיידעס. ער איז געווען א קליין יידעלע, א פיצעלע יידעלע, מיט א היפשער ווייסער בארד, אנגעטאן אין א זיידן אויבער־מלבוש, אין שיך־און־זאקן און אין א סויבל. געגאנגען איז ער אלעמאל מיט א שמש און אזוי פאמעלעך, אז פון נומער 16 ביז'ן נומער 10 האט געדויערט א האלבע שעה. ווי קליין ער איז געווען, איז ער נאך געגאנגען איינגעבויגן. מ'האט גארנישט געזען אחוץ א קנויל זייד, סויבל און ווייסע בארד.

מארק־זיצערינס האבן אים געבענטשט ווען ער איז פארבייגעגאנגען. גויים האבן געקוקט און נישט פארשטאנען. ר' בערעלע'ס וועג אין לעבן איז געווען — געלאסנקייט. איך האב אים אמאל געזען צולייגן די תפילין. די הענטלעך זיינע האבן זיך קוים באוועגט. ער האט געוויקלט די רצועות אפשר א שעה צייט. פון די אויגן הינטער די ווייסע ברעמען האט ארויסגעשטראלט א מנוחה אזא, וואס דער היינטיקער מענטש האט שוין לאנג פארגעסן. דאס דאזיקע פיצעלע יידעלע האט ליב געהאט גוט צו עסן און אויך צו טאן א טרונק בראנפן. אויף דעם אנגערויטלטן פנים'ל זיינעם איז אלעמאל געלעגן א שמחה, א פרייד וואס האט דערמאנט אן שמחת־תורה און פורים.

ר' בערעלע האט געלעבט גוט מיט מיין פאטער און האט אים פורים געשיקט שלח־מנות — פיש אין זיסן־און־זויערן. ווען ער האט געזען מיין פאטער, האט ער אים אויסגערעדט פארוואס ער קומט נישט ארויף. אבער מיין פאטער פלעגט גיין צו ר' בערעלע'ן בלויז ווען אין הויף איז געווען א מת. מיין פאטער איז געווען א כהן און ער האט נישט געטארט זיין אין איין הויף מיט א טויטן.

ווען מיין פאטער איז אוועק צו ר' בערעלע'ן, האט ער מיך מיטגענומען, און איך האב דאמאלס צוגעזען זיין אויפפירונג. אחוץ דאווענען, האט ר' בערעלע געהאט איין טועכין: זאגן זוהר. צי ער האט עפעס פארשטאנען פון דעם אראמעאישן לשון, איז א ספק. אבער צו וואס דארף מען פארשטיין? ס'האט זיך דארט גערעדט וועגן תורה, גאט, מלאכים, סודות, הייליקע שמות. דאס בלויזע זאגן האט אויפגעהויבן די נשמה. ער האט אייגנטלעך נישט געזאגט, נאר געמורמלט, און דערביי האט געשלאגן פון אים א האפערדיקייט, וואס קומט פון א ריין און תמימות'דיק לעבן.

ווען איך האב דערקאנט ר' בערעלע'ן, האט די רביצין זיינע שוין נישט געלעבט. אויפ'ן באלעבאטישקייט האט אכטונג געטאן א דינסט. ווייבער זענען ארויפגעקומען צו אים „מזכיר זיין" קראנקע קינדער, בעטן אויף געזונט, פרנסה, א גרינג טראגן, א לייכט האבן, און ר' בערעלע האט געשמעקט טאבאק פון א ביינערנער פושקע און אלץ אלעמען צוגעזאגט. ער האט געהאט צוויי זין און זיי זענען אויך געווען רבי'לעך. אבער ס'איז שווער צו געפינען א גרעסערן קאנטראסט צווישן א פאטער און זין ווי צווישן ר' בערעלע'ן און זיינע קינדער.

אזוי ווי ר' בערעלע איז געווען קליינוואוקסיק, אזוי זענען זיי ביידע געווען הויך. אזוי ווי ער איז געווען פאמעלעך, אזוי זענען זיי געווען גיך און רירעוודיק. זיי האבן אויסגעזען ענלעך צו זיך ווי א צווילינג און אפשר זענען זיי געווען א צווילינג. פון זיצן אין שטוב אוןווארטן אויף ווייבער, האבן זיי מער נישט געקאנט האבן קיין פרנסה, ווייל קיינער וואלט צו זיי נישט געקומען. ס'האט זיי געפעלט דעם טאטנ'ס שיין. זיי האבן געמוזט גיין איבער דער שטאט, אויסזוכן אלערליי נגידים און גלאט גוטהארציקע מענטשן, וואס ווילן ארויסהעלפן א קלעמעניצער אור־אייניקל. אויך זיי האבן געטראגן זיידענע זשופיצעס און סויבלען אויף די קעפ. אבער זיי זענען נישט געגאנגען, נאר געשפאנט גיך און מיט ברייטע שפאן. אזוי ווי זיי האבן געשפרייזט, האבן זיי געקוקט צו די אויבערשטע שטאקן מיט בליקן פון אדלערס וואס זוכן שפייז. די אויגן זייערע האבן אויסגעדריקט א גיריקייט, וואס האט אנגעווארפן א שרעק. מיר האט זיך טיילמאל אויסגעדוכט אז פלוצלונג וועט איינער פון זיי טאן פון גרויס אימפעט א שפרייט אויס די פאלעס און נעמען פליען איבער די דעכער. צווישן זיי און ווארשע האט זיך געפירט א מלחמה. ווארשע האט באשלאסן די דאזיקע צוויי שטארקע פלינקע יידן גארנישט צו געבן — זאלן זיי גיין ארבעטן! זאלן זיי פארקויפן הערינג אין מארק! — אבער ר' בע־

# DESCENDANTS

A FEW DOORS away from us, at No. 14, dwelt a tiny little man, a Rabbi who would have been a person of great significance if family were everything. His father's father was Reb Moshe, who had had in turn as his father the great Kozhenitz Rabbi. Our neighbor, Reb Berele, was already in his eighties when I knew him. One of the reasons he was not a Hasidic Rabbi was his inability to study. He could barely struggle through a chapter of the Mishnah. It was his fate to go through life known as the grandson of the great Kozhenitz Rabbi, but himself only a Rabbi for women. But he was a man of breeding, having inherited the gentility of his distinguished ancestors. A small man with a full white beard, he wore an outergarment of silk, a sable hat, stockings, and half shoes. His beadle accompanied him wherever he went. So slowly did he walk that it took him half an hour to get from our house to his. He had such a pronounced stoop that all one could make out was a white beard, a sable hat, and a small bundle of silk.

As he passed, the market women blessed him. Gentiles stared at him uncomprehendingly. Reb Berele lived a life of near-perfect serenity. Once I watched him put on his phylacteries. His hands scarcely moved. It took him almost an hour to wind the thongs round his arm. The tranquillity in his eyes was of a variety men have almost forgotten. This midget of a man was a hearty eater and a brandy drinker as well. He always wore a joyous, holiday look of contentment on his florid face.

Every Purim, as a token of his affection, Reb Berele sent my father a fish which had been cooked in sweet-and-sour sauce. Whenever the two met on the street, he chided my father for not visiting him more often; my father only went to Reb Berele's when someone in our building died. Being a Kohen, that is, of priestly descent, Father was not permitted, according to Mosaic law, to remain in a house which contained a corpse.

Whenever Father went to Reb Berele's, he took me with him. The only thing Reb Berele liked to do besides praying was to recite the Zohar. It is doubtful whether he understood the Aramaic in which the book is written. But what difference did that make? Since the Zohar deals with various celestial secrets such as the hierarchy of angels and the sacred names of God, the mere act of enunciating the words elevates the soul. Actually Reb Berele didn't quite speak the text, but mumbled it with that sort of exuberance that comes from having led a pure and blameless life.

By the time I knew him, Reb Berele was tended by a servant, as his wife had died. Women came to ask him to pray for their sick children, to give them his blessing for continued good health, or to intercede with heaven in their behalf when they were pregnant or about to go into labor. Reb Berele, taking a pinch of snuff from his bone snuffbox, promised the best for everyone. He had two sons who were also Rabbis of small importance but were otherwise unlike their father.

He was small; they were large. He was slow; they were speedy. Those sons were so alike you would have thought them twins, and perhaps they were. For them to have sat around and waited for women to consult them would have been a waste of time. They were obliged to rush about the city in search of wealthy patrons who were willing to give a hand up to the great-grandsons of the Kozhenitz Rabbi. As they hurried about, their predatory eyes scanning the upper stories of houses, they, like their father, wore silk gabardines and sable hats. At times I felt that the force that propelled them was so great that they would suddenly spread their coattails and soar off over the rooftops. Between Reb Berele's sons and the rest of the city of Warsaw there existed an undeclared war. The city was determined to give these cunning men nothing. "Let them work for a living like everyone else," the city seemed to say. "Why don't they go peddle herring in the market place?" Reb Berele's sons, having

רעלע'ס צוויי זין זענען געווען טיף אנטשלאסן ארויסצוקריגן ביי וואר־שעווער יידן זייער אויסהאלטעניש. זיי האבן געהאט ווייבער, זין, טעכטער, און דאס באדערפעניש איז געשטיגן פון טאג צו טאג. מ'האט פאר זיי פארקלאפט די פאראד־טיר, — זענען זיי געגאנגען דורך דער הינטער־טיר. ס'איז אלעמאל געווען עפעס א ספאסאב, א פארטל ווי אזוי צו באקומען א פאר רובל. מ'האט בלויז געדארפט זיין וואך, שנעל און האבן א שארף אויג.

און ר' בערעלע'ס מיוחס'דיקע זין האבן דאס זייעריקע אויסגעפירט.

אין איינעם א טאג האט ר' בערעלע אונז אפגעשטאט א וויזיט. דער טאטע האט זיך מיט אים דערפרייט. עפעס א קלייניקייט, דעם קלעמעניצער רבינ'ס א רעכט אור־אייניקל! א גוטע שעה האבן ביידע יידן גערעדט וועגן יידישקייט, היינטיקע צייטן, אמאליקע צייטן, דעם קאזשעניצער נוסח, דעם לובלינער נוסח. דערנאך איז ארויסגעקומען די נארל פון זאך: ר' בערעלע האט געוואלט חתונה האבן.

באלד איז אויך געקומען די כלה: א יידענע פון א יאר זיבעציק, אן אלמנה נאך א רב. זי איז געווען מיט צוויי קעפ העכער פון ר' בערעלע'ן. דאס איז געווען א ברייטע יידענע, אנגעטאן אין א פארצייטיקער שובע, און אין א קאפקע מיט א הויכן טשיפיק. גערעדט האט זי מיט א הויך, שטארק קול און אריינגעמישט א סך לשון־קודש. די דאזיקע יידענע איז געווען א שטיקל שנארערין אויף איר אייגענעם חשבון. זי איז ארומגע־פארן זאמלען פרענומעראנטן ארויסצוגעבן איר מאנ'ס ספר. אזוי ארום האט זי זיך געטראפן מיט ר' בערעלע'ן, און א ווארט פאר א ווארט, — ס'איז געווארן א שידוך. ווער קאן וויסן די וועגן ווי אזוי א מאנסביל און א פרויען־צימער רעדן זיך צוזאמען?

דער טאטע האט זיך אביסל געוואונדערט. ר' בערעלע איז שוין אלט געווען עטלעכע און אכציק יאר. אבער צוריקגעשמועסט, אזעלכע זאכן טרעפן. די מאמע האט געהאט תרעומות. זי האט געהאלטן, אז דאס איז נישט קיין גלייכע זאך, נישט פון ר' בערעלע'ס זייט און נישט פון דער דאזיקער רביצין, וואס זאמלט געלט פאר'ן מאנ'ס ספר. אבער מען קאן קיינעם נישט זאגן קיין דעה אין אזעלכע זאכן. אויך האט דער טאטע גע־וואלט קריגן באצאלט.

איך בין געווען אויף דער דאזיקער חתונה, ווייל איך האב מיטגעטראגן די חופה מיט די פיר דרענגלעך, וואס איז געשטאנען ביי אונז צווישן אויוון. אין ר' בערעלע'ס גרויסער שטוב האט געברענט דער בליץ־לאמפ און ליכט. חתן־כלה זענען געשטאנען אונטער דער חופה. ר' בערעלע'ס פנים האט געשטראלט ווי אלעמאל. ער איז געגאנגען צו דער חופה מיט פיצעלעך טריטעלעך. אבער די כלה האט אויסגעזען צערודערט. זי האט געווארפן פארשנדיקע בליקן. זי האט זיך געהאט אויסגעפוצט אין א נייער פעלערינע און אין א יום־טוב'דיקער קאפקע. פון איר פנים האט ארויסגע־קוקט די שטארקייט פון יענע, וואס ווילן נישט ליידן אויף דער וועלט, נאר נעמען פון לעבן אלץ וואס ס'איז מעגלעך. ר' בערעלע איז נישט געווען פאר איר דער ריכטיקער זיווג. זי האט געדארפט האבן א שטארקן ייד. אבער צו זיבעציק יאר קאן מען נישט צופיל קלויבן. בעסער ר' בערעלע איידער גארנישט.

נאך דער חופה איז געווען א סעודה און די ניי־געבאקענע רביצין האט זיך שוין באצייטנס גענבייזערט אויף דער דינסט און געפונען אלערליי חסרונות אין דער ווירטשאפט. ס'איז געווען קלאר, אז די דאזיקע צוויי ווייבער וועלן לאנג נישט הויזן צוזאמען. אזוי איז טאקע געווען. ר' בע־רעלע'ס דינסט איז געקומען צו דער מאמען וויינען און אויסרעדן אויף דער נייער באלעבאסטע אלדאס בייז. זי האט נעבעך געמוזט נעמען דאס פעקל און גיין זוכן אן אנדערע שטעלע.

ביי דער נייער רביצין האט זיך צעפלאקערט די אמביציע. פארוואס זאל עפעס ר' בערעלע זיין א קליין רבי'לע? ער האט מער יחוס פון די גרויסע. זי האט ביי זיך אפגעפאסט עפעס צו טאן דערוועגן. זי איז ארומגעגאנגען און גענומען דערציילן צווישן די ווייבער מופתים פון איר מאן און וואס פאר א צדיק ער איז. אומעטום האט זי אים גערימט: אין יאטקע, אין קראם, ביי די פישערינס, די געגנדזלערינס. אבער מענטשן זענען מבינים אויף מענטשן. די ווייבער האבן גע'טענה'ט:

— דאס איז א יידענע מיט אן אויעריננגל...

דערווייל, אזוי פרואוונדיק אויפהויבן ר' בערעלע'ס מערכה, האט די יידענע ווייטער נעטאן זאמלען געלט פאר איר ערשטן מאנ'ס ספר. ווי געהערט זיך אן איינס צום אנדערן?

צווישן ר' בערעלע'ס צוויי זין און זייער שטיף־מוטער איז געווארן מחלוקת. ס'האבן זיך אנגעהויבן אלערליי בארעדעכצער, אינטריגעס. די פרישע רביצין האט זיך אריינגעווארפן אין דער מלחמה מיט אירע שטיף־זין מיט גרויס ברען. דערווייל האט ר' בערעלע זיך מיישב געווען און זיך אוועקגעלייגט אויף א לונגען־אנצינדונג.

ער איז געלעגן אין בעט פונקט אזוי געלאסן און בשמחה ווי ער איז ארומגעגאנגען. ער האט געהוסט און געשמייכלט אין דער ווייסער בארד.

wives and children to support and being unwilling to take no for an answer, rushed off to the back door when the front door of a house was slammed in their faces. They were always thinking up some new scheme by which they could promote themselves a few more rubles. For them it was merely a matter of being sufficiently alert and enterprising.

And Reb Berele's wellborn sons always managed to get what they were after.

One day Father was delighted to find that the old man had come to visit us. Imagine having the grandson of the Kozhenitz Rabbi in our house! For a full hour Father and he discussed Jewish affairs, current events, their respective lives, and the unique customs of Kozhenitz and Lublin. Finally Reb Berele explained why he had come; he wanted to get married.

Soon, in walked the bride-to-be, a woman of about seventy and a Rabbi's widow. She was at least two heads taller than Reb Berele. A stout woman, she wore a fur coat and a peaked bonnet, and spoke in a loud voice. Yiddish didn't suffice her; she sprinkled her conversation with Hebrew. A notorious sponger in her own right, she was busy collecting money to subsidize an edition of a commentary that her late husband had written.

That was how she had happened to meet Reb Berele. One remark had led to another and finally to the betrothal.

Though Father was surprised that so old a man should be planning to get married, he recognized that such things do happen. Mother was shocked, maintaining that the marriage was wrong for both parties. But no one can interfere in such matters, and Father did want to earn the money for performing the ceremony.

I attended the wedding because I was one of those who carried the four-pronged wedding canopy that was stored near the stove in our apartment. Reb Berele's spacious home was alight with candles and lamps. Reb Berele's face was also aglow as he and his bride took their places under the canopy. But, unlike the groom, the bride didn't seem happy, and kept looking about her as if perplexed by something. She was wearing a new cape and a holiday bonnet. One could read in her face a refusal to suffer and a determination to snatch from life all that it had to offer. Reb Berele was not the proper mate for her; she needed a mightier man. But when one is seventy, one can't afford to be picky. Better Reb Berele than no one.

During the wedding supper, the newly coined Rebbetzin began accusing the maid of mismanaging the household. It was obvious that the two women would not remain long under the same roof. And sure enough, a few days later Reb Berele's housekeeper came to our house to complain to my mother. She had just been discharged. This was only the beginning. The new Rebbetzin was evidently insane with ambition. Why should Reb Berele be the insignificant Rabbi he was, when he came from such important stock? She was determined to correct that situation and circulated stories among the women about the miraculous acts of her saintly husband. Whether she was at the butcher's, or the grocer's, or the dairy store, she sang Reb Berele's praises. But people know how to estimate each other. The women remarked, "This is a loudmouth."

At the same time that she was trying to advance Reb Berele's

ער האָט געקרעכצט און מיט גרויס מי און זייער פּאַמעלעך אָנגעטאָן טלית־און־תפילין. ווייבער זענען געקומען און ער האָט קרעכצנדיק און הוסטנדיק זיי געוואונטשן געזונט, פּרנסה, נחת פון קינדער און וואָס זייער האַרץ טוט נאָר באַגערן. ער האָט פאַרזוכט אַ פּיצל לעקעך אויך און גענומען אַ טרונק בראַנפן. אין איינעם אַ טאָג האָט ער געטאָן אַ זיפץ און אויסגעהויכט די נשמה. חסידים, וואָס געוויינלעך האָבן זיי נישט געהאַלטן פון ר' בערעלע'ן, זענען געקומען צו דער לוויה. פאַרט אַ קלע־מעניצער אייניקל! ס'זענען געקומען רבנים, רביים. מ'האָט געמאַכט אַ הספּד. די נייע רביצין האָט געיאָמערט ביים אָפענעם קבר, אויסגעשפּרייט די הענט, געמאַכט איר אייגענעם הספּד. די צוויי זין, וואָס זענען שוין געווען יידן אין די זעכציקער, האָבן געזאָגט קדיש מיט וויינענדיקע קולות, און מסתמא געזוכט צווישן עולם נגידים, וואָס מען קאָן ביי זיי נעמען אַ פּאָר רובל.

די שבעה זענען די צוויי זין געזעסן צוזאַמען מיט זייער שטיף־מוטער, און עס ווייזט־אויס, אַז זיי האָבן איר געגעבן צו שמעקן פעפער, וויל באַלד נאָך דער שבעה האָט זי איינגעפּאַקט די בעבעכעס און איז אַנט־לאָפן. זי איז געקומען צו אונז זיך קלאָגן אויף די שטיף־זין. איך האָב דאַמאָלס באַנומען, אַז איין תקיף קאָן נישט פאַרטראָגן דעם אַנדערן. די רביצין האָט געוויינט, געשנייצט די נאָז און גע'טענה'ט, אַז זי האָט נישט געדאַרפט חתונה האָבן. זי האָט מיט יענעם, עליו השלום, אָפּגעלעבט איבער פופציק יאָר. וואָס האָט עס איר געטויגט? זי האָט געמיינט, אַז זי וועט האָבן וואו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. אָבער ס'איז נישט געווען באַשערט. איצט וועט זי מער נישט רוען ביז זי וועט נישט אַרויסגעבן איר מאַנ'ס ספר.

די מאַמע האָט זי אויסגעהערט און געשוויגן. די מאַמע איז געווען צו־פיל מבין אויף מענטשן. זי האָט געקוקט אויף איר מיט אַ בליק וואָס האָט געזאָגט: כ'ווייס אַלע דיינע שטיק... אָבער דער טאַטע האָט געהאַט אויף איר רחמנות. זי האָט גערעדט צום טאַטן לומדות, געמאַכט גראָבע גרייזן אין לשון־קודש, זיך באַרימט מיט איר יחוס, געקרעכצט מיט אַ רבנ'יש קרעכצעלע, און זיך געקלאָגט אַז זי ליידט אויף אַרטרעטיזם, די געלענקן ברעכן איר, די לעבער איז איר נישט געזונט, און זי דאַרף פאָרן אין וואַרעם־באָד. זי האָט פאַרלאַנגט דער טאַטע זאָל איר צונויפנעמען געלט. דערוויל האָט זי ביי אונז געטרונקען טיי און צוגעביסן אַ קיכל. זי האָט אָנגעקוקט די מאַמען און געפרעגט:

— ווי אַלט זענט איר, קיין עין הרע?

די מאַמע האָט איר געזאָגט ווי אַלט זי איז.

— איי, ווען א י ד בין אין אייערע יאָרן!...

— וואָס וואָלט איר געטאָן?

— כ'וואָלט איבערגעקערט די וועלט!...

career, she continued collecting money for her first husband's book. After all, what did one thing have to do with the other?

Eventually friction developed between her and her stepsons. The new Rebbetzin took up the fight with her usual vigor. Fed up with the whole mess, Reb Berele retired to his bed with a lung inflammation. He lay there as calm and serene as ever, coughing and smiling. When it was time for him to put on his phylacteries, he would sigh softly and tie them to his arms with characteristic slowness. Women still came to see him, and he continued to pray for their good health and the health of their children, or whatever they wanted. He still liked to nibble on a piece of cake and wash it down with a little brandy.

One day he sighed deeply and gave up his soul. The Hasidim who while he lived had only rarely thought of Reb Berele flocked to his funeral. There were a host of Rabbis at the ceremony. After all, he was the grandson of the Kozhenitz Rabbi. At the open grave, the sobbing Rebbetzin spread out her arms and delivered a eulogy of her own, although one had already been given. The sons of the dead man, now in their sixties, recited the Kaddish and studied the crowd in search of possible benefactors.

The sons observed the period of mourning with their stepmother, but apparently made her life miserable, for she packed up and left the house as soon as she could. Eventually she showed up at our place to complain about her stepsons. That was when I first learned that one bully can't bear another. The weeping Rebbetzin cleared her nose and bewailed her marriage. She had lived fifty years with her first husband, blessed be his memory. What need had she of this second marriage? She had thought she could find somewhere to lay her head, but it had been ordained otherwise. Now she would know no peace until her first husband's book was published.

Mother, a keen judge of people, listened to her in silence, with a look that seemed to say, "I know all your fiendish tricks." Father, however, pitied her. She spoke to him about learned matters, making incredible blunders as she did, boasted about her forebears and complained about her health, demanding that Father take up a collection to send her to a health resort for the cure of arthritis. As she rambled on, she kept on drinking tea and munching cookies. Looking at my mother, she said, "How old are you, may the evil eye spare you?"

Mother told her.

"Ach, if I were only your age again!"

"What would you do?"

"I would move mountains."

# 41

## די אַטלעסענע קאַפּאָטע

די אָרעמקייט אונזערע האָט זיך דער עיקר אויסגעדריקט אין מלבושים. עסן איז אין יענע צייטן געווען וואָלוול. קיין גרויסע עסערס זענען מיר נישט געווען. אויפ'ן ערגסטן פאַל האָט די מאַמע אָפּגעקאָכט אַן אָנגעברענטע גריין פון קאַרטאָפל, אַביסל צו־געברוינט מעל, און ריישעכץ פון געפּרעגלטע ציבעלעס. אייער האָט מען ביי אונז געגעסן בלויז פּסח. אַ פונט פלייש האָט געקאָסט אין וואַרשע צוואַנציק קאָפּיקעס, אָבער פון איין פונט פלייש קאָן מען האָבן אַ סך יויך. מעל אויף קליסקעלעך אָדער פאַרפל, ברוינע קאַשע, אַרבעס און נאָך אַזוינע מאכלים זענען געווען בזיל הזול.

אָבער מלבושים קאָסטן געלט.

די מאַמע האָט געקאָנט גיין אין אַ קלייד יאָרן און ס'זאָל אויסזען ווי ניי. אַ פּאָר שיך האָט די מאַמע געטראָגן דריי יאָר. דעם טאַטנ'ס אַטלע־סענע קאַפּאָטע איז געווען צעטעפּעט, אָבער אין חסידים־שטיבל, וואו ער האָט געדאַוונט, זענען אַ סך שיינע יידן אַרומגעגאַנגען אין צעריסענע אַטלעסענע קאַפּאָטעס און אין אויסגעקראָכענע שטריימלען. אָבער שלעכט איז געווען מיט די קינדער. איך פלעג יעדע דריי חדשים צערייסן אַ פּאָר שטיוועלעך. די מאַמע פלעגט רעדן אַז ביי לייטן קינדער זענען שוינערס און איך מאַך פון אַלץ אַ תל.

## THE SATIN COAT

It was our clothes that made our poverty apparent. Food was cheap, nor were we big eaters. Mother prepared a soup made with potatoes, browned flour, and fried onions. Only on Passover did we eat eggs. True, a pound of meat at that time in Warsaw cost twenty kopecks, but it produced a lot of broth. Flour, buckwheat, chickpeas, beans were not expensive.

But clothes were dear.

My mother would wear a dress for years and take such good care of it that it still looked new. A pair of shoes lasted her three years. Father's satin capote was somewhat frayed, but so were the capotes and skullcaps of most of the congregation at the Hasidic study house where he prayed. It was worse for us children. My boots wore out every three months. Mother complained that other children were careful but I messed up everything.

אין ראַדזימינער שטיבל פֿלעגן קומען שבת ייִנגלער וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין זייַדענע אָדער אַטלעסענע קאַפּאָטקעלעך, אין סאַמעטענע היטלען, גלאַנציקע שטיוועלער. די לענדן זענען געווען אַרומגעגאַרטלט מיט גאַרטעלער. זיי האָבן אויסגעזען סײַ חסיד'יש, סײַ גביר'יש. איך האָב געטראָגן אַן אָפּגעכוימלט סאַקל, וואָס איך בין דערפֿון אויסגעוואַקסן. פֿון צייַט צו צייַט האָב איך עפּעס באַנייט, אָבער ס'איז אַזוי אויסגעקומען, אַז ווען איין מלבוש איז געווען פֿינקל נייַ, איז דאָס אַנדערע געווען צעריסן און צעפּיצלט.

אָבער מיט אַמאָל האָט זיך געמאַכט בייַ אונדז אַ גוטער ערב יום־טוב.

פֿאַר פּסח איז אַלעמאָל געווען בייַ אונדז אַ גוטע צייַט. ייִדן זענען געקומען פֿאַרשרייַבן חמץ. דער טאַטע האָט געמאַכט אַ שטר מכירה און פֿאַרקויפֿט דעם סטרוזש פֿון אונדזער הויף דאָס גאַנצע חמץ פֿון קראַכמאַלנע גאַס, אַלע לאָקשנברעטער, אַלע וואַלגער־העלצער, אַלע זעק מעל. איך פֿלעג מיך אָפּט צוהערן צו די ייִדן וואָס פֿאַרשרייַבן חמץ און פֿון זייערע רייד אייַנגעזען דעם חילוק צווישן זייער הויזגעזינד און אונדזערן. בייַ אונדז איז גאָרנישט געווען וואָס צו פֿאַרשרייַבן אַחוץ אַ פּאָר חמצ'דיקע כּלים. אָבער טייל ייִדן האָבן פֿאַרשריבן בראַנפֿן, אַרק, ווישניק, אייַנגעמאַכטס. דאָ און דאָרט האָט אַ ייִד פֿאַרשריבן אין חמץ אַ שטאַל מיט פֿערד, כאָטש איין גאָט ווייסט אַז פֿערד זענען נישט חמצ'דיק. נישט מער, פֿערד עסן האָבער. איינער אַ ייִד האָט אַמאָל בייַ אונדז פֿאַרשריבן אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן: לייבן, בערן, שלאַנגען און ווער ווייסט וואָס נאָך. זייַן זון איז אַרומגעפֿאָרן מיט אַ צירק און דער טאַטע האָט פֿאַרשריבן די ווילדע חיות אין חמץ...

וואָס אַזוינס איז געשען יענעם פֿאַר פּסח? ערשטנס, האָבן מיר פּורים באַקומען אַ סך שלח מנות. דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿון גאָס איינער אַ ייִד, אַ מגיד, וואָס האָט יאָרן לאַנג געהאַט אַ חזקה צו פֿאַרשרייַבן חמץ און זייַנע „קליענטן" זענען אַריבער צו אונדז. אָבער דער עיקר נס איז באַשטאַנען דערין וואָס אַ שנייַדער פֿון לעאָנטשין, יהונתן, האָט זיך אַריבערגעצויגן קיין וואַרשע. יהונתן איז געווען אַ הויכער, אַ שמאָלער, מיט אַ געשטופּלט פּנים, אַ שמאָל בערדל און מיט אַ פּאָר שייַנענדיקע אויגן. יהונתן איז געווען אַ שנייַדער וואָס האָט געטראָגן שבת אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע. ער האָט געשמעקט טאַבאַק פֿון אַ פּושקע, געפֿאָרן צום ראַדזימינער רבי'ן און איז טאַקע געווען אַ בן־תורה אויך. ער האָט זיך אויסגעלערנט אין די שפּעטערע יאָרן לערנען אַ בלאַט גמרא. יהונתן איז געקומען צום טאַטן, גערעדט מיט אים אין לערנען און פֿאַרגעשלאָגן מיר אויסצוקליידן אויף באָרג. ער וועט אַרייַנלייגן דאָס געלט אויף סחורה און שפּעטער, אַז מיר'ן האָבן, וועט מען אים באַצאָלן.

אַזוי בין איך געוואָרן אויפֿגעריכט. יהונתן שנייַדער איז געקומען און מיר גענומען אַ מאָס. ער האָט מיך געמאָסטן און געשמייכלט מיט אַ נחת'דיקן שמייכל. יהונתן איז געווען אויף מייַן ברית. ער האָט פֿאַרשריבן די נומערן מיט קרייַד אויף אַ שטיקל געצייַג און גע'טענה'ט:

— אײַ, רביצין, ווי די יאָרן לויפֿן!

יהונתן האָט, אַפּנים, נישט געהאַט קיין אַנדערע אַרבעט אין דער פֿרעמדער שטאָט, און ער האָט זיך גענומען צו דער מלאכה מיט ברען. היינט האָט ער גענומען אַ מאָס און איבערמאָרגן בין איך שוין געקומען פּאַסן. דערבייַ האָט ער מיך פֿאַרהערט אין לערנען און געהאַט גרויס פֿאַרגעניגן וואָס ער האָט געקאָנט אַרייַנמישן אַ פּאָר ווערטער לשון קודש און רעדן ווי אַ למדן. די ליבשאַפֿט צו תורה און צו ייִדישקייט איז געווען בייַ דעם דאָזיקן שנייַדער גרויס. ער האָט אַנגעקוואָלן פֿון יעדן ייִדישן וואָרט. ווען יהונתן האָט חתונה געהאַט, האָט ער גאָרנישט געקאָנט אַחוץ דאַווענען און אַ פּרשה חומש. אָבער ער האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבן אַרבעטן אויף זיך, לייענען תנ"ך אויף עברי־טייַטש, לערנען משניות בייַ אַ רבי'ן, פֿרעגן בייַ בחורים. אין לעאָנטשין האָט מען געלאַכט אין די פּויסטן אויס דעם שנייַדער וואָס האָט זיך פֿאַרלייגט צו ווערן אַ למדן. אָבער יהונתן האָט באַוויזן, אַז מ'קאָן זיך אַלץ אויסלערנען. מייַן פֿאָטער האָט געהאַט אַ היפּשן חלק דערין וואָס יהונתן איז געוואָרן אַ בן־תורה און אַ חסיד, און ער האָט אים געוואָלט אָפּדאַנקען.

יהונתנ'ס שטוב איז געווען פֿול מיט מיידלעך, פֿול מיט רויש און פֿול מיט ריחות פֿון געקעכטסער. די מיידן האָבן מיר אַלע געקאָנט פֿון דער צייַט ווען איך בין געווען אַ קינד. איצט האָט מען מיר אָנגעטאָן אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע אַן אַרבל און אַן אַ הינטערשלאַג. די מאַמע און די טעכטער האָבן זיך אַרייַנגעמישט. איינע האָט געזאָגט ס'איז צו לאַנג, די אַנדערע — ס'איז צו־קורץ. מייַן מוטער האָט געהאַט אָוועקגענומען די האַנט פֿון האַרץ און מיר באַשטעלט בייַ מיכאל שוסטער אַ פּאָר נייַע שטיוועלעך, אָדער אַן אונטערגעניי. איך האָב געזאָלט קומען פּסח אין שטיבל אַרייַן אינגאַנצן אַ באַנייַטער.

איך האָב ביז דעמאָלס נישט געהאַט קיין תאווה צו מלבושים, אָבער אַ תאווה איז לייַכט אָנצוצינדן. פֿון טאָג צו טאָג בין איך אַלץ מער געוואָרן אַרייַנגעטאָן אין די אַלע זאַכן וואָס מ'האָט מיר געמאַכט אויף יום־טוב.

At the nearby Radzymin study house, on the Sabbath, boys wore satin or silk gabardines, velvet hats, polished boots, and sashes. I went about in a gabardine that was too small for me. Now and again I did get a new piece of clothing, but not until what I had was nothing but rags.

But there was one time just before Passover when suddenly we struck it rich.

This was a good period of the year for us, for Father always sold to a Gentile—our janitor, to be exact—people's hametz, that is, all those items such as unleavened bread, flour, kneading boards, and rolling pins which are not permitted in a Jewish household during Passover. There was a certain element of the spurious in this transaction because immediately after Passover all this property reverted to its original owners.

From listening to those who came to sell their hametz, I learned how little we had in comparison to them. They had to dispose of whisky, ark, cherry brandy, preserves; we, nothing but a few pots and pans. Occasionally someone listed a stable with horses, although I am uncertain how a horse can possibly be considered a hametz. But, then, horses do eat oats. There was one man whose son was traveling with a circus and who felt it necessary to declare as hametz the entire menagerie.

Why was this particular Passover a lucky one for us? To begin with, we had received a host of fine gifts on Purim, which precedes Passover by only four weeks. But best of all, Jonathan, a tailor from Leoncin, where my father had once been Rabbi, had moved to Warsaw. Jonathan, a tall, slender man with a pockmarked face, a spare beard, and brilliant eyes, dressed like a Hasid, not like a tailor. On the Sabbath he wore a satin capote; he took snuff, went to visit the Radzymin Rabbi on holidays, and was, in fact, a learned man. Now that he was in Warsaw he visited my father to discuss erudite matters. Seeing me, Jonathan offered to clothe me on credit. We could pay for the material at our convenience.

What a stroke of luck! As he measured me, he beamed proudly, treating me as though I were a member of his family. He had, as a matter of fact, been present at my circumcision. Noting my various measurements in chalk, he remarked to my mother, "Oh, Rebbetzin, how the years do fly."

Jonathan apparently had no other work at the moment, for almost immediately after taking my measurements he had me down to his house for a fitting, testing me on my Hebrew at the same time, and appreciating the opportunity to use a few Hebrew phrases of his own and discourse in a scholarly way. Although he was only a tailor, he had a great love for Judaism and savored every Hebrew word. At the time of his marriage he was familiar only with the required prayers, but later he studied the Scriptures in Yiddish, learned the Mishnah with a teacher, and made inquiries among students. Ridiculed in Leoncin for his aspirations, he proved despite this that it was never too late to learn. Father had helped Jonathan transform himself into a scholar, and the tailor was eager to show his gratitude.

His house was alive with girls, noise, and the odors of cooking food. The girls, who had known me since early childhood and now saw me being outfitted like a man for a satin capote, could not keep from making observations. With their mother, they argued about whether the capote was the right length. My mother, in a lavish gesture, had also ordered new boots for me from Michael the cobbler. I was to look completely done over when I entered the study house on Passover.

Although I had no great passion for clothes at that time, I soon acquired one, becoming more intrigued with each new addition to my wardrobe. New shirts were being sewn for me by a seamstress, and my new velvet hat already lay in a box in the closet. I had visions of entering the study house triumphantly on Passover Eve, and amazing all the boys there. Previously, my clothes had made me feel inferior to them, even

א נייטאָרין האָט גענייט פאַר מיר העמדער. איך האָב שוין געהאַט ליגן אין א פאַפּירן שאַכטל א נײַ סאַמעטן היטל. איך האָב מיר פאַרגעשטעלט מײַן נצחון און די שטוינונג פון די אַנדערע ייִנגלעך בעת איך קום אַרײַן פּסח בײַנאַכט באַנײַט פון קאָפּ ביז די פיס. וואָרים לערנען האָב איך געקאַנט בעסער פון זיי. איך ווייס אויך וואָס ס׳איז א ציוניסט, וואָס ס׳איז א סאָציאַליסט, אַז לופט האָט א וואָג און אַז קוילן זענען פאַרשטיינערטע ביימער. איך האָב דאָס אַלץ געהערט פון מײַן ברודער און אויך געלייענט אין א לוח, וואו ס׳זענען פאַרשריבן אַלערליי וועלט־זאַכן. איך בין מער קענער פון די אַלע ייִנגלעך. בלויז מיט זייערע מלבושים קאָנען זיי זיך גרויסן איבער מיר. איצט וועל איך זיי דערמיט אויך איבעריאָגן. ווײַל נישט אַלע וועלן האָבן נײַע מלבושים. די מערסטע שנײַדערס זאָגן צו אַז זיי וועלן אויספאַרטיקן אַלץ אויף פּסח, אָבער זיי האַלטן נישט קיין וואָרט. נישט יעדער איינער האָט א יהונתן שנײַדער.

אַט אַזוי האָט מיר באַהערשט די אייטלקייט, די פּוסטע גאווה. דערבײַ האָב איך אָבער געהאַט א מאָדנע געפיל: אַז עפּעס א מכשול וועט געשען. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳וועט נישט אַרויסקומען אַזוי גלאַטיק ווי איך זע דאָס אין מײַן פאַנטאַזיע. אָבער וואָס קאָן געשען? וואָס האָב איך אַזוי מורא? יאָ, געשען קאָנען אַלערליי זאַכן. בײַם פּרעסן קאָן אַמאָל יהונתן פאַרברענען די סחורה. גנבים קאָנען אַרײַן און אים באַ׳גנב׳ענען. איך האָב געוואוסט פון „שבט מוסר" און אויך פון מײַנע אייגענע איבערלעבענישן, אַז די עולם־הזה איז פול מיט נעצן און שטרויכלונגען. איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי צו די גליקן פון ד ע ר וועלט.

דערווײַל איז אַלץ געגאַנגען כשורה. מיכאל שוסטער האָט געהאַלטן וואָרט און מיר אָפּגעבראַכט א פּאָר שטיוועלער וואָס האָבן געגלאַנצט ווי לאַקיר. די אַטלעסענע קאַפּאָטע האָט שוין געהאַנגען אין שראַנק. א פּאָר טאָג פאַר פּסח איז געוואָרן בײַ אונז א מחיה. ייִדן האָבן געהאַלטן אין איין קומען פאַרקויפן חמץ. מײַן פאָטער האָט זיך נישט געקאָנט אַליין קיין עצה טאָן און מײַן ברודער האָט אים געהאָלפן. איך אַליין בין געשטאַנען הינטער׳ן טאַטנ׳ס שטול און זיך געלערנט די תורה פון פאַרשרײַבן חמץ. ס׳איז נישט אַזוי שווער. מ׳גיט דעם ייִד א פּאַטשיילע מקבל קנין צו זײַן, אַז ער פאַרקויפט דאָס חמץ דעם גוי. דאַן הייבט מען אָן דאָס שרײַבעכץ מיט די ווערטער: „החמץ של ר׳ אַזוי און אַזוי", און מען רעכנט אויס אַלע זײַנע חמצ׳דיקע זאַכן, און געפעסן, אַביסל אויף לשון־קודש און אַביסל אויף ייִדיש. איך בין געווען זיכער אַז ווען מען לאָזט מיך צו צום טיש, וואָלט איך פאַרשריבן חמץ...

די ייִדן רעדן, חכמה׳נען זיך, דערמאָנען זיך אַמאָליקע פּסח׳ס. איין ייִד איז טויב. מען פרעגט אים: שפּירט האָט איר? און ער ענטפערט: יאָ, אַביסל ווייצן־מעל. מען שרײַט אים אין אויער אַרײַן: שפּירט, בראָנפן!

— שפּירט! — טוט זיך דער ייִד א כאַפּ. — וואָס זשע האָט איר באַלד נישט געזאָגט?... אַוודאי האָב איך... א ייִדענע אַן אַלמנה קומט אויך פאַרשרײַבן חמץ. זי קאָן זיך נישט חתמ׳נען און דער טאַטע הייסט איר אָנרירן די פען. אָבער אפילו דאָס קאָן זי אויך נישט. זי ווייסט נישט וואָס אָנצורירן. דער טאַטע זאָגט: נעמט אָן בײַם האַלטער! אָבער זי ווייסט נישט וואָס ס׳איז א האַלטער. בײַ זיך אין מאַרק איז די ייִדענע א גאַנצע טויגעריין. אָבער דאָ, אין בית־דין־שטוב, צווישן די אַלע מאַנסלײַט, שטייט זי א פאַרלוירענע. די מאַמע קומט אַרײַן און גיט איר צו פאַרשטיין וואָס זי דאַרף טאָן. זי זאָגט: רביצין, איר זאָלט נאָר זײַן געזונט. אַז איר רעדט, פאַרשטיי יאָך!...

און זי רירט אָן די פען.

דאַן נעמט זי אַרויס פון א טיכל אַביסל קליינגעלט און ציילט אויס עטלעכע זעקסערס.

— האָט א כשר׳ן פּסח! — ווינטשט איר דער טאַטע...

— דערלעבצט איבער א יאָר!...

און מיט אַמאָל טוט זיך א גאָס א שטראָם טרערן פון אירע אויגן. דאָס פּנים, וואָס איז צעגעסן פון זון, רעגן, ווינט, שטויב, ווערט ווי פאַרוואַשן מיט טרערן. אַלע ווערן שטיל. ווען זי גייט אַרויס, זאָגט דער טאַטע:

— מ׳ווייסט דען ווער ס׳איז אָנגעלייגט בײַם אויבערשטן? אַזאַ ייִדענע קאָן זײַן א גרויסע צדיקת...

ווען די מאַמע איז אַרײַנגעקומען צווישן דעם עולם, האָט זי אויסגעזען צעהיצט, צעקאָדלט און דאָס פּנים איר׳ס איז געווען אַביסל אײַנגעשמירט. זי האָט געהאַלטן אין מיטן גליען די קיך מיט קוילן און מיט זאַמד. אין שלאָף־שטוב האָבן שוין די פּראָסטע מצות געהאַנגען אין א ליילעך אויפ׳ן סופיט. די צוויי טעפּ שמורה — פאַר׳ן טאַטן און פאַר דער מאַמע׳ן — האָט מען ערגעץ באַהאַלטן. יאָ, מײַן מאַמע האָט געגעסן שמורה ווי ס׳פּאַסט פאַר א רבנ׳ישער טאָכטער, וואָס איז אַליין א שטיק למדנ׳טע.

אַלץ גייט צו ווי אַלעמאָל. בײַנאַכט איז דער טאַטע בודק חמץ. אינדערפרי עסט מען חמץ בלויז ביז ניין אַזייגער. דערנאָך הייבט זיך אָן א טאָג ווען מען טאָר נישט עסן קיין חמץ און נישט קיין מצה. די מאַמע מאַכט אונז קינדער א כרעמזל פון צעריבענע קאַרטאָפל מיט אייער און שמאַלץ, געפּרעגלט אויף פּסח׳דיקע גריוון, באַשאָטן מיט צוקער, און דער טעם פון דעם דאָזיקן כרעמזל קאָן מען נישט איבערגעבן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך וואָלט געקאָנט אויפעסן טויזנט אַזוינע כרעמזלעך...

though I was more informed than they, knew about Zionism, socialism, the weight of air, and the origin of coal—having learned it all from my brother and an almanac. But now they would see that I could also have a new outfit for the holiday. Most tailors did not keep their word about having things ready for a holiday, but Jonathan was different.

All the same, I felt a premonition of disaster, for how could things go as smoothly as the way I dreamed them? But, on the other hand, what could go wrong, and why was I so apprehensive? Yes, of course, Jonathan might burn the cloth while pressing it, or it could even be stolen. From *The Rod of Punishment*, as well as from my own experience, I knew that the material world was full of snares. I had become too enamored of its pleasures.

Even so, things kept going smoothly. True to his promise, Michael the cobbler delivered a pair of boots that gleamed as though lacquered. The satin capote hung already in our closet. Shortly before Passover, people began coming to our house to sell their hametz, and standing behind Father's chair, I watched the ceremony, which wasn't terribly complicated. The person selling the articles was told to touch the tip of a handkerchief, signifying that he agreed to sell his things to a Gentile. The bill of sale was begun, as follows: "The hametz of Reb so-and-so . . ." and in a mixture of Yiddish and Hebrew all the items were listed. I was sure I could do the job myself, if I had the chance.

The men would chat, sign, and talk about other Passovers. My father asked a deaf man if he had any alcohol to declare.

"Yes. A little wheat flour."

The others shouted into his ear, "Alcohol! Brandy!"

"Oh. Why didn't you say so? Of course I have alcohol."

A widow who came to sell her hametz didn't know how to sign her name, and Father told her to touch the pen, but she couldn't understand what he meant. Father repeated, "Just the shank of the pen, for a second."

She didn't know what the shank of the pen was. Efficient though she was in her stall at the market place, she was bewildered by Father's study and all the men there. Mother, entering, explained what had to be done, and the woman was greatly relieved, and said, "Rebbetzin, I have no trouble understanding *you* . . ."

And she touched the pen.

Then, unknotting a kerchief, she counted out several copper coins. "Have a good Passover," she said to Father.

"May you live to see the next," he replied.

Suddenly, over her wind- and sun-ravaged face, the tears gushed, and everyone grew silent. After she had left, Father said, "Who knows who is best-loved by God? She may be a saint . . ."

Mother reentered the study looking flushed and grimy, as she had come from stoking the stove to remove all traces of hametz. In the bedroom, the ordinary matzoth was suspended in sheets from the ceiling. The two portions of matzoth baked with extra care, and to be eaten only by the most devout, had been put aside for Father and Mother. Mother, a Rabbi's daughter, was granted this privilege usually reserved for men. Everything went according to ritual. The night preceding Passover, Father searched the house in the traditional manner for hametz to be burned the next day. One was allowed to eat hametz until nine the next morning—and after that until sundown, neither hametz nor matzoth. From mashed potatoes, eggs, and sugar, Mother prepared for us children a pancake that was indescribably delicious.

At sunset Passover began. Nothing so far had gone wrong. I washed, put on a new shirt, new trousers, new boots, new velvet hat, and the satin capote that glistened festively. I had become a boy from a wealthy family, and I walked downstairs with my father. Neighbors, opening doors to look at me, spat to ward off the evil eye, and girls who sat on thresholds grating the traditional bitter herb, horse-radish, laughed and wept as I went by.

פיש? ווי קאן ער שטיין אין יאנאש'ס הויף מיט א חברה פראסטאקעס, גרוביאנעס און פארקויפן א יידענע א העכט אדער א שלייען? ס'איז נישט פאר אים.

דער סך־הכל איז, אז ער איז געבליבן אן א בני־בית און אז מ'האט נישט קיין בני־בית, האט מען נישט קיין פרנסה. איינס שלעפט נאך דאס אנדערע.

ר' יחזקאל איז נישט געווען דער איינציקער. עס האבן זיך געדרייט ביי אונז נאך אנדערע פארלאזענע מענטשן, יעדער מיט זיין אמת'ער אדער אויסגעדוכטער טראגעדיע.

אן אפטער אריינגייער איז געווען ביי אונז מאטעס. אט דעם מאטעס'ן האב איך נאך געדענקט פון לעאנטשין, פון דעם שטעטל ביי דער ווייסל וואו איך בין געבוירן געווארן. ער איז דארט געווען אן איידעם ביי הירשל שווייגער. ער פלעגט אויך קומען קיין ראדזימין צום רבי'ן. מאטעס איז געווען א קליינוואוקסיקער, ברייט־ביייניק, מיט גרויסע הענט און פיס, מיט לאנגע פאות און מיט א פנים וואס ס'איז דערויף געלעגן א סך גוטמוטיקייט און א סך בטלנות. ווי מיין טאטע, האט מאטעס זיך פון קינדווייז אן אפגעגעבן מיט יידישקייט. ער האט נאר גערעדט פון רביים, צדיקים. דער שווער זיינער, הירשל שווייגער, האט אים געוואלט מאכן פאר א סוחר. אבער מאטעס האט נישט געטויגט צו מסחר. ער האט אויך נישט געהאט קיין צייט דערצו, ווייל ער האט געדאווענט שחרית דריי שעה אויפ'ן זייגער. נגנעסן האט ער ברויט מיט ציבעלע, און באלד דערנאך זיך געזעצט לערנען. מאטעס האט פשוט נישט פארשטאנען ווי אזוי מ'קאן זיך אפגעבן מיט עפעס אנדערש ווי יידישקייט. ס'איז דא אזויפיל צו לערנען! ס'זענען דא אזויפיל תפילות, אזויפיל חסיד'ישע ספרים, אזויפיל מדרגות צו דערגרייכן! אזויפיל שדים, רוחות און לאפיטוטן ווילן דעם מענטש אראפשלעפן אין שאול תחתיה און מען מוז קעגן זיי פירן מלחמה. היינט ווי אזוי קאן מען זיך אפגעבן מיט א געוועלב, בהמות, מילִביקס, און נאך אזעלכע וואכעדיקע זאכן?

הירשל שווייגער האט געוואלט א גט, אבער די טאכטער זיינע, לאה, האט זיך נישט געוואלט גט'ן. זי האט, דוכט זיך, שוין געהאט א פאר קינדערלעך אויך. לאה איז געזעסן ביים טאטן אין לעאנטשין און מאטעס האט זיך געוואלגערט אין ווארשע.

מיט אמאל איז מאטעס געווארן אן אומאנער חסיד.

ער האט אזוי לאנג געזוכט דעם אמת'ן צדיק, ביז ער האט געפונען דאס אומאנער חסידות. ס'זענען געווען א סך רביים, אבער ר' נחמן איז געווען דער גרעסטער. ס'זענען דא א סך חסיד'ישע ספרים, אבער זיי קאנען זיך נישט פארגלייכן צום ליקוטי מוהר"ן, צום ליקוטי תפילות, צום ליקוטי הלכות. און צו ר' נחמנ'ס מעשיות, וואס יעדע פון זיי איז פול מיט רזין דרזין. מאטעס האט זיך מיט לייב־און־לעבן אריינגעווארפן אין דעם אומאנער חסידות. ער איז אריינגעקומען צו אונז און אז א ווארט זיך אוועקגעשטעלט טאנצן און פאטשן מיט די הענט. דערביי האט ער געקנאקט מיט די פינגער און גערופן ר' נחמנ'ס ווערטער:

— קיין יאוש איז גארנישט פאראן!...

— מיין פייערל וועט טליען ביז משיח וועט קומען!

מאטעס האט געהאט איין פארלאנג: אוועקפארן קיין אומאן און דארט אפזיצן די יארן אין דער קלויז, וואס מען האט אויסגעבויט אויפ'ן רבי'נס קבר. אמת, מאטעס איז געווען א כוהן, און א כוהן טאר נישט גיין אויף א בית־עולם, אבער ס'שטייט דאך: קברי צדיקים אינן מטמאים, די קברים פון צדיקים זענען נישט מטמא. אבער צו קומען קיין אומאן, דארף מען אויף הוצאות. אויך האט מאטעס געוואלט מיטנעמען זיין ווייב לאה און די קינדערלעך, זיי זאלן אויך זיין נאענט צום רבי'נס קבר. אבער הירשל שווייגער האט נישט געוואלט, אז זיין טאכטער און די אייניקלעך זאלן פארוואגלט ווערן ערגעץ קיין רוסלאנד. און פון וואנען וועלן זיי דארט לעבן? דערפון וואס מאטעס וועט טאנצן אויפ'ן רבי'נס קבר?

ר' יחזקאל און מאטעס זענען ביידע געווען בטלנים. אבער זיי האבן זיך איינער דעם אנדערן נישט פארשטאנען. מאטעס האט געטאנצט, געהויבן די אויגן צום הימל, געשריגן אז די וועלט איז פול מיט שמחה, געפאטשט מיט די הענט, און יחזקאל האט געקראצט די באָרד און געפרעגט:

— פון וואנען נעמט זיך האגל? ווי באלד זומער איזווארעם, ווי אזוי קאן דער רעגן ווערן געפרוירן?

— אין דער הויך איז קאלט — האט מיין מאמע געזאגט.

— אויב ס'איז קאלט — פארוואס ווערט נישט קיין שניי?... און פארוואס האגלט נישט ווינטער? עפעס א שכל מוז דאך זיין דערביי.

— שכל שמיכל, אלץ איז פון הימל! — האט מאטעס זיך אנגערופן מיט א שטומפיק לשון. — אויף אלץ זענען דא שרים, ממונים. יעדעס גרעזל האט א מלאך וואס שלאגט עס און הייסט עס וואקסן.

— יא, אבער פארט, ס'מוז דאך זיין עפעס א געדאנק...

מאטעס האט געקראגן אויף הוצאות און איז אוועקגעפארן קיין אומאן, נישט אויף צו בלייבן, נאר דערווייל זיך אומצוקוקן. ער האט זיך אפגעזוימט לאנגע חדשים. ער איז צוריקגעקומען אן אפגעריסענער, אן אפגעשליסענער, מיט אויסגעדרייטע שטיוול און מיט איינגעפאלענע באקן. אבער די אויגן האבן געלויכטן. ער איז נישט אריינגעקומען צו אונז, נאר אריינגעטאנצט. דער טאטע האט אים געפרעגט ווי ס'איז אים צוגעגאנגען אין אומאן, און מאטעס האט גערעדט און געזונגען און געטאנצט.

— ס'גן־עדן, ס'גן־עדן!...

ער איז יעדעס מאל פונסניי אריינגעפאלן אין התלהבות, אבער מ'האט פון אים ווי ס'איז ארויסגעקראגן די פאקטן: דעם רבי'נס קלויז שטייט אויף ר' נחמנ'ס קבר. מ'שפירט באשיינפערלעך ר' נחמנ'ס נשמה. זי שוועבט אין אלע ווינקעלער. זי לייכט אין יעדן ליכטל. מ'זיצט דארט, מען דאוונט, מען לערנט דעם רבי'נס ספרים, מ'זינגט, מען טאנצט און אזוי גייען אדורך די טעג, די וואכן, די חדשים. אזוי ווי מ'קומט אריין אין דער קלויז, קריגט מען ליב יעדן ייד, יעדעס יינגל, יעדעס קינד. מען איז גרייט יעדן אויסצוקושן יעדעס אבר. אז עס איז דא צו עסן, עסט מען, און אז ס'איז נישטא — פאסט מען. שלאפן שלאפט מען טאקע אין דער קלויז, איבער'ן רבי'נס קבר.

— און מ'האט נישט קא' מורא? — האב איך געפרעגט.

— מורא פאר'ן רבי'ן? שוטה! די רשעים זענען ביים לעבן טויטע, און די צדיקים זענען נאכ'ן טויט לעבעדיקע. דער רבי לעבט! ער לעבט! ער דרייט זיך ממש ארום אין קלויז. ער רעדט צו אונז, ער זאגט תורה... איין טאג אין אומאן איז מער ווערט פון אלע תענוגים פון דער־וועלט!... ווען מ'גיט מיר ראטשילד'ס פארמעגן, כ'זאל נישט פארן צום רבי'ן, וואלט איך מיך אויסגעלאכט. טיפש!

מאטעס איז געקומען נאך דער משפחה, אבער הירשל שווייגער איז געקומען פארלאנגען פאר דער טאכטער א גט. לאה איז אויך מיטגעקומען. זי האט געוויינט, געוויינט. ס'האט געשמעקט פון איר מיט דארף און פריש־געמאלקענער מילך. זי האט יעדעס מאל געפרעגט די אייגענע קשיא:

— פארוואס קאנען מיר נישט לעבן ווי אלע פארפעלקער?

און זי האט זיך באגאסן מיט טרערן.

איך געדענק נישט גענוי די איינצלהייטן. דוכט זיך מיר אז מאטעס האט סוף־כל־סוף אפ'גע'גט לאה'ן. צוליב עפעס א סיבה איז ער געבליבן שטעקן אין פוילן. ער האט זיך ערשט געלאזט קיין אומאן נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע. ער האט זיך דורכגעריסן דורך גרענעצן, ארמייען, באנדעס, פאגראמען און איז אוועק קיין אומאן. וואס דארט האט פאסירט ווייס איך נישט. איך האב געהערט אז די באלשעוויקעס האבן א צייט נישט געטשעפעט די קלויז אויפ'ן אומאנער בית־עולם. אבער שפעטער האבן זיי אלץ חרוב געמאכט. מאטעס האט מסתמא פארענדיקט ערגעץ אין א קאנצענטראציע־לאגער, אדער אין א באלשעוויסטישער טורמע.

אבער לאמיך נישט פארלויפן די צייט.

יחזקאל און מאטעס זענען נישט געווען די איינציקע בטלנים וואס זענען צו אונז געקומען. דער טאטע האט צוגעצויגן די דאזיקע יידן ווי א ליכט ציט־צו זומער ביינאכט — באבעלעך.

א קליינער יונגערמאן, א ברייטלעכער, מיט א געל בערדעלע, איז געקומען צו אונז פון עפעס א שטעטל אין פוילן. ער האט דארט געהאט א ווייב, א שווער, אפשר א קינד אויך, אבער ער האט אלץ איבערגעלאזט. געקומען איז ער צופוס. ער האט געטראגן מיט זיך א טלית־ותפילין און אין טלית־זאק איז געלעגן א ספר וועגן ייד הקדוש, „נפלאות היהודי". ווי אויסטערליש, נאר דער יונגערמאן איז געקומען קיין ווארשע לערנען קבלה. אין דעם שטעטלע, האט ער געזאגט, לאזט מען אים נישט צורו. אין ווארשע האט ער זיך נאכגעפרעגט אויף א רבי'ן און אזוי לאנג געזוכט, ביז מ'האט אים נאראיעט דעם טאטן. אומזיסט האט דער טאטע זיך געבעטן ביי דעם יונגנמאן, אז ער איז נישט קיין מקובל. ער קאן אליין נישט קיין קבלה, — היינט ווי אזוי זאל ער לערנען אנדערע? דער יונגערמאן האט געהאלטן אז ס'איז עניוות פון טאטנ'ס זייט. ער האלט זיך קליין, — דעריבער זאגט ער אזוי. דער טאטע האט אים געגעבן א פאר ספרים — עמוד העבודה, שפע טל, שערי אורה — און דער יונגערמאן איז געזעסן ביי אונז און געטאן אין קבלה. גענעכטיקט האט ער ביי אונז אין בית־דין־שטוב. אינדערפרי האט ער ביי אונז געגעסן אנבייסן, אין אוונט איז ער געקומען אויף נאכטמאל. די מאמע האט גע'טענה'ט, אז זי האט נישט צו געבן קיין קעסט אט־דעם יונגנמאן, אירע אייגענע קינדער האבן נישט גענוג, נאר מיין פאטער האט געענטפערט:

— כ'קאן נישט ארויסווארפן קא' ייד!

ס'זאל נישט הייסן אז דער יונגערמאן עסט ביי אונז אומזיסט, האט דער טאטע אים פארגעשלאגן ער זאל לערנען מיט מיר א שיעור. ער האט זיך פארקייטלט מיט מיר אין שלאף־שטוב און מיט מיר געלערנט די גמרא סוכה. אין מיטן לערנען האט ער צו מיר א זאג געטאן:

— וואס מ'זיין אונזער תכלית, הא?

— וואס'ער תכלית?

— ווי לאנג וועלן מיר דא אזוי זיצן?

— וואס זאלן מיר טאן?

— לאמיר אוועק.

— וואוהין אוועק?

— וואו די אויגן וועלן טראגן.

— וואו וועלן מיר נעמען עסן?

— מאן דיהיב חיי, יהיב מזוני (ווער ס'גיט לעבן, גיט אויך שפייז).

דער דאזיקער יונגערמאן האט געבענקט נאך פארצייטנס, ווען יונגעלייט פלעגן אוועקגיין צו א רבי'ן, ווייסן אין יידישקייט, פארגעסן די וועלט. ער האט מיך אנגערעדט מיר זאלן צוזאמען ווערן צדיקים. ס'זענען נאך דא הייליקע יידן, — אויב נישט אין פוילן, איז אין ארץ־ישראל. אין ירושלים, אין צפת זענען נאך דא מקובלים. מיר'ן זיך באזעצן ערגעץ אין א הייל.

בטלנים

# 42. Dreamers

"How does a livelihood start? With a family, a wife and children. Why doesn't a bachelor earn enough? He doesn't have a family. Even if he works, he scarcely earns enough to support himself. Rich men have wives and children. Without a wife, a man is half a person. I don't know how many times I've wanted to go into business, but when I get up and look around the house, it's as if my hands were paralyzed. . . ."

Reb Ezekiel, a short, stocky man with a partly gray beard, was speaking. Behind gold-rimmed glasses, his eyes were soft and moist. He wore a gaberdine with tails, a silk hat, and polished boots.

It wasn't that Reb Ezekiel was a bachelor. He was married for the third time, but she was a bad wife, and having such a wife is like having none at all.



"It's like this," he said. "When I come home from evening prayers and want to sit down with a book, she wants to go to bed. I can't go to sleep at nine; I toss and turn all night. At four in the morning she's up to tend her fish, with a lot of noise, waking me when she lights the gas. While she and her daughter fumble with the tanks where the fish are, she curses continually. Then they go off without even leaving me a warm drink. At night they're frozen and grouchy and go right to bed. Is this a home? What am I there for except to make a benediction over the wine on the Sabbath? She'd like me to care for the fish too. No! This is no home!"

"Well, why not divorce her?" people would say.

"She doesn't want a divorce. Besides, how would I support myself? I'd have to be able to earn a living."

"Then what can be done?"

"Now you know why I'm so miserable."

He used to visit our house, drink tea, and have a bit of food. He taught me to play chess, and liked to invent things. His pockets were filled with strings, springs, little disks, spindles, wire fragments, and other items used for his inventions. Having studied books on the subject, he already knew how to make ink and salves. Everything fascinated him—why summer was hot and winter cold, why ice formed from water and later dissolved, why the ancient Egyptians were conversant with a magic unknown to moderns, and what countries lay beyond America, China, and the Mountains of Darkness. How could such a man, who was always looking into books, fool around with fish? How could he be expected to stand in Yanash's bazaar among the boors and simpletons, selling carp or pike to housewives?

If he had a household to call his own, it might have been different.



Others in similar situations visited us also, with their real or fancied tragedies. One who came often was Mattes, whom I remembered from Leoncin. The son-in-law of Hirshl the Dairyman, he used to visit the court of the Radzymin rabbi. Short and thickset, with large hands and feet and an amiable naïve face, he, like my father, had devoted his life to being a good Jew. He was always talking about rabbis and saints; it took him three hours to say the morning prayer. He had no time to work. His father-in-law, Hirshl, had tried vainly to make a merchant of him. After the morning prayer, Mattes would eat a piece of bread with onion and sit down to study. There was so much to study that he could not understand how anyone could devote himself to anything else. So many prayers, Hasidic books, so many degrees of piety to be reached. . . . And one had to be constantly on guard against all the devils and goblins that tried to drag one down. How was it possible to take the time to work in a store or care for cattle or worry about the dairy and such matters?

Hirshl wanted his daughter to divorce Mattes, but Leah, who had a couple of children, wouldn't hear of it. She had remained in Leoncin with her father, while Mattes wandered about Warsaw.

Suddenly he announced that he had become a Uman Hasid. For years he had searched for a true saint, and now he had found Uman Hasidism, and Rabbi Nachman from Uman was the greatest. No Hasidic book, he said, could match Rabbi Nachman's collected wisdom, his tales and prayers, so full of the mysteries of the cabala. Mattes threw himself entirely into Uman Hasidism. Coming to see us, without any introduction he would begin to dance, snapping his fingers and quoting his



saint: "There is no gloom! Until the coming of the Messiah, my flame will smolder. . . ."

All Mattes longed for was to go to Uman in the Ukraine and spend his time studying in the house of worship that stood over the rabbi's grave. As a Kohen (of priestly descent), Mattes was not permitted to enter a cemetery, but the graves of saints, he knew, did not defile. Nevertheless, Mattes needed train fare. He also wanted to take Leah and the children, but his father-in-law would not permit it. What would they live on, out there in Russia—Mattes's dance steps on the rabbi's grave?

Both Ezekiel and Mattes were dreamers, but they didn't understand each other. Mattes, looking heavenwards, would dance, clapping his hands and crying that the world was full of joy, while Ezekiel, scratching his beard, would ask, "Where does the hail come from? And if it's warm in summer, how does the rain freeze?"

"It's cold up there."

"If it's so cold, why doesn't it snow? And what's wrong with hail in winter? There must be some answer to this!"

"Everything comes from above!" Mattes said bluntly. "For everything there is a guardian angel. Each blade of grass is told when to grow."

"Yes. But there must be a law governing all this."

Mattes managed to get the train fare and went to Uman—not to stay, merely to look it over. Many months later he came back, with his clothes in tatters, his cheeks sunken, and his boots cracked. But his eyes were radiant and he came dancing into our house. When Father asked how things went in Uman, Mattes talked and sang and rejoiced. "It's Paradise!" he said, growing more excited as he spoke. The saint's house of worship

overlooked his grave, Mattes said; his spirit hovered everywhere, blazing from every candle. The days, weeks, and months went by as one studied from the rabbi's books, sang and rejoiced. Stepping into the house of worship, one was immediately overcome with feeling of love for every man and child. When there was food, one ate; when there was nothing, one fasted, and one slept in the house of worship, above the rabbi's grave.

"Aren't people afraid?"

"Afraid of the rabbi? Ridiculous! Only villains remain dead; a saint really comes to life when he dies. The rabbi walks through the house of worship, speaks to us, recites the Torah. All the pleasures in the world are nothing compared to one day in Uman. Even if they offered me Rothschild's millions I wouldn't stay away from the rabbi!"

Mattes had come for his family, but Hirshl consulted Father about a divorce. Leah accompanied him, crying, and bringing along with her the smell of the village and dairy. "Why can't we live like other people?" she asked, weeping copiously.

I don't recall exactly, but I think that Mattes, although he finally divorced Leah, remained in Poland. He returned to Uman only after the Bolshevik Revolution, smuggling himself across borders, past armies, hostile bands, and pogroms. I do not know what happened to him there. He may have ended up in a slave camp or Bolshevik prison. The Bolsheviks, who had not molested the house of worship at first, eventually destroyed it.

Ezekiel and Mattes weren't the only dreamers to visit us. Father seemed to attract these men as a candle does moths.

A short, stout young man with a blond beard came to



see us from some Polish village, after deserting his wife and perhaps even child. He carried a prayer shawl and phylacteries, and in his prayer-shawl sack there was a book called *The Sayings of the Holy Jew*. He had come to Warsaw to study the cabala, he said, having been forbidden to do so in his home town. After asking everywhere in Warsaw about a rabbi who could help him, he was directed to my father. The young man would not listen to my father's pleas that he abandon his plan, saying that he himself knew nothing of the cabala. The young man thought Father was merely being modest. Father gave him several books—*The Pillar of Service*, *The Treasure of Dew*, *The Gates of Light*—and the young man settled down in our house to study. Sleeping in Father's study, he ate breakfast and supper with us. To Mother's complaints that she didn't have enough for her own children, Father replied, "I won't turn away a fellow Jew."

To earn his keep, the young man was asked to teach me the Torah. He locked himself in the bedroom with me, and we studied. In the midst of studying, he said, "What's to become of us?"

"What do you mean?"

"How long do you think we'll sit here like this?"

"What else should we do?"

"Go away."

"Where?"

"Wherever our legs take us."

"How will we live?"

"He who gives life will sustain us."

He longed for the days when a young man could settle in a rabbi's house and immerse himself in Judaism, renouncing the world. He suggested that we both become saints; there must still be saintly Jews in the



world, if not in Poland, then at least in the Holy Land. In Jerusalem or Safad there had to be Jews studying the cabala. "Somewhere, in a cave, we'll settle down and live an eternal Day of Atonement, fasting by day and eating at night. No one needs money there; when you're hungry you eat the St.-John's-bread that grows everywhere. There are yeshivas where one can devote oneself to study."

I asked how we would travel, and he said, "On foot."

"To Palestine?"

"Why not?"

"Do you know the way?"

"Yes. One goes to Istanbul."

Even though I knew I wouldn't leave my home to hike to Istanbul with this fellow, I was enchanted with the idea. I would become a second Rabbi Isaac Luria or Haim Vittal. At night, the Prophet Elijah and I would study the Torah together. My soul would ascend to heaven every night. I would visit all the mansions, the Bird's Nest, the Mansion of the Messiah, would speak to angels, and learn how to perform miracles. Like King Solomon, I would understand the speech of devils, woodcocks, and elephants. Maybe I myself might even become the Messiah! At the gates of Rome, binding my wounds, I would hear a voice call out, "Isaac, you are the Messiah!"

Then, mounting an ass, I would ride to Jerusalem.

One day a telegram came for the young man. It said, "Come at once. Your wife is dead."

Wringing her hands, Mother said, "He's to blame for her death. People like him are murderers."

When the young man learned the news, he asked, "When do I tear a rent in my clothes?"



Father gave him train fare, and he went away, saying he would return. But he never did, and I was left with a longing for distant places, mysterious saints, and caves where cabalists in white silk gaberdines ponder the secrets of the Torah.

ס'וועט זיין ביי אונז שטענדיק יום־כיפור. בייטאג וועלן מיר פאסטן, אין אוונט וועלן מיר איבערבייסן. מ'דארף דארט נישט קיין געלט. באקסער וואקסט אויף דיביימער און ווער ס'וויל, קאן רייסן. ס'זענען דארט דא ישיבות, וואו מ'קאן זיצן און לערנען און זיך אפגעבן מיט קבלה. איך האב אים געפרעגט ווי אזוי מיר קאנען קומען אהין און ער האט געענטפערט:

— צופום.
— צופום קא' ארץ־ישראל?
— פארוואס נישט?
— איך ווייסט דען דעם וועג?
— יא, דורך סטאמבול.

איך האב גאנץ גוט געוואוסט אז איך וועל נישט אנטלויפן פון דער היים און זיך לאזן מיט דעם דאזיקן יונגנמאן צופום קיין סטאמבול, אבער די רייד זיינע האבן מיך ווי פאר'כישופ'ט. איך וועל אויסוואקסן א צווייטער ארי' הקדוש, אדער א ר' חיים וויטאל. ביינאכט וועט זיך צו מיר אנטפלעקן אליהו און מיט מיר לערנען סודות התורה. ווען איך וועל צו־שליסן די אויגן, וועט די נשמה מיינע אויפגיין אין הימל. איך וועל אומעטום זיין: אין היכל קן צפור, אין היכל המשיח. איך וועל רעדן מיט מלאכים און ווייזן נסים. איך וועל, ווי שלמה המלך, פארשטיין די שפראך פון שדים, פון אויערהאן און פון ווילדער. ווער ווייסט? אפשר וועל איך ווערן משיח. איך וועל אוועק צו די טויערן פון רוים, זיצן דארט און בינדן די וואונדן. מיט אמאל וועל איך דערהערן א קול:

— יצחק, דו ביזט משיח!...

און איך וועל אויפזיצן אויף אן אייזל און אוועקרייטן קיין ירושלים.

אין איינעם א טאג איז אנגעקומען צו אונז א טעלעגראמע. די טעלעגראמע איז נישט געווען צו אונז, נאר צו דעם דאזיקן יונגנמאן. ס'איז דארט געשטאנען: דיין ווייב איז געשטארבן. קום גלייך צו פארן.

די מאמע האט פארבראכן די הענט.

— דאס האט ע ר איר דעם טויט געמאכט. אזוינע לייט הרג'ענען מענטשן!...

דער יונגערמאן איז געקומען און מ'האט פאר אים פארגעלייענט די טעלעגראמע. ער האט געפרעגט:

— ווען דארף איך רייסן קריעה?...

ער האט זיך אויפגעהויבן און איז אוועקגעפארן. דער טאטע האט אים נענעבן אויף הוצאות. ער האט געוואלט צוריקקומען, נאר ער האט זיך מער קיינמאל נישט געוויזן. אבער ער האט איבערגעלאזט אין מיר א בענקשאפט נאך ווייטע וועגן, פארבארגענע צדיקים און היילן וואו מקובלים זיצן אין ווייס־זיידענע זשופיצעס און לערנען סודות התורה...

---

43

# A BOY PHILOSOPHER

# אַ יינגל אַ פילאָזאָף

MY BROTHER ISRAEL JOSHUA, because of his emancipated views, found it difficult to speak to my father, whose only response was, "Unbeliever! Enemy of Judaism!" On the other hand, my brother would have long talks with my mother, and often, in my presence, they would discuss me.

"What's to become of him?" my brother would argue. "Must he marry and open a store or become a teacher in a heder? There are too many stores already and too many teachers. If you glance out the window, Mother, you can see what Jews look like—stooped, despondent, living in filth. Watch them drag their feet as they walk . . . Listen to them speak. It's no wonder everyone else thinks of them as Asiatics. And how long do you think Europe will stand for this clump of Asia in its midst?"

"Gentiles have always hated Jews," Mother said. "Even if a Jew wore a top hat, he'd be hated, because he stands for truth."

"What truth? Does anyone know what the truth is? Every religion has its own prophets and holy books. Have you heard of Buddhism? Buddha was just like Moses and he performed miracles too."

Mother made a face as if she had some bad-tasting thing in her mouth. "How can you dare to compare them—an idol worshipper to the patriarch Moses? Woe is me! What my own flesh and blood says . . ."

"Listen, Mother. Buddha was no idol worshipper, but a very profound thinker. He agreed with our own prophets. As for Confucius . . ."

"No more! Don't speak of those heathens in the same breath as our saints. The Buddha came from India . . . I remember that from *The Paths of the World*. They burn widows there and kill aged parents while everyone celebrates."

"You don't mean India?"

"Who cares? They're all beasts. A cow, to them, is a god. The Chinese, on the other hand, throw away their extra daughters. We Jews alone believe in one God; all the others worship trees, snakes, crocodiles, everything you can think of . . . They're all wicked. Even while they say, 'Turn the other cheek,' they murder each other and go on sinning. You want to compare them to us?"

מיט מיין טאַטן האָט מיין ברודער ישראל יהושע נישט געקאנט פירן קיין וויכוחים. אויף אלע אויפגעקלערטע רייד האט דער טאטע געהאט איין ענטפער:

—שייגאץ! פושע ישראל!

אבער מיט מיין מוטער האט מיין ברודער אפט פארפירט לאנגע שמועסן. גארנישט זעלטן האט מען גערעדט וועגן מיר ווען איך בין געווען דערביי.

— וואס וועט פון אים אויסוואקסן? — האט מיין ברודער געפרעגט. — ער וועט חתונה האבן און עפענען א קרעמל, אדער ווערן א מלמד. אבער וויפיל קרעמלעך דארף מען האבן? און וויפיל מלמדים? ס'איז שוין דא מער קרעמער וויפיל קונים און מער מלמדים ווי קינדער. טו א קוק, מאמע, אין פענצטער, ווי יידן זעען־אוים: איינגעבויגן, פאר'חושכ'ט. מ'לעבט אין שמוץ. זע ווי זיי גייען! זיי שארן מיט די פיס. זע ווי דאס רעדט! מיר זעען אוים אין די אויגן פון דער וועלט ווי משוגעים. און ווי לאנג מיינסטו וועלן די גויים דאס דולדן? מ'קאן נישט האבן א שטיק אזיע אין מיטן אייראפע.

— די גויים זענען אלעמאל געווען שונאי ישראל — האט די מאמע געזאגט. — זאלסט אפילו אנטאן דריי צילינדערס איינעם אויפ'ן אנדערן, וועלן זיי פיינט האבן דעם ייד, ווייל ער איז ביים אמת.

— וואס פאר אן אמת? פון וואנען ווייסט מען ווער ס'איז ביים אמת? ס'זענען דא צענדליקער רעליגיעס און יעדע רעליגיע האט אירע נביאים און אירע הייליקע ביכער. האסטו געהערט פון אזא זאך ווי בודיזם? בודא איז געווען נישט א סך נאך משה רבנו. ס'זענען אויך דא וועגן אים אלערליי נסים.

מיין מוטער האט זיך פארקרימט ווי פון א זויערן טעם אין מויל.

— טויזנט מאל להבדיל! פע! דו פארגלייכסט עפעס אן עבודה־זרה'ניק צו משה רבנו! ווי און ווינד צו מיינע יארן! וואס איך האב דערלעבט!

— מאמע, לאז צו דיר רעדן. בודא איז נישט געווען קיין געצנדינער, נאר א טיפער דענקער. ער האט געזאגט זאכן וואס מען געפינט ביי די נביאים. נו, און קאנפוציוס —

— כ'וויל נישט הערן! דערמאן נישט די דאזיקע טמאים צוזאמען מיט אונזערע גרויסע לייט. יענער שלימויז איז געווען אין אינדיע, כ'געדענק פון שבילי עולם, און דארט פארברענט מען אלמנות. אז טאטע־מאמע ווערן אלט, שעכט מען זיי און מ'מאכט א סעודה —

— דאס איז נישט אין אינדיע.

— וואס איז דער חילוק? זיי זענען אלע ווילדע חיות. א קו איז ביי זיי א גאט. די כינעזער ווידער, אז ס'ווערט ביי זיי געבוירן צופיל מיידלעך, ווארפט מען זיי ארויס אין מיסט. בלויז מיר, יידן, גלויבן אין אחדות. אלע איבעריקע דינען העלצער, שלאנגען, ממזרים, כל'ע שווארץ־יאר. זיי זענען אלע רוצחים. זיי זאגן, אז מ'דארף אונטערשטעלן די צווייטע באק און זיי קוילן זיך און טוען־אפ אלדאס בייז. פארגלייכסטו זיי צו אונז?

— ווען מיר, מאמע, זאלן האבן א לאנד, וואלטן מיר אויך געפירט מלחמות. דוד המלך איז גארנישט געווען אזא בעל־רחמנות — —

— שוויג! ווי רעדסטו? זאל דיר דער אויבערשטער מוחל זיין! אל תגעו במשיחי (רירט נישט אן אונזער געזאלבטן). דוד און שלמה זענען ביידע געווען נביאים. די גמרא זאגט, אז ווער ס'האלט אז דוד האט גע־זינדיקט, איז זיך טועה —

— כ'ווייס וואס די גמרא זאגט. אבער וואס האט ער געטאן מיט בת־שבע'ן?

מיין מוטער'ס נאמען איז געווען בת־שבע, און יעדעס מאל וואס איך האב געהערט ווענן דוד'ן און בת־שבע'ן, האב איך געהאט אן אומאנ־גענעם געפיל, אשטייגער ווי מיין מוטער וואלט געווען א טייל פון יענער פארצייטיקער אינטריגע. ביי מיין מוטער האט אנגעהויבן פלאמען דאס פנים.

— שוויג שוין בעסער! דו לייענסט דיך אן מיט די נארישע ביכלער און זאגסט זיי נאך. דוד מלך ישראל חי וקים, און די טריפה'נע ביכער טויגן אפילו נישט אויף אשר־יצר פאפיר. ווער זענען די שרייבערס? לאבוזעס, געמיינע יונגען, לצים. פאר א פאר גראשן זענען זיי גרייט צו פארקויפן דעם טאטן און די מאמען! די אלע ראמאנען זענען פול מיט ניבול־פה און פאסקודסטווא.

— אויב ליטעראטור איז ביי דיר פאסקודסטווא, האב איך נישט וואס צו רעדן — האט מיין ברודער גע'טענה'ט.

— וואס דען איז דאס? וואס לערנט מען זיך דארט אויס? יאגן זיך נאך פרעמדע ווייבער. רוצחים און זונות זענען ביי זיי די שענסטע מענטשן. כ'קוק אויך אריין. כ'ווייס. נאר מ'לויפט אויף דועלן. זיי ווילן אפטאן אלדאס בייז און נאך האבן א גוטן נאמען פאר א צולאג...

אט אזוי האט מיין מוטער מיט א פאר ווערטער געמאכט אש־און־פארעך פון דער גאנצער אייראפעאישער קולטור. ס'איז נישט געווען לייכט איר אפצוענטפערן. זי איז געווען שארף ווי א מעסער און די לאגיק אירע האט אנגערירט דעם סאמע עיקר. זי האט געקאנט אויך. ס'האט זיך גע־וואלגערט ביי אונז אין שטוב א דיקע אנטאלאגיע פון דער דייטשער פאעזיע. ווי אזוי די מאמע האט זיך אויסגעלערנט לייענען די גאטישע שריפט, איז פאר מיר א רעטעניש. אבער זי האט געהאט גלייענט געטהע'ן, היינע'ן און די אלע אנדערע דייטשע פאעטן. מיין מוטער האט אויך געבלעטערט און געכאפט א לייען אין די העברעאישע און יידישע ביכער וואס מיין ברודער האט געבראכט. ווען א שרייבער איז איר געפעלן, פלעגט זי זאגן:

— ער איז א גרויסער פאסקודניק, אבער ער קאן די מלאכה.

וועגן אן אנדערן האט זי א זאג געטאן:

— ער בעבעט...

און איך ווייס און געדענק, אז די מיינונגען אירע זענען געווען ריכטיקע. ס'קאן אויסקומען אומגלויבלעך, נאר ווען מיין ברודער האט געבראכט אהיים א בוך פון דוד בערגעלסאנ'ען און די מאמע האט דערין א לייען געטאן, האט זי זיך אנגערופן:

— ער מאכט נאך יענעם פון די קאלטע מדינות...

דאס האט די מאמע שוין געהאט גלייענט קנוט האמסונ'ען. איך פארלויף אפשר אביסל די צייט, אבער איך געדענק גענוי דעם פאקט. איך געדענק אויך ווי מיין ברודער'ס פנים האט אויפגעלויכטן און ער האט געזאגט:

— אזוי זאגן דאך די קריטיקער.

קיין דאטן קאן איך דא נישט אנגעבן. ווייזט אויס, אז די מאמע האט שוין געהאט גלייענט „וויקטאריע" אדער „הונגער".

איך האב מיך צוגעהערט צו די דיסקוסיעס מיט אפענע אויערן. גע־האלטן האב איך שוין באצייטנס מיט'ן ברודער. איך האב נישט געוואלט זיין קיין קרעמערל און קיין מלמד און האבן „א פארשמאדערטע יידענע מיט א טוץ ווערים", ווי מיין ברודער האט אפגעשילדערט מיין צוקונפט. איין מאל האט ער א זאג געטאן:

— ס'וואלט געווען בעסער ווען מ'מאכט אים פאר א בעל־מלאכה.

— ער'ט מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף זיין א רב, נישט א בעל־מלאכה. ער גערוט אריין אין זיידן.

— וואו וועט ער זיין רב? מ'האקט שוין פאר אים א וואלד... וואו מ'גייט און מ'שטייט, קריכן ארום רבנים. וואס דארפן עפעס יידן אזויפיל רבנים?

— און וואס דארף מען אזויפיל בעל־מלאכה'ס? ווי ארעם א רב זאל נישט זיין, גייט אים נאך בעסער פון א שוסטער.

— זאלן זיך נאך די ארבעטער פאראייניקן!

— זיי וועלן זיך קיינמאל נישט פאראייניקן. איינער וויל ארויסרייסן ביים אנדערן דעם ביסן. ווען אלע זעלנער ווילן נישט גיין אין מלחמה, וואלט נישט געווען קא' מלחמה, אבער זיי גייען און ווערן גע'הרג'עט. פארוואס פאראייניקן זיי זיך נישט?

— דערצו וועט נאך אויך קומען.

— ווען? מ'פארגיסט אומזיסט בלוט. יעדן מאנטאג און דאנערשטאג איז א טועכץ מיט'ן טערק. זיי זענען רשעים, — דאס איז דער אמת! ס'איז נישטא קא' מנוחה אויף דער וועלט און כ'האב מורא אז מ'וועט קיינמאל נישט זיין קא' מנוחה. מנוחה קאן מען נאר האבן אויף יענער וועלט, אויב מ'פארדינט...

— איי, מאמע, ביזטו א פעסימיסטין!

— ווארט, די יויך לויפט מיר אוים!...

"If we had our own country, we'd be involved in wars also. King David wasn't such a compassionate man . . ."

"Shush! Watch what you say! May God have mercy on you! Don't touch our anointed. King David and Solomon were both prophets. The Talmud says it is wrong to consider David a sinner . . ."

"I know what it says. But what about Bathsheba?"

Since that was my mother's name, every time I heard about Bathsheba I felt that Mother was somehow implicated. Mother's face flushed.

"Sh! You read idiotic books and repeat everything! King David will live forever and those trashy books aren't worth the paper they're printed on. Who are the authors? Loafers."

These discussions intrigued me. I had already discussed the subjects with my brother. I had no inclination to be a store-keeper or Talmud teacher nor have a "slovenly wife and a bunch of brats," as my brother put it. Once he said, "He'd better become a worker."

"With God's help he'll be a Rabbi, not a worker. He takes after his grandfather," Mother said.

"A Rabbi? Where? Everywhere there are Rabbis. Why do we need so many?"

"And why so many workers? A Rabbi, no matter how poor he is, is still better off than a shoemaker."

"Just wait until the workers unite."

"They'll never unite. Each one wants to steal the other's bread. Why don't soldiers unite and refuse to go to war?

"Oh, that will come too."

"When? There's so much unnecessary killing. Every Monday and Thursday there's a Turkish crisis. The world is full of evil, that's all there is to it. We'll never find peace here—only in the other world."

"You're a pessimist, Mother."

"Wait, my soup is burning!"

How often I listened to discussions of this sort, with each side effectively destroying the arguments of the other! But when it came to proving the case, what was relied on were easily disputed quotations. I remained silent, with opinions of my own. The Gentiles were idol worshippers, true, but King David actually had sinned. And when Jews lived in their own country, they too had killed. And it was true that each religion had its own prophets, but who could say which ones had spoken to God? These were questions that Mother did not seem able to answer.

"What kind of trade appeals to you?" my brother asked.

מיט וויפיל אזוינע וכוחים האב איך זיך אנגעהערט! יעדער צד איז געווען אומגעהייער שטארק אין מאכן צונישט דעם אנדערן, אבער ווען ס'איז געקומען צו דעם יא, האט יעדער צד זיך פארלאזט אויף ווערטער, אנגענומענע זאכן, וואס מ'האט לייכט געקאנט אפפרעגן. איך האב גע־שוויגן, אבער איך האב געהאט מיין מיינונג. אמת, די גוים דינען די עבודה זרה, אבער דוד המלך האט דאך פארט געזינדיקט... און ווען יידן זענען געווען ביי זיך אין לאנד, האבן זיי אויך גע'הרג'עט... און ס'איז דאך פארט ריכטיק, אז יעדע רעליגיע האט אירע נביאים, און פון וואנען קאן מען וויסן ווער ס'האט טאקע גערעדט מיט גאט?... אויף די דאזיקע קשיות האט די מאמע נישט געענטפערט און, אפנים, נישט געקאנט ענט־פערן...

— וואס פארא פאך וואלסטו געוואלט דיך אויסלערנען? — האט מיין ברודער מיך געפרעגט. — א גראווירער געפעלט דיר? מ'קריצט אויס אותיות אויף מעש און קופער.

— יא.

— אפשר גאר א זייגערמאכער?

— דאס איז שווער.

— מ'לערנט זיך אויס. אדער אפשר וואלסטו געוואלט שטודירן און ווערן א דאקטאר?

— לאז אים געמאך. וואס ווייסן די דאקטוירים? זיי נעמען צו אומ־זיסט ס'געלט. יידן וועלן בלייבן יידן און וועלן דארפן רבנים.

— אין דייטשלאנד א ראבינער גייט אין אוניווערזיטעט! — האט מיין ברודער געזאגט מיט א סארט שטאלץ.

— כ'האב זיי געזען יענע רע בנים — האט מיין מוטער געמאכט א באקאנטן ווארט־שפיל. — אז זיי עסן מילכיקס נאך פליישיקס, קאנען זיי נאך האבן א תירוץ. אבער וואס טוען זיי מיט דעם „פאת זקנם לא יגלחו"? דאס שטייט דאך שוין אין דער תורה! וואס'ערע רבנים זענען זיי, אז זיי האלטן נישט די תורה?

— זיי גאלן מיט א סם.

— וואס שעמען זיי זיך מיט דער בארד? זיי ווילן אויסזען ווי די גוים... אויב די רבנים זענען אזוי, קאן איך מיר שוין אויסמאלן די באלעבאטים.

מיט אמאל איז אריינגעקומען דער טאטע פון בית־דין־שטוב.

— זאל שוין זיין א סוף צו די וכוחים! — האט ער געטאן א רוף. — כ'וויל וויסן איין זאך: ווער האט פארט באשאפן די וועלט? זיי זעען בלויז דעם גוף און מיינען אז ס'איז מער נישטא. ס'איז דא, ס'איז דא. דער גוף איז נישט מער ווי א כלי. אז די נשמה גייט ארויס, איז דער גוף ווי א שטיק האלץ. זיי פרעסן און זויפן און טוען אלדאס בייז. דערנאך וואלגערט זיך נעבעך די נשמה אין כף הקלע. זי זעט שוין דעם אמת, נאר ס'איז צו־שפעט. ס'באהעפטן זיך צו איר די קליפות און דער צער איז גאר אן א שיעור. זי וויל נעבעך אנקומען אין גיהנום, אבער מ'לאזט זי נישט. די וועלט איז פול מיט גלגולים! — האט דער טאטע געטאן א גע־שריי. — אז די נשמה קומט ארויף אומריין, שיקט מען זי אראפ, זי זאל זיך ווידער לייטערן. טיילמאל ווערט זי מגולגל אין א ווארעם אדער א שרץ און דער צער דערפון איז גרויס.

— לויט דיר, טאטע, קומט אויס אז גאט איז א רוצח.

— שייגאץ! פושע ישראל... גאט האט ליב דעם מענטש, אבער אז ער פירט זיך שלעכט, מוז מען אים רייניקן.

— פון וואנען זאל וויסן א כינעזער אין כינע, אז ס'איז דא א תורה?

— וואס גייט דיך אן כינע? ד ו ווייסט!... ס'דארפן זיין גוים אויך, און בהמות און פליגן און מיקן... כ'עפן א ספר און זע א מילבעלע, קלענער פון א פינטעלע, און ס'גייט און האט אלע אברים. דערפון אליין זעט מען די נפלאות הבורא. זאלן זיך צונויפקומען אלע פראפעסארן פון דער וועלט און זיי וועלן נישט קאנען באשאפן קא' מילב.

— וואס זשע איז דערפון געדרונגען?

ווען דער טאטע איז אוועק און די מאמע איז אראפ עפעס קויפן אין קרעמל, האב איך געפרעגט מיין ברודער:

— ווער האט טאקע באשאפן די מילב?

— די נאטור.

— און ווער האט באשאפן די נאטור?

— און ווער האט באשאפן גאט? — האט מיין ברודער צוריקגע־פרעגט. — עפעס האט געמוזט זיין פון זיך אליין. דערפון האט זיך שפע־טער אלץ אנטוויקלט... די זון האט געשיינט און פון איר ענערגיע האבן זיך געשאפן ביי די ברעגן פון ים די ערשטע באקטעריען. ס'זענען גראד

"How about becoming an engraver and carving letters on brass and copper?"

"Good."

"Or a watchmaker?"

"Too hard."

"You can learn it. How about a doctor?"

"Let him be. What do doctors know? They take money for nothing. Jews will always be Jews and they'll always need Rabbis."

"In Germany, Rabbis attend universities!" my brother announced proudly.

"I know those reform Rabbis," my mother said. "They can find a way to permit eating meat with milk dishes, but how can they justify shaving, when it's contrary to Mosaic law? What kind of Rabbi defies the Torah?"

"They use a kind of powder for shaving, not a razor."

"Are they ashamed of beards because they want to look like Gentiles? If their Rabbis are like that, I can imagine what the rest of them are like."

Suddenly Father appeared from his study. "Let's end these discussions once for all," he called out. "Tell me—who created the world? All they see is the body and they think that's all there is. The body is nothing but a tool. Without the soul, the body is like a slab of wood. The souls of those who gorge themselves and swill are evil and wander about in the desert, tortured by devils and hobgoblins. They've learned the truth too late. Even Gehenna is closed to them. The world is full of transmigrant souls . . ." Father cried out, "When a soul leaves a body unclean, it is returned to earth to wander about again, as a worm or a reptile, and its grief is tremendous. . . ."

"Then, according to you, Father, God is wicked."

"Enemy of Israel! God loves man, but when man defiles himself, he must be cleansed."

"How can you expect a Chinaman to know the Torah?"

"What's a Chinaman to you? It's just as necessary for Gentiles to exist as for birds or fish. When I open a holy book I sometimes see a mite smaller than a pinpoint walking about. It too is a wonder of God. Can all the professors in the world get together and create one mite?"

"Well, what does it all add up?"

After Father left and Mother went out to buy something, I asked my brother, "Who did create the mite?"

"Nature."

"And who created nature?"

"And who created God?" my brother rejoined. "Something had to come from itself, and later everything developed out of its original matter. From the energy of the sun, the first bacteria were created at the edge of the sea. Conditions hap-

געווען גינציקע באדינגונגען. די באשעפענישן האבן געקעמפט צוויש
זיך און די שטארקערע זענען געבליבן לעבן — — די באקטעריען האג
זיך צונויפגעלייגט אין קאלאניעס און ס'איז אנטשטאנען א פונאנדערו
טיילונג פון די פארשידענע פונקציעס — — מ'מוז דאך סאי ווי או
נעמען אז עפעס איז געווען פון זיך אליין, — היינט פארוואס נישט זאו
אז ס'איז די נאטור?

— אבער פון וואנען האט זיך עס פארט גענומען?

— ס'איז געווען פון אייביק אויף. מ'קאן נישט וויסן. אבער אי
זאך איז זיכער: אז מ'מוז נישט ליינן רבנו תמ'ס תפילין. ס'איז אל
אויסגעטראכט. יעדעס פאלק האט זיינע צערעמאניעס... איין רב א
ארויס מיט א מעשה אז מ'טאר נישט משתין זיין אין שניי, ווייל דא
הייסט געאקערט...

איך האב אין די שפעטערע יארן געלייענט א היפש ביסל פילאזאפיש
ווערק און אויך אלערליי ביכער וועגן קולטור־געשיכטע, געשיכטע פ
רעליגיע, אבער איך מעג זאגן אז די וויכטיקסטע ארגומענטן פאר א
קעגן רעליגיע האב איך געהערט ביי אונז אין קיך. דארט זענען געווא
דורכגעדראשן די שווערסטע פראבלעמען, יענע ווידערשפרוכן און פאר
דאקסן פון מענטשלעכן געדאנק, וואס מיט זיי האבן זיך באשעפטי
אלע גרויסע מוחות, פון סאקראטעס'ן ביז בערגסאנ'ען. אויך האב א
זיך דארט אנגעהערט מיט די מערסטע פאקטן, מיט וועלכע ס'באשעפטי
זיך די פסיכישע פארשער.

נאך אזוינע ערנסטע שמועסן פלעג איך אראפגיין אין הויף און וויד
זיך שפילן ווי א יינגל. אבער אזוי ווי איך האב מיך געשפילט אין יאגעלע
אין באהעלטעניש, אין גנבים, באנדיטן, — אזוי האט די פאנטאזיע מיי
געארבעט. וואס וואלט געווען ווען איך געפין א וואסערל אזא וואס ו
מען טרינקט עס, ווערט מען קלוג און מען ווייסט אלע סודות? וואס ווא
געווען ווען אליהו הנביא אנטפלעקט זיך צו מיר און לערנט מיך או
די זיבן חכמות? און ווען איך קריג א שפאקטיוו אזא, וואס דורך א
קאן מען זען וואס ס'טוט זיך אין הימל! איך האב געטראכט אנדע
געדאנקען פון די אנדערע יינגלעך און דאס האט מיך געמאכט סאי שטא
און סאי איינזאם. הינטער אלע רעיונות האט אלעמאל געלויערט די פר
גע: וואס דארף איך טאן? וואס איז דער ריכטיקער וועג? פארוו
שווייגט גאט אין די זיבן הימלען?

איך געדענק, אז איין מאל איז א ייד צו מיר צוגעקומען און מיר ו
זאגט?

— וואס ביזטו אזוי צע'חוש'ט? האסט מורא אז דער הימל וו
אראפפאלן?...

יא, איך בין געווען סאי א פילאזאף און סאי א יינגל. איך האב כ
געשפילט מיט נארישע יינגלעך און זיך געגריבלט אין די אייביקע פרא

pened to be favorable. Creatures fought among themselves and the strongest survived. Bacteria formed into colonies and a division of the functions began."

But where did it all come from in the first place?

"It was always like this; no one knows. But you can be sure of one thing—one needn't put on the phylacteries of Rabbi Tam. It's all fabricated. Every people has its own rites. There was the Rabbi, for example, who said you mustn't urinate in the snow on the Sabbath because it resembles plowing. . . ."

Although later in my life I read a great deal of philosophy, I never found more compelling arguments than those that came up in my own kitchen. I even heard at home the strange facts that are in the province of psychic research. And after such discussions I would go outside to play, but as I went through the games of tag, hide-and-seek, and cops-and-robbers, my imagination was at work. What if I found the kind of water that made one wise and a party to all secrets, or if the prophet Elijah arrived to teach me all the Seven Wisdoms of the World? And what if I found a telescope that saw directly into heaven? My thoughts, which were not the thoughts of other boys, made me both proud and lonely. And always there was the final question: What was right? What must I do? Why did God remain silent in the Seventh Heaven? Once a man came up to me and asked, "What's the matter? Why do you think so hard? Are you afraid the sky will fall on you?"

# 44

## דער פעטער מענדל

## UNCLE MENDEL

איך האב זעלטן מקנא געווו
אנדערע יינגלעך, אבער איין זאך האט דערוועקט אין מיר קנאה: וו
כ'האב געהערט רעדן וועגן קרובים. יינגלעך פלעגן זאגן: דער ויידע
האט מיר געגעבן חנוכה־געלט. די באבעשי האט מיר געקויפט א היט
דער פעטער נעמט מיך מיט קיין פאלעניין. די מומעשי איז געפארן מ
מיר אויף א דראשקע... זיי האבן אויך דערמאנט קוזינען, עלטער־פעטער
עלטער־מומעס און אמאל אויך ברידערן־קינדער און שוועסטערן־קינדי
אבער איך בין געווען אן משפחה. די גרויסע משפחה מיינע האט ו
וואוינט אין בילגאריי, א שטאט, וואו מ'דארף פארן דריי טעג: פרי
פון ווארשע קיין רייוויין, און דערנאך פון רייוויין מיט פורן קיין בילגאו
איך האב געהאט אין טאמאשאוו א באבע טעמערל, אבער קיין טאמאש
איז פונקט אזוי ווייט ווי קיין בילגאריי. איך האב געהאט משפחה ערו
אין גאליציע, אין אונגארן. אנדערע יינגלעך האבן געהאט קרובים, אג
איך האב געהאט ווערטער, לעגענדעס וועגן מענטשן, וואס כ'האב ק
מאל פאר די אויגן נישט געזען. שבת איז נישט געווען צו וועמען צו ו
נאך שבת־אויבסט. קיינער האט נישט געפראוועט קיין שמחות. כ
שוועסטער האט חתונה געהאט קיין אנטווערפן. ס'האט געפעלט די ו
מישפקייט פון משפחה.

אבער דערפאר האב איך זיך אנגעהערט מיט אן א שיעור מעשיות וו
מיין פאמיליע. אין א שטעטל גארשקאוו, ערגעץ נעבן איזשביצע —
מלך אביונ'ס גיטער — האט געוואוינט מיין פעטער מענדל און ו

It was only when other boys spoke of their relatives that I became envious. "Grandpa gave me Hanukkah money . . . Grandma bought me a hat . . . Uncle is taking me to Falenica . . . I went for a droshky ride with Auntie . . ." So they spoke of cousins, great-uncles, and great-aunts. But at home there was only my immediate family. Three days' journey away, in Bilgoray, I had relatives. From Warsaw, one had to go to Bilgoray by way of Rejowiec. In Tomaszow, which is as far as Bilgoray from Warsaw, my paternal grandmother, Temerl, lived, and the rest of my family were in Galicia and Hungary. They were not real to me; they lived only in anecdotes and legends. No one gave me Sabbath fruit; there were no family parties. My own sister was elsewhere, having married and moved to Antwerp.

But family stories were plentiful.

מומע טויבע, וואס איז געווען עלטער פון מיין מוטער מיט וועלכע פינף יאר.

דער פעטער האט געשטאמט פון א נגיד'יש הויז. זיין פאטער, יצחק גארשקאווער, זאל האבן געווען א גביר. אבער מיין פעטער מענדל איז געווען צו־קלוג, צו־איינגעשפארט און צו־אלטמאדיש. ער האט זיך געשאפן אן אייגענע פילאזאפיע: אז דער מענטש איז בטבע א קליינער באדערפער און אז אלע זינד נעמען זיך דערפון וואס מען פארלאנגט צו־פיל. אויך האט ער געהאלטן אז מען דארף זיך מיט קיין שום זאך נישט שעמען. מען מעג זיין א למדן און דעם בילגארייער רב'ס אן איידעם, אבער דערביי מעג מען טראגן א זעקל רעטשקע אויף די פלייצעס, טרייבן א בהמה אויף דער פאשע און טאן אלערליי שווערע ארבעטן. אנגעטאן דארף מען גיין אין ציינענע און געלאטעטע מלבושים, ווען נישט — מוז מען שווינדלען אויף דער וועלט.

דער פעטער מענדל איז געווען א קליינוואוקסיקער, א קלוגער, מיט א שטארקן כאראקטער. ער האט געקאנט לערנען, אבער ער האט דאס אויך באהאלטן. ווייל קאנען לערנען איז שוין א סימן פון נגיד'שאפט און פון וועלן זיך ארויסהייבן פון די ארימעלייט. דער דאזיקער גביר'ישער זון האט זיך געשאפן א וועלט־אנשויאונג פון הייליקער ארעמקייט און איז טאקע מיט דער צייט געווארן א האלבער ארימאן.

די מומע טויבע איז געווען א גוטע נשמה און זי האט געליטן. ווען זי האט חתונה געהאט מיט דעם פעטער מענדל, האט די שטאט געהאט פאר איר גרויס דרך־ארץ. זי איז געווען דעם בילגארייער רב'ס טאכטער און ער — יצחק גארשקאווער'ס זון. אבער ער האט מיט זיין וועג זי אראפגעפלאטשט.

אפשר איז דאס ווייניק, האט דער פעטער מענדל מיטגעבראכט פון זיין משפחה א נייגונג צו שווינדזוכט. די קינדער האבן געליטן אויף די לונגען. דער עלטסטער זון, נטע, איז געווען שווינדזיכטיק. געזאגט האט מען אז ס'איז געקומען פון א קאלטן טרונק וואסער. אבער ער איז נישט געווען אין דער פאמיליע דער איינציקער וואס האט געשפיגן מיט בלוט.

די מומע טויבע האט געליטן, אויסגעוויינט די אויגן און געפארן צו רביים מיט קוויטלעך. זי איז געווארן אין דעם גארשקאוו, דער העק, א פראסטע יידענע, וואס גלויבט אין רבי'לעך.

אין איינעם א טאג האט זיך געעפנט די טיר ביי אונז אין שטוב און ס'איז אריינגעקומען דער פעטער מענדל און זיין זון נטע.

די מאמע האט אויסגעשריגן פון פארוואונדערונג. אנגעטאן איז דער פעטער מענדל געווען גרויסארטיק. ס'האט אויך געהאט צו טאן מיט זיין פילאזאפיע. מ'דארף טאקע לעבן ווי א קבצן, אבער יעדער איינער דארף האבן גוטע מלבושים וואס מ'זאל אנטאן אויף א נסיעה, א יום־טוב. אין גארשקאוו פאסט צו גיין אפגעריסן, אבער אין ווארשע מוז מען זיך האלטן אין דער מעלה. ער האט אויסגעקוקט נגיד'יש און אביסל האפערדיק. נטע, דער קוזין מיינער, איז שוין דאמאלס געווען א דערוואקסענער בחור און מיר דוכט זיך אפילו — א חתן. ער איז געווען הויך, ברייט, א שיינער פארשוין, מיט א רויטלעך געזונט פנים ווי ס'האבן צומאל יענע וואס לידן אויף די לונגען. דער פעטער מענדל איז געקומען מיט נטע'ן צו א דאקטאר.

ס'איז געווען אויסטערליש צו רופן דעם פרעמדן ייד — פעטער. ער האט מיך אנגעקוקט קליגעריש, שארף, און מיר געפרעגט:

— דו לערנסט, הא?

— יא, כ'לערן.

— די תורה קאן מען נישט עסן — האט דער פעטער מענדל געזאגט מיט שארפקייט. ס'איז געווען עפעס אין דעם ייד פון א קאצקער חסיד.

מיין פאטער האט אויפגענומען זיין שוואגער מיט גרויס כבוד. די מאמע האט געהאט שטילע טענות צום פעטער מענדל, אבער איצט איז נישט געווען די צייט אויף חשבונות. דער קוזין, נטע, האט זיך געפירט מעשה חתן־בחור. ער האט געהאט א ניקלענעם זייגער. ווען מ'האט אים געגעבן אן עפל, האט ער אים אפגעשיילט מיט א מעסערל, וואס האט געהאט א פערלמוטערנע שטול. אלץ אויף אים איז געווען ניי און האט געפעכלט. די מאמע האט געפרעגט:

— וואס הערט זיך אין גארשקאוו?

— אין גארשקאוו הערט זיך גארנישט — האט דער פעטער מענ[illegible] געענטפערט.

— וואס מאכט טויבע?

— טויבע איז טויבע.

— וואס מאכן די אנדערע קינדער?

— וואס קאן מען מאכן אין גארשקאוו?

ער האט אפגעווארט א ווייל און זיך אנגערופן:

— אין דעם ווארשע איז דאס א רעש, און אן איילעניש. מ'גייט נישט, נאר מ'לויפט. מ'קאן גאר די גאס נישט אריבערגיין. וואוהין לויפן זיי אלע? און וואס שרייט מען אזוי? מה רעש?

דער פעטער מענדל איז געקומען מיט נטע'ן צו א גרויסן דאקטאר, אדער אפשר א פראפעסאר, און מ'האט געדארפט קויפן א נומער פאראויס, דוכט זיך — פאר פינף און צוואנציק רובל. דער פראפעסאר האט פארשריבן נטע'ן צו טרינקען יעדן טאג דריי לעפל קאניאק.

מענטשן האב געהערט וועגן דעם נטע'ן און מ'איז געקומען געבן עצות. טייל האבן געזאגט, אז אטוואצק וועט אים ראטעווען. אמת, גארשקאוו איז אויך צווישן פעלדער און וועלדער, אבער אזא לופט ווי אין אטוואצק איז נישטא אויף דער גאנצער וועלט. א פראסטער ייד האט דערציילט, אז זיינס א קרוב איז געווען מסוכן שלאף אויף די לונגען און

For example, there was Uncle Mendel and my mother's sister Aunt Taube—five years older than my mother. They lived in the town of Gorshkov, near Izhbitze, in an extremely impoverished manner.

Although his father, Isaac Gorshkover, had been wealthy, Uncle Mendel was so smart, so stubborn, and so conservative that he professed the belief that if men lived only according to their strictest needs, most of the world's ills would be eliminated. Neither did he believe that one should suffer from pride. Even a scholar and son-in-law of the Bilgoray Rabbi could tote a sack of buckwheat on his shoulders, drive a cow to pasture, and do heavy labor. And if one was to avoid becoming a swindler, he said, one must dress in coarse patched clothing.

Short and slight, with a scraggly yellow beard, Uncle Mendel kept his erudition to himself, considering knowledge a possession that placed one in superior relationship to the poor. Having ennobled poverty to the point of holiness, this son of a wealthy family had nearly pauperized himself.

Aunt Taube suffered, for at the time of her marriage she had been greatly respected in town, being, after all, daughter of the Bilgoray Rabbi, and married to Reb Isaac Gorshkover's son. But his eccentricities had degraded her.

To make it worse, Uncle Mendel presented the family with a tendency to consumption. His eldest, Notte, was tubercular, presumably from having drunk a glass of cold water while he was overheated. But he wasn't the only child in the family to spit blood.

Aunt Taube wept. Hidden away in little Gorshkov, she had become simple enough to supplicate minor Wonder Rabbis.

One day our door opened and in walked a sumptuously dressed Uncle Mendel with Notte. Mother was astounded.

It was part of Uncle Mendel's creed to dress well for a journey or holiday. Even though one wore rags in Gorshkov, in Warsaw things had to be different. He seemed haughty and affluent. Already a man, and betrothed, Notte was tall, broad and handsome, deceptively ruddy. Uncle Mendel was taking him to a doctor.

This stranger-uncle studied me keenly, and asked, "Do you study?"

"Yes."

"Well, you can't eat the Torah," Uncle Mendel said sarcastically. He had the sharpness of a Kotzker Hasid.

Although Father welcomed his brother-in-law graciously, Mother nursed a resentment against him; however, this was not the time to settle accounts. Notte played the part of a prospective bridegroom. His watch was nickel-plated. He peeled an apple with a pearl-handled pocket knife. His clothes were new and stylish.

"What's new in Gorshkov?" Mother asked.

"Nothing's ever new there," Uncle replied.

"How's Taube?"

"Taube is Taube."

"And the other children?"

"They're in Gorshkov. What else?"

It seemed to him, he said, that all Warsaw was in such desperate haste that one was almost prevented from crossing streets. Where were they all rushing and why did they scream so much? What commotion!

Uncle Mendel bought a twenty-five-ruble ticket and took Notte to a specialist, who prescribed three spoonfuls of cognac a day.

Many people offered advice. Some said a stay in Otwock would save his life, there was no air like Otwock air, even if Gorshkov, too, was surrounded by pine-tree forests. A rather credulous man said that one of his relatives who had been dying of tuberculosis had eaten pork on the advice of a doctor. The Rabbi, he said, had permitted the relative to do so, since it was a matter of life or death. Someone else mentioned a person who had spat out his lungs and later grew new ones . . . I think the doctor suggested that Notte refrain from marrying.

א דאקטאר האט אים פארשריבן ער זאל עסן חזיר. מ'איז אוועק צו א רב און דער רב האט גע'פסק'נט אז אויב ס'איז פקוח נפש — מעג מען. אז אנדער ייד האט דערציילט וועגן א שווינדזוכטיקן וואס האט אויסגעשפיגן די לונגען און דערנאך זענען אים אנגעוואקסן נייע לונגען... אויב כ'האב נישט קיין טעות, האט דער דאקטאר פארבאטן נטע'ן חתונה צו האבן.

דעם פעטער מענדל'ס קומען איז געווען פאר מיר א גרויס געשעעניש. די מאמע איז געזעסן מיט אים ביז שפעט אין אוונט און אים אויסגעפרעגט אויף מענטשן. דער פעטער האט געענטפערט קורץ און שארף.

— דער? אפגעברענט געווארן. איז בדיל־הדל.

— יענער? געשטארבן.

— ווען? ווי אזוי?

— וואס איז די נפקה מינה ווי אזוי?

ער איז אוועקגעפארן מיט נטע'ן און מיר איבערגעלאזט לעצט־געלט. עס איז געבליבן נאך אים א געפיל פון דערדריקטקייט און אן אומהיימלעכקייט. עס האט נישט לאנג געדויערט ווי עס איז אנגעקומען די בשורה, אז נטע איז געשטארבן. נטע'ס א שוועסטער וואוינט איצט אין פלינט, מישיגען, און זי איז א רייכע פרוי. א זון איר'ער, אן אמעריקאנער געיוויר־אפיציר, איז געפאלן אין דער מלחמה מיט יאפאן.

אן אנדער מאל איז געקומען מיינס א קוזין אלי.

דער דאזיקער אלי איז טאקע געווען מיינס א קוזין, אבער ער האט שוין געהאט א ייִנגל אין מיינע יארן. אלי'ס פאטער, משה, איז געווען א צדיק. ער איז געווען דער ערשטער מאן פון מיין מומע שרה. משה האט געהאט א נאמען פון א הייליקן מענטש, א בעל־מדרגה. מ'האט געזאגט אויף אים אז דער שם הויה שוועבט אים שטענדיק פאר די אויגן. ער האט כמעט נישט גערעדט און איז נאר געווען פארנומען מיט תורה און הויכע רעיונות. אבער ער איז אויך געשטארבן פון שווינדזוכט און איבערגעלאזט דריי קינדער. מיין מומע שרה האט חתונה געהאט מיט א תבואה־הענדלער, ישראל.

אלי איז טאקע געווען מיין קוזין, אבער ער איז געווען א ייד מיט א בארד און איך האב אים דעריבער גערופן פעטער. ער איז געווען א הויכער, מיט א בלאנד בערדל, מיט א פנים וואס ס'איז געלעגן דערויף א סך איידלקייט. ער איז געווען משונה אפגעברענט פון דער זון און אויף זיין שטערן איז געלעגן א געלקייט אזא, וואס מ'האט זעלטן געזען אין ווארשע. בילגאריי איז אין דרום און די זון האט דארט, אפנים, שטארקער געבאקן. ס'איז געווען א געלקייט פון גאלד און זאפרען, און ס'האט געהויכט פון איר מיט יידישער איינגעזעסנקייט, אשטייגער ווי בילגאריי וואלט געווען א שטיק ארץ־ישראל. ער האט געטראגן צוויי קאפאטעס, איינע אויף דער אנדערער, און ס'איז געלעגן אויף אים א רבנ'יש־סוחר'ישע האפערדיקייט. אלי איז געווען א סוחר, געהאט א געוועלב. זיין ווייב האט געשטאמט פון ראוונע. ער האט געהאט א ייִנגל משה וואס איז געווען עלטער פון מיר מיט א יאר אדער צוויי. די מאמע האט געפרעגט:

— וואס מאכט משה?

— לערנט שוין אין בית־מדרש. שטייט אין געוועלב אויך.

— אין געוועלב? אזא קינד?

— ער רעדט גאנץ גוט פויליש — האט אלי געזאגט. — ער קאן שרייבן אויך.

די מאמע האט געטאן אויף מיר א בייזן בליק.

— האסט צו אים געהאלטן א לערער?

— ר'איז געגאנגען צו יחיאל לערער. אבער ר'האט זיך אויסגעלערנט אליין. ער קאן גאנץ גוט רעכענען.

די מאמע האט מיך פארשפארט אנצוקוקן בייז. איך האב ווי געזען אירע געדאנקען אויפ'ן שטערן.

— וואס הערט זיך ביי אונז?

„ביי אונז" איז געווען ביים זיידן, אין זיין בילגארייער בית־דין־שטוב. אלי איז נישט געווען קיין בארײדעוודיקער, אבער די מאמע האט ביי אים ארויסגעצויגן די נייעסן. דער פעטער יוסף און דער פעטער איטשע זענען האלב ברוגז צווישן זיך. די מומע רחל'ע — ר' ישעיה ראכעווער'ס טאכטער, דער מחבר פון דעם בארימטן סידור „ישועות ישראל" — לעבט נישט בשלום מיט איר שווענערין, שרה טשיזשע, דעם פעטער יוסף'ס ווייב. וועגן וואס קריגט מען זיך? די מעשה איז אזוי: דער פעטער איטשע זיצט שוין ביים זיידן אויף קעסט קנאפע צוואנציק יאר. ער עסט קעסט צוזאמען מיט דער מומע רחל'ע און מיטביידע זין. די באבע איז אינגאנצן פארנארט אין דעם דאזיקן איטשע'ן, דעם יונגסטן זון. זי קאכט אים מארצעפאנעס, זי בראט פאר אים טייבעלעך, און דער פעטער יוסף קאן עס אים נישט פארגינען. אנשטאט צו דאנקען דער באבע'ן, שטייט נאך די רחל'ע ביי זיך אין גרויסן און העצט אויף דער שוויגער. מ'בארעדט זיך. מ'איז פול מיט טענות און פרעטענסיעס. לעצטנס האט דער לובלינער גובערנאטאר געשיקט א באפעל אז בילגאריי מוז אויסקלויבן א קאזיאנע ראבינער, ווייל דער זיידע קאן נישט קיין רוסיש. דער פעטער איטשע וויל ווערן קאזיאנער ראבינער, אבער דער פעטער יוסף, וואס איז בילגארייער מורה הוראה, פארגינט עס אים נישט. דערווייל פרואווט נאך א זייטיקער, איינער א קאמינער, ווערן קאזיאנער ראבינער. ער האט באקומען א צד. אין שטאט איז מחלוקת. די טוריסקער חסידים האלטן מיט'ן פעטער איטשע, אבער די גארליצער חסידים האלטן מיט דעם קאמינער'ן, דעם „דייטש". בקיצור, ס'רודערט זיך. דער קאמינער, אדער איינער פון זיין צד, זאל האבן גע'מסר'ט קיין לובלין. דער זיידע האט זיך

For me, Uncle Mendel's visit was a big event. Mother kept him up late, asking about people she knew. Uncle Mendel's replies were sharp.

"Him? His house burned down. He's in great need. That one? Dead."

"When? How?"

"Does it matter?"

Before leaving with Notte, he gave me some money, but he left us feeling depressed. Not long afterwards, we learned of Notte's death.

Notte's sister, now wealthy, lives in Flint, Michigan. Her son, an American officer, was killed in the war against Japan.

Then there was Uncle Eli. He was really a cousin, but since he had a son my age, we called him Uncle. Moshe, his father, my Aunt Sarah's first husband, had been considered a saint, on intimate terms with God. He was so preoccupied with Torah and lofty thoughts that he barely spoke. But he too died of consumption, leaving three children, and Aunt Sarah married a grain dealer named Israel.

Tall, blond-bearded, and noble-looking, Eli had an unusual gold and saffron complexion. The sun apparently shone more brightly in Bilgoray, which was to the south. As if Bilgoray belonged to the Holy Land, Eli's complexion had an Oriental warmth. Eli, who was a storekeeper, and looked more like a Rabbi, wore two capotes, one over the other. His wife came from Rowna. Mother asked about his son Moshe, a year or two older than I.

"He studies alone already and helps out at the store as well."

"The store? At his age?"

"He speaks and writes good Polish."

Glaring at me reproachfully, Mother asked, "Did he have a tutor?"

"Yes, but he learned by himself. He's good at arithmetic too."

Mother didn't even have to glare this time. Her brow was eloquent.

"What's new on our side?" She was referring to my grandfather's house and courtroom at Bilgoray. Eli wasn't the talkative kind, and Mother had to drag the words out of him. Uncle Joseph and Uncle Itche were at odds. Aunt Rochele, the daughter of Rabbi Isaiah Rachover, the famous author, couldn't get along with her sister-in-law, Sarah Chizha, Uncle Joseph's wife. The argument concerned Grandmother's preference for her youngest son, Itche, whom she favored with marzipan and roasted doves. Uncle Itche, his wife Rochele, and their two sons had been boarding with Grandfather, Itche himself having been in that position for almost twenty years, and Joseph was wild with jealousy. Rochele, moreover, instead of showing gratitude to Grandmother, acted haughtily and made nasty remarks about her. Everyone maligned everyone else. Recently, because of a government order that Bilgoray would have to select a Russian-speaking Rabbi (which Grandfather was not), Uncle Itche had asked to be considered, but Joseph, the Assistant Rabbi, did not approve. Meanwhile, an outsider named Kaminer, who had followers in town, was also asking to be selected. There was considerable turmoil, with the Turisk Hasidim backing Uncle Itche, and the Gorlica Hasidim for Kaminer, who was an enlightened man. Kaminer, or one of his followers, had sent the Lublin governor a letter denouncing Uncle Itche. Grandfather, locked in his study and detached from it all, read his holy books and took a daily drink of brandy. With his hair completely white, he looked like an angel of God.

Mother, recognizing an eternal truth, nodded her head and grew pale, "I hope it all turns out well!"

Anyone who fooled around with Grandfather, she knew, was playing with fire; anyone who spoke to him arrogantly was sure to be punished. He had the power of heaven behind him. They'd better watch out!

"May God forgive the fools!" Mother said.

But she too had a grudge against Itche because he could get anything he wanted out of Grandmother. And as for Rochele,

אינגאַנצן אויסגעהערט מישן. ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין בית־דין־שטוב און לאָזט קיינעם נישט אַריין. ער זיצט גאַנצע טעג ביי די ספרים. ער איז געוואָרן אינגאַנצן ווייס. ער זעט אויס ווי אַ פּאַרצייטיקער, אַ מלאך אלוקים. ווי אויסטערליש, נאָר ער טוט יעדן טאָג אַ טרונק בראַנפן.

אין דער מאַמע'ס פּנים האָבן זיך געביטן די קאָלירן. זי האָט גע־שאָקלט מיט'ן קאָפּ ווי אויף אַ אַלטן אמת.

— הלוואַי ס'זאָל זיך אויסלאָזן גוט!...

די מאַמע האָט געוואוסט, אַז מ'טאָר נישט דערצערנען דעם זיידן. ער האָט אַ כוח אין הימל. וויפיל מאָל עמיץ האָט אים געפּרואווט טאָן שלעכטס, אָדער אפילו רעדן צו אים מיט חוצפּה, איז יענער געוואָרן באַ־שטראָפט. נישט, חלילה, אַז דער זיידע וויל שטראָפן. גם ענוש לצדיק לא טוב, ס'איז נישט גוט פאַר אַ צדיק צו שטראָפן. אָבער די הקפּדה זיינע שאַדט סאַי־ווי־סאַי. איז פאַרוואָס־זשע היטן זיי זיך נישט? זיי שפּילן זיך מיט פייער.

— זאָל זיי גאָט מוחל זיין — האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן. — אַזוינע בהמות...

די מאַמע אַליין האָט אויך געהאַט אַ האַרץ אויפ'ן פעטער איטשע און אויף דער מומע רחל'ע. דער פעטער איטשע איז שוין געווען צופיל ליבּ־לינג. ער האָט געקאָנט אַרויסקריגן ביי דער באָבע'ן דאָס טעלערל פון הימל. די רחל'ע איז טאַקע ר' ישעיה ראַכאָווער'ס טאָכטער, אָבער ר' ישעיה ראַכאָווער איז ר' ישעיה ראַכאָווער און רחל'ע איז רחל'ע. די מאַמע האָט גע'טענה'ט, אַז ר' ישעיה ראַכאָווער אַליין קומט אויך נישט צום זיידן. ער איז אַ פרומער ייד און קאָן לערנען, אָבער ער איז נישט קיין גאון. ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ גאון־זאָל שרייבן אויף עברי־טייטש פאַר ווייבער און אַרויסגעבן יעדעס יאָר אַ ספר'ל? אַזוי פירן זיך קנאַפּע לומדים. די מאַמע האָט דערציילט, אַז ווען דער פעטער איטשע האָט געגעסן קעסט אין ראַכעוו, האָט מען אים געגעבן האַרט אייער אונטער דער יויך און בעת ער איז זיך געגאַנגען וואַשן צו שאַ ידיכם, האָט מען ערשט דאַמאָלס געבאַקן פאַר אים די זעמל אין אויוון — אַלץ קליינשטעטלדיקע מנהגים. קורץ, די מאַמע האָט געגעבן אַנצוזאָג־ערן, אַז דאָס ראַכעוו איז אַ וויסטע העק, די פירעכצער דאַרטן זענען פון מלך סאָביעסקי'ס צייטן און ר' ישעיה ראַכאָווער אַליין איז אַ קליי רב'ל און נישט מער.

איך בין געזעסן און געשלונגען יעדעס וואָרט. דאָס איז נישט געווען גלאַט רייד, נאָר ווי דאָס וואָס מיין ברודער האָט גערופן: ל י ט ע ר אַ ט ו ר. פון די דאָזיקע ווערטער זענען אויסגעוואַקסן געשטאַלטן בילגאָריי, טאָמאַשאָוו, ראַכעוו זענען מיר געוואָרן נאָענט פון דער מאַ מע'ס רייד. מענטשן זענען געוואָרן ווי לעבעדיק. איך האָב געשפּירט אַ פון איר מויל רערן דורות.

what if she was Isaiah Rachover's daughter? He might be a pious Jew and a scholar, but he was no genius. What genius published a volume in Yiddish for women each year? He was an ordinary dilettante, certainly not Grandfather's equal. When Itche was staying with his father-in-law in Rachev, Mother said, he had been served hard-boiled eggs with the soup. What a small-town custom! And to make it worse, she added, Rochele's mother had insisted that Itche wash his hands just before she took the rolls from the oven: Mother implied that Reb Isaiah Rachover was nothing but a provincial Rabbi living in a miserable settlement whose customs dated back to the time of King Sobieski.

I sat there spellbound, my imagination aflame. This wasn't mere gossip, but what my brother would term food for literature. I felt that I knew Tomaszow and Rachev, and generations of my family lived through my mother's speech.

# 45

## שטאַרקע

## THE STRONG ONES

שרייבער זענען גענויגט צו שילדערן דאָס חדר ווי אַן אָרט וואו אַ בייזער שמוציקער מלמד האָט געפּייניקט אַ באַנדע אומשולדיקע קינדער. דער אמת איז, אַז די קינדער זענען ווייט נישט געווען אַלע אַזוינע כשר'ע לעמעלער. דאָס חדר האָט געהאַט אַלע חסרונות און אַלע צרות פון דער געזעלשאַפט.

אַט האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ייִנגל מיט אַ פּאָר פויסטן און ער האָט געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האָט זיך נאָר געזוכט אַ גע־לעגנהייט צו געבן קלעפּ. ער האָט געהאַט אַרום זיך אַ סוויטע חונפים אונטערלעקער, צוהעלפער, נאָכקריכער.

אַט איז אַ ייִנגל וואָס קיין קלעפּ קאָן ער נישט געבן, אָבער ער שפּילט די ראָל פון אַ צדיק'ל. ער שמייכלט צו אַלעמען, טוט אַלעמען כלומר'שט טובות, האָט פאַר יעדן איינעם אַ בליק, וואָס זאָגט: דיך האָב איך ליב אויף אַן אמת... אַזוי שטיל ווי ער איז, אַזוי איז ער אַ סוחר'ל, אַן אינטריגאַנטל און האָט איין צוועק: עפּעס צו קריגן, עפּעס צו נאַשן, ביי עמיצן אָפּ צולעקן אַ ביינדל. כאָטש ער איז אַזאַ פרומע נשמה, איז ער אויסגעקאָכט מיט דעם שלעגער. אָבער ער מאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער האַלט אויך מיט דעם געשלאָגענעם. ווען דער חבר זיינער, דער שלעגער, טוט עמיצן אום זיסט און אומנישט אַ זעץ אין דער נאָז און לאָזט ביי אים בלוט, קומט אונטער דאָס צדיק'ל און טראָגט יענעם אונטער אַ טיכל. דערביי טוט ער אַ זאָג צום שלעגער מיט אַזאַ ווייך קול'כל:

— האָסט עס נישט געדאַרפט טאָן...

אַט איז אַ ייִנגל וואָס הערט נישט אויף האַנדלען. נאָר ער בייט, נאָ ער טוישט, נאָר ער מסחר'ט. ער בייט אויס אַ קנאָפּ אויף אַ טשוואָק,

The heder, too often described as a place where innocent children suffered at the hands of a sloppy, ill-tempered teacher, was not quite that. What was wrong with society was wrong with the heder.

There was one boy who with constantly clenched fists kept looking for a chance to hit someone. Assistant bullies and sycophants surrounded him.

Another boy, for whom it was not practical to use violence, acted the little saint, smiling at everyone, doing favors, and all with an expression that implied immeasurable love. But in his quiet way he schemed to acquire things, to taste something wonderful for nothing. Pious though he was, he showed friendship for the bully while feigning sympathy for his victims. When his friend the bully decided to give someone a bloody

שטיקל קיט אויף א בליישטיפט, א צוקערל אויף א זעמל. אלע כאפן ביי אים מציאות, אבער ער נארט אלעמען אפ. ער בארגט אויף פראצענט אויך און א האלב חדר איז אים שולדיק געלט. ער האט אן אפמאך מיט דעם שטארקן אז אויב עמיץ זעצט אים אן, זאל יענער אים אראפכאפן דאס היטל.

און אט איז א יינגל א בארימער, א ליגנער, א דריי־קאפ. ער דערציילט נישט־געשטויגענע מעשיות. אלע אין זיין משפחה זענען רייך, גרויס. ס'קומען צו זיי אין שטוב די גרעסטע לייט פון ווארשע. ער באַרימט זיך אז באלד־באלד וועט ער ברענגען אין חדר אריין פאר אלעמען „חמשה־עשר": טייטלען, פייגן, באקסער, פאמעראנצן. ס'וועט זיין ביי זיי א חתונה, א ברית, מען וועט פארן אויף דאטשע. דערווייל, איידער די אלע גליקן געשען, פארלאנגט ער מען זאל אים געבן מתנות...

און אט איז א געשלאגענער. ערשט נעכטן האט אים דער שלעגער צעבלוטיקט, צע'מזיק'ט, אבער היינט ברענגט ער אים א געשאנק. ער שמייכלט דערביי אזוי אונטערטעניק, אזוי שלוי, און ער ווייזט אן אויף אן אנדער יינגל, אז יענער האט פארדינט א קלאפ.

איך זיץ אין חדר און איך זע אלץ. איך האב שוין אויך געקראגן א פאטש פון דעם תקיף, אבער קיין מתנה וועל איך אים נישט ברענגען און שמייכלען צו אים וועל איך אויך נישט. איך זאג אפן אז ער איז געגליכן צו עשיו הרשע און אז אויף יענער־וועלט וועט מען אים לייגן אויפ'ן שטעכבעטל. איך קריג פון אים פונסניי א קנאק, אבער פון אונטערגעבן זיך איז נישטא וואס צו רעדן. איך וויל נישט לעבן בשלום נישט מיט דעם שלעגער און נישט מיט דעם צדיק'ל, און נישט מיט דעם פראצענטניק, און נישט מיט דעם ליגנער און בארימער. איך רוף זיי אלע אן ביים נאמען.

ס'איז מיר שלעכט. דריי פערטל חדר איז מיר שונאים. מ'רעדט־אן אויף מיר פאר'ן רבי'ן און פאר'ן בעלפער. מ'זאגט מיר פאראויס, אז מ'וועט מיך כאפן אמאל אין גאס און מיר אונטערהאקן א פוס. איך ווייס אז איך בין אין א גרויסער סכנה. איין קליין יינגל קאן נישט פירן מלחמה מיט דריי־פערטל חדר. אבער וואס זאל איך טאן אז איך קאן פארט מיט זיי נישט לעבן בשלום? איך קאן נישט מאכן דעם אנשטעל.

דאס גיין אין חדר אריין אינדערפרי איז אן אפקומעניש. אבער איך ווייס אז קלאגן זיך פאר טאטע־מאמע איז אויך שלעכט. זיי האבן זייערע אייגענע צרות. אחוץ דעם קאנען זיי זאגן: וואס עפעס ביזטו איינער אנדערש פון אלע? מסתמא ביזטו ווערט דעם שטעקן...

ניין, ס'איז נישטא פאר וועמען צו דערציילן און פאר וועמען זיך צו קלאגן. ס'איז דא איין וועג: אויסהאלטן. דאס שלעכטע קאן נישט דויערן אייביק. אויב גאט איז א גאט פון אמת און פון גערעכטיקייט, — מוז ער זיך אננעמען פאר מיר.

א טאג קומט ווען מיר דוכט זיך, אז כ'קאן מער נישט אויסהאלטן. דאס חדר איז א גיהנום. דער מלמד איז שוין אויך קעגן מיר, כאטש איך קאן דאס חומש. די רביצין זאגט מיר שטעכווערטלעך. איך בין אין חרם...

אבער מיט אמאל נעמען זאכן געשען. דער שלעגער האט זיך פארמאסטן קעגן א ניי יינגל. ער האט געמיינט אז יענער איז א שוואכער, און דערצו וועט ער, א נייער תלמיד, זיך נישט דערוועגן זיך צו פארמעסטן קעגן אים. אבער ער האט געהאט א טעות. יענער האט אים דערלאנגט א טערעבענין און אים געמאכט א בייל אויפ'ן שטערן. דער מלמד איז מיט אמאל אויפגעשטאנען און זיך אווארף געטאן אויף דעם תקיף. ער האט אים מיט כוח אוועקגעלייגט אויפ'ן שמיים־בענקל, אים אראפגעלאזט די הויזן און אפגעשמיסן פאר אלעמען אין די אויגן. דער המן פון חדר האט געליטן המן'ס מפלה. ער פרואווט ווידער סטראַשען און האלטן א צד, אבער די חונפים קערן זיך פון אים אפ. זיי חנפ'ענען שוין איצט דאס נייע יינגל.

דער פראצענטניק האט איבערגעכאפט די מאס. ער האט ביי א יינגל ארויסגעריסן אזויפיל געלט, אז יענער האט דערציילט דעם טאטן. דער טאטע איז געקומען אין חדר אריין זיך קלאגן. מ'האט דעם פראצענטניק באזוכט, ביי אים געפונען א סך געלט (אפשר אכצן גראשן), און מ'האט אים געמאכט א פעקל.

דאס צדיק'ל מאנעווירט, לעבט מיט אלעמען גוט, זאגט יעדן סודות אין אויער, אבער זיין מצב האט זיך עפעס אויך געביטן. מ'זאגט שוין אין חדר אז ער איז א צוויי־זייטיקער, א שטינקערל...

מיט אמאל דערפיל איך, אז גאט האט געענטפערט מיין תפילה. יינגלעך קומען־צו און הויבן־אן רעדן צו מיר. די חונפים פרואוון זיך שוין צו מיר אויך צולעקן. דאס סוחר'ל לייגט מיר פאר א מציאה גנבה. ווי אזוי האט דאס געטראפן? איך קאן איצט קריגן א גרויסן צד. אבער איך וויל נישט. איך קלויב מיר אפ א יינגל, וואס איך האב די גאנצע צייט געהאלטן אויף אים אן אויג און געזען אז ער איז ערלעך, רעכטפארטיק, נישט קיין חונף, נישט קיין קריכער, נישט קיין אפנארער און פלייצעקלאפער. איך ווער מיט אים חבר און אונזער חבר'שאפט ווערט שטארקער פון טאג צו טאג. מיר גייען צוזאמען אין גאס, מיר קוקן אריין אין איין חומש, מיר לערנען זיך צוזאמען שרייבן א שורה־גריזל. דאס חדר איז אונז מקנא און מ'וויל אונז אפרעדן איינער פון דעם אנדערן מיט ליגנס, רכילות, אינטריגעלעך, אבער עס גראט נישט. דאס איז נישט עפעס א חבר'שאפט פון היינט—חבר, מארגן—ברוגז, נאר א חבר'שאפט ווי צווישן דוד און יהונתן...

וויפיל מאל האט זיך עס איבערגע'חזר'ט אין מיין לעבן! און וואס'ערע פארשידענע פארמען!

נישט בלויז בלייבט די חבר'שאפט שטארק אין חדר, נאר אפילו נאכ'ן

nose, the little saint would run to the victim with a handkerchief while gently admonishing the bully, "You shouldn't have done that . . ."

There was another boy who was interested only in business, trading a button for a nail, a bit of putty for a pencil, a candy for a roll. He was always losing out on bargains, but in the end he got the best of everyone. Half the heder was indebted to him, since he lent money on interest. He and the bully had an arrangement whereby anyone who reneged had his hat snatched off.

Then there was the liar who boasted that his family was rich and famous and that Warsaw's elite visited his home. Promising us dates, figs, St. John's bread, and oranges from theoretical weddings and circumcisions, and a projected summer vacation, he demanded advance presents from all of us.

Then there was the victim. One day the bully drew blood from him, and the next day he gave the bully a present. Smiling with sly submissiveness, the victim indicated another boy who required a beating.

From my seat in the heder I saw everything, and even though the bully had punched me, I presented him with neither smiles nor gifts. I called him an Esau and predicted that his hereafter would be spent on a bed of nails. He hit me again for that, but I didn't weaken. I would have nothing to do with the bully, the priggish saint, the moneylender, or the liar, nor would I pay them any compliments.

I wasn't making out too well. Most of the heder boys had grown hostile, informing against me to the teacher and tutor. If they caught me in the street, they said, they'd break my leg. I realized my danger. After all, I was too small to take on the entire heder. But I couldn't even pretend to be friends, so how could I make peace?

The trip to heder each morning was agonizing, but I couldn't complain to my parents—they had their own troubles. Besides, they'd probably say: "That's what you get for being different from everyone else . . ."

There was nothing to do but wait it out. Even the devil had to weary. God, if He supported truth and justice, must inevitably side with me.

The day came when it seemed to me impossible to go on. Even the teacher, in that hellish atmosphere, opposed me, though I knew my Pentateuch. The Rebbetzin made malicious remarks about me. It was as if I were excommunicated.

Then, one day, everything changed. The bully miscalculated the strength of a new boy, who just happened to hit back. Then the teacher hurled himself at the bully, who already had a lump on his head. The bully was dragged to the whipping bench, his trousers were pulled down, and he was whipped before all of us. Like Haman, he was punished. When he tried to resume his reign of terror, he was repulsed in favor of the victor.

The moneylender also met his nemesis. The father of one boy who had paid out too much interest appeared at the heder to complain. A search of the moneylender's pockets proved so fruitful that he too was whipped.

The saint's hypocrisy was recognized at last, despite his whispered secrets and his flatteries.

Then, as if in response to my prayers, the boys began speaking to me once more. The flatterers and the traders offered me good will and bargains—I don't know why. I might even have formed a group of my own, but I wasn't inclined that way. There was only one boy whose friendship I wanted, and he was the one I chose. He was a fine, decent person without social ambitions. We studied from the same Pentateuch, walked with our arms about each other, and learned to write Yiddish. Others, jealous, intrigued against us, but our friendship remained constant. We were like David and Jonathan . . .

Even after I left the heder, this friendship persisted. I attended several heders, and from each one I had retained a friend. Occasionally, in the evenings, we would meet near the

ניס, אבער עפעס פארשטיי איך, און דער עפעס ציט מיך ווי א מאגנעט. איך באהאלט מיך אין שלאף־שטוב און לייען אפ שעה'ן. עפעס א סטר־דענט האט דער'הרג'עט אן אלטע פרוי און איר שוועסטער. ער ליידט, ער הונגערט, ער שלאפט, ער רעדט אזוינע געלערנטע רייד. ער קומט צום שלעראוואטעל און יענער פארשט אים. עס איז ווי אין א מעשה־ביכל, אבער אנדערש, אנדערש. דאס איז עפעס אזוי טיף ווי קבלה. אלץ איז אזוי אויסטערליש און הויך. ווער קאן שרייבן אזוינע ביכער? און ווער קאן דאס אלץ פארשטיין? פון ציים צו צייט טוט עפעס א לייכט־אויף אין מיין מוח און איך פארשטיי א גאנצע סצענע און איך בין אויפגעטרייסלט פון איר שיינקייט און פון איר אמת... אן אנדער סארט אמת...

עס גייען אוועק טעג, וואכן און איך געדענק מער נישט אין מיינע חברים. איך בין אין אן אנדער וועלט.

איך גיי צו מנחה אין ראדזימינער שטיבל. איך שטיי צווישן די יידן, אבער איך זע זיי רעכט נישט. דער געדאנק מיינער איז ווייט, ווייט... מיט אמאל קומט צו דאס מעקלער'ל. ער דארף מיט מיר רעדן.

— האסט נישט מיט מיר וואס צו רעדן — זאג איך.

— איך האב פאר דיר א בריוול — זאגט ער.

ס'איז אלץ ווי פון א בוך. די חברים מיינע שרייבן אז זיי בענקען נאך מיר. „מיר דרייען זיך ארום ווי אין חלום". איך געדענק ביז היינט דעם דאזיקן אויסדרוק. איך האלט־אפ א גרויסן נצחון, אבער אזוי פאר־נומען איז מיין קאפ מיט יענעם בוך, אז דער שלום מיט מיינע חברים זעט מיר אוים נישט וויכטיק. זיי ווארטן אויף מיר אין הויף. איך גיי ארוים צו זיי. עס דערמאנט מיך אין יוסף'ן מיט די שבטים. צו יוסף'ן איז מען געקומען קויפן תבואה, אבער וואס קומען זיי צו מיר? זיי לאזן זיך גיין אקעגן מיר — שמעון, לוי, יהודה... זיי זענען אביסל דער־שראקן און פארשעמט. ניין, איר דארפט זיך נישט בוקן צו דער ערד. איך בין נישט געווארן קיין משנה למלך ביי פרעה'ן. אלץ וואס איך קאן אייך פארקויפן איז: נייע חלומות...

מיר רעדן אפ ביז שפעט ביינאכט און איך דערצייל זיי וועגן דעם דאזיקן בוך. דאס איז נישט קיין מעשה־ביכל — זאג איך זיי. — דאס רופט מען ל י ט ע ר א ט ו ר. איך דערצייל פון דעם בוך, גיב צו מיינע איינענע געדאנקען, שאף אן אויסטערלישן מיש־מאש. איך שטעק זיי אן מיט מיין באגייסטערונג. די שעה'ן לויפן פארביי און מיר ווייסן נישט ווי אזוי. די חברים מיינע בעטן מיך איבער, גיבן צו אז זיי זענען געווען אומגערעכט און זאגן מיר צו, אז זיי וועלן מער קיינמאל נישט פרואוון ווערן מיט מיר ברוגז... קיינמאל נישט!...

און זיי האבן געהאלטן ווארט אויך.

נישט מער, די אומדערבארעמדיקע צייט האט אונז צעשיידט און דאס איבעריקע האבן געטאן די דייטשע רוצחים.

At evening services in the Radzymin study house, I was unaware of the men among whom I stood. My mind was wandering when suddenly the intermediary approached.

"Nothing you have to say can interest me," I said.

"Here's a note," he told me.

It was like a scene from a novel. My friends wrote that they missed me. "We wander about in a daze . . ." I still remember what they said. Despite this great triumph, I was so immersed in my book that it scarcely seemed important any more that they wanted to make amends. I went out to the courtyard, and there they were. It reminded me of Joseph and his brothers. They had come to Joseph to buy grain, but why had my friends come to me?

Nevertheless, they did come, ashamed and somehow afraid—Simon, Levi, Judah. . . . Since I had not become Egypt's ruler, they were not required to bow down to the earth. I had nothing to sell but new dreams.

We talked together late and I spoke of my book. "This is no storybook, this is literature . . ." I said. I created for them a fantastic mélange of incidents and my own thoughts, and infected them with my excitement. Hours passed. They begged me to forgive them, confessed that they had been wrong and never would be angry with me again . . .

They kept their word.

Only time separated us. The rest was accomplished by the German murderers.

# 46

# דער שאס אין סאראיעווא

# THE SHOT AT SARAJEVO

א צייט לאנג ווי מיהאט גערעדט ביי אונז אין שטוב פון ארויסציען זיך. דאס הויז נומער 10 האט נישט נעהאט קיין גאז. אין אלע שטובן האט מען געברענט נאפט־לאמפן. ס'איז אויך נישט געווען קיין וואסער־קלאזעט, נאר אן אפטריט אין הויף. דא דאזיקע אפטריט איז געווען דער קאשמאר פון מיין קינדהייט. ס'אי דארט אלעמאל געווען פינצטער, בייטאג און ביינאכט. מייז און ראצ זענען ארומגעלאפן נישט בלויז אונטן, נאר גאנץ אפט אראפגעפאלן פו סופיט. גאנץ אפט האט מען געמוזט איבערווארטן א סך מענטשן. צולי די דאזיקע אפטריטן זענען א סך קינדער געווארן נערוועז און אנגעהויב ליידן אויף פארשטאפונג. די אומריינקייט וואס ס'האט דארט געהערש איז ממש אומבאשרייבלעך.

א צווייטער קאשמאר זענען געווען די טרעפ ביינאכט און אפילו ביי טאג. צוליב דעם וואס דאס אפטריט איז געווען אזוי פינצטער און פו מיט מייז, האבן קינדער געטאן זייערע באדערפענישן אויף די שטיג פוילע מוידן האבן געווארפן אויף די טרעפ מיסט. דער סטרוזש האט לויו דעם געזעץ געדארפט אנצינדן ביינאכט לעמפלעך אויף די טרעפ, אבער ערשטנס, האט ער זיך געפוילט; צווייטנס, האט ער צען אזייגער ביינאכ אדער האלב עלף די לעמפלעך צוריק אראפגענומען; דריטנס, זענען דא געווען פיצלעך לעמפעלעך מיט פאררויכערטע גלעזלעך, און זיי האב נישט געלויכטן, נאר עפעס ווי נעדיכטער געמאכט די טונקלקייט. באוויזן די עלטערע קינדער, אז ס'איז דא א גאט און השארת הנפ האבן מיינע עלטערן אפט גערעדט וועגן שדים, רוחות, מתים וואס קומ צו חלום, לצים, ווילקאלאקן, לאפיטוטן. ווען איך האב געמוזט גיין או די פינצטערע טרעפ, זענען מיר די אלע מעשיות געקומען אין קאפ. או די טרעפ זענען ארומגעלאפן קעץ. פון מאל צו מאל איז אין א שטוב עמ געשטארבן און מ'האט געהערט דאס געוויין. לוויות זענען צוגעפארן צ טויער. דאס ארויפגיין די צוויי שטאק טרעפ אין חשכות האט יעדעס מ אנגעווארפן אויף מיר א פחד. ביז איך בין צוגעקומען צו דער טיר, י

For a long time our family had discussed the possibility of moving from our flat at No. 10 Krochmalna Street, where we used a kerosene lamp because there was no gas and shared an outhouse in the courtyard with everyone else in the building. This outhouse was the bane of my childhood. It was dark there all the time, and filthy. Rats and mice were everywhere, overhead as well as on the floor. Many children, because of it, were stricken with constipation and developed nervous disorders.

The staircase was another plague because certain children preferred it to the outhouse. Worse still, there were women who used it as a garbage dump. The janitor, who was supposed to light lamps along the staircase, seldom did so, and when he did, we were deprived of them by ten-thirty. The tiny, smoke-stained lamps gave so little light that the darkness seemed to thicken around them. When I used this murky staircase, I was pursued by all the devils, evil spirits, demons, and imps of whom my parents spoke to prove to the older children that there was a God and a future life. Cats raced along beside me. From behind closed doors, one often heard a wailing for the dead. At the courtyard gate a funeral procession might be waiting. I was breathless by the time I reached my door. Nightmares began to come to me, so horrifying that I would wake from sleep drenched in sweat.

די פאראויסזאגונג אז די דירה וועט אונז ברענגען גוט מזל, איז אויך מקויים געווארן אויף א ווייל. עס זענען געקומען צו אונז מער דין־תורה׳ס. מיר האבן זיך געפונען אין א גוטן פונקט. אזוי גוט איז אונז געגאנגען אין יענעם יאר, אז מיין פאטער האט באשלאסן מיך ווידער אריינצוגעבן אין א חדר. דאס איז געווען אן אויסטערלישער איינפאל. איך בין שוין עטלעכע יאר נישט געגאנגען אין חדר. איך האב שוין געקאנט לערנען אליין א בלאט גמרא און אפילו א תוספות אויך. וואס זשע טויג מיר א חדר? אבער אויף דער טווארדע נומער 22 איז געווען א חדר אזא פאר דערוואקסענע יינגלעך. דער מלמד האט דארט נישט געלערנט מיט די יינגלעך, נאר געזאגט שיעור. ווי מארגע, נאר עטלעכע פון מיינע חברים פון אנדערע חדרים האבן דארט אויך געלערנט.

דאס גיין אין חדר אריין אויף דער עלטער איז געווען א וויץ. איך בין אריין אין חדר און דארט געפונען מיינע אלטע גוטע פריינט. דער מלמד האט אונז געשטאפט מיט מהרש״א, מהר״ם, מהרש״ל. איך האב שוין שטילערהייט געלייענט ביכער און בין שוין געווען א שטיקל אפיקורס. מיר, בחורים׳לעך, האבן חוזק געמאכט פון דעם מלמד.

מיט אמאל האט מען גענומען רעדן אז אין סערביע האט מען געשאסן דעם עסטרייכישן קרוינפרינץ. ס׳איז געווארן א רייד וועגן מלחמה. די צייטונגען האבן ארויסגעגעבן ספעציעלע טעלעגראמעס, מיט ריזיקע אותיות, געדרוקט בלויז אויף איין זייט. אין חדר האט מען גענומען שמועסן פאליטיק. מיר האבן אלע באשלאסן, אז ס׳איז בעסער דער דייטש זאל געווינען. וואס האט מען ביים רוס? ווען די דייטשן זאלן איינגעמען ווארשע, וועלן אלע יידן מוזן זיין קורץ־געקליידט און ס׳וועט זיין צוואנגשולע. מ׳וועט אונז, יינגלעך, אנטאן מונדירן, היטלען מיט קריינדלעך, און מ׳וועט אונז שיקן אין גימנאזיע. וואס קאן שוין זיין בעסער? אבער דערביי האבן מיר געוואוסט (בעסער פון דעם דייטשן גענעראל־שטאב), אז ווי שטארק דער דייטש זאל נישט זיין, קאן ער זיך נישט פארמעסטן מיט רוסלאנד, פראנקרייך, ענגלאנד. א ייִנגל האט א זאג געטאן:

— אויב ענגלאנד וועט האלטן ביי פארשפילן, וועט אמעריקע העלפן, ווייל ביידע רעדן ע נ ג א ל י ש...

און איך דארף אייך נישט זאגן, אז ער איז געווען גערעכט.

יא, ס׳איז געווארן א מלחמה. מיר האבן דערהערט נייע ווערטער: מאביליזאציע, זאפאס, אולטימאטום, נייטראל, נאטע... רוסלאנד האט געשיקט א נאטע, דייטשלאנד האט געשיקט א נאטע... די קסרים האבן זיך געשריבן בריוועלעך און זיך אנגערופן מיט קינדישע נעמען. מיין פאטער, וואס האט קיינמאל נישט גענומען קיין צייטונג אין האנט, האט אנגעהויבן אריינקוקן אין „מאמענט". בעל־מלאכה׳ס, טרעגערס, סתם פראסטע ליים, זענען געשטאנען אין רעדלעך אויף דער קראכמאלנע און געשמועסט פאליטיק.

מיט אמאל איז געקומען יענער תשעה באב, יענער זונטאג, וואס איז געווען א נדחה. ס׳איז שוין געווען מלחמה און ס׳האט א שמעק געטאן מיט חורבן. ווייבער זענען אוועק איבער די געוועלבן און איינגעקויפט שפייז. קליינע ווייבעלעך האבן געטראגן ריזיקע טיטלען מיט מעל, קאשע, בעבלעך און וואס נאר מ׳האט געקראגן. אין די געוועלבן האט מען מער נישט געוואלט נעמען קיין פאפירן־געלט, נאר מען האט פארלאנגט זילבער אדער גאלד־שטיקלעך. א סך קרעמערס האבן נישט גענומען קיין באנקנאטן מיט לעכלעך. די מערסטע קראמען זענען געשטאנען פארמאכט אויף האלבע טירן און די קרעמערס האבן שוין באצייטנס באהאלטן סחורה אויף שפעקולאציע און פארקויפט הינטנארום און פאר העכערע פרייזן.

ס׳האט אויסגעזען אביסל ווי א שפאס און אביסל ווי א יום־טוב. א פורים׳דיקע האפערדיקייט האט זיך געטראגן אין דער לופט. יידן מיט בערד האבן אנגעטאן אויף די לאצן ווייסע בלעכלעך אזוינע, א צייכן אז זיי זענען מאביליזירט. זיי זענען געגאנגען אויסגעשטעלט ווי זעלנער, און עס זענען זיי נאכגעלאפן ווייבער מיט געוויינען און געשרייען, אשטייגער ווי זיי וואלטן געווען טויטע. די מאנסלייט האבן זיך געבייזערט און געשמייכלט. קינדער זענען נאכגעגאנגען מיט שטעקנס אויף די אקסלען און געריפן: ראז, דוואַ, טרי... מיין טאטע איז געקומען צו לויפן פון ראדזימינער שטיבל און געזאגט:

— מ׳זאגט אז די מלחמה וועט דויערן צוויי וואכן. ס׳זענען דא אזוינע הארמאטן, וואס שיסן־אויס טויזנט קאזאקן מיט איין שאס.

— וויי און ווינד, מיט וואס דאס מענטשלעכע מין גיט זיך אפ! — האט מיין מוטער געענטפערט.

— מ׳עט מער נישט דארפן צאלן קיין דירה־געלט — האט דער טאטע זי געפרואווט טרייסטן.

— און פון וואנען וועט מען נעמען עסן? ווער וועט קומען האבן א דין־תורה?

א סך צרות זענען אונז באפאלן. פון מיין שוועסטער אין אנטווערפן האבן גלייך אויפגעהערט קומען בריוו. מיין ברודער ישראל יהושע איז גראד איצט אלט געווארן 21 יאר און ער האט זיך געדארפט שטעלן צום פריזיוו, נישט אין ווארשע, נאר אין טאמאשאוו, אין מיין פאטער׳ס שטאט. אלע אונזערע שכנים האבן געהאלטן אין איין אײנקויפן פראדוקטן, אבער מיר האבן גארנישט געקאנט קויפן. מיר זענען גלייך געבליבן אן געלט. די רייד, אז ס׳וועט ווערן א הונגער, האבן דערוועקט א הונגער אזא און א נאגעניש אין אינגעווייד, וואס מיר האבן פריער קיינמאל נישט געקאנט. איך האב געגעסן און געגעסן און בין נישט געווארן זאט. יעדעס מאל וואס די מאמע איז געקומען פונדרויסן, האט זי געהאט א פארפלאמט פנים און זי האט גע׳טענה׳ט:

— ס׳יקרות ברענט! זיי רייסן די הויט!

lectured instead of studying with his pupils. Some of my friends from other heders attended this one.

I was at that time reading forbidden books and had developed a taste for heresy; it was rather ridiculous, therefore, that I was attending heder again. My friends and I made fun of the teacher, who had a yellow beard and bulging eyes, spoke with a ridiculous accent, ate raw onions, and smoked stinking tobacco in a long pipe. He was divorced and matchmakers came to whisper secrets in his hairy ears . . .

Suddenly there were rumors of war. The Austrian Crown Prince had been shot, they said, in Serbia. Newspaper extras appeared, printed only on one side, and with huge headlines. Discussing politics, we boys decided that it would be preferable for Germany to win—what would be gained from Russian rule? German occupation would put all Jews into short jackets, and the Gymnasium would be compulsory. What could be better than going to worldly schools in uniforms and decorated caps? At the same time we were convinced (much more than the German General Staff) that Germany's strength could never match the combined forces of Russia, France, and England. One boy speculated that because of a shared language it was only natural that America should step in to help England . . .

My father began to read newspapers. New words were prevalent—mobilization, ultimatum, neutrality. The rival governments sent notes. The kings wrote letters one to the other and called themselves Nicky and Willy. The common people, workers, porters, met in groups on Krochmalna Street to discuss conditions.

Suddenly it was the Ninth Day of Ab—the Sunday which is the postponed fast day. It was also the beginning of the war.

Women were everywhere, buying up food. Small though they were, they carried huge baskets of flour, groats, beans, and whatever else they could find in the stores, which were closed half the time. First the storekeepers rejected crumpled bank notes, then they demanded silver and gold instead of paper. They began hoarding their stock in order to increase prices.

People were in a festive mood as if it were Purim. Women weepingly trailed their husbands, bearded Jews with tiny white pins in their lapels, indicating that they had been called up for military service. Annoyed and amused at once, the men strutted along while children behind them carried sticks on their shoulders and called out military commands.

Running home from the Radzymin study house, my father announced that he had heard the war would be over in two weeks. "They have cannons that can kill a thousand Cossacks at one blow."

"Woe . . ." cried my mother. "What is the world coming to?"

Father consoled her, "Well, there won't be any more rent to pay . . ."

My mother went on, "And who will want lawsuits? Where will we get the money to eat?"

We were in trouble. There were no more letters from my sister in Antwerp, and my twenty-one-year-old brother Israel Joshua had to report for conscription in Tomaszow, my father's home town. We had no money with which to stock up on food, as our neighbors did. Knowing how hungry I was going to become, I experienced an extraordinarily gnawing appetite. I ate insatiably. Mother would come in flushed from outside, moaning about the food shortage.

Now, for the first time, I began to hear unflattering bits of gossip about other Jews on the street. Jewish storekeepers, just like the Gentiles, were hiding goods, raising prices, trying to capitalize on the war. Moshe the paper dealer, who lived in our courtyard, boasted in the study house about his wife's purchase of five hundred rubles' worth of food. "Thank God," he said, "I have provisions for a year. How much longer can the war last?" And he smilingly stroked his silver beard.

There was considerable confusion. Young men with blue

איך האב ביז דאמאלס זעלטן געהערט ביי אונז אין שטוב רעדן שלעכטס אויף יידן. אבער יידישע קרעמער, גלייך ווי גוי'אישע, האבן אויסבאהאלטן סחורות, ארויפגעשרויפט פרייזן, געפראוועט ווערן רייך פון דער מלחמה. א ייד אין אונזער הויף, משה פאפירהענדלער, האט זיך באריםט אין ראדזימינער שטיבל, אז זיין ווייב האט איינגעקויפט שפייז פאר פינף הונדערט רובל. ער האט גערעדט:

— מינסטהאלבן קאן די מלחמה דויערן א יאר. איך בין ברוך השם פארזארגט...

און ער האט מאדנע געריבן די הענט און איבער דער זילבערנער באָרד זיינער האט געשוועבט א מאדנער שמייכל: די זיכערקייט פון א באשעפעניש וואס האט זיך באזארגט מיט א סך עסן...

די מלחמה האט אריינגעבראכט א צערודערונג אין מיין מוח. יונגעלייט מיט בלויע בילעטן האבן געלערנט גמרא, אבער יונגעלייט מיט גרינע בילעטן זענען ארומגעגאנגען פארזארגטע, בלאסע, און זיך שוין באַצייטנס געצערט. סוחרים פון מעל, קאשע, האבן געשארט געלד. איינבינדערס, מלמדים, סופרים זענען גלייך מיט דעם אנהויב מלחמה געבליבן אן פרנסה. דער דייטש האט פארכאפט קאליש, בענדין, טשענסטאכאוו. איך האב דערשפירט דעם עול פון דערוואקסנקייט און דעם פחד פאר ביטערע צייטן און שלעכטע גזרות. איך האב געהאט אן אויסטערלישן געפיל: אז שולדיק אין דער מלחמה איז דאס וואס מיר האבן זיך ארויסגעצויגן פון נומער 10. ווי לאנג מיר האבן דארט געוואוינט, אן גאז און אן וואסער־קלאזעט, איז געווען אויף דער וועלט מנוחה...

און דער טאטע האט יעדן טאג געפונען אין אן אנדער ספר א רמז, אז ס'הויבן זיך אן משיח'ס צייטן און אז די דאזיקע מלחמה איז די מלחמת פון גוג ומגוג...

tickets were able to study the Talmud, but pale and concerned, the green-ticketed ones tried to lose weight to avoid the draft. Men who sold flour and groats were lucky, but not so the now unemployed bookbinders, teachers, and scribes. The Germans captured Kalisz, Bedzin, and Czestochowa. I felt the burden of maturity and expected a mysterious catastrophe. It seemed to me that if only we had accepted the lack of toilets and gas in No. 10, we might have been spared all this . . .

This was the war between Gog and Magog, Father said. And every day he discovered new omens proving that the Messiah was soon to come. . . .

## 47

## דער פריזיוו

## THE RECRUIT

מיין ברודער ישראל יהושע האט באלד נאך סוכות געמוזט פארן קיין טאמאשאוו זיך שטעלן צום מיליטער. אוועקשיקן א זון צו די זעלנער, וואלט סאי ווי געווען אן אומגליק פאר טאטע־מאמע. אבער אים הייסן גיין דינען פאניע'ן אין דער צייט פון דער מלחמה, — איז אריינווארפן אים אין פייער אריין. ווען מיין ברודער וואלט געבליבן א חסיד, וואלט ער שוין אוודאי געהאט א נגיד'ישן שווער, וואס וואלט אים אויסגעלייזט. אויפ'ן ערגסטן אופן וואלט ער זיך געווען געמאכט א פעלער. פוילן איז פול געווען מיט פעלער־מאכערס. מ'האט געלעכערט אויערן, ארויסגענומען ציין, אפגעהאקט פינגער און אפילו געמאכט א ווינקלברוך, א פארד, און וואס נישט? אלין איז בעסער אידער צו דינען דעם קייסער. אבער מיין ברודער איז געווען אנגעשטעקט פון די נייע אידייען, און לויט די נייע אידייען איז נישט געווען פאר אים קיין שום אנדער אויסוועג ווי זיך שטעלן צום פריזיוו.

מיין ברודער האט שוין דאמאלס נישט געוואוינט ביי אונז. ער איז געווען א סובלאקאטאר ביי עפעס א פאמיליע, אבער ער פלעגט קומען אהיים צו אונז אויך. ער האט שוין געטראגן קורצע מלבושים, כאטש ער פלעגט קומען צו אונז אין לאנגע. ער האט זיך פארנומען מיט מאלעריי, האט שטודירט און שוין אביסל געשריבן אויך. דער טאטע האט געליטן פון אים חרפות און בושות. ס'זענען געווען צייטן ווען דער טאטע איז געווען אויף אים שטארק אין כעס און אים אפילו געשאלטן און ארויסגעטריבן פון שטוב. אבער איין זאך איז זיין בייז אויף א זון און גאר עפעס אנדערש איז אוועקשיקן א בחור פון 21 יאר אויפ'ן פראנט, וואו מענטשן פאלן ווי פליגן.

די מאמע האט געטאן איין זאך: געוויינט און געזאגט תהילים. דער טאטע האט געפרואווט צורעדן מיין ברודער ער זאל זיך מאכן א פעלער, אבער ער האט געענטפערט:

— מיר האבן נאך ווייניק קאליקעס? דאס גאנצע פאלק איז איין הויקער.

ער האט גערעדט שארף, בילדלעך. ביי קיינעם זענען די געדאנקען פון דער השכלה נישט ארויסגעקומען אזוי בייסיק און קלאר ווי ביי אים. כאטש אין א קלעם, — האט ער זיך געוויצלט און דערציילט אלערליי אנעקדאטן. זיינע געדאנגען איז, אין גרונט, שווער געווען צו דערגיין. ער איז געווען קעגן דער פרומקייט, אבער ער האט שוין באצייטנס געשפירט אלע חסרונות פון דער וועלטלעכקייט. האט דען נישט די וועלטלעכקייט ארויסגערופן די דאזיקע מערדערלעכע מלחמה? מיין ברודער איז אין יענע צייטן געווען סאציאליסטיש געשטימט, אבער ער האט צו־גוט געקאנט דעם מין מענטש אים צו פיל צו געטרויען. דער טאטע האט עס אויסגעדריקט אין צוויי ווערטער:

— נישט קיין עולם־הזה און נישט קיין עולם־הבא....

My brother Israel Joshua was supposed to appear for conscription in Tomaszow immediately after the Feast of Tabernacles. Difficult as this would have been for my parents in normal times, now it seemed like assigning him to the furnace. Had he remained a Hasid, a wealthy father-in-law would have ransomed him. At the most, he might have wounded himself a little. Poland was full of malingerers with punctured eardrums, extracted teeth, and amputated fingers. Why serve the Tsar? But, influenced by modern ideas, my brother found it necessary to offer himself to the army.

My brother, who was painting and writing a little and educating himself, lived with another family and would come to visit us dressed in modern clothes. Father was shamed and humiliated by him, and occasionally so angered that he would order my brother out of the house. But he didn't want his son to die at the front.

Mother prayed and wept, while Father tried to induce my brother to wound himself.

"Haven't we enough cripples already?" my brother asked. "The whole body of Jews is one big hunchback . . ."

On the side of enlightenment, he spoke sharply and with great clarity, joking despite his dilemma. It was hard to know exactly where he stood. Although opposed to piety, he was aware of the faults of worldly existence. Hadn't worldliness itself caused the war? Inclined toward socialism, he was at the same time too skeptical to have that much faith in humanity. My father summed up my brother's point of view with, "Neither this world nor the world to come. . . ."

But in Father's eyes a berth with a wealthy father-in-law was to be preferred to secluding oneself in an attic, wallowing in heretic literature, painting indecent pictures, and participating in a Gentile war. There was still time, my father said; it was still possible to find an affluent bride. But my brother's views were not mercurial. What he decided was what he did. Despite my youth, I understood his problem—he had deserted the old, but there was nothing in the new that he could call his own. Despite his divorce from Jewish ways, he would remain a Jew to the Gentiles on the draft board, and therefore, as were all Jews, was suspected of spying.

שלאָפן אין די נעכט. זי איז געלעגן אַ גאַנצע נאַכט און זיך צוגעהערט צו די האַרמאַטן, צו די רעגנס, צו דעם ווינט וואָס איז אומגעלאָפן איבער אונזערע שטובן. זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן צום רבונו של עולם, צו אים מורמלען, זיך ביי אים בעטן, מנדר זיין אויף צדקה, און דער רבונו של עולם האָט געשוויגן ווי נאָר דער רבונו של עולם קאָן שווייגן. איך האָב אָנגעהויבן דערפילן אַ פאַרדרוס אויף דעם דאָזיקן אַלמעכטיקן פאָטער, וואָס זיצט אין זיבעטן הימל אויפ'ן כסא הכבוד, אַרומגערינגלט מיט מלאכים, שרפים, כרובים, און ער לאָזט אַז אין יידישע שטעטלעך אין פוילן זאָל מען הענגען רבנים. ווי לאַנג וועט ער אַזוי פּרואוון דאָס פאָלק ישראל? ס'איז דאָ איין ענטפער: אַז ער איז נישטאָ. אָבער וואָס־זשע איז יאָ דאָ? ווער האָט פאָרט אַלץ באַשאַפן?

אין איינער אַ נאַכט ווען מיר זענען געלעגן פאַרקלעמטע, איינגעבאַכלט אין בעטגעוואַנט, פאַרשטיינערט פון צרות, — האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ. די מאַמע איז געגאַנגען עפענען.

— ווער איז דאָרט, האַ? — האָט זי געפרעגט מיט אַ הויל קול.

— דאָס בין איך, יהושע...

די מאַמע האָט זיך אָנגעהויבן שטיקן. דער טאַטע האָט אָנגעצונדן אַ ליכט. ס'איז אַריינגעקומען מיין ברודער יהושע, וואָס מיר האָבן אים שוין לאַנג געהאַט מייאש געווען. ער האָט געוואָרפן אַ ריזיקן שאָטן. ער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּאָלנער דייטש, אָבער ער האָט זיך געלאָזט אָנוואַקסן אַ בלאָנד בערדל. ער האָט געטראָגן אַ שטייפן קאַפּעליוש. ער האָט אויסגעזען הויך און פאַרנעם. עס איז יאָ געווען יהושע און נישט יהושע. ער איז געוואָרן עלטער און עפּעס וויכטיקער, ווי עמיץ וואָס קומט פון אַ ווייטער מדינה. ער האָט געהייסן גלייך אויסלעשן דאָס ליכט. ער איז געהאַט אַנטלאָפן נאָך דער ערשטער, אָדער דער צווייטער שבועה. ער האָט געזאָגט אָפענע ווערטער: ווען מען זאָל אים איצט כאַפּן, וועט מען אים שיסן.

ער איז געזעסן מיט אונז אין שלאָף־שטוב און דערציילט. דער זיידע, דער בילגאָרייער רב, האָט אים געפּרואווט העלפן. ער האָט צוליב אים געמאַכט אַ נסיעה. אָבער ער האָט אים נישט געקאָנט באַפרייען. דאָס האָט דער זיידע אים געגעבן אָנצוגעהערן, אַז ער זאָל אַנטלויפן... אַלדאָס איבעריקע איז געווען אַ פּלאָנטער, אַ קאַשמאַר. דער ברודער האָט ערגעץ געקראָגן אַ פאַלשן פּאַס. ער האָט איצט געהייסן ר ע נ ט נ ע ר. די באַשרייבונג אין פּאַס האָט ווייט נישט געשטימט מיט מיין ברודער'ס אויסזען. יעדעס מאָל וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן אים געפרעגט אויף אַ פּאַס, איז ער געווען זיכער, אַז ס'איז דער סוף. ער האָט זיך געשלעפּט מיט באַנען, אַקס, אין פראַכטצוגן, אַפילו געגאַנגען צופוס. ער טאָר נישט בלייבן ביי אונז אין שטוב אַפילו קיין מינוט, ווייל ס'קאָן דאָ יעדע מינוט זיין אַ רעוויזיע. אָבער ער האָט פאָרט נישט געהאַט וואו צו גיין... מאָרגן אינדערפרי וועט ער זיך שוין איינאָרדענען.

דער טאַטע האָט אָפּגעטראָטן דעם ברודער זיין בעט. דער ברודער האָט די גאַנצע געשיכטע געהאַט דערציילט מיט אַ האַפערדיקייט. ער איז געווען ווי שיכור פון מידקייט און פון די אַלע אַוואַנטורעס. אַזוי ווי ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפ'ן געלעגער, איז ער גלייך איינגעשלאָפן ווי אַ שטיין. טאַטע־מאַמע האָבן זיך נאָך לאַנג גע'סוד'עט, גע'סוד'עט. יעדעס מאָל וואָס מ'האָט געהערט קלינגען אין טויער, איז אונז באַפאַלן אַ פחד. אפשר איז עס פּאָליציי?

ס'זענען געווען ציטן ווען מ'האָט ביי אונז אין שטוב געקאָנט פאַרגעסן אַז ס'איז דאָ פּאָליציי, זעלנער, גויים, גוי'אישע געזעצן. אָבער די דאָזיקע צייט איז געהאַט אַריבער.

אינדערפרי האָט דער טאַטע געגעבן דעם ברודער תפילין ער זאָל דאַווענען. דער ברודער האָט געוויקלט די רצועות, עפּעס געמורמלט, באַלד צוריק אָפּגעוויקלט. ער האָט געגעסן אַ שטיקל ברויט און איז אַוועק פון שטוב. ער האָט צוגעזאָגט אַז מיר וועלן פון אים הערן...

אין שטוב איז געבליבן אַ ליידיקייט און אַ געפיל ווי די גאַנצע זאַך וואָלט געווען אַ חלום. דער טאַטע איז צוגעגאַנגען צום ארון־קודש, צוגעלייגט דאָס פּנים צום פּרוכת, עפּעס געמורמלט. די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אַהין און צוריק. ס'איז געשען אַ נס, אַ גרויס נס, אָבער דער ברודער איז נאָך אַלץ אין אַ סכנה. ווער ווייסט צי זי, די מאַמע, האָט גענוג זכותים אין הימל? אפשר האָט מען אים שוין איצט, חלילה, געכאַפּט אין גאַס?

— מיר דאַרפן רחמים, גרויס רחמים!...

— וועסט זען, דער אויבערשטער וועט העלפן! — האָט דער טאַטע איר צוגעזאָגט

די מאַמע האָט דערציילט, אַז אַ פּאָר מינוט איידער דער ברודער האָט אָנגעקלאַפּט, איז זי געהאַט איינגעשלאָפן און זי האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ פּסוק פון תהילים: הרף ממני ואבליגה... בטרם אלך ואינני...

דאָס איז נישט געווען קיין נייעס. די מאַמע פלעגט יעדע נאַכט זיך אויפכאַפּן מיט פּסוקים. טיילמאָל האָט זי אַליין נישט געוואוסט וואו דער פּסוק געפינט זיך. זי האָט אים שפּעטער געפונען ערגעץ אין יחזקאל, אָדער תרי־עשר...

די רעגנס האָבן אויפגעהערט און ס'איז אָנגעפאַלן אַ שניי. די צייטונגען האָבן געשריבן אַז די דייטשע אַרמייען ווערן צוריקגעשלאָגן. זיי טרעטן אָפּ. „אונזערע בראַווע סאָלדאַטן וואַרפן צוריק דעם שונא. דער שונא לאָזט איבער אַ סך גע'הרג'עטע און פאַרוואונדעטע".

פאַר אונז איז דאָס געווען אַ שלעכטע בשורה, ווייל ווען די דייטשן וואָלטן פאַרנומען וואַרשע, וואָלט מיין ברודער געוואָרן פריי.

apartment. The Almighty, as only the Almighty can, remained silent to her beseeching prayers, her vows to give to charity if my brother would be saved. This all-powerful Father who sat in Seventh Heaven on the Throne of Glory, surrounded by angels, seraphim, and cherubim, and allowed Rabbis to be hanged began to annoy me. How much more would Israel have to endure? I could only conclude that He did not exist. What was there, then? How had everything been created?

One night as we huddled fearfully in our beds we heard a knock at the door. Mother got up, asking, "Who is it?"

"Joshua . . ."

She gasped.

Father lit the gas, and my brother, whom we had given up for lost, entered, casting an enormous shadow, dressed in modern clothes despite a blond beard. Wearing a derby, tall and imposing, he seemed altered, had grown older and more important-looking, as if he had just come back from a journey in a foreign land. "Put out the light," he said. He had deserted, he told us, and would be executed if they caught him.

Sitting with us in the bedroom, he told us what had happened. Grandfather, the Bilgoray Rabbi, had taken a trip to try to get my brother exempted, but had been unsuccessful. Then he had hesitantly advised desertion. Somehow my brother had acquired a false passport and now used the name of Rentner. The description on the passport was so unlike him that he was always in dread of police examination. He had been traveling in trains, wagons, freights, and on foot, and dared not remain at home because they might start searching for him any day. But he had no place to go, and would have to make a decision in the morning. There was a kind of pride behind what he said.

He was intoxicated with fatigue. He lay down in the bed my father had given up for him, and fell asleep immediately. My parents continued whispering long afterwards. Every time the gate bell rang, we were terrified. At one time it had been possible for us to forget that there were such things as police, soldiers, and the laws of Gentiles, but no longer . . .

In the morning, my father gave my brother a set of phylacteries and he wound the thongs about his arm, mumbled, and promptly unwound them again. He ate a crust of bread and left, promising that we would hear from him soon.

To us, it seemed as if we had been dreaming. At the Holy Ark, Father leaned his head against the curtain and prayed in silence. Mother paced back and forth. My brother's return had been miraculous, but he was still in danger. Would Mother's intercession in heaven keep him safe? Perhaps even now he was being arrested.

"We must have mercy . . ." Mother said.

"The Almighty will help," Father promised.

A few moments before my brother appeared, Mother said, she had fallen asleep and been awakened by a verse from the Psalms. But this was not unusual. Every night she woke up with a verse, at times not even knowing where it came from. Later she would locate it somewhere in Ezekiel or the Twelve Minor Prophets. . . .

After the rains there was snow. In the papers we read that the Germans were retreating, "leaving behind many dead and wounded." But for us this was bad news, since the German capture of Warsaw would have meant my brother's freedom.

My mother was back at the stove, my younger brother Moishe at the heder, while I, in the Radzymin study house, read the Gemara. From somewhere in hiding, my brother sent word. I had become a frequent reader of the newspapers, accustoming myself to the unfamiliar Yiddish, and I absorbed everything, even the serials, the humorous articles, and the jokes. Although infuriated with Germany, the papers sided with her in a sly way . . . Incongruities were many. Beside an article praising the Hasidim, the Baal Shem, the Kotzker Rabbi, there was a story of a veiled countess riding in a coach to meet her lover. There were stories for the Jews and against them, pious articles

די מאמע האט ווידער אנגעהויבן קאכן. מיין יינגערער ברודער, משה, איז געגאנגען אין חדר. איך בין געזעסן אין ראדזימינער שטיבל און געלערנט די גמרא חולין. פון מיין ברודער האבן מיר באקומען א גרוס. ער האט זיך ערגעץ אויסבאהאלטן. איך האב איצט אפן געלייענט צייטונגען. איך האב זיך צוגעוואוינט צו דעם פרעמדן יידיש, וואס מען באנוצט אין די גאזעטן. איך האב אפילו געלייענט די פעליעטאנען, די ראמאנען, די הומאָרעסקעס, די וויצן. ווי אויסטערליש איז דאס בלאט! אט איז עס פול מיט שנאה צום דייטש און אט רעדט עס אזוי ווי עס וואלט שטילערהייט געווען אויף זיין צד... אט קומט אן ארטיקל מיט הויכע רייד וועגן חסידות, דעם בעל־שם, דעם קאצקער רבי'ן, און באלד דערנעבן דרוקט זיך א מעשה פון עפעס א פארשלייערטער גרעפין, וואס פארט אין א קארעטע באגעגענען א געליבטן. דער בוינן־פאפיר וואס מ'רופט צייטונג, האט געהאט א סך צורות: געוויינט, געלאכט, געווען פרום, אפיקורס'יש, פ א ר יידן, ק ע ג ן יידן, אהין, אהער... די מאמע האט ביי מיר ארויסגענומען די צייטונג, א לייען געטאן און געטענה'ט:

— זיי ווילן די פאר גראשן, ווייטער גארנישט.

נו, און וואס וויל ניקאליי ניקאלאיעוויטש? וואס וויל ווילהעלם? וואס וויל דער אלטער קייסער פראנץ יאזעף? און וואס וויל — טויזנט מאל להבדיל — דער קייסער פון דער וועלט, דער באשעפער פון הימל און ערד? וואס האט ער צו יענע סאלדאטן וואס בלייבן ליגן צעשמעטערטע אויפ'ן שלאכטפעלד?

טוב ה' לכל ורחמיו על כל מעשיו — נאט איז גוט צו אלעמען און זיין דערבארעמדיקייט איז אויף אלע זיינע ווערק. אבער איז טאקע אזוי? אדער זאג איך דריי מאל אין טאג א ליגן? איך מוז געפינען דערויף אן ענטפער!... נאך איידער איך ווער בר־מצוה...

and heretic ones. Snatching the paper from me, and scanning it, Mother said, "All they want is your pennies . . ."

Well, and what did the Tsar's uncle want? Or Kaiser Wilhelm? Or old Franz Josef? And—to beg the comparison—what did the Emperor of everything, the Creator of Heaven and Earth require? That He could go on watching soldiers fall on battlefields?

"The Lord is good to all and His mercies are over all His works . . ."

Was this so? Or did I mouth a lie two times a day? I must find an answer, and I must do so before the time of my *bar mizvah* . . .

# 48

## די אַטעליע

## THE STUDIO

פון מיין ברודער זענען אנגעקומען מארגע גרוסן. ער האט זיך אריינגעצויגן אין אן אטעליע, דאס הייסט, אזא שטוב וואו מאלערס מאלן בילדער. דארט האט ער געוואוינט אונטער דעם פאלשן פאס. ער האט געמאלט, אבער ער האט, אפנים, געמאכט פון זיין מאלעריי קנאפע גליקן, ווייל מיר האבן אים געמוזט ארויסהעלפן מיט געלט און מיט עסן. אין איינעם א טאג האט מיך די מאמע געשיקט אין אט־דער אטעליע מיט א קיישל עסנווארג.

די אטעליע האט זיך געפונען, דוכט זיך, אויף דער טווארדע נומער 1 און זי האט געהערט צו דעם סקולפטאר אסטזשעגא, וואס איז שפעטער געווארן בארימט, און וואס האט געשניצט דעם אוהל אויף פרצ'עס קבר. איך בין ארויף פינף שטאק שטיגן און בין אריין אין א זאל, וואס האט אויסגעזען פרעמד, פאנטאסטיש און עפעס ווי א חלום. דער זאל האט געהאט א גלעזערנעם סופיט און ס'האט אין אים אריינגעקוקט דער הימל. די ווענט זענען געווען באהאנגען מיט בילדער: לאנדשאפטן, פארטרעטן, נאקעטע נקבות. אין מיטן זאל זענען געשטאנען געשטעלעכלעך אזוינע מיט פיגורן איינגעהילטע אין פייכטע זעק. דער זאל האט מיך דערמאנט אין ספעקטן, גלעזערנע הייזער וואו מען לאזט וואקסן פרוכט (איך האב געזען אמאל אזא זאך) און אין א סארט אינעווייניקסטן גוי'אישן צמענטאר. א קליין מענטשל מיט א חסיד'יש פנים און מיט א געהויקערטער פלייצע פון א ישיבה־בחור האט גראד אראפגענומען איינעם פון די זעק און איך האב געזען א ליימענע נקבה. זי האט אויסגעזען משונה לעבעדיק, א סארט ווייבערשער גולם וואס מען וועט איר באלד אריינגעבן א שם המפורש און זי וועט נעמען באווייזן נסים. איך בין געשטאנען ביי דער טיר א פארגאפטער, א דערשראקענער און א פארשעמטער. דאס קליינע מענטשל איז צו מיר צוגעקומען און געזאגט:

— דו ביזט יהושע'ס ברודער, הא?

— יא.

— כ'האב דיר גלייך דערקאנט. ס'איז דער זעלבער שניט אין פנים. דיין ברודער איז אין דער צווייטער שטוב.

איך האב זיך געלאזט גיין צווישן די אלע פיגורן און איך האב מורא געהאט זיך אין זיי נישט אנצושטויסן, ווי זיי וואלטן געווען מתים איבערגעדעקט מיט תכריכים. דאס קליינע מענטשל איז געווען דער סקולפטאר אסטזשעגא. ער האט געעפנט א טיר און איך האב דערזען מיין ברודער און נאך עטלעכע יונגעליט און מיידלעך.

— א, זעט נאר א גאסט! — האט מיין ברודער אויסגערופן.

The strange news reached us that my brother had moved into an artist's studio, where he lived with a false passport and painted—apparently unsuccessfully. Mother sent me there one day carrying a basket of food.

The studio, which I think was at No. 1 Twarda Street, belonged to the famous sculptor Ostrzego who years later carved the monument over Peretz's grave. After climbing five flights of stairs, I entered a fantastic hall with a large skylight and landscapes, portraits, and nude paintings on the wall. Statues covered with moistened sacks were in the center of the room. I was reminded of a greenhouse which I had once seen, and of a Gentile cemetery. A Hasidic-looking person, small and stooped as a yeshivah boy, happened to be removing one of the sacks, exposing a surprisingly lifelike woman, a kind of female golem who would perhaps shortly perform miracles through the power of the Cabala. Frightened and ashamed, I remained at the door, my mouth open. Walking up to me, the small man said, "You are Joshua's brother?"

"Yes."

"I recognized you right away. The same facial structure. Your brother is in the next room."

As if the statues were shrouded corpses, I walked between them in fear of contact. The man opened the door and I found my brother in the midst of other young men and girls. "Look, a guest!" my brother called out.

אלע האבן זיך גענומען וואונדערן אויף מיר, קוקן אויף מיר און מיך אפמעסטן מיט דעם כאראקטעריסטישן בליק פון פלאסטישע קינסטלער, וואס דערזעען גלייך אין יעדן פנים א מעגלעכקייט פון שאפן. איך האב געהערט ווי זיי מורמלען: אינטערעסאנט... אינטערעסאנט... מיין ברודער האט מיך פארגעשטעלט פאר איינעם מיט׳ן נאמען רובינליכט. ס׳איז געווען דער מאלער פעליקס רובינליכט.

טייל האבן גערעדט יידיש, אנדערע — פויליש. די דאזיקע מענטשן זענען געווען אנדערש אנגעטאן, געמאכט אנדערע באוועגונגען ווי געוויינלעכע יונגעלייט און מיידלעך. איך האב דערפילט אין זיי עפעס אזוינס ווי א קרובה׳שאפט, און מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז זיי האבן א שייכות מיט יענעם בוך וואס איך האב געלייענט וועגן דעם סטודענט ראסקאלניקאוו, וואס האט דער׳הרג׳עט די אלטע און איר שוועסטער. איך האב מיך אביסל געשעמט מיט מיין כאלאטל און די פאות, אבער מיין ברודער האט נישט ארויסגעוויזן קיין שום פארלעגנהייט. ער האט מיך אויסגעפרעגט וואס איך טו, וואס איך לערן. אסטזשעגא האט מיך עפעס געפרעגט וועגן דער גמרא. ער האט אליין אויך געדענקט גמרא פון אויסנווייניק. ס׳איז געווען מאדנע צו הערן פון א מענטש אן א היטל און אין אזא סביבה ארויסברענגען די הייליקע ווערטער. די מיידלעך האבן דא געשמייכלט, דא געווארן ערנסט, געמישט פויליש מיט יידיש. דער סוף איז געווען אז איינער פון די מאלער — דוכט זיך ס׳איז געווען רובינליכט — האט מיך געהייסן פאזירן פאר אים. איך האב מיך אוועקגעזעצט און ער האט מיך גענומען מעסטן, קוקן אויף מיר, צייכענען, פארציען די ברעמען, אונטערמורמלען. די אנדערע האבן געזאגט מבינות. ס׳האט נייטש לאנג געדויערט ווי איך האב דערזען מיין אייגענע צורה, יא־ענלעך און נישט־ענלעך, מיט אברים אזוינע וואס איך האב נאך דערווייל נישט געהאט, אבער וואס איך וועל אפשר האבן ווען איך וועל ווערן עלטער, אדער אפשר האב איך זיי געהאט אין א פריערדיקן גלגול. איך האב דערזען אין מיין געשטאלט עפעס וואס איך האב פריער נישט געקאנט און וואס האט עפעס געזאגט וועגן מיר, נישט אין ווערטער, נאר אין ליניעס, שאטנס, קנייטשן...

די מאלער האבן זיך געשפארט וועגן מיר, פארגליכן מיך מיט דער צייכענונג, און דאס האט מיר צוגעגעבן א שטאלץ און א חשיבות. איך האב עפעס אזוינס געהאט איבערגעלעבט ווען איך בין געווען אין א לעטשניצע (אמבולאטאריום) און עטלעכע דאקטוירים האבן מיך באטראכט, מיר געקוועטשט דעם בויך, מיר געפויקט אין רוקן און אין די ריפן. אין חסידים־שטיבל האט קיינער קיינמאל נישט געזאגט קיין ווארט וועגן מיינע רויטע האר, מיינע בלויע אויגן, און מיין ווייסער הויט. אבער דא איז דער גוף, זעט זיך, בחשיבות. דא רעדט מען נישט בלויז וועגן דעם צי א יינגל קאן יא לערנען, אדער נישט לערנען, נאר וועגן זיין נאז, זיינע באקן, זיין שטערן, זיין האלז. ס׳איז מיר עפעס ווי געווארן קלאר, אז איך האב א קערפער און ס׳איז מיר געווען א בושה. איך האב געקוקט אויף די מאנסלייט, די מיידלעך, און באמערקט זייערע אברים. מיין ברודער האט א פרעג געטאן:

— וואס טוט דער טאטע?

— ער לערנט.

— ער לערנט, הא? ווי לאנג וועט מען דאס אזוי לערנען? א וועלט קערט זיך איבער און זיי האלטן אלץ ביי דער ביצה שנולדה ביום טוב.

אזוי ווי איך בין דארט געזעסן, האבן געהאלטן אין איין קומען יונגעלייט, מיידלעך. די טיר האט נישט גערוט קיין מינוט. ס׳איז אריין א יונגערמאן אין א סאמעטן רעקל. ס׳איז אריינגעקומען א מיידל מיט געשוירענע האר און משונה שווארצע אויגן. אלע האבן זיך דא געקאנט, אלע האבן זיך געוויצלט. פון אלעמענס בליקן האט ארויסגעקוקט א קלוגשאפט אזא וואס מען זעט בלויז ביי היינטיקוועלטישע. איך בין געווען זיכער אז יעדער פון זיי איז ווילד געלערנט, פול מיט חכמה און וויסנשאפט, וואס איז פאר מיר אינגאנצן פארהוילן. א בחור׳ל איז אריין וואס האט אויסגעזען סאי יונג און סאי אלט. דאס פנים זיינס האט אויסגעדריקט א שטארקייט, א פעסטקייט. ער האט נייטש אויסגעקוקט א סך עלטער פון מיר, אבער זיין גאנץ וועזן האט אויסגעדריקט געניטשאפט. מיר דוכט זיך אז דאס איז געווען דער מאלער חיים האנפט. איך בין אין די שפעטערע יארן מיט זיי אלעמען געווארן באקאנט און גערעדט מיט זיי ווי א גלייכער מיט גלייכע. אבער דאמאלס האבן זיי מיר אויסגעוויזן ווי מענטשן פון א העכערער וועלט, העלדן וואס זענען ערשט ארוים פון א ראמאן, אדער מענטשן וואס שטאמען ערגעץ פון אויסלאנד.

נאך דעם דאזיקן באזוך איז געקומען א צווייטער באזוך, א דריטער, א פערטער. אבער יעדעס מאל בין איך געווען פונסניי איבערראשט. שוין דאס געפינען זיך אין א שטוב מיט א גלעזערנעם דאך האט געצויגן ווי א מאגנעט. ס׳איז שוין געווען נאך פסח. איך האב געזען פון דאנען א בלויען הימל, א זון, פייגעלעך. שטראמען ליכט זענען געפאלן איבער די בילדער און פיגורן. איך האב יעדעס מאל געוואלט זען די ליימענע פיגורן פונסניי און אסטזשעגא האט אראפגענומען די פייכטע זעק און זיי מיר געוויזן. איך האב געמיינט, אז זיי האבן שוין דערגרייכט די העכסטע שטופע פון לעבעדיקייט, אבער זיי זענען יעדעס מאל געווארן אלץ לעבעדיקער, אלץ מער פול מיט א רוח חיים, אשטייגער ווי דער דאזיקער איינגעהויקערטער בחור וואלט אריינגעבלאזן אין זייערע נאזלעכער שטיקער נשמה.

They examined me with the curious penetration of artists. I heard them murmur, "Interesting . . ." I was introduced to a painter named Felix Rubinlicht.

Speaking both Yiddish and Polish, they behaved as no other young people I had ever seen. It seemed to me that they were all somehow related, not only to each other, but to the student, Raskolnikov, about whom I had been reading. My gabardine and sidelocks embarrassed me, although my brother did not seem discomfitted by them.

He asked what I was studying. Ostrzego questioned me about the Talmud; he could still recite sections from memory. The sacred words sounded odd coming from the lips of a hatless man in such surroundings. The girls smiled wearily. Finally, Rubinlicht asked me to pose. When I sat down, he held his hand before him to measure the proportions, frowned, and began to sketch. Others gathered around him, commenting. Finally the drawing appeared, myself translated into line, tone, and shadow, looking like something I might become some day, or have been in a former existence.

Quibbling about the resemblance of the drawing to the original, the artists made me feel important, as I had once before felt in a clinic where several doctors poked my belly, back, and ribs. No one, in my Hasidic background, had ever mentioned my red hair, white skin, and blue eyes, but here the body was respected; there was more to a boy than the ability to study.

But awareness of my body shamed me. Yet I began to see that others had physical characteristics also.

My brother asked what Father was doing.

"Studying."

"Studying? How long will that go on? The world goes to pieces and they still ponder the egg laid on a holiday."

The door swung back and forth incessantly as other men and girls came in, among them a young man in a velvet jacket and a bobbed-haired girl with unusually black eyes. All acquainted, speaking wittily, they seemed far beyond me in wisdom and knowledge; their eyes were worldly, intelligent. A boy entered who did not seem much older than I, but who had the manner of an experienced person, an appearance of strength. I believe he was the painter Haim Hanft. Later, when I came to know these people, I spoke to them as an equal, but at that time they appeared like beings from a superior world.

I visited my brother several times, but each visit startled me all over again. I was fascinated by the thought of being in a room with a glass roof. Through the skylight I could glimpse blue sky, sun, and birds. Passover had come and gone. The paintings and statues were spangled with light. Every time I came, Ostrzego would have to lift the moist sacks again so that I could see the statues, which became more and more real for me, as if the hunchback had breathed a soul into them.

I was astonished at the sight of naked breasts on the figures of young and pretty girls, for I had assumed that breasts were solely the property of slovenly women who nursed babies in public. I had been brought up to believe that only a lecher observed such things, but I came to realize that artists looked at them differently.

The ways of the intelligentsia became more familiar to me. They neither prayed nor studied from holy books nor made benedictions. They ate meat with milk, and broke other laws. The girls posed nude with no more shame than they would have about undressing in their own bedrooms. In fact, it was like the

טייל פיגורן האבן געהאט נאקעטע בריסטן. איך האב אין מיין נאאיוויטעט געמיינט אז בריסטן האבן בלויז פארשליאכטעטע ווייבער, וואס זויגן קינדער פאר אלעמען אין די אויגן. אבער איך האב איצט געזען אז יונגע און שיינע מיידלעך האבן אויך בריסטן, און דאס האט מיך פארשעמט און פאר׳חידוש׳ט. לויט ווי מ׳האט מיך אויפגעצויגן, טאר א מאנסביל נישט קוקן אויף אזוינע זאכן און ווער עס קוקט, איז א חמור־אייזל. אבער די מאלער דא האבן, אפנים, זיך נישט געשראקן פאר דעם נאמען חמור־אייזל.

איך האב אלץ מער און מער צוגעזען דאס פירעכץ פון די דאזיקע אינטעליגענטן. דא האט מען נישט געדאוונט, נישט געלערנט, נישט געמאכט קיין ברכה. דא האט מען געגעסן מילכיקס צוזאמען מיט פליישיקס און

אפגעטאן אלע עברות. די מיידלעך האבן זיך אויסגעטאן ווי אין א שלאף־שטוב. פון קיין בושה האט דא קיינער נישט געוואוסט, אשטייגער ווי ס׳וואלט נאך דא געווען פאר אדם׳ס און חוה׳ס עסן פון עץ הדעת. קיין איינציק ספר האט זיך דא נישט געפונען, בלויז גוי׳אישע ביכלעך. די דאזיקע בחורים און מיידלעך האבן זיך אפן געפירט ווי שקצים און שיקסעס. נישט מער, זיי האבן געקאנט רעדן יידיש.

וואס פאר׳א פלוצלונגדיקער איבערגאנג פון מיין טאטנ׳ס בית־דין־שטוב צו דער דאזיקער אטעליע! מיר דוכט זיך טיילמאל, אז דער דאזיקער איבערשפרונג איז אין איינקלאנג מיט מיין כאראקטער, מיט מיין גורל, מיט מיין שאפן. אין מיינע דערציילונגען איז אויך איין טריט פון בית־דין־שטוב ביז נאקעטקייט און פון נאקעטקייט צו דער בית־דין־שטוב. איך בין געבליבן אינטערעסירט מיט לייב־און־לעבן אין די ביידע פאזן פון מענטשלעכקייט.

אין הארבסט 1914 האבן די רוסן געהאט אפגעהאלטן א נצחון און די דייטשע ארמייען זענען אפגעטראטן. אבער איצט האבן די דייטשן ווידער זיך אנגעהויבן דערנענטערן. מ׳האט שוין ווידער דערהערט די ווייטע אפהילכן פון הארמאטן. נייעט מער, מ׳האט זיך געוומען צוגעוואוינען צו דער מלחמה. דארט, אויף די שלאכטפעלדער, זענען מענטשן געפאלן, אבער דא האט געשיינט די זון. אין דעם הויף פון דער אטעליע האט זיך געפונען א באזאר און מ׳האט דארט פארקויפט אלערליי סחורות. שפייז איז געווארן טייערער און א סך פראדוקטן האבן אויסגעפעלט, אבער ווי לאנג די רוסן זענען געבליבן אין ווארשע, האט מען נישט געהונגערט. רוסלאנד האט געשיקט וואגאנען מעל, קאשעס. ווארשע איז געווען פול מיט סאלדאטן און פול מיט היימלאזע, אדער פליטים. איך האב געזען זעלנער וואס זענען מיר ביז דאמאלס געווען אומבאקאנט: טשערקעסן מיט ריזיקע פאפאכעס און מיט פולע בריסטן מעסערלעך אדער קינזשאלן; אלערליי קאלמיקן, כונכוזן, און ווער ווייסט וואסערע נאך ווילדע שבטים, יעדער אין זיין אוניפארם. טייל זענען ערשט געגאנגען אין מלחמה, אנדערע האבן זיך אומגעקערט פון דער מלחמה. די קאזארמעס זענען געווען פול געפאקט. גאנץ אפט זענען פארבייגעפארן קעט׳שלעך מיט פארוואונדעטע — גאנצע לאזארעטן. עס זענען אינעווייניק געלעגן מענטשן איינגעהילטע אין גאזע, וואטע, באנדאזשן, ארומגערינגלט מיט אן אומהיימלעכער טונקלקייט און מיט דעם סוד פון טויט. די היימלאזע ווידער האבן זיך געוואלגערט אין שטיבלעך, בתי־מדרשים. ס׳איז געווען אויסטערליש צו זען אין א בית־מדרש צעשויבערטער יידענעס מיט קינדער, כלים, בעבעכעס. די וועלט האט זיך געהאט איבערגעקערט און אפשר דערפאר האב איך מיך לייכטער צוגעוואוינט צו דער אטעליע, וואו מיין ברודער האט געוואוינט. ס׳איז געווען א צייט ווען אלץ האט זיך איבערגעדרייט קאפויער.

אין משך פון ווינטער האבן די רוסן געהאט אפגעהאלטן גרויסע נצחונות. איצט זענען די רוסישע ארמייען געלאפן אויף צוריק. מ׳האט ארויסגעטריבן די רוסן פון גאליציע, פון די קארפאטן, פון קעניגסבערג. די זעלבע קאזאקן און טשערקעסן וואס האבן ווינטער אפגעהאלטן אזוינע העלדישע זיגן און געווען אזוי „בראוו" (ווי מ׳האט געשריבן אין די קאמוניקאטן) — די זעלבע קאזאקן און טשערקעסן זענען איצט געווארן דערשראקענע איוואנעס, וואס זענען אנטלאפן פאר דעם דייטשן און עסטרייכישן שונא. אבער ווי אזוי איז דאס געשען? ווי אזוי קאנען שטארקע ווערן שוואך און שוואכע שטארק? ווי אזוי זענען די גענעראלן וואס זענען ווינטער געווען אזוי קלוג, געווארן אין זומער אזוינע בהמות?

יא, קיין קשיות צום פרעגן האבן נישט אויסגעפעלט. די צייטונגען האבן געפרואווט געבן צו פארשטיין דעם ענין. ספעציעל האט זיך געפלייסט דער זשורנאליסט איטשעלע אדער יאושזאהן, וואס האט זיינע פאליטישע שמועסן באווירצט מיט ווערטלעך פון דער גמרא און מדרש. מיין פאטער האט איצט געלייענט איטשעלע׳ס פאליטישע פעליעטאנען, און יעדעס מאל וואס ער האט געענדיקט לייענען, האט ער א זאג געטאן:

— א כתבא רבא!...

איך מוז דא פארלויפן די צייט און זאגן אז דאס שרייבן פון זיינע אייגענע קינדער האט מיין פאטער קיינמאל נישט אנערקענט. ווען מיין ברודער און איך האבן געטראפן מיין פאטער צום לעצטן מאל, האט ער אונז א פרעג געטאן:

— עין האנדלט נאר אלץ מיט צייטונגען?...

דער טאטע האט זיך אריינגענומען אין זין, אז מיר ה א נ ד ל ע ן מיט צייטונגען און אזוי איז עס ביי אים געבליבן. ער האט געוואוסט בלויז פון צוויי שרייבער: פון פרצ׳ן און פון יאושזאהנ׳ען. פרצ׳ן האט ער נישט געלייענט, אבער ער האט קיינמאל נישט ארויסגערעדט זיין נאמען אן א ימח־שמו, ווייל פרץ האט געמאכט חוזק פון יידישקייט — אזוי האט מען אים געזאגט אין ראדזימינער שטיבל. פון יאושזאהנ׳ען האט ער געהאלטן דער עיקר דערפאר, ווייל ער האט אריינגעמישט גמרא־ווערטלעך. ער האט אים געלייענט אזוי לאנג ווי ס׳האט געדויערט די מלחמה.

נאך דער מלחמה האט דער טאטע מער קיינמאל קיין צייטונג נישט אנגעקוקט. ער האט אוודאי געהערט אז מיר זענען ליטעראטן, שרייבער, אבער עפעס איז עס אים נישט אריין אין קאפ. אדער אפשר האט ער גאר נישט געוואלט צולאזן דעם געדאנק, אז זיינע זין זאלן זיך אפגעבן מיט אזוינע שטותים...

האנדלען מיט צייטונגען איז אן אנדער זאך. א סוחר איז א סוחר. וואס אין די נפקא מינה מיט וואס׳ער סחורה מ׳האנדלט?...

Garden of Eden there, before Adam and Eve had partaken of the Tree of Knowledge. Although they spoke Yiddish, these young people acted as freely as Gentiles.

This was quite a change from my father's studio, but it seems to me that this pattern has become inherent to me. Even in my stories it is just one step from the study house to sexuality and back again. Both phases of human existence have continued to interest me.

Even though Germany had been compelled by the Russians to retreat in the fall of 1914, the Germans were once more advancing, and we heard the cannons again. But we had become accustomed to the war. Soldiers were dying in battle, but the sun shone on us, and as long as the Russians were in possession of Warsaw we didn't starve, even though food was expensive and scarce. In the courtyard of the house where the studio was, there was a market where one could buy many things. The city was full of refugees and soldiers, many of them unfamiliar, like Circassians with huge *papachas*, chests bulging with daggers and cartridges. There were Kalmucks, and other savage people, all in their own uniforms, some leaving for the front, others returning. The barracks were jammed. Wagons full of wounded rode by, like mobile hospitals, the men within swathed in bandages and the gloom of death.

In the study houses and houses of prayer, one came upon the strange sight of homeless people, dreary mothers with children, cooking utensils, and bedding. Nothing was as it should have been, and perhaps because of this I grew accustomed to my brother's studio.

The Russians, who had been so victorious during the winter were now on the run, having been driven out of Galicia, the Carpathians, and Königsberg. The "brave" Cossacks and Circassians of the communiqués had become frightened peasants fleeing before the German and Austrian armies. But how had the generals who had been so brilliant in the winter turned so stupid in the summertime?

Questions were endless. Of all the journalists who tried to explain matters, one Itchele tried hardest, spicing his political discussions with quotations from the Talmud and Midrash. My father, each time he read Itchele, would remark, "How clever!"

There were only two writers whom my father would acknowledge, Peretz and Itchele. Of the two of them, he preferred the Talmud-quoting Itchele, although he hadn't read Peretz. But having been informed in the Radzymin study house that Peretz ridiculed the Jewish way of life, he cursed this writer with, "May his name be blotted out!"

After the war, however, Father never looked at a newspaper again. He must have heard that my brother and I were writers, but he decided that we were in the newspaper business. "Do you still deal in newspapers?" he asked the last time we saw him. Perhaps being in the newspaper business was in his eyes preferable to writing. After all, as long as one sold something, what difference what the product was?

קוילן זענען געווען טייער, און דערצו האט אונזער אויוון געראוכערט. אזוי קאלט איז געווען ביי אונז אין שטוב, אז דאס וואסער אין די רערן איז געווארן געפרוירן. מיר האבן שוין געהאט וואסער־קלאזעט, אבער מיר האבן עס נישט געקאנט נוצן. די שויבן אין אונזערע פענצטער זענען וואכן לאנג געווען באדעקט מיט פראסט־ביימער און פון די ראמען האבן נאכגעהאנגען אייז־צעפלעך. אז איך בין געווארן דורשטיק, האב איך אפגעבראכן אן אייז־צעפל און עס גענאגט ווי א צוקערל.

מורא'דיק קאלט איז געווען ביינאכט. דער טאטע האט זיך געשטעלט נעגל־וואסער, אבער ס'איז באלד דערפון געווארן אייז. וויפיל מ'האט זיך נישט צוגעדעקט מיט איבערדעקן, האט מען זיך אלין נישט געקאנט דערווארימען. ווינטן האבן געבלאזן, און די שטובן אונזערע זענען פול געווען מיט שארכן, אשטייגער ווי שדים און לאפיטוטן וואלטן אין זיי ארומגעשטיפט. איך בין געלעגן א צונויפגעקנוידערטער אויף מיין געלעגער און פאנטאזירט פון אוצרות, כישוף און שפרוכן אזוינע, וואס דורך זיי וואלט איך געקאנט העלפן טאטע־מאמע, יוסף מאטעס'ען, אלע יידן. אין דער פאנטאזיע בין איך געווען אליהו הנביא, משיח, און וואס נישט? איך האב, ווי יוסף הצדיק, צוגעגרייט אוצרות מיט שפייז און געעפנט די דאזיקע אוצרות אין די זיבן מאגערע יאר. איך האב אנגעווארפן א פחד אויף גענעראלן, ארמייען, קיסרים. דער ראדזימינער רביצין האב איך פאר דעם איינעם פינגערל אומגעקערט א גאנצן קופערט מיט בריליאנטן...

די מאמע און די קינדער זענען געלעגן ביז שפעט אין בעט. ס'איז געווען צו־קאלט זיך אויפצוהויבן. ס'איז אויך נישט געווען צו וואס. אבער דער טאטע האט זיך געשטארקט, זיך אנגעטאן. ער האט אנגעריבן די הענט אן דעם פראסט פון די שויבן און צוגעשטעלט א טעפל אייז אויפ'ן גאז אין קיך עס זאל אויפגיין. דער טאטע האט זיך שוין געהאט אויסגעלערנט זיך באנוצן מיט דער גאז־מאשינקע. אבער דער גאזמעטער האט פארלאנגט זילבערנע פערציקערס, ווען נישט, זענען מיר געבליבן אן גאז.

דער טאטע איז געזעסן אן איינגעהילטער אין א וואטענער קאפאטע און געלערנט. ער האט אויך געשריבן חידושים מיט געפרוירענע פינגער. איין לוקסוס האט דער טאטע זיך געקאנט פארגינען: טיי. זיין „טיי" איז באשטאנען פון הייס וואסער וואס מ'האט דערין אריינגעטאן א טראפן עסענץ פון טיי. קיין צוקער האט מען מער נישט געקראגן און קיין סאכארין האט דער טאטע נישט פארטראגן. ער האט געטרונקען די „טיי" אן שום צובייס און געמישט אין די אלטע ספרים. דארט, אין צל"ח, אין פני יהושע, אין רשב"א, אין ריטב"א, האט זיך גארנישט געהאט געענדערט. דער שאגת אריה האט נאך אלץ געפרעגט די אלטע שאלה: איז קריאת שמע מדאורייתא אדער מדרבנן? און אויב עס איז פון דער תורה — איז עס גאנץ קריאת־שמע, אדער בלויז דער ערשטער פסוק, אדער די ערשטע פרשה?... דא, בלויז דא, האט דער טאטע זיך געפילט היימיש. דא איז געווען זיין היים, זיין וועלט...

שלעכט איז געווען מיט רויכערן. מיין פאטער איז געווען א שטארקער רויכערער. פאר דער מלחמה פלעג איך יעדן טאג פאר אים קויפן עטלעכע פעקלעך פאפיראסן. ער האט אויך א צייט גערויכערט א ליולקע־ציבוק, אבער איצט זענען פאפיראסן געווען טייער. דער טאטע האט ווידער אנגעהויבן רויכערן א ליולקע און ער האט אין איר אריינגעטאן א סארט פויערישן טאבאק — מאכארקע. ער האט גערויכערט, געטרונקען די הייסע וואסערדיקע טיי און געלערנט, געלערנט. וואס איז געבליבן אויסער דער תורה?

מיין ברודער ישראל יהושע האט אויך געליטן נויט. ער איז איצט ווידער געשלאפן ביי אונז. קיין בעט האט ער נישט געהאט און ער האט זיך אויסגעבעט אויפ'ן טיש אין דער בית־דין־שטוב, וואו די קעלט איז געווען ערגער ווי אינדרויסן. די מאמע האט אים צוגעדעקט מיט וואס זי האט געהאט.

ווי אויסטערליש, נאר אין דער דאזיקער וויסטער קעלט האבן זיך אריינגעכאפט צו אונז מייז. וואס זיי האבן געקאנט עסן ביי אונז, ווייסט בלויז גאט. זיי האבן זיך גענומען צו די ספרים, צו די מלבושים. זיי זענען ארומגעשפרונגען אין די נעכט מיט דער הפקרות פון הונגעריקע באטשעפענישן, וואס זענען גרייט אלץ איינצושטעלן. די מאמע האט געקראגן א קאץ, אבער דאס איז געווען א קאץ א שלעפעריקע און א גלייכגילטיקע. זי האט געזען פארבייליופן א מויז און זי האט זיך אפילו נישט געטאן קיין ריר. די געלע אויגן אירע האבן ווי געזאגט:

— זאלן זיי לויפן. וועמען ארט עס?

די קאץ איז שטענדיק געווען פארטאן אין דרימלעניש און חלומות. מ'האט באשיינפערלעך געזען, אז דער געדאנק אירער איז ווייט, ווייט אוועק. דער טאטע האט א זאג געטאן:

— ווער ווייסט? אפשר איז זי א גלגול?

און דער טאטע האט זי געשוינט און איר עפעס ווי אנגעטאן כבוד. יא, ווער ווייסט? אפשר זיצט אין איר די נשמה פון א צדיק? ווארים ס'טרעפט טיילמאל, אז א צדיק פארזינדיקט זיך און מוז זיך אומקערן אויף דער ערד עפעס פארריכטן. די וועלט איז פול מיט גלגולים און תיקונים. אז דער טאטע האט עפעס געגעסן, האט ער אלעמאל צוגערופן די קאץ. זי האט זיך געלאזט בעטן, ווי ס'פאסט פאר א קאץ פון א העכערן סארט, און געגעסן האט זי פאמעלעך און מיט א ווידערווילן. טיילמאל האט זי געטאן א קוק פאר זיך, און דער ערנסטער בליק אירער האט געזאגט:

— ווען דו וואלסט געוואוסט ווער איך בין, וואלסטו באנומען וואס פאר א זכיה ס'איז מיך צו האבן אין שטוב...

און גיי פארלאנג פון אזא קאץ זי זאל כאפן מייז...

Meat was too expensive. We began to use cocoa butter, which could be eaten with both meat and milk dishes.

The most difficult thing to bear at that time was the cold, and we could not afford to heat the apartment. Our pipes froze and it was impossible to use the toilet. For weeks, frost patterns decorated our windows and icicles hung from the frames. When I was thirsty I broke off an icicle and sucked it.

At night the cold was unendurable. No amount of covering sufficed. The wind, rustling through our apartment, made me think of goblins. Huddled in bed, I had fantasies of treasures, black magic, incantations that would help my parents, Joseph Mattes, and everyone else who suffered. I imagined myself Elijah, the Messiah, and whatnot . . . Like the biblical Joseph, I filled storehouses with food and threw them open in the seven years of famine. A word from me made whole armies tremble, as well as their generals and the emperors behind them. I gave the Radzymin Rebbetzin a basketful of diamonds.

It was too cold to get out of bed. Mother and we children never arose until late in the day, but Father forced himself to dress. The water for his ablutions froze. He rubbed his hands on the windowpanes and placed a pan of ice on the stove. He had learned to use the gas jet, but the meter still required a forty-groschen piece. Tea was his one luxury, although it consisted almost entirely of hot water with just a pinch of tea leaves. Sugar was unavailable and he detested saccharin. Wrapped in a padded gabardine, he drank his tea and studied, writing with frozen fingers. In *The Face of Joshua* everything was as it had been, and the *Roar of the Lion* asked the ancient questions: Is the reading of *Shema* based on Mosaic or rabbinic law? Is one obliged to repeat all of it, according to Mosaic law, or only the first verse? Or the first section? Only there did Father feel comforted.

Before the war I used to buy him several packs of cigarettes a day, and he also used to smoke a pipe. But now that cigarettes cost so much, he would fill his pipe with a peasant type of tobacco called Majorka. Smoking, drinking weak tea, he studied endlessly. What else was there but the Torah?

In desperate straits again, my brother Israel Joshua was living at home, sleeping on a table in my father's study, where the cold was worse than it was outside. My mother covered him with whatever she could find.

In spite of the terrible frosts, mice invaded our apartment, attacking books and clothes, leaping about at night with suicidal abandon. Mother obtained a cat, but it observed their activities indifferently, its yellow eyes implying, "Let them run. Who cares?"

Her mind seemed to be far away, she was always dozing, dreaming. "Who knows?" Father said. "She might be a reincarnation. . . ."

Father took care of her respectfully. Wasn't it possible that she might have the soul of a saint? After all, a saint who sins is returned to earth for a while. The earth was full of transmigrant souls sent back to correct a single transgression. When Father ate, he would call the cat to him, and with an air of majesty she would allow herself to be coaxed, eating slowly and discriminatingly. Then she would look up gravely, as if to say, "If you knew who I am, you would feel honored to have me here. . . ."

How could she go after mice?

ער האט געבעטן די „הערן ראבינערס" זיי זאלן רעדן צווישן די „יודען" וועגן דער וויכטיקייט פון ריינקייט, וואס איז אויך אין איינקלאנג מיט דער רעליגיאן. נאך דער רעדע האט ער זיך פארנויגט און איז ארויס.

— דאס איז אלץ? — האט די מאמע געפרעגט.

— וואס נאך?

— וואס הערט זיך וועגן געבן אייך שטעלעס און צאלן שכירות?

— דערפון האט מען נישט גערעדט.

— דערפון וועט מען קיינמאל נישט רעדן — האט די מאמע געזאגט.

— ווי באלד מ'רופט אונז אין ראטהויז, איז א סימן אז מ'האלט אונז פאר רבנים.

— ס'איז גארנישט קיין סימן.

— נו, אבי כ'בין עס איבערגעקומען — האט דער טאטע נע'טענה'ט. — איצט וועל איך דיר זאגן דעם אמת: כ'בין א גאנצע נאכט נישט גע־שלאפן...

דעם שבת דערנאך האט דער טאטע געהאלטן א דרשה אין א שול און גערעדט וועגן ריינקייט. די פראסטע יידן האבן גענעניצט און געשאקלט מיט די קעפ. ווי קאן מען האלטן ריין אין נאסע קעלערן? ווי קאן מען זיין ציכטיק, אז מ'האט נישט קיין העמד, קיין מלבוש, קיין שטיקל ברויט? אבער די יידן האבן געוואוסט אז דער טאטע טוט עס ווייל מ'האט אים געהייסן.

די מאמע איז געווען גערעכט: פון דעם גאנצן פלאן האט זיך אויס־געלאזט א בוידעם. די דייטשע ראבינערס האבן פארגעסן אין די ווינקל־מורה־הוראה'ס. נחום לייב וויינגוט האט זיך גאר גענומען ארויסצוגעבן אן ארטאדאקסישע צייטונג. ער האט מער נישט געדארפט קיין ווינקל־מורה־הוראה'ס, נאר צייטונגס־שרייבער. מיין ברודער האט שוין דאמאלס אנ־געהויבן שרייבן און נחום לייב וויינגוט האט געשיקט נאך מיין ברודער. אפשר האט ער א סקיצע פון יידישן לעבן? עס מוז נישט זיין ארטאדאק־סיש. עס טאר בלויז נישט זיין אפיקורס'יש...

יא, מיין ברודער האט געהאט א סקיצע און ער האט זי אפגעדרוקט. איך געדענק זי ביז היינט. עס איז געווען א הומארעסקע וועגן אן אלטער מויד. שפעט ווי פון זיך אליין איז מיין ברודער אריבער פון מאלעריי צום שרייבן. איך געדענק, אז ער האט באקומען א קאפיקע פאר א ווארט און אז דער האנאראר פאר דער דאזיקער סקיצע האט אנגעטראפן 18 רובל.

די ווינקל־מורה־הוראה'ס האבן נאך א שטיקל צייט זיך צונויפגעקומען, גערעדט וועגן אלערליי פלענער און האפענונגען. ס'האט זיך ארגאניזירט די „אגודה" און מ'האט געקלערט אז די אגודה וועט העלפן די ווינקל־מורה־הוראה'ס. אבער ערשטנס, האט די אגודה זיי נישט געקאנט העלפן; צווייטנס, האט מיין טאטע נישט געהאלטן פון דער אגודה. דער נאמען ארטאדאקסן איז דעם טאטן נישט געפעלן. ס'איז אים אויך געווען דער־ווידער די צייטונג זייערע, וואס האט זיך באנוצט מיט א היינטיק־מאדיש לשון, מיט אלערליי באשרייבונגען און אפילו שירים און פעליעטאנען. אפשר איז דאס גוט אויף אפצוהיטן יונגוואַרג פון אפיקורסות, אבער פאר אים, דעם טאטן, האט דאס דאזיקע שרייבעריי און די אלע נייעסן אליין געשמעקט מיט היינטיק־וועלטלעכקייט.

מאדנע, נאר גראד מיין ברודער האט דארט געמאכט א שטיקל קאריע־רע. ער האט אפגעדרוקט אין דער צייטונג א ריי דערציילונגען און ער האט גענומען איבערזעצן א ראמאן פון דעם דייטשן שרייבער לעהמאן. עס איז געווען די געשיכטע פון רבי יאזעלמאן.

איך האב אנגעהויבן לייענען די דאזיקע צייטונג, וואו מיין ברודער האט פארעפנטלעכט געשיכטעס און איבערזעצונגען. איך האב געלייענט אלץ מיט אמאל: לעהמאנ'ען, דאסטאיעווסקי'ן, בערגלסאנ'ען און די דעטעקטיוו־געשיכטעס פון שערלאק האלמס און מאקס שפיצקאפף. אין מיינע אויגן זענען די דאזיקע דעטעקטיוו־געשיכטעס געווען הויכע קונסט. זיי האבן מיך איינפאך פאר'כישופ'ט. ביז היינט איז מיר געבליבן אין זכרון א זאץ פון אזא העפט, אן אונטערשריפט אונטער א צייכענונג. ס'שטעלט פאר ווי מאקס שפיצקאפף און זיין געהילף פוקס איבערראשן א באנדיט מיט רעוואלווערן און דערביי רופט אויס מאקס שפיצקאפף די ווערטער:

— ה א ל ט, ש ו ר ק ע! ד ו  ב י ז ט  פ ע ר ר א ט ע ן!...

די דאזיקע נאאיווע ווערטער האבן געקלונגען אין מיינע אויערן ווי הימלישע מוזיק. איך האב אין זיי ארייננגעלייגט מיין גאנצע קינדישע פאנטאזיע...

*Rabbiners* to spread the word about cleanliness, which was also in accordance with their religion, he bowed and left the room.

"And what else?" Mother asked.

"Nothing."

"No positions? No wages?"

"Not a word."

"That's something they'll never talk about," she said.

"But they called us to city hall, so they must consider us official Rabbis."

"Hah!"

"Well, at least I lived through it. To tell you the truth, I didn't sleep a wink last night," Father said.

The following Sabbath he spoke of cleanliness in a synagogue while the congregation yawned and shook their heads. If a cellar leaks, how can you keep it clean? And how can you yourself stay clean without an extra shirt, clothes, or even a piece of bread? But they knew Father had received orders to lecture them.

Mother was right, nothing came of it. The unofficial Rabbis were forgotten by the Germans, and Nahum Leib Weingut started an Orthodox newspaper. Now it was journalists he needed instead of Rabbis. My brother was now a writer, having forsaken painting, and Weingut sent for him, asking if he had a sketch about Jewish life with an Orthodox angle. . . .

My brother did have a sketch and it was published. It was a humorous tale of a spinster. I recall that he received eighteen marks for it.

Briefly, afterwards, the unofficial Rabbis met and discussed various goals. It was thought that the newly organized Orthodox Party would help them, but the party was unable to do so and my father had no faith in it. The outlandish name Orthodox did not appeal to him and he was disturbed by their newspaper, which employed modern language in articles by unpious journalists. Perhaps this would be instrumental in keeping young people from becoming heretics, but to him the news items and descriptions sounded too worldly.

My brother, on the other hand, started his career in this newspaper, publishing a series of stories in it, and translating a novel by the German author Lehman, a history of Rabbi Joselman.

I began to read that newspaper, along with Dostoevsky, Bergelson, and detective stories about Sherlock Holmes and Max Spitzkopf. The detective stories seemed like masterpieces to me. A sentence from one of them remains in my memory, a caption under a drawing showing Max Spitzkopf and his assistant Fuchs, guns in hand, surprising a robber. Spitzkopf is crying out, "Hands up, you rogue. We've got you covered!"

For years these naïve words ran like music through my mind.

# THE BOOK

As usual in times of trouble, the days passed slowly, but as I look back on them now, it seems that everything happened fast. We lived through the severe winter on half-frozen potatoes, with an occasional piece of cabbage browned in cocoa butter. On Saturdays our meal was *parve*, neither meat nor dairy, and we almost forgot the taste of meat and fish. For a while, my brother Israel Joshua repaired a bridge for the Germans (later describing the experience in a novel, *Blood Harvest*). He returned bearded and carrying the largest loaf of bread I have ever seen. Big as a wheel and almost as flat, it lasted us for weeks. He couldn't have brought us anything better. But the work had been too difficult and dangerous for him and he did nothing for a while except play chess with another boy and sing:

> "My brothers and I were nine . . .
> We plied a trade in wine . . ."

The chaos of the period and our desperate situation interrupted the fights between my father and brother, but they did not speak to each other. My brother, wearing modern clothes but unable to pay a barber to shave his beard, would put on phylacteries in the morning and then look out of the window instead of praying. Since there was little chance of my father's being consulted on a lawsuit, he would leave the house early, to study the holy books in various study houses.

One day as Father was writing a commentary he was frightened by the sudden appearance of a young officer who approached and asked in German, "Are you Pinhos-Mendel?"

Trembling, Father replied that he was.

"Uncle," said the young man, "I am Isaiah's son . . ."

Paling and then flushing with joy, Father greeted him profusely. This was the son of his deceased eldest brother, Isaiah from Galicia. Wealthy Uncle Isaiah had been a devout Belz Hasid, but his son was educated, sophisticated. An officer in the Austrian army, whose outfit was then passing through Warsaw, he had decided to visit his uncle. I had never before met a cousin from my father's side and I was surprised at his lack of resemblance to our family. Tall, erect, regally clothed, in boots with spurs and carrying a sword, he seemed very handsome and gay and just as grand as other young German officers I had seen strolling the streets of Warsaw. But this officer with epaulets and medals was the grandchild of Temerl and Reb Samuel—his ancestors were our ancestors. "Are you sure you're still a Jew?" Father asked.

"I certainly am."

"Well, may the Almighty protect you and bring you back safely so you may live as a Jew," Father said, "and never forget your ancestors."

My cousin told Father he had no money with him but he would write home and ask them to send us some. Father told Mother to prepare some tea and even mentioned sending out for refreshments, but the young man had no time. Kissing Father's

# דאָס ספר

די צייט איז געקראָכן פּאַמעליך, ווי אלעמאל ווען מ’ליידט. אבער ווען איך קוק צוריק אויף יענער עפּאכע, קומט מיר פאר, אז זי איז אריבער גיך. נאכ’ן זומער איז ווידער געקומען א ביטערער און קאלטער ווינטער. מיר האבן דעם גאנצן ווינטער זיך גענערט מיט האלב־געפרוירענע קארטאפל און אמאל מיט אביסל קרויט געשמאלצן מיט קאקוס־פוטער. דאס טשאלנט וואס מיר האבן געשטעלט שבת איז געווען פארעווע. מיר האבן כמעט פארגעסן דעם טעם פון פיש אדער פלייש. מיין ברודער ישראל יהושע האט א שטיקל צייט געארבעט ביי די דייטשן, ביים פארריכטן א בריק. ער האט געשילדערט יענע איבערלעבונגען אין זיין ראמאן „שטאל און אייזן”. איך געדענק אז ער איז צוריקגעקומען פון יענער שטאט מיט א גרויס ברויט, אזא ריזיקער לאבן ברויט ווי איך האב נאך קיינמאל נישט געזען. נישט פריער און נישט שפעטער. ס’איז געווען אזוי גרויס ווי א ראד און שיער נישט אזוי פלאך ווי א ראד. קיין גרעסערע מתנה האט ער אונז נישט געקאנט ברענגען. מיר האבן געשניטן פעניצן וואכן לאנג. די ארבעט איז געווען פאר מיין ברודער צו־שווער און צו־געפערלעך. א שטיקל צייט האט ער זיך ארומגעדרייט ליידיק און געשפילט שאך מיט א בחור פון אונזער הויף, וואווע. דערביי האט ער נישט אויפגעהערט זינגען דאס בארימטע לידל:

> ניין ברידער זענען מיר געווען,
> האבן מיר געהאנדלט מיט וויין...

צוליב דער מלחמה, דער נויט און דער צערודערונג, וואס די מלחמה האט מיט זיך געבראכט, האט דער טאטע אויפגעהערט מוסר’ן מיין ברודער. ער האט בכלל מיט אים נישט גערעדט. מיין ברודער איז שוין געקומען צו אונז אין קורצע מלבושים. ער האט געזאגט, אז ער שערט די בארד, נישט ער גאלט, און אפשר איז עס געווען אמת אויך, ווייל ער האט פשוט נישט נעהאט קיין געלט צו באצאלן דעם ראזירער. אינדערפרי פלעגט ער אנטאן די תפילין, אבער אנשטאט צו דאווענען, האט ער ארויסגעקוקט פון פענצטער. מחמת ס’איז נישט געווען דער מינדסטער אויסבליק, אז עמיץ זאל קומען צו אונז מיט א דין־תורה, פלעגט דער טאטע אפט אוועקגיין פון שטוב, זיצן אין אלערליי בתי־מדרשים, זוכן אין ספרים.

אין איינעם א טאג, ווען דער טאטע איז געזעסן ביי א ספר און געשריבן אן אויפטו, האט די טיר זיך געעפנט און ס’איז אריינגעקומען א יונגער אפיציר. דער טאטע האט זיך דערשראקן. יענער איז צוגעקומען צום טאטן און געפרעגט אויף דייטש:

— זינד זי פנחס מענדל?

דער טאטע האט געטאן א ציטער.

— יא, איך בין פנחס מענדל.

— איך בין ישעיה’ס זאהן — האט יענער געזאגט. — זי זינד מיין אנקל...

דער טאטע איז געווארן בלאס און באלד דערנאך רויט. ער האט זיך דערפרייט מיט א גרויסער שמחה. דער פעטער ישעיה, דער עלטסטער, האט מער נישט געלעבט, אבער דאס איז געווען ישעיה’ס זון. די משפחה האט געוואוינט אין גאליציע. דער טאטע האט גלייך אים דערלאנגט שלום עליכם און אנגעהויבן רעדן מיט אים יידיש. יענער האט געענטפערט אויף דייטשמעריש. דער פעטער ישעיה איז געווען א הייסער בעלזער חסיד, א נגיד, געטראגן א שטריימל; אבער דער זון איז געווען אן אויסשטודירטער. ער איז איצט געווען אן אפיציר אין דער עסטרייכישער ארמיי. די אפטיילונג זיינע איז פארביי ווארשע און ער האט אפגעשטאט דעם טאטן א וויזיט. דאס איז געווען צום ערשטן מאל וואס איך האב באגעגנט מיינס א שוועסטערקינד, אבער ווי אנדערש ער האט אויסגעזען פון מיר און מיינסגלייכן! ער איז געווען הויך, גלייך, אנגעטאן אין בגדי־מלכות און געטראגן שיך מיט שטולפן. אויף די לענדן האט אים, דוכט זיך, געהאנגען א שווערדל. ער האט אויסגעזען שיין, זארגלאז, נישט ערגער פון די אנדערע יונגע אפיצירן וואס האבן פאראדירט איבער די ווארשעווער גאסן. אבער דער דאזיקער אפיציר מיט די שליפעס און די מעדאלן איז געווען דער באבע טעמערל’ס און דעם זיידן ר’ שמואל’ס א רעכט איניקל. זיין יחוס, ווי אונזער יחוס, האט זיך געצויגן ביז צום ש"ך, דעם מגלה עמוקות, דעם רמ"א. דער טאטע האט געשטוינט, געשטוינט. ער האט זיך אנגענומען ביי דער בארד און פארגעסן אפצולאזן. ער האט א פרעג געטאן:

— געדענקסט כאטש אז ביזט א ייד!

— יא, געוויס.

— נו, זאל דיך דער אויבערשטער באשירמען זאלסט צוריקקומען געזונטערהייט און זיין א ייד — האט דער טאטע גערעדט. — זאלסט, חלילה, נישט פארגעסן פון וועמען דו שטאמסט...

דער אפיציר האט געזאגט דעם טאטן, אז ער האט נישט ביי זיך קיין געלט, אבער ער וועט שרייבן אהיים מען זאל פון דארט איבערווייזן געלט פאר’ן טאטן. די מאמע איז אויך אריינגעקומען, און דער טאטע האט געהייסן מאכן טיי. ער האט אפילו גערעדט וועגן גיין קויפן כיבוד. אבער דער יונגער שיינער אפיציר האט נישט נעהאט קיין צייט. ער האט זיך געזעגנט, געטאן דעם טאטן א קוש אין דער האנט, זיך פארנויגט פאר דער מאמען, צונויפגעקלאפט די קנאפלען און איז אוועק. ס’איז געבליבן

נאך אים א נעפיל גלייך די גאנצע זאך וואלט געווען אן אויסדרוכטעניש, אבער אין א פאר וואכן ארום איז אנגעקומען צום טאטן אן אנווייזונג אויף געלט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיקער אנווייזונג האב איך צו דערציילן א געשיכטע. די אנווייזונג איז געווען אויף פופציק מארק. דער טאטע האט דאס דערהאלטן ווען די מאמע איז גראד נישט געווען אין שטוב. איך בין יא געווען דערביי. דער טאטע רופט מיך צו און זאגט:

— דו קאנסט האלטן א סוד?

— יא, אוודאי.

און דער טאטע האט מיר דערציילט דעם סוד: ער האט שוין א לאנגע צייט געוואלט לאזן אויסזעצן זיין חיבור אויף נדרים. די פופציק מארק וואלטן אוודאי צונויץ געקומען אין הויז, אבער מ'וועט זיי אויפעסן און ס'וועט גארנישט בלייבן. קורץ, דער טאטע האט געהאט בדעה צו זאגן דער מאמען, אז ער האט דערהאלטן בלויז צוואנציק מארק און פאר די איבעריקע דרייסיק מארק לאזן אנהויבן זעצן זיין ספר. דער טאטע האט זיך דערביי פארענטפערט, אז דאס איז א ליגן מפני דרכי השלום, ווארים ווען די מאמע זאל וויסן דעם אמת, וואלט זי זיך גענומען צום הארץ און ס'וואלט געווארן אין שטוב מחלוקת. ווען איך טראכט איצט דערוועגן, ווייס איך אז דער טאטע האט דאמאלס געהאנדלט ווי יעדער שרייבער וואס וויל זען זיין ווערק געדרוקט. ער האט געהאט א סך מאנוסקריפטן און געהאט ארויסגעגעבן בלויז איין ספר'ל. דער טאטע האט געגלויבט אז קיין זאך איז נישט אזוי חשוב ביים אויבערשטן ווי ארויסגעבן ספרים, ווייל נישט בלויז לערנט מען דערביי אליין, נאר מען מאכט לערנען אנדערע. וואס קאן זיין גרעסער דערפון?

איך האב איינגעשטימט מיט'ן טאטן און דאס איז געבליבן אונזער סוד. פריער איז דער טאטע אוועק מיט מיר אין לאנדוי'ס באנק און אויסגעביטן די אנווייזונג. דערנאך זענען מיר אוועק אויף די נאלעווקעס אין א זעצעריי פון א ליטוואק מיט'ן נאמען יאקאבי. איך האב צום ערשטן מאל דערזען א זעצעריי: קאסטנס שריפט, פעק מאטריצן. אן איינציק יינגל איז געשטאנען און געקליבן די בלייערנע שריפט. יאקאבי איז געזעסן ביי א טיש און אריינגעקוקט אין א פארשטויבטער צייטונג. דאס איז געווען א טיפּיש ליטווישער ייד, האלב־פרום, האלב־משכיל, מיט א קליין קאפּעלע אויפ'ן קאפּ און מיט א גרוי בערדל וואס האט אויסגעזען ווי צוגעשוירן. דער טאטע האט אים פארגעלייגט וואס ער וויל. ער האט געוויזן זיין חיבור אויף נדרים. יאקאבי האט גענומען א בלעטל, געכאפּט א בליק, געהויבן די אקסלען.

— ווער דארף דאס האבן?

— וואס רעדט איר? די וועלט גייט נאך נישט אונטער. יידן וועלן נאך לערנען תורה און מ'וועט דארפן ספרים.

— ס'איז דא גענוג ספרים. רבנים זעצן־אויס ספרים און לייזן אפילו נישט אויס די מאטריצן.

— מיט'ן אויבערשטנס הילף וועל איך אויסלייזן די מאטריצן.

— איך וועל רעדן מיט אייך קלארע דיבורים — האט יאקאבי געזאגט. — איר האט אפּגעשפּארט א פאר מארק און איר ווילט אנהויבן, אבער וואס קומט ארויס פון אנהויבן, אז איר וועט ניט קאנען די זאך אויספירן? מאכט בעסער דעם דאזיקן בחור'ל א זשופּיצע.

און ער האט אנגעוויזן אויף מיר.

— מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועל איך אים אויסקליידן — האט דער טאטע געענטפערט. — אבער דערווייל וויל איך אנהויבן זעצן מיין חיבור...

— נו, נו, אז איר ווילט, איז פארפאלן. פאר אזויפיל וויפיל איר'ט באצאלן, אזויפיל וועט מען זעצן...

דער טאטע האט דערלאנגט יאקאבי'ן די דרייסיק מארק און יענער האט צוגעזאגט אויסצוזעצן צוויי בויגן. ער האט צוגעזאגט דעם טאטן צו שיקן קארעקטן.

די צוואנציק מארק זענען אין שטוב גריילעך צונויץ געקומען. איך האב געזען, אז דער טאטע שעמט זיך דערמיט וואס ער האט אפּגעטאן און לײַדט, ווייל ער האט נאכאמאל און ווידער־אמאל מיר געגעבן צו פארשטיין וואס פאר'א זכיה דאס איז ווען מען גיט ארויס א ספר און מ'איז מזכה את הרבים. דער טאטע האט גע'טענה'ט:

— אין זכות דערפון, וועט דער אויבערשטער אונז העלפן. וועסט זען!

איך האב געזען, אז די 20 מארק האבן זיך אויסגעשעפּט און מיר האבן ווידער אנגעהויבן אונטערהונגערן. יאקאבי האט געשיקט קארעקטן און דער טאטע האט געצייכנט די גרייזן. יאקאבי האט גיך אויסגעזעצט די צוויי בויגן און וועגן איינצאלן א צווייטע ראטע האט נישט געקענט זיין קיין רייד. די מאטריצן זענען געבליבן ליגן צוזאמען מיט א סך אנדערע מאטריצן וואס מחברים האבן נישט געקאנט אויסלייזן.

אין זומער 1916 האט זיך אנגעהויבן א מגפה פון טיפוס אין ווארשע, און מיין ברודער משה איז געווארן קראנק. האלטן אים אין שטוב האבן מיר נישט געקאנט, ווייל די דאקטוירים האבן געמוזט מעלדן דער פאליציי וועגן יעדן פאל פון טיפוס. ס'איז געקומען דאס קעטשל (דאס בארימטע קעטשל) און צוגענומען מיין ברודער משה אין שפּיטאל פאר עפּידעמישע קראנקהייטן אויף פאקארנע. מ'האט שוין אלין געוואוסט פאראויס. באלד וועלן קומען גויים אין ווייסע פארטוכער און אויסשפּריצן אונזערע שטובן מיט קארבאל. יענע וואס מען וועט געפינען אין שטוב, וועט מען נעמען אין דעזינפעקציע־הויז אויף דער שטשענשליווע גאס. ס'איז געווארן ביי אונז באשלאסן אז דער טאטע און דער עלטערער ברודער זאלן זיך ערגעץ אויסבאהאלטן, און די מאמע און איך זאלן גיין אין דעזינפעקציע.

יא, די גויים זענען געקומען און אויסגעשפּריצט אונזער וואוינונג. די

hand, bowing to Mother, he clicked his heels, said goodbye, and left. After he left, the whole episode seemed unreal to us, but a short time later we received a money draft.

In connection with this draft, for fifty marks, I have a story to tell. Mother wasn't home when it arrived, and Father called me to him, asking, "Can you keep a secret?"

"Definitely."

He told me confidentially that for a long time he had wanted to publish his book on the treatise of vows, and that even though the fifty marks would be appreciated at home, why throw it away on food? He wanted to tell Mother he had received only twenty marks and use the additional thirty as a down payment on his book. Justifying himself, Father said this was a white lie for the sake of peace, because Mother would start a quarrel if she knew the truth. Now it seems to me that Father acted like any writer who wants to see his work in print. Of all the manuscripts he had written, only one thin volume had been published. According to Father, nothing was more estimable to God than the publication of a religious book, because it kindled the author's desire for the Torah and stimulated others to do the same.

I agreed to keep Father's secret, and he took me to Landau's bank to cash the draft, and then to Jacoby's printing shop on Nalewki Street. Never before had I seen a print shop, with its type cases and matrix stacks. A boy selected type, and Jacoby sat at a table investigating a dusty newspaper. A typical Lithuanian Jew, both pious and enlightened, he wore a tiny skullcap, and his grayish beard seemed to have been trimmed. Showing him the manuscript, Father explained what he wanted done with it. Jacoby scanned a page and shrugged, "Someone needs this?"

"What's the matter with you? The world hasn't gone completely to the dogs. Jews still study and still need religious books."

"There are too many already. I set up books for Rabbis who don't even come to take out the matrices."

"With God's help I'll pay for the matrices too," Father said. "But meanwhile I want the typesetting started."

"Well, if that's what you want . . . You'll get as much as you pay for . . ."

Father gave the thirty marks to Jacoby, who promised to set up thirty-two pages of manuscript and send Father the galleys.

The twenty marks proved very useful at home, and I detected Father's shame for what he had done in the frequency with which he told me what a privilege it was to publish a religious book. "God will bless us for this good deed," he said. "You'll see."

But what I saw was that when the twenty marks went, we became hungry once more. Father corrected his galley proofs, which Jacoby had sent in a hurry, but there was no possibility of a second installment, and the matrices remained in the shop with those of other authors who had been unable to redeem them.

My brother Moishe became ill with typhus during the epidemic of the summer of 1916, and we could not keep him at home because doctors had to inform the police about any cases. The carriage came to take him to the hospital for epidemic victims, on Pokorna Street, and we knew what would follow. Gentiles in white aprons would spray the house with carbolic acid and take everyone they found at home to the disinfecting station on Szczesliwa Street. We decided that my father and older brother would hide while Mother and I allowed ourselves to be taken away.

They did come and spray the house, and the air was filled with poison. Mother and I went off with a policeman, Mother carrying the few things she had been permitted to pack. In a strange house full of male and female guards, another boy and I had our hair cut. I saw my red sidelocks fall and I knew this was

לופט איז געווארן פול מיט סם. א פאליציאנט האט געהייסן דער מאמע און מיר מיטגיין מיט אים. די מאמע האט שוין געהאט איינגעפאקט; פאר קליניקייטן. מ'האט ווייניק וואס גענומען מיטנעמען אין דעזינפעק ציע־הויז.

מיר זענען געפארן אויף א טראמוויי. דער קאנדוקטאר קומט צו צו דער מאמען און פרעגט:

— דאס איז דיין ייִנגל?

— יא, מיין ייִנגל.

— די אויגן זיינע לייכטן אזוי, אז מען קאן ביי זיי אנצינדן א שוועבעלע...

פארוואס די אויגן מיינע האבן אזוי געלויכטן יענעם זומערדיקן פרימארגן געדענק איך נישט. פאקטיש בין איך געווען פול מיט פחד.

מ'האט אונז אוועקגעפירט אין א פרעמד הויז, פול מיט וועכטערס, וועכטערינס, באאמטע. מ'האט מיך און נאך א ייִנגל אריינגענומען ערגעץ און אונז אפגעשוירן די קעפ. אוועק זענען מיינע רויטע פאות מיט דער שער אדער דער שער־מאשינקע. איך האב דאמאלס געוואוסט, אז דאס איז דער סוף צו די לאנגע פאות. איך האב שוין לאנג געהאט חשק פון זיי פטור צו ווערן.

— טוט זיך אויס! — באפעלט אונז א שיקסע.

זיך אויסטאן נאקעט פאר א שיקסע? איך האב געפרואווט זאגן ניין, אבער די שיקסע מיט דעם ווייסן פארטוך און מיט דעם ווייסן הייבל האט נישט געהאט קיין געדולד צו קיין שעמעוודיקייט. זי האט ביי מיר אראפגעריסן דאס כאלאטל, דאס העמד, די הויזן, און איך בין געבליבן שטיין נאקעט ווי די מאמע האט מיך געהאט. דאס אנדערע ייִנגל האט זיך אליין אויסגעטאן. אזוי ווי זיין לייב איז געווען טונקל, אזוי איז מיין לייב געווען ווייס. מ'האט אונז ביידן אריינגעזעצט אין א וואנע און די שיקסע האט אונז געזייפט, און מיר האבן געלאכט, ווייל ס'האט געקיצלט. דערנאך האט מען אונז געמאכט א שפריץ פאר א צולאג. דערנאך האט מען מיר אנגעטאן מלבושים אזוינע ווי עס טראגן מסתמא קראנקע אין א שפיטאל: א שלאפראק, שטעק־שיך, ווייסע הויזן. איך האב געטאן א קוק אויף מיר אין שפיגל און מיך נישט דערקאנט: צוזאמען מיט די פאות און די יידישע מלבושים איז אראפ פון מיר דאס יידישקייט. איך בין, ווי דוד המלך, געבליבן שטיין נאקעט אן מצוות...

מ'האט מיך ווידער צונויפגעבראכט מיט מיין מוטער. זי האט אויך געטראגן אויסטערלישע מלבושים. דעם קאפ האט זי ארומגעבונדן מיט א טיכל. מ'האט אונז ארויפגעפירט אין א זאל אויף אן אויבערשטן שטאק. ס'איז דארט געווען נישט איין זאל, נאר צוויי זאלן. די פרויען און די קינדער זענען געווען אין איין זאל, און די דערוואקסענע מאנסלייט אין אן אנדערן זאל. די טיר צווישן די די מאנסלייט און די נקבות איז געווען אפן. מ'האט אנגעוויזן א בעט דער מאמען און א בעט מיר. דער זאל איז געווען פול מיט בעטן, פול מיט פרויען, פול מיט ייִנגלעך און מיידלעך, אין מיין עלטער, יונגערע, עלטערע. קינדער זענען געשפרונגען. מאמעס האבן געשריגן, אין יידיש, אין פויליש. איך בין צוגעגאנגען צום פענצטער און געזען דאס בית־עולם פון דער גענשע גאס.

די מאמע האט געהאט ביי זיך באשלאסן גארנישט צו עסן אחוץ טרוקן ברויט. אבער פון מיר, א ייִנגל פון צוועלף, האט מען נישט געקאנט פארלאנגען איך זאל אפסומען אכט טעג מיט טרוקנס. קיין פלייש האט מען נישט געגעבן, אבער איך האב געגעסן די טרפה'נע גריצן. די מאמע האט געהאפט, אז איך אליין וועל זיך אפזאגן דערפון, אבער זי האט מיר נישט געוואלט פארווערן, ווייל זי האט מורא געהאט פאר מיין געזונט; ווארום פון די צוויי יאר הונגער בין איך געווארן אפגעמאגערט, בלאס, און האב געהוסט מיט א טרוקענעם הוסט. ווי קאן מען אין צייטן פון טיפוס און אנדערע אומטערגענג לאזן א ייִנגל ווערן אינגאנצן אפגעשוואכט? ס'האט געשמעקט מיט פקוח נפש.

איך האב געגעסן טאפלטע פארציעס, מיינע און דער מאמע'ס, און דערפילט דעם טעם פון טרפות. די מאמע האט געשאקלט אויף מיר מיט'ן קאפ. זי האט זיך געריכט, אז איך וועל לכל־הפחות זיך קווענקלען, אבער איך בין שוין געווען שטילערהייט קאליע. איך האב נישט געפילט אין מויל קיין שום אונטערשיד צווישן דער דאזיקער גריין און די גריצן וואס עס האט געקאכט די מאמע. דער אמת איז, אז אט־די [illegible]ענען געווען געשמאלצן מיט קאקוס־פוטער. ס'איז נישט געווען אין זיי קיין שום טרפות. אבער די טעפ און די קעסלען זענען פארט נישט געווען כשר.

אין משך פון די אכט טעג וואס איך האב דארט פארבראכט האב איך זיך אנגעזען מיט אלערליי גרינגקייטן. מאנסלייט האבן זיך געשושקעט מיט די וועכטערינס. פרויען האבן, פאר אונז, קינדער, געביטן די העמדער. ייִנגלעך און מיידלעך האבן זיך געשפילט, נאריש געמאכט. די מאמע איז כמעט די גאנצע צייט געלעגן אין בעט. ערשטנס, איז זי פון דעם טרוקענעם ברויט געווארן אזוי אפגעשוואכט, אז זי האט נישט געקאנט שטיין אויף די פיס; צווייטנס, האט זי געזארגט אן אויפהער וועגן מיין ברודער משה אין שפיטאל. אויך האט זי שוין יארן נישט געהאט דערהאלטן קיין בריוו פון מיין שוועסטער, וואס איז אין דער צייט פון אנפאל אויף בעלגיע אריבער פון אנטווערפן קיין לאנדאן. וויפיל מיין מוטער האט זיך אנגעליטן אין איר לעבן, ווייסט בלויז גאט.

פאר מיר איז דאס דעזינפעקציע־הויז געווען א שטיק אנדערשדיקייט, א פלוצלונגדיקער אריינטריט אין א וועלט פון גוי'אישקייט. אסטשעגא'ס אטעליע און דאס דעזינפעקציע־הויז האבן געפרואווט אויסרייסן דאס, וואס דאס חדר, דאס שטיבל, די בית־דין־שטוב האבן איינגעפלאנצט און געהאדעוועט אין משך פון יארן...

the end of them. I had wanted to get rid of them for a long time.

"Strip!" a woman guard commanded.

The idea of undressing before a woman appalled me, and I showed my reluctance, but she had no patience with me. Tearing off my capote, shirt, and breeches, she left me standing there naked as the day I was born. The other boy undressed himself, and I saw that he was as swarthy as I was fair. Together in the bathtub we giggled as the woman's soaping us tickled. We were given a shower as well and then dressed like hospital patients in bathrobes, slippers, and white trousers. I could not recognize myself in the mirror. Divested of sidelocks and Hasidic garments, I no longer seemed Jewish.

I was taken to my mother again and found her wearing strange clothes also, her head bound in a kerchief. We were brought upstairs, where there were two halls, one for men, one for mothers and children, with an open door between the two sections. The room was full of beds, including ours. Children ran about everywhere, and mothers screamed in Yiddish and Polish. Outside the window I could see the Gesia Street cemetery.

Although Mother had decided to eat nothing here but dry bread, she did not expect me, a boy of twelve, to get along for eight days on dry food only. We were not served meat, but I ate the non-kosher groats that Mother had hoped I would take the initiative of refusing. Nevertheless, she did not want to forbid me to eat, because I had grown pale and wasted, had developed a dry cough, and she was worried about my health. How could her conscience allow her to watch a boy grow so weak during an outbreak of typhus and the other calamities of the time?

I ate double portions, Mother's and mine, savoring the non-kosher taste. Mother shook her head over me, having hoped that I would be at least a little reluctant, but corruption had begun in me long before. I couldn't see any difference between these groats and those Mother made, for actually these too were fried in cocoa butter and the only thing that wasn't kosher would be the utensils in which they had been cooked.

The eight days of my stay there were full of observation. Men whispered indiscreetly to the women guards, women changed their clothes in front of us, and boys and girls played together frivolously. Exhausted from eating only dry bread, Mother could barely stand and spent the entire time in bed. She was also worried about Moishe, who was in the hospital, and it had been years since she had heard from my sister, who had fled to London from Belgium during the invasion.

But for me the experience was novel, an introduction to a non-Jewish world. Between Ostrzego's studio and the disinfecting station, the heder, Father's courtroom, and the study house lost their attraction for me . . .

ארדנט אזוי, אז יעדער פון דער משפחה איז געשטאנען געוויסע שעה'ן, טייל בייטאג, טייל ביינאכט. א ריי, געוויינלעך, רוקט זיך פאראויס, אבער יענע ריי האט זיך כמעט נישט באוועגט. די סיבה איז געווען: ערשטנס, וואס דער עסטרייכישער קאנסול האט לאנג אויסגעפארשט יענע וואס האבן געזאלט קריגן די וויזע; צווייטנס, האבן די דייטשע סאלדאטן, וואס האבן אכטונג געטאן אויף דער ריי, זיך אויסגעלערנט נעמען כאבאר. די וואס האבן געגעבן געלט, זענען אנגעקומען צום קאנסול און יענע וואס האבן נישט געקאנט אונטערקויפן די וואך, זענען געבליבן שטיין טעג און וואכן. די וועכטער האבן זיך געביטן און ס'איז נישט געווען גענוג אונטערצוקויפן איין וואך. מ'האט געדארפט כסדר שמירן. די דייטשע סאלדאטן האבן געשלאגן מיט די קאלבעס פון די ביקסן, געזידלט אויף דייטש און דאס אפטסטע זידל־ווארט איז געווען: „פערפלוכטער יודע".

מ'האט פון אונזער פאמיליע אנגעהויבן שטיין אין דער ריי. מיין מוטער איז געשטאנען, מיין עלטערער ברודער און איך. אבער טעג זענען אריבער און מיר האבן זיך נישט דערנענטערט צו די טירן פון קאנסולאט. ווייבער האבן גערעדט, אז אלע וויזעס ווערן אויסגעכאפט פון אויסגעלאסענע מוידן, און מ'האט געשאלטן די זונות מיט טויטע קללות. איך געדענק, אז שטייענדיק אין דער ריי האב איך אריינגעקוקט אין אן אלט דייטשיש שול־ביכל מיט אלערליי מעשה'לעך און לידער. איך האב מיך געלערנט דייטש און ס'איז מיר אויך געווען לאנגוויליק גלאט צו שטיין און קוקן אויף די ווענט. ס'זענען מיר געבליבן אין זכרון צוויי פערזן פון יענעם ביכל:

עס רעגנעט,

גאט זעגנעט...

עס רעגנט, גאט בענטשט. דייטש האט געהאט איין מעלה: ס'איז ענלעך צו יידיש. כ'האב מיך לייכט אנגעשטויסן דעם טייטש פון די ווערטער.

מיר האבן שוין אנגעהויבן פארלירן די האפענונג, אבער אין איינעם א טאג איז מיין ברודער געקומען אהיים מיט דער מאמע'ס פאס און ס'זענען אין אים געווען וויזעס פאר דער מאמען, פאר מיין ברודער משה'ן און פאר מיר. מיין ברודער האט געהאט ערגעץ באקומען דרייסיק מארק און ער האט זיי אריינגעשטעקט אין האנט א דייטשן סאלדאט. נישט לאנג דערנאך האט ער באקומען די וויזעס.

איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן יענעם טאג, וואס איז געווען בערך סוף סיוון אדער אין אנהויב תמוז. די משפחה אונזערע וואס איז געווען האלב־טויט פון מידקייט, הונגער און יאוש, האט מיט אמאל אויפגעלעבט. די שטוב האט באקומען אן אנדער אויסזען, די מאמע האט געקראגן אן אנדער פנים. די זון האט אנגעהויבן שיינען העלער און אלץ איז געווארן אזוי זומערדיק, ליכטיק, פריי. א שווערע משא איז אראפגעפאלן פון אונז אלעמען. א סטעמפל אויף א בלעטל פאפיר האט געעפנט פאר אונז א פארשלאסענע וועלט, א פארזיגלטע גרענעץ, א וועג צו קרובים, צו גרינע פעלדער, שפייז, היימישקייט. ביי אונז קינדער האט דאס ווארט בילגאריי געשמעקט מיט נס און משיח'ס קומען. מיר האבן דארט געהאט פעטערס, מומעס, שוועסטער־קינדער. בילגאריי איז געווען אונזער ארץ־ישראל. פון דארט איז געווען בלויז איין טריט קיין ירושלים...

איך האב אנגעהויבן טאנצן און שפרינגען. איך וועל פארן אויף דער באן! מיין מוטער האט סאי געשמייכלט און סאי געזיפצט. באלד האט זי אויפגעהערט שמייכלען און בלויז געזיפצט. דאס איז נישט געווען עפעס קיין לייכטער ענין. ערשטנס, בלייבט דער טאטע אליין. אמת, ער איז אין ראדזימין, ביים רבי'ן, נישט אין ווארשע, אבער ער בלייבט פארט אפגעריסן פון דער משפחה; צווייטנס, בלייבט אין ווארשע יהושע. ווי אזוי קאן זי אוועקפארן ווען דער טאטע און יהושע בלייבן אויף הפקר? די מאמע האט גלייך גענומען רעדן, אז זי איז באגאנגען א זינד. זי טאר נישט פונאנדערטיילן די משפחה, און נאך אין אזא געפערלעכער צייט. אבער סאי דער טאטע און סאי דער ברודער האבן ביידע גע'טענה'ט, אז נישט פארן הייסט איינשטעלן די יונגערע קינדער. קאן די מאמע נעמען אויף זיך אזא אחריות?

איך בין געווען צו־יונג און צו־לייכטזיניק צו באנעמען דער מאמע'ס טענות און די ראנגלענישן אין איר נשמה. מיר האט זיך אויסגעוויזן אז די מאמע וויל פארשטערן אלע מיינע האפענונגען, צונעמען פון מיר דעם גרעסטן פארגעניגן. איך בין געווען אויף איר אין כעס. די תאווה צו פארן איז געווען ביי מיר אזוי גרויס, אז איך האב מער נישט געקאנט טראכטן וועגן קיין שום אנדער זאך. איך בין געווען באזעסן פון איין מעכטיקן באגער: צו זיצן אין באן און ארויסצוקוקן פון פענצטער...

עס איז א תאווה וואס איך האב ביז איצט נישט איינגאנצן געבראכן...

member took his turn on line. Queues generally advance, but not the visa line, the reasons being that the Austrian consul vigorously resisted issuing visas and that the German soldiers who kept the line in order sold places on it. Those who paid got to see the consul; the others waited forever. Since the guards were constantly being changed, one bribe was not sufficient. The soldiers were free with both their rifle butts and their abuse; the words most commonly heard were "*Verfluchte Juden*," damned Jews.

Our family took its place in the line. Mother, my older brother, and I took turns waiting, but never got any closer to the consulate door. Women whispered that visas were being given only to harlots, and cursed these whores. I recall that while I stood on line I studied an old German textbook which was filled with all sorts of stories and poems. Two phrases from that text have stuck in my mind: "*Es regnet—Gott segnet*" (It rains and God blesses). For me, German had one virtue; because it was similar to Yiddish, it was easy to understand.

We had already abandoned hope when one day my brother returned home bearing my mother's passport, in which were visas for her, my brother Moishe, and me. My brother had somehow scraped together thirty marks and had bribed a German guard to obtain the visas.

I will never forget that day, which must have been a late July or an early August one. Our family, though half dead from fatigue, hunger, and despair, came to life. The apartment took on a new appearance. Mother's face lost its gloom. The sun shone brightly. The day became airy and joyous. A stamp on a piece of paper admitted us to a world from which we had previously been barred, a frontier had been opened, a pathway to green fields, to food, to kinsmen we had never met. To us children, Bilgoray symbolized the coming of the Messiah, the miraculous. There we had uncles, aunts, cousins. Bilgoray was our special land of Israel from which Jerusalem was only a step away.

I frolicked and danced. I was to travel on a train. My mother smiled, though for her this was no carefree adventure. Then she sighed. First of all, Father must be left all by himself. True, he would not be in Warsaw but in Radzymin with the Rabbi, but he would be away from the family. Moreover, Joshua was staying in Warsaw. How could she run away when Father and Joshua were still in danger? Mother promptly announced that she was acting sinfully. The family should not separate during such perilous times. But my father and brother argued that not to go would be to put the lives of the children in jeopardy. Was she willing to be responsible for something like that?

I was too young and giddy to understand Mother's self-recriminations and doubts. It seemed to me that she was intent on dampening my hopes and robbing me of my greatest pleasure. I was furious with her. The urge to go was so great in me that I could think of nothing else but sitting in a train and looking out the window. It is an urge that still remains with me.

# די נסיעה



אלץ איז צוגעגאַנגען אַזוי איינפאַך. איך האב מיך געזעגנט מיט מיינע חברים און בין געווען גרייט צו דער נסיעה. די שיך מיינע זענען געווען צעריסן און איך האב באַקומען געלט אויף א פאר האלבע זוילן. איך בין אריין צו א שוסטערל, וואס האט געוואוינט אין אונזער הויף אין א קעלער, און דארט צוגעזען א דלות ערגער ווי ביי אונז. מיר האבן אמווייניקסטן געהאט א גרויסע דירה, מעבל, ספרים. דאס דאזיקע שוסטערל האט געוואוינט ממש אין דער ערד. דער טאג איז געווען א ליכטיקער, אבער די טרעפ וואס האבן געפירט אין קעלער אריין זענען געווען פינצטער. פון די ווענט פון קארידאר האט זיך געטראגן א דומפיקייט און א פייכטקייט. איך בין אריין אין א פיצעלע שטיבעלע, פול באווארפן מיט שמאטעס און שקראבעס. די צוויי בעטן זענען געווען באַליינט מיט בעטגעוואנט וואס איז געווען שווארץ פון קויט. אין איין בעט איז געלעגן א קינפעט־קינד איינגעריכט אין אומריינקייט. דער נאלער שארבן, דאס צעקנייטשטע פנימ'ל, דאס אנציינטיקע מיילעכל, האבן דערמאנט אין א זקן. ביי דער קיך האט זיך געפארעט די קינפעטאריין. זי האט געפרואווט מאכן פייער, אבער ס'האט גערויכערט. אויף א שוסטערבענקעלע איז געזעסן א יונגערמאן מיט א רויט בערדעלע און מיט א הויכן שטערן — געל ווי לעדער. ער האט זיך געפארעט מיט א שקראב, וואס ס'איז שווער געווען צו גלויבן, אז מ'קאן אים נאך פאררעכטן.

איך האב מיך אוועקגעזעצט אויף א בענקל און ער האט מיר געלייגט די האלבע זוילן. איך האב געהוסט פון דעם שטויב און פון די טוכלע ריחות. איך האב מיך דערמאנט מיין ברודער'ס רייד וועגן דעם, אז יענע וואס ארבעטן, ווערן אויסגעריסן, און די ליידיק־גייער לעבן אין וואוילטאג. ווי פול מיט אומגערעכטיקייט די דאזיקע וועלט איז! יונגע מאנסלייט גייען אוועק אן א פארוואס זיך שלאגן, ווערן נע'הרג'עט, אדער קומען צוריק קאליקעס. מענטשן וואס ארבעטן פון גאנצן פרי ביז שפעט אין אוונט, האבן נישט קיין שטיקל ברויט, קיין העמד אנצוטאן, קיין וויגל פאר א קינד. ווי לאנג קאן דאס שוסטערל זיך אזוי מאטערן אין דעם דאזיקן לעבעדיקן קבר? ער וועט אוודאי באלד ווערן קראנק, אדער אויף שווינדזוכט, אדער אויף טיפוס. נו, און וואס וועט ווערן פון דעם דאזיקן עופ'לע? ווי אזוי קאן עס אויסוואקסן אין דעם עסנדיקן רויך, אין דעם שטויב און געשטאנק?

מיין ברודער האט גע'טענה'ט, אז מ'דארף אראפזעצן אלע קסריים, נישט בלויז ניקאלייען, נאר אויך ווילהעלם'ען, קאראל'ן, דעם ענגלישן קעניג, און אלע, אלע. מ'דארף ווערן א רעפובליק, מ'דארף אפשאפן מלחמות. דאס פאלק דארף הערשן. אבער פארוואס האט מען דאס נישט געטאן ביז איצט? און ווי קאנען די קסריים זיין אזוינע אכזרים?

איך האב אנגעטאן די פארראכטענע שיך און בין צוריק ארויס צו דער זון, צו דער לופט. איך האב מיך געפילט שולדיק און פארשעמט. איך גרייט מיך אויף א נסיעה און ער, דאס שוסטערל, בלייבט זיצן אין דעם דאזיקן קעלער. ביז היינט־צו־טאג איז דאס דאזיקע שוסטערל פאר מיר א דערמאנונג פון אלע סאציאלע עוולות. ס'איז איבעריק צו זאגן, אז כאטש א יינגל, בין איך דאמאלט געווען שטאל און אייזן פאר די רעוואלוציאנערן אין רוסלאנד, כאטש איך האב אויך געהאט רחמנות אויף דעם קייסער ניקאליי, וואס האקט האלץ...

מיר זענען איינגעזעסן אין א דראשקע און געפארן צום וואקזאל, וואס שפעטער האט מען אים גערופן דער דאנציגער וואקזאל און דאמאלס האט ער נאך געהייסן דער „נאדווישלאנסקי" וואקזאל. מיין ברודער איז מיט אונז מיטגעפארן צו דער באן. ער האט געקויפט פאר אונז דריי בילעטן און מיר זענען ארויס אויפ'ן פעראן, ווארטן אויפ'ן צוג.

ס'איז געווען אויסטערליש איבערצולאזן ווארשע, די חברים, די אלע בתי־מדרשים און שטיבלעך, דאס קראכמאלנע געסל, די הויפן, די געוועלבלעך, און מיט אמאל אוועקצופארן ערגעץ אין אן אנדער שטאט. ס'האט נישט לאנג געדויערט און די באן איז אפגעפארן. א ריזיקער לאקאמאטיוו איז געשטאנען גרייט אונז אוועקצופירן פון דאנען. ער האט געהוסט מיט רויך, געצישעט מיט פארע. דאס מעכטיקע ראד האט געטריפט מיט אייל. אינעווייניק, אין אן אויוון, האט געפלאקערט א פייער. מיר זענען איינגעזעסן אין א ליידיקן וואגאן. ווייניק מענטשן זענען דאמאלס געפארן. די דייטש־עסטרייכישע גרענעץ איז געווען בלויז פיר שעה פון ווארשע, אין איוואנגאראד, אדער דעמבלין, ווי עס האט שפעטער געהייסן.

די באן האט געטאן א פייף און אנגעהויבן פארן. דאס, וואס דערוועגן האב איך גע'חלומ'ט יארן, איז מיט אמאל געווארן מקויים. מיין ברודער, וואס איז געשטאנען אויפ'ן פעראן, האט זיך גענומען אפרוקן. אלין האט זיך גענומען רוקן אויף הינטערוויילעכץ: די געביידעס, די בענק, די מענטשן. וואס פאר א פארגעניגן ס'איז צו זיצן אויף א באנק, ארויסצוקוקן דורך אן אפן פענצטער און צו זען ווי די וועלט גליטשט זיך פאר דיינע אויגן: הייזער, ביימער, וואגאנען! גאנצע גאסן באוועגן זיך, דרייען זיך אויס, קומען זיך צוזאמען, נעמען זיך פונאנדער, אשטייגער ווי די ערד וואלט געווען איין גרויסע קארוזעל. הייזער שאקלען זיך. קוימענס טויכן אויף ווי פון אונטער דער ערד און עס ליגן איבער זיי היטלען מיט רויך. אט איז דער סאבאר! די טורמען זיינע הויבן זיך ארויס איבער

# THE JOURNEY

THINGS WERE GOING WELL; I had said goodbye to my friends and was ready to leave, but my shoes were in bad condition and I went to the cobbler in our courtyard to get them resoled.

The day was bright but the steps leading to his cellar room were dark, the corridor damp and moldy; I entered a tiny room littered with rags and shoes. The ceiling was crooked and the window small, the dirty panes patched with cardboard. I had thought that conditions were bad enough at home, but at least we had a spacious apartment with furniture and books. Here there were two beds full of soiled bedding and on one of them, in the midst of its own filth, lay a newborn baby, wrinkled, bald, and toothless, like a miniature hag. The mother fussed at a stove that kept smoking, and a young red-bearded man with sunken cheeks and a high forehead—yellowed like some of the leather about him—worked at the cobbler's bench.

Waiting while he resoled my shoes, I coughed from the dust and foul odors, and remembered what my brother had said about those who wore themselves out while idlers thrived. I was overcome with a sense of the injustice in the world, of young men going off to die or be wounded, of people whose constant work would not earn them a piece of bread, a shirt, or a baby crib. The cobbler, I knew, could not continue to struggle indefinitely. Sooner or later he would come down with typhus or consumption. And how could the baby flourish amid the smoke, dust, and stench?

It was my brother's opinion that there should be no rulers at all—that not only Nicholas, but Wilhelm, Karol, the English king, and all the rest should be ousted and replaced by republics; wars should be abolished in favor of popular rule. Why until now had this never been done, and why were monarchs despotic?

When my shoes were repaired and I was once more in the sunlight, I felt guilty. Why should I be going on a wonderful trip while the cobbler was confined to his cellar? Today he still represents, in my mind, the ills of society. Although I was only a boy, I sympathized with the Russian revolutionaries. Nevertheless, I still pitied the Tsar, who was then being forced to chop wood.

My brother Joshua accompanied us in a droshky to the Danzig Station, which was at that time called the Vistula Station. He bought tickets for us, and we walked to the platform to await the train. It seemed strange to be leaving all the familiar places and friends. But before long the huge locomotive, coughing and hissing steam, was ready for us, the awesome wheels dripping oil, a fire blazing within. Few people were traveling, and we found ourselves in an empty car. The German-Austrian border was only four hours away, at Ivangorod, or Deblin, as it was later called.

With a screeching of whistles, the train began to move. On the platform, my brother Joshua seemed to grow smaller.

Buildings, benches, and people moved backwards. It was thrilling to watch the world glide away, houses, trees, wagons, entire streets revolving and drifting apart as if the earth were a huge carousel. Buildings vibrated, chimneys rose out of the earth, wearing smoky bonnets. The towers of the Sobor, the famous

אלע הייזער. די גאָלדענע צלמים לייכטן אין דער זון ווי צעשמאָלצן גאָלד. איבער דעם גאַנצן דרייעניש און שאָקלעניש פליען מחנות טויבן, וואָס אַט ווערן זיי שוואַרץ ווי בליי און אַט באַקומען זיי אַ גאָלדיק־פייערדיקן קאָליר. ערשט מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָב איך מורא געהאַט פאַר יעדן סאָלדאַט, פאַר יעדן פּאָליציאַנט, פאַר יעדן שייגעץ, פאַר יעדן לאָבוז, וואָס האָט מיר געקאָנט טאָן אַ קלאַפּ. אָבער איצט האָט קיינער איבער מיר נישט קיין שליטה. איך טראָג זיך איבער דער וועלט ווי אַ מלאך, אָדער ווי אַ כּישוף־מאַכער.

די באַן טוט אַ פאָר־אַרויף אויף אַ בריק. עס איז נישט די פּראַגער בריק, די קערבעדזש־בריק, נאָר אַן אַנדערע בריק. פון דאַנען זעט מען די פּראַגער בריק. ווי קליין די טראַמווייען זעען אויס פון דאַנען! און די מענטשן וואָס גייען דאָרט קוקן אויס ווי היישעריקן, אַט אַזוי ווי ס'האָבן אויסגעקוקט די מרגלים אין די אויגן פון די ריזן וואָס האָבן געוואוינט אין ארץ ישראל אין משה רבנו'ס צייטן. און אונטן פליסט די ווייסל און ס'שווימט אַ שיף. איבער אַלעמען שפּרייט זיך אויס אַ בלויער זומערדיקער הימל מיט וואָלקנס אַזוינע וואָס זעען אויס ווי שיפלעך, חיות, קופּעס פּוך און זאַכן אַזוינע, וואָס ס'איז גאָר נישטאָ פאַר זיי קיין נאָמען. די באַן פייפט, פייפט. די מאַמע עפנט אַ רענצל און נעמט אַרויס אַ קיכל, אַ פלאַש מילך.

— נאַ, מאַך אַ ברכה!...

מיר עסן קיכלעך און טרינקען מילך. ס'איז אויס מלחמה, אויס הונגער, אויס שלאַפקייטן. איך בין אין אַ פאָרנדיק גן־עדן. איך האָב איין פאַרלאַנג: אַז די דאָזיקע באַן זאָל אייביק פאָרן...

מיר זעען נאָך שטיקלעך וואַרשע, פאָרשטעט, געגנטן, וואָס אַפילו מיין חבר ברוך דוד האָט נישט געוואוסט ווי מ'גייט אַהין. מיט אַמאָל זע איך אַ טראַמוויי. איז דאָס מעגלעך, אַז טראַמווייען גייען אַזוי ווייט? האָב איך געקאָנט, הייסט עס, מיט אַ טראַמוויי דערגרייכן אַזוינע ווייטענישן? אָ, ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט! אָבער איצט איז שוין צו־שפּעט. מיט אַמאָל דערזע איך אַ בית־עולם. גאָט אין הימל, וויפל מצבות! הונדערטער, טויזנטער, אַ גאַנצע שטאָט מיט מתים. ווען איך גיי דאָ אַליין ביינאַכט, וואָלט איך גע'חלש'ט פון מורא. אַפילו בייטאָג וואָלט איך זיך געשראָקן. אָבער אַז מ'זיצט אין באַן, האָט מען אַפילו נישט קיין מורא פאַר קיין טויטע.

ווי שיין איז די וועלט! ווי גרין! אין וואַרשע איז אַ הונגער, אָבער אויף די פעלדער איז אַ גערעטעניש. די מאַמע ווייזט מיר אָן: דאָס איז קאָרן, ווייץ, גערשטן, רעטשקע, קאַרטאָפל. אַט איז אַ סאָד מיט עפּל און אַט איז אַ סאָד מיט באַרנעס און פלוימען, וואָס זענען נאָך נישט צייטיק. די מאַמע ווייסט אַלץ. זי האָט זיך נישט געהאָדעוועט אין וואַרשע, ווי מיר, נאָר אויף דער פּראָווינץ. פּויערים קאָסען היי, פּויערטעס און שיקסעס בויגן זיך צווישן בייטן און גראָבן עפּעס, רייסן עפּעס. די מאַמע זאָגט, אַז זיי רייסן אויס די אומקרויטן, וואָס מאַכן קאַליע די תבואה. אַט דערזע איך אַן אויסטערלישן פאַרשוין — ענלעך צו אַ שד אָדער אַ לאַפּיטוט. ער שפּרייט אויס אַ פּאָר לאַנגע אָרעמס. ער איז אָן אַ פּנים.

— מאַמע, וואָס איז דאָס?

— אַ סטראַשידלע, אָפּצושרעקן די פייגל.

— ער לעבט? — פרעגט מיין ברודער משה.

— נאַרעלע, ס'איז אָפּצונאַרן די פייגל.

איך ווייס אַז ער לעבט נישט, אָבער אַ שטיק לעבעדיקע לאַכעדיקייט הויכט־אַרויס פון די דאָזיקע העלצער און שמאַטעס. ער שטייט אין מיטן פעלד ווי אַ גוי'אישער גאָט, און די פייגל מאַכן הקפות אַרום און קראַקען, שרייען...

דער פאַרנאַכט פאַלט־צו. אַ קאָנדוקטאָר קומט אַריין, בויערט־אויס לעכלעך אין אונזערע בילעטן. ער רעדט אַ פּאָר ווערטער מיט דער מאַמע'ן. ער קוקט אויף אונז און אויף אונזערע כאַלאַטלעך און טלית־קטנ'ס מיט דער אייביקער פאַרוואונדערונג פון אַ גוי, וואָס וויפיל דורות ער זאָל נישט לעבן צוזאַמען מיט יידן, בלייבן זיי אים פרעמד. יעקב און עשיו וועלן זיך קיינמאָל נישט פאַרשטיין...

ס'ווערט אַלץ טונקעלער, אָבער די פעלדער ווערן אַלץ שענער. יעדעס מין האָט זיינע בלומען, זיינע בליטן. אַלץ איז גרין, זאַפטיק, באַגאָסן מיט דער שיין פון דער אונטערגייענדיקער זון. זאַנפטע ריחות בלאָזן אַריין דורך די אָפענע פענצטער. איך דערמאָן זיך דעם פּסוק אין חומש: דער ריח פון מיין זון איז ווי דער ריח פון פעלד, וואָס גאָט האָט געבענטשט.

יאָ, דאָס זענען פעלדער, דאָ זענען לאָנקעס, געמויזעכצער. ערגעץ דאָ האָבן די שבטים געפּאַשעט שאָף. אַט זענען בינטלעך תבואה. זיי שטייען און בוקן זיך פאַר יוסף'ס בינטל... אַט דאָ ערגעץ וועלן אָנקומען די ישמעאלים, די מדינים, אויף קעמלען, אייזלען, מויל־אייזלען, באַלאָדן מיט מאַנדלען, נעגעלעך, פייגן, טייטלען... אַט דאָרט, הינטער די ביימער, אין אלוני ממרא. גאָט רעדט צו אַברהמ'ען און פרעגט: וואָרום האָט שרה געלאַכט? איז דען עפּעס פאַרהוילן פון גאָט? איבער־אַ־יאָר אין דער צייט וועט שרה דיין ווייב געבוירן אַ זון...

— מאַמעשי, וואָס איז דאָס?

— אַ ווינט־מיל.

— אַ ווינט־מיל?...

מיר ווילן זי אָנקוקן, אָבער זי אַנטלויפט, די ווינט־מיל. אַט איז זי געווען און אַט איז זי נעלם געוואָרן ווי אין אַ כישוף. די ערד האָט זי איינגעשלונגען, אָדער וואָס? מיט אַמאָל טוט זי ווידער אַ קום קאַפּויער. די פליגל אירע דרייען זיך און זי מאָלט מעל...

— מאַמעשי, וואָס איז דאָס?

Russian church, loomed over everything, its crosses glittering like gold in the sun. Flocks of pigeons, alternately black and gold, soared above the spinning, whirling city. Like a king or a great wizard, I rode through the world, no longer fearing every soldier, policeman, Gentile boy, or bum. What I had dreamed of for years was coming true.

As we rode over a bridge I glimpsed tiny trolleys down below, and people resembling locusts, the way the spies during Moses' time must have looked to the giants. Beneath us, on the Vistula, a ship sailed, and in the summer sky there were clouds resembling other ships, beasts, and piles of down. The train whistled again and again. Mother took cookies and a bottle of milk from a satchel.

"Say the benediction . . ."

Eating the cookies and drinking the milk, I forgot war, hunger, and illness. I was in a paradise on wheels. If only it would last forever!

Even my friend Boruch Dovid would not know about the existence of the parts of Warsaw and its environs that I now saw. I was amazed to find a trolley. If trolleys came this far, I could have gone there myself. But it was too late now. We passed a cemetery that seemed like a tombstone metropolis. I'd faint with fear, I thought, if I had to walk here at night . . . or even during the day. But why fear the dead when one is on a moving train?

In Warsaw everyone was hungry, but the world we traveled through was beautiful and green. Mother kept pointing out the wheat, barley, buckwheat, potatoes, an apple orchard, a pear orchard—still unripe. She had been raised in a small town. Peasants mowed hay; women and girls, squatting among the furrows, dug out weeds, whose roots, Mother said, spoiled the grain. Suddenly I saw a phantom-like, faceless creature, with arms outstretched. "What's that?" I asked.

"A scarecrow to frighten the birds."

My brother wanted to know if he was alive.

"No, silly."

I saw that he wasn't alive, nevertheless he seemed to be laughing. In the midst of the field he stood, like an idol, while birds circled about him and screeched.

At dusk, a conductor appeared, punched our tickets, exchanged a few words with Mother, and observed with fascination what to him was our strange, un-Gentile appearance—still bewildered, it seemed, despite the generations before him that had lived alongside the Jews.

In the fading light, everything became more beautiful, blossoms seemed more distinct, everything was green, juice-filled, radiant with the light of the setting sun, and aromatic. I recollected the Pentateuch verse: "The odor of my son is like that of a field that the Lord has blessed."

It seemed to me that these fields, pastures, and marshes must resemble the land of Israel. The sons of Jacob were herding sheep nearby. Before Joseph's stacks of grain, other stacks bowed down. The Ishmaelites would arrive soon, riding camels, their asses and mules loaded with almonds, cloves, figs, and dates. The Plains of Mamre were visible behind the trees. God was asking Abraham: "Wherefore did Sarah laugh? Is anything too hard for the Lord? I will return unto thee and Sarah shall have a son. . . ."

Suddenly I saw something and asked Mother what it was.

"A windmill."

Before we could get a good look, it vanished, as if by magic. But then it appeared again behind us, its blades spinning to grind flour . . .

We saw a river, but Mother said it was not the Vistula. Then there were cows, red, black, spotted, grazing. We saw sheep.

שרה טשוויזשע, דעם פעטער יוסף׳ס ווייב. דער זיידע איז געהאט נפטר געווארן אין לובלין. די באבע איז געשטארבן מיט א פאר חדשים שפעטער אין בילגאריי. שרה טושיזשע און א טאכטער, איטעלע, זענען געשטארבן אין דער כאלערע. איך האב געהאט פארלוירן אויך צוויי קוזינס, דעם פעטער איטשע׳ס יונגערן זון יחזקאל, און דער מומע טויבע׳ס א טאכטער, איטע דבורה. זי איז געווען א טאכטער פון דעם פעטער מענדל, וועלכן איך האב דערמאנט אין א פריערדיקן עפיזאד.

די דאזיקע פינצטערע בשורות האבן מאדנע נישט געפאסט מיט דעם ליכטיקן טאג, מיט דעם העל־בלויען הימל און מיט די סאסנע־וועלדער, וואס האבן זיך אויסגעשפרייט פון אלע זייטן, וואו נאר די אויגן האבן געגרייכט. די גאנצע געגנט איז געווען איין ריזיקער גארטן, איין גן־עדן. די מאמע האט אנגעהויבן וויינען. איך האב געהאלטן, אז איך דארף אויך וויינען, אבער איך האב בשום אופן נישט געקאנט ארויסקריגן קיין טרערן פון מיינע אויגן, און איך האב געטאן עפעס אויף וואס נאר פרויען, ייגגלעך און ליגנערס זענען פיאיק: איינגענעצט מיינע אויגן מיט שפייעכץ, ס׳זאל אויסזען אז איך וויין. אין אמת׳ן האט קיינער אויף מיר נישט געקוקט און קיינער האט נישט פארלאנגט פון מיר קיין טרערן. ס׳איז געווען פון דעם סארט אילוזיעס און נארישקייטן, וואס שטאמען פון אונזער עגאאיזם און פון דער איבערגעטריבענער וויכטיקייט וואס מיר שרייבן זיך צו אין די אויגן פון אנדערע.

אין מיטן וועג האבן אלע יידן גענומען שרייען אזוי ווי מען שרייט אום ראש־השנה און יום־כיפור די ווערטער: „ותשובה ותפילה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה". די אונטערשטע וואגאנען זענען געהאט אראפ פון די רעלסן. עס האט לאנג געדויערט ביז מען האט זיי צוריק ארויפגעשטעלט אויף די שינעס. געטאן האט מען עס מיט דרענגער. ס׳איז געווארן א רייד וועגן דעם, אז אלע פאסאזשירן וועלן דארפן שבת בענטש׳ן גומל. די דאזיקע שלים־מזל׳דיקע „קאלעיקע" האט שוין געהאט געקאסט קרבנות.

ס׳איז שווער איבערצוגעבן די שיינקייט פון די דריי מייל וועג צווישן זוויערזשיניעץ און בילגאריי. אט איז מען געפארן צווישן וואלד און אט צווישן פעלד. דא און דארט איז אויסגעוואקסן א כאטע מיט א שטרוידאך, אדער א ווייס הייזל מיט א שינדל־דאך. די „קאלעיקע" האט זיך יעדעם מאל אפגעשטעלט. דא האט עמיץ געוואלט א טרונק וואסער, און דא האט עמיץ געמוזט טאן זיין באדערפעניש. דער מאשיניסט האט געהאט צווישן די גויים באקאנטע און ער איז אראפ זיי איבערגעבן עפעס א פעקל, אדער גלאט כאפן א שמועסל. די יידן האבן אויך געהאט זייערע עסקים. זיי האבן זיך געשאפט מיט דעם מאשיניסט ווי מיט א שבת־גוי. איינמאל, ווען די „קאלעיקע" האט זיך אפגעשטעלט אויף א לענגערער ווייל, איז ארויסגעקומען פון א הייזל א בארוועסע יידענע, מיט

א טיכל אויפ׳ן קאפ ווי א פויערטע, און דערלאנגט דער מאמע׳ן א מתנה א קייבערל מיט יאגדעס, וואס עס איז נאך געלעגן אויף זיי דער טוי. עמיץ האט איר אינדערגיך אנגעזאגט, אז בת־שבע דעם רב׳ס געפינט זיך דא און זי האט זיך געאיילט מיט דער מתנה. די מאמע איז נישט געווען אין קיין שטימונג צו עסן, אבער איך און מיין ברודער משה האבן אליין אויפגעגעסן און מיר האבן באקומען שווארצע ליפן, שווארצע צונגען און שווארצע הענט. די יארן פון הונגער האבן איבערגעלאזט אין אונז אן אפעטיט, וואס מ׳האט לאנג נישט געקאנט זעטיקן.

איך האב זיך געהאט אנגעהערט פון מיין מוטער א סך לויב וועגן בילגאריי, אבער די שטאט איז נאך געווען שענער ווי מיין מוטער האט זי געשילדערט. די שטאט איז געשטאנען ארומגערינגלט מיט געדיכטע סאסנע־וועלדער, וואס פונדערווייטנס האבן זיי אויסגעזען ווי א בלויער גארטל. דא און דארט האבן צווישן די הייזלעך זיך אויסגעשפרייט פעלדער און גערטנער. פאר די הייזלעך זענען געשטאנען דיקע ביימער מיט געדיכטעניש פון צווייגן און בלעטער, וואס אזוינע האב איך קיינמאל נישט געזען אין ווארשע, אפילו נישט אין זאקסישן גארטן, וואו איך האב טיילמאל אריינגעקוקט דורך די קראטן. די שטאט האט געשמעקט מיט פריש־געמאלקענע מילך, געבעקס פון אויוון און מיט א מנוחה אזא, וואס איך האב גארנישט געוואוסט, אז זי איז פאראן. ס׳איז שווער געווען צו גלויבן, אז ס׳איז דא געווען א מלחמה און א מגפה.

דעם זיידנ׳ס הויז איז געשטאנען נישט ווייט פון דער שול, דעם בית־מדרש, דער מקווה, דעם הקדש. עס איז געווען אן אלט הילצערן הויז, געבויט פון קלעצער, אפגעפארבט ווייס. פאר די נידעריקע פענצטער איז געשטאנען א באנק. די משפחה איז ארויסגעקומען אונז מקבל פנים זיין.

דער ערשטער איז ארויסגעלאפן דער פעטער יוסף, וואס האט שוין געהאט איבערגענומען דעם זיידנ׳ס שטול. איך זאג „ארויסגעלאפן", ווייל דער פעטער יוסף איז נישט געגאנגען, נאר געלאפן. ער איז געווען א דארער, א געבויגענער, מיט א מילך־ווייסער בארד, א נאז ווי א שנאבל און גרויסע אויגן ווי ביי אן אדלער. אנגעטאן איז ער געווען אין א רבנ׳ישער זשופיצע, א ברייטן ספאדיק, האלבע שיך מיט ווייסע זאקן. ער האט זיך נישט געקושט מיט דער מאמען, נאר בלויז א רוף געטאן:

— בת־שבע !...

נאכ׳ן פעטער יוסף איז געגאנגען מיט א וואקלדיקן גאנג א ברייטע יידענע, די מומע יענטל, דעם פעטער יוסף׳ס דריט ווייב. די ערשטע איז געשטארבן ווען דער פעטער יוסף איז אלט געווען זעכצן יאר. די צווייטע איז געהאט געשטארבן מיט אן אנדערטהאלבן יאר צוריק, אין דער מגפה. אזוי ווי דער פעטער יוסף איז געווען שמאל און פלינק, אזוי איז די דאזיקע יידענע (וואס מיין מוטער האט, נאטירלעך, נישט געקאנט

track. There was a long wait while the cars were set back on the track with poles. That Sabbath, everyone agreed, a prayer of thanks would have to be offered. Other passengers, less fortunate than we, had been known to perish on this makeshift railroad.

Between Zwierzyniec and Bilgoray, the scenery was beautiful. We rode through forests and meadows, and passed an occasional straw-roofed hut or a whitewashed house with a shingle roof. The train kept halting to give one person a drink of water, to allow another an interlude in the bushes, or the engineer would deliver packages or chat with the various peasants living beside the tracks. The Jews treated the engineer as casually as if he were the Gentile who entered Jewish households on the Sabbath to light the ovens, and they asked him to make various stops for them. Once, during one of the prolonged halts, a barefoot Jewess in a kerchief came out of a shack with a gift of dewy blackberries for my mother. Having heard that the Rabbi's Bathsheba was coming, she had brought the berries as a present. Mother had no appetite, but my brother Moishe and I ate it all, with consequent stains on our lips, tongues, and hands. The years of starvation had left their mark on us.

Though Mother had praised Bilgoray, it was even prettier than her descriptions. The pinewoods surrounding it looked from a distance like a blue sash. The houses were interspersed with gardens and orchards, and before them massive chestnut trees stood such as I had never seen any place in Warsaw, including the Saxony Gardens. There was a sense of serenity in the town that I had not encountered, a smell of fresh milk and warm dough. Wars and epidemics seemed far away.

Grandfather's house, an old wooden loghouse painted white, with a mossy roof and a bench beneath the windows, was near the synagogue, ritual bath, and poorhouse. The family came out to welcome us, the first to run up being Uncle Joseph, who had inherited Grandfather's position. Uncle Joseph always ran, even though he was thin and bent, with a milky beard, a beaked nose,

געווען ברייט, שווער, געלאַסן. זי האָט אויסגעזען מער רביצין ווי ער — רב. נאָך זיי איז נאָכגעקומען אַ חברה רויט־האָריקע קינדער. איך האָב נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען מיט אַמאָל אַזויפיל רויטע קעפּ ווי ביי יענער באַגעגעניש. איך האָב אַליין געהאַט פייער־רויטע האָר און דער דאָזיקער צוזאַמענטרעף מיט וועלכע זיבן אָדער אַכט רויטע קעפּ, האָט מיך אינגאַנצן צעמישט. ביז דאַמאָלס בין איך אַלעמאָל געווען מיט מיינע האָר אַן אויסנאַם — אין חדר, אין חסידים־שטיבל, אַפילו אויפ'ן הויף. די רויטקייט פון מיינע האָר האָב איך באַטראַכט פאַר אַן אויסטערלישקייט, ווי מיין מוטער'ס נאָמען, מיין פאָטער'ס רבנות, מיין ברודער'ס שרייבעריי. די נאָרמאַלע מענטשן זענען נישט רויט־האָריק, נישט רבנים, נישט קיין שרייבערס. אָבער דאָ בין איך אַריינגעפאַלן צווישן אַ מחנה רויטע. ספּעציעל זענען געווען רויט מיין פעטער'ס טעכטער: ברכה, טויבע און אסתר.

מ'האָט מיך אַריינגעפירט אין פעטער'ס קיך (אַ גרויסע קיך) און איך האָב דאָרט דערזען אומגעוויינלעכע זאַכן. אַלץ איז דאָרט געווען פאַר מיר ניי. ערשטנס, איז דאָרט געווען אַ טיפער באַק־אויוון, ווי ביי אַ בעקער. די מומע יענטל האָט געהאַלטן אין מיטן באַקן ברויט. צווייטנס, איז איבער דער קיך געווען אַ קאַפּע און אויף דער קיך איז געשטאַנען אַ דרייפוס און ס'האָט זיך דערויף געקאָכט אַ טאָפּ. אויף אַ טיש איז געלעגן אַ ריזיקער היטל צוקער און ס'זענען אויף אים געקראָכן פליגן. די קיך האָט געשמעקט מיט וויערטייג, קימל און זאַטע ריחות. די מומע האָט אונז גלייך מכבד געווען מיט אַ פלאָם־פלעצל, און דאָס האָט געהאַט אין מיין מויל טויזנט טעם. דעם פעטער'ס זין, אברהמ'לע און שמשון, האָבן מיך אַרויסגעפירט אויפ'ן הויף און דאָס איז נישט געווען קיין הויף, נאָר אַ גאָרטן. ס'זענען דאָרט געווען עטלעכע ביימער. קראָפּיווע און אַלערליי ווילדע געוויקסן זענען געוואַקסן הויך. אומעטום האָבן געלויכטן בלימעלעך: ווייסע, געלע, געפּינטלטע, גענדזן־בלימלעך. ס'איז דאָ געווען אַ סאָרט אָפענע שאָפּע, — אַ דאַך אָנגעשפּאַרט אויף פיר דרענגער און אונטער דעם דאַך איז געשטאַנען אַ בעט מיט שטרוי. איך האָב זיך אַריינגעזעצט אין דעם בעט און מיר האָט זיך געדוכט אַז קיין גרעסערער לוקסוס איז נישטאָ און עס קאָן נישט זיין. פייגעלעך האָבן געפּייפּט, גרילן האָבן געגרילצט. די לופט איז געווען פול מיט אומצאָליקע קולות און טענער. אין הייפל האָבן זיך אַרומגעדרייט הענער, הינער. ווען איך האָב אונטערגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך געזען די בילגאָרייער שול און פעלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווייט אַוועק, ביז צום ראַנד וואַלד. די פעלדער זענען געווען געשניטן אין אַלערליי פאָרמען און קאָלירן: קוואַדראַטן, ראָמבן, דריי־עקן, גרין, טונקל, געל. איך בין געווען אין גן־עדן און געהאַט בלויז איין באַגער: אַז קיינער זאָל מיך דערפון נישט אַרויסטרייבן...

and bright, birdlike eyes. He was dressed in rabbinical gabardine, wide-brimmed hat, and low shoes with white stockings. Without kissing Mother, he cried out, "Bathsheba!"

A stout woman, Aunt Yentel, his third wife, waddled after him. His second wife had died a year and a half before in the cholera epidemic, and his first had died when he was sixteen. Aunt Yentel was as stout and relaxed as Uncle Joseph was narrow and agile. She seemed more the Rebbetzin than he the Rabbi. A horde of redhaired children trailed behind them. I who had fiery red hair myself had never seen so many redheads at once. Until then my red hair had made me a novelty in the heder, study house, and courtyard; it had seemed exotic, like my mother's name, my father's occupation, and my brother's talent. But here there was a whole bevy of redheads, and the reddest among them was my uncle's daughter Brocha.

I was taken into Uncle's large kitchen, where everything seemed novel. The oven was as big as one in a bakery, and Aunt Yentel was baking bread. Over the stove there was an open chimney, and on the stove there was a tripod on which a pot boiled. On the table, flies crawled over a huge lump of sugar. The scents of leavening and caraway filled the air. My aunt offered us some prune cake, which tasted heavenly. My cousins, Avromele and Samson, took me into the courtyard, which was actually a garden with trees, tall nettles, weeds, and wild flowers of all colors. There was also a sleep-in porch; I sat down on the straw-mattress bed, and it seemed to me I had never known such luxury. The sounds of birds, crickets, and other insects rang in my ears, chickens wandered about in the grass, and when I raised my head I could see the Bilgoray synagogue and beyond it fields that stretched to the forest's edge. The fields were all shapes and colors, squares and rectangles, dark green and yellow . . . I wished I could stay there forever.

ער האָט געהאַט מיט איר צוויי זין, אָבער דער ייִנגסטער — און דער געראָטענער — איז געהאַט געשטאָרבן אין די שלאָפּקייטן. דער דאָזיקער טויט האָט אַריינגעוואָרפן דעם פעטער איטשע און זיין ווייב, די מומע רחל׳ע, אין אַ סאָרט קריגערישער מרה־שחורה, אויב מען קאָן אַזוי זאָגן. דער פעטער איטשע האָט געהאַט תרעומות אויפ׳ן רבונו של עולם און אויף דער וועלט איבערהויפּט. די מומע רחל׳ע איז געווען אַ שיין ווייבל, אַ מיוחסת, אַ קרעכצערין און אַ פאַראומערטע נשמה, ספּעציעל זינט ס׳איז געשטאָרבן איר באַליבטער זון. די מומע רחל׳ע האָט געגלויבט אין כישוף, קרייטעכצער, עין־הרע׳ס, אָפּטועניש. דער גייסט אירער (ווי דער גייסט פון מיין גאַנצער משפחה) האָט געשטעקט טיף אין מיטלאַלטער. די מומע רחל׳ע האָט געהאַט חשבונות נישט בלויז מיט די לעבעדיקע, נאָר אויך מיט די טויטע. ביידע־באָבע זענען שוין געווען אויף יענער־וועלט, אָבער די מומע רחל׳ע האָט נאָך אַלץ זיי באַשולדיקט, און האָט אַריינגעוואָרפן אַלערליי זאָגעניש און אָנצוהערעניש. דער סך־הכל פון אירע רייד איז געווען, אַז דער זיידע האָט זי פאַרשאַלטן, און אַז פאַרשאַלטן האָט ער זי, ווייל בייזע צינגער און נישט־פאַרגינער האָבן אָנגערעדט אויף איר און פאַרשוואַרצט איר פּנים. די מומע רחל׳ע האָט אַלעמען חושד געווען אין בייזע כוונות.

די מומע רחל׳ע און דער פעטער איטשע זענען איצט געהאַט געבליבן ביי איין זון, משה׳לע, דעם עלטערן. משה איז געווען אַ שיינער, אַ איידעלער, שוואַך אין געזונט, מיט מילדע אויגן, נאַאיוו, אָפּגעציטערט. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אין אַ הייסן טאָג, האָט ער געמוזט אָנטאָן אַ שאַליק אויפ׳ן האַלז. די מוטער האָט אים געהאַלטן אין איין אָנזאָגן ער זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן, חלילה נישט פאַלן, חלילה זיך נישט איבעראַרבעטן. זי האָט אים געהאַלטן אין איין שטאָפּן מיט קיכלעך און געוואַלענער מילך. די אַנדערע קוזינען האָבן דעריבער אַ ביסל חוזק געמאַכט אויס דער מומע רחל׳ע און איר אָפּגעציטערטן בן־יחיד.

אַחוץ די קינדער פון פעטער יוסף און פון פעטער איטשע, זענען נאָך געווען די אויסגעגעבענע קינדער פון מיין מומע שרה (וואָס האָט געוואוינט אין טאַרניגראָד, אַ שטעטל דערנעבן, מיט איר צווייטן מאַן), און נאָך אַנדערע קרובים. דאָ, אין בילגאָריי, ווען איך בין געגאַנגען אין גאַס, בין איך נישט געווען גלאַט עפּעס אַ ייִנגל, ווי אין וואַרשע. דאָ האָט יעדער געקאָנט מיך און מיין יחוס.

מיינע פעטערס, מומעס, געשוועסטער־קינדער האָבן געטאָן אַלדאָס מעגלעכע מיר זאָלן זיך פילן היימיש אין בילגאָריי. אָבער הינטער דער דרויסנדיקער פריינטלעכקייט האָט זיך באַהאַלטן אַ שטיקל ביטערניש.

ערשטנס, האָבן דעם זיידנ׳ס צוויי זין, יוסף און איטשע, צוגענומען די גאַנצע ירושה פאַר זיך. זיי האָבן זיך געהאַלטן אין דעם דין פון דער תורה, אַז ירושה קריגן בלויז די זין, נישט די טעכטער. מיין מומע שרה און מומע טויבע האָבן נישט געמאַכט דערפון קיין טראַגעדיע, ווייל זיי זענען געווען איינגעאָרדנט און געבליבן יעדע אין איר שטאָט. אָבער בנוגע דער מאַמען איז דאָס געווען אַן עוולה. די מאַמע האָט געשוויגן, אָבער ס׳האָט איר פאַרדראָסן. מען האָט געגעבן דער מאַמען דער באָבע׳ס אַ פּאָר אַלטע קליידער. דאָס אַלץ. אַפילו דער באָבע׳ס צירונג האָבן די צוויי רבנ׳ישע זין צוגענומען.

אפשר איז דאָס געווען ווייניק, האָבן די פעטערס געפילט אין דער מאַמע׳ס קומען אַ געפאַר פון קאָנקורענץ. מיין פעטער יוסף האָט מער־ווייניקער איבערגענומען דעם זיידנ׳ס שטול. דער פעטער איטשע איז געוואָרן מורה הוראה. איצט אַז די מאַמע איז געקומען קיין בילגאָריי, איז געווען אַ מורא אַז זי וועט אַראָפּברענגען דעם טאַטן, און ער וועט אויך באַקומען אַ צד און אויך פּרוּוון ווערן אַ שטיקל כלי־קודש. ביידע פעטערס האָבן דערפאַר זיך נישט אויפגעהערט צו קלאָגן פאַר דער מאַמען און איר אויפווייזן אין וואָס פאַראַ שלעכטן מצב זיי זענען. אין גאָר קיין גוטן מצב זענען זיי נישט געווען, ווייל די איצטיקע רידניקער חסידים (די געוועזענע סאַנדזער און גאָרליצער חסידים) האָבן אָראָפּגענומען אַן אייגענעם רב, און דאָס רבנות איז געוואָרן צעטיילט און צעריסן.

איך בין נאָך נישט געווען קיין דערוואַקסענער, אָבער איך האָב גאַנץ גוט געזען די לאַגע. דאָ, ווי אין וואַרשע, זענען געווען צופיל רבנים, צופיל כלי־קודש. די לאַגע פון די ייִדן בכלל איז געווען אַ שלעכטע. פאַר דער מלחמה האָט האַלב בילגאָריי געלעבט פון די זיפּן, וואָס מ׳האָט דאָ אויסגעאַרבעט און געשיקט קיין רוסלאַנד און אַפילו קיין כינע. אָבער איצט איז דער רוסישער מאַרק געווען געשלאָסן. הונדערטער בילגאָרייער ייִדן האָבן געלעבט דערפון וואָס זיי אָדער זייערע קינדער האָבן געאַרבעט ביי דער „קאָלעיקע", דער קליין־באַן, וואָס די עסטרייכער האָבן געבויט פאַר זייערע צוועקן.

אָבער ווי לאַנג וועט מען בויען די דאָזיקע „קאָלעיקע"?

דערווייל איז געווען זומער, וואַרעם, שיין. בילגאָריי איז געווען פול מיט יאַגדעס, בערעלעך, שוואָמען, וואָס גויים האָבן פאַרקויפט בחצי חינם. אין בילגאָריי זענען אויך געשטאַנען אַ היפּש ביסל זעלנער — עסטרייכער, באָשניאַקעס, מאַדיאַרן, פּאָליאַקן, טשעכן, — יעדער מיט זיין לשון און זיין נאַציאָנאַלער הלבשה. ייִדן האָבן געלייזט ביי זיי געלט. ייִדישע פרויען און מיידלעך האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט שמוגלען פון גאַליציע טאַבאַק און מיט נאָך אַזוינע לופט־פּרנסות.

הינטער דער גאַנצער איינגעזעסנקייט האָט געלויערט די ייִדישע אומזיכערקייט, דער אַלטער און ביטערער ייִדישער גלות.

second husband lived nearby, in Tarnogrod, and there were other relatives in Bilgoray. In Warsaw I had just been another boy walking down a street, but here everyone knew me and those who had come before me.

Though everyone tried to make our stay in Bilgoray a happy one, there was a great deal of bitterness behind it all. Basing their actions on Mosaic law that states that only sons are entitled to inheritance, my uncles had taken it all, including Grandmother's jewelry. Aunt Sarah and Taube, being settled in their husbands' towns, made no issue of this, but it disturbed my mother, who had received only some of Grandmother's old clothes.

Besides this, my uncles were afraid that Mother's arrival portended competition. Uncle Joseph had taken over Grandfather's position, with Uncle Itche as assistant Rabbi, but they were afraid that Father would come along with a following and set himself up as a rival. As a result, they kept complaining to my mother about the difficulties of their situation. Actually, they weren't too well off, since the present Ridnik Hasidim (formerly Sandz and Gorlitz Hasidim) had chosen their own Rabbi, thus dividing and diminishing Grandfather's old following.

Here, as in Warsaw, even I could see, there were too many Rabbis and ecclesiastics, nor were the Jews too well off generally. Before the war, the town had exported sieves to Russia and even China, but the Russian market was closed, and many Bilgoray Jews had to work on the railroad the Austrians were building. But the construction couldn't go on indefinitely.

Meanwhile it was a warm, pleasant summer. The Gentiles sold blackberries and mushrooms cheaply. Austrian, Hungarian, Polish, Bosnian, and Czech soldiers were quartered in Bilgoray, and were a source of business to the Jews. Jewish women smuggled tobacco from Galicia. . . .

Nevertheless, the Jews of Bilgoray were as insecure as ever, and the bitterness of the Diaspora hovered over them.

ארייננעלייגט. ער׳ט מיר עפעס איבערגעלאזט, נאר ס׳איז אוועק מיט׳ן רויך. די טאכטער זיינע און דער איידעם האבן אלץ צוגענומען. מ׳האט מיך אפילו ארויסגעטריבן פון דער דירה און כ׳בין אוועק וואוינען צו מיין ברודער קיין בישטש. דאס איז א דארף. אבער וואס פארא טעם האט דאס לעבן אין דארף? נישט קא׳ שבת, נישט קא׳ יום־טוב. כ׳האב ליב צו גיין אין שול און הערן א יידיש ווארט, אדער הערן א מגיד זאגן. שדכנים לאזן נישט געמאך, און מ׳האט מיר גענומען רעדן אייער ברודער. כ׳האב געהערט פון ר׳ יוסף׳ן, געהערט נאך פריער. עפעס א קליניקייט, ר׳ יוסף דעם בילגארייער רב׳ס. אבער ווידער אמאל, מענטשן זאגן, אז ר׳איז א שלעכטער. נו, טראכט איך, בייזער פון יענעם קאן ער שוין נישט זיין. מ׳האט געמאכט א זעעניש, כ׳זאל גיין אים אנקוקן. כ׳קום אריין און מ׳זאגט מיר, אז ער שלאפט. נו, זאג איך, כ׳וועלווארטן. ער שלאפט נאך נישט — זאגט טויבעלע. — גייט אריין און פרעגט די שאלה. זי׳ט געמיינט, אז כ׳בין געקומען פרעגן א שאלה. איך גיי אריין, און וואס זע איך? ער ליגט אין בעט און אויף א שטול ליגט א בענדל. איר ווייסט דאך וואס׳ער בענדל. פון א ברוך. נו, טראכט איך, א שיינע אויפנאמע פאר א כלה. אבער אין אונזערע יארן איז אלץ גוט. אבי מ׳לעבט. און אזוי האב איך חתונה געהאט צום דריטן מאל. ווי צו מיינע יארן. זאל ער שוין זיין געזונט...

אט אזוי האט גערעדט די מומע יענטעלע. איך האב געקאנט זיצן שעה׳ן און זיך צוהערן צו אירע רייד און מעשיות. טיילמאל פלעגט זי נעמען פלאנטערן, אריינפלעכטן א מעשה אין א מעשה, און זיך אזוי פארוויקלען, אז זי האט זיך מער נישט געקאנט אויפוויקלען.

גאנץ אנדערש זענען געווען די געשיכטעס וואס עס האט דערציילט מיין קוזינע ברכה, דעם פעטער יוסף׳ס עלטסטע טאכטער, די נייטארין. זי האט ליב געהאט טראגישע געשיכטעס, ספעציעל פון דער צייט פון דער כאלערע, ווען ס׳זענען געשטארבן אונזערע קוזינס.

ברכה פלעגט זאגן צו דער מאמען:

— מומע שבע, איר קאנט אייך נישט אויסמאלן וואס דא האט זיך אפגעטאן. זעקס הונדערט מענטשן זענען אויסגעשטארבן אין בילגאריי. זעקס הונדערט מענטשן! קיינער האט נישט געוואוסט וועמען ס׳וועט טרעפן. אט איז מען געווען געזונט און אט האט אנגעכאפט א קורטש אין פוס. ס׳איז געווען איין רפואה: רייבן מיט בראנפן, אבער ס׳האט נישט געהאלפן. ס׳האט אויסגעפעלט בראנפן אויך. ס׳איז אויך נישט געווען ווער ס׳זאל רייבן, ווייל מ׳האט געדארפט האבן דערצו שטארקע הענט. אין דער כאלערע האט מען ערשט געזען ווער ס׳איז גוט און ווער ס׳מאכט זיך פאר א צדיק׳ל. מענטשן וואס מ׳האט געמיינט, אז זיי זענען רשעים, זענען אפגעזעסן גאנצע נעכט און געריבן קראנקע. זיי האבן אזוי לאנג געריבן אנדערע, ביז זיי זענען אליין אוועקגעפאלן. די צדיקים׳לעך האבן זיך אויסבאהאלטן. אבער מ׳קאן זיך נישט באהאלטן פון גאט. ס׳האט געטאן א כאפ־אן און מ׳איז געווען פארביי. קיינער איז נישט געווארן געזונט. אפשר א צען מענטשן זענען אויפגעשטאנען פון דער כאלערע, אלע אנדערע זענען געשטארבן. אין אנהויב האט מען נאך געמאכט לוויות, אבער דערנאך איז נישט געווען ווער ס׳זאל גראבן די קברים. מ׳האט נישט געטארט מטהר זיין. די עסטרייכער האבן געהייסן אלע טויטע באגראבן אין קאלך. ס׳איז אפילו נישט געווען קיין תכריכים. אט האט מען גערעדט מיט א מענטש, און אט הערט מען אז מ׳האט אים שוין אוועקגעפירט אויפ׳ן זאמד. אוי, מומע, א מענטש האט גארנישט קא׳ ווערט. א מענטש איז ווייניקער ווי א פליג, ווייניקער ווי א ווערימל. אז העניע איז געווארן קראנק, האבן זיך די ארימעלייט געפרייט. זאלן נישט די גבירים מיינען, אז ס׳איז זייער וועלט. אבער ביי דער כאלערע זענען נישטא קא׳ גבירים און קא׳ן ארימעלייט. ס׳האט קיינעם נישט געמיטן. מ׳איז געפאלן ווי די פליגן. דאקטאר גרושטשינסקי האט זיך נישט געקאנט קא׳ן עצה געבן. די מיליטערישע דאקטוירים האט מען מורא געהאט צו רופן, ווייל זיי האבן באלד צוגעכאפט אין שפיטאל. אין שפיטאל איז נאך געווען ערגער ווי אין דער היים. דארט איז אפילו נישט געווען ווער ס׳זאל רייבן מיט בראנפן. די קראנקע זענען געלעגן און אויסגעגאנגען פון דורשט. זיי האבן זיך געבעטן א טראפעלע וואסער, אבער מ׳האט זיי נישט געגעבן. איין קראנקער האט זיך צוגעכאפט צום פאמעשאף און גענומען טרינקען. וואס קאן מען טאן אז ס׳ברענט א פייער? ער האט זיך אנגעטרונקען און איז באלד אוועקגעשטארבן. דארט האט מען אפילו זיך נישט אומגעקוקט צי דער טויטער איז א ייד אדער א גוי. מ׳האט אלעמען באגראבן מיט׳ן אנטועכץ און באגאסן מיט קאלך. מ׳האט אוועקגעשטעלט זעלנער אויף די וועגן. קיינער האט נישט געטארט ארויספארן אדער אריינפארן, מ׳זאל נישט פארטראגן די כאלערע אין אנדערע שטעט. און דא קומט צו גיין אן אלטער ייד, א מדינה־גייער. מ׳האט אים געהייסן צוריקגיין, אבער ער האט נישט געהאט קא׳ כוח, — האבן די זעלנער אים אויסגעטאן נאקעט און אים געבאדן אין א ברונעם. ווען ס׳וואלט נישט געווען אזא אומגליק, וואלט מען צעקנאקט געווארן פון געלעכטער.

מומע, איך זאג אז אלץ איז באשערט. טייל מענטשן האבן זיך געהיטן זיי האבן נישט געגעסן קיין רוי אויבסט און געטרונקען נאר געקאכט וואסער מיט בראנפן, אבער ס׳האט זיי נישט געהאלפן. אנדערע האב־געטרונקען אומגעקאכט וואסער און געגעסן אומצייטיקע עפל און באר־נעס. זיי האבן אפילו נישט אפגעשיילט די שאלן. אבער ס׳האט זיי גאר־נישט געשאדט. מ׳זאגט אז א שטארקער מענטש קאן גיכער אויסהאלטן נישט אמת, מומע, נישט אמת. די שטארקע זענען נאך מער געשטארבן פון די שוואכע. די ווייבער זענען אוועק אויפ׳ן בית־עולם און געמאסט

"Then it was wartime and everyone began advising me. What he left me was taken away by his daughter and son-in-law, who even drove me from the house. I went to live with my brother in Byszcz, a small village. But I didn't care for life among the peasants, without Sabbaths or holidays. I enjoy hearing a Jewish word or two at the synagogue and listening to a preacher. The matchmakers wouldn't leave me alone and they suggested your brother to me, Reb Joseph, the Bilgoray Rabbi. I heard all about him. But even though they told me he was an angry man, I thought: 'He can't be worse than the last one—'

"They arranged a meeting so I could look him over, but when I got here they said he was sleeping. I said I'd wait. Taubele told me, 'He isn't sleeping yet. Go in and talk to him.' The first thing I saw beside him as he lay in bed was a band, the kind used to hold up a rupture. 'A fine reception for a bride,' I thought. But at our age, who can choose? It's enough to be able to stay alive. That's the story of my third marriage. Woe is me! He should remain healthy . . ."

That was how my Aunt Yentel spoke. I could listen to her stories for hours. Sometimes she'd tangle one story with another and couldn't find her way out.

But my cousin Brocha the seamstress liked to embroider tragic tales, particularly those of the cholera epidemic in which two of our cousins had died.

Brocha would tell our mother, "It's impossible to explain how it all happened. Six hundred people! No one knew who would be next. One minute you felt well, and the next you had a cramp in your leg. The only remedy was to rub it with alcohol, but there was no one to do the rubbing because it required strong hands, and besides, alcohol was hard to get. Only during an epidemic can you find out who's really good and who's been pretending. People who had been considered worthless would sit up nights massaging the sick until they themselves became ill. Those who played the part of saints were hiding. But you can't hide from God.

"Those who became sick died. There couldn't have been more than ten people who recovered. In the beginning there were funerals, but afterwards there was no one to dig graves, and nobody dared cleanse the bodies. The Austrians ordered all corpses buried in lime. There weren't even any shrouds. You'd talk to a person one day, and the next he'd be underground. Auntie, how much is human life worth—any more than that of a fly or a worm? When Henia the magnate became sick, the paupers were gratified. 'The world isn't only for the powerful,' they said. But a plague doesn't differentiate between rich and poor. It was too much for Doctor Gruszcinsky, but people were afraid to call the military doctors, who would take the patient to the hospital. There they died of thrist. There wasn't anyone to give you a drop of water or even rub you with vodka. One patient dragged himself to the slop pail, drank, and died on the spot. But what can you do with a fire inside you? They didn't even notice if a corpse was Jew or Gentile, but just buried them all in lime, with their clothes on. Soldiers were posted along the roads to keep everyone from leaving town and spreading the epidemic. An old mendicant was told to go back but didn't have the strength. So they stripped him and washed him in a well. If we weren't so affected by tragedy, it would have been funny.

"Auntie, you can't avoid fate. Many people tried to behave as the doctors told them, didn't eat raw fruit, drank only boiled water with whisky, but it didn't save them. Others, who drank

די קברים. מ'האט געזאגט, אז ס'איז א סגולה חתונה צו מאכן א יתומה אויפ'ן בית־עולם, און מ'האט געמאכט א חתונה אויך: יאסעלע הענדעלע און — — ניין, די מומע וועט זי נישט קאנען. דא איז געווען אזא בראך, און מ'האט זיך נאך לוסטיק געמאכט אויך. די יונגען זענען נאכגעלאפן און זיי אפגעשפילט א קאצנמוזיק. די כלי־זמר האבן געשפילט. דא האט מען געגראבן קברים און דא האט מען געשטעלט א חופה. יערן אינדערפרי, אז איך האב מיך אויפגעכאפט, האב איך מיך געפרעגט: לעב איך נאך? און כ'האב מיך אליין געוואונדערט. אויף אלעמען האב איך זיך געריכט, אבער נישט אויף איטעלע'ן.

און דא האט מיין קוזינע ברכה גענומען דערציילן ווי די שוועסטער אירע און די קוזינע זענען געווארן קראנק. איך געדענק אבער נישט זיכער צי ביידע זענען געשטארבן אין דער אייגענער צייט. איינע איז גאר, דוכט זיך, געשטארבן פון טיפוס.

די מאמע איז געזעסן און געהערט. טיילמאל האט זי א פרעג געטאן אויף עמיצן און ברכה האט געענטפערט:

— שוין אויף יענער־וועלט.

— ווינד און וויי צו מיינע יארן!

— מומע, אויפ'ן מארק איז אנגעוואקסן גראז!...

די מאמע האט געשאקלט מיט'ן קאפ. א טיפער טרויער האט ארויסגעקוקט פון אירע אויגן, וואס טיילמאל זענען זיי געווען העל־גרוי און טיילמאל בלוי ווי דער הימל. דאס גאנצע בלאסע אויסגעשפיצטע פנים האט געפרעגט:

— פארוואס? פארוואס?...

דער פעטער יוסף איז מיט אמאל אריינגעקומען פון בית־דין־שטוב.

— נו, א סוף צו די מעשיות! — האט ער זיך א בייזער געטאן אויף דער טאכטער. — דו ניי!

— כ'ניי, כ'ניי.

— וואו איז שמשון?

— וואס דארפסטו שמשונ'ען?

— כ'וויל פאררויכערן א פאפיראס.

דער פעטער יוסף איז געווען א שטארקער רויכערער, אבער האט קיינמאל נישט געטראגן מיט זיך קיין שוועבעלע. ווען ער האט געדארפט פאררויכערן, האט אברהמ'לע אדער שמשון אנגעריבן פאר אים א שוועבעלע. ער האט זיך געפירט מעשה פריץ און באהאנדלט די קינדער ווי קנעכט.

ער איז צוגעקומען צו מיר און געפרעגט:

— נו, וואס טוט זיך אין דעם ווארשע?

אבער ער האט נישט געווארט אויף קיין ענטפער. נאך איידער איך האב געעפנט דאס מויל, איז ער צוריק אוועק אין בית־דין־שטוב.

ordinary water and ate raw apples and pears, were spared. They say that the stronger you are, the less you get sick, but that's not true. The stronger ones died even faster . . .

"Women went to the cemetery to measure the graves with strings that were later used as wicks for candles in the synagogue. They said it was good luck to marry an orphan at the cemetery. Yosele Hendele and . . . no, Auntie, you wouldn't know her. People were so demented that they celebrated the ceremony with dancing. Boys ran about wildly. Next to the wedding canopy, graves were being dug. Each morning I would wake up asking myself, 'Am I still alive?' I really didn't know. I thought it could happen to anyone but Ittele."

And Brocha would tell how her sister and cousin had become sick. I don't recall whether they died at the same time. One of them, I think, died of typhus.

Listening, Mother would sometimes ask about someone, and Brocha would answer, "In the other world . . ."

"Woe is me!"

"Grass grew in the market place, Auntie . . ."

Mother shook her head, deep sorrow in her eyes, which were sometimes gray and at other times bright blue. Her face was pale, drawn, and uncomprehending.

Suddenly Uncle Joseph appeared from his study. "Enough!" he growled at his daughter. "Sew!"

"I'm sewing!"

"Where's Samson?"

"What do you need him for?"

"I want to smoke a cigarette."

He was a heavy smoker but never carried matches. Avromele and Samson had to strike matches for him. He behaved like a squire, treating his children as slaves.

He asked me, "Well, what goes on in your Warsaw?" But, without waiting for an answer, he dashed back to his study.

## 57

## אַלט ייִדישקייט

צו מיין זיידנ'ס צד אין בילגאריי האבן געהערט די טוריסקער חסידים. דאס טוריסקער שטיבל איז געווען אונזער פעסטונג, און איך האב אנגעהויבן לערנען אין טוריסקער שטיבל. די מערסטע בילגארייער בחורים האבן געלערנט אין בית־מדרש, אבער דאס אליין איז שוין געווען א סיבה פארוואס איך זאל אויסקלויבן דאס טוריסקער שטיבל. דאס טוריסקער שטיבל איז געווען א הויז פאר זיך און איז געשטאנען אויף א בערגל. ס'איז דארט אלין געווען וואס אין א שטיבל דארף זיין: א גרויסער ליימענער אויוון, טישן, פאליצעס מיט ספרים. אינדערפרי און אין אוונט האט מען דארט געדאוונט, אבער א גאנצן טאג איז דאס שטיבל געווען כמעט ליידיק. איך האב באקומען צוויי תלמידים און אנגעהויבן מיט זיי לערנען די גמרא נדרים. איינער פון מיינע תלמידים איז געווען מיין קוזין שמשון און דער צווייטער איז געווען א בחור מיט'ן נאמען בנימין ברעזל. ביידע זענען געווען אין מיין עלטער אבער איך האב געקאנט בעסער לערנען פון זיי. מיר האבן אביסל געלערנט און א סך גערעדט, פון דעם, פון יענעם, פון ווארשע, פון בילגאריי. איך האב זיי דערציילט ווי גרויס ווארשע איז, ווי טראמווייען פארן פון איין גאס אין דער אנדערער, און וויפיל געשעפטן עס זענען פאראן אויף דער מארשאלקאווסקע און דער נייער־וועלט. זיי האבן מיר איבערגעגעבן די בילגארייער ענינים.

איך בין געזעסן אין שטיבל און געלערנט. אפט, ווען מיינע תלמידים זענען נישט געווען אין שטיבל, האב איך ארומשפאצירט אהין און צוריק אדער געניששטערט אין די ספרים־שענק. אין ווארשע האב איך ווי־ס'איז געהאט א צוטריט צו א ביכל, צו א קאפעלע וועלטלעך וויסן. דא האט מען נישט געפונען קיין בוך אויף קיין רפואה. אבער בלויז לערנען גמרא איז נישט געווען גענוג פאר מיר. איך האב געכאפט א בליק אין מורה נבוכים, אין כוזרי, און אויך אין די קבלה־ספרים, וואס האבן זיך געפונען אין שטיבל. איך קאן דא נישט איבערגעבן ווי גרויס מיין דורשט נאך וויסן איז געווארן אין בילגאריי. איך האב מיך מיט אמאל דערשפירט אפגעריסן פון אלע קוואלן און עפעס ווי צוריקגעשטויסן צו די אלטע צייטן.

ווי אלט־מאדיש די דאזיקע שטאט איז געווען ווען איך בין אין איר אנגעקומען! ס'איז כמעט דארט נישט געווען קיין ייד וואס איז נישט געגאנגען דריי מאל אין טאג דאוונען. איך ווייס נישט צי ס'זענען געווען

## OLD JEWISHNESS

Although most of the boys at Bilgoray used the big study house, I went to the Turisk study house, which had belonged to my grandfather's Hasidim. Isolated on a hill, it had in it everything that a study house needed—a large clay oven, tables, and bookshelves, and besides, it was nearly deserted during the day, since prayers were said there only in the mornings and evenings. With the two pupils assigned to me, I began studying the Talmud; one was my cousin Samson, the other, Benjamin Brezel. Both were my age, but I was more advanced than they. We talked more than we studied. I described the vastness of Warsaw, the trolleys running everywhere, the stores on Marszalkowska Boulevard and the New World, and they discussed Bilgoray with me. When I was alone, I paced back and forth and browsed through the books, longing for a taste of something more worldly, such as I had found in Warsaw. *The Guide for the Perplexed*, *The Kuzari*, and also Cabala books intrigued

דריי פרויען וואס זענען ארומגעגאנגען אין די אייגענע האר. פרומער נאך פון די לומדים זענען געווען די פראסטע יידן. נאר מ'האט געלערנט, געדאוונט, געזאגט תהילים. גאר א סך ווייבער האבן אפילו נישט געוואלט אנטאן קיין שייטל, נאר ארומגעגאנגען אין קאפקעס און אין טיכלער אויף די קעפ. ערב ראש־חודש איז די גאנצע שטאט געגאנגען זאגן די תפילות פון יום־כיפור־קטן. דא זענען נאך געווען יידן און יידענעס וואס האבן געפאסט מאנטאג און דאנערשטאג. דא האט מען זיך אויפגעהויבן פארטאג זאגן סליחות און קינות, וואס אין אנדערע שטעט האט מען זיי שוין פארגעסן. אין זאמאשטש, אין שעברעשין האט די השכלה געהאט אירע מענטשן. אבער אין בילגאריי האבן אפילו די פאר „משכילים" געטראגן לאנגע קאפאטעס און נישט פארפעלט קיין מנחה. וועגן קיין יידישער צייטונג האט מען דא נישט געוואוסט. ווי וואויל פרץ האט געשטאמט פון דער דאזיקער געגנט, האט זעלטן עמיץ וועגן אים געהערט. מיין זיידע האט אפגעהיטן בילגאריי פון אלע שטרויכלונגען פון יצר הרע. א גרויסע ראל אין דער פרומקייט פון בילגאריי האט אויך געשפילט דער פאקט וואס די שטאט איז געווען ווייט פון א באן. ס'זענען דארט נאך געווען יידן וואס האבן — ביז די עסטרייכער זענען אריינגעקומען — קיין באן פאר די אויגן נישט געזען.

איך האב דא געהאט א געלעגנהייט צו זען יידישקייט ווי דאס האט אויסגעזען מיט הונדערטער יארן צוריק. איך האב דא אפילו געהערט רעדן א יידיש, וואס האט געשמעקט מיט פארצייטנס. דאס האט, פונדעסטוועגן, נישט געשטערט צוויי יידישע טעכטער — צוויי שוועסטער — צו ווערן זונות. אויפ'ן זאמד, נישט ווייט פון בית־עולם, האבן זיי געהאט א הייזל, און עס זענען דארט געקומען צו זיי די עסטרייכישע סאלדאטן, די אלערליי מאדיארן, טשעכן, באשניאקעס, הערצאגעווינער. א מיליטערישער דאקטאר האט אכטונג געטאן אויף די זונות זיי זאלן נישט אנשטעקן דאס מיליטער. זיי האבן געמוזט טראגן ספעציעלע טיכלעך אויפ'ן קאפ. פון מאל צו מאל האבן זיי פארביישפאצירט די שול־גאס. דער טאטע זייערער, אן ארימער און פראסטער ייד, האט געוואוינט אין בילגאריי און געהאט פון זיי בושות און חרפות. דער עלטערער'ס מאן איז געהאט אוועק קיין אמעריקע, און איך בין שפעטער געווען דערביי ווי מיין פעטער האט ארויסגעגעבן א גט דער דאזיקער פארועטערישער פרוי. דער מאן האט איר געשיקט דעם גט מיט דער פאסט אדער מיט א שליח.

ביסלעכווייז האב איך אנגעהויבן זיך דערוויסן, אז דער יצר־הרע האט אויך דא זיין צד, כאטש א צד א קליינעם און א פארבארגענעם.

צווישן די ארבעטער זענען געווען א פאר בונדיסטן, וואס אין 1905 האבן זיי אנטייל גענומען אין א דעמאנסטראציע, אדער א סטרייק. די בילגארייער בונדיסטן האבן אפגעהיטן די קאנספיראציע מיט אלע דינים.

די פאר בראשורן וואס זיי האבן פארמאגט זענען געגאנגען פון האנט צו האנט און זענען געווען געל און צעשאטן. דער פאקט וואס אין עסטרייך ווי אין דייטשלאנד, זענען סאציאליסטן געווען לעגאל, איז זיי געווען אומבאקאנט, אדער אפשר האבן זיי זיך געמאכט נישט ווויסנדיק. איך וואלט געזאגט, אז אפילו דער סאציאליזם אין בילגאריי איז געווען אן אלטמאדישער און עפעס ווי א הייליקער. אלץ איז ביי זיי געווען א סוד. ס'האט געדויערט עטלעכע יאר ביז איך האב זיך דערוואוסט פון זייער עקזיסטענץ. עס זענען אויך געווען אין בילגאריי א פאר ציוניסטן, אדער אפשר זאל איך זיי רופן חובבי ציון, ווייל צו דעם פאליטישן ציוניזם האט בילגאריי נאך דאמאלס נישט געהאט דערגרייכט.

א זייל פון דער השכלה אין בילגאריי איז געווען טודרוס זייגערמאכער, א ייד מיט א לאנגער קאפאטע. וועגן דעם דאזיקן טודרוס האב איך נאך געהערט אין ווארשע. ער איז געווען אמאל מיין זיידנ'ס א תלמיד. ער האט גע'שמ'ט פאר אן עלוי און א מתמיד, אבער מיטאמאל האט ער אוועקגעווארפן דאס לערנען, זיך אויסגעלערנט זיין א זייגערמאכער, זיך געגט מיט דעם פרומען ווייב און חתונה געהאט מיט א היינטוועלטיש מיידל, וואס האט נאך דער חתונה נישט אנגעטאן קיין שייטל. טודרוס אליין איז געבליבן א לאנג־געקליידטער ייד, אבער אנשטאט צו דאווענען אין בית־מדרש אדער אין א חסידים־שטיבל, האט ער געדאוונט (שבת) אין שניידערשן בית מדרש'ל צווישן די בעל־מלאכה'ס. דארט איז ער געווען דער בעל־קורא און ער האט געלייענט דאס ספר על פי דקדוק. ער האט געהאט א נאמען פאר א געניטן זייגער־מאכער, ער האט אביסל געשפילט פידל, זיך גע'חבר'ט מיט די כלי־זמר און אויפגעצויגן די קינדער אין מאדערנעם גייסט. מ'האט מיר אויף אים אנגעוויזן אין גאס. ער איז געווען א נידעריקער, מיט א געהויקערטער פלייצע, מיט א שווארץ שיטער בערדל און מיט א פאר גרויסע שווארצע קלוגע אויגן, אביסל ענלעך צו מענדעלסאנ'ען און אביסל צו שפינאזא'ן (כאטש די צוויי זענען ווייניק ענלעך איינער צום אנדערן). עס איז פאראן א סארט יידישע צורה וואס חזר'ט זיך איבער אין משך פון דורות און אין פארשידענע וועלט־טיילן. איך זע א געוויסע ענלעכקייט צווישן שפינאזא'ן, מענדעלסאן, איינשטיינ'ען און אפילו היינע'ן און הערצל'ען. טודרוס זייגערמאכער האט געהאט אט־דעם אויסדרוק. איך האב געהאט גרויס חשק מיט אים צו רעדן, אבער, ערשטנס, האט מען מיך געווארנט, אז רעדן מיט אים, הייסט גלייך באקומען א שלעכטן שם. און קאליע מאכן דער מאמע'ס און דעם טאטנ'ס מערכה. צווייטנס, בין איך געווען צו־שעמעוודיק אנצוהויבן רעדן מיט עמיצן. איך וויל דא דערמאנען א פאקט, וואס קלינגט מיר אליין אומגלויבלעך. אין טוריסקער שטיבל האט געדאוונט שבת א זון פון מיין קוזין אלי, וואס האט אונז באזוכט אין ווארשע (אלי, מיין איך). געהייסן האט דער בחור משה. א יאר איז אריבער אדער מער און קיינער פון אונז

me for a while, but my thirst for knowledge was insatiable and I felt that I had been condemned to antiquity.

When I first arrived in that town, almost every Jew prayed thrice daily, and there was scarcely a woman who did not cut off her hair, covering her head with a bonnet or kerchief rather than a wig. The common people were even more devout than the scholars. On the day preceding the new moon, everyone recited the prayers of the minor Day of Atonement. Some people fasted every Monday and Thursday, rose early in the morning, lamenting in the kind of penitential prayers that other communities had forgotten. Enlightened individuals could be found in Tomaszow and Shebreshin, but in Bilgoray the few "enlightened" ones still wore long gabardines and never missed a prayer. Yiddish newspapers were seldom seen, and although Peretz had come from this region, no one knew anything about him. My grandfather had insulated Bilgoray against evil temptation, and the town's distance from the railroad helped. Before the advent of the Austrians, some townspeople had never seen a train.

The Yiddish I heard there and the kind of Jewish behavior and customs I witnessed were those preserved from a much earlier time. In spite of this, two Jewish sisters became whores, setting up, on the Sands, near the cemetery, a brothel patronized by Austrian, Magyar, Czech, Bosnian, and Herzegovinian soldiers. A military doctor instructed the soldiers in precautionary methods against infection, and the girls had to wear special kerchiefs on their heads. Occasionally they strolled past the synagogue. Their father was a simple man who suffered deeply because of them. I was present when my uncle issued a divorce against the elder sister, whose husband had gone to America and had sent the papers by mail.

The evil spirit, I discovered, had a small following even in Bilgoray.

Everything was conspirative there. Years passed before I learned of the existence among the town's workingmen of members of the Bund that had participated in strikes and demonstrations in 1905. Either unaware of the legality of socialism in Austria, or pretending to be so, they kept their brand of socialism as if it had an air of the occult.

There were also in Bilgoray a few admirers of Zionism who had not yet made the leap to politics.

Todros the watchmaker, though dressed as a traditional Hasid, was the town's pillar of enlightenment. I had heard of him in Warsaw, because, as my grandfather's pupil and something of a prodigy, he had suddenly abandoned his studies, learned watchmaking, divorced his pious wife, and married a wigless modern girl. On the Sabbath, instead of praying at the synagogue or the study house, he joined the workingmen at the tailors' house of prayer and read the holy scroll there, with grammatical exactness, as official reader. Skilled as a watchmaker, he also played the violin, was friendly with the wedding musicians, and brought up his children in a modern way. I had seen him on the street—short, hunchbacked, with a small black beard and large intelligent black eyes somewhat like those of Mendelsohn and Spinoza (although neither of them resembled each other). There is a kind of Jewish face that one finds in all parts of the world. This is the face of Spinoza, Mendelsohn, Einstein, Herzl, and Todros the watchmaker. There was something about the expression of his eyes which stirred me. I longed to talk to him, but I had been warned that if I did so, my reputation would be tainted and the status of my parents diminished. Besides, I was too shy. I want to digress here and mention something that still seems incredible to me. Moshe, the son of my cousin Eli, who had visited us in Warsaw, would attend the Turisk study house on the Sabbath. A year went by without either of us, grandsons of the same grandfather, exchanging a word. This is more the way two Englishmen behave than two Jewish boys from Poland. But it's a fact.

One Friday, late in the summer, in the month of Ab or Elul, my aunt gave me a glass of tea and a cube of sugar. When I bit

אנשטאט צו מאכן שלום מיט דעם געדאנק, אז די שוועבעלער זענען נישטא, האט דער פעטער גענומען שרייען אלץ העכער און זידלען די זין זיינע: פאסקודניאק! בהמה! גולם! שייגעץ! ער האט אנגעווארפן אויף אלעמען א פחד מיט זיינע קולות, און די מיידלעך האבן זיך אויך אויפגעריסן פון די בעטן און אויך גענומען זוכן. איך האב געהערט ווי די שטוב-לייט שטויסן זיך אז איינער אין אנדערן און אין די שטוב-זאכן. די נאכט איז געווען א פינצטערע, די לאדן זענען געווען פארמאכט, און אין קיך איז געווען פינצטער ווי אין מצרים. פון ערגעץ איז שוין אראפגעפאלן א טאפ, א טעלער האט זיך צעבראכן, א לאפאטע, וואס מ'האט אנגעשפארט אן אויוון, איז אומגעפאלן. די מומע יענטל, וואס איז שוין געווען אן אלט מענטש און א שוואכע דערצו, האט זיך נישט געאיילט זיך אויפצוהויבן. אבער דער פעטער האט געמאכט אזא טאראראם, אז די מומע יענטל איז אויך ארויס פון בעט, און איך האב געהערט אין דער פינצטער די שווערע און אומזיכערע טריט אירע. ווער איז דאס, הא? — האט זי גערופן — ברכה? טויבע? וואו ביזטו? וואו בין איך?... איינע פון פעטער'ס טעכטער איז צוגעקומען צו מיין געלעגער און גענומען טאפן ווי א בלינדע. זי האט, אפנים, געמיינט, אז זי וועט דא ערגעץ געפינען די שוועבעלעך. פון מינוט צו מינוט איז די בהלה געווארן אלץ גרעסער. מיט אמאל האב איך דערהערט דעם פעטער'ס קול זיך דערנענטערן. זיין תאווה צו רויכערן איז געווען אזוי גרויס און זיין אומגעדולד אזוי שטארק, אז ער האט זיך אויך אויפגעריסן פון געלעגער. בהמות! אקסן! שוטים! טפשים! — האט דער פעטער געשריגן. פלוצלינג האט דער פעטער ארויסגעלאזט אן אוממענטשלעך געשריי. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז מ'האט געהאט אוועקגעשטעלט אויף דער ערד א באליע מיט וועש. דער פעטער איז אריין אין דער באליע...

אין מיטן דער בהלה האט איינער פון פעטער'ס קינדער געפונען די שוועבעלעך. ער האט אנגעצונדן א שוועבעלע און איך האב דערזען א בילד, וואס וואלט געפאסט פאר א סצענע פון דער „הבימה": דעם פעטער'ס טעכטער זענען ארומגעקראכן אין לאנגע העמדער, מיט צעשויבערטע קעפ. די מומע יענטל האט אין דעם תוהו ובוהו געהאט פארלוירן די שלאף-קאפקע. זי איז געשטאנען א האלב נאקעטע, מיט א טרעפיקן קאפ, פארגליווערט ווי א געץ. דעם פעטער'ס זין זענען געווען אין גאטקעס, בארוועס, צעבראסטעט, בלאס, דערשראקן. דער פעטער יוסף, מיט א שנייווייסער בארד, אין א לאנג העמד, און מיט דינע פיסלעך, איז געשטאנען צווישן נאסע וועש, אין א קאלוזשע וואסער. די גרויסע אויגן זיינע האבן געברענט פון כעס. ער האט ערשט איצט דערלאנגט לשון:

— פראים! נבלות!... מחוצפים!... כלבים!...

איך האב צוגעמאכט די אויגן און זיך געמאכט שלאפנדיק, אבער א שפעלטל אויג איז געבליבן אפן. די מיידן האבן גענומען צונויפקלייבן די נאסע וועש, און אויסווישן דעם דיל. די מומע האט גענומען זוכן איר הייבל. גלייך האט אברהמ'לע צוגעטראגן דעם פעטער יוסף א פאפיראס און א שוועבעלע. דער פעטער האט פאררויכערט און טיף, טיף ארייננגעצויגן דעם רויך. דאס פנים זיינ'ס איז געווען אזוי ווייס ווי זיין בארד.

— וואו זענען געווען די שוועבעלעך? — האט ער געטאן א געשריי.

לאנג האט געדויערט די אויספארשונג. איך האב געמיינט אז דאס וועט זיין א לעקציע פאר'ן פעטער און ער וועט פון היינט-אן און ווייטער צוגרייטן פאר זיך פאפיראסן און שוועבעלעך. אבער צומארגנס ביינאכט האב איך ווידער געהערט דעם פעטער'ס קולות.

איך מוז דא דערציילן נאך אן עפיזאד וואס איז פארבונדן מיט מיין פעטער'ס קאפריזן.

איך בין א צייט געשלאפן אין קיך אויף א געלעגער אויסגעבעט אויף דער ערד. צוזאמען מיט מיר איז געשלאפן מיין ברודער משה.

אין מיטן דער נאכט כאפ איך זיך אויף און פיל עפעס א שווערקייט, ווי עמיץ וואלט אויף מיר געלעגן. איך שטרעק אויס די האנט און טאפ אן א קאפ. איך האב פארשטאנען, אז מיין ברודער משה האט זיך שלאפנדיקערהייט אראפגערוקט אויף מיר. איך נעם וועקן מיין ברודער משה.

— משה, לייג דיר גלייך! — רוף איך — ליג נישט אויף מיר!

אזוי ווי איך זאג דאס, טוט די האנט מיינע א טאפ איבער'ן קישן און איך טאפ-אן נאך א קאפ, דעם קאפ פון מיין ברודער משה.

א פחד איז מיך באפאלן.ביידע קעפ זענען, אפנים, שטארק געשלאפן, ווייל זיי האבן זיך געלאזט באטאפן און זיך נישט איבערגעוועקט. יא, מיין ברודער משה איז געלעגן נעבן מיר, דער קאפ אנגעשפארט אויף א קישן, ווי יעדע נאכט. איך האב דערקאנט זיין גלאטע הויט, זיינע זיידענע פאות. אבער ווער איז דער קאפ וואס ליגט אויף מיר? דאס איז געווען א קאפ מיט געדיכטע האר און מיט א הויט נישט אזא גלאטע ווי מיין ברודער'ס. איך האב גלייך באנומען וואס דא טוט זיך: א שד האט זיך אוועקגעלייגט אויף מיר, איינער פון דער סטרא-אחרא. איך האב מיך געהאט גענוג אנגעלייענט מיט אזוינע מעשיות אין קב הישר, אין ספר החסידים און נאך אזוינע ספרים און מעשה-ביכלעך.

אבער וואס טוט מען?

א ייד האט איין עצה: שרייען שמע ישראל. אבער שרייען איז נישט אין מיין טבע. איך האב שטילערהייט „געשריגן" שמע ישראל און געזאגט נאך אנדערע ווערטער, וואס זענען א סגולה צו פארטרייבן שדים.

אבער דער שד וואס איז געלעגן אויף מיר האט, אפנים, זיך נישט געשראקן נישט פאר שמע ישראל און נישט פאר אנדערע הייליקע זאגעכצער. ער איז געלעגן און געאטעמט, — א קאפ פון א נישט-גוטס, וואס האט זיך געלייגט שלאפן אויף א זינדיק ייִנגל.

too anxious to leave her bed, but my uncle's fury was so wild that soon her unsteady footsteps were also heard in the dark.

"Brocha, Taube, where are you?" she called out. "Where am I?"

One of my girl cousins came tapping around my mattress, like a blind person. The din increased. My uncle's urge to smoke was so pressing that he too got up; I heard his voice approaching.

"Dumb-oxes! Asses! Dopes!" he screeched. Then he gave an inhuman shriek. He had stepped into a basin full of laundry.

In the midst of the tumult, someone found the matches and lit one, and I witnessed a scene out of the Habimah. My girl cousins shuffled about in nightgowns, with disheveled hair, and my Aunt Yentel, having lost her nightcap, stood there half barefoot and in underpants, pale and frightened. Uncle Joseph, his snowy beard twitching, skinny legs visible beneath his long nightgown, blazed amid the wet laundry, in a puddle of water. "Scabby villains! Dogs!"

Pretending to sleep, I watched furtively. The girls collected the dripping laundry and wiped up the floor, while my aunt searched for her nightcap. My uncle took the cigarette and match offered by Avromele and drew in the smoke deeply. His face matched his beard. "Where were they?" he screeched.

He kept up the harangue for a long time. I thought the episode would have taught my uncle a lesson, but the next night his screams again pierced the darkness.

Another experience resulted from my uncle's capriciousness.

My brother Moishe and I used to sleep on a mattress on the kitchen floor. One night I awoke feeling that someone was lying on top of me, and thinking that Moishe had rolled over me in sleep, I said, "Lie straight, Moishe. Get off me!"

As I said this, I touched another head lying on the pillow next to me. This one was Moishe! I was terrified. Sound asleep, neither of them woke when I touched them. But I knew which was Moishe by his smooth skin and silken sidelocks. Then who lay on top of me? The hair was thick and the skin rougher than my brother's. A demon, I thought, had prostrated himself upon me, one of the company of Satan. I had read of such things in *The Righteous Measure*, *The Book of the Pious*, and similar works.

What could I do?

The only solution for a Jew was to shout, "Hear, O Israel!" But I am not the shouting kind. Quietly, I recited, "Hear, O Israel," and other prayers of a protective nature. But the demon on top of me was afraid of none of this. He lay there and breathed.

אחוץ שרייען שמע־ישראל, איז מיר געבליבן נאר אן אנדער וועג: מאכן א געוואלד. אבער מאכן געוואלדן און אויפוועקן מענטשן איז אויך נישט אין מיין טבע. איך האב אויך מורא געהאט, אז מיין ברודער משה וועט זיך דערשרעקן און, חלילה, ווערן פארשלאפט. א גרויס געראנגלעניש איז פארגעקומען אין מיר און איך האב באשלאסן גארנישט צו טאן, פשוט — זיך צו מאכן נישט וויסנדיק. ווי אזוי איך האב דאמאלט געהאט אזא קראפט, איז פאר מיר א וואונדער ביז היינט.

איך בין געלעגן א פארשווינענער, א דערציטערטער און נישט גערירט מיט קיין אבר. אין דער מחשבה האב איך געזאגט אלערליי פסוקים: מכשפה לא תחיה, יגער ה׳ בך השטן, און נאך אזוינע פסוקים, אבער אלץ אין מיר איז געווען פארשטומט און פארשטיינערט. איך האב געזוכט אין געדאנק די סיבה פון דער דאזיקער שטראף און געפונען אין מיר זינד. איך האב מיך געריכט, אז יעדע מינוט, יעדע רגע וועל איך אנגעכאפט ווערן פון מילי־מיליאסן שדים, רוחות, לאפיטוטן, און זיי וועלן מיך אוועקטראגן ערגעץ הינטער די הרי־חושך. ווער ווייסט? אפשר וועט מען מיך חתונה מאכן מיט א שדית? אפשר וועט לילית אליין מיך נעמען אין אירע הענט?

דער קאפ האט דערווייל געטאן דאס זיינע: געלעגן אויף מיר און גע־שלאפן.

ווי מאדנע, נאר איך בין פון גרויס פחד איינגעשלאפן. איך ווייס נישט ווי לאנג איך בין געשלאפן, נאר איך האב זיך אויפגעוועקט מיט אן אומ־היימלעך געפיל, און ווען איך האב אויסגעשטרעקט די האנט — האב איך ווידער אנגערירט דעם קאפ...

ארויסגעוויזן האט זיך, אז דאס איז נישט געווען קיין שד, נאר מיין קוזין שמשון. די מעשה איז געווען אזוי: מיין פעטער יוסף האט יענע נאכט, ווי אלע נעכט, אויפגעוועקט זיין זון ער זאל אים ברענגען פאפי־ראסן און שוועבעלעך. שמשון איז געווען מיד, פארשלאפן, און אויפ׳ן וועג צוריק פון פעטער׳ס שלאף־חדר, איז ער א פאל געטאן אויף מיין געלעגער און איז איינגעשלאפן מיט א שווערן שלאף, ווי מ׳האט נאר ווען מ׳איז יונג. די פסיכישע פארשונג האט דא פארלוירן א זעלטענעם באווייז פאר דער עקזיסטענץ פון גייסטער. אבער דער אמת איז דער אמת.

דערווייל האב איך גענומען האבן מאדנע איבערלעבונגען. איך בין ארומגעגאנגען גאנצע טעג און געקלערט מחשבות אזוינע וואס זענען מיר געווען זיס, פיינלעך, און וואס האבן מיר אויסגעוויזן אויסטערליש. איך האב ביז איצט נישט געטראכט באזונדערס וועגן קיין מיידלעך. וואס איז דא פאראן צו טראכטן וועגן מיידלעך? מיידלעך זענען מיידלעך. אבער מיט אמאל האב איך אנגעהויבן נאכקוקן מיידלעך און אפילו עלטערע פרויען. מיינע אייגענע קוזינעס האבן ארויסגערופן אין מיר א נייגיר, וואס איז מיר געווען פרעמד און מיך פארשעמט. איך האב מיך גענומען דערמאנען אן די סודות, וואס מיינע ווארשעווער חברים האבן מיר דער־ציילט, און אין יענע ווערטער און שטעלן אין חומש און אין דער גמרא, וואס דער רבי האט נישט אויסגעטייטשט, נאר געזאגט, אז ווען איך וועל עלטער־ווערן, וועל איך עס פארשטיין. איצט האבן די אלע איינצלהייטן זיך גענומען צונויפליגן אין איין גרויס רעטעניש, וואס זיין באשייד האב איך שוין האלב געוואוסט. ביינאכט האב איך אנגעהויבן זען חלומות, וואס סאי זיי זענען געווען זיס און סאי זיי האבן מיך געשראקן. ווער איך משוגע, אדער וואס? — האב איך מיך געפרעגט. ניין, דאס זענען נישט געווען גלאט מחשבות. איך בין געווארן באזעסן ווי פון א דיבוק. מיין געדאנק איז געווארן אומריין, טמא. איך בין געווארן פול מיט באגערן און פול מיט פאנטאזיעס, און אלץ האט זיך געדרייט ארום דעם ווייבערשן מין. פון קוקן אין ספרים האב איך באנומען וואס עס טוט זיך מיט מיר: דער יצר־הרע האט זיך צו מיר גענומען. איך בין געווארן א בעל־תאווה. אזוי ווילד און צעשויבערט זענען געווען מיינע דמיונות, — אז איך האב באשלאסן צו פאסטן און בעטן גאט איך זאל פטור ווערן פון זיי. אבער אפילו דער תענית האט נישט געהאלפן. איך בין געווארן באפאלן פון א כוח, וואס האט זיך נישט געשראקן פאר קיין שום הייליקייט...

My only alternative was to cause a commotion, but it isn't like me to rouse people in the middle of the night, and I was afraid that my brother might wake up and faint from terror. There were so many conflicts within me that I decided to act as if nothing had happened. I still cannot understand how I managed to control myself so well. Even though I lay there in trembling silence, I did not stir. Mentally I repeated verses such as, "Let there be contentment," but I was petrified. I kept reviewing the sins for which I thought I was being punished. At any moment, I imagined, demons would seize me and carry me off. I might even be mated with a female devil, or Lilith herself.

Meanwhile the head slept on.

The fear itself finally exhausted me, and I too fell asleep. I don't know how long I slept but I awoke with the depressing conviction that I only need stretch out my hand. . . .

Nevertheless, it was merely Cousin Samson.

That night, like all other nights, Uncle Joseph had demanded cigarettes and matches, but Samson had been so tired that on the way back from his father's bedroom he simply stumbled upon my mattress and fell asleep.

Yet even stranger experiences were beginning to come to me. My mind filled with thoughts that were both sweet and painful. I had suddenly become aware of the female sex. My own cousins stirred in me a shameful curiosity. I recalled secrets I had heard in Warsaw, and my mind dwelt on passages in the Pentateuch and Talmud that the teacher had said I would understand when I grew older. I felt that I almost knew the answer to the riddle. My dreams became frightening and pleasurable. I thought I was going crazy, or was possessed by a dibbuk. Desires and fantasies became all-consuming. I resolved to fast. But fasting had no effect. . . .

איך האב ערגעץ באגעגנט טודרוס זייגערמאכער און ער האט געכאפט מיט מיר א שמועסל וועגן גאט, נאטור, דער סיבה ראשונה און נאך אזוינע משכיל'ישע טעמעס. ער האט מיר געבארגט א בוך אויך — אן אלט דריי־טשיש טעקסט־בוך פון פיזיק, געדרוקט מיט וועלכע אכציק יאר צוריק. אין מיין זיידנ'ס הויף האט זיך געפונען א ווינקל, וואס איז געווען פון דריי זייטן ארומגעצוימט: מיט א וואנט פון הויז, מיט א וואנט פון זיידנ'ס סוכה און מיט שטאכעטן, וואס האבן אפגעטיילט אונזער הייפל פון א קארטאפל־פעלד, וואס האט געהערט צום היצל, דעם הונט־שלעגער. אין דעם ווינקל איז געשטאנען א בוים מיט עפל. אונטער דעם עפל־בוים, אויף א בענקל אדער א קלעצל, בין איך געזעסן און שטודירט די אלטע פיזיק. איך בין דארט געווען א סארט רואה ואינו נראה. איך האב געזען פון דאנען די שול, דאס בית־מדרש, דאס באד, און א ווייטן שטח מיט פעלדער, וואס האבן זיך געצויגן ביז צום סאסנע־וואלד. שטארכן זענען געפליגן ארום דעם דאך פון דער שול, געמאכט הקפות. אין די צווייגן פון דעם עפל־בוים האבן געצוויטשערט פייגעלער. קעגן דער זון האבן די בלעטלעך פון דעם עפל־בוים געלויכטן ווי פלעמלעך. שמעטערלינגען האבן ארומגעפלאטערט איבער די גראזן און בלימלעך פון זיידנ'ס הויף און ס'האבן ארומגעזשומעט פוטער־בינען. איבער אלעמען האט זיך אויסגעשפרייט א הימל בלוי ווי א פרוכת פון ימים־נוראים.

א גינגאלדענע זון האט געשאטן מיט ליכט און מיט ווארימקייט. מיר האט זיך געדוכט אז איך בין א פארצייטיקער פילאזאף, וואס האט זיך אפגעזונדערט פון דער וועלט און זיך אריינגעטאן איננאנצן אין חכמה און געטלעכקייט. פון מאל צו מאל איז מיין מומע יענטל ארויסגעקומען און אויסגעגאסן א פאמעשאף.

דאס לייענען די אלטע פיזיק איז מיר אנגעקומען שווער. די זאצן זענען געווען לאנגע און פארוויקלטע. די שפראך איז געווען א פרעמדע. אבער פון ווען אן קומט דאס אן וויסנשאפט לייכט? האבן דען נישט דורות געווארט אויף די דאזיקע אמת'ן? איז דען נישט דאס דאזיקע בוך א רעזולטאט פון הונדערטער געניאלע אנטדעקונגען? דאס ניינצנטע יארהונדערט איז אין דעם דאזיקן בוך כמעט נישט געווען פארטראטן. אבער ארכימעדעס, ניוטאן און פאסקאל האבן געלעבט פאר'ן ניינצעגטן יארהונדערט. פאר מיר איז דארט געווען גענוג וואס צו לערנען. ס'איז אבער געווען א צרה מיט מאטעמאטיק. מיין גאנץ וויסן איז באשטאנען פון אביסל אריטמעטיק. איך האב איבער יעדן זאץ געמוזט לאנג קלערן און ברעכן דעם קאפ. טיילמאל האב איך פון געוואוינהייט גענומען אונ־טערברומען א גמרא־ניגון. די זאצן אין דער דאזיקער פיזיק זענען געווען אזוי שווער, ווי, להבדיל, מהר"ם־שיף.

אין איינעם א פארמיטאג ווען איך בין אזוי געזעסן און געלערנט, האבן זיך באוויזן נעבן מיר צוויי בחורים'לעך,ביידע אנגעטאן ווי גימ־נאזיסטן, מיט געגילדטע קנעפ און מיט קריינדלעך אויף די היטלען. עס זענען געווען די איינציקע צוויי גימנאזיסטן וואס בילגארייַ האט פאר־מאגט: נטע שווערדשארף און מאיר הדס, ביידע האבן געשפילט א ראל אין מיין לעבן.

נטע שווערדשארף האט געשטאמט פון א מיוחס'דיקער פאמיליע. זיין זיידע, ר' שמואל אלי, איז געווען א למדן, א גוט־באזיצער, א גרויסער בעל־צדקה. נטע האט געהאט א מומע, גענענדעלע, וואס האט געשריבן לשון־קודש־בריוו און איז געווען אויך אונזערס א ווייטע קרוב'טע. די משפחה איז מיט דער צייט געווארן פארארעמט און אביסל וועלטלעך. נטע שווערדשארף איז געווען בלאנד, געהאט בלויע אויגן און אויסגע־זען ווי א שייגעץ. ער איז געווען זייער א קורצזיכטיקער און געטראגן ברילן מיט גראבע גלעזער. ער האט דערמאנט אן די אמאליקע גימנאזיסטן, וואס האבן געהערט צו פויליש־פאטריאטישע קרייזלעך, און האבן בא־צייטנס גענומען אויף זיך דעם עול פון פאלק און פון דער מענטשהייט. ער האט געהאט א נאמען אין שטאט פאר א שטיקל פלוט און פאר א בחור מיט קינסטלערישע און אידעאליסטישע נייגונגען. ער האט ארגאניזירט טעאטער־קרייזלעך און אלערליי ציוניסטישע גרופן. ער האט אין אלץ אריינגעלייגט א סך הארץ, פייער, אבער ער האט קיינמאל קיין שום זאך נישט אויסגעפירט. ער האט נאך אלץ געטראגן א גימנאזיסטישן אוני־פארם, אבער מיר דוכט זיך, אז ער איז שוין דאמאלס נגעווען א געוועזענער גימנאזיסט. ער איז געווען צופיל אריינגעטאן אין חלומות צו קאנען אויס־זיצן די אכט קלאסן. איין זאך האט ער געקאנט גוט: פויליש. ער האט גערעדט פויליש ווי א פאלאק און נישט אויפגעהערט לייענען ביכער. מען האט אים זעלטן געזען אן א ביכל אונטער'ן ארעם.

דער צווייטער, מאיר הדס, האט געשטאמט פון א משפחה מיט זייער א מיאוס'ן נאמען. די באבע זיינע האט געהאט אן אויסטערלישן נאמען: קינע. ווען זי איז געווען יונג, איז זי געווען א שיינע פרוי, האט געהאט פריינט צווישן די רוסישע אפיצירן און וואס מ'האט אויסגערעדט אויף איר, זאל פאלן אויף אלע וויסטע וועלדער. אין דער צייט ווען איך בין געקומען קיין בילגארייַ, איז זי שוין געווען אן אלטע יידענע, און אויב איך האב נישט קיין טעות, האט זי געטראגן א שייטל.

מאיר הדס האט אויך אויסגעזען ווי א שייגעץ, אבער אן אנדער סארט שייגעץ: א גלייכער, א לייכטזיניקער, א פריילעכער, פול מיט פוילישער גוטמוטיקייט. נטע שווערדשארף האט גערעדט א גוטן בילגארייער יידיש, אבער מאיר הדס'עס יידיש איז געווען א געמיש פון יידישער היימישקייט און גוי'אישער פרעמדקייט. מאיר הדס איז געווען א גימנאזיסט אויף אן אמת, אבער דאס חבר'ן זיך מיט נטע שווערדשארף, וואס איז געווען על־טער פון אים, האט אים נישט געטאן קיין טובה. נטע האט אים אריינ־געצויגן אין די אומצאליקע אונטערנעמונגען זיינע און פאנטאסטישע פלע־נער.

What difference did a soldier's uniform make? Instead of Cossacks, now Austrians, Magyars, Bosnians, and Herzegovinians strolled through Bilgoray. Proponents of enlightenment gravitated toward me in a conspiratorial way. Todros the watchmaker and I discussed God, nature, the First Cause, and other topics. In Grandfather's yard there was a spot shielded by a wall on one side, a Sukkoth booth on another, and the dogcatcher's potato field on the third. At a fence there, under an apple tree, I studied an eighty-year-old physics textbook. Although concealed, I could see the synagogue, the house of prayer, the bath, and the vast fields that extended toward the forest. In the apple tree birds sang, and storks soared over the synagogue. In the sun, the leaves of the apple tree gleamed like tiny flames. Butterflies and bees fluttered everywhere. And the sky was as blue as the curtain before the Holy Ark on the days between Rosh Hashanah and Yom Kippur. Warmed by the golden sun, I felt like an ancient philosopher who has turned from worldly vanities to the pursuit of wisdom and the divine. From time to time Aunt Yentel would come out to empty the slop pail.

The physics book was difficult to read, its sentences long and complex and the language strange. But scientific knowledge, I knew, had never been easily attained. This book was the culmination of hundreds of discoveries over as many years. The nineteenth century was not represented in the book, but I learned a great deal from Archimedes, Newton, and Pascal. I had trouble with the mathematics, however, not having had more than a smattering of arithmetic. Sometimes, out of habit, I chanted a Talmud melody as I studied.

One morning, as I was studying, two boys in uniforms with brass buttons and decorated caps appeared before me. They were the town's only Jewish high-school students, Notte Shverdsharf and Meir Hadas, both of whom were significant in my later life.

Notte came from a fine family. His grandfather, Reb Samuel Eli, had been a wealthy scholar and a great philanthropist, and he had an aunt, Genendele, who could correspond in Hebrew and was distantly related to me. But time had diminished the family fortune and increased its worldliness. Notte, blue-eyed, blond, and Gentile-looking, was very nearsighted and wore thick-lens glasses. Known as artistic and an idealist, he reminded one of the kind of Polish student who as a member of patriotic clubs would attempt to shoulder all the burdens of humanity. An organizer of dramatic and Zionist groups, he was extremely enthusiastic, but never saw anything through to the end. Even though he still wore a uniform, I think he was at that time out of high school. Too absorbed in fantasies to get through all eight grades, he knew only one thing well—the Polish language. He spoke like a Pole and kept reading Polish books. There was always some book under his arm.

The other boy, Meir Hadas, was of low origin. His grandmother, oddly named Kine, had been good-looking in her youth, and had been savagely slandered for fraternizing with Russian officers. But she was an old woman in a wig when I came to Bilgoray.

Meir Hadas also looked like a Gentile, but a different kind, being erect, frivolous, and full of a Polish vivacity. Unlike Notte, who spoke good Yiddish, Meir's Yiddish was a blend of Jewish and Gentile. Meir, who actually was a high-school student, had not been improved by Notte, who involved him in too many wild schemes and fantastic ventures.

איצט זענען די דאזיקע צוויי פראדוקטן פון דער בילגארייער אסימילאציע געקומען צו מיר. זיי האבן געמלעך געהערט פון מאטל שור וואס פאר א קענער איך בין פון העברעאיש, וואס פאר א טאלאנט איך האב צו פאעזיע, און זיי האבן באשלאסן איבערצורעדן מיט מיר די לאגע וועגן דער וועלט בכלל און וועגן בילגאריי באזונדער.

איך האב זיי אויפגענומען בערך אזוי ווי סאקראטעס האט אויפגענומען פלאטא'ן און די אנדערע תלמידים זיינע. זיי האבן זיך אוועקגעזעצט אויף דעם גראז, אונטער דעם בוים, און מיר האבן זיך צעשמועסט וועגן אלע ענינים אין דער וועלט: פון גאט ביז דעם פלאן צו גרינדן אין בילגאריי א דראמאטישן קרייז. איך האב אויסגעדריקט מיינע מיינונגען שארף, מיט דער זיכערקייט פון עמיצן וואס האט שוין אלץ דורכגעטראכט און איז געקומען וועגן אלץ צו קלארע באשלוסן. איך בין דעמאלס געווען נאר מער סקעפטיקער און פעסימיסט ווי איך בין היינט. נטע שווערדשארף, דער ענטוזיאסט, איז געווארן דערשראקן פון מיינע רייד. איך האב פון אלץ געמאכט אש און פארעד. איך האב געזאגט נישט־מער און נישט־ווייניקער, נאר אז דאס גאנצע לעבן איז נישט ווערט קיין אויסגעבלאזן איי און אז די העכסטע טאט וואס א מענטש קאן דערגרייכן איז זעלבסטמארד. גערעדט האט די דאזיקע רייד א בחור'ל פון א יאר פערצן מיט א בלאס פנים, רויטע פאות, אין א סאמעטן היטל, א לאנג כאלאטל. אויף די קני מיינע איז געלעגן די אלטע דייטשע פיזיק. מיר האבן ביידע געוואוסט, סאי איך און סאי נטע, אז דא הויבט זיך אן א פריינטשאפט וואס וועט דויערן א לעבן...

## 60

## די נייע ווינטן

**א**ין בילגאריי האט זיך אנגעהויבן רודערן. די היינטיק־וועלטישקייט, וואס דער זיידע האט געהאלטן אין צוים, האט גענומען ברעכן די דאמבעס ווי פארבארגענע שטראמען. ס'האבן זיך געטאן א סך זאכן מיט אמאל. די בירגערלעכע יונגעלייט האבן געגרינדעט א ציוניסטישן פאריין. די בונדיסטן האבן אנגעהויבן באנייען זייער טעטיקייט. א פאר בחורים האבן צו וויסן געטאן, אז זיי זענען אויף דער זייט פון באלשעוויזם. די בית־מדרש־בחורים האבן זיך צעטיילט אויף מזרח'יסטן און 'שלומי אמוני ישראל. נטע שווערדשארף האט געגרינדעט אן אפטיילונג פון החלוץ, אדער פון השומר, צי גאר א קאמבינאציע פון ביידע צוזאמען. ער איז געווארן א ראש־הגדוד און זיך ארומגעפירט מיט א מחנה קינדער, וואס האבן זיך גערופן זאבים — וועלף, הייסט עס. צי בילגאריי האט ריכטיק נאכגעטאן די גרויסע שטעט, אדער זי האט אליין געטאן אויף איר אייגענעם נוסח, — האב איך נישט געוואוסט. יינגלעך זענען געגאנגען איבער די גאסן און ווען זיי האבן זיך באגעגנט, האבן זיי זיך אויסגעגלייכט, צונויפגעקלאפט די קנאפלען, ווי עסטרייכישע זעלנער, און גערופן: חזק ואמץ.

ערשט מיט א יאר צוריק איז בילגאריי געווען אן אלט־מאדיש פארשלאפן יידיש שטעטל. מיט אמאל זענען אויפגעקומען פארטייען, גרופן. מ'האט איינגעארדנט אלערליי אוונטן, דיסקוסיעס, קעסטל־אוונטן. פון ווארשע איז אראפגעקומען א וואנדער־טרופע און געשפילט „שולמית" אין דער שטאל פון די פייער־לעשער. די עסטרייכער האבן געעפנט א גימנאזיע אין בילגאריי, אדער א פרא־גימנאזיע. זיי האבן אויפגעבויט אין מיטן מארק א קינעמאטאגראף־געביידע. חסידים האבן געהאט טענות צו מיינע פעטערס פארוואס זיי שווייגן; פארוואס זיי טוען נישט דאס, וואס זייער גרויסער פאטער האט געטאן: פארטריבן די אפיקורסים. אבער וואס דער זיידע האט געקאנט, האבן די פעטערס נישט געקאנט. ס'האט זיי געפעלט די פערזענלעכקייט, דער כוח, די איבערציינונג. קיינער וואלט זיי אויך נישט געווען געהארכט.

יונה אקערמאן, אן אלטער בחור, א ווינקל־אדוואקאט, האט געעפנט א יידישע ביבליאטעק ביי זיך אין שטוב. דער דאזיקער יונה אקערמאן איז געווען א טיפ, וואס ס'איז כדאי צו באשרייבן, ווייל ער איז מער נישטא ביי יידן. דער פאטער זיינער איז געווען א משכיל, א ביטערער מתנגד און געהאט א נאמען מיט זיין שארפער צונג. ווען דער גארליצער רבי איז געקומען קיין בילגאריי און די גארליצער חסידים האבן אים געפירט איבער די גאסן מיט מוזיק און מיט גלעקלעך (אזוי האבן די גארליצער חסידים אין בילגאריי אויפגענומען זייער צדיק), איז דער אלטער אקערמאן געשטאנען ביי דער טיר פון זיין הויז און גערופן:

— דינטין די עבודה זרה! דינטע די עבודה זרה!...

Having heard from Mottel Shur about my versatility in Hebrew and poetry, they had come to discuss with me the world in general and Bilgoray in particular.

I received them like Socrates receiving Plato. They sat on the grass under the tree and we discussed everything all the way from God to the plan to establish a theatrical group in town. I expressed my opinions with the decisiveness of one who had thought it all over and come to conclusions long before. . . . I reduced everything to dust, proclaiming that life was worthless and the noblest thing a man could do was kill himself. I was fifteen, pale, with red sidelocks I let grow again, a velvet hat, and a long capote. The old German physics book lay on my knees. Both Notte and I realized this was the beginning of a long friendship. . . .

## THE NEW WINDS

Upheaval marked Bilgoray, for so long successfully obscured from the world by my grandfather. Now its immutability was being penetrated from many sources. A Zionist society was established by the young people in town. Bund members renewed their activities. Certain young men indicated Bolshevik sympathies. Youthful worshippers at the house of prayer separated into two factions: the Mizrachi and the Traditionalists. Notte Shverdsharf formed a pioneer division, the Hachalutz or Hashomer, and as a group leader was trailed by hordes of children who called themselves Zebim, wolves. Whether larger cities showed the same tendencies as Bilgoray, I did not know. In the streets, boys, passing each other, would straighten up, click their heels in the Austrian manner, and shout, "*Chazak!*—Be strong!"

All kinds of evening discussions and parties were now being held in this town which a year before had been a sleepy Jewish community. A Warsaw stock company performed *Shulamit* in the firehouse. The Austrians, who had started a school in Bilgoray, erected a theater in the market place. The Hasidim resented my uncles because they made no objection to this, did not drive out the heretics as their father would have done. But his sons lacked his personality and strength.

Jonah Ackerman, an old bachelor and hedge lawyer, opened a Yiddish library in his house. He was the son of an enlightened man, a sharp-tongued opponent of Hasidism. When the Gorlitz Rabbi came to town to be greeted with music and bells, old man Ackerman, standing in his doorway, had hissed, "Idol worshippers!"

The son of this kind of father should, logically, have turned out to be a dedicated heretic, but Jonah Ackerman was dedicated to nothing but compromise. A lawyer, he said, must not antagonize his clients. In three-quarter-length surtout, Hasidic hat, and with a pointed yellow beard, he spent his Sabbath in the same Gorlitz study house that his father had vilified. Raised on Russian literature, not on Tolstoy and Dostoevsky, but on those before them, like Lomonosov and writers of moralistic works, he had a principle to apply to everything, and enjoyed moral discussions. Although his Yiddish was fluent, he had a tendency to translate his thoughts literally from the Russian. A pedant with a calligraphic handwriting, he was especially attentive to grammar and syntax. When I arrived in Bilgoray he was an old bachelor who had had to pass up several wealthy matches in order to marry off his sisters, having assumed this responsibility when his father died. Jonah was an anachronism, but I have come upon this type occasionally in Russian literature.

His personality seemed to have evolved from print. He had an amazing memory, was said to know certain codexes by heart, and owned numerous dictionaries and lexicons. Finally he decided to open a library and ordered both Yiddish and Hebrew volumes. Since he had a motive for everything, I suspect that one of these was to attract the town's girls. He was in general a pure-hearted old bachelor, old-fashioned and a bit eccentric.

If anyone but Jonah Ackerman had opened a library of worldly books, his windows would have been smashed. But Jonah was a respected lawyer, had influence with the authorities, and no one wanted to anger him. Strangely enough, he was even admired by the Bilgoray Gentiles, who thought there should be more Jews like him, calm, honest, and polite. They even approved of his wearing the traditional Jewish habit.

By this time my knowledge of Yiddish writers included Mendele Mocher-Sforim, Sholem Aleichem, Peretz, Asch, and Bergelson, but I had not read them thoroughly. Now with the Hebrew books and readers given to me by Mottel Shur, I read enthusiastically the poetry of Bialik, Czerniochowsky, Jacob Cohen, and Schneyur, and had an insatiable desire for more. I had never forgotten the two volumes of *Crime and Punishment* that had so intrigued me even though I scarcely understood what I was reading.

Now, under the apple tree in the garden, Notte Shverdsharf would bring me a book one day and I would finish it the next. Often, sitting on an overturned bookcase in the attic, I would read among old pots, broken barrels, and stacks of pages torn from sacred books. Omnivorously, I read stories, novels, plays, essays, original works in Yiddish, and translations. As I read, I decided which was good, which mediocre, and where truth and falsity lay. At that time America was sending us sacks of white flour and translations of European writers, and these books entranced me. I read Reisen, Strindberg, Don Kaplanovitch, Turgenev, Tolstoy, Maupassant, and Chekhov. One day Notte brought me *The Problem of Good and Evil*, by Hillel Zeitlin, and I devoured it. In this book Zeitlin gave the history and summation of world philosophy and the philosophy of the Jews. Sometime later I discovered Stupnicki's book on Spinoza.

על פי שכל האט פון אזא טאטן געדארפט ארויסקומען א זון א ברעז, א גוי גמור, אן אפיקורס אין זיבן פאלעס. אבער יונה אקערמאן האט געטראגן א דרייפערטלדיקן סורדוט, א יידיש היטל, געהאט א געל בערדל, וואס איז געווען צוגעשוירן מיט א שפיץ, און געקומען שבת דאווענען טאקע אין דעם זעלבן גארליצער שטיבל, וואו מ'האט זיין טאטן געשאלטן מיט טויטע קללות. יונה אקערמאן האט געהאלטן, אז א ווינקל־אדוואקאט דארף נישט איינרייסן מיט מענטשן און מוז קאנען מאכן פשרות. די פשרה — דאס איז געווען יונה אקערמאן'ס פראגראם אין לעבן, זיין קרעדא, גלויבן. ער האט זיך געהאט אויפגעצויגן אויף דער רוסישער ליטעראטור — נישט אויף טאלסטאי און דאסטאיעווסקי, נאר אויף די פארצייטיקע, ווי לאמאנאסאוו און ענלעכע שריפטשטעלער און מאראל־פריידיקער. וועגן יעדער קלייניקייט האט ער געהאט א פרינציפ. ער האט ליב געהאט צו פירן דיסקוסיעס וועגן מאראלישע ענינים און געזוכט אין יעדן ליטעראַרישן ווערק דעם מוסר־השכל. ער האט גערעדט א גוטן יידיש, אבער אז מ'האט געהאט אן אויער פאר שפראך, האט מען באנומען, אז ער זעצט איבער די געדאנקען זיינע פון רוסיש אויף מאמע־לשון. דאס איז געווען א מענטש א פעדאנט, א קענער פון געזעץ, געהאט א קאליגראפישע האנטשריפט און שטארק מקפיד געווען אויף גראמאטיק. ווען איך בין געקומען קיין בילגאריי, איז ער שוין געווען אן אלטער בחור. מ'האט אים גערעדט גביר'ישע שידוכים, אבער דער פאטער האט געהאט איבערגעלאזט עטלעכע נישט־חתונה־געהאטע טעכטער, און יונה אקערמאן, דער בכור, האט גענומען אויף זיך די פאראנטווארטלעכקייט זיי חתונה צו מאכן. ווען איך האב שפעטער אנגעהויבן לייענען די רוסישע ליטעראטור — האב איך זיך אנגעשטויסן אויף ענלעכע טיפן ביי די רוסישע מייסטער. ווי אזוי יונה אקערמאן איז געווארן דאס וואס ער איז געווען אין אזא שטאט ווי בילגאריי, איז פאר מיר ביז היינט א רעטעניש. דער דאזיקער מענטש איז געווען א פראדוקט פון ביכער. ער האט געהאט אן אויסערגעוויינלעכן זכרון און מ'האט געזאגט, אז ער געדענקט אויסנווייניק גאנצע קאדעקס־ביכער.

אט דער יונה אקערמאן האט זיך אנטשלאסן צו עפענען א ביבליאטעק. ער האט געהאט אליין א סך ביכער און ער האט מסתמא געהאלטן, אז ס'איז זיין פליכט צו פארשפרייטן אויפקלערונג. ער האט אויסגעשריבן ביכער אין יידיש, העברעאיש. איך בין חושד, אז איינע פון די סיבות וואס האבן אים געטריבן צו עפענען א ביבליאטעק, איז געווען דער פארלאנג ס'זאלן אריינקומען צו אים די שטאטישע מיידלעך. ער האט געהאט אין אלץ פלענער און צוועקן. בכלל איז יונה אקערמאן געווען א קרישטאל־ריינער מענטש, זייער אלט־מאדיש, פול מיט אלט־בחור'ישע שטיק, גאנץ אפט לעכערלעך נאאיוו, און גאר אפט פול מיט דער קלוגשאפט פון יענע, וואס רעכענען אלץ איבער און טוען נישט קיין שום זאך געאיילט.

ווען אן אנדערער, נישט יונה אקערמאן, וואלט געעפנט א ביבליאטעק, וואלטן אים חסידים אויסגעהאקט די שויבן. אבער מ'האט געהאט פאר אים דרך־ארץ. אויך איז ער געווען א ווינקל־אדוואקאט, אנגעזען ביי די שררות, און מ'האט נישט געוואלט אים דערבייזערן. ס'איז מערקווירדיק, אז די גויים אין בילגאריי האבן געהאלטן פון יונה אקערמאן א וועלט. ער איז פאר די פאליאקן געווען א מוסטער ווי אזוי א ייד דארף זיין: קלוג, געלאסן, ערלעך און העפלעך. אפילו זיין טראגן לאנגע מלבושים, איז געפעלן די בילגארייער פריצים.

איך האב שוין דעמאלס געוואוסט פון יידישע שרייבער. איך האב געהערט פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, פרץ, אש און אפילו פון בערגעלסאנ'ען, אבער געלייענט האב איך בלויז דא און דארט א בלעטל, א קאפיטל. מאטל שור האט מיר איצט צוגעשטעלט העברעאישע ביכער און כרעסטאמאטיעס, און איך האב זיך באקאנט מיט די שירים פון ביאליק, טשערניכאווסקי, יעקב כהן, שניאור. מיין באוואונדערונג פאר די דאזיקע שריפטשטעלער האט נישט געהאט קיין גרענעץ. מיין חשק צו לייענען יידיש איז געווען גרויס. איך האב קיינמאל נישט געהאט פארגעסן יענע צוויי בענדער וואס האבן זיך גערופן „פארברעכן און שטראף", און וואס איך האב געלייענט און נישט פארשטאנען, און נישט געקאנט אויפהערן לייענען.

נטע שווערדשארף, וואס האט איצט אלץ אפטער מיר אפגעשטאט וויזיטן אין דעם גערטנדל מיט דעם עפל־בוים, האט מיר אנגעהויבן ברענגען ביכער. ער האט איין טאג געבראכט א בוך און צומארגנס האב איך עס שוין געהאט איבערגעלייענט. אפט בין איך ארויפגעקראכן מיט א בוך אויפ'ן בוידעם, קיינער זאל נישט זען ווי איך לייען. דארט, צווישן אלטע טעפ, צעלעכצטע פעסער, קופעס שמות, בין איך געזעסן אויף אן איבערגעקערט שאף, און געלייענט מיט א דורשט וואס ס'איז אוממעגלעך צו לעשן. איך האב געלייענט אלץ: דערציילונגען, ראמאנען, דראמעס, עסייען, אריגינעלע יידישע ווערק און איבערזעצונגען פון פרעמדע שפראכן. נישט בלויז האב איך געלייענט, נאר איך האב אויך גע'משפט יעדעס ווערק. איך האב גלייך אנגעהויבן אורטיילן וואס ס'איז גוט און וואס ס'איז מיטלמעסיק, וואס ס'איז עכט און וואס פאלש. פון אמעריקע זענען אין יענער צייט געקומען סאי זעק מיט ווייס מעל, סאי איבערזעצונגען פון אלערליי אייראפעאישע שריפטשטעלער, און די דאזיקע ביכער האבן פאר מיר געעפנט א וועלט. אט האב איך געלייענט רייזענ'ען און אט סטרינדבערג'ן; אט בין איך דורכגעגאנגען א בוך פון דעם ליטווישן סקיצן־שרייבער דן קאפלאנאוויטש, און אט האב איך באקומען די ווערק פון טורגעניעוו, טאלסטאי, מאפאסאן, טשעכאוו. אין איינעם א טאג האט מיר נטע געבראכט „דאס פראבלעם פון גוטס און שלעכטס" פון הלל צייטלין. איך האב דאס בוך איינגעשלונגען. אויף זיין אייגענעם

שטיינער האט הלל צייטלין נעגעבן אין דעם בוך א געשיכטע און א סך־הכל פון דער וועלט־פילאזאפיע און אויך פון דער יידישער פילאזאפיע. מיט א צייט שפעטער האב איך באקומען סטופניצקי'ס בוך וועגן שפינאזא'ן.

איך האב געהאט געהערט וועגן שפינאזא'ן. איך געדענק, אז מיין פאטער האט אמאל גערעדט וועגן אים און אים געשאלטן, אז זיין נאמען זאל אויסגעמעקט ווערן. איך האב שוין געוואוסט, אז מ'האט אים געלייגט אין חרם אריין און אז ער האט געהאלטן דאס גאט איז די וועלט און די וועלט איז גאט. מיר ליגט אין זין אז מיין פאטער זאל האבן געזאגט, אז שפינאזא האט גארנישט אויפגעטאן. ביים בעל־שם איז אויך פאראן דער טייטש: אל עולם — עולם הוא אל ואל הוא עולם. אמת, דער בעל־שם האט געלעבט נאך שפינאזא'ן, אבער לויט מיין פאטער איז אויסגעקומען אז שפינאזא האט בא'גנב'עט דעם בעל־שם. אדער אפשר האט ער געמיינט צו זאגן, אז שפינאזא האט גענומען פון די אלטע קוואלן, א פאקט וואס קיין שום שפינאזיסט קאן נישט לייקענען.

דאס פאפולערע בוך וועגן שפינאזא'ן האט ארויסגערופן אין מיין מוח אן אמת'ע איבערקערעניש. שפינאזא'ס געדאנק, אז גאט איז א סובסטאנץ מיט אומענדלעכע אטריבוטן; אז די געטלעכקייט אליין מוז זיין טריי אירע געזעצן, און אז ס'איז נישטא אין דער באשאפונג קיין פרייער ווילן, קיין אבסאלוטע מאראל, קיין צוועקן — האט מיך פאר'בישופ'ט. די טעג וואס איך האב געלייענט דאס בוך וועגן שפינאזא'ן, בין איך ארומגעגאנגען א באוישטער, פול מיט א באגייסטערונג אזא, וואס איך האב פריער נישט געקאנט. מיר האט זיך אויסגעוויזן, אז איך האב ענדלעך געפונען דעם אמת, וואס איך האב אנגעהויבן זוכן אין מיין פריער קינדהייט. אלץ איז גאט: ווארשע, בילגאריי, די שפין אויפ'ן בוידעם, דאס וואסער אין ברונעם, דער וואלקן אין הימל, דאס בוך וואס איך באהאלט הינטער'ן טלית־קטן. אלץ איז געטלעך און אלץ דענקט, טראכט. יעדער שטיין האט זיין שטיינערנעם געדאנק. די קערפערלעכקייט פון דעם שטיין און זיין געדאנק זענען צוויי זייטן פון איין מטבע. א חוץ די אטריבוטן, די געטלעכע אייגנשאפטן וואס מיר קאנען — אויסשפרייטונג און געדאנק — זענען פאראן נאך א צאל געטלעכע מידות, וואס דורך יעדער פון זיי קאן מען באנעמען די געטלעכקייט אויף אן אנדער שטייגער. גאט איז אייביק, ער איז איבער דער צייט. די צייט האט בלויז א מאכט אויף די מאדוסן, די בלעזלעך אין דעם געטלעכן קעסל, וואס אט קומען זיי אויף און אט פלאצן זיי. איך אליין בין אויך א מאדוס, און דעריבער בין איך אזוי אומבאשטענדיק, אזוי אומרואיק, אזוי פול מיט תאוות, צוועקן, צווייפל, מורא... אבער די מאדוסן זענען געמאכט פון גאט'ס קערפער, פון גאט'ס געדאנק, און זיי קאנען בלויז דערקלערט ווערן דורך גאט...

היינט, ווען איך שרייב די דאזיקע שורות, קוק איך היפש קריטיש אויף די דאזיקע געדאנקען. איך ווייס היינט אלע חסרונות פון שפינאציזם. אבער דעמאלט בין איך געווארן ווי היפנאטיזירט, און דער דאזיקער היפנאז האט געדויערט לאנגע יארן.

ס'איז מיר געווארן מאדנע גוט און איך האב זיך דערפילט אויסטערליש דערהויבן. ס'האט אויפגעהערט דער אונטערשיד צווישן הימל און ערד, צווישן דעם ווייטסטן שטערן און מיינע רויטע האר. די געדאנקען מיינע זענען געטלעכע אידייען, כאטש צעפלאנטערטע און אומפולקאמע אידייען. די פליג וואס שטעלט זיך אוועק אויף מיין בלעטל, האט זיך געמוזט דארט אוועקשטעלן, פונקט ווי א כוואליע אין ים און א פלאנעט אין רוים מוזן זיך געפינען אין א געוויסן מאמענט אין אזא אדער אן אנדערער פאזיציע. מיר קאן קומען אין קאפ אריין דער נארישסטער געדאנק, אבער דאס איז נישט קיין צופאל. אין מיר טראכט גאט...

טעג און וואכן נאכדעם ווי איך האב איבערגעלייענט דאס ערשטע בוך וועגן שפינאזא'ן, בין איך ארומגעגאנגען א באוישטער. די ערד איז געווארן הימלדיק, דער הימל — ערדיש. מיין באגער צו לערנען און צו וויסן, איז געווארן שטארקער. לויט שפינאזא'ן זענען די געזעצן פון דער נאטור די געטלעכע געזעצן. די אמת'ע וויסנשאפט וועגן גאט איז מאטעמאטיק, פיזיק, כעמיע...

איך האב געפרואווט טיילן מיין אנטדעקונג מיט נטע שווערדשארף, מיט מאיר הדס, מיט אנדערע בחורים, וואס איך האב געהאט צו זיי צוטרוי, אבער איך האב איינגעזען א דערשטוינטער, אז די גאנצע זאך ליגט זיי נישט אין דער לינקער פאה. זיי זענען פונקט אזוי געווען פארוואונדערט פון מיין פאראינטערעסירטקייט, ווי איך בין געווען פארוואונדערט פון זייער גלייכגילטיקייט.

אין איינעם א טאג קומט צו מיר צו נטע שווערדשארף און זאגט:

— וואלסט געקאנט אנפירן מיט העברעאישע אוונט־קורסן?

I remembered how Father used to say that Spinoza's name should be blotted out, and I knew Spinoza contended that God was the world and the world was God. My father, I recalled, had said that Spinoza had contributed nothing. There was an interpretation by the famous Baal Shem, who also identified the world with the Godhead. True, the Baal Shem had lived after Spinoza, but my father argued that Spinoza had drawn from ancient sources, which no Spinoza disciple would deny.

The Spinoza book created a turmoil in my brain. His concept that God is a substance with infinite attributes, that divinity itself must be true to its laws, that there is no free will, no absolute morality and purpose—fascinated and bewildered me. As I read this book, I felt intoxicated, inspired as I never had been before. It seemed to me that the truths I had been seeking since childhood had at last become apparent. Everything was God—Warsaw, Bilgoray, the spider in the attic, the water in the well, the clouds in the sky, and the book on my knees. Everything was divine, everything was thought and extension. A stone had its stony thoughts. The material being of a star and its thoughts were two aspects of the same thing. Besides physical and mental attributes, there were innumerable other characteristics through which divinity could be determined. God was eternal, transcending time. Time, or duration, controlled only the modi, the bubbles in the divine cauldron, that were forever forming and bursting. I too was a modus, which explained my indecision, my restlessness, my passionate nature, my doubts and fears. But the modi too were created from God's body, God's thought, and could be explained only through Him . . .

As I write these lines today, I am critical of them, being familiar with all the defects and hiatuses of Spinozaism. But at that time I was under a spell which lasted many years.

I was exalted; everything seemed good. There was no difference between heaven and earth, the most distant star, and my red hair. My tangled thoughts were divine. The fly alighting on my page had to be there, just as an ocean wave or a planet had to be where it was at a specific time. The most foolish fantasy in my mind had been thought for me by God . . . Heaven and earth became the same thing. The laws of nature were divine; the true sciences of God were mathematics, physics, and chemistry. My desire to learn intensified.

Other boys, Notte Shverdsharf and Meir Hadas, were not, to my astonishment, at all interested in my discoveries. My absorption amazed them, just as their indifference shocked me.

One day Notte approached me and asked if I would be willing to teach Hebrew.

— אוונט־קורסן פאר וועמען ?
— פאר אנפאנגער, ייִנגלעך, מיידלעך.
— צו וואס זאל איך זיין דער לערער, אז ס'איז דא מאטל שור ?
— זיי ווילן נישט מאטל שור.

ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז מ'האט געגרינדעט אין בילגארייַ א סארט נאכט־שולע צו לערנען די יונגנט העברעאיש. איך ווייס נישט ביז היינט פארוואס זיי האבן נישט געוואלט מאטל שור פאר קיין לערער. ער האט זיך, דוכט זיך, געהאט צעקריגט מיט די אנפירער, זיי אנגערופן עם־הארצים, אדער ענלעכע נעמען. מאטל שור האט געהאט א שוואכקייט צו זאגן מענטשן אין די אויגן אריין וואס זיי זענען. אויך האט ער זיך צופיל בארימט, אדער אפשר האט ער פארלאנגט א צו־הויכן פרייז ? איך האב געוואוסט, אז איך טאר נישט אננעמען דעם דאזיקן פאסטן. ס'וועט ארויסרופן א טומל אין שטאט. ס'וועט פארשאפן מיין מוטער בזיונות. אבער עפעס א כוח האט מיך געטריבן צו זאגן יא.

די ערשטע לעקציע איז פארגעקומען אין א פריוואטער וואוינונג. איך האב מיך גערעכנט, אז די שילער מיינע וועלן זיין קינדער, אבער איך בין אריין אין א שטוב וואס איז געווען אנגעפאקט מיט בחורים און מיידלעך, מער מיידלעך ווי בחורים. דאס זענען געווען מיידן אין מיינע יארן און עלטערע, גאנצע פרײלינס. אלע האבן זיך געהאט אויסגעפוצט אין זייערע שענסטע מלבושים. דער „פראפעסאר" האט געטראגן א לאנגע קאפאטע, א סאמעטן היטל און שטיקלעך פאות פאר א צולאג. איך בין בטבע א שעמעוודיקער, און ווי אזוי איך האב דאמאלס געהאט דעם מוט אנצונעמען די דאזיקע לערערשאפט, קאן איך נישט פארשטיין. אבער איך ווייס פון מיין אייגענער דערפארונג, אז שעמעוודיקע זענען טיילמאל אויסערגעוויינלעך דרייסט. איך האב מיך אוועקגעשטעלט און געהאלטן פאר די פארזאמלטע א רעדע וועגן העברעאיש. איך האב געזאגט אלץ וואס איך האב געוואוסט. איך ווייס אז יענע לעקציע האט ארויסגערופן א פוראר. דעם רב'ס אייניקל האט זיך אוועקגעשטעלט פאר צענדליקער וואוילע יונגען, מיידן און געהאלטן פאר זיי א רעדע וועגן העברעאיש.

נאך דער לעקציע בין איך געווארן ארומגערינגלט מיט מיידלעך. אלע האבן צו מיר געשמייכלט, יעדע איינע האט מיך עפעס געפרעגט. מיט אמאל האב איך דערזען א פנים, וואס האט מיך פארבלענדט אין איין אויגנבליק. דאס איז געווען א מיידל, א טונקעלע, מיט קויל־שווארצע אויגן, א שמאל פנים און א שמייכל אזא, וואס מען קאן מיט קיין ווערטער נישט איבערגעבן. איך בין געווארן פארבליפט. זי האט מיך עפעס געפרעגט, נאר כאטש איך האב געהערט יעדעס ווארט, האב איך נישט באנומען דעם זין פון איר פראגע. איך האב מיך שוין געהאט אנגעלייענט מיט א סך ראמאנען, א היפש ביסל פאעזיע, און איך בין שוין געווען גרייט פאר יענער בהלה וואס די שרייבער האבן גערופן ליבע...

"To whom?"

"Beginners. Boys and girls."

"But what about Mottel Shur?" I asked.

"They don't want him."

I still don't know why they didn't want Mottel Shur, unless it was because he quarreled with the founders of the night school that now sought my employment. Mottel had a weakness for telling people what he thought of them, also he boasted too much—and perhaps he asked too high a fee. I hardly dared accept the position, knowing it would embarrass my mother and cause consternation in town. But something made me accept.

In the private home where the first lesson was held, I discovered that my pupils were not, as I had assumed, children, but young men and women, and somewhat more of the latter. The girls, my age and even older, came dressed in their best clothes. I faced them in a long gabardine, velvet hat, and with dangling sidelocks. How, when I am naturally shy, I had the nerve to accept this assignment, I do not know, but it has been my experience that shy persons are sometimes unusually bold. I told them everything I knew about Hebrew. The lesson created a furor in town—to think that the Rabbi's grandson had lectured worldly boys and girls on the Hebrew language!

After the lesson, the girls surrounded me, asking questions, smiling. Suddenly I was dazzled by a particular narrow face, a dark girl with coal-black eyes and an indescribable smile. I became confused, and when she asked me a question I did not know what she was saying. Many novels and a lot of poetry had filled my mind by then; I was prepared for the turmoil that writers call "love" . . .